STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05578

IDISH NATSYONALER ARBETER FARBAND, 1910-1946

*Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Rochelle Medow
in memory of
Sam & Frances Feldman, their beloved parents*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַרבאַנד

1910—1946

אידיש נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד
1910—1946

(געשיכטע און דערגרייכונגען)

זאמלבוך

פרייז $2.50

ארויסגעגעבן פון דער גענעראל-עקזעקוטיווע
פון אידיש - נאציאנאלן ארבעטער - פארבאנד
ניו-יארק, 1946

פון 8טן ביזן 16טן יוני, 1910



(ערשטע שורה, זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס): נ. פערלמוטער (ראָטשעסטער), י. מאלין (שיקאַגאָ), ש. סיגעל, מ. קופער (פיטסבורג), ל. מעלצער (מאָנטרעאַל). (צווייטע שורה, זיצנדיק): י. פּרוזשאַנסקי (מאָנטרעאַל), י. ליפשיץ (ראָטשעסטער), ל. קריט (סינסינעטי), מאיר בראַון (ניו־יאָרק), י. חייקין (ניו־יאָרק), ש. זעלצער (דיטרויט), ה. סיגעל (פיטסבורג), י. קארסון (ראָטשעסטער). (דריטע שורה, שטייענדיק): ז. כהן (פיטסבורג), דעלעגאַט פון סט. לואיס (לײדער איז זיין נאָמען ניט באקאנט), ג. אוורונין (ראָטשעסטער), א. גרייטעל (ניו־יאָרק), ברוך צוקערמאַן (ניו־יאָרק), י. מילער (פילאדעלפיע, איינער פון די ערשטע דריי גרינדער),

JEWISH NATIONAL WORKERS ALLIANCE

1910—1946

(History and Achievements)

Copyright 1946 by
Jewish National Workers Alliance

Printed in U.S.A.

10 PARISH PRESS, INC., NEW YORK

אינהאַלט:

דוד פינסקי — הקדמה I

מאיר בראָון — אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד 1

ברוך צוקערמאַן — די ראָלע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַנער אידנטום 74

ב. באַראַכאָוו — דער פאַרבאַנד און זיין צוקונפט 141

יואל ענטין — די נייע אידישע דערציאונג (דער אָנהייב פון די אידישע פאָלקס־שולן) 145

יהואָש וועגן די אויפטועו פון פאַרבאַנד 198

ל. שפּיזמאַן — די פאַרבאַנד־משפּחה 199

ד״ר נחמן סירקין וועגן פאַרבאַנד 202

ברוך צוקערמאַן — אונזער ראָלע אין דער רעליעף־אַרבעט 203

ד״ר חיים ווייצמאַן — ערן־מיטגליד אין פאַרבאַנד 234

ה. רויזענבלאַט — מיר שמידן דעם חבר־פאַרבאַנד (ליד) 235

מאיר בראָון — ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד 237

ל. סיגאַל — דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד פון 1924 ביז 1945 263

פ. גינגאָלד — די ראָלע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דעם אידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע 339

זלמן שניאור — דאָס ליד פון פאַרבאַנד 387

ל. שין — די וויכטיקסטע פאַקטן און דאַטן אין דער געשיכטע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד 388

באַגריסונגען צום 30־יעריקן יובל פון פאַרבאַנד .... 236, 261, 262 און 386

פון די אַרויסגעבער

אונזער באַוועגונג, וואָס וואַקסט זיך אַלץ מער פאַנאַנדער, פילט שוין לאַנג די נויטווענדיקייט אין אַ גרעסערע, וואָגיקע אַרבעט איבער דער געשיכטע און פּראָבלעמען פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד, זיין ראָלע און ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון אידיש-געזעלשאַפט-לעכן און קולטור-לעבן אין אַמעריקע, זיין אַנטייל אין אויפבוי-פּראָצעס פון נייעם ארץ-ישראל, אין דער הילפס-אַרבעט פאַר די אידן אויף יענער זייט ים, און זיין טעטיקייט אויף אַ רייע אַנדערע געביטן.

מיר האָבן געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַ יובל-בוך צו דער געשיכטע פון פאַרבאַנד לכבוד זיין 30-יעריקן יובילי, וואָס איז אויסגעפאַלן אין 1943. די אַרטיקלען פון ברוך צוקערמאַן און מאיר בראַון אין פאָרליגענדן זאַמלבוך זיינען טאַקע צוגעגרייט געוואָרן פאַרן דאָזיקן געפּלאַנטן יובל-בוך. צוליב פאַרשידענע סיבות איז אָפּגעלייגט געוואָרן דאָס אַרויסגעבן דעם בוך. מיר זיינען צופרידן, וואָס ענדלעך קענען מיר אונטערטראָגן אונזער באַוועגונג און אירע פיל טויזנטער פריינט אין גאָר דער וועלט דאָס פאָרליגנדע זאַמלבוך, וואָס דערשיינט ערב דער 16טער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, וואָס קומט זיך צוזאַמען סוף יוני אין אַטלאַנטיק סיטי.

די רעדאַקציע-קאָלעגיע פון בוך איז באַשטאַנען פון די חברים דוד פּינסקי, לואי סיגאַל און ל. שפּיזמאַן. ח׳ שפּיזמאַן איז געווען דער סעק-רעטאַר פון דער רעדאַקציע.

מיר גיבן איבער דאָס בוך אין די הענט פון אונזערע טרייע טוער און חברים, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן פון אים שעפּן פיל אינספּיראַציע און פּיאָנערישן ווילן צו פירן דעם פאַרבאַנד צו נייע הויכן און דערגרייכונגען אין דער בעסטער טראַדיציע און גייסט פון זיין היסטאָרישן אויפטו און ראָלע אין אידישן לעבן.

גענעראַל - עקזעקוטיווע פון
אידיש - נאַציאָנאַלן אַרבעטער - פאַרבאַנד

ניו-יאָרק, יוני 1946.

הקדמה

א

דרייסיק יאָר אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז די געשיכטע פון אַ ווילן צו דערהייבונג אין לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן און דער אי־דישער אַרבעטערשאַפט בפרט.

וואָס איז די דערהייבונג? ווען באַפרייאונג פאַר דעם אַרבעטענדן מענטש און ווען גאולה פאַר דעם אידישן פאָלק. דאָס דאַזיקע דאָפּלטע ווילן איז דער־הייבונג פאַר דעם, וואָס טראָגט עס אין זיך, איז עלית־נשמה. דאָס בייצוברענ־גען דעם אידישן פאָלקס־מענטש אין אַמעריקע איז געווען דער צוועק און ציל פון דער גרינדונג פון פאַרבאַנד. די דרייסיק יאָר „פאַרבאַנד" זיינען יאָרן פון וואוקס און אַנטוויקלונג פון דעם דאַזיקן ווילן.

ווען עס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט זי ניט געהאַט קיין שום אידישע נאַציאָנאַלע טענדענצן. זי איז געווען אַ ריין־אַמעריקאַנער באַוועגונג — די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אין די רייען פון אידישע אַרבעטער. זי האָט זיך באַנוצט מיט אידיש ווי מיט אַן אינסטרומענט צו קאָנען רעדן צו אידישע אַרבעטער וועגן יוניאָניזם, וועגן דער נייטיקייט צו אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָנס און געאייניקט קעמפן קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע פון אַרבעטער, וועגן דער נייטיקייט צו ווערן אַ טייל פון דער אָרגאַניזירטער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, און דער עיקר טאַקע צו רעדן צו אידישע אַרבעטער וועגן דעם באַפרייענדן און אויסלייזענדן סאָציאַ־ליזם, וועלכער האָט זיך דאָ געזוכט אַ וועג צום אַמעריקאַנער אַרבעטער.

די אידישע פרעסע, די טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען, וואָס זיינען דאָ אין יענע יאָרן באַשאַפן געוואָרן, האָבן זיך ווייניק אָדער גאָרניט באַשעפטיקט מיט אידישע פראַגן. זיי האָבן זייער לייענער, דעם אַרבעטער, באַריכטעט וועגן טעגלעכע געשעענישן אין לעבן פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער, באַגלייט אים פון דער אַרבעט און צו דער אַרבעט, געהאָלפן אים קעמפן זיין קאַמף; געעפנט אים די אויגן, ער זאָל זען, וואו ער האַלט אין דער וועלט, וואָס באַציט זיך צו אים ניט זייער פריינטלעך, באַקאַנט געמאַכט אים מיט דער יוניאָן־באַוועגונג, וואָס דאַרף ווערן זיין שוץ און געווער אין זיין קאַמף מיט די אויסבייטער, די בעלי־הבתים; אויפגעקלערט אים וועגן מלוכה־ענינים, פּאָפּולאַריזירט פאַר אים וויסנשאַפט, געזונגען אים לידער וועגן זיין קאַמף און ביטערן לעבן, דערציילט אים דערציי־

לונגען פון זיין בויט און עלנט און פרום און גלייביק געפריידיקט אים סאָציאַליזם, וואָס וועט באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס און מיט דעם אַרבעטער־קלאַס די גאַנצע מענטשהייט. אָבער אידישע פראַגן זיינען כל־ישראל־פראַגן, און כל־ישראל איז געווען געפאַר פאַר דעם אידישן אַרבעטער. פּראָבלעמען פון כל־ישראל זיינען געווען שווינדל און טומל, זאַמד־שיטעניש אין די אויגן פון די אידישע אַרבעטער, אויסטראַכטענישן פון דער אידישער בורזשואַזיע, פּאַרראַט פון שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם.

נייע אימיגראַציע־כוואַליעס אין אַנהייב פון הײנטיקן יאָרהונדערט האָבן אַריינגעבראַכט אַהער אין לאַנד גרויסע מאַסן אידישע אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן, וואָס זיינען אין דער אַלטער היים געווען אָרגאַניזירט אין „בונד”. דער „בונד” איז דאָ געווען גוט באַקאַנט. די אידישע אַרבעטער־פּרעסע האָט געהאַט אָפּטע באַריכטן וועגן זיין טעטיקייט, געזונגען אים שבחים. מען האָט דאָ אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו אַ גרויסער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַוויזן וואונדער אין אָרגאַניזירן און רעוואָלוציאָניזירן די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין ליטע, רוסלאַנד און פּוילן.

דער „בונד” איז אין יענע יאָרן פון אַנהייב פון דעם יאָרהונדערט געווען ניט בלויז אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אַ אידישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט אַריינגענומען אין זיין פּראָגראַם די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אידן. אידן זיינען אַ נאַציע, וואָס דאַרף זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען אין איר באַזונדערקייט פון שפּראַך און קולטור. דער גרויסער אַנדראַנג פון „בונדיסטן” אין דער היגער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט נאַטירלעך געמוזט ווירקן אויף איר, זי זאָל אידישער ווערן, עס זאָל דערגיין צו איר אידישער וויטיק, אָבער דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד” האָט דאָ קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען. מיט איין אויסנאַם בלויז: איר ציוניזם־פיינטשאַפט.

דער „בונד”, געבוירן אין איין יאָר מיטן ציוניזם, איז געוואָרן דער פאַרביטערסטער שונא פון זיין צווילינג־ברודער. צוערשט האָט ער דערקלערט, אַז דעם ציוניזם האָבן אויסגעטראַכט אידישע פאַבריקאַנטן, כדי אָפּצולענקען די אידישע אַרבעטער פון דעם קלאַסן־קאַמף: ווי וועט אַ אידישער אַרבעטער קאָנען קעמפן קעגן אַ אידישן קאַפּיטאַליסט, אַז ביידע צוזאַמען דאַרפן זיי גאָר קעמפן פאַר ארץ־ישראל?! דערנאָך איז געקומען אַ דערקלערונג, אַז די אידישע בורזשואַזיע האָט אויסגעטראַכט דעם ציוניזם, כדי צו שאַפן זיך אַן אייגן לאַנד מיט פּראָפיט־מעגלעכקייטן פאַר אירע קאַפּיטאַלן, וועלכע זי קאָן ניט פריי געברויכן אין שאָטן פון דעם אידן־האַס. שפּעטער ווידער האָט עס געהייסן, אַז די אידישע בורזשואַזיע, וועלכע קאָן נעבעך אין גלות דעם קאָפּ ניט אויפהייבן, וויל צוריק קיין ארץ־ישראל, אום צו קאָנען דאָרטן בעל־הבית׳עווען און הערשן. און נאָך שפּעטער האָט דער „בונד” פּראָקלאַמירט, אַז דער ציוניזם איז אַן אומאויספירבארער חלום, אַ פּוסטע אוטאָפּיע, און קאָן קיין ישועה דעם אידישן פאָלק ניט ברענגען, אָבער קאָן שטערן דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־באַוואוסטזיין. דערפאַר

זאָל מען „אויף קיין אופן ניט צולאָזן ציוניסטן ניט אין די עקאָנאָמישע און ניט אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס".

די היגע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט אויך באַטראַכט דעם ציוניזם ווי אַ מפיל־קינד פון דעם פינסטערן ווען פון דער אידישער בורזשואַזיע, האָט באַגריסט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט דעם פאַרבאָט אויף ציוניסטן, וואָס איז באַשאָפן געוואָרן אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דעם „בונד" אין 1901.

אין דער זעלבער צייט, ווען דער „בונד" האָט געזוכט אַן אָריענטאַציע וועגן ציוניזם, אַ באַזיס פאַר זיין קעגנערשאַפט, האָט זיך באַוויזן דער אָנהייב פון אַ נייער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם ציוניזם גופא. אַ באַוועגונג, וואָס איז געקומען צו פאַרבינדן ציוניזם מיט סאָציאַליזם. ארץ־ישראל דאַרף ווערן דאָס לאַנד פון פּראָדוקטיווער אידישער אַרבעט, דער לופט־מענטש וועט ווערן אַן אַר־בעטער, און וואו אַרבעטער, דאָרטן קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזם. און נאָך מער: דאָס לאַנד, וואָס דער ציוניזם וויל אויפבויען, דאַרף בכלל זיין געבויט אויף נייע סאָציאַלע יסודות, אויף דעם אמת און יושר פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־אָרדענונג.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט. אין יאָר פון דער ערש־טער רעוואָלוציע האָט זי געמאַכט אַ גרויסן שפּרייז פאָראויס, אָנגעצונדן די אידישע אַרבעטער־מאַסן און איז געוואָרן אַ באַוועגונג פון טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער, אָבער באַלד זיך צעוואָרפן אין פאַרשידענע ריכטונגען, צעטיילט זיך אויף פּועלי ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, סיימיסטן. די פּלוצימדיקע פאַרפלייצונג האָט זיך איינגעלייגט, די באַוועגונג איז אַריין אין דעם קליינעם פלוס־בעט פון איר אָנהייב.

די גרויסע אימיגראַציע־כוואַליע, וועלכע האָט אָנגעטראָגן אַהער גרויסע מאַסן בונדיסטן, האָט אַריינגעבראַכט אויך אַ קליינע צאָל פון אַרבעטער־ציוניסטן, פּועלי ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. מען האָט דאָ לחלוטין גאָרניט געוואוסט פון זייער באַוועגונג, און ווען זיי זיינען אָנגעקומען אַהער, האָט מען זיי קוים באַמערקט. אויב זיי האָבן געהאַט אַ שווערן גאַנג אין ליטע, רוסלאַנד און פּוילן, האָבן זיי דאָ אָנגעטראָפן אויף שווערערע שטערונגען.

זיי האָבן זיך דאָ אָנגעשלאָגן אויף אַן אייזערנער וואַנט פון אַ אידישער אַר־בעטערשאַפט, וואָס האָט טיילוויז איגנאָרירט אַלע אידישע פּראָבלעמען און טייל־וויז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון „בונד". די גזירה פון „בונד", אַז אַ ציוניסט טאָר ניט צוגעלאָזן ווערן אין קיין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַני־זאַציע, האָט דאָ נאַטירלעך ניט געהאַט קיין שום באַדייטונג. ציוניסטן האָבן דאָ געקאָנט ווערן און זיינען געוואָרן מיטגלידער פון די יוניאָנס אָדער פון די פּאָ־ליטישע פּאַרטייען. אָבער אין די פּאַרטייען איז קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר אידישע פראַגן און אין די יוניאָנס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר פּאָליטיק, און די גרויסע אידישע אַרבעטערשאַפט האָט קיין אויערן ניט געהאַט, ניט אין

די שעפער און ניט אין די פאַרטייען, פאַר אַזאַ מערקווירדיקער זאַך ווי סאָציאַ־ליסטישער ציוניזם.

די קליינע צאָל פועלי ציון, וואָס זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַמעריקע, זיינען ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און האָבן דאָ אָרגאַניזירט זייער פּאַרטיי מיט דעם אָפּטימיזם, וואָס פלאַמט אַרויס פון דעם גרויסן גלויבן אין דעם אמת פון דער אידייע. זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג מיט דעם ענטוזיאַזם פון זיגער. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן זייער פּאַרטיי מיט דער עקשנות פון שטאַרקע גלויבער אין זייער זאַך, און עס איז געווען וואונ־דערלעך, וואָס זיי האָבן ניט פאַרצווייפלט אין דער אַרומיקער אייזיקער קעלט.

ב

אַמעריקע איז אַ לאַנד פון „פראַטערנאַל אָרדנס״. ביז אַמעריקע האָבן אידן ניט געוואוסט פון זיי. דאָ זיינען זיי מיט זיי באַקאַנט געוואָרן און גענומען איינפירן זיי ביי זיך. אין 1887 האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער אידישער אָרדן, דער אינדעפּענדענט אָרדן ברית אברהם, אַן אָרדן פון אידישע מיטלקלאַס־מענטשן. אין 1902, פופצן יאָר נאָך דעם אינדעפּענדענט אָרדן ברית אברהם, איז געגרינדעט געוואָרן דער אַרבעטער־רינג, אַ ברידערלעכע אָרגאַניזאַציע פאַר אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער אָדער מיטגייער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד. די בונדיסטן, וואָס האָבן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַריינגעכוואַליעט אַהער אין לאַנד, האָבן באַלד אָנגעפילט די צווייגן פון דעם אַרבעטער־רינג און איבערגעגעבן אים אין נדן זייער שנאה צום ציוניזם.

אַ ציוניסט, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ מיטגליד פון דעם אַרבעטער־רינג, האָט געדאַרפט אָפּמאַכן ביי זיך, אַז ער וועט דאָרטן ניט רעדן ציוניזם און אַז עס וועט אים קיינמאָל ניט געלינגען צו „בויערן פון אינעווייניק״. די פועלי ציון, וואָס האָבן דאָ געקלאַפּט מיט די קעפּ אין דער שנאה־וואַנט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָבן זיך שנעל איבערצייגט, אַז זיי קאָנען ווערן מיטגלידער אין דעם אַרבעטער־רינג, אָבער זיי קאָנען זיך ניט ריכטן, אַז זיי וועט מעגלעך זיין אַריבערצוגעווינען אויף זייער צד פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אַפילו דעם צווייג, אין וועלכן זיי וועלן זיין מיטגלידער.

דערוויילע האָבן זיי אָפּגעלערנט, אַז דער אַרבעטער־רינג האָט אַ סך מער מיט־גלידער ווי די פּאַרטיי, וועלכע האָט אים געבוירן, אָבער די אַ סך קלענערע פּאַר־טיי געפינט אין אים הילף און שטאַרקונג. ער איז געוואָרן מזל־וברכה׳דיקע פעריפעריע אַרום דער פּאַרטיי. דאָס האָט געמוזט אַרויפברענגען די פועלי ציון אויפן געדאַנק, אַז עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען זיי האָבן אַזאַ מין אָרדן, געבויט און גרייט צו דינען זייער אידעאָלאָגיע. זיי זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט דער סיסטעם פון צאָלונגען אין דעם אַרבעטער־רינג, אַנטדעקט אין איר פגימות און פעלערן און אויסגעאַרבעט אַ גענויערע, ראַיעלערע און וויסנשאַפטלעכערע סיס־

טעם. מיט אַ פֿאַרבעסערטער פֿאַרזיכערונג־סיסטעם און מיט אַ גרויסן גלויבן אין זייער ציוניסטישן סאָציאַליזם זיינען זיי צוגעגאַנגען צו גרינדן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד.

צען יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון דעם אַרבעטער־רינג איז געגרינדעט געוואָרן דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. ער האָט זיך געווענדט צום זעלביקן קלאַס אידן, ווי דער עלטערער אָרדן, צום אידישן אַרבעטער און צום אידישן פֿאָלקס־מענטש. ער האָט זיי אָנגעבאָטן אַ מער מאָדערנע פֿאַרזיכערונג־סיסטעם ווי די, וועלכע דער אַרבעטער־רינג האָט געהאַט, געפּריידיקט צו זיי דעם זעלבן סאָציאַליזם, וואָס דאַרף באַפֿרייען די מענטשהייט און קודם־כּל באַפֿעסטיקן זיך דאָ אין אַמעריקע ווי אַ גרויסע באַוועגונג. אָבער צוגעגעבן נאָך עפּעס, וואָס דער עלטערער אָרדן האָט לגמרי איגנאָרירט: אידישקייט, אידישן נאַציאָנאַליזם, כּל־ישראל־פּראָבלעמען, אידישע באַפֿרייאונג.

דער נאָמען פֿון פֿאַרבאַנד האָט אָנגעוויזן אויף זיין אידיש־נאַציאָנאַלער טענדענץ. אָבער וואָס איז סוף־כּל־סוף אידישער נאַציאָנאַליזם, אויב ניט אידיש לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד, אין פֿרייער אַנטוויקלונג פֿון אַן אייגענער עקאָנאָמיק און אייגענער קולטור? דער פֿאַרבאַנד האָט אָנגענומען די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אידעאָלאָגיע פֿון דער פּאַרטיי פּועלי ציון, איז געוואָרן אַ טייל פֿון איר. ער איז אַרויסגעגאַנגען צו דעראָבערן זיך אַ פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער אידישער עפֿנטלעכקייט, אַרויפֿלאָדנדיק אויף זיך די שווערע משא פֿון פּיינטזעליקייט און בייזוויליקייט און אָפּלאָך, מיט וועלכע די פּאַרטיי פּועלי ציון האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף שריט און טריט.

ג

זיין וועג אין סאָציאַליזם איז אים געווען אָנגעצייכנט. די פּאַרטיי פּועלי ציון האָט דאָ ניט געקאָנט ווערן קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, ווי דער „בונד" האָט דאָ ניט געקאָנט ווערן קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי. עס זיינען דאָ געווען צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען: די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (עס פּי) און די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (עס על פּי). די חברים האָבן געהאַט די פֿרייהייט צו שטימען פֿאַר איינער פֿון די צוויי פּאַרטייען. און אַזוי האָט אויך דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד ניט פֿאַרבונדן זיך מיט קיינער פֿון די צוויי פּאַרטייען, נאָר האָט אין זיין קאָנסטיטוציע אָנערקענט „די וויכטיקייט פֿון סאָציאַליסטישער טעטיקייט פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס" און פֿאַרגעשריבן אָנטיילצונעמען „אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זוכט צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס . . .".

אויך זיין וועג אין ציוניזם איז געווען אָנגעצייכנט פֿון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי: העלפֿן בויען ארץ־ישראל אַלס אידיש־נאַציאָנאַלע היים, אָנטיילנעמען אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פֿון אידישן פֿאָלק, קעמפֿן קעגן אַסימילאַציע, שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פֿון די אידישע מאַסן דורך דערציאונג און בילדונג.

אַ גרויס פעלד פון אידישע טעטיקייטן האָט זיך אויפגעדעקט פאַר אים. צווערשט טאַקע דערציאונג און בילדונג פון די אידישע מאַסן. שוין ביי זיינע ערשטע שריט האָט דער פאַרבאַנד איינגעזען, אַז אויב מיר ווילן דאָ אין אַמעריקע דערהאַלטן אַ אידיש פאָלק, אָפּראַטעווען עס פון פאַרשלינגענדער אַסימילאַציע, מוז מען די קינדער פון דעם אונטערוואַקסענדן דור דערציען אידיש, אַריינפלאַנצן אין זיי אידיש באַוואוסטזיין, געבן זיי אידיש וויסן. און ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו גרינדן שולן, וואו אידישע קינדער פון היימען, וואָס האָבן געבראָכן מיט דעם אַלטן אידישן לעבנסשטייגער, זאָלן קריגן די נייטיקע אידישע דערציאונג.

ער האָט איינגעזען די נויטווענדיקייט פון דער אידישער שפּראַך, פון אידיש, פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם אידישן פאָלק ווי שוץ און פעסטונג קעגן אַסימילאַציע. אידיש איז געוואָרן דער יסוד פון אידישער דערציאונג אין זיינע שולן. דאָס איז געווען ניי און אַ גרויסער אויפטו. צום ערשטן מאָל איז דאָס אידישע שול־קינד באַקאַנט געוואָרן מיט דעם אידישן שאַפן, מיט דער אידישער ליטעראַטור. עס איז אויפגעעפנט געוואָרן דער וועג צו דער נשמה פון פאָלק און צו דער ענגערער פאַרבינדונג. עס איז אַ שטאָלץ צו וויסן, אַז דער פאַרבאַנד איז שוין ביי זיינע ערשטע שריט אין דער אידישער עפנטלעכקייט געוואָרן וועגווייזער און וועגמאַכער.

ער איז אָבער ניט געווען ענג און איינזייטיק. ער האָט אויך אָנערקענט דעם פּלאַץ פון העברעאיש אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק און אין דער אידישער דערציאונג. און אויך העברעאיש איז געוואָרן יסוד פון אידישער דערציאונג אין זיינע שולן. ניט צוליב קדיש און הפטורה, נאָר ווייל העברעאיש איז אַ טייל פון אונז און קענען העברעאיש מאַכט אונז גאַנצער.

אין די פאַרבאַנד־שולן איז איינגעפירט געוואָרן דער לימוד פון דער אידישער געשיכטע. זי איז ניט געלערנט געוואָרן אין אונזערע אַמאָליקע חדרים, זי איז ניט געלערנט געוואָרן אין די תלמוד־תורות און ישיבות, און זי איז נאָטירלעך ניט געלערנט געוואָרן אין די פּאַבליק סקולס. וואָס קאָן זיין וויכטיקער פאַר דעם אידישן זעלבסטבאַוואוסטזיין, ווי צו קענען די אייגענע געשיכטע, די פיר טויזנט־יעריקע געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק, צו קענען זיך אַליין?

ווי אַ צוגאָב צו געשיכטע איז איינגעפירט געוואָרן אין די פאַרבאַנד־שולן דער לימוד פון „מנהגים און טראַדיציעס" — אַ לימוד, וואָס דאַרף באַקאַנט מאַכן דאָס אידישע קינד מיט דעם אידישן לעבנס־שטייגער, מיט דער אידישער אָנדערשקייט.

מיט דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן צוריקקער קיין ארץ־ישראל, איז אויך געוואָקסן אין די פאַרבאַנד־שולן דער לימוד וועגן ארץ־ישראל, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ארץ־ישראל איז אידישע געשיכטע, ניט די געשיכטע פון אַ פּאַרטיי. וועגווייזער ־ פאַרבאַנד! זיין שול ־ איניציאַטיוו האָט שנעל געפונען נאָכפאָלגער און נאָכטוער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שלום

עליכם פאָלק־אינסטיטוט מיט דעם איינציקן צוועק צו גרינדן פאָלק־שולן, און אויך דער אַרבעטער־רינג האָט זיך אַריינגעלאָזן אין דער ניי־אַנטדעקטער מלמדות.

שולן דאַרפן לערער, און דער יונגער פאַרבאַנד האָט גאָר אינגיכן געגרינדעט אַ לערער־סעמינאַר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן לערער פאַר זיינע שולן, ווי אויך פאַר שולן פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן איינגעזען די נייטיקייט פון אַ אידישער וועלטלעכער דערציאונג פאַר אידישע קינדער.

אַמעריקע איז גרויס, און גרויס איז אין איר די צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט פון די אידן, און אומעטום זיינען זיי נאָר קליינע שטראָמען אין די גרויסע וואַסערן פון דער הערשנדער קולטור. אידן ווערן אָפּגעריסן פון אַ אידישן וואָרט, פון אידישן אינהאַלט, פון אידישער קולטור; אידן הייבן אָן צו פאַרגעסן, וואָס האָט זיי פאַראייניקט, אָבער ווערן אויך אויסגעפּילט מיט אַ בענקעניש נאָך דעם, וואָס זיי פאַרלירן און פאַרגעסן. דער יונגער פאַרבאַנד האָט דאָס איינגעזען און גענומען אויף זיך אַריינצוברענגען, אויף ווי וויט מעגלעך, אידישן אינהאַלט, דערמאָנונג און אָפּפרישונג אין לעבן פון זיינע חברים, וואו זיי זאָלן ניט זיין. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט פאַר זיינע צווייגן אין שטאָט און שטעטל קולטור־אָוונטן, אויף וועלכע אידישע קינסטלער זיינען אויפגעטראָטן מיט זינגען אידישע לידער און פאַרלייענען אידישע שרייבער. די קולטור־אָוונטן פאַר די צווייגן זיינען געוואָרן קולטור־געשעענישן פאַר גאַנצע אידישע קהילות.

דער פאַרבאַנד איז דאָס געווען, וואָס האָט דורכגעזעצט, אַז אין די אַלגעמיינע שטאָטישע ביבליאָטעקן זאָלן אַריינגענומען ווערן אידישע ביכער, און שאַפונגען פון אידישע שרייבער זאָלן ווערן צוגענגלעך צו אידישע לייענער אויפן חשבון פון אַ שטאָטישן בודזשעט. צווייגן פון פאַרבאַנד האָבן עס אויסגעקעמפט אין זייערע שטעט, און זייערע מיטגלידער זיינען געווען די לייענער פון די ביכער ווי אויך די באַקאַנט־מאַכער פון דעם אידישן בוך.

לאַנג נאָך איידער לואיס לאַמעד האָט געגרינדעט זיין פאָנד פאַר פּרעמיעס אויף אידישע ביכער, וואָס פאַרדינען באַפּרייזט צו ווערן, האָט אַ צווייג אין ניו־יאָרק, מיט דער צושטימונג פון דער פירונג פון פאַרבאַנד, אָנגעהויבן אויסצוטיילן אַזעלכע פּרייזן און יום־טוב׳ן די דערשיינונג פון פאַרדינסטפולע אידישע ביכער.

דער פאַרבאַנד איז ענדלעך געווען דער ערשטער צו אָרגאַניזירן פון צווישן זיינע מיטגלידער אַ כאָר פון מענער און פרויען, וואָס זאָל זינגען אידישע מוזיק. דאָס איז געווען אַ קולטור־אויפטו פון גרויסער באַדייטונג. ווייל דער פאַרבאַנד־כאָר, און די כאָרן, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, האָבן משפיע געווען צו פאַרשפּרייטן דאָס אידישע ליד און אינספּירירט אידישע מוזיקער דאָ אין לאַנד צו שאַפן מוזיק אויף ווערטער פון אידישע דיכטער.

דאָס זיינען אַלץ טעטיקייטן, וואָס האָבן געמאַכט דעם פאַרבאַנד אַלץ מער און מער פאַר דעם זאַמלפּונקט פון דער אידישער אינטעליגענץ, פון אידישע

שאַפֿער און קינסטלער. זיי זײַנען געקומען צו אים, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין זײַנע רייען, ווײַל זיי זעען אין זיין וואַקסנדער מיטגלידערשאַפֿט דעם עלעמענט פֿאַר דער דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג פֿון אונזער קולטור.

די מיטגלידער פֿון פֿאַרבאַנד, געפֿירט פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון דעם פּועלי ציוניזם, זײַנען אומעטום, אין אַלע שטעט, וואו דער פֿאַרבאַנד האָט דערגרייכט, אַ צענטער פֿאַר אידישער גייסטיקייט, לייענער און קויפֿער פֿון דעם אידישן בוך, גרייטע קעמפֿער פֿאַר אידישן פּראָגרעס.

ד

דער ווילן צו דערהייבונג האָט דיקטירט דעם פֿאַרבאַנד אָנטיילצונעמען אין יעדער באַוועגונג, אין יעדער אונטערנעמונג, וואָס האָט באַשטרעבט די פֿאַרשטאַרקונג און פֿאַראידישונג פֿון אידישן לעבן אין אַמעריקע.

אַזאַ איז געווען די באַוועגונג פֿאַר אַ אידישער קהילה אין ניו־יאָרק. קהילה מיינט אַן אייגן אידיש לעבן, אידישע צוזאַמענגעשלאָסנהייט, אָפּהיטונג פֿון אידישע אינטערעסן. די אידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפֿט האָט זיך געהאַלטן פֿרעמד און אַפֿילו פֿיינטלעך. די קהילה־פֿראַגע איז געווען פֿאַר איר אַ כּל־ישראל־זאַך, פֿון וועלכער אידישע אַרבעטער האָבן געדאַרפֿט ווייכן. די פּאַרטיי פּועלי ציון און מיט איר דער נאָך גאָר יונגער ערשט־געבוירענער פֿאַרבאַנד האָבן געזען אין דער קהילה־באַוועגונג דעם וועג צו דער דעמאָקראַטיזירונג פֿון לעבן פֿון די אידישע מאַסן און צו גרעסערער פֿאַראידישונג. זיי האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט, וועלכע האָט אויפֿגערודערט דאָס ניו־יאָרקער אידנטום, האָט אָבער ניט געקאָנט געקרוינט ווערן מיט דערפֿאָלג צוליב דער בויקאָטירונג פֿון לינקס און פֿון רעכטס: די אידישע געלט־אַריסטאָקראַטיע און די אַזוי־גערופֿענע יהודים האָבן געמאַכט יד־אַחת מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט קעגן דעם אויפֿקום פֿון אַ קהילה־לעבן אין דער גרעסטער אידישער קהילה אין דער וועלט.

אָבער די באַוועגונג און דער רעש אַרום דער קהילה האָבן דאָך עפּעס אויפֿגעטאָן, די אַרבעט איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפֿן. אין פֿאָלק זײַנען אויפֿגעוועקט געוואָרן שטימונגען פֿאַר אַ אידישן כּלל־לעבן. די אויפֿגעקומענע קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זיך געהאַט אויף וואָס אָנצושפּאַרן. די פּאַרטיי און מיט איר דער וואַקסנדער, שטאַרקער־ווערנדיקער פֿאַרבאַנד זײַנען געוואָרן די טרייבקראַפֿט פֿון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, איר האַרץ און נשמה. וואונדערבאַרע שולונג פֿאַר די מיטגלידער פֿון דעם יונגן פֿאַרבאַנד. יונג און קליין אין צאָל, אָבער מיט אַן ענערגיע ווי הינטער אים וואָלטן געשטאַנען גרויסע אָרגאַניזירטע מאַסן, געטריבן פֿון דעם ברענענדיקן פֿאַרלאַנג אַרײַנצוברענגען פֿאָלקישקייט, דעמאָקראַטיזם און אידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין אַלע טעטיקייטן פֿון דער אידישער עפֿנטלעכקייט, האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט פֿון דער אַמאָליקער „פּיפּלס רעליף קאָמיטי״. אויך „רעליף״, הילף פֿאַר נויטליידנדיקע,

פאַר קרבנות פון מלחמה און פּאָגראָמען, מוז געשטעלט ווערן אויף דעמאָקראַטישע יסודות און געפירט ווערן מיט אַ אידיש־נאַציאָנאַלן ענדציל פאַר די אויגן. אַ דרך, אַן וועלכן דער פאַרבאַנד האַלט זיך עד היום הזה, און פון וועלכן ער האָט זיך ניט געלאָזן אַראָפּפירן מיט אַלע פּאַרפירערישקייטן פון פּרעסטיזש.

אַ גאַנץ הערלעכער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון פאַרבאַנד איז זיין טעטי־קייט פאַר דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. אַ טעטיקייט, אין וועלכער ער קען ניט קיין געגנוג. איין אַרבעט געענדיקט און גלייך אָנגעהויבן אַ צווייטע, און קיינמאָל האָט ער נאָך ניט געמאַכט קיין טעות אין דער גרייטקייט און אָפּפערוויליקייט פון זיינע מיטגלידער.

דער פאַרבאַנד איז דער גרעסטער כוח אין די זאַמלונגען פון דעם „געווערקשאַפטן־קאַמפּיין” פאַר דער הסתדרות, דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער־שאַפט אין ארץ־ישראל. פון יאָר צו יאָר וואַקסט זיין ביטראַג צו דעם קאַמפּיין — ניט ווייל עס וואַקסט די צאָל פון די חברים אין דעם אַלץ גרעסער־ווערנדיקן פאַרבאַנד, נאָר ווייל עס שטייגט זייער ענטוזיאַזם פאַר דער אַרבעט. עס איז אַן ענטוזיאַזם פון בשותפות׳דיקייט מיט דער הסתדרות, אַן ענטוזיאַזם פאַר אויפבוי פון פאָלק און לאַנד, אַן ענטוזיאַזם, וואָס צינדט אָן יעדן חבר פון פאַר־באַנד צו טאָן זיין טייל.

דער דאָזיקער ענטוזיאַזם מאַכט עס, אַז דער פאַרבאַנד קומט ניט אָפּ בלויז מיט די זאַמלונגען פאַר דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. גלייכצייטיק פירט ער אָפּט דורך אַנדערע אונטערנעמונגען פאַר דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט. מיט זיי האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ „יד ושם” אין ארץ־ישראל — דענקמאָלס, עדות פון זיין הילף און זיין צושטייער, אַ שיינער צעטל פון אויפטוען און אויפשטע־לונגען, וועלכע דערציילן די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל פון אַ פאַרבאַנד פון אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, וואָס פרייען זיך מיט דעם, וואָס זיי קאָנען זיי מאַכן דאָס לעבן לייכטער און אָנגענעמער.

* * *

מיט דרייסיק, איבער דרייסיק יאָר צוריק איז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אַרויסגעגאַנגען צו געווינען פאַר זיך אַ פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער אידישער עפנטלעכקייט. ניט צוליב דער בעסערער און מער וויסנ־שאַפטלעכער פאַרזיכערונג־סיסטעם אַליין, און ניט צוליב דער גדולה, כבוד און פּראָפיטן, נאָר אום צו קאָנען קעמפן פאַר אידישן זעלבסטבאַוואוסטזיין, פאַר אידישן קיום, פאַר אַ אידישער צוקונפט. ער האָט זיך דעם פּלאַץ געוואונען.

די שווערע משא פון פיינטזעליקייט און בייזווילינקייט און אָפּלאַך, וועלכע ער האָט אויף זיך אַרויפגעלאָדן ביי זיין גרינדונג, האָט נאָר שווער געמאַכט זיינע ערשטע שריט. שווער איז ער געגאַנגען פאָראויס, לאַנגזאַם איז ער געוואַקסן אין צאָל פון זיינע מיטגלידער. אָבער וואָס מער עקשנות ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין געטריישאַפט צו זיינע פּרינציפּן, וואָס מער קאַמפּוויליקייט פאַר זיינע אי־דייען, וואָס מער ער האָט אַרויפגעלאָדן אויף זיינע מיטגלידער פליכטן און טעטי־

קייטן, אַלץ אָפענער איז פאַר אים געוואָרן דער וועג, אַלץ מער און גרעסער איז געוואָרן די צאָל פון זיינע מיטגלידער.

ער קומט צו זיין יובילעאום רייך אין צאָלן, אָנגעלאָדן מיט כבוד, און מער ווי ווען עס איז באַגייסטערטער קעמפער פאַר אידישן קיום, פאַר דער אידישער צוקונפט. זיין ווייטערער וועג איז זיגער־וועג!

די צייט איז אַ שווערע, טיף־טראַגישע פאַרן אידישן פאָלק. אַזוי פיל עלנט, אַזוי פיל אויסגעוואָרצלטקייט, אַזוי פיל אומזיכערקייט! אומענדלעך פיל מוז נאָך געטאָן ווערן פאַר הילף און רעטונג. עקשנות'דיקער קאַמף מוז נאָך געפירט ווערן, אַז ארץ־ישראל זאָל ענדלעך ווידער ווערן ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון באַפרייטן, זעלבסטשטענדיק־געוואָרענעם אידישן פאָלק, דאָס לאַנד פון אונזער פולער גאולה. נאָך גאָר אַ סך אַרבעט מוז געטאָן ווערן פאַר אידישער דערציאונג דאָ ביים יתר־הפליטה אין אַמעריקע, וואו אידישע יסודות און פאַר־בינדונגען ווערן אַלץ מער צעטרייסלט און אָפגעשוואַכט. דער פאַרבאַנד וועט זיין אויף זיין דעראָבערטן פּלאַץ אין די ערשטע רייען פון די העלפנדע באַטאַליאָ־נען, אומדערמידלעך, ענערגיש, פירעריש.

דוד פינסקי

אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

פון מאיר בראַון

אַריינפיר

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז היינט ברייט באַקאַנט אין אידישן לעבן פון אַמעריקע, באַקאַנט אויך אויסער די גרענעצן פון אַמע־ריקע. מען קאָן אים גוט אין ארץ־ישראל, ער איז געווען אויך באַקאַנט אין אייראָפּע, און מען האָט געהערט פון אים און פון זיינע אַקטיוויטעטן אויך אין פיל לענדער פון דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע.

ער האָט זיינע פּאָזיציעס דערוואָרבן אַדאַנק זיין פאַרצווייגטער אַרבעט, זיין עקשנות, גלויבן אין פאָלקס־כוחות, זיין קלאָרער פּראָגראַם און אידעאָלאָגישער וועלט־אַנשויאונג.

ס'איז היינט שווער זיך פאָרצושטעלן דאָס אידישע אַמעריקע אָן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווייל ער איז געוואָרן אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אין היגן לעבן, אַ דינאַמישער כוח און טרייבקראַפט פאַר וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע, ארץ־ישראל'דיקע, קולטור־ און דערציערישע אויפגאַבן אין אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס לעבן פון פאַרבאַנד קען מען איינטיילן אין דריי פעריאָדן:

1. די אַנטשטייאונג פון איינצלנע פאַראיינען אין אַ צאָל שטעט פון אַמעריקע און דער פאַרזוך זיי צוזאַמענצובינדן אין אַ אידישן אַרבע־טער־אָרדן;
2. די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער, יוני 1910, און צוויי און אַ האַלב יאָר פאַרבאַרייטונגען, אָרגאַניזאַטאָרישע, פּראָ־פּאַגאַנדיסטישע און לעגאַלע, בכדי דער פאַרבאַנד זאָל קאָנען ווערן אַ געזעצלעך־פונקציאָנירנדיקער אָרדן מיט אַ טשאַרטער און פולמאַכט אָנצוגיין מיט זיין אויסברייטערונג;
3. די ערשטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין אָלבאַני פון 30טן דעצעמבער 1912 ביזן 1טן יאַנואַר 1913, זיין אַרויסקריגן דעם טשאַרטער דעם זעקסטן יאַנואַר 1913 און זיינע פאַרענדיקטע דרייסיק יאָר פון אָן אָל־זייטיקער, אויסערגעוויינטלעכער אָנשטרייגונג, אַרבעט און טיפער ווירקונג דאָ אין לאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט צו פאַרדאַנקען זיין געבורט אַ ריי אידעאָלאָגישע, עקאָ־נאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אורזאַכן. ער איז אַ קינד פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין אַמעריקע, אָבער אַן אייגנאַרטיקער פּראָדוקט פון דער היגער

אידישער און ראַדיקאַלער סביבה. מען באַדאַרף זיך באַקאַנען מיטן הינטער־גרונט פון היגן לעבן מיט איניקע צענדליק יאָר צוריק, כדי צו פאַרשטיין בע־סער דעם כאַראַקטער און פּרצוף פון פאַרבאַנד.

די געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע איז אייגנטלעך אַלט איניקע הונדערט יאָר; האָט אירע פאַרשידענע פאַזן און פעריאָדן פון איינוואַנדערונג פון פּאָרטוגאַל, שפּאַניע, שפּעטער פון דייטשלאַנד און עסטרייך; יעדער פון די פעריאָדן האָט זיין שטעמפּל אָנגעלייגט אויף דעם היגן ישוב. אָבער דעם אָנהייב פון אַן אמת׳ן אידישן פאָלקס־לעבן האָט מען אָנגעהויבן מערקן ערשט מיט דער גרויסער איינוואַנדערונג פון רוסישע און פּוילישע אידן נאָך די פּאָגראָמען פון 1881; אויך אין דער איינוואַנדערונג פון אידן פון גאַליציע און רומעניע. ס׳איז געווען אַ סטיכישער פּראָצעס פון איינוואַנדערונג, ווייניק פּלאַנירט, אויסגע־רעכנט און אָרגאַניזירט. ס׳איז געווען, ווי איינער אַ פאַרשער האָט זיך אויסגע־דריקט, „הויפּטזעכלעך אַן אימיגראַציע פון שניידער און לופט־מענטשן".

איבער אַ האַלבער מיליאָן אידן זיינען אַריינגעקומען אין אַמעריקע פון 1881 ביזן יאָר 1900. טראָץ דעם, וואָס די נייע איינוואַנדערער האָבן שוין דאָ געטראָפן אַ היפּשן ישוב, האָט אָבער דעם גרעסטן טייל איינוואַנדערער באַ־הערשט אַ געפיל פון איינזאַמקייט און אַ מורא אין די ערשטע יאָרן פאַר קאָלומ־בוס׳עס מדינה. זיי האָבן געדאַרפט פּרנסה און זיך געזוכט צוצופּאַסן צו אַמעריקע. ס׳איז געווען ביי זיי יאָרן־לאַנג אַן אימיגראַנטן־מענטאַליטעט, און זיי האָבן געזוכט זייערע באַקאַנטע, אייגענע לאַנדסלייט. זיינען טאַקע אַנט־שטאַנען טויזנטער לאַנדסלייט־פאַראיינען, וואו די אידישע מאַסן האָבן זיך אויס־געלעבט, און מען האָט געזוכט אָפּצוהיטן די רעליגיעזע מנהגים, מורא גע־האַט פאַרן „אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ".

די אימיגראַנטן האָבן זיך גענומען צו פעדלעריי און אינדוסטרי. גאָר גרויסע צאָלן זיינען געוואָרן אַרבעטער, אַריינגעפאַלן אין דער שוויצשאָפּ־סיסטעם און באַוווירקט געוואָרן פון דער יונגער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון יוניאָנס, וואָס זיי האָבן געפונען, פון ס. פּ., ס. ל. פּ., אַנאַרכיסטן, ראַדיקאַלע קלובן. די מערסטע האָבן זיך געפּלאָגט, געליטן, געזוכט זיך צוצופּאַסן צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. גרויסע צאָלן האָבן זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און פון דאָרט אָנגעהויבן זייער נייע אויסוואַנדערונג אין פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד. זיי האָבן געזוכט שוץ און זעלבסטהילף פאַר זיך און זייערע פאַמי־ליעס, און מאַסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אַלגעמיינע אידישע אָרדנס, ווי איינ־דעפּענדענט אָרדער ברית אַברהם, ברית אַברהם, אַהבת ישראל, פרייע זין פון ישראל, פרייע זין פון יהודה, בני בנימין, אינדעפּענדענט אָרדער וועסטערן סטאַר, וואָס האָבן ביים סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט שוין געציילט צענדליקע טויזנ־טער מיטגלידער.

אָרדנס זיינען בכלל געוואָרן אַ פּאָפּולערער ענין אין אַמעריקע, ביי אידן און ניט־אידן; טראָץ דעם וואָס דאָס אָרדן־וועזן איז ניט קיין אָריגינעלער אַמע־ריקאַנער פּראָדוקט, האָט עס ערשט אין אַמעריקע זיך ברייט פונאַנדערגע־וואַקסן און געוואונען מיליאָנען מיטגלידער פאַר זיך.

די אַלגעמיינע אידישע אָרדנס זיינען ניט געווען קיין שעפערישער עלעמענט, אָבער זיי האָבן זייערע פאַרדינסטן דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן צוזאַמען גרויסע צאָלן אידן און זיי געלערנט צו זיין אָרגאַניזירט און זיך שטיצן אויף זעלבסטהילף. די אידישע אָרדנס האָבן קאָפּירט די וועגן פון אַלגעמיינע אָרדנס, ביי וועלכע צערע־מאָניעס, נאַרישע מנהגים, כבודים און ביליקע געזעלשאַפטלעכקייט האָבן אין די ערשטע יאָרן פאַרנומען זייער אויבן־אָן. ס'איז געווען אַ מין באַביטיזם־אַטמאָספע־רע, אָן אָרט פאַר זעלבסטפאַרווילונג, פאַר לעבן אַ גוטן טאָג, כאָטש זיי האָבן אויך געגעבן הילף זייערע מיטגלידער, ווי געגנזייטיקע אונטערשטיצונג, קרקע. אַזוי ווי קהילות און חברה־קדישות האָבן דעמאָלט כמעט ניט עקזיסטירט, האָבן די אידישע קאָנסערוואַטיווע אָרדנס טיילווייז דערפילט זייערע פונקציעס.

די אָרדנס האָבן אויך צוגעזאָגט זייערע מיטגלידער לעבנס־פאַרזיכערונג, אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ ניט־וויסנשאַפטלעכן, ניט־פאַראַנטוואָרט־לעכן אופן, לויט דער אַזוי־גערופענער „אַסעסמענט־סיסטעם״ פון גלייכע צאָ־לונגען פאַר יעדן, יונג און אַלט, וואָס האָט פריער אָדער שפּעטער געפירט צום אונטערגאַנג, באַנקראָט און בלוט־אָרעמקייט פון פיל אידישע אָרדנס. מיר וועט נאָך אויסקומען צו באַרירן דעם ענין, ווען מיר וועלן דערמאָנען די פאַרזי־כערונגס־סיסטעם פון פאַרבאַנד. די אינטעליגענטע און ראַדיקאַלע אידישע קרייזן האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אָרדנס און לאַנדסלייט־פאַראיינען, האָבן זיי איגנאָרירט און ניט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט דעם „עמך״ פון די אידישע אָרדנס און זייערע לעבערלעכע פירונגען.

דער אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט ניט געפונען די אידישע אַמעריקע אַלס איינהייטלעכן אָרגאַניזם. דאָס שטענדיקע שטראָמען פון אידישע איינוואַנדערער פון פאַרשיידענע לענדער האָט אָנגעהאַלטן, יעדע אימיגראַנטן־גרופּע האָט געבראַכט מיט זיך איר שטייגער פון לעבן. אָבער ווי ניט־איינהייט־לעך דאָס אידישע לעבן איז דאָ געווען, האָבן די אידישע פּרעסע, אידיש טעאַ־טער, אידישע אינסטיטוציעס פון אַלערליי מינים, בתי־מדרשים, יוניאָנס און אָרדנס באַווירקט דאָס לעבן און געוואָרן אַ פאַנצער קעגן אַסימילאַציע און פאַר־שמעלצונג. ס'איז אָבער גלייכצייטיק אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון אַמעריקאַ־ניזאַציע, פון אויסלערנען זיך די ענגלישע שפּראַך און זוכן צו פאַרשטיין דעם זין פון אַמעריקאַניזם.

די, וועלכע זיינען געוואָרן אַרבעטער, — און זיי זיינען געווען אין גרויסע צאָלן, — האָבן געזוכט צו ווערן גוטע יוניאָן־לייט און אין די יוניאָנס געפינען זייער שוץ; גאַנץ אָפּט האָבן די אַרבעטער געסטרייקט פאַר בעסערע באַדינגונגען, באַקעמפט דאָס שוויצסיסטעם, אָפּט געליטן מפלות, און ווידער געסטרייקט און געבויט זייערע יוניאָנס.

די מער באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון די אידישע אַרבעטער האָבן זיך געזוכט אויסצולעבן אין אַ ראַדיקאַלער סביבה, אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די מערסטע ראַדיקאַלע טוער האָבן געגלויבט אין קאָסמאָפּאָליטיזם, אינם נאָענטן אָנקומען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; געווען ווייט פון אידישן פאָלקס־לעבן, ניט געטראַכט וועגן אַ אידישער צוקונפט, אידישער קולטור. צום ציוניזם

און ארץ־ישראל זיינען זיי געווען געגנעריש און פרעמד. אָבער אין זייערע אייגענע קרייזן איז צו פריילעך ניט געווען. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען פאָרגעקומען צאַנקערייען, אָפטע שפּאַלטונגען, וואָס האָבן צוגענומען ביי דעם פּשוט'ן אַרבעטער און מאַסן־מענטש זיין גלויבן אין אידעאַלן.

דערקלערן טאַקע די גרינדער פון ערשטן אַרבעטער־רינג־פאַראיין אין אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, אַז זיי גרינדן זייער אַרבעטער־אונטערשטיצונגס־פאַראיין, ווייל זיי האָבן זיך אַנטוישט אין זייערע פירער און זיי איז נמאס געוואָרן די רייסערייען אין אַרבעטער־לאַגער; ווילן זיי שאַפן אַן אייגענעם קרייז, וואו דער מאַסן־מענטש, דער פּשוט'ער אַרבעטער זאָל זיך קאָנען אויסלעבן און ניט דאַרפן אַריינפאַלן צו קאָנסערוואַטיווע אידישע אָרדנס. און זיי גיבן איבער, אַז די אינטעליגענץ־, יוניאָן־ און סאָציאַליסטישע פירער האָבן געקוקט קרום אויף דער גרינדונג פון זייער רינג־פאַראיין. די גרינדונג פון אַרבעטער־רינג־פאַראיינען אַלס אָרדן (דעם 4טן סעפּטעמבער 1900) איז טאַקע געווען אַן אָפּפרישונג אין דער אידישער אָרדן־וועלט; ס'איז געעפנט געוואָרן דער וועג פאַר אידישע אַרבעטער און ראַדיקאַלן צו ווערן פאַראייניקט אין אַן אייגענער קערפּערשאַפט, צו ווערן באַפרייט פון נאַרישע צערעמאָניעס און מנהגים, צו קאָנען זיך אויסלעבן. אין דעם זינען דאַרף דער רינג באַגריסט ווערן אַלס דער ערשטער אידישער אַרבעטער־אָרדן. זיינע פירער זיינען געווען ראַדיקאַלן פון אַלטן שניט, קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט. ס'איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיין ערשטע קאָנסטיטוציע איז געשריבן געוואָרן ניט אין פּשוט'ן אידיש, נאָר דייטשמעריש, וואָס דער פּשוט'ער מאַסן־מענטש האָט אַפילו ניט ריכטיק פאַרשטאַנען.

דעם אַרבעטער־רינג זיינען שווער אָנגעקומען די ערשטע יאָרן. צו גרויס איז ניט געווען זיין וואוקס פון אָנהייב; ער האָט אויך געהאַט פיל שוועריקייטן אידער ער האָט דערהאַלטן זיין טשאַרטער, און איז געווען אין פּשוט'ער געפאַר, ווען ער קריגט ניט זיין געזעצלעכע דערלויבעניש פון שטאַט ניו־יאָרק.

לאַנגזאַם, האָבן זיך אַרום אַרבעטער־רינג אָנגעהויבן גרופּירן אַריבערגעקומענע אידישע אַרבעטער; זיין גרויסן אויפשוואונג האָט ער אָבער געהאַט צו פאַרדאַנקען די אימיגראַציע־יאָרן נאָך 1905, נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען פיל אידישע רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן, בונדיסטן האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען אין גרעסערע צאָלן און זיך אָרגאַניזירט אין לאַנדסלייט־בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג. די אַריבערגעקומענע האָבן געהאַט זייער השפעה אויפן אַרבעטער־רינג, אים געמאַכט מער ראַדיקאַל, סאָציאַליסטיש. אויך אַ דאַנק זיי איז די קעגנערשאַפט צום ציוניזם געשטיגן. ניט בלויז צום ציוניזם, נאָר אַפילו צום פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. פאַר פיל אַרבעטער־רינגטוער איז דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליזם" געווען טריף, און דעם ציוניזם האָבן זיי באַטראַכט אַלס רעאַקציאָנערע באַוועגונג. פון אידישער דערציאונג האָבן זיי דאַן ניט געהאַלטן, מען האָט זיך געקוויקט מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, און אָפט האָט די פראַזע פאַרנומען דעם אויבן־אָן.

צווישן די אַריבערגעקומענע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן אָנהייב 20טן יאָרהונדערט

האָבן זיך אָבער אויך באַוויזן אידן פון אַנדערע ריכטונגען; ס׳האָבן אַנגעהויבן אַריבערקומען אַהער פּועלי־ציון פון רוסלאַנד, פון גאַליציע, פּוילן, שפּעטער ס. ס., און זיי האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. דער קישינעווער פּאָגראָם פון 1903 האָט אויפגעטרייסלט די אידישע און אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט; אויך די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך נאָך דאַן דערלויבט צו פּראָטעסטירן קעגן אַ בלוט־באָד אויף אידן. מער פון אַלעמען האָט דער קישינעווער פּאָגראָם אויפגעטרייסלט די אידישע וועלט, צווישן זיי אויך פיל סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע פירער. באַזונדערס שאַרף האָבן אין יענע טעג גערעדט ד״ר הלל זאָלאָטאַרעוו, אַ ליכטיקע פּערזענלעכקייט אין אידישן ראַדיקאַלן לאַגער; יוסף באַראָנדעס, אַ וויכטיקער אַרבעטער און פאָלקס־פירער; משה קאַץ, אַ באַדייטנדער שריפטשטעלער, אַנאַרכיסטיש געשטימט; און אַנדערע, וויניקער באַקאַנטע אידישע ראַדיקאַלן, וועלכע האָבן זיך באַקערט צום אידישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און האָבן אָנגעהויבן ריידן אַנדערע ווערטער צום אידישן אַרבעטער און אינטעליגענט.

ס׳האָט זיך אין יענעם יאָר 1903 געגרינדעט אין ניו־יאָרק דער ערשטער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין פּועלי־ציון״, און ער האָט דורכגעפירט אַ גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די אידישע ראַדיקאַלע וועלט אין ניו־יאָרק. ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די געגנער, אָדער ווי מען האָט זיי דאַן גערופן, „געגנאָסן״. ס׳איז געווען אַ מוטיקע פּיאָנערן־אַרבעט פון אויפקלערונג, וואָס האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם אָבער מערקבאַר זיך פילן אין דער אידישער אַרבעטער־גאַס. פילע האָבן אָבער בכלל ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי די פּועלי־ציון פאָרן עס צוזאַמען דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם. ציוניסטן האָבן געקוקט קרום, און סאָציאַליסטן האָבן געפּרוּווט די נייע שטרעמונג ווילד אויסלאַכן, שפּאָטן איבער איר, באַקעמפן און שפּעטער דער׳הרג׳ענען זי מיט שטילשווייגן. די יונגע פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן. אין 1904 איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראיין אין פילאַדעלפיע, דערנאָך זיינען צוגעקומען פאַראיינען אין באַלטימאָר, שיקאַגאָ, פּיטסבורג, מאָנטרעאָל און אין אַנדערע פּונקטן.

אין 1905 זיינען מערערע פּועלי־ציון אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, צווישן זיי אויך ס. ס., וועלכע האָבן געפּריידיקט דעם געדאַנק פון טעריטאָריאַליזם, וואָס איז באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן נאָך דעם אָנבאָטן אוגאַנדאַ מצד דער ענגלישער רעגירונג.

אין מאַי 1905 איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע דער ערשטער פּועלי־ציון־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט אין דער פּרעסע און אַ טיפע פרייד ביי דער קליינער צאָל פּועלי־ציון. זיי האָבן זיך געפילט אַלס פּיאָנערן פון אַ נייעם געזונטן געדאַנק און שטאַרק גענוג צו קאָנען שטורמען די פעסטונג פון געגנער, צו באַקעמפן דעם קאָסמאָפּאָליטישן געדאַנק און אַסימילאַציע, און צו פּריידיקן אַ פולבלוטיקן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און קאַמף פאַר אַ אידיש לאַנד. אָבער ניט לאַנג האָט זיך די פּועלי־ציון־באַוועגונג געהאַלטן צוזאַמען. אין זומער 1905 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער זיבעטער

ציוניסטן־קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג און אַרויסטריט
פון דער ציוניסטן־מחנה פון די טעריטאָריאַליסטן מיט ישראל זאַנגוויל אַלס זייער
הויפּט־פירער. די שפּאַלטונג האָט זיך אָפּגערופן אויך אין אַמעריקע, ניט קוקנ־
דיק אויף דעם, וואָס דער צ.־ק. פון די פועלי־ציון האָט געפּרואווט דורך אַ דעקלאַ־
ראַציע אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג. ס׳איז ניט געלונגען. די „פועלי־ציון־
פּאַלעסטינצעס” האָבן אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַן אייגענעם צוזאַמענפאָר, און
אין דעצעמבער 1905 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַלטימאָר דער צוזאַמענפאָר
פון די פועלי־ציון, וועלכע האָבן אָנערקענט ארץ־ישראל אַלס די אידישע טערי־
טאָריע און לעזונג פון דער אידישער פּראַגע. פיל חברים, פועלי־ציון און סאָ־
ציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָבן מיט ווייטאָג זיך צעשיידט און זייבען אַוועק
אויף באַזונדערע וועגן. די געגנער האָבן שטאַרק הנאה געהאַט, מיינענדיק, אַז
די שפּאַלטונג וועט פאַרניכטן די פאַרהאַסטע נייע שטרעמונג אין אידישן אַרבע־
טער־לעבן. זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט. סיי די פועלי־ציון, סיי
די ס.־ט. האָבן גלייך נאָך דער שפּאַלטונג אָנגעהויבן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע,
געגרינדעט אין 1907 וואָכנבלעטער, אַריבערגעבראַכט אַהער וויכטיקע פירער
און טעאָרעטיקער און זיך אָנגעהויבן באַפעסטיקן אין היגן לעבן. אויך ד״ר
חיים זשיטלאָווסקי׳ס באַזוך אין דער דעלעגאַציע פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־
נערן, און שפּעטער זיין באַזעצן זיך אין אַמעריקע אין 1908 האָבן געהאַט אַ טיפע
נאַציאָנאַליזירנדיקע ווירקונג אויף דער היגער אידיש־רייִדנדיקער אינטעליגענץ
און געשטאַרקט די רייען פון די דעמאָלט גערופענע „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן”.

זשיטלאָווסקי׳ס לעקציעס, ד״ר סירקינ׳ס אויפטרעטונגען, די ווירקונג פון „אי־
דישן קעמפער” — וואָכנבלאַט פון די פועלי־ציון, די גרויסע אויפקלערונגס־
אַרבעטן פון די פועלי־ציון און ס.־ט., האָבן אָנגעהויבן געווינען נייע פריינד
אין היגן לעבן און געהאָלפן אָפּשוואַכן דעם אידעאָלאָגישן איינפלוס פון די קאָס־
מאָפּאָליטיש־געשטימטע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן.

די פועלי־ציון האָבן זיך אָנגעהויבן איינבירגערן אין לאַנד און געזוכט צו
געווינען גרעסערע צאָלן; זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע און גע־
זוכט וועגן. זיי האָבן געזען פאַר זיך אידישע אָרגאַניזאַציעס, אַלגעמיינע אָרדנס,
דעם אַרבעטער־רינג, אָבער זיי האָט אַהין ניט געצויגן, כאָטש מאַנכע האָבן גע־
האַלטן, אַז ס׳איז אַ פּלאַן אַריינצוגיין אין אַרבעטער־רינג און בויערן פון אינע־
ווייניק. אַנדערע אָבער, ווי אייניקע אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ און אין אַנ־
דערע פונקטן, האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז כדאַי צו גרינדן אַן אייגענעם אָרדן און
פאַר אים געווינען גרעסערע צאָלן. דאָ און דאָרט זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן
אַזעלכע מיינונגען. אָבער ס׳האָט צו קיין ממשות׳דיקס ניט געפירט.

פילאַדעלפיער איניציאַטיוו

פילאַדעלפיע האָט דאַן פאַרנומען אין דער יונגער פועלי־ציון־פּאַרטיי דאָס
צענטראַלע אָרט פון פּראַקטישע מעשים. דאָרט איז געשאַפן געוואָרן דער „אידישער
קעמפער”, אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון יחזקאל עדעלשטיין (אַן

אומרואיקער, לײדנשאַפטלעכער טוער; דערטרונקען געװאָרן אין 1908); דאָרט איז אַנגעפירט געװאָרן פּריװוליק די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד און קאָלאָניאַל־באַנק אונטער דער פירערשאַפט פון מאיר בראָון; דאָרט איז געלונגען צו געװינען פאַר דער פּאַרטײ אַמעריקאַנער און אַמעריקאַניזירטע אינטעליגענטע כוחות.

האָבן דאָן דרײ חברים, אויף דער איניציאַטיװ פון מ. בראָון, זיך צוזאַמענגעטראָפן און באַשלאָסן צו גרינדן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אונטערשטיצונגס־פאַראײן, אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און פאָרלײגן פאַר אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג דעם פּלאַן. די דרײ זײנען געװען די חברים װעקסלער, מילער און בראָון. אַלע דרײ זײנען נאָך געװען זײער יונג, און די פּראַקטישע צילן פון אַן אָרדן האָבן פאַר זײ געהאַט דעם אינטערעס אויף אַזוי פיל, אויף װיפיל ס'װעט געלונגען צו געװינען מער חברים פאַר אונזערע אידעאישע אויפגאַבעס. זײ האָבן געהאַט נאָך אַ צװעק: פאַרזוכן צו פאַראײניקן אין אַ געמײנזאַמער אָרגאַניזאַציע פּועלי ציון, ס.־ט., גלות־נאַציאָנאַליסטן, זשיטלאָװסקיאַנער, און גוט מאַכן דורך פּראַקטישער אַרבעט דעם פריצײטיקן ריס און די שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטײ.

אָנהײב אויגוסט 1908 האָט חבר בראָון גערופן אַ גרעסערע פאַרזאַמלונג אין פילאַדעלפיע, צו װעלכער ס'זײנען געקומען אַ 15 פּערזאָן, פון װעלכע 11 האָבן נאָכדעם װי זײ האָבן אויסגעהערט די פאָרמולירטע צילן און זײ דיסקוטירט, באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אָן דעם פאַראײן. צװישן די 11 זײנען געװען 8 פּועלי ציון, ס.־ט. און 1 סײמיסט (בן־עמי, סטאָלבערג, פּאָלקאָװ, פּליקאָװ, ראָטמאַן, בערלין, מילער, װעקסלער, סטרוק, גערסאָן און בראָון).

די צילן זײנען פאָרמולירט געװאָרן און זײ װערן דאָ איבערגעגעבן אין קורצן:

„שאַפן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַראײן פאַר קעגנזײטיקער פאַרזיכערונג און הילף; שטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן באַװוסטזײן פון זײנע מיטגלידער; קעמפן קעגן אַסימילאַציע־טענדענצן אין אידישן לעבן און אין אידישן אַרבעטער־לעבן; אָנפירן אַ אידישע קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט; אָפּגעבן זיך מיט אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײט; אַרבעטן פאַר דער װידער־פאַראײניקונג פון פּועלי־ציון און ס.־ט. פאַר פּראַקטישע מעשים לטובת דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אידעאַל און פאַרבינדן זיך מיטן לאַנד, מיטן צװעק צו גרינדן ענלעכע פאַראײנען, װאָס זאָלן פירן צו דער פאָרמירונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אַלס פּראָגרעסיװון אידישן אַרבעטער־אָרדן“.

מאיר בראָון איז באַאויפטראַגט געװאָרן אויסצואַרבעטן אַ דעקלאַראַציע, זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן לאַנד און מעלדן װעגן דעם נײעם „פילאַדעלפיער פאַראײן“ צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פּועלי־ציון און ס.־ט.

די חברים פון פילאַדעלפיער פאַראײן זײנען געװען זײער ענטוזיאַסטיש. אַלע יונגע מענטשן, פּאַרטײאישע חברים — האָבן זײ פאַרשטאַנען, אַז זײ נעמען אויף זיך אַ גרױסע אויפגאַבע, װאָס קאָן מיט דער צײט פאַרצײכנט װערן אַלס אַ

וויכטיקע געשעעניש אין היגן לעבן. זיי האָבן, אין דער ערשטער ליניע, געזוכט צו געווינען פאַר זיך אידישע אַרבעטער און באַטאָנט דעם אינטערעס אין אידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען, אָבער זיי האָבן נאָך ניט געוואוסט, ווי דאָס לאַנד וועט זיך אָפּרופן, האָבן זיי ווייניק געטראַכט וועגן די שוועריקייטן, וואָס די גרינדונג פון אַזאַ אָרדן וועט אַרויסרופן. אָבער ס׳איז געווען אַ מוטיקע און אַנטשלאָסענע גרופּע, וואָס האָט געוואָלט געווינען גרעסערע צאָלן און זיי באַווירקן אין גייסט פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק.

אין אויגוסט 1908 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון חבר בראַון אַ געדרוקטע דעקלאַראַציע און רוף צום לאַנד, צו אַזעלכע פּונקטן, מיט וועלכע ער איז נאָך פריער געשטאַנען אין פאַרבינדונג. (ס׳איז פאַרדריסלעך, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט געפינען אין די אַרכיוון און איבערן לאַנד די געדרוקטע דעקלאַראַציע, וואָס וואָלט זיכער אינטערעסירט די איצטיקע פאַרבאַנד־חברים.) דער אָפּרוף פון לאַנד איז געווען דערמוטיקנד, אָבער ס׳זיינען אויך געווען סקעפּטיקער, צווישן זיי ניו־יאָרקער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ס׳איז כדאַי אַריינצוגיין אין אַרבעטער־רינג און אים באַאיינפלוסן.

אַזאַ ענטפער איז אויך געקומען פון דער לייטונג פון ס.־ט. אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן אינפאָרמירט, אַז זיי גרינדן ס.־ט. פאַראיינען אין אַרבעטער־רינג. די ס.־ט. פאַרטיי האָט דעמאָלט שוין געהאַלטן אין גיין באַרג־אַראָפּ; סתם אַגיטירן דעם געדאַנק פון טעריטאָריאַליזם האָט שוין ניט אינטערעסירט פילע, און אויף אַ ממשות׳דיקער טעריטאָריע, חוץ אויף ארץ־ישראל, האָט מען ניט געקאָנט אָנווייזן. האָבן ס.־ט. גע׳חלומ׳ט, אַז זיי וועלן זיך קאָנען באַפעסטיקן אין אַרבעטער־רינג. אָבער ס.־ט. חברים, וועלכע האָבן געשטיצט דעם פּלאַן פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, האָבן געשטיצט דעם פילאַדעלפיער רוף.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון (דעמאָלט איז חבר חיים פיינמאַן געווען סעקרעטאַר און אסתר מינץ (אָבערסאָן) — זיין געהילף) האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג; זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך בעסער פאַרבינדן מיטן אָרדן „בני ציון“, וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט שאַרף קריטיקירט אונזער באַשלוס און האַנדלונג. די פילאַדעלפיער גרופּע איז אָבער ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, און דערמוטיקט פון דעם וואַרעמען אָפּרוף פון אַ צאָל שטעט, האָט זי געפאָדערט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל אָפּשטעלן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיטן אָרדער „בני ציון“ און איבערגעבן די גאַנצע פראַגע צום פאַרטיי־ראַט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין הערבסט 1908 אין באָפאַלאָ. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ענדלעך צוגעשטימט צום פילאַדעלפיער פאָרשלאָג, און די פילאַדעלפיער זיינען געשטאַרקט געוואָרן אין זייער איבערצייגונג, אַז זייער האַנדלונג איז געווען אַ ריכטיקע. זיי האָבן וועגן דעם צ.־ק.־באַשלוס אינפאָרמירט די פּונקטן און פאַרלאַנגט, אַז זייערע פאָרשטייער צום פאַרטיי־ראַט זאָלן שטיצן דעם פאָרשלאָג פון גרינדן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און העלפן דעם פילאַדעלפיער איניציאַטיוו־קאָמיטעט. פון די ערשטע פאַרבאַנד־גרופּעס, וואָס האָבן זיך געגרינדעט, ווער פריער, ווער שפּעטער, פאַרדינען דערמאָנט צו

ווערן פיטסבורג, מילוואקי, שיקאגאָ, סינסינעטי, מאָנטרעאַל, טאָלידאָ, האַמילטאָן, ראָטשעסטער און דעטראָיט (ניו־יאָרקער בר. 14, דער ערשטער אין ניו־יאָרק, און בראָנזווילער בראַנטש 18, זיינען ערשט געגרינדעט געוואָרן אַנהייב יאָר 1910).

ס'איז פאַרדריסלעך, וואָס די ערשטע דערמאָנטע פונקטן האָבן ניט צוגעשיקט, ווי מען האָט עס פון זיי פאַרלאַנגט, די נעמען פון זייערע ערשטע גרינדער, די ריכטיקע דאַטומס, זייערע ערשטע פּראָטאָקאָלן; זיי וואָלטן בלי־ספק געגעבן אַ פולערן באַגריף איבער די קינדער־יאָרן פון די ערשטע פאַרבאַנדגרופּעס.

פון דעם וואָרעמען אָפּרוף פון לאַנד איז געווען צו מערקן, אַז דער פילאַדעלפיער רוף איז געקומען אין צייט, און אַז דער געדאַנק פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן איז רייף געווען אָנצונעמען אַ ממשות'דיקע פאָרם.

די מערסטע גרופּעס זיינען באַשטאַנען פון אַריבערגעקומענע, אָבער זייער פּנים איז געווען געווענדט צו אַמעריקע; דאָ צו ווירקן, דאָ צו שאַפן אַ גרעסערן כוח. זיי זיינען געווען שטאַרק און באַוואוסטזיניק נאַציאָנאַליסטיש און פּראָגרעסיוו, זיי האָבן געזען אין פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם דעם אויסדרוק פון גלויבן אין אייגענע כוחות, אַן אויסדרוק פון זעלבסט־באַשטימונג, אַ שוץ קעגן אַסימילאַציע. ס'איז געווען אַן אידעאַליסטישער עלעמענט, וועלכער האָט איך אָנגעהויבן ווערן פּראַקטיש, רעאַליסטיש און ווענדן זיין פּנים צו דער יוגנט.

פילאַדעלפיע האָט זיך ענגער פאַרקנופּט מיטן לאַנד און געשטאַרקט די פאַרבינדונגען. סוף סעפּטעמבער 1908 איז פאָרגעקומען דער פּועלי־ציון פּאַרטיי־ראַט אין באַפאַלאָ. די האַנדלונג פון די פילאַדעלפיער חברים איז אויפגענומען געוואָרן, און כאָטש די פילאַדעלפיער זיינען קריטיקירט געוואָרן, פאַרוואָס זיי האָבן זעלבסטשטענדיק געהאַנדלט, ניט אָנפרעגנדיק פריער דעם צענטראַל־קאָמיטעט, האָט דער פּאַרטיי־ראַט, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט די מיינונגען פון די פילאַדעלפיער און אַנדערע דעלעגאַטן, באַשלאָסן צו שטעלן צו אַ פּאַרטיי־דיסקוסיע די גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. דאָס איז געווען דער ערשטער זיג פאַר דער יונגער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו גרינדן אַ פאַרבאַנד.

אין דער אידישער גאַס איז דעמאָלט געווען אַ רעאַקציע, דער „קיבוצאַרניע"־גייסט האָט זיך באַוויזן און האָט אַ צייט מיטגעהאָלפן פּאַראַליזירן און טויטן די שטימונג אין פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט באַקעמפט די שווערע שטימונג, און די גרינדונג פון נאַציאָנאַלע אַרבעטער־פאַראיינען איז געווען אַן אָפּפרישונג און דערמוטיקונג פאַר פיל טוער.

אויפן באַפאַלער פּאַרטיי־ראַט איז מ. בראַון אַריין אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און האָט געמוזט אַריבערפאָרן קיין ניו־יאָרק. האָט ער, ביים אָפּשייד־אָוונט אין פילאַדעלפיע, זיך געזעגנט מיטן פאַרבאַנד־פאַראיין, וואָס איז שוין דעמאָלט רייכער געוואָרן מיט נייע מיטגלידער, אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון פּאַרטיי־ראַט, צוגעזאָגט זיין הילף פון ניו־יאָרק און איבערגעגעבן זיינע פאַרבינדונגען מיטן לאַנד צו חבר יוסף מילער (לײדער היינט ניט מער צווישן די לעבעדיקע).

יוסף מילער האָט אַ קורצע צייט אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונגען מיטן לאַנד. ער איז אָבער געווען שוואַך אין געזונט און ניט גוט באַקאַנט איבערן לאַנד, איז ער געווען געצוואונגען אויפצוגעבן זיין אַרבעט (די אַלע אַרבעטן זיינען געטאָן געוואָרן פרייוויליק). פילאַדעלפיע האָט דאַן באַשלאָסן איבערצוגעבן די פאַר־בינדונגען און פירערשאַפט צו דער פיטסבורגער גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַט אָרגאַניזירט אין יענער צייט, און די פיטסבורגער האָבן אין אַפּריל 1909 מיט גרייטקייט איבערגענומען די אַרבעט, דערווייליקנדיק חבר ש. סיגאַל צו פאַר־בינדן זיך מיט דעם לאַנד (חבר שמואל סיגאַל איז ליידער געשטאָרבן נאָך אַ שווע־רער קראַנקייט אין יאָר 1942). ער איבערהויפּט, און מיט אים זיינע ברידער מאָריס סיגאַל (ליידער אויך טויט) און ה. סיגאַל, כהן, מארגאן און אַנדערע האָבן זייערע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאַרבאַנד. זיי האָבן אים געשטאַרקט און גע־מונטערט; שפּעטער, צוזאַמען מיט די ניו־יאָרקער חברים, האָבן זיי דערפירט צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוני 1910 אין ראָטשעסטער. (וועגן די פיטסבורגער און זייער הילף ביים קריגן דעם טשאַר־טער וועלן מיר נאָך שרייבן שפּעטער).

אין סעפּטעמבער 1909 איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן פון פועלי־ציון מיט אַ טייל ס.-ט. און „זשיטלאָווסקיאַנער". ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט שוין דאַן אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אידישער אינטעליגענץ און דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער יוגנט. זיינע לעקציעס און אַרויס־טרעטונגען זיינען געווען אַ קולטורעלער יום־טוב. מען האָט זיך צו אים באַ־צויגן מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. ער איז געווען אַ גרויסע אָפּפרישונג אין דער דריקנדיקער אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך דאַן געפילט אין דער אידישער גאַס. און אין יאָר 1909 האָט ער זיך שטאַרק דערנענטערט צו די פועלי־ציון און געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן דורכצופירן די פאַראייניקונג פון פועלי־ציון, ס.־ט. און זיינע אייגענע אָנהענגער אין די רייען פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ער האָט געקעמפט פאַר איין פאַראייניקטער אידישער סאָציאַ־ליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און ער האָט געזען אין די פאַרהאַנדלונגען די ערשטע שריט צו אַ גרעסערער פאַראייניקונג, חלומ׳ענדיק שפּעטער אויך פון אַ פאַראייניקונג מיטן „בונד".

די ס.־ט., איבערהויפּט די פירער זייערע, ד״ר נ. סירקין און אב. גאָלדבערג (שפּעטער אַריבער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן), האָבן געפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט די פועלי־ציון און זשיטלאָווסקי׳ס אָנהענגער. ס׳איז געווען אַ קורצע צייט נאָך דער יונג-טערקישער רעוואָלוציע (וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1908); האָבן די ס.־ט. געפונען, אַז ס׳איז איצט דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט דורכצו־פירן די פאַראייניקונג און זיך אייניקן אויף ארץ־ישראל און נאָכבאַר־לענדער (אונטער נאָכבאַר־לענדער האָט ד״ר סירקין, ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס האָט ער אין זינען, געענטפערט, אַז ער דענקט וועגן מעסאָפּאָטאַמיע [היינט אי־ראַק] אַלס לאַנד פאַר גרויסער אידישער איינוואַנדערונג, וואָס וועט שטאַרקן דעם צענטער פון ארץ־ישראל). ס׳איז ניט מיין אויפגאַבע איצט זיך אָפּצושטעלן באַריכות אויף יענע אינטערעסאַנטע פאַרהאַנדלונגען, וואָס פאַרדינען אַ ברייטע

צווייטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין יולי 1911 אין פּיטסבורג. צווישן די דעלעגאַטן געפינען זיך צווישן אַנדערע: ש. סיגאַל (פּיטסבורג, ה. עהרענרייך (ניו־יאָרק), לעאָן כאַזאַנאָוויטש, ג. אַוורונין, מאיר בראַון, ד״ר י. פעלדמאַן (נ. י.), מ. וועקסלער (דעטראָיט), אב. קונין (פילאַדעלפיע), מ. סיגאַל (פּיטסבורג, י. פונק (פּיטס־בורג), פּ. קופּער (פּיטסבורג, ב. ז. שאַפּיראָ (שיקאַגאָ), מילער (פּיטסבורג), י. בלאָק (סינסינעטי), זלאטקין (סט. לואיס), י. פרוג (דייטאָן), י. חגי (דעטראָיט), ש. באָנטשעק (ניו־יאָרק), כהן (ראָטשעסטער), נ. עלבין (נ. י.), ב. ברייווער (דעטראָיט), ברוך צוקערמאַן (נ. י.), ה. סיגאַל (פּיטסבורג), ראובן פלאַטראָט (נ. י.), י. כהן (פּיטסבורג).

באַלויכטונג און אָפּשאַצונג. וויכטיק איז אָבער פעסטצושטעלן, אַז די פּאַרטײ־טער פון די ריכטונגען האָבן זיך געאײניקט אויף אַ פּלאַטפאָרם און זי געבראַכט צו דער פּאַראײניקונג־קאָנווענשאַן אין שיקאַגאָ אין הערבסט 1909, אויף וועלכער ד״ר זשיטלאָווסקי, ד״ר סירקין און אב. גאָלדבערג זײנען געווען דעלעגאַטן און דערוויילט געוואָרן אין דעם נײעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַראײניקטער פּאַרטײ. (די פאַראײניקטע פּאַרטײ האָט דאַן דערוויילט חבר ברוך צוקערמאַן, וועלכער האָט ביז דאַן באַלאַנגט צו די ס.־ט. אַלס סעקרעטאַר).

ראָטשעסטער גרינדונגס־קאָנפערענץ

ש. סיגאַל פון פּיטסבורג האָט זיך געווענדעט צו מ. בראַון, אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטײ, אַז ער זאָל ווירקן אין שיקאַגאָ, אַז די פאַראײניקטע פּאַרטײ זאָל גוטהייסן די גרינדונג פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד". בראַון האָט אין דעם באַריכט צו דער קאָנווענשאַן איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון באָפּאַלער פּאַרטײ־ראָט, אינפאָרמירט וועגן אַ צאָל פאַרבאַנד־פאַראײנען, וואָס האָבן זיך געגרינדעט איבערן לאַנד, און דערקלערט, אַז ס׳איז ניט מער אַ דיסקוסיע־ענין, נאָר אַ געשעענער פאַקט. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דאָרט אַ רעזאָלוציע, וואָס הייסט גוט די גרינדונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און רעקאָמענדירט די פּאַרטײ־חברים זיך אָנצושליסן אָן אים און אים העלפן זיך אויסברייטערן.

ס׳איז אָבער כדאַי דאָ איבערצוגעבן, אַז אײניקע זײנען געווען קעגן דער גרינדונג פון אַ פאַרבאַנד, בתוכם זײנען געווען די חברים ד״ר נ. סירקין און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכע זײנען געווען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף בעסער בויערן פון אינעווייניק דורך אָנשליסן זיך אין אַרבעטער־רינג, איידער בויען דרויסן אָן אייגענעם אָרדן, וואָס קאָן זיך ניט איינגעבן און וועט דאָך פאַרשלינגען מאַסן ענערגיע און צייט. מיר, די „יונגע", האָבן דאַן אָבער גע־זיגט, און יאָרן שפּעטער האָבן די ביידע פירער עפנטלעך מודה געווען, אַז גע־רעכט זײנען מיר געווען. (ד״ר זשיטלאָווסקי האָט אין 1918 סיי ביי דער פינף־יאָר־פייערונג פון פאַרבאַנד אין קופּער יוניאָן, סיי אין אײניקע גלענצנדע אַר־טיקלען אין דער „אידישע אַרבעטער־שטימע" פאָרמולירט אָן אַמביציעזע און פאַרצווייגטע אַרבעטער־פּראָגראַם פאַרן פאַרבאַנד, וואָס ס׳איז כדאַי ביי אַ גע־לעגנהייט צו פאַרעפנטלעכן.) די פּיטסבורגער און אַנדערע פאַרבאַנד־גרופּן זײנען שטאַרק דערמוטיקט געוואָרן פון שיקאַגער באַשלוס און זיך נאָך ענער־גישער גענומען צו זייער אַרבעט. ניו־יאָרק איז נאָך אָבער אַלץ ניט געוואָ־נען געוואָרן פאַרן פאַרבאַנד. חברים האָבן דאָרט געגרינדעט אַ „פּועלי ציון בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן" (וואָס איז ערשט שפּעטער, נאָך דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער, געוואָרן אַ פאַרבאַנד־צווייג אונ־טערן נומער 40).

ערשט אָנהויב 1910, ווען בראַון האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק, האָט ער אָנגעהויבן שאַפן פאַרבינדונגען און זיך צוזאַמענריידן מיט חברים, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו דער גרינדונג פון בּרענטש 14, דער ערשטער פאַר־באַנד־פאַראײן אין ניו־יאָרק. די ערשטע פאַרזאַמלונג איז באַשטאַנען פון 4

חברים: פלאַטראַט (ניט מער צווישן די לעבעדיקע, געשטאָרבן אין ארץ־ישראל), ש. באַנטשעק, ש. גאָלדשטיין און מ. בראַון. חברים פלאַטראַט, באַנטשעק און בראַון האָבן זיך געאייניקט, אַז מען דאַרף גרינדן אין ניו־יאָרק אַ פאַרבאַנד־פאַראיין, ווייל אין דער פּראָווינץ האָט מען גע׳טענה׳ט, אַז ווען מען וועט „דער־אָבערן" ניו־יאָרק, וועט די אַרבעט אָוועק מיט אַ גרעסערן טעמפּאָ. גאָלדשטיין איז געווען אין סימפּאַטיע, אָבער ער האָט דערקלערט, אַז ער באַלאַנגט צו דער „פּועלי ציון בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאַן", און וויל ניט פאַררעכנט ווערן אַלס גרינדער פון ערשטן פאַרבאַנד־ברענטש פון ניו־יאָרק. די איניציאַטיוו־גרופּע האָט אָנגעהויבן רופן פאַרזאַמלונגען; אייניקע פון זיי זיינען פאָרגע־קומען אין אָפיס פון „דאָס נייע לעבן", אַ מאָנאַטשריפט, רעדאַגירט פון ד״ר זשיטלאָווסקי.

נייע מיטגלידער זיינען צוגעקומען נאָך יעדער פאַרזאַמלונג. ס׳איז גע־וואָרן אַ פאַרבאַנד־פאַראיין. פּיטסבורגער צענטער פון פאַרבאַנד האָט אונז גאָר חבר׳יש און וואַרעם באַגריסט, אויסגעדריקט זיין פרייד, וואָס דער פאַר־באַנד איז ענדלעך „אַריין" אין ניו־יאָרק. אין דער טאָג־פּרעסע האָבן אָנגע־הויבן צו דערשיינען נאָטיצן. מען האָט זיך אָנגעהויבן „אומקוקן" אויפן פאַר־באַנד־פאַראיין אין ניו־יאָרק. פריינד און חברים האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן פאַראיין. געגנער האָבן געקוקט מיט ביטול און חוזק, וואָס יונגע חברה ווילט זיך גאָר אַריינברענגען אין דער אָרדן־וועלט אידעאַלן. איך געדענק פון דעמאָלט אַ געשפּרעך מיט אַ וויכטיקן פירער פון אַ גרויסן אידישן אָרדן, וועל־כער האָט זיך געציילט אין צענדליקער טויזנטער. ער האָט מיך גערופן צו זיך און פאַרזוכט מיט אַלע מיטלען צו אַנטמוטיקן מיך; דערקלערט, אַז מיר וועלן קיינמאָל ניט קאָנען ווערן גערעכנט, אַז מיר וועלן ניט קאָנען געווינען קיין מיטגלידער, און אַז ס׳איז בעסער אַריינצוברענגען יונגע מענטשן צו זיי. זיי גרייטן זיך צו גרינדן אַ יונגן עלעמענט.

היינט איז שוין יענער אָרדן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויך אין די אַרבעטער־רינג־קרייזן האָט מען געקוקט קרום אויף דעם פאַרזוך און ניט געהאַט קיין צו גרויסע אמונה אין אונזער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. מאַנכע האָבן אַפילו געוואָלט זען אין דער גרינדונג אַ פּשוט׳ע קאָנקורענץ צום אַרבעטער־רינג, וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון אונזערע מחשבות ווי מזרח פון מערב. דער געדאַנק פון פאַרבאַנד האָט אָבער געפונען נייע פריינד אין ניו־יאָרק, און אַ קורצע צייט שפּעטער נאָך דער גרינדונג פון ברענטש 14 (אין מערץ 1910) האָט זיך אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די חברים מאַשעוויצקי, אַלפערט, ד״ר פעלד־מאַן (שפּעטער געווען פּרעזידענט פון פאַרבאַנד) און חייקין (דערוויילט אַלס פאַר־זיצער פון פאַרבאַנד אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ אין ראָטשעסטער) און אַ פּאָר אַנדערע געגרינדעט אין בראַנזוויל דער ברענטש 18.

די פאַראיינען איבערן לאַנד זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. בענעפיטן האָט נאָך דאַן דער פאַרבאַנד־צענטער אין פּיטסבורג ניט געצאָלט, אַלעריי פאַרשלאָגן וועגן בענעפיטן און פאַרזיכערונג זיינען געמאַכט געוואָרן. מאַנכע נאַאיווע חברים האָבן געדענקט, אַז פּאַר פינף און צוואַנציק

סענט אַ חודש וועט דער פאַרבאַנד קאָנען געבן קראַנקן־בענעפיט און לעבנס־פאַרזיכערונג, און אַ דאַנק די קליינע צאָלונגען דערווערבן אין גיכן טויזנטער נייע מיטגלידער.

סיי פיטסבורגער צענטער, סיי ניו־יאָרק, סיי אייניקע אַנדערע פאַרבאַנד־פאַראיינען האָבן אָנגעהויבן ערנסט קלערן, אַז מען מוז זיך צוזאַמענרעדן, פעסט־שטעלן אַן אַרבעטס־פּלאַן, באַשטימען אַ צייטווייליקע קאָנסטיטוציע, באַטראַכטן די פּראַקטישע זייטן פון אַן אָרדן, ווי די סיסטעם פון פאַרזיכערונג, קראַנקן־בענעפיט, און גלייכצייטיק אויך פאָרמולירן זיינע גרונד־פּרינציפּן. ניו־יאָרק און פיטסבורג זיינען געווען אין ענגן קאָנטאַקט; מען האָט איבערגעגעבן דעם ברענטש 14 אויסצואַרבעטן אַ צייטווייליקע קאָנסטיטוציע און מ׳האָט זיך גע־אייניקט אויף אַ פאַרשלאַג צונויפצורופן אַ גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער פון 10טן ביזן 16טן יוני 1910. ס׳איז אַרויס אַ רוף פאַר דער קאָנפערענץ, ניו־יאָרק האָט באַזאָרגט די פּרעסע. אָנהויב יוני איז אין דער „וואַהרהייט" דערשינען אַן אַרטיקל וועגן די אויפגאַבן פון פאַרבאַנד, וואָס האָט אַרויסגערופן אינטערעס. מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער קאָנפערענץ, וואָס איז מיט מזל דערעפנט געוואָרן אין ראָטשעסטער אין דער אָנוועזנהייט פון דעלעגאַטן פון פילאַדעלפיע, פיטסבורג, שיקאַגאָ, מילוואָקי, סינסינעטי, מאָנט־רעאַל, ראָטשעסטער, דעטראָיט, ניו־יאָרק, בראָנזוויל און פון נאָך אַ פּאָר קלענערע פּונקטן. חבר ברוך צוקערמאַן האָט פאַרטראָטן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

די „וואַרהייט" (טעגלעכע צייטונג, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט) איז געווען זייער פריינדלעך צו דער קאָנפערענץ, געדרוקט אויף דער ערשטער זייט באַריכטן. אויך די אַנדערע צייטונגען האָבן געגעבן קורצע ידיעות איבער דעם גאַנג פון דער קאָנפערענץ. די אידישע עפנטלעכקייט האָט דערהערט וועגן אַ נייעם טיפּ פון אַן אָרדן, וואָס פאָרמירט זיך און גרייט זיך צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער אידישער וועלט.

אייניקע טעג זיינען אַנגעגאַנגען לײדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אויף דער קאָנפערענץ. מען האָט געגעבן גענוג צייט פאַר אַברייטן אויסטויש פון מיינונ־גען איבער די מעגלעכקייטן און שוועריקייטן. יונג אין יאָרן, זיינען אָבער די דעלע־גאַטן שוין געווען דערפאַרן אין אָרגאַניזאַציע־אַרבעט, אין פּראָפּאַגאַנדע און, דער עיקר, פעסט אַנטשלאָסן אויפצובויען אַ נייעם אידישן אַרבעטער־ און פּאָלקס־כוח, וואָס זאָל זיין אַנדערש פון אַנדערע אָרדנס, סיי די קאָנסערוואַטיווע, סיי די אַרבעטער־אָרדנס (ס׳האָט שוין דאַן עקזיסטירט דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג" אין מאַססאַטשוזעטס, וואָס האָט זיך אינקאָרפּאָרירט סוף 1906, אַלס רע־זולטאַט פון קאַמף פאַר אַ טשאַרטער אין מאַסאַטשוזעטס, און איז באַשטאַנען אין אָנהויב פון אַרבעטער־רינג־מיטגלידער, וועלכע האָבן געשאַפן אַן אייגענעם אַרבעטער־אָרדן. יאָרנלאַנג איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף צווישן דיביידע אַרבעטער־רינגס, דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פאַר זיך. (וועגן „אינ־דעפּענדענט אַרבעטער רינג", אויף וויפל דער פאַרבאַנד איז געקומען מיט אים אין באַרירונג, וועט שפּעטער דערמאָנט ווערן.)

אַרום דער פראַגע פון די גרונד־פּרינציפּן איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער קאַמף. אַ מינאָריטעט דעלעגאַטן האָט געוואָלט, אַז דער אָרדן זאָל גלייך אָננעמען אַ פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמע, בכדי די מיטגלידער, וועלכע קומען אַריין, זאָלן וויסן, וואו זיי גייען אַריין, און אַז ער זאָל קאָנען ווירקן אַלס פּאַר־טייאיש־באַוואוסטזיניקער כוח אין אידישן אַרבעטער־לעבן און פאַר ארץ־ישראל. דער צווייטער צד האָט געוואָלט אַ פרייען נאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ריכטונגען, אַפילו אַזוי־גערופענע גלות־נאַציאָנאַליסטן, וועלכע אָנערקענען ניט ארץ־ישראל אַלס אַ נויטיקע טעריטאָריעלע לייזונג פון דער אידן־פראַגע, אָבער זיינען ניט געגנער פון ארץ־ישראל־אַרבעט.

זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף ניט פאַרשליסן די טירן פון פאַרבאַנד, נאָר שאַפן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט דורכמאַכן די אידעאישע אַנטוויק־לונג לאַנגזאַם און מיט דער צייט באַווירקן אירע מיטגלידער. געזיגט האָט דער צווייטער צד. אָבער אויב די גרונד־פּרינציפּן האָבן ניט באַטאָנט ארץ־ישראל קלאָר אין די גרונד־פּרינציפּן (דאָס איז ערשט געשען אין אַלבאַני סוף 1912), האָט אָבער דער פאַרבאַנד אין ראַטשעסטער באַטאָנט זיין סאָלידאַריטעט און סימפּאַטיע מיטן ארץ־ישראל׳דיקן אידישן אַרבעטער דורכן אָננעמען אַ שטייער פון דריי סענט פאַרן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד. בלויז געציילטע זיינען געווען קעגן דעם שטייער. עס איז געווען אַ דראַמאַטישע זיצונג, און ארץ־ישראל האָט דאָן אַרויסגערופן די ערשטע טרערן פון פרייד אויף אַ פאַר־באַנד־צונויפפאָר. די, וועלכע זיינען באַקאַנט מיט יענער צייט, ווייסן, אַז אָנ־נעמען דאָן אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע פּלאַטפאָרם פאַר אַ צוקונפטיקער מאַסן־אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען אַ געוואַגטער שריט.

די גרינדונגס־קאָנפערענץ האָט אָנגענומען פאָלגנדע גרונד־פּרינציפּן:

„דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד שטרעבט צו אָרגאַניזירן אַלע אידישע אַרבעטער אויף פאָלגנדע יסודות:

1. געגנזייטיקע הילף אין פאַל פון נויט, קראַנקייט און טויט;
2. דערציאונג פון אידישן אַרבעטער אין פולן באַוואוסטזיין פון זיי־נע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן;
3. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אונטערשטיצט אַלע אַר־בעטן, וואָס פירן צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון אידישן פאָלק; ער אונטערשטיצט אויך אַלע אַרבעטן, וואָס פירן צו דער פאַרשטאַרקונג און באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס”.

אין דעם גייסט איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ חבר׳ש שבועה ביים אויפנעמען נייע מיטגלידער; יענע שבועה איז אויף דער ערשטער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין אַלבאַני באַרייכערט געוואָרן מיטן צוזאָץ פון פאַרפליכטונג פאַר ארץ־ישראל און געפינט זיך היינט אין דער קאָנסטיטוציע פון פאַרבאַנד, צוזאַ־מען מיט דער דעקלאַראַציע פון די גרונד־פּרינציפּן.

די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען אַנדערע רעזאָלוציעס, מאַנכע פון זיי פון היסטאָרישער באַדייטונג, וואָס האָבן צו טאָן מיט דערציאונג. דאָ גיבן מיר איבער די רעזאָלוציע:

„אנפאנגען א גרויסע אגיטאציע און ארבעט פאר נאציאנאל־ראדי־קאלע שבת־ און זונטאג־שולן. די פארבאנד־ברענטשעס זאלן זען די דאזיקע וויכטיקע ארבעטן אונטערצושטיצן מיט אלע מעגלעכקייטן, באווייזן די איניציאטיוו, רופן קאנפערענצן, געבן מאראלע און פינאנציעלע הילף און זען זיך ערנסט אפגעבן מיט דער פראגע פון דערציאונג פון אונזער אידישן דור״.

מען דארף ניט פארגעסן, אז א גרויסע צאל דעלעגאטן איז באשטאנען פון יונגע מענטשן, ניט פארהיראטע. די רעזאלוציע איז מיט אייניקע חדשים שפעטער ברייט געשטיצט געווארן פון די פועלי־ציון אויף זייער צוזאמענפאר אין מאנטרעאל און געפירט צו דער גרינדונג פון דער ערשטער נאציאנאל־ראדיקאלער שול אין ניו־יארק.

דא זיינען נאך אייניקע וויכטיקע באשלוסן פון דער ראטשעסטער־קאנפערענץ:

„דער צוזאמענפאר רעקאמענדירט זיינע ברענטשעס מיטצוהעלפן אין דער גרינדונג פון אידישע ארבעטער־אנטוויקלונגס־גרופן, און העלפן דעם אידישן ארבעטער אויסלערנען זיין שפראך״.

(ס׳זיינען דאן געווען גענוג אנאלפאבעטן צווישן די אידישע ארבעטער, וועלכע האבן ניט געקאנט לייענען און שרייבן אידיש.)

„דער צוזאמענפאר אנערקענט די וויכטיקייט פון אן אלוועלטלעכן אידישן עמיגראציאנס־קאנגרעס צו באהאנדלען פראגן פון אויסוואנדערונג און איינוואנדערונג און די גרינדונג פון אן עמיגראציאנס־באנק״.

„דער צוזאמענפאר אנערקענט די וויכטיקייט פון אגיטאציע צווישן היגע אידן צו ווערן אמעריקאנער בירגער״.

„דער צוזאמענפאר אונטערשטיצט די פאדערונג פון א אידישער סעקציע אין סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל״.

(די פאדערונג איז ארויסגעשטעלט געווארן פון די אלוועלטלעכע פועלי־ציון, וועלכע האבן געפאדערט אנערקענונג אלס פארטרעטער פון אידישע ארבעטער אין אינטערנאציאנאל, און וואס איז ביטער באקעמפט געווארן פון אידישע אסימילאטארישע סאציאליסטן און פון „בונד״. יארן שפעטער זיינען די פועלי־ציון אנערקענט געווארן אלס פארטרעטער פון ארץ־ישראל אין אינטערנאציאנאל.)

„דער צוזאמענפאר פאדערט אויף די פארבאנד־ברענטשעס אנצופירן א שטארקע אגיטאציע פאר אידישע אפטיילונגען (אידישע און העברעאישע ביכער) אין די עפנטלעכע ביבליאטעקן (פאבליק לייברעריס).

(די דאזיקע רעזאלוציע האט שפעטער געפירט צו וויכטיקע שריט און רעזולטאטן, וואס וועלן דערמאנט ווערן ווייטער.)

„דער צוזאמענפאר באטאנט די וויכטיקייט פון דער טרייד יוניאן־באוועגונג, רופט די חברים זיך אנצושליסן אין די יוניאנס פון זייערע פאכן און העלפן גרינדן יוניאנס דארט, וואו זיי זיינען נישטא און וואו ס׳זיינען דא מעגלעכקייטן״.

„דער צוזאַמענפֿאָר זאָגט זיך אַרויס פֿאַר דער גרינדונג און דעמאָקראַ־טיזירונג פֿון אידישע קהילות און רעקאָמענדירט זיינע חברים צו שענ־קען אויפמערקזאַמקייט דעם וויכטיקן ענין".

ס'איז דאָן אויך אָנגעקומען צום פֿאַרבאַנד אַ מעלדונג פֿון אַרגענטי־נע, אַז די אידעע פֿון פֿאַרבאַנד געפינט אַן אָפּקלאַנג ביי זיי. האָט די קאָנ־פערענץ באַשלאָסן, אַז

„דער צוזאַמענפֿאָר באַגריסט מיט פריד די מעלדונג פֿון אַרגענטינע, אַז דאָרט ווערט פּראָיעקטירט אַן ענלעכער פֿאַרבאַנד, און האָפט, אַז מיט דער צייט וועט געשאַפן ווערן אַן אַלוועלטלעכער אידיש־נאַציאָנאַלער אַר־בעטער־פֿאַרבאַנד".

דער קליינער יונגער פֿאַרבאַנד האָט שוין דאָן באַוויזן זיינע גרויסע אַמ־ביציעס.

פֿיל צייט האָט פֿאַרנומען די דיסקוסיע איבער אַן אַנטוואורף פֿון אַ צייטווייליקער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן.

ס'איז אויך געווען אַ פראַגע, וואו ס'זאָל זיך געפינען דער צענטער פֿון דעם פֿאַרבאַנד. מאַנכע פֿון דער פּראָווינץ האָבן געהאַלטן, אַז ס'דאַרף פֿאַרבלייבן אין דער פּראָווינץ, וואו דער פֿאַרבאַנד איז געשאַפן געוואָרן. די איבערוועגנדע מערהייט האָבן אָבער דורכאויס פֿאַרלאַנגט, אַז די לייטונג פֿון פֿאַרבאַנד זאָל אַריבער קיין ניו־יאָרק, וואו די מעגלעכקייטן זיינען געווען גרעסערע, און אַז ניו־יאָרקער חברים זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין דער אָנפירנדער אַרבעט. אַזוי איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַן אינסטרוקציע, אַז די נייע לייטונג זאָל באַטראַכטן און רעקאָמענדירן צו די ברענטשעס אַ סיסטעם פֿון לעבנס־פֿאַרזיכערונג און קראַנקן־בענעפיט.

ס'איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז אין אַ יאָר אַרום זאָל פֿאַרקומען אַ צווייטער צוזאַמענפֿאָר, און אין אָנערקענונג צו דער פּיטסבורגער לייטונג פֿאַר אירע לייסטונגען, זאָל פּיטסבורג רעקאָמענדירט ווערן אַלס צוזאַמענפֿאָר־פּלאַץ. די קאָנפערענץ האָט אויך אויסגעדריקט אָנערקענונג צו די פּיטסבורגער און פֿילאַדעל־פֿיער חברים פֿאַר זייערע וויכטיקע אַרבעטן, אויך אָנערקענונג צו אַלע עקזיס־טירנדע פֿאַרבאַנד־פֿאַראיינען און צו די נייע גרופּן. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די נייע לייטונג זאָל אַרויסלאָזן אַ רוף צום לאַנד צו גרינדן פֿאַר־באַנד־פֿאַראיינען.

אין דער צייטווייליקער קאָנסטיטוציע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין פֿאַר־באַנד זאָל איינגעפֿירט ווערן אַ רעפערענדום צו שטימען איבער די באַאַמטע און עקזעקוטיוו קאָמיטע־מיטגלידער, ווי אויך איבער אַלע לעגאַלע, פֿינאַנציעלע שטייערן, מאַטעריעלע בענעפיטן און פּראָגראַמאַטישע ענדערונגען. דער רעפֿע־רענדום איז ביז היינטיקן טאָג דער אויסדרוק פֿון פֿאַרבאַנד־מיטגלידער און זייער שטעלונג צו פֿאַרשידענע פֿאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן; ס'איז דער ווילן פֿון „דעמאָקראַטיע" אין פֿאַרבאַנד, וואָס באַשטימט דורך דעם רעפֿערענדום די וויכ־טיקסטע פֿאַרבאַנד־באַשלוסן און ענדערונגען.

ס'איז דערוויילט געוואָרן אַ לייטונג פֿון פֿאַרבאַנד פֿאַר ניו־יאָרק מיט

הויפט־באַאַמטע: חייקין, פּאַרזיצער; מ. בראַון, סעקרעטאַר; א. גרייזעל, קאַסירער; און 6 מיטגלידער פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע; אויך אַ קאָנטראָל־קאָמיטע פון 3 מיטגלידער. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער נאָמען פון אָרדן זאָל זיין „אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד" (אויף דער רעקאָמענדאַציע פון שיקאַגער דעלעגאַט מאַלין) און אין ענגליש — „דזשואיש נעשאָנעל לייבאָר אַלייענס".

די גרינדונגס־קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן מיט האַרציקע רייד און געזאַנג. די דעלעגאַטן זיינען זיך צעפאָרן, מונטער און געשטאַרקט. די פּועלי ציון האָבן צוגעקראָגן אַ געטרייען מיטקעמפער אין פאַרבאַנד, און צו־זאַמען האָבן זיי געהאָלפן ברעכן די אייזערנע וואַנט פון גלייכגילטיקייט און געגנערשאַפט אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע צו אידיש־נאַציאָנאַלע, אידיש־קולטורעלע און ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן.

די אידישע אָרדן־וועלט איז רייכער געוואָרן מיט אַ שפּאָגל־נייעם אָרדן, אייגנאַרטיק, גייענדיק זיין אייגענעם וועג, אויסמיידנדיק די חסרונות פון די אָרדנס, אָן דער איינפירונג פון לעכערלעכע צערעמאָניעס און מיט זאָרג ניט בלויז פאַר דער נשמה פון זיינע מיטגלידער, נאָר אויך פאַר דעם מאַטעריעלן נוצן פון זיינע מיטגלידער. דאָס האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען גראָד די אידעאַליסטן־גרינדער האָבן געשאַפן דעם פונדאַמענט פאַר אַ געזונטער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־פאַרזיכערונגס־קערפּערשאַפט, וואָס האָט אויך גע־געבן אַ מעגלעכקייט צו באַפעסטיקן זיך אין היגן לעבן און דערפילן זיינע אָרדן־פונקציעס אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אופן.

נאָך ראַטשעסטער

די ניו־יאָרקער עקזעקוטיווע האָט איבערגענומען די פאַרבינדונגען, וואָס פּיטסבורג האָט געהאַט מיטן לאַנד, און זיך גענומען צו דער אַרבעט. קיין מיט־לען זיינען ניט געווען, דער קאַסירער האָט געהאַט אַ ליידיקע קאַסע. ס'האָט געפעלט געלט אויף פּאָסט־מאַרקן. און דאָ האָט מען געדאַרפט דינגען אַן „אָפיס", אַ צימער און אַ האַלב אין יאַרמולאָווסקיס באַנק־געביידע אויף 165 איסט בראָדוויי. מעבל (מישטיינס געזאָגט) האָט מען געדאַרפט נעמען אויף באָרג, אויסצאָלן. דעם סעקרעטאַר איז אָנגעקומען גאַנץ שווער; ער האָט געדאַרפט באָרגן און לייען אויף דאָס סאַמע נויטיקסטע פאַרן אָפיס, שוין ניט רעדנדיק פאַר זיך (זיין געהאַלט איז באַשטימט געוואָרן אויף 10 דאָלאַר אַ וואָך). צאָלונגען האָט מען באַשטימט פּראָוויזאָרישע, ניט וויסנשאַפטלעך אויסגערעכנטע. מען האָט באַשלאָסן, אַז דערווייל, ביז מען וועט פעסטשטעלן וועגן דעם טשאַר־טער פון פאַרזיכערונגס־סיסטעם, זאָל מען צאָלן אַ דאָלאַר מיט 50 סענט יעדע דריי חדשים, און דאָס געלט זאָל גיין סיי פאַר אָנפירן די אַרבעט, סיי פאַר צאָלן בענעפיטן צו די, וועלכע האָבן זיך געניויטיקט. ס'איז בלויז געווען אַ באַשלוס, אַז פאַר די ערשטע 6 חדשים זאָל מען ניט צאָלן קיין בענעפיטן. די נייע ליטונג איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז ווי ניט איז וועט דער פאַרבאַנד זיינע שווערע קינדער־יאָרן דורכמאַכן און אַרויס אויף אַ ריכטיקן דרך. מען האָט געמוזט

אויף פאַר דער עפנטלעכקייט שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער פאַרבאַנד איז שוין „אַלרייט” און מען קאָן האָבן צו אים צוטרויען.

די ערשטע אַרבעטן, חוץ דעם אָפּיס איינשטעלן, איז באַשטאַנען אין:

1. אַרויסלאָזן אַ רוף צום לאַנד, איבערגעבנדיק דעם תמצית פון ראַטשעסטער פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסן, און פאַרלאַנגענדיק, אַז די פאַרבאַנד־פאַראיינען, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן, זאָלן דורך אַ רעפערענדום ראַטיפיצירן די באַשלוסן און די וואַלן. מען האָט זיי געגעבן צייט ביזן 15טן אויגוסט 1910.
2. אָפּדרוקן און אַרויסשיקן בילס צו איינצלנע מיטגלידער. ס'איז געווען אַ פּראָבע פאַר דער ניו־יאָרקער לייטונג צו וויסן, וויפל חברים ס'וועלן זיך רעגיסטרירן און באַצאָלן זייערע שטייערן.
3. אַריינגעבן אַ ווענדונג אין דער פּרעסע, רופנדיק יחידים און פאַראייניען אָנצושליסן זיך אָן פאַרבאַנד און העלפן אים ווערן אַ כוח.
4. דערוויילן אַ קאָמיטעט פון צוויי חברים, וואָס זאָל באַטראַכטן די פאַרמען פון בענעפיטן אוןדי סיסטעם פון לעבנס־פאַרזיכערונג, און זען, אַז ער זאָל זיך באַלד נעמען צו דער אויספאָרשונג און צוּשטעלן אַ באַריכט צו דער לייטונג ניט שפּעטער פון נאָוועמבער 1910.
5. גוט דורכשטודירן די קאָנפערענץ־באַשלוסן און אויפנעמען אַ פּאָר אַרבעטן, ווי די גרינדונג פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און אידישע אָפּטיילונגען אין די שטאָט־ביבליאָטעקן. די ערשטע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דער פּועלי־ציון פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאַל אין הערבסט פון יאָר 1910, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין ניו־יאָרק, מיט חבר ה. עהרענרייך אַלס ערשטער סעקרעטאַר. (וועגן די שולן ווערט געשריבן באַזונדער.) די צווייטע אַרבעט איז געווען פאַרצובערייטן אַ פּעטיציע פאַר אידישע אָפּטיילונגען אין פּאָבליק לייברעריס און זי פונאַנדערשיקן איבערן לאַנד. די אַרבעט האָט אַרויסגערופן אינטערעס און ענטוזיאַזם, און אייניקע שטעט האָבן באַוויזן באַדייטנדע רעזולטאַטן אויף דעם געביט. חבר ענטין איז איינגעלאַדן געוואָרן שפּעטער אָנצושרייבן אין ענגליש אַ קורצן איבערבליק איבער דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, און דאָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אַ צאָל חברים איבערן לאַנד, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיטן איבערבליק אין זייערע ווענדונגען צו די שטאָט־ביבליאָטעקן.

דאָס איז געוואָרן אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג פונם יונגן פאַרבאַנד און אין אַ פּאָר צענדליק פאַראיינען איז די אַרבעט אָנערקענט געוואָרן, געוואונען פאַר אונז פריינד און טאַקע געבראַכט רעזולטאַטן. דער פאַרבאַנד האָט גלייכצייטיק אַפּעלירט צו זיינע מיטגלידער, אַז זיי זאָלן צווישן זייערע חברים און באַקאַנטע אָנהויבן אַגיטירן צו לייענען אידישע ביכער, און אויף אַזאַ אופן דערוויזן די שטאָט־ביבליאָטעקן, אַז ס'איז דאָ אַ נאָכפראַגע אויף אידישע און העברעאישע ביכער.

אין די ערשטע יאָרן זיינען געשיקט געוואָרן מימעאָגראַפישע צושריפטן יעדע צוויי וואָכן צו די פאַראייגען מיט אַ באַליכטונג איבער פאַרשידענע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע, אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער־פראַגן. די צושריפטן זיי־נען דאַן געלייענט געוואָרן מיט אינטערעס און האָבן געגעבן אַ געלעגנהייט אינ־טעליגענטע חברים אויפצוקלערן די מיטגלידער איבער די פראַגן. ס'איז גע־ווען אויפקלערונגס־אַרבעט. טאָמער פלעגט אַמאָל ניט אָנקומען אַ צושריפט אין צייט, פלעגן די סעקרעטאַרן איבערן לאַנד מאַכן אַ גוואַלד, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן אויף די צוויינ־מיטינגען. חבר ש. באַנטשעק איז דאַן פאַר אַ קורצער צייט אַריין אין פאַרבאַנד־אָפיס און געווען אַ געטרייער מיטאַרבעטער צו חבר בראַון. זיין געהאַלט איז באַשטימט געוואָרן אויף 8 דאָלאַר אַ וואָך. ס'איז געווען אַ שווערע פינאַנציעלע פּראָבלעם פאַר דער לייטונג, ווי אַזוי צו דעקן די מינימאַלע נויטיקסטע אויסגאַבן. די לייטונג האָט דאַן דורכגע־פירט מערערע אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק, און דער פאַרבאַנד־סעקרעטאַר האָט אויך פון זיין זייט באַזוכט נאָענטע פּונקטן. פון אַ גרעסערן טור האָט מען נאָך ניט גע'חלומ'ט, ווייל ס'זיינען ניט געווען די מיטלען, און מען האָט מורא געהאַט, אַז דער סעקרעטאַר זאָל פאַרלאָזן דעם אָפיס אויף מער ווי איניקע טעג. סטענאָגראַפיסטן און שרייבער אויף דער מאַשין זיינען באַ־טראַכט געוואָרן אַלס גרויסער לוקסוס; אַלע בריוו, צושריפטן זיינען געשריבן געוואָרן מיטן האַנט. (מיר האָפן, אַז ביי מאַנכע סעקרעטאַרן האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט די געשריבענע צושריפטן, און זיי וואָלטן געדאַרפט איבערגעשיקט ווערן פאַר די אַרכיוון פון פאַרבאַנד, וואָס וועלן דאָך סוף־כל־סוף מוזן געזאַמלט און איינגעאָרדנט ווערן.)

די מערסטע פאַרבאַנד־פאַראיינען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון פועלי־ציון און אַנדערע פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע חברים. קאָן מען זיך משער זיין די פרייד פון דער ניו־יאָרקער לייטונג, ווען דער פאַרבאַנד האָט דעראַבערט דעם ערשטן לאַנדסלייט־פאַראיין אין פילאַדעלפיע, די בראָהינער, וועלכע זיינען געוואונען געוואָרן מיט דער הילף פון ח' קירפּיטשניקאָוו אין פילאַדעלפיע אַלס פאַרבאַנד־ברענטש. אברהם קונין איז געווען דער פירער פון דעם לאַנדסלייט־פאַראיין, און אויס אָנערקענונג צום ערשטן לאַנדסלייט־פאַראיין אין פאַרבאַנד האָט מען אים געגעבן דעם נומער 2 און דורכגעפירט אַ פייערלעכע אינסטאַלירונג, צו וועלכער חבר בראַון איז געקומען. אברהם קונין איז דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון קאָנטראָל־קאָמיטעט, און ער פלעגט זיך פירן ווי ביי לייטן אַ קאָנ־טראָליאָר: אַריינגעקוקט אין די חשבונות, זיך געבייזערט, ווען מען האָט אויסגע־געבן אַ צוויי־דריי דאָלאַר מער, ווי ער האָט געדענקט, אַז מען האָט געדאַרפט. אַליין אַ רעליגיעזער איד, אַ טייל פון זיינע חברים אויך רעליגיעז געשטימט (ווי חבר זומאָוו, דער סעקרעטאַר — אַ גאָר וואוילער און געטרייער איד), זיינען זיי אָבער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פאַרבאַנד־סביבה און אָנגעוואָרעמט געוואָרן פון דעם חבר'שן קרייז און ווירקונג פון פאַרבאַנד אויף זייערע מיטגלידער, וועל־כע זיינען געווען פשוט'ע פאָלקס־מענטשן.

אַ זיג האָט דער פאַרבאַנד אויך געהאַט, ווען דער „פועלי ציון בענעוואָ־

די ערשטע פרעזידענטן פון פאַרבאַנד (פאַרעפנטלעכט אין דער „פאַרבאַנד־שטימע" פון יאַנואַר, 1923).

לענט פאַראיין" האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ פאַרבאַנד־ברענטש און איז איינ־
סטאַלירט געוואָרן אַלס ברענטש 40. צווישן די אַריינגענומענע זיינען געווען:
גאָלדשטיין, עהרענרייך, גלאַזמאַן און וועלוול שוואַרץ (וועלוול איז געווען אַ
זעלטענער טיפּ פון אַ פּועלי־ציון, וועלכער האָט געהאַט אַ שאַרפע צונג, פאַר
וועלכן אַפילו פּאַרטיי־גדולים האָבן מורא געהאַט, אָבער איבערגעגעבן צום
פּועלי־ציוניזם מיט לייב און לעבן. ערלעך, אַ שונא פון פאַלשקייט, אַליין אַ
מענטש פון פאָלק; ניט קיין גדול, האָבן אָבער גדולים, קולטור־מענטשן, ליטע־
ראַטן און אַרבעטער־פירער זיך געפילט געשמייכלט, ווען וועלוול איז געווען
מיט זיי חבר'יש. מען האָט אים באַטראַכט אָפט אַלס דעם געוויסן פון די
פּועלי־ציון; געשטאָרבן פּלוצלונג פון אַ האַרץ־קראַנקהייט אין ווינטער 1932).
גלאַזמאַן איז שפּעטער געוואָרן דער גרינדער פון זשיטאָמירער ברענטש 52
(ער איז שוין ניט מער צווישן די לעבעדיקע). ה. עהרענרייך איז דאָך גוט
באַקאַנט דעם פאַרבאַנד און דער פּועלי־ציון־משפּחה, סיי אַלס לאַנגיאָריקער
סעקרעטאַר פון די פּועלי־ציון, סיי אַלס איצטיקער סעקרעטאַר פון דער אַרבע־
טער־אָפּטיילונג פון אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, און בכלל אַלס איינער, וועלכער
האָט זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין
אַמעריקע און אַלס פאַרבאַנד־פירער. ש. גאָלדשטיין איז שפּעטער געוואָרן
אַקטיוו אין פאַרבאַנד, געווען איינינקע מאָל וויצע־פּרעזידענט און פיר יאָר פאַר־
באַנד־סעקרעטאַר — פון 1922 ביז 1926.

ס'איז אַריבער דאָס יאָר 1910. נייע פונקטן און פאַראיינען זיינען געוואו־
נען געוואָרן איבערן לאַנד און אין ניו־יאָרק, צווישן זיי לאַנדסלייט־גרופּן. אי־
בערהויפּט האָט זיך די פאַרבאַנד־עקזעקוטיווע געפרייט מיט יעדן צוגעקומענעם
לאַנדסלייט־פאַראיין, ווייל דאָס איז געווען דער בעסטער באַוויז, אַז דער פאַר־
באַנד קאָן געווינען „דאָס פאָלק".

איבערן לאַנד זיינען די פאַראיינען געשטאַרקט געוואָרן. מען האָט אָנגע־
הויבן שטעלן פאָדערונגען צו ניו־יאָרק, געוואָלט זען דעם פאַרבאַנד וואָס שנע־
לער לעגאַליזירט, כּבדי אויסצונוצן די געשאַפענע סימפּאַטיעס און אינטערעס
פאַרן פאַרבאַנד. אָפט איז אויך אויסגעקומען דער עקזעקוטיווע צו האַנדלען
איבער דעליקאַטע אָרגאַניזאַציע־פראַגן. אַזוי, צום ביישפּיל, פלעגן פון צייט
צו צייט באַזוכן דעם פאַרבאַנד קאָמיטעס פון 2־3 מענטשן, וועלכע האָבן גע־
וואָלט איינצלהייטן וועגן דעם פאַרבאַנד. די איינצלהייטן זיינען זיי געגעבן גע־
וואָרן, אָבער דערביי זיינען זיי אויסגעפרעגט געוואָרן, ווי אַזוי זיי זיינען געקו־
מען צו ווענדן זיך צום פאַרבאַנד, פון וועלכן עלעמענט באַשטייען זייערע אָרגאַ־
ניזאַציעס, צי זיינען זיי איינשטימיק מיט די פּרינציפּן פון פאַרבאַנד. דאָס
פלעגט תמיד באַטאָנט ווערן אין אָנהויב פון די געשפּרעכן. זיינען צווישן די
קאָמיטעס געווען אויך אַזוינע, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זיי פאַרטרעטן פאַר־
איינען, וואָס געהערן צו אַנדערע אידישע און אַרבעטער־אָרדנס און ווילן אַרי־
בער צום פאַרבאַנד. און דער ענטפער פון פאַרבאַנד איז שטענדיק געווען קלאָר
און דייטלעך: „מיר נעמען ניט איבער אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען פון אַנדערע
אָרדנס. מיר האָבן זיך ניט געגרינדעט אַלס קאָנקורענץ און מיר זיינען אַן

ערנהאַפטער אָרדן. איבערנעמען לאַדזשן און פּאַראײנען פֿון אַנדערע אָרדנס װעלן מיר קײנמאָל ניט". דאָס איז געװען און דאָס איז ביז הײנט געבליבן די פּאָליסי אין פֿאַרבאַנד, װעלכע האָט געװאונען פּאַר אונז דרך־ארץ. צײלן זיך הײנט צװישן די פֿאַרבאַנד־מיטגלידער פֿיל אַזױנע, װעלכע זײנען געקומען אַמאָל צום פֿאַרבאַנד פֿאַרהאַנדלען װעגן אַריבערנעמען זײער אָרדן־פֿאַראײן אין פֿאַרבאַנד און זײנען געװאונען געװאָרן פֿאַרן פֿאַרבאַנד אַ דאַנק זײן אױסגעשפּראָכענער פּראָגראַם און עטישע האַנדלונגען.

אין יאָר 1911 האָט מען זיך אָנגעהױבן גרײטן צום פּיטסבורגער צוזאַמענפֿאָר. דער פֿאַרבאַנד האָט שױן געצײלט אַרום 700 חברים, און צום צוזאַמענפֿאָר אין פּיטסבורג אין יולי 1911 שױן געהאַט אַרום 1,000 מיטגלידער.

די שװערסטע אַרבעט און אױפֿגאַבע איז נאָך אָבער געשטאַנען פֿאַרן פֿאַרבאַנד, און דאָס איז — צו לעגאַליזירן אים און פֿעסטצושטעלן זײן פֿאַרזיכערונגס־סיסטעם.

די לעגאַליזירונגס־אַרבעט און די פֿאַרזיכערונגס־סיסטעם

דעם קאָמיטעט פֿון צװײ חברים, בראַון און אַװרוניק, איז איבערגעגעבן געװאָרן די אַרבעט אױסצופֿאָרשן און פֿאַרברײטן אַ פּלאַן פֿאַר לעבנס־פֿאַרזיכערונג, װאָס דער פֿאַרבאַנד זאָל אָננעמען. בראַון איז שױן דאַן געװען באַקאַנט מיט פֿאַרזיכערונגס־פֿראַגן און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַקאַנען זיך מיט די פֿאַרשידענע פֿאַרזיכערונגס־פֿראַגן און דעם סיסטעם, װאָס האָט געהערשט אין די אַלגעמײנע אידישע און אַרבעטער־אָרדנס. אין די אָרדנס איז דאַן געװען פּאָפּולער דער פּלאַן פֿון ביליקע צאָלונגען. די אָרדנס האָבן געלעבט פֿון האַנט צום מױל און װײניק געטראַכט װעגן דער צוקונפֿט.

די אידישע אָרדנס האָבן זיך ניט געפֿירט לױט דער װיסנשאַפֿטלעכער סיסטעם, װאָס פּריװאַטע געזעלשאַפֿטן זײנען געצװוּנגען געװען אָנצונעמען. ביי זײ האָט געהערשט אַן אַסעסמענט־סיסטעם פֿון גלײכע צאָלונגען, יונג און אַלט גלײך. װען דער אָרדן איז געװען יונג, געהאַט אַ צאָל יונגע מענטשן און די שטערבלעכקײט איז ניט געװען גרױס, איז דער אָרדן געפֿירט געװאָרן אָן זאָרג. די אָרדנס האָבן געהאַט אַלטע טשאַרטערס, װאָס האָבן זײ געשטעלט אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע און ניט געפֿאָדערט פֿון זײ אַ װיסנשאַפֿטלעך אױסגערעכנטע סיסטעם פֿון צאָלונגען לױט יעדן עלטער אין אָנערקענטע טאַבעלן פֿון שטערבלעכקײט (דאָס איז ערשט געקומען אין יאָרן אַרום, און פֿאַר מאַנכע אָרדנס שױן צו שפּעט).

אָבער די מיטגלידער האָבן זיך געעלטערט, די שטערבלעכקײט איז געװאָרן גרעסער, די טױטן־בענעפֿיט־אױסצאָלונגען האָבן געפֿאָדערט מער שטײערן; האָבן די יונגערע מיטגלידער פּראָטעסטירט קעגן העכערע שטײערן און אָנגעהױבן פֿאַרלאָזן די אָרדנס. די עלטערע האָבן געקעמפֿט קעגן העכערע שטײערן, אָבער זיך ניט געקענט אָפּט העלפֿן און האָבן געמוזט צאָלן. די אָרדן־פֿירער האָבן אָבער מורא געהאַט צו מאַכן אַ ראַדיקאַלן שריט, און אַלס רעזולטאַט פֿון מורא און אומפֿאַראַנטװאָרטלעכע האַנדלונגען זײנען גאָר גרױסע אָרדנס

שוין דאָן געווען אין געפאַר פון אָפּשוואַכונג, פאַרלוסט פון גרויסע צאָלן מיט־גלידער און אונטערגאַנג, וואָס דאָס איז טאַקע שפּעטער געשען.

פאַר דער פאַרבאַנד־לייטונג איז געשטאַנען די פראַגע, ווי צו האַנדלען. זאָל מען גיין אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד, איינפירן אַן אַסעסמענט־סיס־טעם, אָדער ברענגען אַ נייעס אויך אויפן געביט פון פאַרזיכערונג אין דער אָרדן־וועלט? געווען אײנצלנע, וועלכע האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מען קאָן געווינען גרוי־סע צאָלן מיט ביליקע צאָלונגען, אַז די מיטגלידערשאַפט איז פון אַ גאַר יונגן עלעמענט, און אַז יאָרנלאַנג קאָן נאָך דער פאַרבאַנד זיך פירן לויט דער אַסעס־מענט־סיסטעם פון ווערן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע.

די קאָמיטע האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג, און די מיינונג איז באַ־קרעפטיקט געוואָרן פון אַ גרויסן פאַרזיכערונגס־מאַטעמאַטיקער, מיילס מ. דאוסאָן, וועלכער איז געווען אַ גרויסע הילף צו גאָווערנאָר היוז בעת דער אונ־טערזוכונג פון אינשורענס־קאָמפּאַניס אין 1906.

צו אים זיינען אַוועק די חברים בראַון און אָוורונין און האָבן אים איבער־געגעבן אַלץ, וואָס דאוסאָן האָט געדאַרפט וויסן בנוגע דעם יונגן פאַרבאַנד — די צאָל פון זיינע מיטגלידער, זייער עלטער און מעגלעכקייטן. זיי האָבן אים דערקלערט, אַז זיי ווילן האָבן אַ וויסנשאַפטלעכע פאַרזיכערונגס־סיסטעם, ווייל זייער צוועק איז צו שאַפן אַ געזונטן יסוד, וואָס זאָל אויסמיידן די פעלערן פון די אַנדערע אָרדנס.

דאוסאָן האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע, טיילווייז פאַראינ־טריגירט געוואָרן, זעענדיק פאַר זיך צוויי נאָך גאַר יונגע מענטשן, וועלכע האָבן, קאַנטיק, אים ענטוזיאַסטיש געלאָזט פילן, אַז זיי זיינען גרייט אויף אַלע שווערי־קייטן און קרבנות, אַבי דער פאַרבאַנד זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען און ניט מורא האָבן פאַר אונטערגאַנג אין די שפּעטערע יאָרן.

ס׳זיינען דאַן באַשפּראָכן געוואָרן אייניקע סיסטעמען, צווישן זיי די באַ־קאַנטע „נעשאַנעל פראַטוירנעל ראַיטס״, און אויך אַ סיסטעם פון צאָלונגען, באַ־זירט אויף דער אַמעריקאַנער דערפאַרונגס־טאַבעלע פון שטערבלעכקייט, מיט 4 פּראָצענט פאַרדינסטן פון די איינקונפטן.

ביידע סיסטעמען האָבן באַטאָנט, אַז די צאָלונגען דאַרפן זיין פאַר יעדן מיטגליד באַזונדער, לויט זיין עלטער ביים אַריינקומען און דער סומע פאַרזי־כערונג, וואָס ער האָט, און אַז ביידע זיינען באַזירט אויף שטערבלעכקייט־דער־פאַרונגען. אָבער די צווייטע סיסטעם (די, וועלכע דער פאַרבאַנד פּראַקטיצירט ביז היינט־צו־טאָג) איז מער קאָנסערוואַטיוו און זיכערער, גיט גרויסע פּריווילע־גיעס צו די מיטגלידער, ענלעך צו די פּריווילעגיעס פון פּריוואַטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, ווי דאָס רעכט פון הלוואות אויף די פּאָליסיס נאָכדעם ווי אַ חבר געהערט אַ פּאָר יאָר צום פאַרבאַנד, דאָס רעכט צוריקצוקריגן אַ געוויסע סומע געלט, ווען דער מיטגליד טרעט אַרויס פון אָרדן נאָך דעם ווי ער האָט גע־הערט אייניקע יאָר, און דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער „עקסטענשאָן טוירם״־פּריווילעגיע, וואָס דאָס מיינט, אַז דער מיטגליד, נאָכדעם ווי ער געהערט אייניקע יאָר און קאָן מער ניט צאָלן קיין פאַרזיכערונג, קאָן ער אָנהאַלטן פאַר אַ געוויסער

צייט זיין פאַרזיכערונג, נישט צאָלנדיק ווייטער די שטייערן פאַר פאַרזיכערונג. אויך, אַז די סיסטעם וועט דערמעגלעכן דעם פאַרבאַנד צו געבן דיווידענדן. מיט אַנדערע ווערטער וועט דאָס מיינען, אַז אַ פאַרבאַנד־מיטגליד וועט ניט פאַר־לירן זיינע אַלע צאָלונגען, ווען ער שטרייכט זיך יאָרן שפּעטער. נאָך אַ וויכ־טיקער פונקט איז געווען אין דער סיסטעם, און דאָס איז, אַז די פאַרזיכערונגס־צאָלונגען פאַרבלייבן די זעלבע ווי ביים אַריינקומען, פאַרן גאַנצן לעבן.

דאַוסאָן האָט אַ פרעג געטאָן, וואָס האַלט אונזער קאָמיטע פאַר לייכטער דורכצופירן. די חברים האָבן געענטפערט, אַז זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר שוועריקייטן, אַז אונזער גאַנצע גרינדונג און אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, און אַז זיי וועלן רעקאָמענדירן די צווייטע סיסטעם, ווייל דאַן קאָנען זיי רואיק זיין פאַר דער צוקונפט און קאָנען מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט רופן צו זיך נייע מיטגלידער.

דער ענטפער איז אַזוי געפעלן געוואָרן מיילס מ. דאַוסאָנען, אַז ער איז געוואָרן אַ הייסער פריינד פון פאַרבאַנד אוןווירקלעך פיל געאַרבעט, געהאָלפן, געזוכט צו געווינען פאַרן פאַרבאַנד דעם צוטרויען פון אינשורענס־דעפּאַרטמענט און איבערגעגעבן זיין זון אַלפרעד ניט צו שפּאָרן קיין צייט פאַר אונז. איז דער סעקרעטאַר געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער צו דאַוסאָנען, אָפּט געדרויבט זיין צייט, וואָס פאַר דעם פלעגט ער פון זיינע רייכע קליענטן נעמען שווערע טויזנטער. מיר האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן (1,000 דאָלאַר האָבן מיר אים באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט). די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט אָפּט אויסגעהערט די באַריכטן, און דאַוסאָנס נאָמען איז געוואָרן פּאָפּולער אין פאַרבאַנד, און ווי דער שטייגער איז ביי אידן, האָט מען מיט דער צייט געשאַפן שפּאַסן אַרום דאַוסאָנען און גע׳טענה׳ט, אַז ווי עפּעס אַ שוועריקייט, סטראַשעט בראַון מיט דאַוסאָנען.

די אַרעמע עקזעקוטיווע האָט נעבעך געדאַרפט אויסהערן די אַלע פאַרזיכער־רונגס־פונקטן. אָפט זיינען די זיצונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלאַסן איבער פאַרזיכערונג. מאַנכע חברים האָבן גע׳טענה׳ט, אַז ס׳איז אַ צו קאָמפּליצירטע סיסטעם פאַרן פאַרבאַנד. דערביי האָבן זיי גערעכנט, אַז ס׳וועט גאָר זיין שווער דורכצופירן דעם הויפּט־פונקט, און דאָס איז צו קריגן 500 חברים, וועלכע זאָלן אַרויסנעמען יעדער צו 1,000 דאָלאַר פאַרזיכערונג און איינצאָלן אַ טייל פון די פּרעמיעס. די פאַרדינסטן זיינען געווען קליין, און אַ 1,000 דאָלאַר־פּאָליסי איז געווען פאַר אַ גרויסער צאָל אַ ניט־דערגרייכבאַרער חלום.

די עקזעקוטיווע האָט זיך צום סוף געאייניקט צו רעקאָמענדירן צום פּיטס־בורגער צוזאַמענפאָר דעם פאַרזיכערונגס־פּלאַן און די שריט פאַר קריגן דעם טשאַרטער.

חבר בראַון איז געשיקט געוואָרן קיין פּיטסבורג אָנהויב מאַי 1911 צו באַגעגענען זיך מיט די חברים וועגן צוזאַמענפאָר־פאַרברייטונגען, ווי אויך האָט ער איבערגעגעבן אַ קליינער צאָל געטרייע חברים וועגן די פּלענער פאַרן טשאַרטער און געבעטן ביי די פּיטסבורגער אַ הלוואה פאַר דער אַרבעט. צום שבח פון די פּיטסבורגער חברים מוז געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן אויפגענומען דעם פאַרבאַנדס סעקרעטאַר־באַריכט און פאַרלאַנג אויף אַ באַזונדערס חבר׳שן אופן

און האָבן אים פאַרזיכערט אַ הלוואה פון 850 דאָלאַר, וואָס איז אים סוף יוני 1911 איבערגעגעבן געוואָרן. די האַנדלונג פון די פּיטסבורגער חברים (איבער־הויפּט מאָריס סיגאַל, דזשיימס קאָהן, ש. סיגאַל) איז באַגריסט געוואָרן מיט הארציקייט פון דער פאַרבאַנד־לייטונג און איז עפנטלעך אָנערקענט געוואָרן אין דעם באַריכט פון חבר בראַון צום פּיטסבורגער צוזאַמענפאָר אָנהויב יולי 1911. ס׳איז געווען דער באַווייז פון צוטרוי פון חברים צו זייער אייגן קינד, וואָס האָט געזוכט דורכצושלאָגן זיך אַ וועג.

דער פּיטסבורגער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט אַ פּאָר טעג. הויפּטזעכלעך זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן און דיסקוסיעס איבער די אַרבעטס־מעגלעכ־קייטן. נאָך אַ לאַנגן מיינונגס־אויסטויש זיינען גוטגעהייסן געוואָרן די פּלענער פון לעגאַליזירונג און ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרן די האָפענונג, אַז אין יאָר 1912 וועט דער פאַרבאַנד ענדלעך קריגן זיין טשאַרטער און אָפּהאַלטן זיין ערשטע געזעצלעכע קאָנווענשאָן. ס׳זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן איבער די ערשטע אַנטשטאַנענע שולן, איבער געפּלאַנטע בילדונגס־אַקטיוויטעטן. ס׳זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס איבער אַ צאָל אידיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. די פּרעסע האָט גוט באַהאַנדלט דעם צוזאַמענפאָר, אַפילו דער „פאָרווערטס״, וואָס האָט אַ ביסל איראָניזירט איבערן פאַרבאַנד, האָט אָפּגעגעבן קורצע באַ־ריכטן.

די פּועלי־ציון האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די פּאַרטיי־חברים, וועלכע זיינען געווען דעלעגאַטן. זיי האָבן באַטאָנט, אַז די פּאַרטיי זעט אינם פאַרבאַנד אַ געטרייען שותף אין קאַמף, אָבער די פּועלי־ציון דאַרפן אין זין האָבן צו בויען אויך די אייגענע פּאַרטיי און ניט באַנוגענען זיך מיט דער אַרבעט פונם פאַרבאַנד.

צום צוזאַמענפאָר זיינען געקומען דעלעגאַטן שוין פון פיל נייע שטעט, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דורכן יאָר געוואונען פאַר זיך. חבר ג. אָורונין איז דער־ווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט; ב. עלקין — וויצע־פּרעזידענט; מ. בראַון — סעקרעטאַר; און ס. מאַהעל — קאַסירער. צו זיי זיינען אויך דערווילט יעוואָרן נאָך 7 חברים אין דער עקזעקוטיווע און אַ קאָנטראָל־פינאַנץ־קאָמיטע פון 5 חברים.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוטיילן פון דער עקזעקוטיווע אַ קלענערע קאָמיטע פאַר בילדונגס־אַרבעטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ חשוב׳ן פּלאַץ אין פאַרבאַנד. אין פּיטסבורג איז אויך אָנוועזנד געווען חבר לעאָן כאַזאַנאָוויטש, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער אַרגענטינישער רע־גירונג פאַר זיין פאַרזוך צו אָרגאַניזירן די אַרגענטינער אידישע קאָלאָניעס אין קאַמף פאַר גערעכטע פאָדערונגען צו דער „יקא״. זיין באַריכט האָט אויפגע־שטורעמט דעם צוזאַמענפאָר, און פאַסנדע רעזאָלוציעס פון דערמוטיקונג פון די אידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע זיינען אָנגענומען געוואָרן.

דער פּיטסבורגער פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר האָט געגעבן אַ שטויס די אַר־בעט פאַרן פאַרבאַנד, טראָץ דעם וואָס די דעלעגאַטן האָבן ערשט דערזען די שוועריקייטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דורכצומאַכן, און וואָס אויף דער ראָ־

טשעסטער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ האָט מען וועגן זיי גאָרנִיט געטראַכט, ווייל דאַן איז מען געווען פֿאַרכאַפּט פֿון אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס. פּיטסבורג האָט שוין אָבער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תּכלית, און ס'האָט זיך געפֿילט אַ טייל־ווייזע אומרואיקייט איבער די מעגלעכקייטן צו קריגן אַ טשאַרטער פֿאַרן פֿאַרבאַנד, וואָס אָן אים וואָלט אָפּגעשניטן געוואָרן די פֿאַרבאַנד־עקזיסטענץ.

פֿון פּיטסבורגער צוזאַמענפֿאָר ביז דער טשאַרטער־קאָנווענשאָן אין אַלבאַני זיינען פֿאַריבער כּמעט אַ יאָר און אַ האַלב. די פֿאַרבאַנד־לייטונג האָט געמאַכט פֿאַרשידענע אָנשטרענגונגען צו לעגאַליזירן דעם פֿאַרבאַנד. ער איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ נייעם געזעץ אין ניו־יאָרק, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין פֿאַרבינדונג מיט דער לעגאַליזירונג פֿון נייע אָרדנס. האָבן פֿריינד אַפּילו אָנגע־הויבן צו אַנטמוטיקן די פֿירער פֿון פֿאַרבאַנד, גיסן קאַלט וואַסער. זיי האָבן געראָטן ניט אַנצוגיין מיט דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן פֿאָראויסגעזאָגט, אַז דעם פֿאַרבאַנד וועט זיין אוממעגלעך צו קריגן אַ טשאַרטער. מאַנכע פֿון נייע גרופּן און חברים האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דעם פֿאַרבאַנד. אויך פֿון אייניקע פּונקטן איבערן לאַנד זיינען אָנגעקומען שווערע ידיעות, אַז אַ צאָל ניי־צוגעקומענע לאָזן זיך שטרייכן, ווייל זיי איז נמאס געוואָרן צו וואַרטן אויף דעם טשאַרטער. אין פֿאַרבאַנד האָט זיך אין אַ קליינער מאָס אָנגעהויבן איבער'חזר'ן דאָס, וואָס די אַרבעטער־רינג־פֿירער האָבן דורכגעמאַכט אײדער זיי האָבן דערהאַלטן זייער טשאַרטער (סוף סעפּטעמבער 1905), נאָכדעם ווי זיי האָבן אייניקע יאָר שווער געאַרבעט. אָבער די פֿאַרבאַנד־לייטונג איז געווען פֿעסט אַנטשלאָסן אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, האָט געמונטערט די חברים פֿון ניו־יאָרק און אין לאַנד, אַפּעלירט צו די באַוואוסטזיניקע און געטרייע ניט אַראָפּצולאָזן די הענט, נאָר קאָנצענטרירן זיך אויף אויפֿקלערונג צווישן די חברים, אַרויסרופֿן אין זיי אַ טיפֿערן אינטערעס און ענטוזיאַזם. צום שבֿח פֿון די מערסטע חברים מעג באַטאָנט ווערן, אַז זיי האָבן ניט אויפֿגעגעבן זייערע פּאָזיציעס, זייערע אַרבעטן, זייערע פֿאַרזאַמלונגען און פּראָפּאַגאַנדע, אַפּילו ווען זיי האָבן אָנגעהויבן פֿאַר־לירן אומגעדולדיקע און ניט־גענוג אויפֿגעקלערטע מיטגלידער.

אין דער זעלבער צייט איז די ארץ־ישׂראל־אַקטיוויטעט געוואָרן מער איינ־געבירגערט אין פֿאַרבאַנד (זע: „ארץ־ישׂראל־אַקטיוויטעטן און דער פֿאַרבאַנד"), און זיין בילדונגס־אַרבעט האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט. ס'זיינען צוגעקו־מען נייע פֿאַרבאַנד־גרופּן אין סט. פּאָול, באָסטאָן, דייטאָן, קליוולאַנד, באָפֿאַלאָ, מינעאַפּאָליס, אָמאַהאַ, לין, אויך אין ניו־יאָרק. דער פֿאַרבאַנד האָט זיך גע־לאָזט הערן אין דער עפֿנטלעכקייט און זיין נאָמען איז געוואָרן באַקאַנט. גלייכ־צייטיק איז דער פֿאַרבאַנד אָנגעגאַנגען מיט אויפֿקלערונגען איבער דער געפּלאַנ־טער פֿאַרזיכערונגס־סיסטעם און זיינע אויפֿקלערונגען און קריטיק פֿון אַסעס־מענט־סיסטעם האָבן אַרויסגערופֿן אומצופֿרידנהייט מצד אַנדערע אָרדנס.

דעם 7טן מערץ 1912 איז דער פֿאַרבאַנד אינקאָרפּאָרירט געוואָרן. פֿאַר דעם זיינען נויטיק געווען 7 אונטערשריפֿטן פֿון חברים־בירגער. דעם 29טן מערץ האָט די לייטונג פֿון פֿאַרבאַנד דערהאַלטן אַ פּראָוויזאָרישע, צייטווייליקע דערלויבעניש פֿון ניו־יאָרקער שטאַט, וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט אויס־

צופּרואוון זײַנע מעגלעכקייטן צו קריגן 500 מיטגלידער, וועלכע זאָלן זיך פֿאַר־זיכערן, יעדער אין 1,000 דאָלאַר, לויט די פֿעסטגעשטעלטע צאָלונגען, רעקאָמענ־דירט פֿון דעם אַקטשוערי, מיילס מ. דאַוסאָן. די רעגירונג האָט דערקלערט, אַז נאָכדעם ווי דער פֿאַרבאַנד וועט קריגן זײַנע 500 מיטגלידער און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר פֿאַרזיכערונג, וועט געמאַכט ווערן אַ גענויע אונטערזוכונג פֿון אַלע אַפּלי־קאַציעס, דאָקומענטן, צאָלונגען, פּירונגען און דעם אַנטוואורף פֿון דער פֿאַר־באַנד־קאָנסטיטוציע, מיטן צוועק פֿעסטצושטעלן, אויב דער פֿאַרבאַנד איז געזעצ־לעך בארעכטיקט צו קריגן אַ טשאַרטער. די לייטונג האָט גלייך געמעלדעט וועגן דעם צו די פֿאַרבאַנד־חברים, אָבער אַ קורצע צייט שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט קאָרעספּאָנדענץ אַליין וועט מען די אַרבעט ניט דורכפֿירן. האָט די עקזעקוטיווע באַשלאָסן אַרויסצושיקן אויף דריי וואָכן דעם סעקרעטאַר פֿון פֿאַרבאַנד, בכדי צו באַקאַנען די חברים פּערזענלעך מיטן ענין און קריגן דעם מאַקסימום אַפּליקאַציעס. אין מאָנאַט יולי 1912 איז בראַון אַרויסגעפֿאָרן איבערן לאַנד. ער האָט באַזוכט 18 שטעט. ס'איז געווען אַ שווערע אַרבעט. קאָנפֿערענצן, מיטאָגן, עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, באַנקעטן, אויפֿקלערונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַן באַזוך, האָט ער געהאַט 435 אַפּליקאַציעס צו 1,000 דאָלאַר יעדע. די איבעריקע אַפּליקאַ־ציעס זײַנען געקראָגן געוואָרן אין ניו־יאָרק. אַלע האָבן זיך געמוזט עקזאַמי־נירן. ס'זײַנען געווען 511 אַפּליקאַציעס, פֿון וועלכע 10 זײַנען צוריקגעוויזן געוואָרן און 501 זײַנען גוטגעהייסן געוואָרן. כדאַי צו באַטאָנען, אַז פֿיל אָרעמע חברים האָבן אַרויסגענומען 1,000 דאָלאַר פּאָליסיס, וואָס דאָס איז פֿאַר זיי דאַן געווען כמעט אַן עושר'ס פֿאַרמעגן, אָבי העלפֿן דעם פֿאַרבאַנד. יענע ערשטע 501 טשאַרטער־מיטגלידער פֿאַרדינען די אָנערקענונג פֿון גאַנצן פֿאַרבאַנד. אַ צאָל פֿון זיי איז שוין, ליידער, ניט מיט אונז. מיילס מ. דאַוסאָן האָט גראַטולירט דעם פֿאַרבאַנד מיט זײַנע גלענצנדע רעזולטאַטן און געלאָזט וויסן דעם ניו־יאָרקער אינשורענס־דעפּאַרטמענט, אַז דער פֿאַרבאַנד איז גרייט פֿאַר אַ רעגי־רונגס־אונטערזוכונג, און אַז ער רופֿט אויף סוף דעצעמבער אַ קאָנווענשאָן אין אַלבאַני, און דערוואַרטעט צו קריגן דאָרט, אין דער צייט פֿון דער קאָנווענשאָן, זײַן טשאַרטער. די פֿאַרבאַנד־לייטונג האָט באַשלאָסן צו רופֿן די טשאַרטער־קאָנווענשאָן אויף דעם 30טן, 31טן דעצעמבער 1912 און 1טן יאַנואַר 1913 און האָט אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלע צושריפֿט צו די פֿאַראייניגן, רופֿנדיק זיי אין אַלבאַני.

די אונטערזוכונג פֿון דער רעגירונג האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט און האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין די סאַמע לעצטע טעג פֿון דעצעמבער 1912. ס'איז געווען אַ שטרענגע אונטערזוכונג, וואָס האָט אונדז פּשוט דענערווירט.

חברים זײַנען אויסגעפֿרעגט געוואָרן פּריוואַט. מען האָט זיך אויך נאָכ־געפֿרעגט אויף יעדן פֿאַרבאַנד־פּירער, זײַן ראַיעלקייט און זײַן שייכות מיטן פֿאַרבאַנד, און פֿאַרוואָס ער איז פֿאַראינטערעסירט אין פֿאַרבאַנד. יעדע אַפּלי־קאַציע, יעדער דאָקומענט, פֿיל בריוו, אײַנצאָלונגען זײַנען אונטערזוכט געוואָרן. אויך די פֿאַרזיכערונגס־סיסטעם פֿון פֿאַרבאַנד איז גענוי אויסגעפֿאָרשט גע־

ווערן. און ס'איז קלאָר געוואָרן ערב דער קאָנווענשאָן, אַז דער פאַרבאַנד וועט קריגן זיין טשאַרטער.

מיט פרייד זיינען די פאַרבאַנד־פירער אָפּגעפאָרן קיין אָלבאַני, ריכטנדיק זיך, אַז זיי וועלן ביי דער קאָנווענשאָן פּרעזענטירט ווערן מיטן טשאַרטער. דאַוסאַנס זון איז מיטגעפאָרן און איז געווען אַנוועזנד אויף די קאָנווענשאָן־זיצונגען, וואו מען האָט פונקט ביי פונקט געמוזט לייענען און שטימען איבער דער קאָנסטיטוציע פון פאַרבאַנד. ער און בראַון האָבן אין דער צייט פון דער קאָנווענשאָן באַזוכט דעם אינשורענס־דעפּאַרטמענט אַ פּאָר מאָל, און מען האָט זיי דערקלערט, אַז צוליב דער אָפּוועזנהייט פון אַ וויכטיקן באַאַמטן וועט דער פאַרבאַנד קריגן זיין טשאַרטער אייניקע טעג נאָך דער קאָנווענשאָן. אַזאַ מעל־דונג איז געבראַכט געוואָרן צו דער קאָנווענשאָן, און טראָץ דעם וואָס ס'איז געווען אַן אַנטוישונג פאַר אַלע, זיינען די מערסטע דעלעגאַטן אָפּגעפאָרן שטאַרק אויפגעמונטערט, אַז מיר זיינען ערב דעם אַרויסקריגן פון טשאַרטער.

ווי דער שטייגער איז, זיינען אויך געווען אַ פּאָר דעלעגאַטן, וועלכע האָבן ניט געגלויבט, אַז דער פאַרבאַנד וועט קריגן זיין טשאַרטער, און גראָד זיינען זיי ניט געווען „פון מיזורי". די חברים ג. אַוורונין און נתן עלקין האָבן אין יענע וואָכן שווער געאַרבעט צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר, און זיי זיינען באַדאַנקט גע־וואָרן פון די דעלעגאַטן פון אָלבאַני. וועגן אַוורונינען וועט נאָך שפּעטער דערמאָנט ווערן; ער איז ליידער געשטאָרבן, נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, אַנהויב יאָר 1923. נתן עלקין איז אַריבער שפּעטער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, אָבער פאַרבליבן יאָרן־לאַנג פריינטלעך צום פאַרבאַנד.

מיט אָלבאַני האָבן זיך פאַרענדיקט די פאַרבאַרייטונגס־יאָרן פון פאַרבאַנד, זיינע פּרינציפּן זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן, זיין אָרגאַניזאַציאָנס־סטרוקטור — אָנגענומען, זיין וויסנשאַפטלעכע לעבנס־פאַרזיכערונג־סיסטעם איז געלייגט גע־וואָרן אַלס זיין מאַטעריעלער יסוד. און ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאַרבאַנד, אַז גראָד אויף זיין טשאַרטער־קאָנווענשאָן, ווען ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער וועט קאָנען פונקציאָנירן און געווינען פאַר זיך נייע חברים, האָט ער געוואָלט אַזוי קלאָר מאַכן זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע, אַז מען זאָל אים פאַרבאַנד דערזען אַ פּרינציפּיעל־באַוואוסטזיניקן, אידעאַליסטישן און אין דער זעלבער צייט גע־זיכערטן אידישן אַרבעטער־אָרדן.

פון דער ראָטשעסטער־קאָנפערענץ ביז אָלבאַני זיינען פאַריבער בלויז צוויי און אַ האַלב יאָר, אָבער אין דער צייט האָבן די פאַרבאַנד־חברים דורכגעמאַכט פיל דערפאַרונג, זיינען אָנגעוואָרעמט געוואָרן אין זייער אידישער געזעלשאַפט־לעכער און אַרבעטער־טעטיקייט, האָבן ערנסט אויפגענומען בילדונגס־ און שולן־טעטיקייט און זיינען דערצויגן געוואָרן צו פאַרשטיין בעסער דעם זין פון קאַמף און אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. דער פאַרבאַנד איז פאַר פיל געווען אַ שולע, מאַנכע פון די פאַרבאַנד־חברים, וועלכע זיינען געווען פרעמד צום ארץ־ישראל־געדאַנק, זיינען היינט פון די ענטוזיאַסטישע קעמפער און טוער. די אָלבאַני־קאָנווענשאָן האָט קלאָר געמאַכט די פאַרבאַנד־שטעלונג צו ארץ־ישראל. ניט מיט סימפּאַטיע צו ארץ־ישראל האָט זיך דער פאַרבאַנד באַגנוגנט; ער האָט זיך פאַר־

פליכטעט אין זיין קאָנסטיטוציע און פּרינציפּן־דורכפירונג צו אַרבעטן פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, אַלס אַקטיווער מיטקעמפער און מיטבויער. ס׳איז געווען אַ היסטאָרישע דאַטע פאַרן פאַרבאַנד, ווען ער האָט אויף איינער פון זיינע קאַנווענשאַן־זיצונגען אין אַלבאַני, נאָך דיסקוסיעס און הייסע ווערטער, אָנגע־נומען זיין קלאָרע פּרינציפּיעלע שטעלונג. פון יענעם טאָג אָן איז ער געוואָרן אַ געטרייער קעמפער און חבר פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל, און ענגער איז געוואָרן זיין בונד מיט די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון.

מיט דער אַלבאַני־טשאַרטער־קאַנווענשאַן הויבט זיך אָן די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד אַלס געזעצלעך־פונקציאָנירנדער אָרדן, וואָס האָט געפּיי־ערט אין 1943 זיינע דרייסיק יאָר עקזיסטענץ. אָבער די צייט פאַר אַלבאַני, די יאָרן פון פּיאָנערן־אַרבעט, אידעען־זוכעניש, פאַרבאַרייטונגען און צוגרייטונגען זיינען ווייניק באַקאַנט צו דער גרויסער צאָל איצטיקע מיטגלידער, און דערפאַר איז כדאַי געווען צו באַקאַנען די חברים מיטן הינטערגרונט, אידעען־קאַמף, ערשטע שריט און אייניקע יאָרן פון שווערער, שווערער אַרבעט, אידעאַליסטישער און פּראַקטישער, פון די הונדערטער ערשטע חברים־בויער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. היינט זעצט פאַר דער פאַרבאַנד דאָס, וואָס זיינע ערשטע גרינדער און טוער אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ האָבן אויפגעבויט אין יענע יאָרן, ווען אַלץ איז אָנגעקומען שווער און אָפט מיט יסורים. אַלבאַני האָט פאַרענדיקט אַ וויכטיקן קאַפּיטל פון פאַרבאַנד־לעבן.

נאָך דער טשאַרטער־קאַנווענשאַן

דעם 6טן יאַנואַר 1913 איז דעם פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן זיין טשאַר־טער. ס׳איז געווען אַ טאָג פון גרויס פרייד. חברים און פריינט האָבן ניט אויפגעהערט צו טעלעפאָנירן אַ גאַנצן טאָג; אויך די, וועלכע האָבן געראַטן דעם פאַרבאַנד אויפצוגעבן זיינע פאַרזוכן, האָבן אָנערקענט דעם פעסטן ווילן פון פאַרבאַנד. געגנער האָבן צוגעגעבן, אַז דער פאַרבאַנד פאַרמאָגט עקשנות. דער פאַרבאַנד האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אין דער אידישער אָרדן־וועלט, און די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע האָבן צוגעקראָגן אַ וואַרעמען מיטקעמפער פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן.

דאָס לאַנד איז טעלעגראַפיש אינפאָרמירט געוואָרן וועגן טשאַרטער, און דער מזל־טוב האָט אָפּגעקלונגען פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. די צאָל מיט־גלידער איז געווען קליין, אַרום 700—750, אַ צאָל איז אַרויס אין 1912, אָבער איצט האָבן זיך הונדערטער צוריקגעקערט, נייע זיינען צוגעקומען, אַזוי אַז סוף 1913 האָט דער פאַרבאַנד שוין געציילט קרוב צו 2 טויזנט חברים, גוטשטייענדע און אָרגאַניזירט אין אַ 50—55 פאַראיינען. יענעם יאָר האָבן עקזיסטירט אין אַמעריקע אַ 12—13 אידישע אָרדנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון קרוב 300,000 מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען פאַרזיכערט אין אַרום 250 מיליאָן דאָלאַר פאַר־זיכערונג. די גרעסטע אָרדנס זיינען דאַן געווען: אינדעפּענדענט אָרדער ברית אַברהם, אָרדער ברית אַברהם און אַרבעטער־רינג. „בני ברית" ווערט ניט

אַריינגערעכנט צווישן זיי, ווייל ער האָט, מיט דער אויסנאַם פון ניו־יאָרקער דיס־טריקט, ניט געגעבן קיין לעבנס־פאַרזיכערונג צו זיינע מיטגלידער.

זינט יענעם יאָר זיינען אונטערגעגאַנגען אין לויף פון דער צייט: „אהבת ישראל", וואָס האָט שוין אַמאָל דערגרייכט 17 טויזנט מיטגלידער; „ברית אַברהם", וואָס האָט געהאַט אַמאָל נאָענט צו 75 טויזנט מיטגלידער און איז לאַנגזאַם אָפּגע־שטאָרבן, אַ דאַנק זיין אַסעסמענט־סיסטעם; „פרי סאָנס אָוו יהודה"; „בני בנימין" און אַ פּאָר אַנדערע, אויסער ניו־יאָרק. זיי האָבן באַצאָלט דעם פּרייז פון באַנ־קראָט, ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט, ווי צו באַשיצן זייערע מיטגלידער. דער אונטערגאַנג פון די אָרדנס האָט געצוואונגען סיי דעם אינשורענס־דעפּאַרטמענט, סיי די פאַרבליבענע אָרדנס צו מאַכן ראַדיקאַלע שריט, בכדי זיי זאָלן קאָנען גע־



דוד פּינסקי צוזאַמען מיט דער גענעראַל־עקזעקוטיווע, ווען ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון פאַרבאַנד אין 1919. (זיצנדיק, פון רעכטס צו לינקס): ג. זווירין, ד"ר י. אַפּעלבוים, דוד פּינסקי, מאיר בראַון, מ. מאנסאָן, ש. גאָלדשטיין. (שטייענדיק): ה. ווין, מאיר קאַסטאָף, א. באַביץ, חברה פּינסקי, מ. באַס, וו. געלבאַרד און א. ריערסאָן.

ראַטעוועט ווערן. ביי אַ גרויסער צאָל אידן איז אָבער זינט דעם אונטערגאַנג פון די עטלעכע אידישע אָרדנס אַריינגעטראָטן אַ סקעפּטיציזם צום אָרדן־וועזן, און דאָס האָט שווערער געמאַכט די אַנטוויקלונג און אַרבעט פאַר די פאַרבליבענע און פאַר נייע אידישע אָרדנס.

געווען אַ צייט, ווען די אידישע אָרדנס האָבן געציילט אַרום 600,000 מיט־גלידער. זיי האָבן געקאָנט ווערן אַ ווירקנדער פאַקטאָר אין אידישן אָרגאַני־זירטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד; אָבער די מערסטע פירער האָבן ליי־דער זיך געכאַפּט צו שפּעט צו רעאָרגאַניזירן זיך, ווי אויך אויפנעמען וויכטיקע פּראָבלעמען אַלס טייל פון זייערע אַקטיוויטעטן.

היינט זיינען דאָ אָרגאַניזירט אין די אידישע אָרדנס אַרום 140,000 מיט־גלידער, (חוץ אַרום 40,000 מיטגלידער, ווי מען שאַצט די צאָל אידישע מיט־

גלידער אין קאָמוניסטישן „אינטערנעשאַנעל וואָירקערס אָרדער", וואָס באַשטייט פון פיל נאַציאָנאַליטעטן). וואָס פאַר אַ ירידה אין דער אידישער אָרדן־וועלט! דאָס אינטערעסאַנטסטע, חוץ דעם וואוקס פון פאַרבאַנד, וואָס ציילט היינט איבער 25,000 מיטגלידער, איז וואָס פאַר דער צייט איז „בני ברית" (אַן אָרדן אָן בענעפיטן) שטאַרק אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָרישער כוח (ציילט אַרום 176,000 מיטגלידער) און איז אַ ווירקנדער וויכטיקער אידיש־געזעל־שאַפטלעכער פאַקטאָר אין אַמעריקע.

מיר קערן זיך צוריק אום צום יאָר 1913. ס'איז געווען אַ יאָר פון רעאָר־גאַניזאַציע, אינסטאַלירונג פון נייע און אַלטע פאַראיינען, פון גרויסער אָרגאַני־זאַטאָרישער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט; דער פאַרבאַנד האָט געזוכט זיין פּלאַץ און, יונג ווי ער איז געווען, האָט ער אָנגעהויבן קריגן חשיבות אין היגן לעבן ניט לויט זיין צאָל מיטגלידער, נאָר לויט זיין ברייטן פאַר־נעם און מעשים.

אַזוי האָט ער זיך אין יאָר 1913 אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו באַקעמפן דעם בורנעט אימיגראַציע־באַשרענקונגס־ביל, וואָס איז געוואָרן אַ געפאַר. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ דעלעגאַציע קיין וואַשינגטאָן און גערופן אַנדערע אָרדנס צו פּראָטעסטירן; ער האָט אַליין אָרגאַניזירט גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמ־לונגען איבערן לאַנד, זיך באַטייליקט אין אַ ספּעציעל־געשאַפענער אידישער אַרבעטער־קערפּערשאַפט צו באַקעמפן דעם ביל, וואָס דאָס איז געווען אַן ענט־פער צו ס. גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פעדעראַציע, וועלכער האָט געשטיצט דעם ביל.

דער פאַרבאַנד איז געווען וואַכזאַם צו יעדער וויכטיקער פראַגע פון אידישן לעבן; ער האָט יענעם יאָר פּראָטעסטירט קעגן פּוילישן באָיקאָט, קעגן דעם שענדלעכן מענדל בייליס־עלילת דם־פּראָצעס אין קיעוו, רוסלאַנד. צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע פאַרזאַמלונגען, באַזונ־דערס אָנגעזען זיינען זיי געווען אין מילוואָקי, סינסינעטי, קליוולאַנד, דעטראָיט, מאָנטרעאָל און באָסטאָן.

די פאַרבאַנד־ברענטשעס האָבן, אויף דעם רוף פון דער לייטונג, זיך דאַן באַטייליקט אויך אין אַ פּראָטעסט פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער; דאָס איז געווען דער צאָרנדיקער אויסדרוק קעגן די אידיש־דייטשע מיטגלידער פון קוראַטאָריום פאַרן געפּלאַנטן דאַן פּאָליטעכניקום אין חיפה, וואָס האָבן באַשלאָסן איינצופירן דייטש אַלס די אָפיציעלע שפּראַך פון טעכניקום אַנשטאָט העברעאיש. דער ארץ־ישראל־ישוב און די אידישע וועלט האָבן געשטורעמט קעגן באַשלוס פון די אַסי־מילאַנטן און זייער באַגריף איבער אידנטום; די אידישע לערער אין ארץ־ישראל זיינען אַרויס אין סטרייק; דער פאַרבאַנד האָט אויך געהאָלפן שאַפן מיטלען. דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פון העברעאיש און פון די אידישע נאַציאָ־נאַליסטן. אַ גאָר וויכטיקער בייטראַג פון פאַרבאַנד איז יענעם יאָר געווען דער אָנהויב פון אַ זעלבסטשטענדיקער אידישער קולטור־אַרבעט, אָנגעפירט פון אַ ספּעציעלן בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס איז דאַן באַשטאַנען פון די חברים: חיים ליבערמאַן (סעקרעטאַר), ש. שאַפּיראָ (שפּעטערער סעקרעטאַר), יואל ענטין,

וועלכער איז אין יאָר 1913 דערנענטערט געוואָרן צום פאַרבאַנד, פּ. גינגאָלד (געווען דאָן אַ קורצע צייט אין לאַנד, אָבער אַקטיוו אין פאַרבאַנד כמעט שוין פון זיינע ערשטע חדשים אויפן אַמעריקאַנער באָדן) און מאיר בראַון.

דער קאָמיטעט האָט טיכטיק מיטגעהאָלפן אין דער גרינדונג פון פאָלקס־שולן, אָדער — ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופן — נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן; פאַר־שטאַרקט זיין אַגיטאַציע פאַר אידישע אָפּטיילונגען אין פאָלקס־ביבליאָטעקן (גאָר דערפאָלגרייך אויף דעם געביט איז געווען אונזער ערשט־געגרינדעטער ברענטש אין אַטלאַנטאַ, מיט חבר א. צענקער אַלס זיין טיכטיקער אָנפירער; דער ברענטש האָט יענעם יאָר אַראָפּגעבראַכט צו זיך אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג דעם סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, וועלכער איז געווען אין די טרויעריק־באַרימטע טעג פון דער פרענק־אַפּערע). אַ סך חברים זיינען פון די ביבליאָטעקן איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ראַטגעבער און געהאָלפן איינאָרדענען וויכטיקע אידישע אָפּטיילונ־גען. דער פאַרבאַנד האָט אויך צוגעגרייט אַ העברעאישן און אידישן קאַטאַלאָג פאַר די ביבליאָטעקן.

אַ גאָר אינטערעסאַנטע אַרבעט איז דאַן געווען דאָס אַרויסגעבן פון אידישער קינדער־ליטעראַטור, וואָס האָט פאַראינטערעסירט אַפילו י. ל. פּרץ און דינעזאָן, וועלכע האָבן צוגעשיקט רירנדע בריוו צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ליבערמאַן איז יענעם יאָר געווען בילדונגס־קאָמיטעט־סעקרעטאַר. אין יענער צייט האָט מען שוין אויך אָנגעהויבן שאַפן אַ שולן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט באַ־שלאָסן איבערצונעמען דאָס אַרויסגעבן פון אידישע קינדער־ליטעראַטור. ווען ניט דער באַשלוס, וואָלט וואַרשיינלעך דער פאַרבאַנד אַליין פאַרגעזעצט זיין וויכטיקע אַרבעט. יעדנפאַלס, איז עס דער פאַרדינסט פון פאַרבאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן דער ערשטער אַ וויכטיקע און נויטיקע אַרבעט פון אידישער קינדער־ליטעראַטור. דער פאַרבאַנד האָט אויך געעפנט איניקע אָוונט־שולן פאַר דער־וואַקסענע. די אַלע אַרבעטן זיינען אונטערגענומען און דורכגעפירט געוואָרן מיט די קלענסטע מיטלען — דער ווילן האָט אָפט גובר געווען די שוועריקייטן.

דער פאַרבאַנד איז אויך געווען פון די הויפּט־אַרויסהעלפער און איניציאַ־טאָרן פאַרן ערשטן שולן־צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין דער פסח־וואָך פון 1914 און וואָס האָט פעסטגעשטעלט אַ פּראָגראַם פאַרן שולן־פאַרבאַנד; געגעבן אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון שול־פּראָבלעמען; פאַר־האַנדלט וועגן אַ אידישן קינדער־זשורנאַל, איינהייטלעכער אָרטאָגראַפיע. אונ־זער אָרדן האָט פיל האָפענונגען געלייגט אויף דעם געגרינדעטן שולן־פאַרבאַנד, אָבער דער מאַנגל אין מיטלען און טוער האָט געשטערט דעם לעצטן צו ווערן אַ גרויסער כוח און פאַקטאָר פאַר דער שולן־באַוועגונג. אַ דאַנק דעם, האָט אַ צייט געליטן די זעלבסטשטענדיקע בילדונגס־טעטיקייט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

דער אינטערעס צום פאַרבאַנד איז אין דעם טשאַרטער־יאָר געווען גרויס, און די עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד האָט אַרויסגעשיקט דעם פּרעזידענט, חבר ג. אָוורוניק, אויף אַ לענגערן טור איבערן לאַנד. אין מיטן פון דעם טור האָט די פאַרבאַנד־לייטונג איבערגעלעבט איניקע טעג פון שרעק, ווען ס'איז געקומען די

ידיעה פון אַ מוראַ'דיקער פאַרפּלייצונג אין דייטאָן, וואו אַוורונין האָט זיך דאַן געפונען, אַלס גאַסט פון דייטאָנער ברענטש 29. די שרעק איז געווען אַ דאָפּל־טע — צוליב אונזער פּרעזידענט און צוליב דער גרופּע חברים. מיר זיינען אָבער בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק, אַלע אונזערע חברים זיינען ניצול געוואָרן. די חברים פון דער ליטונג האָבן פריער אָפּגעאָטעמט און געמאַכט אַ קליין שמחה'לע, ווען ס'איז אָנגעקומען, נאָך עטלעכע טעג פון באַאומרואיקענדן שוויגן, די דערפרייענדע ידיעה.

חבר אַוורוניבס טור איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג — ער האָט געוואונען נייע חברים, געוואונען ברענטשעס און געשטאַרקט דעם מוט פון די פאַרבאַנד־טוער. חבר אַוורונין איז געווען פּרעזידענט ביז דער צווייטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אין פילאַדעלפיע. ער איז דערנאָך אָפּגעפאָרן פון ניו־יאָרק. אין צייט פון לעגיאָן האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אים און אַוועק קיין ארץ־ישראל. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע, איז ער שוין ניט מער געווען דער זעלבער פרייליכער און ענערגישער אַוורונין. ער האָט זיך אַ לענגערע צייט געפּלאָגט, געווען שטאַרק קראַנק. אַנהויב 1923, ווען דער פאַרבאַנד האָט געפייערט זיין 10־יאָריקן יובל, איז ער געשטאָרבן. ניט באַשערט געווען אים צו טיילן זיך מיט דער פרייד פון די חברים. אין זכרון פון די ערשטע פאַרבאַנד־טוער וועט ער תמיד פאַרבלייבן. כבוד זיין אָנדענק, און זאָל זיין נאָמען אין פאַרבאַנד ניט פאַרגעסן ווערן!

דעם ערשטן יאָר נאָך דער אַלבאַני־קאָנווענשאָן האָט דער פאַרבאַנד אויס־געצאָלט אין טויטן־בענעפיט 500 דאָלאַר, אין קראַנקן־פאַרזיכערונג — 2,735 דאָלאַר. די ידיעה פון דעם ערשטן געשטאָרבענעם חבר איז געטרויערט געוואָרן פון דער פאַרבאַנד־ליטונג. דעם ערשטן חבר פאַרלוירן, און יעדער האָט גע־פילט, אַז ער האָט אַן אייגענעם פאַרלוירן. מיר זיינען געווען ווי איין משפחה צוזאַמענגעבונדן. דאָך האָט די ליטונג זיך געפילט שטאָלץ, ווען אַ קורצע צייט נאָכן טויט פון ערשטן חבר איז אויסגעצאָלט געוואָרן צו דער פאַמיליע פון חבר דער טויטן־בענעפיט.

כדאַי אויך צו דערמאָנען אין איניקע ווערטער דעם קראַנקן־בענעפיט. ווען דער פאַרבאַנד האָט דערהאַלטן זיין טשאַרטער און פעסטגעשטעלט זיין לעבנס־פאַרזיכערונג־סיסטעם, איז נאָך דאַן ניט געווען קיין וויסנשאַפטלעכע סיסטעם פאַר קראַנקן־בענעפיט, אָבער דאָסאָן האָט געוואָרנט, אַז אויב מען וועט ניט מאַכן געוויסע באַשרענקונגען אין קראַנקן־בענעפיט, וועט דער פאַרבאַנד האָבן גרויסע מאַטעריעלע און לעגאַלע שוועריקייטן. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט די ליטונג באַשטימט צו רעקאָמענדירן דער אַלבאַני־קאָנווענשאָן, אַז קראַנקן־בענעפיט זאָל באַשרענקט ווערן ביז 60 יאָר, אָננעמענדיק, אַז נאָך 60 יאָר איז די צאָל אַרבעטספעאיקע אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינע; אויך אַז מען זאָל ניט צאָלן אַ נייעם חבר זיין בענעפיט די ערשטע 6 חדשים, און טובערקולאָז־בענעפיט, ווען ער איז ניט ווייניקער פון אַ יאָר אַ מיטגליד; אויך אַז קראַנקן־בענעפיט זאָל זיין 6 דאָלאַר אַ וואָך מיט אַ מאַקסימום פון 12 וואָכן אַ יאָר. דער פאָרשלאָג איז הייס אַרומגערעדט געוואָרן און ענדלעך ראַטיפיצירט געוואָרן פון

דער קאָנווענשאָן און אַ רעפערענדום. איז אַ דאַנק יענעם באַשלוס זיינען פאַרן פאַרבאַנד אויסגעמיטן געוואָרן אין די שפעטערע יאָרן שוועריקייטן אין קאַנאַדע, אין לויף פון אַ צאָל יאָרן האָט זיך די קראַנקן־בענעפיט־סיסטעם אין פאַרבאַנד היפש פאַרצווייגט און פאַרגרעסערט.

דער פאַרבאַנד האָט זיך גענומען נאָך אַ יאָר אינטענסיווער אַרבעט גרייטן צו זיין צווייטער קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1914 אין פילאַדעל־פיע.

די ערשטע קאָנווענשאָנס און אַקטיוויטעטן

די צווייטע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנט בילד פון פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן, אויף וועלכע די אידישע פרעסע האָט פריינטלעך רעאַגירט. געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער האָבן אַנגעהויבן ווירקן אויפן רינג, אַז ער זאָל ווערן מער אידיש־געזעלשאַפטלעך און אַקטיוו קולטורעל. דער פאַרבאַנד האָט אימדירעקט אַנגערעגט אַ צאָל אַרבעטער־רינג־מיטגלידער, וועל־כע זיינען געווען נאַציאָנאַל געשטימט, אַז זיי זאָלן שטויסן דעם אַרבעטער־רינג צו שולן־אַרבעט. צו לייכט איז עס זיי ניט צוגעגאַנגען די ערשטע צייטן, אָבער דער פאַרבאַנד האָט בלי־ספק געווירקט אויף די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן אין אַרבעטער־רינג. איינע פון די פראַגן, וואָס האָט באַשעפטיקט דעם פילאַ־דעלפיער פאַרבאַנד־צונויפפאָר, איז געווען די פראַגע פון שריפטלעכער פראָפּאַ־גאַנדע. מען האָט געבראַכט אַ פאָרשלאָג אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אָדער בולע־טין, ווי מען האָט אים באַשיידן אַנגערופן. געווען, נאַטירלעך, געגנער; דאָס מיינט דאָך אַ העכערער פּער קאַפּיטאַ־שטייער, און ס׳איז דאָך בכלל צו פרי. די פירער פון פאַרבאַנד האָבן אָבער געוואונען די מערהייט פון די דעלעגאַטן, און ס׳איז באַשטימט געוואָרן צוצוטרעטן צו אַ פערטל־יאָר־אויסגאַבע אונטערן נאָ־מען „אידישע אַרבעטער־שטימע״, וואָס איז דערשינען אין אָקטאָבער 1914 אונ־טער דער רעדאַקציע פון ש. שאַפּירא און מאיר בראַון. אייניקע יאָרן שפעטער איז דוד פינסקי, וועלכער איז אַריין אין פאַרבאַנד אין 1914, צוגעצויגן געוואָרן צו דער רעדאַקציע און איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר, ביז ער האָט איבערגענומען די „צייט״־רעדאַקציע. מאיר בראַון האָט דאַן רעדאַגירט די „שטימע״, ביז זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל. איצט ווערט די „שטימע״, וואָס רופט זיך „פאַרבאַנד־שטימע״, רעדאַגירט פון ל. סיגאַל, סעקרעטאַר פון פאַר־באַנד. מיט דער אויסנאַם פון אַן איבעררייס פאַר אַ באַשרענקטער צייט, צוליבן אָפּמאַך מיטן באַנייטן „אידישן קעמפער״ אין יאָר 1932, דערשיינט דער פאַרבאַנד־זשורנאַל די גאַנצע צייט און דינט אַלס פאַרבינד־ און אויפקלערונגס־אָרגאַן פאַר די פאַרבאַנד־מיטגלידער. די לעצטע יאָרן איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַן ענגלישע אָפּטיילונג.

אינטערעסאַנט איז צו בלעטערן היינט די ערשטע נומערן פון דער „שטימע״. אין אָקטאָבער־נומער 1 פון יאָר 1914 איז, ערשטנס, דאָ אַ ווענדונג פון דער ליי־טונג צו די חברים מיט אויפקלערונגען איבער פאַרשידענע פאַרבאַנד־טעטיקייטן, נייעס פון בילדונגס־קאָמיטעט, מעלדונגען פון פאַרבאַנד־קאָאָפּעראַטיוו קאָמיטעט,

וואָס האָט זיך געגרינדעט אויף דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן, אַ מעדיצינישער אַרטיקל, מעלדונגען וועגן געשאַפענע פאַרבאַנד־דיסטריקטן (10 אין צאָל, פון 50 פאַראיינען). די פאַרבאַנד־חברים האָבן געפאָדערט דעצענטראַליזאַציע, זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר צופיל מאַכט אין די הענט פון דער צענטראַל־עקזעקוטיווע (זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, די חברים פון דער פראָווינץ; אין דער אמת׳ן האָבן זיי אַרויסגעוויזן דרך־ארץ און צוטרויען צו די פאַרבאַנד־פירער, אָבער מען דאַרף דאָך דערוויזן דער „גאַטשאַלסטוואָ״, אַז די פראָווינץ איז ניט אַ שיפּעזיבעלע אין פאַרבאַנד!). ס׳איז אויך געשאַפן געוואָרן אין דער „שטימע״ אַ ווינקל פאַר סעקרעטאַרן, באַריכט פון פאַראיינען, דערקלערונג וועגן די צאָלונגען אין פאַרבאַנד; אויך רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן, וואָס האָבן באַהאַנדלט די פראַגראַמאַטישע אויפגאַבן פון פאַרבאַנד און וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. אַ שטאַרקע אויפפאָדערונג, אַז חברים זאָלן באַלאַנגען צו יוניאָנס און ניט פאַרזען די אַרבעטער־אַקטיוויטעטן; מען האָט אַפילו פאָרגעשלאָגן אַ יוניאָן־פאָנד צו שטודירן אידישע אַרבעטער־פראָבלעמען. אַ קוריאָזע מעשה, איבערגעגעבן אין אַ פעליעטאָן־פאָרם פון מ. ב., קאָן מען לייענען אין ערשטן נומער; ס׳רופט זיך: „כשר אָדער טריף?״. ס׳ווערט דאָרט איבערגעגעבן, אַז די פאַרבאַנד־עקזעקוטיווע, אַרויסשיקנדיק איינלאַדונגען צו אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס אין פאַרבינדונג מיט דער פילאַדעלפיער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן, האָט אויך געשיקט אַן איינלאַדונג צו דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט. האָט די פעדעראַציע מיט 7 שטימען קעגן 2 באַשלאָסן צו שיקן אַ באַגריסער, און גראָד אַ געגנער, וועלכער האָט זיך אַנטזאַגט; האָט די פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן ניט געהאַט די זכיה צו האָבן דעם באַגריסער פון דער פעדעראַציע און דעם אינצידענט פאַרגעסן. אָבער דער באַשלוס פון דער פעדעראַציע האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין איר אָרגאַן „דער אידישער סאָציאַליסט״. מיגעאָפּאָליס האָט געפאָדערט, אַז די מיטגלידער פון דער פעדעראַציע, וועלכע האָבן געשטימט פאַר שיקן אַ באַגריסונג צום פאַרבאַנד, „זאָלן זיך אָנשליסן אָן די נאַציאָנאַליסטן און ניט פאַרראַטן די פרינציפן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזמוס״. (!) זייער בעדפאָרד־ברענטש האָט אָוועקגעשיקט אַ פערלדיקע רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך געלייענט: „מיר פראָטעסטירן קעגן דער עקזעקוטיווע פאַר שיקן דעלעגאַטן צו דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס צוועק צו זאַמלען שקלים פון דער פאַרגאַנגענהייט און שאַפן חדרים פאַרן אידנטום פון דאָס אידישע פאָלק״. כאַראַקטעריסטיש פאַר די „געגנאָסען״ פון יענע יאָרן! די אָרעמע עקזעקוטיווע זייערע איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַזוי פיל פראָטעסטן, אַז זי איז געווען געצוואונגען צו שיקן צום רעפערענדום אַ פאָרשלאַג אָפיציעל צוריקצוציִען דאָס שיקן אַ דעלעגאַט צום פאַרבאַנד. דער רעפערענדום האָט, אומדערוואַרטעט, געפירט צו אַ דיסקוסיע איבער נאַציאָנאַליזם און אידישקייט, און צום סוף זיינען 62 פראָצענט שטימען געווען קעגן באַשלוס פון זייער עקזעקוטיווע, און 38 פראָצענט פאַר גוטהייסן דעם באַשלוס. די „שטימע״ האָט סאַטיריש באַהאַנדלט דעם גאַנצן ענין, אָבער צום סוף טרייסט זי די „געגנאָסען״, אַז עס וועלן קומען אַנדערע צייטן, ווען אידישע סאָציאַליסטן וועלן בעסער פאַרשטיין דעם פראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם און קאַמף פאַר אידישער באַפרייאונג.

פֿאַר דעם זשורנאַל האָט מען געצאָלט 20 סענט יערלעך; אַ שטייער איז ערשט אין די שפּעטערע יאָרן באַשטימט געוואָרן, ווען ס'איז געוואָרן אַ מאָנאַט־לעכע אויסגאַבע. ס'וועט אויך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז פון 56 פֿאַרבאַנד־פֿאַראייִנען אין יאָר 1914 האָבן 29 געהאַט בילדונגס־קאָמיטעטן, וואָס זיינען גע־שטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיטן נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט און האָבן איינגע־אָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, דיסקוסיעס. ס'איז יענעם יאָר אויך דערשינען פון פֿאַרבאַנד אַ ביכל: „וואָס איז פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם?". ס'איז אין פֿאַר־באַנד געשאַפן געוואָרן אַ פּריוואַליקער בילדונגס־פֿאָנד, צו וועלכן יעדער פֿאַר־איין האָט געדאַרפט צוטראָגן אַ מינימום סומע פון פינף דאָלאַר. דער אָפּרוף איז ניט געווען זייער גוט, און די לייטונג האָט געמוזט פון קאַסע אַסיגנירן סומען פֿאַר בילדונגס־טעטיקייטן.

אין אויגוסט 1914, ווי באַוואוסט, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די אימיגראַציע האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט, און די אָרדנס זיינען שווער געטראָפן געוואָרן, איבערהויפּט די, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף אַ באַשטימטן פּראָצענט נייע מיטגלידער פון די איינוואַנדערער. ס'איז געוואָרן אַן ערנסטע פֿראַגע אויך פֿאַרן פֿאַרבאַנד, און מען האָט געמוזט קלערן וועגן נייע פֿאַרמען. אָבער גראָד אין יענער צייט איז דער פֿאַרבאַנד אויסגעוואַקסן גייסטיק און פּאָליטיש, ווערנדיק אַ הייסער קעמפער פֿאַרן געדאַנק פון אַ דעמאָקראַטישן אידישן קאָנגרעס, אַריינוואַרפנדיק זיך אין דער הילפס־אַרבעט. מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן פייער האָט דער פֿאַרבאַנד זיינע פֿליכטן דערפילט, געוועקט און גע־רופן זיינע חברים צו דער אַרבעט, צוגעשטעלט הונדערטער וואָלונטירן פֿאַר פֿאָלקס־הילף און, זייענדיק פון די ערשטע אָרגאַניזאַציעס צו שטיצן די גרינדונג פון „פּיפּלס רעליף קאָמיטעט" (וועגן קאָנגרעס און הילפס־אַרבעט לייען די באַ־זונדערע קאַפּיטלען), האָט דער פֿאַרבאַנד אויך געווירקט אויף זיינע פֿאַראייִנען אומעטום צו העלפן אויסבויען קאָמיטעטן פֿאַר פֿאָלקס־הילף און באַטאָנען דעם קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער פון פֿאָלקס־הילף.

אויף זיין דריטן צוזאַמענפֿאָר אין באַפֿאַלאָ האָט מען ערשט דערזען דעם פֿאַרבאַנד אין אַ נייִ ליכט, און מען האָט קוים געקאָנט גלויבן, אַז ערשט ניט לאַנג איז דער פֿאַרבאַנד אַרויס פון זיין קינדער־וויגעלע. די באַפֿאַלער קאָנווענשאָן אין יולי 1915 איז געוואָרן אַ גרויסע געשעעניש אין אידישן אַרבעטער־ און פֿאָלקס־לעבן אין אַמעריקע. די קאָנווענשאָן האָט געהאַט חשוב'ע געסט פון אויסלאַנד, ווי בן־גוריון פון ארץ־ישראל, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל; אַלעקסאַנדער כאַשין, אַ פּועלי־ציון־פירער פון רוסלאַנד (אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש און לעקטאָר, שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט, און מען גיט איבער, אַז ער איז דאָרט „ליקווידירט" גע־וואָרן, ווען מען האָט דורכגעפירט אין רוסלאַנד די „ריינִיקונג"); יואל ענטין, וועלכן ס'איז תמיד געווען ליב צו זען אויף פֿאַרבאַנד־צוזאַמענפֿאָרן. ער פֿלעגט כסדר פֿאָדערן פון די חברים מער אַרבעט פֿאַר די שולן, געווען אַ קעמפער פֿאַר בילדונגס־טעטיקייטן, געזוכט צו דערהויבן דעם פֿאַרבאַנד־חבר. ווען קאָן עס ניט חבר ענטין? איז ער נאָך היינט קעמפעריש און שטורעמט אָפּט אויף די פֿאַר־

באַנד־חברים, רופנדיק זיי צו אידיש־געזעלשאַפטלעכע דעמאָנסטראַציעס, צום קאַמף פאַר אידישע רעכט, פאַר ארץ־ישראל, און קריטיקירנדיק די חברים, אַז מען טוט ביט גענוג אויפן געביט פון אידישער דערציאונג. ער איז שוין אַ צאָל יאָרן וויצע־פּרעזידענט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

געווען איז אויך אויף באַפאַלער קאָנווענשאָן פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הור־וויטש, וועלכער איז מיט אַ מאָנאַט פריער געוואָרן אַ פאַרבאַנד־חבר אין ניו־יאָרקער משה העס ברענטש 47 און איז פייערלעך אינסטאַלירט געוואָרן אין דער אָנוועזנהייט פון 600 פּערזאָן דעם 5טן יוני 1915. צווישן אַנדערן האָט ער ביי זיין אויפנאַמע געזאָגט: „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז מיר טייער און נאָענט דערפאַר, וואָס מיט זיינע אויפגאַבן און פּרינציפּן שטייט ער אויף יענער הויך, צו וועלכער די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף זיך דערהויבן”. געווען אויך אין באַפאַלאָ אַ באַקאַנטער שריפטשטעלער, חבר אַרנאָלד איזראַעלי, וועלכער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן און פיל געלייסטעט פאַר אַ צאָל יאָרן (ער באַלאַנגט איצט צום סי־גייטער ברענטש 450 און האָט נאָך אַ וואַרעמען אינטערעס פאַרן פאַרבאַנד).

דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד איז דאַן געווען ד״ר יוסף פעלדמאַן, אַ פאַלקס־מענטש פון ברוקלין, וועלכער האָט געדינט אַלס פּרעזידענט צוויי טערמינען. ער איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אַן ברוקלין־ברענטש 18. אויך אַוורונין, ערשטער פּרעזידענט, האָט זיך באַטייליקט אין באַפאַלאָ. דער באַריכט פון סעקרעטאַר אויף דער דריטער קאָנווענשאָן האָט אַרויסגערופן אויפזען און אַ טיפן אינטערעס ניט בלויז ביי חברים, נאָר אויך ביי די פיל ניט־חברים און געסט.

ס'איז געווען אַ בילד פון פּראַקטישע און אידעאַליסטישע אַרבעטן, וואָס האָבן קלאָר באַוויזן, וואָס דער פאַרבאַנד איז געווען אין יענע יאָרן. טיכטיק מיטגע־האָלפן אין די דאָזיקע אַרבעטן האָבן חברים: אַוורונין, צוקערמאַן, עהרענרייך, גאָלדשטיין, אַבערסאָן, פּלאַטראַט, חיים ליבערמאַן, ש. שאַפּיראַ, ש. סיגעל, פּ. גינ־גאָלד, ר. מערליס (געווען אַ צייט וויצע־פּרעזידענט, איינער פון די גרינדער פון קונסט־פאַראיין ברענטש 100; איז שוין ליידער ניט מער צווישן די לעבעדיקע), באַנטשעק און מאַשעוויצקי. דער פאַרבאַנד האָט צו דער באַפאַלער קאָנווענשאָן געציילט 3,013 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין 72 ברענטשעס; ער פלעגט לאַנג־זאַם אָבער כסדר וואַקסן אַפילו אין יענעם יאָר פון אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און אַפּשטעל פון איינוואַנדערונג. דעם פאַרבאַנד האָט מען גערופן „דער אָרדן פון דער יוגנט”, ווייל זיין דורכשניטס־עלטער איז דאַן געווען 26¾ יאָר.

אַ נייעס איז געווען אויף דער קאָנווענשאָן די מעלדונג פון דער עקזעקוטיווע, אַז די לאַגע פון פאַרבאַנד דערלויבט צו געבן אַ דיווידענד פון 25 פּראָצענט, וואָס דאָס האָט געמיינט באַפרייען חברים פון פאַרזיכערונג־צאָלונגען פאַר איין קוואַרטל. די נייעס איז מיט גרויס באַפרידיקונג אויפגענומען געוואָרן, און דער דיווידענד איז טאַקע אין 1915 געגעבן געוואָרן, וואָס דאָס האָט געהאָלפן אַריינברענגען פיל נייע חברים. אַ גרויסע צאָל חברים האָבן דעם דיווידענד געגעבן אַ מתנה צו זייערע פאַראיינען.

נייע פראַקטישע פראַגן זיינען געשטאַנען פאַרן פאַרבאַנד, ווי אַריינציען מער פרויען אין פאַרבאַנד, סאָציאַלע מיטגלידער (אָן בענעפיטן), לעגאַליזירונגס־פאַרזוך אין מאַסאַטשוזעטס (וואָס איז געווען אַ צאָל יאָרן אַ האַרבע נוס), קינדער־פאַרזיכערונג אאַ״וו. די אַלע פראַגן זיינען אין לויף פון יאָרן אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער אופן געלייזט געוואָרן. די לייטונג האָט אויך טיכטיק געווירקט אויף די חברים, אַז זיי זאָלן ווערן בירגער, דער פראָצענט פון וועלכע איז אין 1915 געווען 34 פון דער אַלגעמיינער צאָל. איבער אַ דריטל האָבן אויך באַלאַנגט צו יוניאָנס.

אָבער די אידעאישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן האָבן אַזוי פאַראינטערעסירט די חשוב׳ע געסט, שוין ניט רעדנדיק וועגן די אייגענע חברים, אַז בן גוריון איז נאָך דעם באַריכט פון סעקרעטאַר צוגעקומען צו אים, באַגריסט און געזאָגט, אַז ער זעט ערשט, אַז דער פאַרבאַנד איז אַ וויכטיקע פּאָליטיש־רייפע און גוט־געפירטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַר זיך אַ צוקונפט. אַלעקסאַנדער כאַשין האָט אויף זיין מערקווירדיק שיינעם אופן פון רעדן, ביים געזעגענען זיך, געזאָגט דעם פאַרבאַנד, וואָס ער האָט דורכגעפילט. כדאַי צו ציטירן אייניקע ווערטער: „איך האָב דאָ געזען אַ שיינעם גלויבן פון דער אידישער אַרבעטער־יוגנט; געפילט די חלומות פון אידישן אַרבעטער, וואָס ווערן געצונדן אין דער פינסטערער נאַכט. אונזער אַרבעט איז פאַסאַזשירן־אַרבעט, אונזער וועג — ניט געענדיקט. מיר מוזן זיך אָפּט אָפּשטעלן אין אונזער קאַמף און זאַמלען כוחות. איינע פון די שיינע סטאַנציעס איז דער פאַרבאַנד. ס׳איז געווען אַ באַגייסטערנדע קאָנווענשאָן, וואו ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די שרעק און די האָפענונגען פון אונזער צייט. דער באַריכט צו דער קאָנווענשאָן האָט אָנגעשטעלט דעם טאָן, מיט אַ דורכגעפילטן פרייען גייסט, פול מיט אייגנווירדע און אמת׳ן באַגער אָפּצורופן זיך אויף אַלע נויטן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן. איך בין גליקלעך, וואָס איך בין געווען אייער גאַסט״. זיין רעדע האָט אַרויסגערופן טרערן ביי אַלע אָנוועזנדע.

די באָפאַלער קאָנווענשאָן איז ווירקלעך געווען אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון פאַרבאַנד. ס׳איז גענוג צו באַטאָנען, אַז די דיסקוסיעס אַרום דעם קאַמף פאַר אַ אידישן קאָנגרעס; פאָדערונגען פאַר ארץ־ישראל; קאַמף קעגן „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״; שאַרפער פראָטעסט קעגן געוויסע טיילן פון דער פּוילישער פרעסע און פאָלקס־שיכטן פאַר זייער פאַרברעכערישער טאַקטיק פון באָיקאָט, פאַרפאָלגונגען און מסירות קעגן די אידן אין די מלחמה־לענדער; רוף צוצושטעלן 1,000 וואָלונטירן פאַר אידישער הילפס־אַרבעט; גוטהייסונג פון צוזאַמענרופן אַ אידישע אַרבעטער־קאָנווענשאָן צו פירן אַן איינהייטלעכע אידישע אַרבעטער־פּאָליטיק אין דער מלחמה־צייט בנוגע די פאָדערונגען פון אידישן פאָלק און זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — די דאָזיקע אַלע און אַנדערע רעזאָלוציעס האָבן דעם פאַרבאַנד געגעבן פליגלען, אים דערהויבן און פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר.

פון באָפאַלאָ אָן איז דער פאַרבאַנד געשטעלט געוואָרן אין אַ גאָר באַזונדערער פּאָזיציע, און מען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים שטאַרק צו רעכענען,

געזוכט זיין מיטווירקונג, זיין איינפלוס און אים איינגעלאַדן צו אַלע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען אין היגן לעבן. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט אָנגעהויבן אויפטרעטן אויף דער אַרענע אַלס איינהייטלעכער אָרגאַניזם, וואָס איז פון גורל געדופן געוואָרן צו שפּילן אַ דעצידירנדע ראָלע אין לעבן פון פאָלק, און דער פאַרבאַנד איז געוואָרן אַ דינאַמישער כוח אין אים, וואָס האָט ניט גערוט, וואָס האָט זיך ניט איינגעשלאָסן אין זיינע געוויינלעכע אָרדן־אַרבעטן, נאָר איז געגאַנגען קעמפעריש פאָראויס, צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון. ס'איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּעריאָדן אין פאַרבאַנד־לעבן; באַפּאַלאַ האָט אָנגעהויבן און די דעטראָיטער קאָנווענשאָן (די 4טע) אין סעפּטעמבער 1916 האָט נאָך שטאַרקער אַנטפּלעקט דעם וואַקסענדן כוח און איינפלוס פון אידישנאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. אַ סך האָבן פשוט ניט געגלויבט, אַז דער פאַרבאַנד ציילט בלויז אייניקע טויזנטער מיטגלידער; זיין איינפלוס איז געווען גאַרניט אין פּראָפּאָרציע צו זיין צאָל מיטגלידער, אפשר דערפאַר, ווייל די יונגע מחנה פון פאַרבאַנד און פּועלי־ציון האָט מיט זיך דעמאָלט פאַרגעשטעלט דעם רעוואָלוציאָנערסטן, באַוואוסטזיניקסטן און אמת־אַגרעסיוון פראָנט אין קאַמף פאַר אַ פריי אידיש פאָלק, אין קאַמף פאַר עכטער אידישער דעמאָקראַטיע, אין קאַמף פאַר ארץ־ישראל. זאָל דאָ אויך באַטאָנט ווערן, אַז דער פאַרבאַנד קאָן פאַרציי־כענען אויף זיין קרעדיט דעם פאָרשלאָג פאַר צוזאַמענרופן די אידישע אַרבעטער־קאָנווענשאָן, בכדי צו רעאַגירן אויף די אידישע פאָלקס־נויטן און צוצוגרייטן אַן אַקציע, וואָס זאָל העלפן ברענגען פולע מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון אונזער פאָלק. אַ צאָל געגנער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט עס ניט געשמעקט, אָבער די אידישע אַרבעטער האָבן געצוואונגען, אַז די קאָנווענשאָן זאָל דורכגעפירט ווערן, און אַ נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט זאָל באַשטימט ווערן. די קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען סוף 1915, זיך דערקלערט פאַר אַ דעמאָקראַטישן קאָנגרעס און גענומען אַ שטעלונג צו ארץ־ישראל. ס'איז געווען אַ קאָמפּראָמיס־שטעלונג, אָבער דאָס האָט דערוויזן צום ערשטן מאָל, אַז די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע איז ניט געגנעריש צו ארץ־ישראל. ס'איז געווען אַ זיג פאַר אונזער געדאַנק. אין דעם ניי־געוויילטן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט איז אָבער געווען אַ מערהייט, וואָס איז אין האַרצן געווען קעגן דער גאַנצער קאָנגרעס־באַוועגונג. האָט זי אָנגענומען אַ טאַקטיק פון גאַרניט טאָן, פון טויטן צווישן די אידישע אַרבעטער די שטימונג פאַרן קאָנגרעס. זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט די פאַרטרעטער פון דער אידישער אַסימילאַציע, מיט די געלט־זעק, בכדי צו דערשטיקן די באַוועגונג פאַר צוזאַמענרופן דעם אידישן קאָנגרעס. די פּועלי־ציון און דער פאַרבאַנד זיינען געווען אין אַ מינאָריטעט, זיי האָבן פּראָטעסטירט, באַקעמפט די טאַקטיק, געוואָרנט, ביז זיי האָבן דערזען, אַז ס'איז פיל ווירקזאַמער זיך צוריקצוציען פון קאָמיטעט און דערקלערן די לאַגע פאַר דער אידישער אַרבעטער עפנטלעכקייט. דער אַרויסטריט האָט אויפגערודערט די עפנטלעכקייט, אויפגעלעבט די קאָנגרעס־באַוועגונג און פאַרשנעלערט דאָס צוזאַמענרופן פון דער קאָנגרעס - פאַרקאָנפערענץ דעם 26טן מערץ 1916, וואָס האָט זיך אַרויסגע־

וויזן אַלס הערלעכע דעמאָנסטראַציע פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק. דער פאַרבאַנד און די פועלי־ציון האָבן אין יענע יאָרן מוטיק געקעמפט, און דאָס פאָלק איז געווען מיט זיי. ס׳איז געווען די גלאַנץ־צייט פון פאַרבאַנד און פון די פועלי־ציון.

אָבער, די אינערלעכע אַרבעטן פון פאַרבאַנד, זיין אָרגאַניזאַטאָרישע בילדונגס־ און אויפקלערונגס־אַקטיוויטעטן פון אָרדן, זיינען ניט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אין דער זעלבער צייט. פאַרקערט, ביי די חברים אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד איז געווען אַ פעסטער ווילן צו ווערן אויך אָרגאַניזאַטאָריש אַ גרעסערער כוח. דער מאָנאַט דעצעמבער פון יעדן יאָר איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַציע־חודש. אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעטן האָבן זיך פאַרמירט אין די מערסטע פאַראיינען. דער פאַרבאַנד האָט נאָך דאַן ניט געהאַט קיין אָנגעשטעלטע רייזנדע אָרגאַניזאַטאָרן. מען האָט אַפּעלירט צום חבר, זיין אידעאַליזם, לאָיאַליטעט און אינטערעס. אויף די באַזוכן פון די פאַרבאַנד־באַאַמטע איז אָפט פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש, וואו מען האָט געבעטן די חברים אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען איבערן פאַרבאַנד, וואָס האָט זיי געבראַכט צום אָרדן, וואָס זיינען זייערע חסרונות און וואָס דאַרף ער טאָן. דער דאָזיקער אויסטויש פלעגט דערוועקן מער אינטערעס צו קומען צו פאַרזאַמלונגען און ווערן אַקטיוועט. אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט איז געווען דאָס איינפירן פון קאָרעספּאָנדענץ־קורסן פאַר פאַרבאַנד־חברים. ס׳זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 12 געדרוקטע פאָרטראָגן מיט אַ פראַגע־בויגן איבער אידישער געשיכטע, פון נאָכן חורבן בית־ראשון ביז דער מאָדערנער צייט. אַ קולטור־אַנקעטע איז דורכגעפירט געוואָרן פון פאַרבאַנד (צוזאַמענגעשטעלט פון ד״ר יהודה קויפמאַן, יצחק אייזיק און בראַון), אויף וועלכער ס׳האָבן געענטפערט אַ 1,200 חברים דירעקט צום פאַרבאַנד.

אין פאַרבינדונג מיטן טויט פון י. ל. פּרץ אין 1915 און שלום־עליכם אין 1916, זיינען אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד דורכגעפירט געוואָרן פון פאַרבאַנד טרויער־פאַרזאַמלונגען, און אַ צאָל ברענטשעס האָבן זיך אָנגעהויבן רופן אויפן נאָמען פון די פאַרשטאָרבענע. בכלל, איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ גרויסע צאָל פאַרבאַנד־פאַראיינען רופן זיך אויף נעמען פון אידישע שריפטשטעלער, קולטור־פירער, אידישע וויסנשאַפטס־מענטשן און וויכטיקע ציוניסטן און אַרבעטער־פירער. ס׳איז אַן אויסדרוק פון דרך־ארץ און אָנערקענונג צו גרויסע אידישע פערזענלעכקייטן, צו זייערע שאַפונגען און קאַמף. גרויס יום־טוב האָט געהערשט אין פאַרבאַנד, ווען דעם 26טן יוני 1915 האָבן גראַדואירט די ערשטע 7 קינדער פון דער ניו־יאָרקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול, און אַלס די ערשטע איז ווערט אָנצוגעבן זייערע נעמען: חיים עהרענרייך, פראַדל וויטמאַן, י. פרענקעל, דבורה קאַשעץ, י. פרידמאַן, נתן פאַרמאַן און פאַולין העקטמאַן. אַ טייל פון זיי זיינען היינט שרייבער און טוער.

פון דער באַפאַלאָ־קאָנווענשאַן אין יולי 1915 ביז דער דעטראָיטער קאָנווענשאַן דעם 2טן סעפּטעמבער 1916 האָט דער פאַרבאַנד געהאַט צו פאַרצייכענען אַ גרויסן אָרגאַניזאַציע־געווינס, וואָס איז אַפילו פאַרן היינטיקן פאַרבאַנד ניט קיין

קליינע ציפער. ס'האָבן זיך, נעמלעך, פאַרגעשלאָגן אין די 14 מאָנאַטן 2,773 נייע מיטגלידער, אַריינגענומען האָט מען 2,242, און דער נעט געווינס פאַר די 14 חדשים איז געווען אַרום 1,400. דער פאַרבאַנד איז געקומען קיין דעטראָיט, ציילנדיק 4,400 מיטגלידער. ס'א.יז געווען איינער פון די בעסטע יאָרן ביים יונגן פאַרבאַנד, און גאַנץ כשר האָבן פאַרדינט אָנערקענונג די אַלע פאַרבאַנד־טוער אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ. מען האָט געקאָנט זען די שטייגנדע פּאָ־פּולאַריטעט פון פאַרבאַנד.

צו דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן איז אויך געקומען אַ גאָר חשוב'ער חבר, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר פריער אַריין אין פאַרבאַנד; דאָס איז געווען חבר דוד פּינסקי, באַקאַנטער שריפטשטעלער און דיכטער, דער איצטיקער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. פּינסקין האָט דער פאַרבאַנד געוואונען מיט זיין גאַנצער נשמה. ער איז געוואָרן איינער פון די איבערגעגעבנסטע פירער, און ווען מען האָט אים נאָמינירט אין דעטראָיט אין 1916 אַלס קאַסירער פון פאַרבאַנד, האָט ער דעם אַמט גערן אָנגענומען. אויף יענער קאָנווענשאָן איז געווילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט יצחק אייזיק הורוויטש, און זיין דערוויילונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פרייד־אויסגעשריי פון אַלע דעלעגאַטן און געסט; ער איז אויך וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון דער פּרעסע. יצחק־אייזיק האָט בכלל אַרויסגעוויזן גרויס צוטרוי צום פאַרבאַנד, זיך געפילט גוט צווישן די יונגע; זיין אויפטריט איז שטענדיק געווען אַ געשעעניש אין פאַרבאַנד. די פאַרבאַנד־פירער האָבן זיך דערפילט גליקלעך און שטאָלץ, וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט איז געוואָרן זייער פּרעזידענט און האָט זיך אַלס פּרעזידענט אינטערעסירט מיט יעדער אַרבעט: גע־שריבן, גערעדט, געפאָרן און זיך געשטעלט צום דינסט פון אונזער באַוועגונג.

און איצט אייניקע אינטערעסאַנטע קוריאָזן פון יענע יאָרן אין פאַרבאַנד:

1. אויף דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן האָבן חברים אויסגעדריקט אומ־צופרידנקייט מיט דעם, וואָס טייל ברענטש־סעקרעטאַרן האָבן קאָרעספּאָנדירט מיטן אָפיס אין ענגליש; זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז דאָס פירט צו אַסימילאַציע.

2. חבר ענטין קלאָגט זיך אויף אַ זיצונג, אַז די חברים זיינען נאָך גאָר יונגע מענטשן, ניט קיין טאַטעס, און דערפאַר איז מען ניט אַזוי אַקטיוו פאַר אי־דישער קינדער־דערציאונג.

3. ניו־יאָרקער ברענטש 14 רופט פאַר דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן אַ קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער ברענטשעס צו פאָדערן פון דער גענעראַל־עקזעקו־טיווע, אַז מען זאָל ניט אָפּהאַלטן די קאָנווענשאָן אין דעטראָיט. אַ חבר האָט גע'טענה'ט, אַז די וועסט קאָן נאָך פאַרכאַפּן דעם פאַרבאַנד, און ניו־יאָרק וועט ליידן.

4. ס'איז פאַרגעקומען אַ קאָנווענשאָן־מאַרש אין דעטראָיט, האָבן די דעט־ראָיטער געמאַכט ספּעציעלע היטעלעך פאַרן מאַרש, אָבער זיך געשעמט צו געבן יצחק אייזיקן אַזאַ היטעלע. ערשט, יצחק אייזיק צעבייזערט זיך, גיט אַ כאַפּ אַ היטעלע און מיט זיין האַרציקן געלעכטער גיט ער זיך אַ לאָז צווישן די ערשטע אין מאַרש, און זיין פּנים שיינט.

5. אַ קאַמף אַנטוויקלט זיך צווישן פאַרבאַנד־חברים, צי זיי זאָלן אָנטיילנע־

מען אין 4טן יולי־מאַרש, וואָס באַראַנדעס האָט געפירט. די געשרייען האָבן דערגרייכט ביז די הימלען, אָבער דער 4טער יולי האָט געזיגט, און פאַרבאַנד־חברים האָבן מאַרשירט.

6. ווען די פאַרבאַנד־חברים האָבן געגרינדעט אין ניו־יאָרק אַן אַטלעטישן פאַראיין, איז פון די ערשטע זיך צו פאַרשרייבן געווען דער באַקאַנטער שריפט־שטעלער פּרץ הירשביין, און ווען דער סעקרעטאַר האָט דערזען זיינע שטאַרקע מוסקלען, איז ער געבליבן אַ געפּלעפּטער פון איבערראַשונג. אַן אמת׳ער גיבור איז געשטאַנען פאַר אים.

7. דער פאַרזיצער פון משה העס ברענטש אין ניו־יאָרק האָט זיך גע־קלאָגט, אַז חברים באַזוכן ניט אָפט די מיטינגען. איז אַ חבר אויפגעשפּרונגען מיט אַ פּראָטעסט־געשריי: „און וואָס איז מיט משה העס אַליין?״ איך באַלאַנג שוין אַ צייט צום ברענטש און האָב אים קיינמאָל ניט געזען ביי אַ מיטינג!״ (געווען אויך אַזעלכע אין פאַרבאַנד).

מען וואָלט געקאָנט אַזעלכע קוריאָזן איבערגעבן אין די צענדליקער, אָבער איך האָב זיך דערלויבט צו דערמאָנען בלויז עטלעכע, און די רעדאַקציע וועט מיר מוחל זיין.

דער פאַרבאַנד איז געוואָרן גרעסער, אָבער ער האָט זיך ניט דערלויבט צו האָבן אַ גרויסן אָפיס מיט אַנגעשטעלטע. בלויז דער סעקרעטאַר, אַן אָפיס־מיידל (אַגב, די ערשטע, מיס שטיינבערג, האָט זיך אויסגעלערנט אין פאַרבאַנד אידישע סטענאָגראַפיע און שרייבן אויף אַ אידישער שרייבמאַשין, וואָס איז דאַן געווען אַ זעלטנהייט אין אַ אידישן אָפיס). אין די אָוונטן פלעגט אַ חבר זיצן אַ פּאָר שעה צו געבן אינפאָרמאַציע. ערשט אין דעטראָיט, אויף דער פערטער קאָנווענשאָן, איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן אַ „פעלד־סעקרעטאַר״, אַלס אַ גע־הילף־סעקרעטאַר. ס׳איז געווען אַ היציקער קאַמף פאַר און קעגן. ש. גאָלדשטיין איז נאָמינירט געוואָרן פאַרן אַמט, אָבער אַזוי ווי דער רעפערענדום האָט געגעבן אַ גאָר גרויסע צאָל געגנערישע שטימען צום קאָנווענשאָן־באַשלוס, האָט ש. גאָלד־שטיין, טראָץ אַ מערהייט שטימען פאַר, דעם אַמט ניט אָנגענומען

„די אידישע אַרבעטער־שטימע״ פלעגט דערשיינען רעגלמעסיק יעדע דריי חדשים און האָט אָפּגעשפּיגלט די פאַרבאַנד־טעטיקייטן פון די יאָרן 1915 און 1916. אָבער דער פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצווייגן, און ס׳האָט זיך שטאַרקער געמערקט די נויט פון אַן אָפטערן אָרגאַן. האָט חבר פּ. גינגאָלד פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל באַשטימען אין דעטראָיט אַרויסצוגעבן די „שטימע״ מאָנאַטלעך. אַזאַ פאָרשלאַג איז געבראַכט געוואָרן, וואָס איז פאַרטיידיקט און באַקעמפט געוואָרן פון די אָנהענגער און געגנער. ס׳האָט געזיגט דער צד, וואָס האָט רעקאָמענדירט אַ מאָנאַטלעכע „שטימע״, אָבער דערביי איז אָנגענומען גע־וואָרן אַ תנאי, אַז ס׳זאָל קאָסטן ניט מער פון 40 סענט אַ יאָר דעם חבר, און אַז דער ברענטש אַלס גאַנצער איז פאַר די 40־סענטיקע פאַראַנטוואָרטלעך. די שרעק פאַר שטייערן האָט זיך אויך טיילוויז איבערגעטראָגן פון אַנדערע אָרדנס אין פאַרבאַנד. שפּעטער איז אַ שטייער פאַרן זשורנאַל געוואָרן כשר און אָנערקענט אין פאַרבאַנד.

שוין אין די ערשטע יאָרן פלעגט אונזער פאַרבאַנד אויסקומען צו שטיצן אידישע און אַרבעטער־אינסטיטוציעס, העלפן חברים אין נויט, העלפן סטרייקערס. און די פאַרבאַנד־פאַראיינען פלעגן זעלטן אָפּזאָגן. איבערהויפּט פלעגן זיי שטיצן סטרייקערס און נויטליידנדע חברים. און סטרייקן פלעגן גאַנץ אָפט פאָרקומען — גרויסע און קליינע סטרייקן אין ניו־יאָרק (דער גרויסער קלאָוקמאַכער־סטרייק אין 1916), אין פּאַטערסאָן, פילאַדעלפיע און אַנדערש־וואו. מערערע מאָל פלעגן אָנפירנדע חברים אַדרעסירן סטרייקערס. פיל ברענטשעס האָבן אָפט זיך באַטייליקט אין פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, אַגיטירנדיק פאַר סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־קאַנדידאַטן.

צו די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע פלעגן אָפט קומען חשוב׳ע געסט; אַזוי האָט אין 1915 די לייטונג איינגעלאַדן דאַווידאָוויטש׳ן צו רעפערירן איבער דער געפּלאַנטער עמיגראַציע־באַנק; יצחק אייזיקן איינגעלאַדן אויפצוקלערן וועגן דעם בוירנעט אימיגראַציע־ביל, ליטעראַסי טעסט און וועגן פונקט ניט אַריינצולאָזן קיין רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. יצחק אייזיק איז שפּעטער, אין יאָר 1915, געשיקט געוואָרן צו אַ פאַרהער אין וואַשינגטאָן (דער ביל איז וועטאָאירט געוואָרן פון פּרעזידענט ווילסאָן). דער פאַרבאַנד איז דאַן אַרויס מיט אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַן אַלגעמיינע ליגע פון פריינט פון אימיגראַציע. יצחק אייזיק האָט דעם פאָרשלאַג געשטיצט, אָבער ס׳האָבן זיך באַוויזן שטערונגען. דער פאַרבאַנד האָט יענעם יאָר אַרויסגעגעבן אַ ביכל: „אימיגראַציע און אַרבעטער־פּראָגע״, געדרוקט אין אייניקע טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס ביכל איז אינגאַנצן אויספאַרקויפט געוואָרן.

אָנגעלייגטע געסט אויף די זיצונגען זיינען געווען ש. קאַפּלאַנסקי, זרובבל, בן צבי, בן גוריון, כאַשין, באַראַכאָוו, פּ. רוטענבערג — אַלע אַריבערגעקומענע פון איראָפּע אין די מלחמה־יאָרן. יעדער פון די געסט פלעגט האָבן וואָס צו באַטאָנען און פאָדערן, און די לייטונג פלעגט אונטערשטרייכן, אַז זיי זיינען צווישן אייגענע און חברים. חבר׳שע הילף האָט דער פאַרבאַנד געגעבן דעם באַנייטן „אידישן קעמפער״, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאָר 1915.

פון 22טן ביזן 26טן אַפּריל 1916 איז פאָרגעקומען דער צווייטער שולן־צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן, צווישן אַנדערע פּראָגן, איז אויך אויפגעהויבן געוואָרן די פּראַגע פון גרינדן אַ אידישן לערער־סעמינאַר. ס׳זיינען דאַן געווען 27 שולן, אָנגעשלאָסן אָן שולן־פאַרבאַנד.

אַן אינטערעסאַנטן באַשלוס האָט די עקזעקוטיווע אָנגענומען אויף אירער אַ זיצונג אין יאָר 1916: אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין 4 בענדער; דאָס בוך האָט געזאָלט געשריבן ווערן פון חבר בער באַראַכאָוו, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן אייניקע זיצונגען מיט דער לייטונג (דער בילדונגס־קאָמיטעט איז שוין דאַן געווען פאַראייניקט מיט דער עקזעקוטיווע און געוואָרן אַ טייל פון איר). אַ גאַר טיכטיקע אַרבעט האָט דאַן אָנגעפירט חבר ש. שאַפּיראָ. די עקזעקוטיווע האָט גוטגעהייסן דעם פּלאַן פון באַראַכאָוון. ליידער האָט דער טויט צוגענומען פריצייטיק פון אונז דעם יונגן אידישן פאָרשער און טעאָרעטיקער. באַראַכאָוו איז אָפּגעפאָרן נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע אין

רוסלאַנד אָנהויב 1917 און איז דאָרט מיט אַ קורצער צייט שפּעטער געשטאָרבן. זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער; ס'איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. במילא איז פון באָראָכאָווס פּראָיעקט גאָרניט געוואָרן. זיינע עטלעכע יאָר לעבן אין ניו־יאָרק האָבן אים דערנענטערט צום פאַרבאַנד, פון וועלכן ער איז געוואָרן אַ גרויסער אָנהענגער און אים מיטגעהאָלפן ביי מערערע געלעגנהייטן.

דער פאַרבאַנד האָט אין יאָר 1916 באַגריסט דעם אַרבעטער־רינג מיט דעם באַשלוס פון זיין 16טער קאָנווענשאָן צו גרינדן אידישע סאָציאַליסטישע קינדער־שולן; ס'איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט פראַגן פון אידישער קינדער־דערציאונג און אין לויף פון דער צייט געשאַפן אַ צאָל אַרבעטער־רינג־שולן.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין נייע פּונקטן. פאַראיינען זיינען צוגעקומען אין מאַסאַטשוזעטס, אין טאָראָנטאָ, שיקאַגאָ, האַרטפאָרד, ניו הייוון, פּראָווידענס, באַלטימאָר, אָלבאַני, גלאָווערסוויל, ניו דזשוירזי און אין אַנ־דערע פּונקטן פון לאַנד. אומעטום זיינען געווען גרופּן, וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט ,געוואָרן גרינדער. די הונדערטער ערשטע גרינדער אין ניו־יאָרק און אין לאַנד, די פאַרשידענע מיטגלידער, וואָס האָבן געדינט אין די אָנפירנדע אינסטאַנצן פון פאַרבאַנד — זיי האָבן אַלע צוגעגעבן קאָליר ,אינהאַלט און אינטערעס צום אָרדן, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך פאַרצווייגן. די חברים איבערן לאַנד זיינען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט; אַ סך זיינען געוואָרן אַ קוואַל פון דערמונטערונג אַפילו פאַר דער פאַרבאַנד־לייטונג, און וויכטיקע קאָרעספּאָנדענץ פלעגט פון צייט צו צייט איבערגעגעבן ווערן אויף די זיצונגען און אין די באַריכטן פון דער לייטונג, וואָס איז געווען אין ענגסטן קאָנטאַקט מיט די פּונקטן, זיי געמונטערט, באַגריסט מיט יעדער וויכטיקער אַרבעט און איניציאַטיוו, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן איבערן לאַנד פאַרבאַנד־צענטערן, היימען, שפּאָר־ און ליי־קאַסעס, לייען־ און זעלבסטאַנטוויקלונגס־גרופּן. רייזנדע פאַר ביכער, פאָנדן און אינסטיטוציעס פלעגן תמיד געפינען וואַרעמקייט אין דער פּראָווינץ און גע־קראָגן הילף. אין אַ צאָל שטעט האָבן פאַרבאַנד־ברענטשעס אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע און אָפט געווען איניציאַטאָרן פון וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס און אַרויסטרעטונגען. די באַוועגונג פאַרן קאָנגרעס, די אַרבעט פאַר פאָלקס־הילף, די זאַמלונגען פאַרן פאָלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד זיינען פון די חברים פון דער פּראָווינץ נאָך געשטיצט געוואָרן מיט מער ענערגיע, ווי אין אַ צאָל ניו־יאָרקער פאַראיינען; זיי האָבן זיך געוואָרעמט אַרום אונזערע טעטיקייטן, זיך אין זיי אויסגעלעבט. זיי, צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון, האָבן געשאַפן אין די שטעט און שטעטלעך אַ אידישע פאָלקס־סביבה. מען פלעגט אָפט הערן זינגען אויף די צוזאַמענקונפטן אידישע לידער; ס'איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ געזאַנג בציבור און מען פלעגט באַטראַכטן אונזערע חברים אַלס די מאָדערנע חסידים, וועלכע ווייזן אַרויס התלהבות, זיינען אינטים צוזאַמענגעבונדן, און דער באַזוך פון זייערן אַ פירער פון ניו־יאָרק אָדער אַ „גדול״, ווי די פּראָווינץ רופט זיי, איז געווען אַ גרויסער יום־טוב.

אינטערעסאנטע באריכטן פלעגן אפט אנקומען פון לאנד. שרייבט, למשל, ברענטש 6 פון שיקאגא, אז מיט זיין איינפלוס און מיטווירקונג איז געלונגען צו ווירקן אויף דעם „באארד אוו עדיוקעישאן" צו האבן א פאבליק סקול, געבויט אויפן נאמען פון ד"ר הערצל. אינפארמירט חבר גערשאטער פון אמאהא, אז זיי ווילן זיך באנוצן מיט א געזעץ אין נעבראסקא, וואס דערלויבט 25 עלטערן פון קינדער צו פאדערן, אז אויך זייער מוטערשפראך (ניט ענגליש) זאל געלערנט ווערן אין געוויסע געגנטן. האבן די אמאהער געהאלטן אויך ביים אויספירן, אז אידיש זאל געלערנט ווערן, האבן זיך „יאהודים" אריינגעמישט און צעשטערט זייער פלאן און האפענונגען.

האמילטאן ברענטש שרייבט, אז זיי האבן געהאלפן גרינדן א תלמוד־תורה (פאר א שולע האבן זיי קיין פלאץ ניט געהאט, א צאל חברים איז אויך געווען רעליגיעז געשטימט). אנדערע ברענטשעס אין יענע יארן 1915 און 1916 פאדערן מער זעלבסטבילדונג, פארשטארקטע ארץ־ישראל־אקטיוויטעטן, מער ארבעטער־טעטיקייט. מאסאטשוזעטס וויל וואס שנעלער א טשארטער. א טייל פארבאנד־חברים פון לאנד ווילן אפטע באזוכן און רייזנדע ארגאניזאטארן, און די עקזעקוטיווע שטעלט אן פאר א געוויסער צייט דעם ערשטן רייזענדן ארגאניזאטאר, חבר מיטשעל פון פילאדעלפיע (לײדער ניט מער צווישן די לעבעדיקע). אין ניו־יארק גרינדעט זיך א שטאט־קאמיטעט, און חבר גינגאלדן ווערט איבערגעגעבן צו טאן ארגאניזאציע־ארבעט אין ניו־יארק.

חבר לעאן כאזאנאוויטש, דעמאלט אין אמעריקע, שלאגט פאר דעם פארבאנד צו פאפולאריזירן א לאזונג פאר א אידישער נאציאנאלער הילפס־ארבעט. צו דער קאנווענשאן אין דעטראיט ווערט פארגעשלאגן און אנגענומען, אז חברים זאלן געבן א סענט א טאג פאר אידישע מלחמה־קרבנות און זיך גרייטן פארן „אידן־טאג", פראקלאמירט פון פרעזידענט ווילסאן.

די גרויסע געשעעניש אין פארבאנד אין 1916 איז טאקע געווען דער דעטראיטער פארבאנד־צוזאמענפאר אין 1916, לכבוד וועלכן דער „אידישער קעמפער" איז ארויס מיט א ספעציעלן נומער. אלע וויכטיקע פערזענלעכקייטן אין אונזער באוועגונג זיינען געווען אויף יענעם צוזאמענפאר, וואס האט איבערגעשטיגן אין צאל, אין איינפלוס, אין מעשים די גלענצנדע קאנווענשאן אין באפאלא מיט א יאר פריער. יצחק אייזיק האט זיך גאר אקטיוו באטייליקט, אויך די חברים בן גוריון, צוקערמאן, פינסקי און אנדערע. א שטורעמדיקע זיצונג איז פארגעקומען, ווען ר. קענדזשערסקי איז דערשינען אין נאמען פון א סאציאל־דעמאקראטישן פאראיין פועלי־ציון, וועלכער איז פון דער פארטיי ניט אנערקענט געווארן, אנצוקלאגן די לייטונג פון פארבאנד פאר ניט דערלויבן זיי צו ווערן א פארבאנד־ברענטש אויף זייער נאמען. די לייטונג האט דאן אפגעגעבן א דערקלערונג, וואס איז גוטגעהייסן געווארן פון דער איבערוועגנדער מערהייט פון די דעלעגאטן. יצחק אייזיק, וועלכער האט זיך באטייליקט אין די דיסקוסיעס און געשטיצט די שטעלונג פון דער פארבאנד־לייטונג סיי פרינציפיעל, סיי פון שטאנדפונקט פון דעמאקראטיע, האט צום סוף פארגעשלאגן, אז אין פארבאנד זאלן ניט דערלויבט ווערן קיין פארטיי־ברענטשעס, און אויף אזא אופן וועט דער פארבאנד

אויסמיידן צווישן־פּאַרטיי־סיכסוכים ביי זיך, וואָס קענען אים קיין געזונט ניט צוגעבן.

די דעטראָיטער קאָנווענשאָן האָט זיך פאַרנומען אויף ברייטע וועגן. מען האָט אָנגעהויבן רעדן פון 10 טויזנט פאַרבאַנד־חברים. דער פאַרבאַנד האָט דע־מאָלט אין אַ צושריפט באַטאָנט, אַז „דער פאַרבאַנד פון היינט איז ניט דער פאַר־באַנד פון דער צוקונפט. היינט זיינען בלויז אַרבעטס־פּאַרזוכן, מיט ווייניק כוחות פאַר גרויסע שאַפנדע אַרבעטן. היינט זיינען מיר פּיאָנערן. מוזן מיר זיך צוגרייטן פאַרן פאַרבאַנד פון דער צוקונפט, ווען, זייענדיק אַ גרויסער נומע־רישער כוח און שטיצנדיק זיך אויף זיינע טראַדיציעס פון די ערשטע יאָרן, אויף די אָנגעוויזענע וועגן, אויף וועלכע ער איז געגאַנגען, וועט ער ווערן אַ גרויסע מאַכט, אַ גאַר גרויסער פאַקטאָר אין לעבן, צו וועלכן ער איז באַרופן".

אָט אַזוי האָט דער פאַרבאַנד דאַן געפילט און געזאָגט, און זיינע ווערטער פון 1916 זיינען מקוים געוואָרן אין די שפּעטערע יאָרן. היינט שניידט דער פאַר־באַנד די פּרוכט פון די קערנער, וואָס ער האָט פאַרזייט אין זיינע ערשטע יאָרן.

די מלחמה פון אַמעריקע און די ווירקונג אין לאַנד און אויפ'ן פאַרבאַנד

אין 1917 איז דער פאַרבאַנד אַריין אין זיין פינפטן יאָר עקזיסטענץ. ס'איז געווען אַן אינטערעסאַנטער יאָר אין אידישן און מענטשלעכן לעבן, אַ יאָר פון גרויסע איבעראַשונגען און געשעענישן.

ס'איז אויך געווען אַ גאַר ערנסטער יאָר פאַרן פאַרבאַנד.

די וויכטיקסטע געשעענישן אין יאָר זיינען געווען: אַמעריקעס אַריינטריט אין דער מלחמה; די ערשטע און צווייטע רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד אין דעם זעלביקן יאָר, וואָס האָבן ניט בלויז רוסלאַנד, נאָר אויך די וועלט אויפגעטרייסלט; די היסטאָרישע באַלפור־דעקלאַראַציע פון 2טן נאָוועמבער 1917.

אין אידישן אַמעריקאַנער לעבן איז דער 10טער יוני 1917 געווען אַ גוואַל־דיקע היסטאָרישע פּאַסירונג, דער טאָג פון די ערשטע פּאָפּולערע פאָלקס־וואַלן פאַר אַ דעמאָקראַטישער אידישער רעפּרעזענטאַנץ צום אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די אידישע מאַסן אין אַמעריקע. אין דעם יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער אידישער לעגיאָן און טויזנטער יונגע אידן האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָסן, צווישן זיי אַ גאַר גרויסע צאָל פאַרבאַנד־ און פּועלי ציון־מיטגלידער. דעם זעלבן יאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן, וואָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן צו דעם דער־פאָלג פון ערשטן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז פאַר־געקומען אָנהויב זומער 1918 און האָט אין נאָמען פון 250 טויזנט אידישע אַר־בעטער זיך דערקלערט סאָלידאַריש מיטן קאַמף פון אויפבוי־אַרבעט פאַר ארץ־ישראל; דעם זעלבן יאָר אָנערקענט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל די פּועלי־ציון.

אין יאָר 1917 איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר אַ וויכטיקער אידישער העכערער דערציאונגס־אינסטיטוציע, דער אידישער לערער־סעמי־נאַר, וואָס האָט זיך געעפנט אין מערץ 1918 מיט אַרום 40 סטודענטן, מיטן

באַקאַנטן יונגן אידישן געלערנטן, ד״ר יהודה קויפמאַן אַלס זיין גייסטיקער אָנ־פירער.

אין יאָר 1917 האָט דער פאַרבאַנד זיך געזעגנט מיט הונדערטער חברים, וועלכע זיינען געוואָרן סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און אַוועק אין אייראָפּע אין קאַמף מיט דייטשלאַנד.

דעם זעלבן יאָר האָבן זיך וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אַנגעשלאָסן אין פאַר־באַנד, צווישן זיי אויך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער איז אַריין אין ברענטש 14 דעם 14טן אַפּריל 1917 און איז אינסטאַלירט געוואָרן אויף אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג דורכן חבר בראַון.

דעם זעלבן יאָר פירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איר גרויסן קאַמפּיין פאַר מאָריס הילקוויט אַלס מעיאָר פון ניו־יאָרק, און ער קריגט אַ ריזיקע צאָל שטי־מען. ס׳איז געווען אַ יאָר פון גרויסע איבערלעבונגען און דערוואַרטונגען, אָבער אויך אַ יאָר פון גרויס זאָרג אין אונזער לעבן. אויף דעם פאַרבאַנד האָבן די געשעענישן פון יאָר געלאָזן זייער ווירקונג, און דער פאַרבאַנד האָט זיך געמוזט רעכענען מיט אַ געענדערטער סיטואַציע, מיט אַ מלחמה־מצב אין לאַנד, מיט מעגלעכע גרויסע פאַרלוסטן, מיט אַוועקגיין פון פיל אַקטיווע חברים אין דער אַרמיי און אין לעגיאָן, און מיט אַן אומרואיקער שטימונג אין יעדן הויז. ס׳איז געווען אינערלעך אַ זייער שווער יאָר פאַר אַרבעט. דער פאַרבאַנד האָט געזאָלט אין 1917 האָבן זיין פינפטע קאָנווענשאָן, האָט ער עס אָפּגעלייגט, און אָנשטאָט דעם גערופן אַ נאַציאָנאַלע פאַרבאַנד־קאָנפערענץ אין טראָנטאָ סוף יאָר. דער פאַרבאַנד איז אַרויס בשלום דעם יאָר, אָבער ס׳איז געווען אַ גוואַלדיקע אָנשטרענ־גונג פאַרן יונגן פאַרבאַנד צו טרייבן די אַרבעט, צו רופן צו נייע טעטיקייטן, צו מונטערן און הויבן דעם געמיט פון פיל חברים און צו פאָדערן אין דער זעלבער צייט ניט צו פאַרנאַכלעסיקן די אָרגאַניזאַטאָרישע און בילדונגס־אַרבעטן, שולן־טעטיקייט, אידיש־געזעלשאַפטלעכע און ארץ־ישראל־אויפגאַבן, אא״וו.

דער פאַרבאַנד האָט זיין עקזאַמען אויסגעהאַלטן און האָט נאָך מער געוואו־נען אין דער אידישער גאַס אָנערקענונג און דרך־ארץ פאַר זיך. באַזונדערס האָט זיך דאָס געלאָזט פילן, ווען ער צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון האָבן אָנגעפירט די גרויסע אויפקלערונג און וואַל־אַגיטאַציע פאַר פאָלקס־וואַלן, וואָס האָבן גע־פירט צו דער דערוויילונג פון אַ גאַר באַדייטנדער צאָל אַרבעטער ציוניסטן, חברים פון דער פּאַרטיי און פון פאַרבאַנד, אַלס דעלעגאַטן צום ערשטן אַמערי־קאַנער אידישן קאָנגרעס.

דער טאָג פון 10טן יוני 1917 וועט ניט פאַרגעסן ווערן אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַמעריקע.

אַן אינטערעסאַנטער איינפיר אין פאַרבאַנד איז געווען די פּראָקלאַמירונג פון אַ „געזונט־מאָנאַט״, וועלכן די דאָקטוירים עלסבערג (אַ צייט הויפּט־מעדיצי־נישער אויפפּאַסער פון פאַרבאַנד), ד״ר קלינג און ד״ר בן־ציון ליבער האָבן באַ־דייטנד מיטגעהאָלפן. דער פאַרבאַנד פלעגט צושיקן מעדיצינישע צושריפטן מיט אָנווייזונגען וועגן היגיענע און געזונט־פאַרהיטונג, באַנוצט זיך מיט דער „שטימע״ פאַר אויפקלערונגען, געגעבן מעדיצינישן ראַט צו חברים.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנגעשלאָסן יענעם יאָר אָן אַ באַוועגונג צו באַ־קעמפן דעם יקרות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פילן אין 1917; העפטיק פּראָטעסטירט קעגן אימיגראַציאָנס־גזירות, וואָס זיינען טראָץ פּרעזידענט וויל־סאָנס וועטאָאירונג אָנגענומען געוואָרן פון קאָנגרעס. ס׳איז געוועזן אַ שווערער קלאַפּ פאַר אַלע די, וועלכע האָבן געהאָפט אויף אַ מאַסן־איינוואַנדערונג נאָך דער מלחמה קיין אַמעריקע.

אין יולי 1917 האָט דער פאַרבאַנד פאַרענדיקט זיין זאַמלונג פאַר די קינדער־היימען אין פּוילן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַרום 13 טויזנט דאָלאַר און איז אי־בערגעגעבן געוואָרן צו „פּיפּלס רעליף״.

אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג האָט זיך אָנגעהויבן מערקן ביי אַ צאָל חברים. זיי האָבן זיך גענומען קלייבן קיין רוסלאַנד; די מערץ־רעוואָלוציע האָט אין זיי דערוועקט אַ בענקעניש און ליבע צו זייער געבורטסלאַנד, און מאַנכע זיינען טאַקע אַפּגעפאָרן.

ס׳וועט זיין כדאַי אויך דאָ צו פאַרצייכענען, אַז דער באַקאַנטער אינשורענס־מאַטעמאַטיקער, אַקטשוערי לאַנדיס פון מאַסאַטשוזעטס, האָט אין 1917 פאַר־עפנטלעכט סטאַטיסטישע ציפערן איבער 150 אָרדנס, און אין דער טאַבעלע האָט ער געגעבן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד דעם ערשטן פּלאַץ אין זיכערקייט. דאָס איז געווען דער בעסטער קאָמפּלימענט פאַר אונזער אָרדן, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו בויען אַ געזונטן יסוד ביים אָנהויב און פאַראַנטוואָרטלעך אָנגעפירט זיינע אָרדן־פונקציעס פון דער ערשטער רגע אָן.

די טרענטאָנער קאָנפערענץ איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט אַרויסגערופן אומבאַשרייבלעכע שמחה אין פאָלק. ס׳איז אין די טעג פון דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען די פייערונג אין קופּער־יוניאָן, און פּינסקי האָט געבראַכט צו דער קאָנפערענץ דעם גרוס פון דער גרויסער קופּער־יוניאָן־מאַניפעסטאַציע, אַנשטעקנדיק די דעלעגאַטן מיט התלהבות. חבר בן־צבי איז געווען דער גאַסט פון דער טרענטאָנער קאָנפערענץ און האָט טיף באַווירקט די קאָנפערענץ.

די טרענטאָנער קאָנפערענץ האָט געזאָלט זיין אַ ריין־פּראַקטישע, אָבער דאָס לעבן האָט געצוואונגען די קאָנפערענץ צו רעאַגירן, און טרענטאָן האָט גע־האָלפן באַרייכערן די אינטערעסאַנטע פאַרבאַנד־באַגעגענישן מיט נאָך אַ וויכ־טיקן צוזאַמענפאַר. חברים־דעלעגאַטן זיינען געקומען אין אַ געדריקטער שטי־מונג, אָבער אַפּגעפאָרן דערפרישט און מונטער. די רעזאָלוציעס פון דער טרענ־טאָנער קאָנפערענץ זיינען ניט געווען אָן ווירקונג אויפן פאַרבאַנד.

בכלל, האָט זיך 1917 פאַרענדיקט פאַרן פאַרבאַנד ניט שלעכט, און ער האָט מיט האָפענונגען דערוואַרטעט דאָס אָנקומענדע יאָר, האָפנדיק, אַז ס׳וועט זיך ענדיקן די מלחמה, חברים וועלן זיך צוריקקערן געזונט און אין אידישן לעבן וועט זיך אָנהויבן די גרויסע רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט אין די חרוב־געוואָרענע אידישע קהילות אין די מלחמה־לענדער, און די אַרבעט דורכצופירן אין לעבן דעם אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, אויפן יסוד פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער פאַרבאַנד האָט מיטן יאָר 1917 פאַרענדיקט זיינע

ערשטע 5 יאָר פון עקזיסטענץ אַלס געזעצלעכער אָרדן, און ער האָט געקאַנט מיט באַפרידיקונג אַ בליק טאָן אויף די יאָרן צוריק, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט — פאַרזוכן, סקעפּטיציזם, שוועריקייטן, אָבער יאָרן פון בויען, שאַפן אַ לעבעדיק־אַקטיוון אָרדן.

ער האָט אויך געקאָנט רואיק באַטראַכטן זיינע מאַטעריעלע פאַרשפּרעכונגען און פאַרפליכטונגען און זיך פילן זיכער, אַז ער שטייט אויף אַ געזונטן באָדן. אין די ערשטע פינף יאָר פון זיין געזעצלעכער עקזיסטענץ האָט דער פאַרבאַנד אויסגעצאָלט אין טויטן־בענעפיט צו די פאַמיליעס פון די פאַרשטאָרבענע חברים די סומע פון אָרום צען טויזנט מיט 600 דאָלאַר, און צו קראַנקע חברים די סומע פון 31,970 דאָלאַר, ניט רעכענענדיק טויזנטער דאָלאַרן אין הילף און לאָקאַלע בענעפיטן צו די קראַנקע חברים. די קאָאָפּעראַטיווע פאַרזיכערונג און בענעפיטן פון פאַרבאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן נוצלעך און באַהילפיק פאַר די חברים און זייערע פאַמיליעס, און צוטרוי האָבן די חברים געפילט צו זייער אָרדן. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אידישן אַרבעטער־אָרדן, וואָס וועט באַשיצן זייערע אינטערעסן און זאָרגן כסדר פאַר דער באַפעסטיקונג פון זייער אָרדן, וועמען זיי האָבן געגעבן זייער חבר׳שן אינטערעס און אָנגעטרויט זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע צאָלונגען.

עס זיינען געווען אינטערעסאַנטע פינף יאָר אויף אַלע געביטן, און דער פאַרבאַנד האָט זיין עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

דאָס יאָר 1918

דאָס יאָר 1918 איז אויך געווען אַ שווער מלחמה־יאָר, אָבער ס׳האָט זיך שוין געמערקט דער בלאַסער שיין פון אָנקומענדען נצחון פון דער דעמאָקראַטישער וועלט. דאָס אידישע לעבן איז געווען אין כסדר׳דיקן אויפברויז. די באַלפור־דעקלאַראַציע פון נאָוועמבער, דאָס איינגעמען פון ירושלים אין דעצעמבער 1917, די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דאָס שיקן פון הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען אַ גרויסע צאָל אידישע זין, דאָס אָפּפאָרן פון אידישע לעגיאָנערן קיין ארץ־ישראל, בתוכם פיל פאַרבאַנד־ און פועלי ציון־חברים, — אַלע דאָזיקע און אַנדערע פאַסירונגען האָבן היפש אויפגערודערט דאָס אידישע לעבן און אונזער פאַרבאַנד. דער לעצטער האָט געזוכט זיינע אַקטיוויטעטן אָנצוהאַלטן און אויסצוברייטערן. האָט ער געפייערט זיין פינף־יאָריקן יובילײ דעם 21טן מערץ אין קופּער־יוניאָן, אויף וועלכן ס׳האָבן גערעדט יצחק אייזיק הורוויטש, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און מאיר בראָון. דער דיכטער יהואש האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און זיך באַטייליקט מיט זיינע לידער אין אָוונט. ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו האָט פייערלעך באַגריסט דעם פאַרבאַנד. אַ באַזונדער פייערלעכקייט האָבן צוגעגעבן דעם אָוונט די חברים־לעגיאָנערן, וועלכע האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן אַמעריקע. ס׳האָט דעמאָלט אויך עקזיסטירט אַ פועלי ציון־כאָר, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין יום־טוב. דער געפאַקטער קופּער־יוניאָן האָט פריידיק באַגריסט דעם יום־טוב פון פאַרבאַנד. פרייד האָט אַרויסגערופן יענעם מאָנאַט אויך די דערעפענונג פון

אידישן לערער־סעמינאַר מיט זיינע ערשטע 40 סטודענטן, מיט יהודה קויפ־מאַן אַלס דירעקטאָר. די עקזעקוטיווע האָט געגעבן דעם ערשטן בייטראַג פון 250 דאָלאַר און דעלעגירט אַלס אירע ערשטע פאָרשטייער אין סעמינאַר די חברים י. גאָרדאָן (דעמאָלט וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד) און בראַון. פון סאַמע געבורט פון סעמינאַר ביז היינט צו טאָג איז דער פאַרבאַנד געטריי פאַר־אינטערעסירט אין דעם העכערן אידישן דערציאונגס־אינסטיטוט און גיט אים זיין פינאַנציעלע און מאָראַלע מיטהילף. דער סעמינאַר האָט געהאַט זיינע גוטע צייטן, און אויך שווערע קריזיס־יאָרן, אָבער דער פאַרבאַנד האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזן און איז לעצטנס געווען באַהילפיק אין דערמעגלעכן דעם סעמינאַר צו קויפן אַן אייגענע פּרעכטיקע היים, וואָס וועט אים דערמעגלעכן זיך אויסצו־ברייטערן און אויסנוצן זיין טשאַרטער, וואָס גיט אים דאָס רעכט פון אַ קאָלעדזש. יהודה קויפמאַן האָט מערערע מאָל געשריבן אין דער „אידישער אַרבעטער־שטימע" און אויפגעטראָטן מיט אויפקלערונגען וועגן סעמינאַר אויף פאַר־באַנד־צוזאַמענפאָרן.

צווישן די ביי־אַנגעשלאָסענע חברים איז אויך געווען ד"ר ליבער, אַ באַ־קאַנטער אידישער ראַדיקאַל און מעדיקער. ער איז אַ צייט געווען אַקטיוו אין פאַרבאַנד, אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד פאַר אים, אָנגעשריבן אַ פּאָר קלענערע בראָשורעס, געשריבן איבער היגיענע און פאָלקס־געזונט אין דער „אידישע אַרבעטער־שטימע". אָבער זיין הויפּט־אינטערעס איז געווען אין זיין פּראָיעקט, וואָס ער האָט געבראַכט צו דער פאַרבאַנד־עקזעקוטיווע און צו דער פינפטער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן. דאָס איז געווען אַ פּראָיעקט וועגן אַ פּרעווענטאָריום, אַ געזונטהייטס־אינסטיטוט צו פאַרהיטן חברים פון קראַנקהייטן און האָבן דאָרט פּלאַץ פאַר אָפּגעשוואַכטע חברים צוריקצוגעווינען זייער געזונט. פּרעווענטאָ־ריומס זיינען געווען פּאָפּולער אין דייטשלאַנד. ד"ר בן ציון ליבער האָט געוואָר־נען פיל חסידים, צווישן זיי אויך אַ צאָל פאַרבאַנד־פירער פאַר זיין פאָרשלאַג. איינקע יאָר האָט דער פּלאַן דער פאַרבאַנד־חברים, פאַרהאַנדלט געוואָרן אויף קאָנווענשאַנס, וואָס האָבן אָנגענומען גינסטיקע רעזאָלוציעס; אָבער אין לויף פון יאָרן איז קלאָר געוואָרן פאַר די פאַרבאַנד־פירער, אַז דער פּראָיעקט וועט פאַלן צו שווער אויפן יונגן אָרדן, און די ליידונג איז סוף־כל־סוף געווען געצוואונגען אויף דער ניינטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1924, צו דערקלערן, אַז דער פּרעווענטאָריום־פּלאַן איז ניט פאַר דעם פאַרבאַנדס כוחות. די קאָנווענשאָן האָט, נאָך אַ מיינונגס־אויסטויש פון דעלעגאַטן, צוגעשטימט צו דער מיינונג פון דער ליידונג און דערקלערט, אַז דער פאַרבאַנד מוז מיט באַדויערן אויפגעבן דעם פּראָיעקט. ס'איז געווען אַן אַנטוישונג פאַר אַ צאָל חברים, אויך פאַר ד"ר ליבער'ן, פאַר וועמען דער פאַרבאַנד האָט געהאַט אַ וואַרעם וואָרט און אינטערעס.

אין דעם יאָר 1918 האָט די באַוועגונג געפייערט אויף אַ באַשיידענעם אופן דעם 50־יאָריקן געבורטסטאָג פון ד"ר נחמן סירקין. דער פאַרבאַנד האָט אים האַרציק באַגריסט, און ד"ר סירקין האָט געענטפערט מיט אַ רוף צום פאַרבאַנד צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־

ישראל, וואָס דער גרויסער פּירער האָט באַטראַכט אַלס דעם איינציקן דערפאָלג־רייכן וועג צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל מיט גרויסע אידישע מאַסן. אַ יאָר שפּעטער איז ער אָפּגעפּאָרן קיין ארץ־ישראל אַלס איינער פון אַ קאָמיטע, וואָס די פּאַרטיי האָט באַשטימט, און נאָך אַן אויספאָרשונג איז זיין איבערצייגונג פאַר קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע פאַר ארץ־ישראל נאָך מער באַקרעפטיקט געוואָרן.

אין פאַרבינדונג מיט די פאַרענדיקטע ערשטע פינף יאָר פון פאַרבאַנד האָט די לייטונג איינגעלאַדן אַ צאָל וויכטיקע פּירער און אויך לאָקאַלע פאַרבאַנד־טוער אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען איבערן פאַרבאַנד און זיינע אויפגאַבן. די „אידישע אַרבעטער־שטימע" האָט ברייט געעפנט די שפּאַלטן פאַר אַ צאָל חברים; האָבן זיך יענעם יאָר דאָרט באַטייליקט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, י. זאַר, קרעטשמאַר־איזראַעלי, צוקערמאַן, יהודה קויפמאַן, יצחק אייזיק, ליבער א. אַנד. יעדער האָט אויף זיין אופן געזוכט אַרויסצוברענגען די וויכטיקע אויפגאַבן פון פאַרבאַנד און וואָס ער דאַרף טאָן. אויך חברים פון לאַנד האָבן אַרויסגעבראַכט אינטערעסאַנטע מיינונגען; ס'איז געווען אַן אויסטויש פון געדאַנקען און פּלענער לטובת דעם פאַרבאַנד. צווישן די, וועלכע האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען, איז אויך געווען חבר ל. סיגאַל, דער איצטיקער סעקרעטער פון פאַרבאַנד, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין סט. פּאָול. אויף די אָפטע רייזעס פון פאַרבאַנד־סעקרעטאַר איבערן לאַנד איז אים תמיד געווען אינטערעסאַנט צו הערן מיינונגען און אָנפראַגן פון חברים; אַז ער פלעגט זיך צוריקקערן פון זיין נסיעה, איז אין זיין באַריכט שטענדיק געווען אָנגעגעבן אַ צאָל נעמען פון אינטערעסאַנטע און וויכטיקע לאָקאַלע טוער. טייל מאָל פלעגט ער זיי אויף די זיצונגען איבערגעבן, אַז ס'וואוינט אין אַ ווייט שטעטל אַ חבר מיטן נאָמען ל. סיגאַל, וועלכער זאָגט אַרויס מיינונגען און שטעלט פראַגן פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס דערווייזן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן־מאַטעריאַל, פון וועלכן ס'ווערן געשאַפן פירער. און אַזוי איז סיגאַלס נאָמען באַקאַנט געוואָרן צו אַ צאָל אָנפירנדע פאַרבאַנד־חברים; ס'איז געווען דערפאַר נאַטירלעך דער פאַרשלאַג פון דער לייטונג צו אים אין יאָר 1922 צו ווערן געהילפס־סעקרעטאַר (ווען גאָלדשטיין איז געוואָרן סעקרעטאַר נאָכדעם ווי בראָון האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן זיין סעקרעטאַר־אַמט אויף דער אַכטער קאָנווענשאָן אין באָסטאָן אין יאָר 1922) און אין 1926 ווערן סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, אַן אַמט, וואָס ער טראָגט מיט כבוד ביזן הייַנטיקן טאָג.

די פאַרשלאָגן צום פאַרבאַנד, וואָס חבר ל. סיגאַל האָט פאָרגעלייגט אין יאָר 1918, זיינען געווען: גרינדן אַ סאַנאַטאָריום, פאַרגרעסערן די בענעפיטן, טאָן מער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט, עפענען נאָך דער מלחמה פאַרבאַנד־אָפּטיילונגען אין ארץ־ישראל און אין רוסלאַנד, ענגער פאַרבינדן זיך מיט די פועלי ציון פאַר ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן און זיך אָפּגעבן מיט טרייד־יוניאָן־אַרבעט.

אין יאָר 1918 האָט דער פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן זיין פינפטע קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער; דער פאַרבאַנד איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון קרוב צו 6 טויזנט און האָט באַטאָנט, אַז „פאַר די פינף יאָר איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרבאַנד מיט אַ פרייער נשמה און מיט אַ גרויסער אַמביציע צו ווערן אַ ווירקנדער פאַקטאָר אין אידישן אַרבעטער־לעבן. ער האָט גלויבן אין

זיך און וויסט, אַז פאַר אים שטייט פאַר אַ גרויסע צוקונפט״. ס׳איז געווען אַ מלחמה־קאָנווענשאַן, אַ צאָל חברים האָבן געפעלט און אַנדערע זיינען געווען אויפן וועג קיין פראַנקרייך מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און אויפן וועג קיין ארץ־ישראל מיטן אידישן לעגיאָן. יצחק אייזיק, אַלס פאַרבאַנד־פּרעזידענט, האָט דערעפנט די פינפטע קאָנווענשאַן פאַר אַן עולם פון 2,500 געסט און דעלעגאַטן. צום ערשטן מאָל איז געזונגען געוואָרן אַ פאַרבאַנד־הימנע „מיר שמידן דעם חבר־פאַרבאַנד״, וואָס דער באַקאַנטער דיכטער חבר ה. רויזענבלאַט האָט, אויף דער בקשה פון דער פאַרבאַנד־לייטונג, פאַרפאַסט. טראָץ דער מלחמה־שטימונג, איז די דערעפענונג געווען אַ גאָר פייערלעכע. דער אַלטער וועטעראַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צבי הירש מאַסליאַנסקי, האָט באַגריסט אין נאָמען פון ציוניסטישן פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין אַמעריקע אין 1916, און האָט דערקלערט, אַז ער פילט זיך יונג און באַנייט צווישן די פאַר־באַנד־חברים. ס׳האָבן אויך גערעדט יהודה קויפמאַן, מאיר בראַון און י. גאָר־דאָן, וועמען יצחק אייזיק האָט פאַרגעשטעלט אַלס דעם צוקונפטיקן פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. דערביי האָט יצחק אייזיק אָפּגעגעבן אַ כאַראַקטעריסטישע דער־קלערונג, אַז „ער האָט מיט פרייד און צוטרוי מיטגעאַרבעט אַ יאָר אַלס פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, אָבער ער פילט אַז דער פאַרבאַנד באַדאַרף האָבן אַ איינגערן פּרע־זידענט, וועלכער זאָל אים קאָנען דינען. ער איז שוין ניט אַזוי יונג צו קאָנען אָפּגעבן פיל ענערגיע און כוחות, אָבער ער וועט שטענדיק זיין גרייט צו העלפן דעם פאַרבאַנד, וועלכער איז אים נאָענט און סימפּאַטיש; וועט ער אַלס געוויינ־לעכער מיטגליד פון עקזעקוטיווע, אויב מען וועט אים דערוויילן, צוטראָגן זיין חלק אַרבעט״.

אַ רירנדער מאָמענט איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון אייניקע חברים־לעגיאָנערן, טוער פון פאַרבאַנד.

דער באַריכט פון דער פאַרבאַנד־לייטונג האָט אָנגעוויזן אויף פאַרצווייגטע פאַרבאַנד־טעטיקייטן, אָרגאַניזאַטאָרישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע, אָנ־געוויזן אויף אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערופן אויך אין פאַרבאַנד־לעבן.

ס׳זיינען דערמאָנט געוואָרן דער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס די פּועלי ציון האָבן פאַררופן אין ניו־יאָרק פון 18טן ביזן 22טן מאַי, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קערפּערשאַפט פון 200 טויזנט אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער און האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן; וועגן דעם דריטן שולן־צוזאַמענפאָר אין סיראַקיוז; וועגן דער פאָלקס־הילף־קאָנווענשאַן אין קליוולאַנד; וועגן דער געפּלאַנטער דעלעגאַציע פון די פּועלי ציון קיין ארץ־ישראל, אַלס אַ טייל פון אַן אַלוועלטלעכער פּועלי ציון־קאָמיסיע.

ס׳איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן, אַז די לייטונג אַרבעט אינטענסיוו צו קריגן אַ טשאַרטער אין מאַסאַטשוזעטס, קאַנאַדע און אין אייניקע אַנדערע שטאַטן; ס׳זיינען ניט פאַרבאַהאַלטן געוואָרן די שוועריקייטן, אָבער ס׳זיינען גע־געבן געוואָרן האָפענונגען, אַז סוף־כל־סוף וועט דער פאַרבאַנד לעגאַליזירט ווערן אין קאַנאַדע און אין מאַסאַטשוזעטס, אַן ענין, אין וועלכן די מאַסאַטשוזע־

טסער און קאַנאַדער חברים זיינען באַזונדערס געווען אינטערעסירט און האָבן אָנגעדייטעט אויף באַדייטנדע פאַרבאַנד־מעגלעכקייטן. ס׳האָט, נאַטירלעך, ניט געפעלט קיין קריטיק און דיסקוסיעס, אָבער זיי זיינען געווען גוטמוטיקע און אמת־חבר׳שע, אַזוי אַז דער פאַרטרעטער פון דער אידישער פרעסע, באַזונדערס ד״ר י. וואַרטסמאַן, וועלכער האָט פאַרטראָטן דעם „טאָג״, האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן זיין איבערראַשונג און פרייד, ווען ער האָט פאַרבראַכט אייניקע טעג מיט פאַרבאַנד־חברים, מיט „עמך״ און די פירער, וועלכע זיינען „מאָדנע מענטשן״. ער האָט געשריבן:

„זייער קריטיק איז ניט אַרונטערצורייסן, נאָר פשוט זיך דורכצושמועסן ווי חברים, און דער ענטפער מצד די פירער איז ניט ווי פון פירער בלויז, נאָר ווי פון עלטערע חברים צו אינגערע — אויפקלערן און חבריש־אינטים זיך דורכרעדן״.

ד״ר וואַרטסמאַן איז געוואָרן אַ חסיד פון פאַרבאַנד און האָט אים געלויבט אין הימל אַריין, פאַרלייגנדיק, אַז די רינגס און דער פאַרבאַנד זאָלן זיך פאַראייניקן. (וועגן דעם אין די ווייטערדיקע שורות.)

ערנסט האָבן זיך די דעלעגאַטן באַשעפטיקט מיט די צאָלונגען פון סאָלדאַטן און לעגיאָנערן און באַשטימט, אַז אַ פאָליסי פון $250 זאָל געהאַלטן ווערן אין קראַפט פאַר יעדן סאָלדאַט און לעגיאָנער ביז זייער צוריקקערן זיך פון דער מלחמה.

ס׳איז אין ראַטשעסטער אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע פון אַריינגעמען פרויען אין פאַרבאַנד, פון פרויען־קלובן, וואָס זיינען גינסטיק באַטראַכט געוואָרן פון די דעלעגאַטן, אַפילו ווען מאַנכע חברות האָבן דערקלערט, אַז זיי ווילן ניט באַזונדערע קלובן, נאָר זיין צוזאַמען מיט די חברים אין די פאַרבאַנד־צווייגן. מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער זיינען טאַקע געשאַפן געוואָרן פאַרבאַנד־פרויען־קלובן, נאָך אײדער די פרויען־פיאָנערן־ אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרינדעט, און אַ געווויסע צייט האָבן זיי זיך אַנטוויקלט, געהאַט גרויסע אַמביציעס, געוואָלט אַ זעלבסטשטענדיקן אַפּאַראַט. די לייטונג האָט אַ היפּשע צאָל יאָרן געשטיצט די קלובן פינאַנציעל און מאָראַליש, אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פרויען־פיאָנערן־אָרגאַניזאַציע האָט זיך די אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון נייע קלובן אָפּגעשטעלט און פיל פרויען־קלובן זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ס׳איז געוואָרן אַן ערנסטע פּראָבלעם פאַרן פאַרבאַנד, וואָס איז ניט געווען אַקטועל ביי די ערשטע אַכט־ניין פאַרבאַנד־קאָנווענשאַנס, און דער פאַר שרייב איך ניט פיל וועגן די קלובן, וואָס האָבן אין זייער צייט, און אַפילו היינט, געטאָן גוטע אַרבעט.

דערפרייענד איז אָבער דער פאַקט, וואָס אין פאַרבאַנד זיינען היינט־צו־טאָג דאָ איבער 4,000 חברות, און אַ גרויסע צאָל פון זיי איז אַקטיוו אין די אַלגעמיינע פאַרבאַנד־צווייגן.

אַ הייסע דיסקוסיע איז אָנגעגאַנגען אויף דער פינפטער קאָנווענשאַן בנוגע אַ רעזאָלוציע צו באַגריסן די לעגיאָנערן־באַוועגונג. מאַנכע חברים, פּאַציפיסטיש געשטימט, האָבן ניט געוואָלט, אַז דער פאַרבאַנד זאָל אָננעמען אַ פּרינציפּיעלע רעזאָלוציע פאַר דער לעגיאָנערן־באַוועגונג. אַנדערע חברים האָבן, פאַרקערט,

געזוכט צו באַטאָנען, אַז די לעגיאָנערן־באַוועגונג איז אַ גרויסע היסטאָרישע גע־שעעניש, און דער פאַרבאַנד קאָן ניט אַפּקומען מיט בלויז אַ באַגריסונג צו זיינע חברים־לעגיאָנערן; ס'איז צום סוף אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט צופרידנגעשטעלט ביידע צדדים און האָט קלאָר געמאַכט, אַז דער ענין פון אידישן לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל איז נאָענט דעם פאַרבאַנד און אַז ער זעט אין אים דעם אייזערנעם ווילן פון אידישער יוגנט צו קעמפן און זיך מקריב זיין פאַר ארץ־ישראל. פאַר מאַנכע פאַרבאַנד־חברים וועט זיין אַ נייעס, אַז די 5טע קאָנווענשאָן האָט אָנערקענט די וויכטיקייט פון ציוניסטישע קאָנגרעסן און האָט רעקאָמענדירט די פאַרבאַנד־חברים צו קויפן שקלים. ס'איז אַ היפּשער מהלך פון ראָטשעסטער 1910 ביז ראָטשעסטער 1918! דער רעפערענדום האָט מיט 985 שטימען פאַר און 47 קעגן גוטגעהייסן די רעקאָמענדאַציע, וואָס איז בלויז פון אַ צאָל ברענטשעס דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, מעגלעך דערפאַר, ווייל מען האָט דאַן ניט געזען קיין מעגלעכקייט צונויפצורופן אין די קומענדע פאַר יאָר אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס.

דער ענין פון צונויפרופן דעם אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע האָט אויך שטאַרק אינטערעסירט די דעלעגאַטן, און אַ קרעפטיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן. דער קאָנגרעס איז פאַרגעקומען סוף 1918 און האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם אויף דער אידישער און ניט־אידישער וועלט. דער פאַרבאַנד האָט יענעם יאָר ענערגיש מיטגעווירקט, אַז דער אידישער קאָנגרעס זאָל זיך ענדלעך צוזאַמענקומען, טראָץ אַלע מאַנעוורן פון קעגנער אים צו פאַרשלעפּן און לאַנג־זאַם טויטן.

די קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער האָט געקראָגן אַ נאָמען פון אַ קאָנסטרוק־טיווער אַרבעטער־קאָנווענשאָן. ס'האָט געפעלט דער גלאַנץ פון באַפאַלער און דעטראַיטער צוזאַמענפאָרן, אָבער ס'האָט זיך געמערקט אַן אַנטשלאָסנהייט און באַגער ביי די דעלעגאַטן פונאַנדערצעוויקלען אַ גרויסע פאַרבאַנד־אַקטיוויטעט, אַפילו ווען ס'איז אַ מלחמה־יאָר.

אַ ביטערע צייט איז געווען אין אַמעריקע אין ווינטער פון 1918־1919. עס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן בושעווען די אינפלוענצע־עפּידעמיע, וואָס האָט אָנגע־נומען אַן אַלאַרמירענדן כאַראַקטער און צוגענומען אין אַמעריקע יענעם ווינטער מער לעבנס, ווי די מלחמה. אויך דער פאַרבאַנד האָט אין דער עפּידעמיע גע־ליטן טויט־פאַרלוסטן פון חברים און איז פאַראַליזירט געוואָרן אין זיינע אַר־בעטן. מען האָט מורא געהאַט צו גיין צו פאַרזאַמלונגען, זיך צוזאַמענצוקומען, און יענער ווינטער האָט זיך גאָר שווער אָפּגערופן אויפן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע, איינגעשלאָסן דעם פאַרבאַנד.

דאָס האָט זיך דערפילט אויך אין אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָרישער אַפּשוואַ־כונג אין פאַרבאַנד; וויניקער חברים זיינען אויפגענומען געוואָרן, דער קראַנקן־בענעפיט איז שטאַרק אָנגערירט געוואָרן, און ס'זיינען באמת געווען גאָר שווערע טעג און מאַנאַטן פאַר דער פאַרבאַנד־לייטונג און פאַרבאַנד־צווייגן. יענעם ווינ־טער האָט דער פאַרבאַנד זיך אָפּגעגעבן מיט מער אינטענסיווער מעדיצינישער אויפקלערונג, געשיקט „זייט געזונט״־בולעטינען צו די מיטגלידער, אָפּגעגעבן

פיל פלאַץ אין דער „שטימע" פאַר דעם און געהאַט אייניקע קראַנקן־שוועסטער צום דינסט פון די פאַרבאַנד־חברים און זייערע פאַמיליעס. יענער ווינטער איז אַ לאַנגע צייט ניט פאַרגעסן געוואָרן אין אַמעריקע; אויך דער פאַרבאַנד האָט אים אָפט דערמאָנט מיט אַ שווערן געפיל.

י. גאָרדאָן, וועלכער איז דערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, איז לאַנג מיטן פאַרבאַנד ניט פאַרבליבן. ער איז אָפּגעפאָרן מיטן לעגיאָן, און חבר ד"ר ישראל אָפּעלבוים (אין ארץ־ישראל מיט קופּת־חולים זינט 1933), וועלכער איז דער־ווײלט געוואָרן אַלס וויצע־פּרעזידענט, איז געוואָרן דער במקום־פּרעזידענט. ער האָט אַ צאָל יאָרן ערלעך און געטריי געהאָלפן דעם פאַרבאַנד, כסדר באַטאָנענ־דיק די אידעאַלע אויפגאַבן און צוועקן, צוליב וועלכע דער אָרדן איז געשאַפן געוואָרן. אַליין פון די ערשטע פועלי ציון אין אַמעריקע, איז חבר אָפּעלבוים יאָרן־לאַנג באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער פון די אויפריכטיקסטע פּאַרטיי־פירער, און ווען ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן פאַרבאַנד, האָט ער זיך אים איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, ווירקנדיק און באַאיינפלוסנדיק דעם פאַרבאַנד מיט זיין וואָרט און מיט זיינע מעשים.

אין פאַרבאַנד איז אין 1918 איינגעפירט געוואָרן דער אַמט פון געהילפס־סעקרעטאַר, און חבר י. זעליטש פון פילאַדעלפיע איז דערווײלט געוואָרן פאַרן אַמט. אין דער קורצער צייט פון זיין פאַרבלייבן אין אַמט האָט ער געוואונען דעם דרך־ארץ און סימפּאַטיע פון די פאַרבאַנד־חברים, אַפילו ווען ער האָט אָפט ניט מסכים געווען מיט די פּרינציפּיעלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן פון פאַרבאַנד (ער האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסוויזן אַ נייגונג צום לינקיזם, וואָס האָט אים שפּעטער דערווייטערט פון די פאַרבאַנד־רייען; אויך איז אים, אַלס אויס־געשפּראָכענעם אידישיסט, ניט געווען צום האַרצן דער „העברעאיזם" פון די פירער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן). אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט אין זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צום פאַרבאַנד, ווען ער איז געווען איינער פון די פאַרבאַנד־באַאַמטע.

נאָך דעם 11טן נאָוועמבער, ווען וואַפנשטילשטאַנד איז דערקלערט געוואָרן, האָט דער פאַרבאַנד זיך אָנגעהויבן ריכטן אויף צוריקגעקומענע סאָלדאַטן־חברים און זיך אָנגעהויבן גרייטן פאַר גרעסערע אַקטיוויטעטן, אָבער צו לייכט איז דאָס ניט אָנגעקומען יענעם ווינטער.

מיר האָבן דערמאָנט פריער ד"ר י. וואָרטסמאַן, וועלכער איז באַגייסטערט געוואָרן פון דער ראָטשעסטער־קאָנווענשאָן. ער האָט עפנטלעך געמאַכט אַ פאָר־שלאָג צו פאַראייניקן די אידישע אַרבעטער־אָרדנס. פון זיין לייכטער האַנט און פאָרשלאָג האָבן זיך אָנגעהויבן „שיטן" „שטימען פון פאָלק" אין „טאָג" פאַר און קעגן פאַראייניקונג, מערסטנס פאַר. איבערהויפּט האָט מען אָנגעהויבן שרייבן וועגן פאַראייניקונג מיטן אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג, וועגן וועלכן מען האָט געהערט באַריכטן, אַז ער איז געוואָרן מער נאַציאָנאַליסטיש, סימפּאַטיש צו ארץ־ישראל און גייט אויפן ריכטיקן וועג. אויך האָט מען פאָרגעשלאָגן אַ שידוך מיטן אַרבעטער־רינג. די פירער פון פאַרבאַנד האָבן דאַן עפנטלעך דער־קלערט, אַז ביי זיי איז דער פאַרבאַנד ניט אַ פעטיש, ניט געשאַפן געוואָרן לשם

אָרגאַניזאַציע, נאָר אַז ער איז אַ פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט באַגריסן אַ פאַראייניקונג פון די אידישע אַרבעטער־אָרדנס, ווען ס'וועט אַריינטרעטן אַ פּרינציפּיעלע ענדערונג אין די אַנדערע אַרבעטער־אָרדנס, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַ בשותפות'דיקע אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, אידישע שולן, קולטור א. אַ. וו.

דער אַרבעטער־רינג האָט דאָן גלייך רעאַגירט; די פירער האָבן דערקלערט, אַז „ס'איז נישטאָ קיין ארץ־ישראל פאַרן אַרבעטער־רינג. דער לעצטער בלייבט אַ געגנער און גיט ניט אויף זיין פּאָזיציע. אויב דער פאַרבאַנד וויל זיך אָפּ־שליסן אַן אַרבעטער־רינג, קאָן ער אַריינגענומען ווערן אויפן זעלביקן יסוד, ווי אַנדערע אַרבעטער־רינג־פאַראייגען".

„דאָס וואָרט", דעמאָלט דער אָרגאַן פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג, האָט גלאַט אָנגענומען אַ חוזק־טאָן און האָט אָנגעקוואָלן, וואָס דער פאַרבאַנד „שלאָגט" פאַר אַ פאַראייניקונג. ס'איז כדאי צו ציטירן אייניקע שורות פון „דאָס וואָרט": „זעט, זעט, גוטע אינדעפּענדענטניקעס, וואָס מיר האָבן דערלעבט — אַ פאָרשלאָג וועגן אַ שידוך מיטן פאַרבאַנד! פיין, אַ? הערט, וואָס זיי האָבן אויף אונז אויס־געטראַכט: אַז מיר זיינען געוואָרן ציוניסטן און קלייבן זיך קיין ירושלים. אָבער איר ווייסט דאָך דעם אמת'ן אמת, אַז מיר זיינען גאָט די נשמה שולדיק. אַדרבא, פריינט, הערט אויס: ס'האָט פּאַסירט, אַז מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק דערוויילט אַ לאָקאַלן קאָנווענשאָן־קאָמיטעט אין ספּרינגפילד. האָט ער אַ צייט ניט געהאַט וואָס צו טאָן.

העלפט גאָט און ס'פּאַסירט אַ נס, אַז דזשאָן בול גיט אַרויס אַ פּאַפּיר פאַר אַ אידיש לאַנד. ווערט ביי אידן ליהודים. דערוויל וואָס ווען, שרייבט מען רעזאָלוציעס. זיצן אונזערע פינף ספּרינגפילדער גוטע „באַיעס" און קלערן: איי, אַ טייערע זאַך, מיר האָבן אַרבעט. לאָמיר פאַרפאַסן אַ רעזאָלוציע, אָוועק־שיקן אין די גאַזעטן און זאָל די וועלט וויסן, אַז מיר „קאָנען" אויך. און אַזוי זיי־נען אומשולדיק אַריינגעפאַלן שריפטשטעלער, דאָס פאָלק, אַזאַ חשוב'ע אָרגאַני־זאַציע ווי דער פאַרבאַנד, און אויסגעטראַכט אויף אונז אַזאַ נייעס. און אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ זאָל לעבן די אינדעפּענדענס פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג; ער קאָן אַלעמען באַשטיין".

דער פאַרבאַנד האָט געענטפערט ווי ס'באַדאַרף צו זיין; זיין דערקלערונג, אויפריכטיק און אָפן־ערלעך, האָט פאַר אים געוואונען נייע פריינט און אַרויסגערופן שטאָלץ ביי זיינע חברים. דעם פאַרבאַנד איז אויסגעקומען אַן אַנדערש מאָל צו באַגעגענען זיך דירעקט מיטן אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג. דאָס איז גע־שען דעם 30טן מאַי 1921, וואָס וועט דערמאָנט ווערן שפּעטער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

גרויסע האָפענונגען האָבן אידן געלייגט אויף די נאָך־מלחמה־יאָרן און אויף דער שלום־קאָנפערענץ. קלענערע פעלקער האָבן ענטוזיאַסטיש באַגריסט די 14 שלום־פונקטן פון פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער איז ביי פילע געוואָרן אַן אָפּגאָט. די טשעכן האָבן געהאַלטן ביים רעאַליזירן זייער טויזנט־יאָריקן חלום

צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה, און זיי זיינען געבענטשט געוואָרן מיט אַ גרויסן פירער, פּראָפעסאָר מאַסאַריק, איינע פון די ליכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין אייראָפּע, און מיט זיין געטרייען תלמיד, עדוואַרד בענעש, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן יאָרן שפּעטער אַלס איינער פון די קליגסטע שטאַטסלייט און גרויסער פריינט פון ציוניזם. די סערבן און קראָאַטן זיינען געווען ערב אויפבוי פון אַ גרויסער יוגאָסלאַווישער מדינה. די פּאָליאַקן האָבן געזען דעם טאָג פון זייער באַפרייאונג און גע'חלומ'ט פון אַ גרויס פּוילן. אָבער פון די סאַמע ערשטע טעג פון דער „נייער" פּוילן האָבן זיך די פּאָליאַקן באַפלעקט מיט אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען אין פּוילן און גאַליציע, און די אידן האָבן דורכגעלעבט זייער פּיינלעכסטע איבעראַשונג. איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אָנהויב 1919 אַ ריזיקער פּראָטעסט־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, און דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט מיט טויזנטער חברים אין יענער פּראָטעסט־אַקציע; פּראָטעסטן זיינען אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. די פּוילישע קרייזן אין אַמעריקע האָבן פאַרזוכט אָפּצולייקענען די פּאָגראָם־ידיעות און פאַרשפּרייטן בלבולים קעגן אידן, אָבער די עפנטלעכע מיינונג איז געווען אויפגערודערט, און מען האָט געגעבן אַ וואונק צו די פּאָליאַקן, אַז זיי זאָלן איינצאַמען די צעיוּשעטע ליידנשאַפטן פון זייערע רעאַקציאָנערע כוחות אין זייער מדינה, וואָס האַלט ביים אויפשטיין תחית־המתים. די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איינגעשלאָסן אונזער באַוועגונג, האָבן אָפּגעהאַלטן אין 1919 אַן אַרבעטער־קאָנגרעס. ער האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. אַ טייל פון דער אידישער פּרעסע האָט אים כאַראַקטעריזירט אַלס אַ להכעיס־קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט דעמאָנסטרירן קעגן ארץ־ישראל און אָפּשוואַכן די ווירקונג פון אידישן קאָנגרעס. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געגאַנגען צום קאָנגרעס, וויסנדיק, אַז ער וועט דאָמינירט ווערן פון ציון־פרעסער, אָבער האַלטנדיק, אַז ס'איז נויטיק זייער אויפקלערונג דאָרט. נאָך דעם אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס האָט דערווײלט אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָבן די פאַרבאַנד־פירער באַשלאָסן איבערצוגעבן צום לאַנד די אמת'ע סיטואַציע אין קאָמיטעט, וואָס איז געווען פאַראורטיילט צו פרוכטלאָזע דיסקוסיעס און נעגאַטיווע האַנדלונגען, און אָנפרעגן זיי וועגן דער ווייטערער באַטייליקונג פון פאַרבאַנד אין קאָמיטעט. דער רעפערענדום האָט באַשלאָסן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל ניט זיין פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט; דאָס זעלבע האָבן אויך באַשלאָסן די פּועלי־ציון, און זיי האָבן צוזאַמען געבילדעט אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָמיטעט.

אין יאָר 1919 איז אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע די דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס צו דער שלום־קאָנפערענץ. די דעלעגאַציע איז געווען אונטער דער פירערשאַפט פון לואי מאַרשאַל און ד"ר ס. וויז. אין דער דעלעגאַציע זיינען אויך געווען ד"ר נ. סירקין און מאָריס ווינטשעווסקי.

וואָס די דעלעגאַציע האָט אויפגעטאָן אין ווערסאַל, צוזאַמען מיט די אידישע דעלעגאַציעס פון אַנדערע לענדער, אויף דער שלום־קאָנפערענץ, בנוגע דער פאָדערונג פון מינאָריטעטן־רעכט, ארץ־ישראל אַלס אידישע נאַציאָנאַל־היים, און שוץ פאַר אידן — דאָס אַלץ איז אַ וויכטיקער טייל פון דער מאָדערנער אידישער געשיכטע, און ווערט באַהאַנדלט באַזונדער.

ס'איז בלויז כּדאַי צו באַטאָנען, אַז ס'האָט געהערשט ביי אידן אין אַמעריקע, פּונקט ווי אין דער גאַנצער וועלט, אַ שפּאַנונג, אַ ציטער פאַרן גורל און קיום פון אונזער פאָלק, און אַ גרויסע האָפענונג, אַז אידן שטייען ערב זייער גאולה און פאַר גרויסע היסטאָרישע פּערספּעקטיוון.

דער פאַרבאַנד האָט, צוזאַמען מיט אַלע באַוואוסטזיניקע אידישע עלעמענטן, געלעבט מיט די האָפענונגען און מיטן ציטער פאַרן מאָרגן. ער האָט גערופן זיינע מיטגלידער זיך ענגער צוזאַמענצובינדן און אויסצוברייטערן זייערע אַקטיוויטעטן. אָרגאַניזאַטאָריש איז 1919 געווען אַ ניט זייער גוטער יאָר פאַרן פאַרבאַנד, צוליב אַ צאָל סיבות, דערמאָנט אין פריערדיקן קאַפּיטל, און דאָך איז ער געקומען צו זיין זעקסטער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, אין סעפּטעמבער 1919, מיט אַ נעט געווינס פון אַ 500 נייע מיטגלידער און מיט אַ רעקאָרד פון מעשים. ס'איז גראָד יענעם יאָר, נאָך דער אָפּשוואַכונג פון דער אינפלוענצע־עפּידעמיע, פאַרשטאַרקט געוואָרן די אינערלעכע קולטור־אַרבעט, ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן קאָרעספּאָנדענץ־קורסן איבער אידישער געשיכטע, אידישער ליטעראַטור, סאָציאַליזם. יצחק אייזיק און יהודה קויפמאַן זיינען געווען מיטגלידער פון פאַרבאַנד'ס בילדונגס־קאָמיטעט אָדער „ביוראָ", ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופן. דער אידישער לערער־סעמינאַר האָט אָנגעהויבן געווינען מער אויפמערקזאַמקייט.

ס'האָבן זיך יענעם יאָר 1919 אויך באַוויזן די ערשטע פרויען־קלובן פון פאַרבאַנד, און זיי זיינען פאַראינטערעסירט געוואָרן אין קופּת־חולים, און שפּעטער אין די אַרבעטער־סאַנאַטאָריומס אין ארץ־ישראל.

אויף דער שיקאַגער קאָנווענשאָן, סוף אויגוסט 1919, איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו דערמוטערן די גרינדונג פון יוגנטלעכע פאַראיינען אין פאַרבאַנד. ס'זיינען איינגעפירט געוואָרן אויך פּראַקטישע ענדערונגען בנוגע העכערן קראַנקן־בענעפיט, נייע פאָרמען פון פּאַליסיס. ס'איז באַשטימט געוואָרן צו דערקלערן אַ צווייטן דיווידענד פאַר פאַרבאַנד־חברים אין יאָר 1920. מען האָט זיך פאַראינטערעסירט מער מיט סאַנאַטאָריומס אין אַמעריקע און באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאַרבאַנד־בעט אין דענווער־סאַנאַטאָריום.

ס'האָבן ניט געפעלט שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס אויף דער קאָנווענשאָן קעגן דער רעאַקציע און רעפּרעסיעס אין לאַנד, קעגן אינטערווענציע אין סאָוועט־רוסלאַנד, קעגן דעם זיצן פון יודזשין דעבס אין טורמע, טראָץ דעם וואָס די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. אויף דער קאָנווענשאָן איז אויך געווען אַלס גאַסט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. גרויס אויפזען האָט אַרויסגערופן ברוך צוקערמאַנ'ס באַריכט וועגן דער לאַגע פון אידן אין פּוילן, ווי ער האָט זי געזען אויף זיין באַזוך אין פאַרבינדונג מיט אַ שליחות פון „דזשאָינט דיסטריביושאָן" און „פּיפּלס רעליף" קאָמיטעס. ס'איז געווען אַ שווערער אויפטרייסלענדער באַריכט, וועלכער האָט שטאַרק באַווירקט די קאָנווענשאָן־דעלעגאַטן און זיי פאַרפליכטעט צו טאָן גרעסערע הילפס־אַרבעט און צו פאָדערן מער שוץ און רעכט פאַר די אידן. אויף דער קאָנווענשאָן איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז די פּועלי־ציון קלייבן זיך אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג, און די ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד. אַ פאַרזיכערונג פון חבר'שער מיטהילף און קאָאָפּעראַציע איז געגעבן

געוואָרן. מען האָט אויך אויף יענער קאָנווענשאָן פֿאַרהאַנדלט וועגן שאַפֿן אַן אַרבעטער־אינסטיטוט אין ארץ־ישראל אויפֿן נאָמען פֿון פֿאַרבאַנד.

אַ סך צייט האָבן פֿאַרנומען די באַטראַכטונגען פֿון מצב פֿון די פֿאַרבאַנד־בראַנטשעס, פֿון די פֿאָלקס־שולן, די פֿראַגע פֿון פּרעווענטאָריום. זיי האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק אין פּאַסנדע רעזאָלוציעס. ס'איז אויך באַשטימט געוואָרן צו האָבן אַלע צוויי יאָר קאָנווענשאָנס און אַלע האַלבע יאָר קאָנפֿערענצן מיט דיסטריקט־פֿאַרטרעטער.

אויף יענער קאָנווענשאָן איז דוד פּינסקי דערווײַלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פֿון פֿאַרבאַנד און איז פֿייערלעך באַגריסט געוואָרן פֿון די דעלעגאַטן.

אין דעצעמבער 1919 האָט די „אידישע אַרבעטער־שטימע" פֿון פֿאַרבאַנד געפֿייערט די ערשטע פֿינף יאָר עקזיסטענץ, און לכבוד דעם יובל איז דערשינען אַ פֿאַרגרעסערטער און אינטערעסאַנטערער נומער „אידישע אַרבעטער־שטימע". אין 1918־1919 זײַנען אויסגעצאָלט געוואָרן אין טויטן־בענעפֿיט 15,750 דאָלאַר און אין קראַנקן־בענעפֿיט איבער $26,300. די עפּידעמיע האָט געהאַט אַ חלק אין די פֿאַרגרעסערטע אויסגעצאָלטע בענעפֿיטן.

אין ווינטער 1919־1920 האָט דער פֿאַרבאַנד געשאַפֿן קרוב צו 13 טויזנט דאָלאַר פֿאַר אידישע קינדער־היימען אין פּוילן אויפֿן נאָמען פֿון י. דינעזאָן. די געלטער זײַנען איבערגעשיקט געוואָרן דורכן פֿאָלקס־הילף־קאָמיטעט („פּיפּלס רעליף").

פֿון דער זעקסטער ביז דער זיבעטער קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ

אין 1920 איז געקומען אַ כוואַליע פֿון „פּראָספּעריטי" אין אַמעריקע. מען האָט זיך „געבאָדן אין גאָלד" און מען האָט געמיינט, אַז ס'זײַנען שוין פֿאַרזיכערט די פֿעטע יאָרן אין אַמעריקע. דער עולם האָט זיך אָנגעוועלאָזט מאַכן געלט, צווישן זיי אויך אַ צאָל פֿאַרבאַנד־חברים, וועלכע האָבן גערעכנט, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט צו פֿאַרשווענדן צייט אויף מיטינגען, אַקטיוויטעטן. האָבן זיך מאַנכע באַגנוגנט מיט געבן ביישטייערונגען, און אַנדערע האָבן זיך אינגאַנצן דערווײַטערט, געזוכט פֿאַר זיך אַן אַנדער עלעמענט און סאָציאַלע שיכטן. זיי האָבן געמיינט, אַז די גילדערנע גליקן וועלן לאַנג אָנהאַלטן, האָבן זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע אַמעריקאַנער בירגער, געלעבט אין גילדערנע חלומות. די אויסניכטערונג און דערוואַכונג איז געקומען אַ סך שנעלער, ווי מען האָט זיך געריכט; ס'איז געקומען דער גרויסער קריזיס, די דעפּרעסיע און אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָבן זיך באַזונדערס שאַרף דערפֿילט אין יאָר 1921.

נעכטיקע גבירים זײַנען געוואָרן אָרעמעלײַט; געוועזענע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן פֿאַרלאָזן די שעפּער און זיך אָנגעהויבן אַרויפֿאַרבעטן, האָבן אַלץ פֿאַרלוירן, און קריגן אַ דזשאַב איז זיי אָנגעקומען מיט יסורים. נײַע פּראָבלעמען זײַנען אויך אַנטשטאַנען פֿאַרן פֿאַרבאַנד. פֿילע האָבן זיך געלאָזט שטרײַכן, שווערע צײַטן זײַנען געווען. אָבער מערקווירדיק, גראָד אין יענע יאָרן 1920־1921 האָט דער פֿאַרבאַנד פֿאַרשטאַרקט זײַנע אַרבעטן, געוואונען נײַע פּונקטן, אויסגעברייט זײַנע קולטור־אַקטיוויטעטן, אַרויסגעשיקט לעקטאָרס אויף טורס, איינ־

געפירט די קאָנצערטן־טורס, וואָס זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער אין יענע יאָרן. דער ערשטער טור איז דורכגעפירט געוואָרן מיט די אַרטיסטן קאַטילאַנסקי און העריס, און זיי האָבן אַריינגעבראַכט פרייד אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. קאַטילאַנסקי האָט געזוכט פּאָפּולער צו מאַכן דאָס געזאַנג בציבור. דאָ און דאָרטן האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן פאַרבאַנד־כאָרן, צווישן זיי דער פאַרבאַנד־כאָר אין ניו־יאָרק, אָרגאַניזירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט פון חבר ש. געלבאַרט, און אונטער דער דירעקציע פון באַקאַנטן מוזיקער לעאָ ליאָוו (פריער — ה. לעפקאָוויץ). אויך אין שיקאַגאָ איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גוטער געזאַנג־פאַראיין. ס'האָבן זיך געשאַפן קרייזלעך פאַר דראַמאַטישע שטודיען; חברים האָבן געזוכט אויסצולעבן זיך אין דער אייגענער סביבה און זי צו פאַרשענערן.

די בילדונגס־ביוראָ איז דעמאָלט געווען אונטער דער אויפזיכט פון חיים ליבערמאַן (איצט באַקאַנטער שריפטשטעלער), און מען האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען וועגן שאַפן אַ גרויסן קולטור־פאָנד.

חבר ש. מאַשעוויצקי, וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון בילדונגס־ביוראָ, האָט פאָרגעשלאָגן אַ קולטור־פאָנד פאַר 50 טויזנט דאָלאַר; ער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ טור פאָרן לערער־סעמינאַר און האָט אָנגעוויזן אויף אינטערעס און מעגלעכקייטן. ליבערמאַן האָט אָנגעוויזן אויף דער אַפּאַטיע פון דער יוגנט און גערופן צו גרעסערע קולטור־אַרבעטן.

חבר פ. גינגאָלד האָט דעמאָלט (אין 1920) איבערגענומען די פּראַקטישע אָנפירונג פון סעמינאַר, פון וועלכן ער איז געווען סעקרעטאַר קרוב צו 20 יאָר.

סאָלדאַטן און חברים־לעגיאָנערן האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקקערן קיין אַמעריקע, און פילע פון זיי האָבן געהאַט שוועריקייטן זיך אַריינצופּאַסן אין לעבן פון לאַנד. די הילפס־אַרבעט איז אָנגעגאַנגען, אָבער אין פאָלקס־הילף־קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעהויבן צו הערן שטימען פון קריטיק קעגן דער טאַקטיק פון „דזשאָינט" אין אייראָפּע; דער פאַרבאַנד האָט געשטיצט דעם קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער פון דער פאָלקס־הילף און די מיינונג פון די, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ גרעסערע דעה אין דער פאַרוואַלטונג און צעטיילונג פון די געלטער פאַר די פוילישע און אוקראַאינישע אידן (די לעצטע האָבן דעמאָלט צוליבן בירגער־קריג דורכגעלעבט שרעקלעכע פּאָגראָמען; מען האָט געשאַצט, אַז אַ פערטל מיליאָן אידן זיינען געפאַלן אין אוקראַינע פון די פּאָגראָם־באַנדעס און ווייסע גוואַרדייער). די קריטיק האָט, ליידער, ניט געפירט צו גרעסערע גינסטיקע ענדערונגען, אָבער מען מוז אָנערקענען, אַז דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" האָט, אַ דאַנק דער פרייגיביקייט פון אַמעריקאַנער אידן, געשאַפן גרויסע סומען, וואָס האָבן געראַטעוועט פיל קהילות און ישובים און זיי געהאָלפן אויפבויען אַ צאָל וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי קאָאָפּעראַטיוון, ליי־קאַסעס א. אַ. וו.

אין יאָר 1920 איז פאָרגעקומען די צווייטע סעסיע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. די דעלעגאַציע צו דער ווערסאַלער שלום־קאָנפערענץ איז צוריקגעקומען און האָט באַריכטעט די רעזולטאַטן. אויפן פּאַפּיר האָבן אידן געקראָגן שוץ, מינאָריטעט־רעכט, אַ באַשטעטיקונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אָבער

די אידישע ווירקלעכקייט איז געווען אַ טראַגישע. די נייעס וועגן די פּאָגראָ־מען אין אוקראַינע, די שמד־שטיק פון די פּוילישע און רומענישע רעגירונגס־פירער, זייער זוכן צונישט צו מאַכן די פונקטן פון ווערסאַלער טראַקטאַט, וואָס זיינען נוגע געווען אידן — האָבן שווער געדריקט דעם געמיט. און דאָ זיינען נאָך די פירער פון דעם „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי״ באַשטאַנען אויף זייער אָפּמאַך, אַז מיט דעם באַריכט פון דער שלום־דעלעגאַציע פאַרענדיקט זיך די אַרבעט פונם אידישן קאָנגרעס, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מערסטע דעלעגאַטן האָבן ערשט דערפילט, ווי נויטיק ס׳איז צו האָבן אַ אידישע דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַמעריקאַנער פאָלק. אָבער אָפּמאַך איז אָפּ־מאַך. איז פאָרגעקומען אַ פאַרס, אַ גרויליקע־פּוליטישע קאָמעדיע! דער קאָנגרעס האָט זיך אָפיציעל געשלאָסן, און באַלד האָט מען אויסגעשריען: „ס׳לעבע דער קאָנגרעס!״ און די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן איז געבליבן, נאָכדעם ווי אַ צאָל יחידים פון „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי״ איז אַוועק, און מען האָט זיך קאָנסטי־טואירט אין אַ נייעם אידישן קאָנגרעס פון פּערמאַנענטן כאַראַקטער. די פּועלי־ציון און דער פאַרבאַנד זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַרבליבן און געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם באַנייטן קאָנגרעס. אָבער וועגן קאָנגרעס פון 1920 און זיינע ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען, אויפשוואונג און ירידות ווערט געשריבן באַזונדער. ס׳איז נאָר וויכטיק צו באַטאָנען, אַז דער פאַרבאַנד האָט געזוכט געטריי אָפּצוהיטן די אי־דעען און אויפגאַבן פון אידישן קאָנגרעס, און האָט ניט איין אַנטוישונג דורכגע־לעבט.

אין אַפּריל 1920 איז די אידישע וועלט דערשיטערט געוואָרן, ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה פון אַ פּאָגראָם אין ירושלים פון אויפגעהעצטע אַראַבער, קענטיק אויף אַ וואונק פון מאַנכע רעגירונגס־באַאַמטע, וועלכע האָבן געזוכט פּטור צו ווערן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער אויפגאַבע צו שטיצן די אידישע נאַציאָנאַלע היים. דער פּאָגראָם האָט געזאָלט איבערשרעקן דעם ישוב און די אידישע וועלט, אָבער ס׳האָט בלויז געפירט צו גרעסערער אַנטשלאָסנקייט מצד דעם ישוב. ס׳האָבן זיך געשאָטן פּראָטעסטן פון אַלע זייטן, און די הגנה אין ארץ־ישראל האָט דערפילט אירע פליכטן און געשטאַרקט אירע רייען. דער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען פאַר דער סאַן רעמאָ־קאָנפערענץ, וועלכע מען האָט געזוכט צו באַאיינפלוסן קעגן אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים. דאָס איז די געג־נער ניט געלונגען — סאַן רעמאָ האָט ראַטיפיצירט דאָס רעכט פון אידישן פאָלק צו בויען זיין היים אין ארץ־ישראל.

אין זומער 1920 זיינען אויך פאָרגעקומען די ערשטע ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה (אין לאָנדאָן) און דער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג צווישן די אַזוי־גערופענע רעכטע און לינקע פּועלי־ציון.

אין דער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־דעלעגאַציע איז אויך געווען דער סעק־רעטאַר פון פאַרבאַנד, וועלכער האָט געקראָגן אַן אורלויב פון פאַרבאַנד צו זיין אַ דעלעגאַט. אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט האָט חבר מאַקס מענסאָן (היינט אין טאָראָנטאָ) געדינט אַלס במקום־סעקרעטאַר.

אויף דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פאַרן „קרן היסוד", און אויף יענער קאָנפערענץ איז ד"ר חיים ווייצמאַן דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ווייצמאַן האָט שוין דעמאָלט געהאַט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ציוניזם, אי־בערהויפּט מיט זיין באַאיינפלוסן די ענגלישע רעגירונגס־פירער אַרויסצוקומען מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אויף יענער קאָנפערענץ איז אויך פאָרגעקו־מען אַ טראַגישער צוזאַמענשטויס מיט מאַקס נאָרדוי, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זוכן גלייך אַרויסצוראַטעווען אַ האַלב מיליאָן אידן פון רוסלאַנד (עס זיינען דאַן פאָרגעקומען די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע), און זיי אַרי־בערפירן קיין ארץ־ישראל. די פירערשאַפט איז געווען קעגן דעם פּלאַן און האָט געזוכט מיט לאָגיק צו דערקלערן איר געגנערשאַפט צום נאָרדוי־פּלאַן. נאָרדוי האָט זיך געפילט שטאַרק בידערגעשלאָגן, און אייניקע אַמעריקאַנער חברים, צווישן זיי אויך כאַזאַנאָוויטש, זאַר און בראַון, האָבן אים באַזוכט און מיט אים פאַרבראַכט אַ צוויי שעה. דער באַזוך האָט אים אויפגעמונטערט. אין מיטן פון געשפּרעך איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַ געשריי געטאָן: „וואַזזיניג זיינען די ,וועלכע גלויבן, אַז געשיכטע אַנטוויקלט זיך ראַציאָנאַליסטיש" (קענטיק אַן ענטפער דער פירערשאַפט), און דאַן האָט ער באַנוצט אַ געפליגלטע פראַזע: „מיר מוזן ביבליש קאָלאָניזירן ארץ־ישראל".

די שפּאַלטונג אויף דעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פועלי־ציון האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער פועלי־ציון־באַוועגונג. די קאָמוניסטישע פועלי־ציון דעלעגאַטן, געפירט פון כאַשין און נאָך איינעם (איך קאָן, ליידער, ניט דער־מאָנען זיך זיין נאָמען — אַ גלענצנדער פּובליציסט), האָבן ניט אַנדערש געוואָלט, ווי אַז די פועלי־ציון זאָלן זיך אָנשליסן אָן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן גע־האַט אַן אינסטרוקציע צו צעשמעטערן דעם וועלט־פאַרבאַנד, אויב ער שליסט זיך ניט אָן אָן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. מעגלעך דערפאַר האָבן זיי געקראָגן אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן פאַר אַ צייט רוסלאַנד, וואָס איז דאַן געווען פאַרשלאָסן ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט.

איך האָב זיך דאַן צוגעהערט צו כאַשינס העצערישער רעדע און אין מיין זכרון איז אָפּגעפרישט געוואָרן דער לירישער, סענטימענטאַלער כאַשין אויף דער פאַרבאַנד־קאָנווענשאַן אין באַפאַלאָ אין 1915.

וואָס דער קאָמוניזם האָט געמאַכט פון דעם גייסטרייכן אידישן לעקטאָר און שיין־גייסט!

און אין אַמעריקע האָבן די פועלי־ציון, דער פאַרבאַנד און אַנדערע פריינט־לעכע עלעמענטן געפייערט אַ גרויסן יום־טוב: דעם 29טן אויגוסט 1920 איז דערשינען די פועלי־ציון טאָג־צייטונג „די צייט", אונטער דער הויפּט־רעדאַקציע פון דוד פּינסקי און ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעטערשאַפט פון ד"ר סירקין, ד"ר זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק, זאַר, וואַלינער, ענטין און אַנדערע. אַ דערהוי־בענע שטימונג האָט זיך געפילט אין אונזערע רייען, דערלעבט אַ צייט צו קאָנען האָבן אַן אייגענע טעגלעכע טריבונע און אַגיטירן טאָג־טעגלעך צום ברייטן אי־דישן עולם אונזערע אויפגאַבן און אונזער אידעען־קאַמף. וועלכע מסירת־נפש,

וויפל קרבנות האָבן חברים אַרויסגעוויזן פאַר דער „צייט", און וועלכע אָנשטרענ־גונגען דאָס זייִנען געווען, איבערהויפּט אין יאָר 1921, ווען ס'איז אָנגעקומען דער קריזיס אין אַמעריקע.

ווען „די צייט" האָט דערלעבט די ערשטע 6 חדשים, איז די פרייד געווען אומבאַשרייבלעך, מען האָט געפייערט דעם ערשטן האַלב־יאָר „צייט", און ווי־דער זייִנען גרויסע סומען געשאַפן געוואָרן.

דער פאַרבאַנד איז דאַן לאַנגזאַם געוואַקסן. ער האָט געהאַט בסך־הכל אַרום 6,500 מיטגלידער, ווען די זיבעטע קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען אין טאָ־ראָנטאָ (פון 14טן ביזן 18טן מאַי 1921), אָבער פאַר דער „צייט" איז אים קיין זאַך ניט געווען צו שווער. אויף דער טאָראָנטער קאָנווענשאָן האָבן זיך אָפּ־געשפּילט מערקווירדיקע סצענעס פון ענטוזיאַזם, און אויפן אָרט זייִנען „גע־פלעדזשט" געוואָרן 13 טויזנט דאָלאַר. לעאָן כאַזאַנאָוויטש און ד"ר סירקין האָבן גערעדט צו די דעלעגאַטן וועגן דער „צייט" און אָנגעצונדן פון דאָס ניי אַ פייער פון גלויבן און געטריישאַפט. אָבער ס'איז ניט לאַנג געווען דאָס לעבן פון דער „צייט". די לאַסט איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג, די אייננאַמען קלענער. אַ העראָאישע אָנשטרענגונג איז געמאַכט געוואָרן אָנצוהאַלטן „די צייט"; מען האָט געשניטן אויסגאַבן, פאַרקלענערט די בודזשעטן, אַפּעלירט און געוועקט חברים; אָבער סוף־כל־סוף איז די לאַגע געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל, און „די צייט" איז אונטערגעגאַנגען, פירנדיק צו אַ מורא'דיקן יאוש אין די רייען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ צייט לאַנג האָט די באַוועגונג ניט געקאָנט קומען צו זיך פון דעם גרויסן קלאַפּ, און נאָר דער געזונטער קערן פון אַרבעטער־ציוניזם און די אַנטשלאָסנהייט פון יחידים אין דער פּאַרטיי האָבן געראַטעוועט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי. ס'איז פאַרשפּאַרט צו שרייבן, אַז אויך דער פאַרבאַנד איז שטאַרק אָנגערירט געוואָרן און פאַר אַ צייט ניט געקאָנט אַנטוויקלען אַ ברייטערע אַרבעט.

אָנהויב 1921 האָט דער פאַרבאַנד ענדלעך דערפירט צום דערפאָלג זייִנע לע־גאַלע פאַרזוכן: ער האָט דערהאַלטן אַ טשאַרטער פאַר קאַנאַדע און פאַר מאַ־סאַטשוזעטס. ס'האָט אַרויסגערופן פרייד אין יענע געגנטן, און פיל פאַרשפּרע־כונגען זייִנען געמאַכט געוואָרן, איבערהויפּט אין באָסטאָן אויף אַ קאָנפערענץ אין מערץ 1921, וואו די חברים פּינסקי און בראָון זייִנען אָנוועזנד געווען. דער פאַר־באַנד האָט צוליב דעם מאַסאַטשוזעטסער טשאַרטער דעמאָלט מקריב געווען איי־ניקע פּראָוויזיעס, וואָס האָבן געמיינט אַ געלטלעכן פאַרלוסט פון שיינע עטלעכע טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. אָבער די לייטונג פון פאַרבאַנד האָט אַלץ געטאָן, אַבי צו ווערן לעגאַליזירט און געבן אַ געלעגנהייט די מאַסאַטשוזעטסער חברים צו דער־וויזן, וואָס זיי קאָנען. נו, „צופיל" האָבן זיי ניט דערוויזן אין מעשים; הייסע רייד און וואַרעמע פאַרשפּרעכונגען האָבן גראָד ניט געפעלט. אָבער אין פאַרבינדונג מיטן טשאַרטער און דער אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד האָט די זיבעטע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד עפּנטלעך פאָרגעשלאָגן דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג צו פאַראייניקן זיך מיטן פאַרבאַנד. דער פאָרשלאָג איז פריידיק אויפגענומען גע־וואָרן פון די דעלעגאַטן, און די ניי־דערוויילטע עקזעקוטיווע האָט דעם פאָרשלאָג

איבערגעשיקט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג. פּריינט און חברים אין מאַסאַטשוזעטס האָבן פאַרזיכערט, אַז דער אָנבאָט פון פאַרבאַנד וועט געשטיצט ווערן פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער פון יענעם אַרבעטער־אָרדן.

איז טאַקע אָנגעקומען אַן איינלאַדונג פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג צו קומען צו זייער 15טער קאָנווענשאָן אין וואוסטער (30טן—31טן מאַי 1921). חברים פּינסקי און בראָון זיינען געשיקט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער. זיי האָבן געקראָגן פון די דעלעגאַטן אַ וואונדערבאַרע אויפנאַמע. בראָון האָט איבער־געגעבן די רעזאָלוציע פון דער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן און גערעדט צו די דע־לעגאַטן אין אַ שפּראַך, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען. ער האָט באַטאָנט, אַז די קאָנ־ווענשאָן פון וואוסטער קאָן מאַכן געשיכטע. ס'פילט זיך אין דער לופט דער וואונטש צו פאַראייניקן זיך און צו ווערן אַ גרויסער דויערנדער כוח. ער האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט די פּרינציפּן און אויפגאַבן פון פאַרבאַנד און דערקלערט, אַז ס'זיינען איצט נייע צייטן אין אידישן אַרבעטער־לעבן, אַז ס'בויט זיך אַ גרויסער און ווירקנדער אידישער אַרבעטער־כוח אין ארץ־ישראל, אַז די אינטערנאַציאָ־נאַלע סאָציאַליסטישע וועלט קוקט גינסטיק אויפן קאַמף פון די אידישע מאַסן פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. ער דענקט, אַז אויך אין אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג קומט פאַר אַן איבערשאַצונג פון אייגענע ווערטן, און די ביידע אָרדנס קאָנען אויסשטרעקן אַ ברודער־האַנט און בויען און שאַפן צוזאַמען. זיין רעדע האָט אַרויסגערופן, ווי דער באַריכט פון דער קאָנווענשאָן גיט אי־בער, אַ שטורם פון אָוואַציעס.

חבר פּינסקי האָט געזאָגט, אַז ער וועט רעדן קורץ. ער פילט זיך היימיש אויף זייער קאָנווענשאָן, ער זעט פילע גענאָסן, וועלכע ער קען; ער ווייס, אַז ס'האָט געשלאָגן די שטונדע, ווען ביידע אָרדנס קאָנען און באַדאַרפן זיך צוזאַ־מענקומען.

פּינסקיס ווערטער האָבן צוגעטראָפן און געהאָלפן שאַפן אַ געהויבענע שטי־מונג. דעלעגאַטן זיינען צוגעגאַנגען, מיט פרייד געדריקט די הענט פון די פאַר־באַנד־פאַרטרעטער און דערקלערט, אַז זיי געדענקען ניט די צייט, ווען זיי האָבן זיך געפילט אַזוי דערהויבן אויף זייערע קאָנווענשאַנס, ווי אויף דער ערשט־פאַרגעקומענער זיצונג. אָסיפאָוו און יגדל, די באַאַמטע פון אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג, האָבן גאַנץ חבר'יש געענטפערט אויף דער ווענדונג פון פאַר־באַנד. די קאָנווענשאָן זייערע האָט באַשלאָסן צו דערוויילן אַ דעלעגאַציע פון 7, וואָס זאָל זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַן ענלעכער דעלעגאַציע פונם פאַרבאַנד, צו באַטראַכטן דעם פאַרשלאַג.

אַזאַ קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אַ ביסל שפּעטער אין ניו־לאָנדאָן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בשעת דער אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג איז צו־פרידן צו קאָאָפּערירן מיטן פאַרבאַנד און ווירקן צוזאַמען, איז ער נאָך ניט גרייט אָנצונעמען די קלאָרע פּרינציפּיעל־אויסגעשפּראָכענע שטעלונג פון פאַרבאַנד צו ארץ־ישראל און צום נאַציאָנאַליזם. ס'איז נאָך ניט רייף די מיטגלידערשאַפט, מען מוז זי דערציען און צוגרייטן. די ניו־לאָנדאָנער קאָנפערענץ איז זיך

כריינטלעך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ באַשלוס צו שטיין אין פריינטלעכע באַציאונגען. מער האָבן זיך ביידע אָרדנס ניט באַגעגנט. דער ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף פיל אינדעפּענטניקעס (געוועזענע אַרבעטער־רינג־מיטגלידער), אַז דער אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג זאָל זיך צוריקקערן צום אַרבעטער־רינג, איבערהויפּט ווען דער לעצטער איז אויך געוואָרן געזעצלעך אין מאַסאַטשוזעטס. דאָס איז ענדלעך געשען. וועלכע אַנדערע פּאַקטאָרן און אַרגומענטן ס'האָבן באַווירקט דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג צו פֿאַראייניקן זיך מיטן אַרבעטער־רינג, זיינען דער עפנטלעכקייט ניט באַקאַנט, אָבער מיטגלידער האָבן איבערגעגעבן, אַז ס'האָט זיך פּראַקטיש געלוינט דער שידוך מיטן אַרבעטער־רינג.

אַ צאָל אינדעפּענדענט מיטגלידער זיינען אין יענער צייט אַריין אין פֿאַרבאַנד, אַלס אויסדרוק פון זייער איינשטימיקייט מיט די צוועקן פון פֿאַרבאַנד. דאָס דערשיינען פון דער פֿאַרבאַנד־דעלעגאַציע האָט געוואונען ביי יענעם אָרדן נייע פריינט פֿאַרן פֿאַרבאַנד.

כדאַי צו פֿאַרצייכענען נאָך אַ פּאָר פּונקטן פון דער טאָראָנטער פֿאַרבאַנד־קאָנווענשאָן: דורכפירן אַ רעפערענדום, צי דער פֿאַרבאַנד זאָל פֿאַרבלייבן מיטן באַנייטן אידישן קאָנגרעס; ער האָט זייער ווייניק געטאָן (דער רעפערענדום האָט גראָד מיט 1,316 פּאַר און 1 שטימע קעגן אינסטרואירט די לייטונג צו פֿאַרבלייבן מיטן קאָנגרעס).

אייניקע פּרויען־קלובן אין פֿאַרבאַנד זיינען צום ערשטן מאָל געווען פֿאַרטראָטן אויף דער קאָנווענשאָן און וואַרעם באַגריסט געוואָרן; ס'איז באַשטימט געוואָרן צו פֿאַרבינדן זיך ענגער מיט די סאַנאַטאָריומס אין דענווער און אין לאָס אַנדזשעלעס; ס'איז געגנוי פֿאַרהאַנדלט געוואָרן דער מצב פון די שולן, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דער שולן־קאָנפערענץ אין אַפּריל 1921, און חברים זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו טיכטיקערער שולן־אַרבעט; ס'האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע שטימע אין טאָראָנטאָ אָנצוהויבן ווירקן צווישן דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט (ענגליש־רעדנדער).

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ טרויער־רעזאָלוציע איבערן טויט פון ד"ר זאָלאָטאַרעוו, וועלכער איז געשטאָרבן אין אַפּריל 1921 (זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער). אין 1921 איז אויך געשטאָרבן ש. אַנסקי.

אויף דער טאָראָנטער קאָנווענשאָן האָט דער סעקרעטאַר געוואָלט זיך באַפרייען פון זיין אַמט, אָבער די קאָנווענשאָן האָט אים געצוואונגען צו פֿאַרבלייבן סעקרעטאַר ביז דער אַכטער קאָנווענשאָן, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין באָסטאָן אין יאָר 1922. טאָראָנטאָ האָט אויך באַשלאָסן אָנצושטעלן אַן אָרגאַניזאַטאָר און שאַפן מער פֿאַרזיכערונג.

אויף דער קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ איז צום ערשטן מאָל געווען אַ ליבער גאַסט, ד"ר חיים ספּיוואַק פון דענווער. ער איז געווען אַ חבר פון פֿאַרבאַנד; ער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַגריסן אין נאָמען פון דענווער־סאַנאַטאָריום, אָבער ער האָט זיך מיט דער באַגריסונג ניט באַגנוגנט, נאָר געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע רעדע וועגן פּאָלקס־געזונט ביי אידן, געשטיצט דעם פּלאַן פון פּרע־

ווענטאָריום און אָנערקענט די וויכטיקייט פון פאַרבאַנד און זיין ווירקונג, צווישן אַנדערן, אויך אויף דער אידישער שפּראַך. (חבר ד״ר ספּיוואַק האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער שפּראַך און איר שטודיום, ליידער איז אַפילו אונזער אייגענע באַוועגונג ווייניק באַקאַנט מיט זיינע פאָרשונגען. ער איז שוין היינט ניט מער צווישן די לעבעדיקע; אַ גאַר אינטערעסאַנטער איד איז פאַר־לוירן געגאַנגען, און אַ געטרייער מיטאַרבעטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכ־טער יהואָש).

אין דעצעמבער 1921 איז פאָרגעקומען אַ פריידיקע פּאַסירונג אין אַמעריקאַ־נער אַרבעטער־לעבן: יודזשין דעבס איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע. אויך דער פאַרבאַנד האָט אים צוגעשיקט אַ וואַרעמע באַגריסונג, אויף וועלכער ער האָט האַרציק געענטפערט.

נאָך אַ וויכטיקן באַשלוס האָט די זיבעטע קאָנווענשאָן אָנגענומען, — דאָס איינפירן אַ דעלעגאַטן־פאָנד, דורך וועלכן די לייטונג זאָל קאָנען צאָלן פאַר דעלעגאַטן־הוצאות צו קאָנווענשאָנס; מען האָט באַשלאָסן, אַז דער דעלעגאַטן־פאָנד זאָל זיין 20 סענט אַ קוואַרטל, און נאָך דער אַכטער קאָנווענשאָן זאָל מען איינפירן קאָנווענשאָנס יעדע צוויי יאָר.

פאַר די יאָרן 1920 און 1921 האָט דער פאַרבאַנד אויסגעצאָלט צו יורשים די סומע פון 11,200 דאָלאַר און קראַנקן־בענעפיט די סומע פון קרוב צו 28,500 דאָלאַר, אָבער די פאָנדן און רעזערוון זיינען געוואַקסן, טראָץ דעם וואָס אין 1920 האָט דער פאַרבאַנד געגעבן אַ צווייטן דיווידענד זיינע מיטגלידער.

אין ווינטער פון 1920־1921 האָט דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד דורכגעפירט דעם לענגסטן טור. ער האָט פאַקטיש באַזוכט כמעט אַלע פונקטן פון לאַנד, פון אַטלאַנטישן ביזן פּאַסיפישן ברעג.

ס'איז געווען אַ מין אַפּשייד־ און אָרגאַניזאַציע־טור; צו די מיטינגען זיינען געקומען די גרעסטע צאָל חברים און פילע זיינען אַקטיוויזירט געוואָרן. דער פאַרבאַנד איז ניט געוואַקסן אַזוי שנעל, ווי די אַקטיווע חברים און פירער האָבן עס געוואָלט, אָבער די פאַראיינען האָבן זיך איינגעבירגערט אין די פאַרשידענע פונקטן פון לאַנד. אין שיקאַגאָ איז פאַר אַ געוויסער צייט געווען אָנגעשטעלט אַ באַקאַנטע אידישע ראַדיקאַלע פּערזענלעכקייט, וויליאַם נאַטאַנזאָן, אַלס אָנ־פירער פון שיקאַגער קאָמיטעט און דיסטריקט פון דער נאָרט־וועסט. פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער לייטונג צו שיקן אים אויף אַ לעקציע־טור און געווינען מער באַוואוסטזיניקע חברים פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. דעם פאַר־באַנד איז עס אָנגעקומען פינאַנציעל שווער, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון הוצאות, אַבי ס'זאָל זיין צו נוצן פאַרן פאַרבאַנד. שיקאַגאָ האָט אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון אויפלעבונג און פאַרשטאַרקערונג, דאָך ניט אין דער מאָס, ווי מען האָט עס דערוואַרטעט.

דער פאַרבאַנד ווערט אַ כוח

טאָראָנטאָ האָט אויפגעלעבט נאָך דער קאָנווענשאָן און געוואָרן אַ כוח אין פאַרבאַנד. אויך דעטראָיט האָט זיך אָנגעהויבן מער אָנזען אין פאַרבאַנד, און אויך פילאַדעלפיע האָט זיך שנעל אָנגעהויבן פאַנאַנדערוואַקסן.

אין פאַרבאַנד האָבן זיך אין 1922 אָנגעהויבן וויזן די ערשטע פאַך־פאַר־איינען. ס'זיינען יענעם יאָר אויך פּאָפּולער געוואָרן די פאַמיליען־אָוונטן פון פאַרבאַנד־פאַראיינען, צו וועלכע פרויען, און וואו מעגלעך — זייערע קינדער, זיינען געלאַדן געוואָרן. אין יענעם יאָר 1922 איז אויך אַרויס אַ רוף צו די פרויען פון פאַרבאַנד־חברים, אַנצושליסן זיך אין פאַרבאַנד־פאַראיינען אָדער העלפן גרינדן פרויען־קלובן. מאַנכע פון די קלובן זיינען געוואָרן אַקטיוו פאַר די אידישע פאָלקס־שולן, באַזונדערס מילוואָקי, טאָראָנטאָ, פילאַדעלפיע און ניו־יאָרק. פאַר ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן, ווי קופּת חולים א. אַנד., זיינען זיי אַלע געווען אַקטיוו און האָבן זיך אויסגעצייכנט.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו זיין צען־יאָריקן יובל, און אין באָסטאָן אויף דער אַכטער קאָנווענשאָן האָט מען באַשטימט דורכצופירן איבערן לאַנד אַ צען־יאָר יובל־פייערונג מיט אַ ברייטערן הערים־קאַטילאַנסקי־קאָנצערט־טור, און פאַר ניו־יאָרק האָט מען איבערגעלאָזן צו דער עקזעקוטיווע דורכצופירן אַ פּאַסנדע דעמאָנסטראַציע. די אַכטע קאָנווענשאָן איז פאַרגעקומען אין יוני אין באָסטאָן. ס'האָבן ניט געפעלט קיין פייערלעכע דעמאָנסטראַציעס; איבערהויפּט, האָבן די באָסטאָנער געוואָלט דערוויזן דער עפנטלעכקייט, אַז דער פאַרבאַנד איז איצט „כשר" אין מאַסאַטשוזעטס, און אַז מען מעג זיך אָן אים אָנשליסן.

די באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו העלפן גרינדן אַ סאַנאַטאָריום אין ארץ־ישראל, און פיל שטעט האָבן שפּעטער דורכגעפירט אַ באַדייטנדע אַקציע פאַרן סאַנאַטאָריום־פאָנד.

די עקזעקוטיווע האָט איבערגעגעבן וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיטן אינדע־פּענדענט אַרבעטער־רינג און באַטאָנט, אַז ס'איז ניט רייף דער געדאַנק פון פאַר־אייניקונג; באַדאַרפן די מאַסאַטשוזעטס־חברים אויסנוצן די געלעגנהייט און שאַפן אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט אין זייער געגנט.

יואל ענטין, וועלכער איז געווען אין באָסטאָן, האָט צווישן אַנדערן באַטאָנט, אַז ס'האַלטן זיך איצט אין בילדן קולטור־ליגעס איבערן לאַנד און אַז דער פאַר־באַנד באַדאַרף ווערן דער צענטער פאַר די ליגעס, זיי דערמוטיקן און מיט זיי שטיין אין ענגן קאָנטאַקט.

ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָטעסט קעגן דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, צו רעגיסטרירן פרעמדע אין אַמעריקע און קעגן געפּלאַנטע נייע באַ־שרענקונגען פאַר אימיגראַנטן.

די קאָנווענשאָן האָט שטאַרק באַטאָנט די וויכטיקייט פון געגנזייטיקער הילף, גרינדונג פון שפּאַר־ און ליי־קאַסעס, קרעדיט־יוניאָן; אויך איז דערמונטערט געוואָרן די גרינדונג פון געזאַנג־פאַראיינען אין פאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן צו שאַפן איבערן לאַנד.

אויף דער 8טער קאָנווענשאָן זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין באַשטאַנד פון די באַאַמטע אין פאַרבאַנד. מ. ל. בראַון האָט מער ניט אָנגענומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר, און ש. גאָלדשטיין איז דערוויילט געוואָרן אויף זיין פּלאַץ. בראַון איז דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, און ער האָט אָנגעהאַלטן

דעם אַמט ביז נאָוועמבער 1933, ווען ער האָט רעזיגנירט און איז אָפּגעפאָרן פאַר אַ צאָל יאָרן אין ארץ־ישראל אין פאַרבינדונג מיט אַווירטשאַפטלעך־פינאַנציע־לער געזעלשאַפט, וואָס אַמעריקאַנער האָבן געגרינדעט. דאָס איז געווען די ער־שטע אידישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל, אונטערן נאָמען „יהודה״, וועלכע בראָון האָט אָנגעפירט 8 יאָר אין ארץ־ישראל און מצרים.

חבר בראָון האָט זיך, אַלס סעקרעטאַר, געזעגנט מיט די דעלעגאַטן אין באָס־טאָן, פאַרשפּראָכן און געגעבן זיין אַקטיווע מיטהילף דעם פאַרבאַנד אין די אַלע יאָרן, ווען ער איז געווען פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. אויף זיין געזעגענונגס־באַנקעט אין יאָר 1922 האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שאַפן אַ באַדייטנדע סומע פאַרן אידישן לערער־סעמינאַר.

די נייע לייטונג נאָך דער באָסטאָנער קאַנווענשאַן האָט זיך גענומען אַקטיוו צו דער אַרבעט. אַ קורצע צייט נאָך דער קאַנווענשאַן איז חבר ל. סיגאַל איינ־געלאַדן געוואָרן אָנצונעמען דעם אַמט פון געהילפס־סעקרעטאַר, און דער פאַר־באַנד האָט געפונען אין אים אַ וויכטיקן און פעאיקן פירער.

ש. גאָלדשטיין האָט געוויסנהאַפט דערפילט זיינע סעקרעטאַר־פונקציעס, אַפּט באַרייזט דאָס לאַנד, טיכטיק געאַרבעט פאַר די סאַנאַטאָריומס אין ארץ־ישראל, געזוכט צו דערוועקן מער אינטערעס פאַר די שולן און גערופן חברים צו אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט. ס'זיינען דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן מתנות פאַר חברים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט.

דער פאַרבאַנד האָט זיך געגרייט צו זיין 10־יאָריקער פייערונג, וואָס האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן אין ניו־יאָרק, און איז דורכגעפירט געוואָרן אין מאַנ־העטן אָפּערא האַוז דעם 6טן יאַנואַר 1923, פּונקט 10 יאָר צום טאָג, ווען דער פאַרבאַנד האָט דערהאַלטן זיין טשאַרטער. דער פאַרבאַנד האָט ניט פאַרנאַכלע־סיקט זיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, פּראָטעסטירט קעגן רעאַקציע אין לאַנד, קו־קלוקס־קלען, פּראָצעס פון אַרעסטירטע קאָמוניסטן.

מאַנכע פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי״, איבערהויפּט רבי יונה וויס, האָט ניט געשמעקט די אַרבעט אין אידיש. זיי האָבן געפּרואווט דערקלערן אַ קאַמף קעגן אידיש און געכאַפּט אַ מיאוסן אָפּשניט. דער פאַרבאַנד האָט דאַן געלאָזט קרעפטיק הערן זיין שטימע.

אָנהויב 1923 איז געשטאָרבן ד״ר מאַקס נאָרדוי. די ציוניסטישע וועלט האָט געטרויערט איבערן פאַרלוסט פון דעם פייערדיקן ציוניסטישן קעמפער און חבר פון ד״ר הערצל. דער פאַרבאַנד האָט אין אַ צאָל שטעט דורכגעפירט טרויער־פאַרזאַמלונגען, און מאַנכע ברענטשעס האָבן זיך אָנגעהויבן רופן אויפן נאָ־מען פון מאַקס נאָרדוי.

אין ניו־יאָרק האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו גרינדן אַ פאַרבאַנד־קרעדיט־יוניאָן, פאַר וועלכער סיגאַל איז געוואָרן אַקטיוו. די קרעדיט־יוניאָן האָט געקראָגן אַ טשאַרטער, אָבער לײדער ניט עקזיסטירט צו לאַנג.

אין פעברואַר 1923 איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט חבר ג. אָור־רונין, ערשטער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. די עקזעקוטיווע האָט אין אַ צו־שריפט אויפגעקלערט די פאַרדינסטן פון פאַרשטאָרבענעם פאַרן פאַרבאַנד און

האָט איינגעאָרדנט טרויער־פאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט. אַוורונין האָט באמת געהאַט פיל געטאָן פאַרן פאַרבאַנד אין זיינע ערשטע יאָרן, און דער פאַרבאַנד וואָלט באַדאַרפט געפינען אַ פּאַסענדן אופן צו פאַראייביקן זיין אָנדענק. די נייע חברים דאַרפן זיין באַקאַנט מיט די ערשטע פּיאָ־נערן פון פאַרבאַנד, אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד. ליידער ציילט שוין דער פאַרבאַנד היינט פיל הונדערטער געשטאָרבענע, צווישן וועלכע ס׳זיינען געוועזן גרינדער און אַקטיווע טוער פון פאַרבאַנד איבערן גאַנצן לאַנד.

אין 1923 האָט דער פאַרבאַנד, פאַר אַ געוויסער צייט, אונטערגענומען בשותפות מיט די שלום־עליכם־שולן דאָס אַרויסגעבן פון אַ קינדער־זשורנאַל. אין יענע יאָרן האָט זיך אויך אָנגעהויבן שאַרף פילן דער קאַמף פון די לינקע עלע־מענטן אין דער אידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. אין דעם קאַמף איז דעם פאַרבאַנד און זיינע חברים אָפּט אויסגעקומען צו זאָגן זיין וואָרט; ער האָט שטענ־דיק פאַרדאַמט די טאַקטיק פון די קאָמוניסטישע עלעמענטן און דעם פאַרזוך צו ברעכן די אידישע יוניאָנס, וואָס זיינען מיט מי, אָנשטרענגונג און גרויסע קרבנות אויפגעבויט און אויפגעהאַלטן געוואָרן. ס׳איז געווען אַן ערנסטער קריזיס דאָן, און ער האָט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרשאַפט אַ סך זאָרג און אַנגסט.

אין אַפּריל 1923 האָט דער סעמינאַר געפייערט זיין 5־יאָריקן געבורטסטאָג אין היפּאָדראָם, ניו־יאָרק, פאַר אַ ריזיקן עולם, פאַר וועלכן ס׳איז אויפגעטראָטן די זינגערין ראָזאַ ראַאיסאַ. די פאַרבאַנד־חברים האָבן זיך געפּרייט מיטן גרויסן יום־טוב און זיינען געקומען אין גרויסע צאָלן צו דער סעמינאַר־פייערונג.

דעם זעלבן יאָר (דעם 24טן יוני 1923) זיינען פאָרגעקומען פּאָפּולערע וואַלן פאַרן אידישן קאָנגרעס. ס׳האָט געפעלט די התלהבות פון די ערשטע וואַלן אין יוני 1917, אָבער דער פאַרבאַנד, מיט די פּועלי ציון, האָבן געפּאָדערט און גע־וואונען די פּאָפּולערע וואַלן, אין דער דערוואַרטונג, אַז דער אידישער קאָנגרעס וועט ווערן אַ מער לעבעדיקע, שאַפנדע,ווירקנדע קערפּערשאַפט אין היגן לעבן. די דערוואַרטונגען זיינען, ליידער, ניט מקוים געוואָרן, כאָטש מען דאַרף ניט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז דער אידישער קאָנגרעס האָט אין זיין געשיכטע פון ווירקונג אין אַמעריקע דאָך באַוויזן פון צייט צו צייט מעשים און דעמאָנסטראַ־ציעס, וואָס האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג.

דער פאַרבאַנד האָט אָנגעהאַלטן זיין אינטערעס פאַר פאָלקס־הילף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט זאַמלען געלטער פאַר אידישע קולטור־אינסטיטוציעס און קולטור־בויטן אויף יענער זייט ים, אָבער די פאָלקס־הילף האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם איינדאַרן און אַרונטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע.

אין זומער 1923, נאָך אַ שטילשווייגן פון אַ פּאָר יאָר, זינט דעם אונטערגאַנג פון דער „צייט״, האָט די פּועלי ציון־פּאַרטיי אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „דער אידישער אַרבעטער״. דער פאַרבאַנד האָט באַגריסט און געשטיצט דאָס נייע וואָכנבלאַט.

אין אָקטאָבער 1923 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, פון די נייע דעלעגאַטן, וועלכע זיינען דערוויילט געוואָרן אין

די פּאָפּולערע וואַלן. דער פּאַרבאַנד איז געווען גוט פאַרטראָטן. אויף יענעם קאָנגרעס איז אויפגעטראָטן ישראל זאַנגוויל, וועלכער האָט אויפגעשטורעמט דעם קאָנגרעס מיט זיין רעדע; ער האָט צווישן אַנדערן שאַרף אַטאַקירט די ענגלישע רעגירונגס־קרייזן, וואָס זוכן צו נישט צו מאַכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס אַן אָפּמאַך מיטן אידישן פאָלק.

דאָס יאָר 1923 האָט זיך געהאַלטן אין ענדיקן, אַ יאָר, אין וועלכן דער פאַרבאַנד איז ניט געגאַנגען פאָראויס אויפן געביט פון נייע מיטגלידער. דער פאַרבאַנד האָט דעמאָלט געהאַט צוויי מיליאָן דאָלאַר פאַרזיכערונג און אַרום 6,000 מיטגלידער. אויך איז אַריינגעטראָטן פאַר אַ צייט אַ שטילשטאַנד אין שול־וועזן, און די נייע לייטונג האָט אָנגעהויבן פילן אַ געוויסע אומרואיקייט און זיך גרייטן צו דער ניינטער קאָנווענשאָן, וואָס איז דערעפנט געוואָרן דעם 1טן מאַי אין פילאַדעלפיע (1924).

מיט דער ניינטער קאָנווענשאָן פאַרענדיק איך דעם איבערבליק. די קאָנווענשאָן איז געווען גוט באַזוכט; צום ערשטן מאָל זיינען געפאָרן דעלעגאַטן אויף פאַרבאַנד־הוצאות. ס'האָט ניט געפעלט קיין קריטיק, און, ווי דער שטייגער, זיינען אָנגענומען געוואָרן וויכטיקע רעזאָלוציעס, צווישן וועלכע ס'איז געווען אַ באַגריסונג צו דער ערשטער אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד; אַ פאָדערונג, אַז רוסלאַנד זאָל אָנערקענט ווערן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג; אַ באַשלוס אויפצונעמען אַ ברייטע קולטור־אַרבעט און שאַפן אַ פאָנד פון 50 טויזנט דאָלאַר פאַר קולטור־אַרבעטן. אויף יענער קאָנווענשאָן איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויפצוגעבן דעם פּלאַן פון אַ פאַרבאַנד־פּרעווענטאָריום.

איינער פון די וויכטיקסטע באַשלוסן איז געווען אונטערצונעמען אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט און פייערן די 10טע יובל־קאָנווענשאָן 2 יאָר שפּעטער אין ניו־יאָרק. דעלעגאַטן האָבן זיך פאַרפליכטעט צו טאָן אַלץ אין זייערע מעגלעכקייטן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל קומען צו זיין צענטער קאָנווענשאָן אין ניו־יאָרק פאַרשטאַרקט, פאַרטיפט און פאַרצווייגט איבערן לאַנד.

די זעלבע באַאַמטע, ווי אין באָסטאָן, זיינען ווידער דערוויילט געוואָרן, און דעלעגאַטן זיינען אָפּגעפאָרן דערפרישט און דערמונטערט.

פון די וויכטיקסטע געשעעניש אין יאָר 1924, חוץ דער קאָנווענשאָן, זיינען געווען די פּראָקלאַמירונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; די איינלאַדונג פון בן גוריון צום פאַרבאַנד צו שיקן אַ פאַרטרעטער קיין ארץ־ישראל, אויסצופאָרשן טעטיקייטן, וואָס דער פאַרבאַנד קאָן טאָן פאַר ארץ־ישראל.

אַ גרויסער לעקציע־טור מיט יהודה קויפמאַן איז דורכגעפירט געוואָרן פון פאַרבאַנד אין יאָר 1924.

אין אויגוסט און סעפּטעמבער האָט אונזער גאַנצע באַוועגונג געליטן צוויי אומדערזעצלעכע פאַרלוסטן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט פאַר'יתומ'ט די פּאַרטיי און דעם פאַרבאַנד. דאָס איז געווען דער טויט פון יצחק אייזיק אין אויגוסט 1924, און דער טויט פון סירקין אין סעפּטעמבער פון דעם זעלבן יאָר.

די באַוועגונג, דער פאַרבאַנד און די פּאַרטיי האָבן טיף געטרויערט און גע־

פילט, אַז צוויי גייסטיקע פירער פון גרויסן קאַליבער זייַנען אַוועק פון אונז און אַז זייער פּלאַץ קאָן פון קיינעם ניט פאַרנומען ווערן.

אין יענעם יאָר האָט זיך אויך אָנגעהויבן גרינדן די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז היינט אַ וויכטיקער צווייג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט געוואונען טויזנטער פרויען פאַר זיך, אַ דאַנק זייער געטרייער ארץ־ישראל־אַרבעט. די באַוועגונג איז רייכער געוואָרן מיט אַ וויכטיקן צווייג.

יענעם יאָר איז אויך פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע און גאָר וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש אין דעם אַרויסשטעלן פון דעם אַלטן סענאַטאָר לאַפאַלעט אַלס קאַנדידאַט פון אַ דריטער פּאַרטיי. לאַפאַלעט איז געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די פּראָגרעסיוויסטע סענאַטאָרן אין לאַנד. די פעדעראַציע פון אַרבעט (אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר) האָט צום ערשטן מאָל אַלס גאַנצע באַוועגונג געשטיצט זיין קאַנדידאַטור. די אידישע יוניאָנס, די אַרבעטער־אָרדנס און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס האָבן געשטיצט זיין קאַנדידאַטור. אויך דער פּאַרבאַנד האָט זיך גאָר טיכטיק באַטייליקט אין קאַמפּיין. לאַפאַלעט האָט געצויגן אַרום 7 מיליאָן שטימען. דאָס אַליין איז געווען די גרעסטע פּאָליטישע סענסאַציע אין לאַנד. דערוויילט געוואָרן איז דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט, פּרעזידענט קולידזש.

יענעם יאָר האָבן די אַמעריקאַנער אַרבעטער געקראָגן אַ גוטע פּאָליטישע דערציאונג און דערפילט זייער כוח, אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אים אויסצונוצן צו בויען אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, אויפן שטייגער פון ענגלאַנד.

✡ ✡ ✡

מיין טייל אַרבעט פאַרן פאַרבאַנד־בוך איז פאַרענדיקט, און איך וויל בלויז באַטאָנען אין אייניקע ווערטער, וואָס דער פאַרבאַנד איז היינט.

די לעצטע 20־21 יאָר זייַנען געווען יאָרן פון גרעסערן וואוקס פון פאַרבאַנד, פון באַדייטנדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך האָב אין די אַכט יאָר פון מיין לעבן אין ארץ־ישראל נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג און מעשים פון פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד ציילט היינט איבער 25 טויזנט מיטגלידער. פירנדע פערזענלעכקייטן האָבן זיך אָן אים אָנגעשלאָסן. ער ציילט צווישן זיינע מיטגלידער צוויי ערן־חברים — פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין און ד״ר חיים ווייצמאַן. אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל, לאָס אַנדזשעלעס, סט. לואיס, דעטראָיט א. אַנד. שטעט איז דער פאַרבאַנד געוואָקסן אין צאָל און איינפלוס. ער האָט אָנזען אין פיל שטעט.

די אַרבעט פאַר דער הסתדרות, פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, האָט זיך פאַרשפּרייט אין פאַרבאַנד און איז דאָרט איינגעבירגערט געוואָרן. ס׳ווערן געמאַכט ערנסטע פאַרזוכן אונטערצונעמען גרעסערע קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעטן, און עס איז דאָ דער באַגער צו וואַקסן נאָך מער. די אָרגאַניזאַטאָרן באַרייזן דאָס לאַנד און זיי געפינען אַ פעלד פאַר אַרבעט. די צייט איז רייף פאַר אונזערע אידעען און אויפגאַבן. מיר האָבן אין סעפּטעמבער 1943 געזען די וואונדערבאַרע מאַניפעסטאַציע פון אידישער פאַראייניקונג אַרום דער אַמעריקאַנער אידישער אַסעמבלי. ס׳זיינען נאָך פאַרבליבן פאַר׳עקשנ׳טע גרופּן אַסימילאַנטן, אין די קרייזן פון

„אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי", פון לעסינג ראָזענוואַלד'ס און פראָסקאַוער'ס חבר. אין אידישן לעבן זיינען פאָרגעקומען מורא'דיקע אויפטרייסלונגען; טיילן פון פאָלק זיינען פאַרפייניקט געוואָרן פון דער נאַצי־בעסטיע, גרויסע ישובים און קהילות זיינען אָפּגעווישט געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע. מיר שטייען פאַר אַ ביטערן קאַמף פאַר אונזערע רעכט אויף ארץ־ישראל. מיר זיינען געאייניקט אין דער פאָדערונג פון אַ אידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל.

די אַמעריקאַנער אידן זיינען פון דער געשיכטע גערופן געוואָרן צו שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע, צו שטיין אויף דער וואַך און צו פירן אַ קאַמף. אין אַט אַזאַ צייט איז גוט, וואָס דער פאַרבאַנד איז אַ גרויסער כוח געוואָרן און וואָס ער האָט נאָך די פרישקייט און דעם מוט צו קעמפן פאַר זיינע אידעען, פאַר מער אינהאַלט אין אידישן לעבן. ער איז געבליבן געטריי צו זיך, און ער האָט זיינע דרייסיק יאָר ניט פאַרשפּילט.

מיר אַלע מעגן זיך פילן דערמונטערט פון עבר און קוקן מיט בטחון אויף דער צוקונפט! די ראָלע פון פאַרבאַנד וועט היינט נאָך וויכטיקער!

די ראָלע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַנער אידנטום

פון ברוך צוקערמאַן

אַריינפיר

עס ווערט בקרוב 45 יאָר זינט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין אַמעריקע אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. דער ערשטער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין פועלי־ציון״ איז געגרינדעט געוואָרן אָנהויב 1903. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס גיבן צו אַפילו קעגנער. אַמשטאַרקסטן זיינען אירע איינפלוסן געווען אין ציטן פון גרויסע היסטאָרישע אַחריות׳ן. איר צאָל איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גרויס, אַז דערמיט זאָל דערקלערט ווערן איר איינפלוס. אורזאַכן פאַר דעם דאָזיקן איינפלוס זיינען אָבער זיכער געווען. פון וואַנען האָבן זיך די דאָזיקע אורזאַכן גענומען? אין וואָס איז באַשטאַנען זייער כוח? ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעווירקט אין לעבן?

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אין דער דאָזיקער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַרנומען אַן אָרט סאַמע אויבנאָן. ער וועט בקרוב פייערן זיין 35־יעריקן יובל. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז זייער נייטיק צו מאַכן אַ טיפערן אַריינבליק אין די סאָציאַלע כוחות, וואָס האָבן באַווירקט די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און באַשטימט איר כאַראַקטער. מען דאַרף זיך צוקוקן, ווי אַזוי זי האָט רעאַגירט אין יענע אַנטשיידנדיקע מאָמענטן, ווען אירע איינפלוסן האָבן זיך אַמשטאַרקסטן אַרויסגעוויזן. די קומענדיקע פּרקים זיינען, דעריבער, געווידמעט צו:

א) אַן אַנאַליז פון היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער באַוועגונג;

ב) איר אייגענע אַנטוויקלונג אין אַמעריקע;

ג) איר צענטראַלער אויסגאַנגס־פּונקט אין דער אידן־פראַגע;

ד) איר ראָלע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג;

ה) איר ראָלע אין אַמעריקאַנער ציוניזם; און

ו) איניקע שלוס־באַמערקונגען.

א.

דער היסטאָרישער הינטערגרונט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע

געבוירן געוואָרן איז די דאָזיקע באַוועגונג ניט אויפן אַמעריקאַנער באָדן. דאָס ווערט געזאָגט ניט לגנאי און ניט לשבח. דער פאַרזוך וואָס קעגנער פלעגן אָפט מאַכן צו פסל'ען אַלס ניט־אַמעריקאַניש פאַרשיידענע אַלגעמיינע באַוועגונגען, ווי סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, און אַפילו טרייד־יוניאָניזם, איז אויך בנוגע יענע באַוועגונגען געווען ווייט ניט באַרעכטיקט. דאָס אַמעריקאַנער לעבן איז יאָרהונדערטער נאָכאַנאַנד געווען אין אַ צושטאַנד פון פאָרמירונג. אימיגראַציע האָט דאָס אַמעריקאַנער לעבן אויפגעבויט. אימיגראַנטן זיינען ניט פון הימל אַראָפגעפאַלן. זיי זיינען פון ערגעץ געקומען אַלס פאַרטיקע, פאָרמירטע מענטשן. יעדע אימיגראַנטן־גרופע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין די לענדער, פון וואַנען זי איז געקומען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע אַ פּראָצעס פון צופּאַסונג פון פאַרשיידענע עלעמענטן איינע צו די אַנדערע. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אַפילו היינט נאָך ניט פולשטענדיק פאַרענדיקט. עס איז דעריבער שווער פעסטצושטעלן, וואָס אַזוינס איז יאָ און וואָס איז ניט אַמעריקאַניש. אָבער אויב בנוגע אַלגעמיינע באַוועגונגען האָט מען נאָך אפשר געקענט געפינען אַ שטיקל באַרעכטיקונג פאַר דעם פאָרוואורף פון ניט־אַמעריקאַנישקייט (צי דאָס איז אין עצם אַ פּגם איז אַ באַזונדערע פראַגע!), ווייל עס זיינען דאָך פאָרט שוין אָפּגעלאָפן יאָרהונדערטער פון אַן אַמעריקאַנער לעבן און עס איז שוין דאָך דערגרייכט געוואָרן אַ מינימום פון אַן אַמעריקאַנער לעבנס־אייגנאַרט — איז אָבער בנוגע באַוועגונגען אין דעם אידישן לעבן אַזאַ באַרעכטיקונג ניטאָ. אין יענע יאָרן, ווען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן, האָט דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין אַמעריקע געהאַלטן נאָך כמעט ביים אָנהויב. געווען שוין, אמת, אַ פעסט־איינגעזעסענע שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידישע געמיינדע אין אַמעריקע, אָבער זייער אַ קליינע און אָן איינפלוס. געווען שוין אויך אַ דייטש־אידישע געמיינדע אין אַמעריקע, גרעסער פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער, ווייניקער פון איר איינגעזעסן, אָבער שוין מיט באַדייטנדן איינפלוס. זיכער איז זי געווען מער איינגעזעסן און מער איינפלוסרייך, ווי די מזרח־אייראָפּעאישע אידישע געמיינדע אין אַמעריקע, וועלכע האָט זיך ערשט דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. צו די ערשטע צוויי געמיינדעס האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין איר אָנהויב ניט געהאַט און אַפילו ניט געזוכט קיין באַציאונג. ווען מען נעמט אַפילו אַלע דריי פאַרשיידענע אידישע געמיינדעס צוזאַמען, האָבן זיי נאָך אַלץ ניט פאַרמאָגט קיין אויסגעשטאַלטעטן ספּעציעל־אַמעריקאַנער פּנים.

אויסער דעם, דאַרף מען געדיינקען, אַז צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג קען בכלל ניט אָנגעווענדעט ווערן די מאָס פון יאָ אָדער ניט אַמעריקאַנישקייט. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך תמיד באַטראַכט און באַטראַכט זיך אויך איצט ווי אַרויסגעוואַקסן פון דעם אידישן וועלט־לעבן, פאַרוואָרצלט אין אים, אויף אייביק פאַרבונדן מיט אים. פאַר איר קען זיין אַ פּגם, אויב מען זאָל קענען

באוויזן, אַז זי איז ניט אידיש, סיי אין איר התחלה, סיי אין איר אַנטוויקלונג. דער פאַקט, אָבער, וואָס די באַוועגונג איז ניט געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, פירט אונז צו זוכן דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פאַר דעם אָנהויב פון דער באַוועגונג ניט אין אַמעריקע און ניט אין די פאַרשיידענע סאָציאַלע אַנטוויקלונ־גען, וואָס אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן הויבן אָן ריין־אַמעריקאַנישע אַנטוויקלונגען און איינפלוסן שפּילן אַ ראָלע אין דער באַוועגונג. איר אָנהויב, אָבער, ליגט אין דעם שטח פונעם אידישן און אַרבעטער־לעבן פון אייראָפּע סוף פון 19טן און אָנ־הויב פון 20טן יאָרהונדערט.

די פּרימיטיווע פאָרמען פון אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע זיינען אַנטשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט שולן און בתי־מדרשים. דער גייסטיקער אינהאַלט זייערער איז געווען אַ רעליגיעזער. אויסגעטיילט האָט די אידישע אַרבעטער פון די אַנדערע אידן דער נחות־דרגא׳דיקער אופן, ווי אַזוי מען האָט זיי באַהאַנדלט אין די שולן און בתי־מדרשים. צוזאַמען מיט אַנדערע שיכטן פון דער אידישער אָרעמקייט האָבן זיי דעריבער כסדר געהאַלטן אין אויסריידן דאָס האַרץ אויף די תקיפים פון שטאָט און שטעטל, ביז זיי זיינען געקומען צום גע־דאַנק פון אָרגאַניזירן באַזונדערע אַרבעטער־גרופּן אין די קהילות אָדער אויפ־שטעלן אייגענע שולן און בתי־מדרשים. זייער אַרבעטאָרישע אייגנאַרט איז ניט געווען באַגרינדעט מיט אַ באַזונדער געשיכטלעכער אחריות, וואָס ליגט אויפן אַר־בעטער־קלאַס ווי אַ קלאַס, אָדער מיט אַ באַזונדערער סאָציאַל־פילאָזאָפיע, מיט אַ באַזונדערן קוק אויפן מענטשלעכן און אידישן לעבן. בלויז דער פאַקט פון זייער מאַטעריעל־ערגערער לאַגע און נידעריקערער מענטשלעכער חשיבות, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אידן, האָט זיי געבראַכט צום געדאַנק פון באַזונדערער אָרגאַניזירונג. די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען, אַלזאָ, געטראָגן און געבוירן געוואָרן דורך פּרימיטיווע, אַזוי־גערופענע „קלאַסן"־מאָמענטן. בלויז אין זעלטענע פאַלן האָבן זיי אויך געדינט ריינע צעך־צוועקן.

ערשט מיטן אַנטשטיין פון די ערשטע גרופּן פון באַוואוסטזיניקע אידישע סאָציאַליסטן, צום אַלעם ערשטן אין דער פּערזאָן פון משה העס, און שפּעטער אין דער גרופּע אידישע סאָציאַליסטן אונטער דער פירערשאַפט פון ליבערמאַן און זונדעלעוויטש, הויבט אָן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג צו זוכן, און טיילוויז צו באַקומען, אַ סאָציאַלע פילאָזאָפיע אויף אָנצושפּאַרן זיך. איינצלנע אידן־סאָציאַליסטן קען מען טרעפן אין פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פון די אייראָפּעאישע פעלקער נאָך פאַר דער ליבערמאַן־גרופּע. די מערסטע פון זיי האָבן אָבער זייער אידישקייט אָדער פאַרגעסן, אָדער בכלל ניט גענומען אין באַטראַכט. זייער גאַנצע אידישקייט איז פאַר זיי געווען אַ „צופאַל", וואָס האָט זיי צו קיין זאַך ניט פאַרפליכטעט. דער וויכטיקסטער איינצלנער סאָציאַליסט, וואָס האָט פון זיין אידישקייט געטראַכט אין טערמינען פון צוקונפטס־אידעאַלן, איז געווען משה העס, און דער ערשטער אָרגאַניזירטער פאַרזוך פאַר אַ אידישער סאָציאַליסטישער גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן דורך ליבערמאַן און זונדעלעוויטש. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, אַז בעת די אַרבעטער־באַוועגונגען ביי אַנדע־

רע פעלקער האָבן, אינם פּראָצעס פון זייער רייף ווערן, געפונען דעם באַזיס פאַר זייער באַזונדערן לעבנס־כוח אין קלאַסן־קאַמף, אין דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג, האָט אינם פּראָצעס פון רייף ווערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווייניקסטנס אין אירע ערשטע עפּאָכן, פּאַסירט כמעט דער היפּוך.

משה העס האָט אָנגעהויבן אַלס סאָציאַליסט און ערשט שפּעטער אין זיך אַליין אַנטדעקט די טיפע אידישקייט, וואָס האָט אין אים געלעבט. ווען ער האָט געזוכט צו פאַרבינדן זיין סאָציאַליזם מיט זיין אידישקייט אין איין פילאָזאָפיע, אין איין לעבנס־ציל, איז דער סאָציאַליזם זיינער אויפגעהויבן געוואָרן צו יענע הויכע ספערן פון גייסט, וואו זיין אידישקייט אין אים האָט אַרומגעשוועבט און אים באַאומרואיקט. און די ליבערמאַן־זונדעלעוויטש־גרופּע, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, האָט אויך געזוכט אירע סאָציאַליסטישע באַגרינדונגען מער אין די ספערן פון הויכער עטיק, ווי אין די ספערן פון מאַטעריעלע לעבנס־אינטערעסן.

אַוודאי דינט זיי אַלעמען דער אָרעמקייט־מאָטיוו, דער פאַקט פון עקאָנאָ־מישער אומגלייכקייט, ווי אַן אָנשפּאַר פאַר זייער אַגיטאַציע. אָבער די נשמה פון זייער גאַנצער טעטיקייט אין יענער צייט ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדערן געביט. משה העס האָט עס קלאָר באַוויזן דורך זיין בוך „רוים און ירושלים". די גרופּע ליבערמאַן־זונדעלעוויטש האָט עס באַוויזן דורך איר באַציאונג צום פּראָבלעם איד, מענטש און סאָציאַליסט, וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק באַאומרואיקט און... באַפּרוכפּערט. זיי אַלע האָבן געפילט, אַז סיי זייער אידישקייט, סיי זייער סאָ־ציאַליזם פאָדערט פון זיי עפּעס, איז זיי צו עפּעס מחייב.

צו וואָס זייער אידישקייט און זייער סאָציאַליזם איז זיי מחייב האָבן זיי, ווי מיר שיינט, ניט צופעליק געזוכט אין די ספערן פון גייסט. זיי זיינען געווען די פאָרזעצער פון די זוכענישן פון פריערדיקע דורות. די פריערדיקע אידישע דורות האָבן זיך ווייניק געגריבלט אין עקאָנאָמישע און קלאַסן־פּראָבלעמען. אין וואָס איז אָבער יאָ באַשטאַנען די גייסטיקע זוכעניש פון יענע דורות?

די השכלה־באַוועגונג האָט שוין דאַן געהאַלטן אין גיין באַרג־אַראָפּ. די האָפענונג, אַז דורך השכלה וועט קענען געלעזט ווערן דאָס פּראָבלעם פון „ישראל בעמים", פון אידישן קיום צווישן די פעלקער, האָט זיך גענומען אויסלעשן. גלייכצייטיק האָבן די רעליגיעזע יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך דורות־לאַנג געהאַלטן דער אידישער קיום, אויך אָנגעהויבן באַוויזן סימנים פון אָפּשוואַכונג. דער ערנסטער איד, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער צוקונפט פון זיין פאָלק, האָט געמוזט זוכן אַ נייעם יסוד, וואָס זאָל פאַרבייטן השכלה און וואָס זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף רעליגיע. מיר שיינט, אַז אַט די געשיכטלעכע נויט האָט פיל מער באַפּרוכפּערט אַלע באַוועגונגען צווישן אידן אין די לעצטע 70—80 יאָר, ווי די פירער פון די באַוועגונגען האָבן עס אַליין געמיינט, און זיכער מער, ווי זיי אַליין זיינען עס גרייט געווען צוצוגעבן. וואָס פאַראַ אַנדערע צילן זיי זאָלן ניט האָבן פאָרמולירט און וואָס פאַראַ אַנדערע באַגרינדונגען זיי זאָלן ניט האָבן געגעבן פאַר זייערע צילן, שיינט מיר דאָך, אַז אַלע סאָציאַליסטישע

באַוועגונגען, אַלע ציוניסטישע באַוועגונגען, אַלע קולטור־באַוועגונגען און אַפילו די ערלעכע אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען (געווען אַזעלכע אויך!) זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם פּאַרזוך צו געבן אַן ענטפער אויף איין און דער זעלביקער פראַגע: וואָס איז דער זין פון אידישן קיום און וואו איז די מעגלעכקייט דעם דאָזיקן קיום צו פאַרזיכערן פאַר דער צוקונפט? דער ערשטער טייל פון דער פראַגע האָט באַאומרואיקט אַלע אָנגעצייכנטע באַוועגונגען, די אַסימילאַטאָרישע איינגעשלאָסן. דער צווייטער טייל האָט באַאומרואיקט אַלעמען, אויסער די אַסימילאַטאָרן.

אַסימילאַציע, וואָס מיינט זעלבסט־פאַרלייקענונג, און וואָס איר ענטפער אויף דער אידן־פראַגע וואָלט געקענט אויסגעדריקט ווערן אין דער פאָרמולע: די ראַדיקאַלסטע רפואה (ווי אַזוי פון אַ קראַנקהייט פטור צו ווערן) איז דער טויט, האָט אָנגערירט בלויז די הויכע שפּיצן פון אידישע אינטעליגענטן און באַנקירן. אין פאָלק האָט זי קיין ווירקונג (אַ פּרינציפּיעל ־ באַוואוסטזיניקע ווירקונג, מיין איך, ווייל פּראַקטישע אַסימילאַציע איז אָנגעגאַנגען אַפילו צווישן טיילן פון פאָלק) ניט איבערגעלאָזן. דאַקעגן, האָבן גענומען אַריינדרינגען אין פאָלק פאַרשיידענע, סיי נאַציאָנאַלע, סיי סאָציאַליסטישע, סיי ציוניסטישע פאָרמולירונגען און איבערצייגונגען.

טראָץ דעם וואָס די הויפּט־טרייבקראַפט צו זוכן דעם ענטפער איז געווען די זעלביקע אין אַלע באַוועגונגען, זיינען אָבער די געפונענע ענטפערס געווען פאַרשיידענע. יעדע גרופּע, וואָס האָט זיך דערטראַכט צו אַ געוויסן ענטפער, האָט געזען נאָר אין איר ענטפער דעם איינציקן אמת און אין די אַנדערע ענטפערס האָט מען געזען ממש געצנדינסט. אַ שאַרפע גייסטיקע מלחמה האָט אויסגעבראָכן צווישן די גרופּן. די קלענערע שטרעמונגען זיינען ביסלעכוויז באַזייטיקט געוואָרן און דער שאַרפסטער קאַמף האָט זיך געפירט (און פירט זיך נאָך אויך היינט) צווישן סאָציאַליסטן אָן ציוניזם און ציוניסטן אָן סאָציאַליזם.

אָבער כמעט אין איין צייט מיטן אָרגאַניזירטן סתם־סאָציאַליזם און מיטן אָרגאַניזירטן סתם־ציוניזם הויבט אָן צו שפּראָצן אַ נייער געדאַנקען־גאַנג, וואָס פאַראייניקט אין זיךביידע אידעען און זעט אין ציוניזם און סאָציאַליזם אַ קעגנזייטיקע דערגענצונג. לויט דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג קען די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג ניט קלייבן אָדער סאָציאַליזם, אָדער ציוניזם, זי מוז אָננעמען ביידע: סאָציאַליזם און ציוניזם.

דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג האָט באַהויפּטעט, אַז די אידישע אַרבעטער־שאַפט, ווי אַ באַשטימטער סאָציאַלער מענטשן־שיכט, האָט אין דער אידישער וועלט די אויפגאַבע דורכצופירן אַ גרויסע רעוואָלוציע, וועלכע זאָל דערפירן דאָס אידישע פאָלק צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, צו דער אויסגלייכונג פון זיין נאַציאָנאַלן סטאַטוס מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט און גלייכצייטיק אָנטיילנעמען אין דעם קאַמף, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט פירט פאַר אַן ענדערונג אין דער מענטשלעכער ווירטשאַפטס־סיסטעם, פאַר דער אָפּשאַפונג פון ווירטשאַפטלעכער קאָנקורענץ און פון עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורכן צווייטן. דער פאַראייניקנדיקער פאַקטאָר פון די ביידע צילן

איז געווען זייער סאַמע טרעגער — די אידישע אַרבעטערשאַפט. ניט זי האָט געוואָלט און נאָך ווייניקער האָט זי געקענט אַרויסנעמען זיך פון אידישן פאָלק. בלויז סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן־יחידים האָבן עס געקענט. די מאַסע — קיינמאָל ניט! און ניט זי האָט געוואָלט און ניט זי האָט געקענט זיך אָפּזאָגן פון די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט. איר סאַמער מהות — איר זיין אַ אידישע אַרבעטערשאַפט — האָט אַרויסגעבראַכט די פאַרבינדונג פון ביידע צילן אין איין געדאַנקען־גאַנג און זי דערפירט צו איין באַוועגונג פון איין אידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס וויל ניט און קען ניט אַרויסגיין ניט פון איר אידישער און ניט פון איר אַרבעטער־הויט.

דער אונטערשייד פון דער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די אַרבעטער־באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס די מערסטע פעלקער האָבן זייערע נאַציאָנאַלע פרייהייטן פאַרמאָגט. זיי האָבן, דעריבער, זיך ניט געגוויטיקט אין קיין שום ספּעציעלע באַוועגונגען צוליב נאַציאָנאַלע צילן. ביי פעלקער, וואָס זיינען ניט געווען פריי, ווייל זיי זיינען צייטווייליק געווען אונטער אַ פרעמדן פּאָליטישן יאָך, האָבן די אַרבעטער־באַוועגונגען טאַקע גענומען אויף זיך צילן פון נאַציאָנאַלער באַפריי־אונג. דער ביישפּיל פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי די סלאַווישע פעלקער אין האַבסבורגישן עסטרייך און פון ענלעכע אַרבעטער־באַוועגונגען, דערציילט זייער קלאָר, וועגן די נאַציאָנאַלע צילן, וואָס די אַרבעטערשאַפט פון פאַרשיידענע האַלב־ אָדער גאַנץ־אונטער־דריקטע פעלקער האָבן פאַר זיך געשטעלט. זיי האָבן געקעמפט פאַר זייער טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע. די ספּעציעלע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער האָט פאַר זיי ניט געקענט זיין קיין לעזונג, ווייל אין קיין טערי־טאָריעלן טייל פון קיין מדינה זיינען זיי ניט געווען קיין מאַיאָריטעט. די אידישע אַרבעטער, ווי אַ טייל פונם אידישן פאָלק, האָבן ערשט די טעריטאָריע גע־דאַרפט געפינען, און האָבן זיי אַזאַ טעריטאָריע געפונען — די וואָס האָבן אָנגע־נומען ארץ־ישראל אַלס די אידישע טעריטאָריע, — האָבן זיי זי ערשט געדאַרפט אָנהויבן בויען. מען האָט ערשט געדאַרפט ברענגען אַהין אידישע מאַסן און זיי קאָלאָניזירן. דערפאַר איז די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־אויפגאַבע פאַר דער אידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג געווען און געבליבן אַ פיל שווערערע, ווי אַפילו פאַר די אַרבעטער פון יענע פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט צו קעמפן פאַר זייערע נאַ־ציאָנאַלע פרייהייטן.

די איבערצייגונג, אַז די אַרבעטערשאַפט פון אַ פאָלק איז מחויב צו זאָרגן אויך פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אויב דאָס פאָלק איז אונטערדריקט, איז אַריינגעדרונגען אין דער גאַנצער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַווע־גונג. דעמאָלט האָבן זיך אויך אין אידישע אַרבעטער־קרייזן גענומען אויפקלערן די אונטערשיידן פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם. קאָסמאָפּאָלי־טיזם ענטהאַלט אין זיך דעם געדאַנק, אַז פעלקער מוזן, זיכער מעגן, אויפגעלייזט ווערן אין דער אַלגעמיינער מענטשהייט, כאָטש קיינער האָט ניט געקענט אָנ־

ציִיגן, ווי אַזוי דאָס קאָן געשען. אינטערנאַציאָנאַליזם ענטהאַלט דעם געדאַנק, אַז פעלקער דאַרפן צווישן זיך זיין פאַרבונדן אין ברידערלעכקייט און אין אינטערעסן־געמיינשאַפטלעכקייט, וואָס דאָס קען געשען נאָר דאַן, ווען פעלקער עקזיסטירן און לעבן.

אָבער מיטן אָננעמען פונם אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס מיינט, אַז פעלקער דאַרפן עקזיסטירן און דער קאַמף פאַר זייער פרייהייט איז אַ פליכט פאַר אַ סאָציאַליסט, האָט זיך ערשט דאַן אָנגעהויבן אַ פונאַנדערטיילונג פון ריכטונגען אין דער אידישער אַרבעטער־וועלט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן פרינציפּ פאַר אַלע פעלקער, אָבער ניט פאַר אידן. אידן־סאָציאַליסטן, אָבער ניט אידישע סאָציאַליסטן. אָנגעשלאָסן אָן פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון פאַרשיידענע פעלקער, האָבן זיי געקעמפט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און שטרעמונגען פון די פאַרשיידענע פעלקער, אָבער אויפן קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אידישער באַפרייאונג האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ רעאַקציאָנערער שטרעמונג. ווי אַזוי אַזאַ קרומע איינשטעלונג האָט זיך געקענט איינבירגערן אינם מוח פון מענטשן, וואָס האָבן אין אַלע אַנדערע ענינים דווקא אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקע אויסצייכענונג אין לאָגיק און אומגעהויערע פעאיקייטן אין באַנעמען סאָציאַלע פראַגן; ווי אַזוי אַזעלכע מענטשן האָבן דווקא אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער פרייהייט נאָכגעזאָגט דעם באַקאַנטן פּזמון: „קראָמיע יעווריעוו”, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פאַרווילדעוועטן רעכט־באַגריף פון דער צאַריש־רוסישער אַנטיסעמיטישער געזעצגעבונג, — דאָס איז אַ קאַפּיטל אין גלות־פּסיכאָלאָגיע, וואָס געהערט ניט צו אונזערע באַטראַכטונגען.

אָבער עס איז אויפגעקומען אויך אַ צווייטע ריכטונג: נאַציאָנאַלער קיום — אַוודאי כשר פאַר אַ סאָציאַליסט און אויך פאַר אַ אידישן סאָציאַליסט, אָבער, פאַרוואָס דווקא אַ טעריטאָריע און פאַרוואָס דווקא ארץ־ישראל? די דריטע ריכטונג איז געווען די איינגסטע, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע. זי איז אין דער אידיש־נאַציאָנאַלער פראַגע געגאַנגען ביז צו דער איינשטעלונג, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף, דורך ארץ־ישראל, זיך דערקעמפן צו אַ גלייכן סטאַטוס מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט. די ערשטע ריכטונג: די „קראָמיע יעווריעוו”־סאָציאַליסטן, האָבן קיין שפּורן אין אידישן לעבן ניט איבערגעלאָזן. זיי זיינען פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט פּשוט געווען אָפּגעפאַלענע בלעטלעך פון שטאַם. דער קאַמף אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך צעשפּילט צווישן דער צווייטער ריכטונג אונטער דער פאָן פון „בונד” און דער דריטער אונטער דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאָן.

די דאָזיקע יונגע באַוועגונג האָט אָבער געהאַט צו פירן אַ קאַמף ניט נאָר קעגן „בונד”. זי האָט זיך אויך געמוזט פאַרמעסטן קעגן אַנטי־סאָציאַליסטישע אָדער אַ־סאָציאַליסטישע ריכטונגען אין ציוניזם גופא. די אָפיציעלע ציוניסטישע באַוועגונג פון יענער צייט האָט ניט איינמאָל אַרויסגעוויזן איר מורא צוצורירן זיך צום ענין סאָציאַליזם. טעאָדאָר הערצל אַליין, וואָס האָט אין זיינע שריפטן אָנגעצייכנט פיל נייע סאָציאַלע איינפירונגען אינם לעבן פון צוקונפטיקן אידנשטאַט, האָט זיך דאָך געשראָקן פאַר דער פאַרבינדונג פון דער ציוניסטישער

באַוועגונג מיט וואָסער עס איז סאָציאַל־ראַדיקאַלע באַוועגונגען אין לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט. ווי ווייט אַז די פראַגע האָט באַאומרואיקט אַפילו די מער ראַדיקאַלע צווישן די סתם ציוניסטן, קען מען זען פון פּראָגראַם פון דער דאַמאָלסטיקער ציוניסטישער דעמאָקראַטישער פראַקציע אונטער דער פירער־שאַפט פון דר. חיים וויצמאַן און לעאָן מאָצקין. די דאָזיקע פראַקציע האָט גע־קעמפט קעגן דער אָפיציעלער ציוניסטישער פירערשאַפט, סיי קעגן איר פּאָלי־טישער ליניע, סיי קעגן איר באַציאונג צו קולטור־פּראָבלעמען און צו דער אידישער רעליגיע; געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און געשפּילט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון ציוניזם אַן אומגע־הויערע ראָלע אין ברענגען דעם ציוניזם נעענטער צום פאָלק און ברענגען די נויטן פון פאָלק נעענטער צום באַוואוסטזיין פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט, — זי האָט אויך געווידמעט אין איר פּראָגראַם עטלעכע ספּעציעלע פּאַראַגראַפן דער עקאָנאָמישער פראַגע פון אידן אין די גלות־לענדער. אין די דאָזיקע פּאַראַ־גראַפן האָט זי צוגעזאָגט סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען לעתיד לבוא, אָבער אָנגענומען אַ דורכאויס נעגאַטיווע באַציאונג צו סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַמפן אין די גלות־לענדער. דער עצם פאַקט, וואָס די דעמאָ־קראַטישע פראַקציע האָט אין איר פּראָגראַם אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט געוויד־מעט די דאָזיקע פראַגן, באַווייזט, ערשטנס, אַז דאָס פּראָבלעם האָט זי שטאַרק באַ־אומרואיקט, און צווייטנס, אַז זי האָט אין דער אָקאַרשט געבוירענער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג (דער פּראָגראַם פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין יאָר 1902, ווען עס האָבן זיך שוין געצומען וויזן די ערשטע ווירקונגען פון דער טעטיקייט פונם ערשטן ציוניסט־סאָציאַליסט נחמן סירקין) געזען אַ שטייגנדיקן כוח און אַז דער סאָציאַליסטישער טייל פון דער דאָזיקער באַוועגונג קען ניט בלייבן אומבאַענטפערט. אין איר פּראַקטי־שער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט האָט טאַקע די דעמאָקראַטישע פראַקציע געווידמעט דעם קאַמף אַנטקעגן דער פאַרבינדונג פון סאָציאַליזם מיט ציוניזם כמעט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, ווי דעם קאַמף אַנטקעגן דער דאַמאָלסטיקער ציוניסטישער פירערשאַפט, צוליב וועלכן די פראַקציע איז געגרינדעט געוואָרן.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט, אַלזאָ, אין איר סאַמען אָנ־הויב געמוזט פירן אַ צווייפאַכן קאַמף סיי קעגן די סאָציאַליסטן אַן ציוניזם, סיי קעגן די ציוניסטן אַן סאָציאַליזם. זי האָט אָבער גלייכצייטיק געצויגן יניקה סיי פונם ציוניסטישן, סיי פונם סאָציאַליסטישן קוואַל.ביידע באַוועגונגען האָבן אויסגעאיבט אַ ווירקונג אויף איר אַנטוויקלונג. חיבת־ציון, בי״לו, הערצל׳ס אויפטריט אין דער אידישער געשיכטע, די אויפשטעלונג פון ציוניסטישן קאָנ־גרעס, די אויבנדערמאָנטע דעמאָקראַטישע פראַקציע — אַלע דאָזיקע עטאַפּן פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג ביי אידן — האָבן אַריינ־געזייט זייערע קערנער אין דער יונגער באַוועגונג. גלייכצייטיק האָט זי אַריינ־גענומען אין זיך קערנער פון די פאַרשיידענע עטאַפּן, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ביז דאַן דורכגעמאַכט. מאַרקסיזם, בערנשטיין׳ס רעוויזיאָניזם, רוסישער פאָלקס־סאָציאַליזם פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, פּלעכאַנאָוו׳ס און

לענינ׳ס (פֿון פֿאַר דער באָלשעוויסטישער עפּאָכע) שטרענגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי מיט איר העראאיזם און קאָמפּס־מיטלען — אַ זייער רייכער אידעאישער אוצר, פֿון וועלכן זי האָט געצויגן איר גייסטיקע חיונה.

און די נייע באַוועגונג האָט זיך ממש ווי אַרויסגעריסן פֿון דעם פֿאַר־איר־רייף־געוואָרענעם באָדן פֿון אידישן מאַסן־לעבן. אין פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון דער דאַמאָלסטיקער רוסלענדישער, זעקס־מיליאָניקער אידישער באַפֿעלקערונג זיינען כמעט אין איין און דער זעלביקער צייט אויפֿגעשטאַנען גרופּירונגען, וואָס האָבן איינע פֿון די אַנדערע גאָרניט געוואוסט. יעדע גרופּירונג מיט איר אייגענעם נאָמען און איר אייגענעם נוסח: אַ מינסקער נוסח לחוד, אַ פּאָלטאַווער נוסח לחוד און גאָר אַ באַזונדערער פּוילישער נוסח. גלייכצייטיק איז אַנטשטאַנען אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דאַמאָלסטיקן עסטרייך מיט איר אייגענעם נוסח. אַרויסגעשטורעמט האָט אָבער פֿון זיי אַלעמען איין צענטראַלער געדאַנק און געשטרעבט האָבן זיי צו איין צענטראַלן ציל: די אידישע אַרבעטערשאַפֿט דאַרף אויף זיך נעמען די היסטאָרישע ראָלע פֿון בויען ארץ־ישראל פֿאַרן אידישן פֿאָלק און צוזאַמען מיטן וועלט־פּראָלעטאַריאַט בויען די צוקונפֿטיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט. *)

איר גאַנצן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט האָט די נייע באַוועגונג געצויגן הויפּטזעכלעך פֿון דעם קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. פֿאַרשיידענע סיבות האָבן עס גורם געווען. קודם־כל דער פֿאַקט, וואָס די באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן ניט דורך דעם כוח פֿון אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ, וועלכן זי האָט באַטראַכט אַלס איר מיסיע צו פֿאַרשפּרייטן. ניט אַ אידעע פֿון דרויסן (און מעג עס זיין אַפֿילו אַזאַ הערלעכע אידעע ווי סאָציאַליזם!) האָט זי געזוכט איינצופֿלאַנצן אין דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט; ניט ווי מיסיאָנערן, וואָס קומען עפֿענען די אויגן פֿון צוריקגעשטאַנענע פֿעלקער, האָבן זיך די גרינדער פֿון דער דאָזיקער

*) אין פֿאַרבינדונג מיט דעם דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן דער זייער אינטערעסאַנטער פֿאַקט, וואָס חבר מאיר בראַון גיט איבער אין דעם „יובילעי בוך" צו דער פֿייערונג פֿון „20 יאָר פּועלי ציוניזם אין אַמעריקע", וואָס די פֿילאַדעלפֿיער פּועלי ציון האָבן אַרויסגעגעבן אין 1925. חבר בראַון דערציילט, אַז חבר יחזקאל עדעלשטיין, איינער פֿון די גאָר ערשטע גרינדער פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע (דערטרונקען געוואָרן אין 1907) איז אין 1900 געווען אַן אַקטיווער טוער סיי אין די פֿילאַדעלפֿיער קאָאָפּעראַטיוון און אין דער טרייד־יוניאָניסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און סיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די האַרמאָנישע פֿאַרבינדונג פֿון ציוניזם מיט סאָציאַליזם אין איין און דעם זעלבן מענטשלעכן האַרץ האָט, אַלזאָ, געפֿונען אירע טרעגער אויך דאָ אין אַמעריקע, זיכער אָן קיין שום השפּעה פֿון די ענלעכע דערשיינונגען אין אייראָפּע. איך קען נאָר צוגעבן פֿון מיין אייגענער דערפֿאַרונג, אַז חבר עדעלשטיין איז ניט געווען דער איינציקער. איך האָב שפּעטער געטראָפֿן צווישן עלטערע אידישע סאָציאַליסטן וויניקסטנס אַ צענדליק, וועלכע האָבן שוין אין יענע ערשטע יאָרן פֿאַרמאָגט אין זייערע הערצער פּלאַץ סיי פֿאַרן סאָציאַליזם סיי פֿאַרן ציוניזם. ניט אַלע האָבן אָבער פֿאַרמאָגט דעם אויסערגעוויינטלעכן מוט פֿונם חבר עדעלשטיין, ווען ערשט אין די שפּעטערדיקע — ליידער זייער, זייער קורצע — יאָרן פֿון זיין טעטיקייט האָבן אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, אַזוי שטאַרק באַוואונדערט. די אַנדערע האָבן זיך אונטערגעגעבן דער דאַן הערשנדיקער שטימונג פֿון דער גאַס, אַז פֿאַר אַ סאָציאַליסט איז ציוניזם מוקצה, אויב ניט נאָך ערגער.

באוועגונג באטראכט. זיי האבן זיך באטראכט ווי א טייל פונם רעאלן אידישן ארבעטער־ און פאלקס־לעבן, וואס מוז דורכמאכן אן אינערע רעוואלוציע. די ציוניסטיש־סאציאליסטישע באוועגונג דארף העלפן ארויסרופן די רעוואלוציאנערע תשוקות אין פאלק און דארף העלפן רעגולירן די דאזיקע תשוקות אזוי, אז זיי זאלן דערפירן צו נאציאנאלער פרייהייט. דאס אינערע אידישע לעבן איז דעריבער געווען דער הויפט־שטח פון אויפמערקזאמקייט און גלייכצייטיק דער הויפט־קוואל, פון וואנען די באוועגונג האט געשעפט ענערגיע. די קרומקייט פון אונזער אינערן לעבן, די באליידיקונג, וואס מען האט דערביי געמוזט פילן, די שפלות, צו וועלכער דער גלות האט געטריבן, האבן פשוט קיין מנוחה ניט געגעבן. דער טיפער אינטערעס פון אידישע מאסן אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד איז אויך גענערט געווארן מער פון דעם געפיל פון נאציאנאלער באליידיקונג, ווי פון סאציאליסטיש־רעוואלוציאנערער איבערצייגונג. אפילו די באטייליקונג פון אידן אין דער סאציאליסטישער באוועגונג בכלל, — א באטייליקונג, וואס איז אומעטום געווען איבער יעדער פראפארציע פון דער אידישער באפעלקערונג, — מוז אויך צוריקגעבראכט ווערן צום אינסטינקטיוון געפיל פון נאציאנאלער אידישער באליידיקונג, וואס האט געזוכט סאציאלע ענדערונגען, כדי פון דער דאזיקער שפלות פטור צו ווערן. דערצו האבן נאך די רוסישע פאגראם־כוואליעס פארשארפט דווקא דעם נאציאנאל־רעוואלוציאנערן אימפעט. נעמט מען נאך אין באטראכט דעם פאקט, וואס ווען די ציוניסטיש־סאציאליסטישע באוועגונג איז געבוירן געווארן, האט זי געפונען דעם אידישן ארבעטער (ווי ווייט ער איז שוין געווען אריינגעצויגן אין סאציאלע באוועגונגען) אונטערן איינפלוס פון „בונד”, וועלכער האט אלס זיין הויפט־אויפגאבע געהאט דווקא דעם קאמף קעגן ציוניזם אין נאמען פון דער סאציאליסטישער אידעע; אז די נייע באוועגונג האט אירע ערשטע קאמפן דעריבער געמוזט אויספעכטן אינם אידישן ארבעטער־קלאס פארן ציוניזם מער ווי פארן סאציאליזם; און האט מען נאך אין זינען די אויסערגעוויינטלעך שווערע באדינגונגען פארן אידישן נאציאנאלן פרייהייטס־קאמף, אויף וועלכן מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, — קען מען דאן פארשטיין, פארוואס די דאזיקע באוועגונג האט איר הויפט־רעוואלוציאנערן אימפעט געצויגן פון דער שטרעבונג פאר דער נאציאנאלער באפרייאונג, וואס פאר איר האט עס געמיינט: ציוניזם!

ארויסגעהאלפן דערצו האבן אן ספק די דאמאלסטיקע פאסירונגען אין גאנצן אידישן לעבן. עפעס האט זיך אנגעהויבן רירן דאן. דאס זיינען געווען די ערשטע שעפערישע יארן פון דער נייער אידישער ליטעראטור. עס האבן שוין געווירקט מענדעלע, פרץ און שלום עליכם. עס האבן אנגעהויבן ווירקן פינסקי, רייזין, שלום אש, נאמבערג און אנדערע. אין דער העברעאישער ליטעראטור האט אנגעהויבן אויפגיין די זון פון חיים נחמן ביאליק. עס האט זיך באוויזן דער אידישער זעלבסט־שוץ. נייע נאציאנאלע שעפערישע מקורות האבן זיך אויפגעעפנט. די נייע באוועגונג האט פון זיי געשעפט אומגעהויערע נארונג. די דאזיקע יצירה־דראנגען האבן אויך געשטארקט דעם נאציאנאלן אימפעט פון דער נייער באוועגונג.

אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען ביי אידן איז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ריכטונג געבליבן פיל נעענטער צו יענעם קוואַל, פון וועלכן אַלע האָבן לכתחילה געשעפּט, צום אָריגינעלן פאַרזוך צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז דער זין פון אידישן קיום און וועלכע מיטלען מוזן אָנגענומען ווערן, כדי דעם דאָזיקן קיום צו פאַרזיכערן אין דער צוקונפט.

די נייע באַוועגונג האָט דאַן אין איראָפּע דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים. די אוגאַנדאַ־פראַגע האָט זי געשפּאָלטן. די אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד, וואָס האָט אַזוי פאַרכאַפּט די נשמה פון דער אידישער יוגנט, האָט משפיע געווען אויף איר און ניט אַלע מאָל צום גוטן, וואָס איז שייך דער אָפּהיטונג פון איר אָריגינעלער נשמה. די שאַרפע דיסקוסיעס מיט קעגנער, די צופּאַסונג צו דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג, וואָס איז אין יענעם צייט־אָפּשניט געוואָרן די עשרת הדיברות פון כמעט דער גאַנצער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; דאָס אַריינטייטשן אין דעם טערמין „קלאַסן־קאַמף" דעם באַגריף פון קלאַסן־ברוגז, וואָס האָט געפירט די רוסישע פּועלי־ציון צום אַרויסטריט פון ציוניסטישן קאָנגרעס; דער שפּראַכן־קאַמף אין דער אידישער וועלט און פיל אַנדערע גורמים האָבן באַאיינפלוסט און ביז אַ געוויסן גראַד באַשטימט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין איראָפּע, הויפּטזעכלעך אין רוסלאַנד. עס געהער ניט צו אונזער היינטיקער אַרבעט נאָכצוגיין און צו אַנאַליזירן די דאָרטיקע אַנטוויקלונגען. אונזער אויפגאַבע איז: די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג ביי אונז אין אַמעריקע.

ב.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע גופא

אין אַמעריקע האָט די באַוועגונג אין איר אָנהויב דורכגעמאַכט אַן אַנדער אַנטוויקלונג. די דיסקוסיעס דאָ האָבן געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. פון דער איינזייטיקייט פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג איז די באַוועגונג דאָ פריי געווען. אַנדערע מעגן, אפשר מיט רעכט, זאָגן, אַז דער באַוועגונג האָבן אין אירע ערשטע אַמעריקאַנער יאָרן געפעלט יענע אינטעליגענטע כוחות, וועלכע וואָלטן זיך געקענט ווי געהעריק פונאַנדערקלייבן אין טיפע טעאָרעטישע פראַגן. די באַוועגונג האָט אַוודאי ניט געהאַט דאָס פּאָזיטיווע פון אַזעלכע כוחות. זי האָט אָבער אויך ניט געליטן פון דער איבערטריבענער פּלפּוליסטיק און פון דער איינזייטיקייט, וואָס האָט אין איראָפּע, הויפּטזעכלעך אין רוסלאַנד, אַריינגעטריבן אַלע אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען — די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע בתוכם — אין אַ וועט־געיעג, ווער וועמען וועט איבערשטייגן אין היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער האַרטער דאָגמאַטיק און אין וואָס מער אַרויסוואַרפן פון זייער באַגאַזש — גייסט, אידעאַליזם און מענטשלעכן ווילן. די שפּראַכן־פראַגע האָט ערשט שפּעטער פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אינם אַמעריקאַנער אידישן קולטור־לעבן בכלל און אין דער אַנטוויקלונג פון דער

נייער באַוועגונג בפרט. דאָס אַלץ האָט לייכטער געמאַכט דעם וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער נייער באַוועגונג, אָבער ליידער איז אויך איר אייגענער גייסטיקער פאַרמעגן אַ גאַנץ לייכטער געווען.

עס האָט איר אויך געפעלט דער הינטערגרונט פון אייראָפּעאיש־אידישן לעבן. עס האָבן געפעלט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אויפברויזונגען, וואָס האָבן דאָן, הויפּטזעכלעך דורך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי מיט דינאַמיט אויפגעריסן סיי די אידישע, סיי די אַרבעטער־גאַס. אויך אין ציוניזם האָט דאָן געברויזט. עס האָבן געקעמפט צווישן זיך אַזעלכע ריזן ווי הערצל און נאָרדוי פון איין זייט און אחד־העם פון דער צווייטער זייט. פאַרטיפט האָט זיך דער אידישער רעוואָלוציאָנער אין די פּראָבלעמען פון איד, מענטש, אַרבעטער, פאָלק, קלאַס. די מוחות האָבן זיך געשליפט איבער פראַגן פון אַ אידישן שטאַט, איבער דער ראָלע פון ארץ־ישראל אין דער אידישער געשיכטע, איבער דער באַדייטונג פון דער אידישער קולטור פאַרן אידישן פאָלק און פאַרן גאַנצן קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט. דאָס אַלץ האָט כסדר באַרייכערט די מענטשן פון אַלע ריכטונגען אין אייראָפּע. קיין אַמעריקע האָבן זיך דאָן דערטראָגן בלויז שוואַכע אָפּקלאַנגען פון אָט די אַלע אויפברויזונגען.

דעם הויפּט־אָרט אויף דער אידישער גאַס האָבן דאָן פאַרנומען די קאַמפן צווישן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. וואָס עס האָט זיך געטאָן אינעווייניק אין די אידישע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען האָבן די ערשטע פועלי־ציון ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסן. די אויסערלעכע אַרויסטרעטונגען פון אָט די גרופּירונגען האָבן זיי פשוט שאָקירט. קוקט מען איצטער מיט מער דערפאַרענע אויגן אויף יענער עפּאָכע, קען מען אפשר פאַרשטיין די אומפאַרמיידלעכקייט פון יענע מעטאָדן, ווען מען האָט געמוזט פון אַ צוזאַמענגעטראָגענעם מענטשן־שטויב אויסשמידן אַן אָרגאַניזירטן סאָציאַלן כוח. אָבער קומענדיק דאָן פריש פון דער אייראָפּעאישער, הויפּטזעכלעך רוסישער, ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז געווען זייער שווער צו פאַרדייען סיי דעם סאָציאַליזם, סיי דעם אַנאַרכיזם פון דער דאַמאָלסטיקער אידישער גאַס. פאַר יענער ערשטער גרופּע פועלי־ציון, וואָס זיינען דורכשניטלעך באַשטאַנען פון זייער יונגע אינגלעך און מיידלעך (בלויז איינעם, וואָס האָט דערגרייכט דעם עלטער פון 25 יאָר — א. ליטווין — האָב איך באַגעגנט, ווען איך בין מיט איבער 42 יאָר צוריק צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער באַוועגונג), האָט די פריערדיקע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע פּעדאַגאָגיש זייער ווייניק וואָס צוגעגרייט. וואָס זי האָט יאָ צוגעגרייט, איז געווען 90% נעגאַטיוו.

אויב דער סאָציאַליסטישער טייל פון דער דאַמאָלסטיקער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, איז איר אידישער טייל אַראָפּגעזונקען אַזוי נידעריק, אַז עס האָט יעדן איינעם פון די ניי־אַריבערגעקומענע פשוט געברענט דאָס האַרץ פון צער און צאָרן. פאַר ציוניזם האָט מען געהאַט נאָר שפּאָט און געלעכטער. אידישע קולטור־אוצרות זיינען געווען אַן עניין פאַר בטלנים. בכלל, האָט אַלץ, וואָס דאָס וואָרט „אידישקייט" האָט אין זיך כולל געווען, זייער שלעכט אָפּגע־

שניטן אין דער דאַמאָלסטיקער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אויף דער אידישער גאַס. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די הויפּט־אויפגאַבע פון סאָציאַליזם וואָלט געווען אויסצואוואָרצלען די דאָזיקע אידישקייט־נגע פון די הערצער פון די אידישע מאַסן. און די ערשטע פּועלי־ציון, וואָס זיינען אַהער געקומען, ווען רעוואָלוציאָנערער אימפּעט האָט, ווי אויבן אָנגעוויזן, זיך מער גענערט דווקא פון די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־שטרעבונגען, זיינען פון די דאָזיקע דערשיינונגען אַרומגעגאַנגען בלוטיק פאַרוואונדעט אין זייערע טיפסטע הייליקייטן, און נאָך מער ווי אין איראָפּע האָבן זיי דערשפירט זייער גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע דווקא אויפן שטח פון נאַציאָנאַלן קאַמף. אַ קאַמף, וואָס איז דאָ שוין ניט געפירט געוואָרן קעגן די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, און ניט בלויז מיט די גלות־אומשטענדן, אין וועלכע אידן האָבן געלעבט, נאָר אַ קאַמף אַן אינעווייניקער, אַ קאַמף אַפּצורייניקן אידישקייט, אידישע קולטור־ווערטן, אידישע נאַציאָנאַלע צילן בכלל און הויפּטזעכלעך דעם ציוניזם פון דעם זלזול־גיפט, מיט וועלכן די דאַמאָלסטיקע וואָרט־פירער, הויפּטזעכלעך אין דער אידישער אַרבעטער־גאַס, האָבן זיי טאָג־איין, טאָג־אויס באַוואָרפן.

ערשט שפּעטער האָט זיך די גרופּע דערוואוסט, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַט אויך אַנדערע פירער און וואָרט־זאָגער, וועלכע האָבן אינעווייניק געווירקט קעגן די דאַמאָלסטיקע אָפיציעלע „טריבונען" פון דער אידישער אַרבעטער־גאַס. ערשט שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט פון מענטשן, ווי אַברהם ליעסין, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, יצחק אייזיק הורוויטש, משה קאַץ און צו לאַנגע יאָר די לעבעדיקע, דר. איסר גינזבורג, יואל ענטין און אייניקע אַנדערע. די הויפּט־רעדנער אָבער, די הויפּט־„לעקטשורערס", די הויפּט־„אויפקלערער" זיינען געווען דווקא די, וואָס האָבן געגאָסן גיפט אויף אידישקייט, אויף ציוניזם, אויף נאַציאָנאַלע צילן בכלל. און די קליינע גרופּע האָט דערפילט: אין קאַמף קעגן אָט די דערשיינונגען ליגט איר הויפּט־מיסיע אין אַמעריקע.

מען דאַרף אַוודאי אָפן צוגעבן, אַז די נייע גרופּע האָט דאַן פאַרזען די באַדייטנדיקע פּאָזיטיווע זייט, וואָס די דאַמאָלסטיקע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־אויפקלערונג האָט פאַרמאָגט. אַזאַ צוריקבליק באַרעכטיקט אַן אורטייל קעגן דער ערשטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער גרופּע, אַז זי איז געווען צו איינזייטיק אין איר אָפּשאַצונג. דער זעלבער אָביעקטיווער צוריקבליק, ווען מען קאָן זען זאַכן פון אַ ברייטערן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, באַרעכטיקט דאָך נאָך אַ טיפערן אורטייל קעגן דער דאַמאָלסטיקער „אָפיציעלער" איינשטעלונג אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַזוי האָבן די דאַמאָלסטיקע פירער ניט איינגעזען, אַז אונטערגראָבנדיק אידישקייט צווישן די אידישע מאַסן, האָבן זיי דורכדעם רעדוצירט די קולטור־מדרגה פון די זעלביקע מאַסן, און אַ מענטשן־שיכט אָן אַ הויכער קולטור־מדרגה קען בשום אופן ניט אויפנעמען קיין אמת׳ע סאָציאַליסטישע דערקענטעניש? ווי אַזוי האָבן זיי ניט איינגעזען, אַז דאָס ביסל פּאָזיטיווע, וואָס זיי האָבן דאַן געגעבן די אידישע מאַסן, האָט געפונען צווישן די דאָזיקע מאַסן אַן אָפּקלאַנג הויפּטזעכלעך צוליב דאָס ביסל אידישקייט,

וואָס איז געבליבן איינגעפֿלאַנצט טיף אין זייערע נשמות? ערשט שפּעטער, ווען עס האָט אָנגעהויבן גיין יענער עמיגראַנטן־שטראָם, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין אַמעריקע צענדליקער טויזנטער אידן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין אייראָפּע, — ערשט דאַן איז אויפֿגעקומען אין אַמעריקע אַ שיכט אידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס און פֿאַרמאָגט די דערציאונג פֿאַר אַ פֿאַרטיפֿטן סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס האָט געקענט שטיין אויף די אייגענע פֿיס און ניט געדאַרפֿט דווקא זוכן אַן אָנהאַלט אין פֿריער איינגעפֿלאַנצטע גייסטיקע ווערטן. (כאָטש אויך ביי אַזעלכע האָבן פֿריער איינגעפֿלאַנצטע גייסטיקע ווערטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פֿאַרמירן זייערע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען). אין די ערשטע יאָרן אָבער, אין די יאָרן פֿונם אַנטי־אידישקייט־סאָציאַליזם, איז נאָך אַט דער נייער עלעמענט אין אַמעריקע ניט געווען. ווי אַזוי, אַלזאָ, האָבן די דאַמאָלסטיקע אָפֿיציעלע פֿירער פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג געקענט און גאָר געמעגט זיך איינריידן, אַז יענע מאַסן האָבן באַגריפֿן אַלע קלאַסנקאַמף־טעאָריעס, די פֿאַרשיידענע געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיעס, מאַרקסיזם, מערווערט־טעאָריע, די חלוקי־דעות צווישן די פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, די אמת טיפֿע פֿאַראיידלטע פֿאַרשטעלונג פֿון אַ צוקונפֿטיקער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפֿט? צי איז עס געווען אַזוי שווער איינצוזען די דירעקטע פֿאַרבינדונג צווישן די פּסוקים, וואָס זיינען געבליבן איינגעוואָרצלט אין די נשמות פֿון אַט די מאַסן נאָך פֿון זייערע חדרים און תּלמוד־תּורות, מיט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווי ווייט זיי האָבן אים געקענט באַגרייפֿן און אָננעמען? אמת, די פּסוקים זיינען אויך ניט אַלע מאָל ריכטיק און גוט פֿאַרשטאַנען געוואָרן, אָבער אויף אַזוי פֿיל זיינען זיי געווען גייסטיק פֿאַרדייעט, אַז די דאָזיקע מאַסן זאָלן אין דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע פֿון גלייכהייט און גערעכטיקייט צווישן אַלע מענטשן דערשפּירן דעם המשך פֿון ישעיה־פּסוקים, פֿון עמוס־פּסוקים, פֿון קאַפּיטלעך תּהילים, אויף וויפֿיל זיי האָבן עס געקענט באַגרייפֿן. ווי אַזוי האָבן, אַלזאָ, די דאַמאָלסטיקע פֿירער ניט איינגעזען, אַז מיט אַזאַ אַנטי־אידישקייט־סאָציאַליזם גראָבן זיי אונטער די סאַמע וואָרצלען, פֿון וואַנען יענע מאַסן האָבן געצויגן זייער, ווען אַפֿילו אויבערפֿלעכלעכע, סאָציאַליסטישע יניקה?

מיר משפּט'ן דאָ אָבער קיינעם ניט. מיר דערקלערן בלויז די כּוחות, וואָס האָבן באַאיינפֿלוסט די ערשטע גרופּע ציוניסטן־סאָציאַליסטן. און דער אַנטי־אידישקייט־סאָציאַליזם האָט זייער באַדייטנד פֿאַרשאַרפֿט דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמפּס־אימפּעט פֿון אַט דער גרופּע.

די דאָזיקע גרופּע אַליין האָט אָבער אינערלעך אויך דורכגעמאַכט אומגעהויערע שוועריקייטן. די אוגאַנדאַ־פֿראַגע האָט זי צעשפּאָלטן, נאָך איידער זי האָט זיך געהאַט עטוואָס באַפֿעסטיקט אינעם נייעם לאַנד. די אַריבערגעבראַכטע, אפשר ניט ריכטיק פֿאַרשטאַנענע, טעאָריעס פֿון פּועלי־ציוניזם האָבן זיך ניט געלאָזט גרינג אַריינפּאַסן אין די דאַמאָלסטיקע אַנטוויקלונגען פֿון אַמעריקאַנער אידישן אַרבעטער־לעבן. דאָס איז דאָך געווען די אויפֿבלי־צייט פֿון דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין אַמעריקע. כּמעט 90% פֿון דער גאַנצער אידישער

אימיגראַציע האָט אַריינגעשטראָמט אין די אַרבעטער־רייען. דאָס האָט עפּעס ניט אין גאַנצן געשטימט מיט דער טעאָריע, אַז אידישע מאַסן פּראָלעטאַריזירן זיך ניט, איינע פון יענע טעאָריעס, אויף וועלכע געוויסע פּועלי־ציון האָבן אין רוסלאַנד באַגרינדעט זייערע אידעען. וואָלטן זיי טיפער פאַרשטאַנען דעם זין פון אָט דער טעאָריע, וואָלטן זיי דווקא דאַן אין אַמעריקע געפונען אַ באַשטעטיקונג פאַר איר. די טעאָריע האָט געמיינט, אַז דער גלות האָט באַשאַפן אַ באַזונדערע געטאָ אויך פאַר יענע אידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך געמוזט פּראָלעטאַריזירן. עס זיינען פאַר זיי, צוליב דער קאָנקורענץ אויפן אַרבעטס־מאַרק, און צוליב זייער שוואַכערער גלות־פּאָזיציע אויסצוהאַלטן אַזאַ קאָנקורענץ, פאַרצאַמט געוואָרן די טויערן פון די שליסל־אינדוסטריען, פּונקט ווי געוויסע גאַנצע לענדער האָבן פאַרצאַמט זייערע טויערן פאַר איינוואַנדערונג בכלל. צוליב דעם זיינען די אידישע, צו אַרבעט געשטויסענע מאַסן געווען געצוואונגען צו בלייבן אין די ראַמען פון געוויסע באַשטימטע אינדוסטריען און האָבן ניט געקענט אַריינדרינגען אין אַלע ווירטשאַפטלעכע קעמערלעך פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. צי די דאָזיקע טעאָריע שטעלט מיט זיך פאַר אַ ריכטיקע באַזע פאַר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעען, איז דאָ ניט די רייד, אָבער אַ גוטער באַווייז פאַר דער טעאָריע איז דווקא געווען אַמעריקע. אין קיין אַנדער לאַנד זיינען די צו אַרבעט געשטויסענע אידישע מאַסן, דווקא אין יענעם דור, ניט אַריינגעשטופּט געוואָרן אַזוי ענג אין כמעט איין־איינציקער ווירטשאַפטלעכער ראַם, אין דער נאָדל־אינדוסטריע, ווי אין אַמעריקע. ניט דאָ איז דאָס אָרט אָנצוצייכענען די סיבות, וואָס האָבן צו דעם געפירט, אָבער דעם היסטאָרישן פאַקט קען קיינער ניט אָפּלייקענען. ניט פונאַנדערקלייבנדיק זיך אין די אייגענע טעאָריעס, האָבן מאַנכע פּועלי־ציון געמיינט, אַז דאָס, וואָס אין אַמעריקע ווערן אַזוי פיל אידישע אימיגראַנטן פּשוט'ע אַרבעטער, שטייט אין קאָנפליקט מיט זייערע טעאָריעס. זיינען די מערסטע פון אָט דער פּועלי־ציון־ריכטונג אַוועק פון דער באַוועגונג. אויסער דעם, האָט אַמעריקע בכלל מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זיפּ, וואָס האָט די ניי־געקומענע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע ריכטונגען שטאַרק דורכגעזיפּט. דער צויבער פון רעוואָלוציאָנערער אונטערערדישקייט איז דאָ ניט געווען. מעגלעכקייטן פאַר מאַטעריעלער צופּאַסונג זיינען דאָ דווקא יאָ געווען. איז ביי די מערסטע אויסגערונען געוואָרן זייער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט. די אַמעריקאַנער „פּראַקטישקייט", ווי זיי האָבן זי דאַן אויפגענומען, האָט אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ און האַרץ די רעוואָלוציאָנערע חלומות. צענדליקער טויזנטער געוועזענע רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אויפן אַמעריקאַנער באָדן „אויסגעניכטערט". די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיכער איר טייל בייגעטראָגן צום סך־הכל פון „אויסגעניכטערטע". דאָס האָט די יונגע באַוועגונג אָפּגעשוואַכט, אָבער דאָס האָט זי אויך געריייניקט. געבליבן זיינען אין איר יענע, וואָס ניט בלויז דער צייטווייליקער רייץ פון דעם אונטערערדישן רעוואָלוציאָנערן לעבן האָט זיי צוגעצויגן און ניט בלויז אַזאַ אָדער אַן אַנדערע טעאָרעטישע באַגרינדונג, — אַ ריכטיקע, אַ האַלב־ריכטיקע אָדער אַ גאַנץ פאַלשע, — האָט זיי צו דער באַוועגונג געבראַכט.

געבונדן האָט זיי צו דער באַוועגונג די אינערע תשוקה צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, צו אידישער און מענטשלעכער ווערדע, צו יושר אין באַציאונג פון מענטש צו מענטש און פון פאָלק צו פאָלק. פאַר זיי, פאַר אַט די איבערגעבליבענע, איז וואָס ערגער עס איז געווען די לאַגע, וועלכע זיי האָבן געפונען אין אַמעריקע, אַלץ מער האָט עס געצונדן זייער רעוואָלוציאָנערן ווילן. און ברענענדיק מיט תשוקה צו קעמפן קעגן אידישער שפלות, האָבן זיי זיך ווי מיט אַ שטורם גע־נומען רייסן אומעטום, וואו מען האָט זיי געוואָלט און, נאָך מער, וואו מען האָט זיי ניט געוואָלט; וואו מען האָט זיי אַריינגעלאָזט און, נאָך מער, וואו מען האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט. אַט דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער ברען איז געוואָרן דער סימן מובהק פון דער נייער, יונגער באַוועגונג.

און אַן אַרבעטספעלד האָבן זיי געפונען פאַר זיך זייער אַ גרויסע, ווייל די לאַגע איז פאַר זיי געווען זייער, זייער אַ שווערע. צו דער פאַרביליקונג פון אידישקייט מצד די אַמאָליקע אָפיציעלע סאָציאַליסטישע „אויפקלערער" זיינען צוגעקומען נאָך נעגאַטיווע דערשיינונגען. קודם־כל, די אימיגראַציע אַליין: דורך דער אימיגראַציע איז די אידיש־קולטורעלע מדרגה פון דעם אימיגראַנטן־שטראָם טיף אַרונטערגעדריקט געוואָרן. דער אימיגראַנט־איד, פאַרלירנדיק זיין פריערדיקע שטאָט אָדער שטעטל, האָט אויך פאַרלוירן דעם מענטשלעכן ביי־שפיל, צו וועמען ער האָט אין זיין שטעטל אַרויפגעקוקט. דער רעליגיעזער מענטש האָט אַרויפגעקוקט צום תלמיד־חכם. דער ניט־רעליגיעזער מענטש — אויף וויפיל ער איז געווען בנמצא אין אימיגראַנטן־שטראָם — צום שטעטלדיקן „אינטעליגענט", צום לערער. אַט די מאָראַליש־עטישע איינפלוסן זיינען פון אים אַוועקגענומען געוואָרן. אַריינפאַלנדיק אין דער דאַמאָלסטיקער אַטמאָספערע פון „אויפקלערונג", איז ער געוואָרן איר גרינגסטער קרבן. באַפרייענדיק זיך פון דעם איינפלוס פון זיין פריערדיקן רעגולירטן לעבן, האָט ער זיך ניט אַרויפ־געהויבן אויף אַ העכערער מדרגה. דער „עבדא בהפקרא ניחא ליה" האָט אים אַרומגענומען. אין דער דאָזיקער דערשיינונג איז אָן ספק געלעגן איינע פון די סיבות פון דעם דערפאַלג, וואָס די דאַמאָלסטיקע „אויפקלערער" האָבן געהאַט.

צוגעהאָלפן האָט אויך די גוואַלטיק־שווערע פיזישע אַרבעט פון דעם נייעם אידישן אַרבעטס־מענטש אין דער נייער מדינה. מען האָט זיך נאָך דאַן ניט געהאַט באַפרייט פון שוויץ־סיסטעם. אין דעם יאָך האָט מען געמוזט גיין. גע־טריבן האָט די נויט, געטריבן האָט דער שטאַרקער ווילן וואָס שנעלער גאַנץ צו מאַכן די אייגענע צעריסענע משפחה. האָט מען זיך ראשם ורובם אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. ווען איז געלעגן אין קאָפּ: קולטור, בילדונג, דערציאונג? פאַר אַט דעם שרעקלעך־פאַרהאַרעוועטן מענטשן איז די דאַמאָלסטיקע אויבער־פלעכלעכע „אויפקלערונג" געווען ווי אַנגעמאָסטן. זי האָט אים סערווירט אויך פאַרוויילונג נאָך דער שווערער פיזישער אַרבעט. ווי האָט דער דאַמאָלסטיקער אידישער אַרבעטער געקענט האָבן אַן אָפּענעם אויער און וואו האָט ער געקענט נעמען כוח און געדולד פאַר די קאָמפּליצירטע טעאָריעס, מיט וועלכע די ערשטע פועלי־ציון זיינען אין אַמעריקע אָנגעקומען?

דערצו האָט די נייע גרופּע דערשפּירט אַ שטאַרקן שונא פון גאָר אַן אַנדער

ווינקל: זי האָט אָנגעהויבן זיך צוצוקוקן צום פּרצוף פון דער פאַרפלאַכטער „אַמעריקאַניזאַציע״, וואָס די פריער־אַריינגעקומענע דייטש־אידישע אימיגראַציע האָט געזוכט אַרויפצוצווינגען אויף דער אידישער פאָלקסגאַס דורך אַ נעץ פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אונטערן באַגריף „אַמעריקאַניזאַציע״ האָט מען ניט בלויז געמיינט: אויסלערנען דעם ניי־אָנגעקומענעם די לאַנדס־שפּראַך, באַקענען אים מיטן אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, מיט דער געשיכטע פון אַמעריקע, מיט אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס. די אַלע נויטיקע זאַכן זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט אַ פאַרזוך אָפּצומעקן דעם צלם־איד ביים אימיגראַנט, אויסצוּוואָרצלען פון אים דאָס, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך פון אידישער אייגנאַרט. ער מוז וואָס שנעלער אויסזען ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער. אַז קיין עכטן אַמעריקאַנער האָט מען פון אים אַזוי שנעל ניט געקענט מאַכן, איז קלאָר: מען שפּרינגט ניט אַרויס פון איין קולטור־לעבן אין אַ צווייטן אַריין אין איין הרף־עין, ווען אַפילו דאָס סאַמע אַרויס־ און אַריינשפּרינגען וואָלט באמת געווען נויטיג, וואָס דאָס אַליין איז דער גרעסטער שקר. איז בלויז געלונגען זיין אידישן פּנים צו פאַרקריפּלען. וואָס פאַראַ פאַרזעעניש עס איז דערפון אַרויסגעקומען, איז זיך גרינג פאָרצושטעלן. יחידים, נאַטירלעך, האָבן זיך דערשלאָגן צו די אמת׳ע וואָרצלען פון דער אַמעריקאַנער קולטור און האָבן כאָטש, אַזוי ווייט ווי דאָס איז געווען מעגלעך, אָנגעפילט זייערע לעבנס, ווען אַפילו ניט זייערע אידישע נשמות, מיט אַ נייעם קולטור־אינהאַלט. די גרויסע מאַסע איז אָבער געבליבן בלויז ביי דער אויבערפלעכלעכער גאַסן־אַמעריקאַניזאַציע. קיין אידיש־קולטור־רעלן חוט־השדרה האָט זי ניט פאַרמאָגט. צו דעם אַמעריקאַנער האָט זי ניט דערגרייכט. איז זי אַליין געבליבן שרעקלעך קולטור־אָרעם. און אָט דער דור פון קולטור־אָרעמקייט און אומגעהויערער פיזישער האָרעוואַניע האָט עס געדאַרפט דערציען אַ נייעם דור. האָט עס טאַקע געפירט דערצו, אַז דער צווייטער דור, די קינדער פון ערשטן דור אידישע אימיגראַנטן (וועגן אויסנאַמען רעדט זיך דאָ ניט), איז טאַקע כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער אידיש־נאַציאָנאַלער קולטור, פאַר דעם אידיש־נאַציאָנאַלן המשך, פאַר אידיש־נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. ערשט צווישן מאַנכע פונם דריטן דור אַמעריקאַנער אידן הויבן זיך אָן ווייזן סימנים פון זוכן דעם וועג צוריק, צו אָריגינעלע אידישע מקורות.

אַ ווייטאָג האָט אַרומגענומען די נייע גרופּע, ווען זי האָט דערשפּירט, צו וועלכע תהומות פון קולטורלאָזיקייט מיר לאָזן זיך זינקען אין אַמעריקע. אַ ווייטאָג און אויך אַ שרעק פאַר די גוואַלטיקע כוחות, אַנטקעגן וועלכע מען מוז זיך פאַרמעסטן. אָבער קיין אַנדער וועג איז ניט געבליבן, פאַרמעסטן מוז מען זיך. דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט, דער סימן מובהק פון אָט דער נייער באַוועגונג, האָט רוען ניט געלאָזט. און דער קליינער דוד׳ל פאַרמעסט זיך טאַקע אַנטקעגן די עטלעכע גלית׳ן פון אידישן לעבן.

און די מעגלעכקייט פאַרן ערשטן געראַנגל איז שנעל געקומען: אין מיטן זומער, 1904, איז געשטאָרבן דר. טעאָדאָר הערצל. די „אויפקלערעכץ״ האָט דאַן געקראָגן איר געלעגנהייט אַרויסצואווייזן איר אמת׳ן פּרצוף. מיט דער אויסנאַמע פון אַן אַרטיקל פונם פאַרשטאָרבענעם אַברהם ליעסין, אין וועלכן עס איז

געגעבן געוואָרן אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פון דער הערצל־פּערזענלעכקייט, האָט זיך די דאַמאָלסטיקע „אויפקלערעכץ״ אויף איר אופן צעשפּרייט איבער די טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען אירע. מיט וואָס פאַרא זלזול מען האָט זיך באַצויגן צו דער גרויסער הערצל־פּערזענלעכקייט! מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט מען האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער געלעגנהייט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל צו פאַרוואָרפן מיט קויט דעם ציוניזם! געפערלעך־פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אויפן שלאַכטפעלד קענען ניט אַנגעפילט ווערן מיט טיפערן צער און שאַרפערן צאָרן קעגן דעם שונא, ווי די נייע גרופּע איז אַנגעפילט געוואָרן דורך דער באַליידיקונג פון הערצל׳ס זכר, דורכן שפּיי אין דעם הייליקסטן קבר פון אונזער מאָדערנער געשיכטע, וואָס די „אויפקלערעכץ״ האָט זיך דאַן דערלויבט. די נייע גרופּע האָט געמוזט ענטפערן. זי איז געווען די איינציקע אויף דער אידישער גאַס, וואָס האָט געקענט ענטפערן.

און די גרופּע האָט געענטפערט.

קוקט מען צוריק אויף יענער צייט, וועלן היינטיקע „מיושב׳דיקע״ צווישן אונז מן־הסתם שמייכלען איבער די נאַאיווע עטלעכע איינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געמיינט, אַז די וועלט וועט אונטערגיין, אויב זיי וועלן ניט ענטפערן אויף דעם זלזול פון אונזער נאַציאָנאַלן כבוד. זיי וועלן אפשר אויך שמייכלען איבער דעם קליינינקן שטיינדל, וואָס דער קליינינקער דוד האָט אויסגעקליבן, כדי צו טרעפן דערמיט דעם דאַמאָלסטיקן גרויסן גלית אין האָרץ און מוח אַריין. ניט אַזוי אָבער האָבן געפילט דאַן די מיטגלידער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטי־שער גרופּע. ניט אַזוי וועלן זיך דערמאָנען וועגן יענעם „קאַמף״ אַלע די, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט און געפינען זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע. אין גאַנצן איז דער ענטפער געווען אין דער פאָרם פון אַ צירקולאַר, וואָס די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן, אָטאַקירנדיק שאַרף אַלע באַליידיקער פון הערצל׳ס זכר. ניט אַפילו אין אינהאַלט פון צירקולאַר איז געווען דער אמת׳ער זעלישער אויס־דרוק פון דער גרופּע. אַ קליינינקער זייטיקער עפּיזאָד האָט אַרויסגעבראַכט זייער שטימונג. דער צירקולאַר האָט געטראָגן די איבערשריפט: „דר. הערצל׳ס טויט און אידישע געגאַסן״. האָבן זיך אונזערע בחורים און מיידלעך (את חטאי אני מזכיר — איך בין אויך געווען צווישן זיי) זיך אַרויסגעלאָזן אין גאַס און געקילט זיך דאָס פאַרוואונדעטע האַרץ מיט פאַראַפראַזירן די איבערשריפט און אויסגעשריען: „דר. הערצל און דער טויט פון די אידישע געגאַסן״. נאַאיוו? — יאָ. אַ קליין שטיינדל? — יאָ. דער צוועק אָבער פון דערציילן דעם דאָזיקן עפּיזאָד איז — אונטערצושטרייכן נאָך אַמאָל דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, דעם סימן־מובהק פון אָט דער גרופּע. דער צוועק איז — אָנצו־ווייזן אויף דעם עפּיזאָד ווי אויף אַ קערנדל, אין וועלכן עס איז געווען אַנטהאַלטן די קאַמפּס־גרייטקייט פון אָט דער גרופּע פאַר אירע איבערצייגונגען, אַ קערנדל, וואָס האָט פּאָטענציעל אין זיך אַנטהאַלטן די כאַראַקטעריסטיק פון אָט דער גרופּע, איר אינערע פעסטקייט, איר גרייטקייט צו שטעלן זיך קעגן פיל שטאַר־קערע כוחות. שפּעטער־צו זיינען די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דער גרופּע דע־

מאָנסטרירט געוואָרן אין פיל גרעסערע און ברייטערע פאָרמען ביי פיל וויכ־טיקערע געזעלשאַפטלעכע קאַמפן.

אָבער אַפילו דער קליינער עפּיזאָד האָט געהאַט אַ באַלדיקע ווירקונג. דער יונגער גרופּע איז געגעבן געוואָרן אַ צווייטע געלעגנהייט ווידער אַמאָל צו דע־מאָנסטרירן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט.

יענעם יאָר האָבן די אידישע סאָציאַליסטן אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון יוסף באַראָנדעס פאַר קאָנגרעסמאַן פון דעם דאַמאָלסטיקן ניו־יאָרקער 12טן קאָנגרעס־דיסטריקט. די וואַל־קאַמפּאַניע איז געפירט געוואָרן דורך אַ קער־פּערשאַפט אונטערן נאָמען „די אידישע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָנס־ביוראָ״, אין וועלכער די ניו־יאָרקער פּועלי־ציון זיינען געווען אַנגעשלאָסן. אויף איינעם פון די מיטינגען האָט מען געבראַכט דעם צירקולאַר מיטן צוועק אָנצוקלאָגן די פּועלי־ציון, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זידלעריי אויף אונזער חשבון: „צוליב עטלעכע לומפּיקע ציוניסטלעך וועלן מיר איבערפירן אונזער קאַמפּיין?״ אַזעלכע און ענלעכע עפּיטעטן האָבן זיך אויף אונזערע אָרעמע קעפּ געשאָטן. מיר האָבן דאָרטן געהאַט דריי פאַרטרעטער, לואי פּייפּמאַכער (איצטער ניט מער פאַר־בונדן מיט אונז), ז. וואָלסקי (איצטער אין ארץ־ישראל) און מיין ווייניקייט. פּייפּמאַכער איז ביי יענער זיצונג ניט געווען. וואָלסקי און איך האָבן עס גע־דאַרפט אַריינקריגן אָט די אַלע קלעפּ. ווי מיר האָבן רעאַגירט אויפן מיטינג גופא, איז ניטאָ וואָס צו דערציילן. איך אַליין, אַ גרינער יונגער אינגל, האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, און אַרויסגעקומען איז פּונקט דער היפּוך, וואָס איך האָב אין זינען געהאַט, אַזוי צעטומלט, צעשראָקן און אין כעס בין איך געווען. אָבער דעם פאַרשלאָג אונז אויסצושליסן האָבן מיר באַקעמפט און דערצו ניט דער־לאָזן. באַשלאָסן איז געוואָרן צו שיקן צו אונז אַ קאָמיטע, וואָס זאָל אונז לער־נען אַ פּרק אין קלאַסן־אינטערעסן און אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. דריי זיינען זיי געווען אין דער קאָמיטע: בנימין פייגנבוים, דער ראש וראשון פון די דאַ־מאָלסטיקע „אויפקלערער״, מאיר גילים (ביידע שוין אויפן עולם האמת) און — אים צו לאַנגע יאָר — דער פאַרטרעטער פון דער אידישער זעצער־יוניאָן, דזשאָזעפסאָן (איצטער איינער פון די אַקטיוועסטע יוניאָן־פאַרטרעטער אין אונ־זער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין). זיי זיינען געקומען צו אַ מיטינג פון אונזער גרופּע. די „גאַס״ האָט זיך דערוואוסט, אַז עס וועט זיין אַ „ספּעקטאַקל״ ביי די פּועלי־ציון. איז געקומען אַזאַ גרויסער עולם, וואָס קיינער פון אונז האָט ניט דערוואַרטעט. די „לעקציע״ איז אונז געגעבן געוואָרן פון פייגנבוים און גילים. פון אונזער זייט האָבן געענטפערט: דער ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער באַ־קאַנטער ציוניסט אב. גאָלדבערג, וואָס איז דאַן געווען אונזערער אַ חבר און אונזער וויכטיקסטער רעדנער, און — להבדיל בין המתים והחיים — חבר מ. גוד־מאַן, אונזער חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט עד היום. די „גלאָריע״ האָט דאַן אַוועקגעטראָגן מ. גודמאַן מיט אַ זייער שאַרפן ענטפער צו דער דעלעגאַציע, אין וועלכן ער האָט אויפגעקלערט די סיבות, וואָס האָבן אונז געפירט צו פאַר־עפנטלעכן אַזאַ צירקולאַר. אַנשטאָט אַ פאַרטיידיקונג איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער אָנקלאָגע קעגן די אידישע געגנאָסן. וואָכן נאָכאַנאַנד האָט דער

אידישער קוואַרטאַל געדעדט וועגן דעם חלק, וואָס אַ פּשוט'ער אַרבעטער פון די פּועלי־ציון האָט דערלאַנגט דווקא ב. פייגנבוים'ען בכבודו ועצמו. אונזער גרופּע האָט פון דעם עפּיזאָד געצויגן אומגעהויערן כוח. עס האָט אין אונז פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין זיך, דעם אַנטשלוס אויך ווייטער זיך ניט אָפּצו־שרעקן פאַר שטאַרקערע פון אונז, אַזוי לאַנג ווי מיר פילן, אַז מיר זיינען גערעכט.

מיט אָט דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט האָט זיך די יונגע באַוועגונג אַ לאָז געטאָן אין דעם אידישן לעבן בכלל און אין דעם אידישן אַרבעטער־לעבן בפרט. אומעטום האָט זי געזוכט אַריינצוברייינגען דעם אימפּעט, וואָס האָט אין איר אַליין געלעבט, און די באַציאונג צו אידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אויסגעמאַכט די סאַמע נשמה פון איר עקזיסטענץ. ווי קליין די דאָזיקע גרופּע איז ניט געווען, האָט זי זיך אָבער פאַרמאָסטן זייער גרויס. גאַנץ שנעל פאַר־מעסט זי זיך אויפצובויען איר אייגענע פּרעסע. זי גייט צו צו אָט דעם פאַר־מעסט ווידער אַמאָל מיט איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און אין אָנהויב 1906 דערשיינט דער ערשטער נומער פון „אידישן קעמפּער". די כאַראַקטע־ריסטיק פון דער צייטונג איז געווען: ליבע צו אידישע ווערטן, אַכטונג פאַרן אידישן עבר, זאָרג פאַר דער געזונטער פאַרמירונג פון אַמעריקאַנער אידנטום, זאָרג פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס און ועל כולם — ציוניזם, ארץ־ישראל! זיין סימן מובהק איז געווען דער סימן מובהק פון דער יונגער באַוועגונג, וואָס האָט אים אויפגעבויט: דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט. און אַ נייער טאָן האָט זיך דערהערט אין דער אידישער גאַס. דאָס מאָל שוין ניט צווישן די אייגענע קרייזן פון דער יונגער באַוועגונג, נאָר טאַקע אין דער גאַס. דורכן „אידישן קעמפּער" האָט זיך די נייע באַוועגונג פאַרוואָרצלט אין דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן. מבטל מאַכן זי האָט מען שוין ניט געקענט. אויסלאַכן — נאָך ווייניקער. פאַרקערט! מיט טיפן ערנסט האָט מען זיך גענו־מען צוהערן צו אָט די נייע טענער. דער טאָן פון די אַנדערע צייטונגען האָט זיך געענדערט אונטער דער ווירקונג פון „אידישן קעמפּער". די פּרינציפּיעלע שטעלונג צום ציוניזם און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען האָט זיך נאָך דאַן וועזנטלעך ניט געענדערט, אָבער דער כאַראַקטעריסטישער זלזול־טאָן פון די פריערדיקע „אויפקלערער" האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן און מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייער, טיפערער, אמת פּרינציפּיעלער דיסקוסיע איבער אַלע חלוקי־דעות.

עס וואָלט געווען איבערטריבן צוצושרייבן צו די פּועלי־ציון און צו זייער אָרגאַן דעם פולן קרעדיט פאַר דער כמעט־רעוואָלוציע, וואָס דער אידישער קוואַרטאַל האָט אין יענע עטלעכע יאָר דורכגעמאַכט. עס האָט דאַן עקזיסטירט די גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָט מיטגעהאָלפן ברייינגען די ענדערונג. עס האָבן אין יענע ערשטע יאָרן אָנגעהויבן צו קומען קיין אַמעריקע בונדיסטן פון רוסלאַנד, וואָס טראָגן דער פּאָליטישער שנאה, וואָס זיי האָבן צום ציוניזם געטראָגן, זיינען אָבער זייערע קאַמף־מעטאָדן ניט געווען פון יענעם ביליקן סאָרט, וואָס די אַמעריקאַנער „אויפקלערער" האָבן אָנגעווענדט. ווי אַ יחיד האָט דעם גרעסטן בייטראָג צו דער דאָזיקער כמעט־רעוואָלוציע צוגעטראָגן

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. געקומען אַהער איז ער מיט דעם סטאַזש פון אַ סאָציאַליסטישן געלערנטן, אַלס פאָרטרעטער פון דער דעמאָלט פשוט פאַר־געטערטער פאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, באַגאַבט מיט אַ רעד־נער־טאַלאַנט, וואָס די אידישע גאַס האָט ביז דאַן ניט געהערט, האָט ער טאַקע תיכף צוגעצויגן צו זיך אַ גרופּע פון באַדייטנדע אַנאַרכיסטישע און סאָ־ציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן. מיט זיינע לעקציע־סעריעס האָט ער מיטגע־האָלפן פאַרטרייבן די איבערפלעכלעכע „אויפקלערעכץ". מיט זיין קלאָרן נאַ־ציאָנאַליזם האָט ער אָפּגענומען דעם לשון ביי יענע, וואָס האָבן כסדר גע׳טענה׳ט, אַז אַ סאָציאַליסט טאָר קיין אידישער נאַציאָנאַליסט ניט זיין. עס איז אָבער אויסער יעדן ספק, אַז ווען די יונגע גרופּע ציוניסטן־סאָציאַליסטן וואָלטן ניט אָנגעהויבן זייער קאַמף מיט קאַרגע דריי יאָר פריער, איידער זשיטלאָווסקי איז געקומען קיין אַמעריקע, וואָלט זשיטלאָווסקי׳ס וועג אַליין געוועזן פיל שווערער אין יענע טעג פון כמעט אַבסאָלוטער הערשאַפט פון פייגנבוים און ראָזענצווייג איבער די מוחות פון די אידישע אַרבעטער.

די דאָזיקע עטלעכע ערשטע יאָרן האָבן פעסטגעשטעלט דעם ווייטערדיקן וועג פון דער יונגער באַוועגונג. אַלע ווייטערדיקע געשעענישן האָבן זי אָפּט געשטעלט פאַר זייער וויכטיקע נסיונות, אָפּטמאָל אַפילו פאַר דער נויטווענ־דיקייט צו מאַכן הנחות צו נייע עלעמענטן און צום לעבן גופא. זי האָט, צ. ב., אין יאָר 1909 דורכגעמאַכט די ערשטע פאַראייניקונג מיט אַ וויכטיקער גרופּע פון די דעמאָלטיקע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך דער טערקישער רעוואָלוציע זיך אומגעקערט צום ארץ־ישראל־געדאַנק, און מיט דער דעמאָלטיקער זשיטלאָווסקי־גרופּע. די דאָזיקע פאַראייניקונג האָט אַריינגעטראָגן אַ ביסל ענדערונגען אין איר פאָרמעלן פּראָגראַם, אָבער איר הויפּט־כאַראַקטעריסטיק איז געווען און געבליבן: דער נאַציאָנאַל־רעוואָ־לוציאָנערער אימפּעט. אין וואָס זיינען עס באַשטאַנען די ענדערונגען אין דער פּראָגראַם, איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן. אירע מעשים האָבן זיך אָבער געצויגן לויט איר פריער־פעסטגעשטעלטער כאַראַקטעריסטיק. די גרופּע איז דאַן געשטאַרקט געוואָרן, ווייל זי האָט צוגעקראָגן דורך דער פאַראייניקונג אַ באַדייטנדע צאָל פון אַקטיווע מענטשן. בעיקר אָבער דורכדעם, וואָס זי האָט צוגעקראָגן דר. נחמן סירקין. אויב די פאַראייניקונגס־פּראָגראַם האָט, לויט דער לאַגע פון אַ קאָמפּראָמיס־פּראָגראַם, אַנטהאַלטן אַ ביסל נייעם פּלפּול, אַ ביסל הנחות אויף איין זייט אָדער אויף דער צווייטער, האָט אָבער די פּערזענ־לעכקייט פון נחמן סירקין קאָמפּענסירט פאַר אַלע אָפּנייגונגען. קיין איינציקער אַנדער חבר האָט אַזוי מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט דעם סימן מובהק פון דער נייער באַוועגונג, דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, ווי נחמן סירקין. דער ווייטערדיקער וועג פון דער יונגער באַוועגונג צו ווערן די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע נשמה פון אידנטום אין אַמעריקע, דער כוח, וואָס זאָל טראָגן אומרו, וועקן אַחריות, מאָנען, פאָדערן, דערהויבן, — דער דאָזיקער וועג איז אומגעהויער געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם גוואַלטיקן איינפלוס פון נחמן סירקין.

אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען די באַוועגונג איז באַרופן געוואָרן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט אַריינצוגיסן אין גרויסצוגיקע געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט דורכגעמאַכט, האָט זי אויך געגאָסן פון דער דירעקטער מיטאַרבעט פון בער באָראָכאָוו, פּנחס רוטענבערג, יצחק בן־צבי, דוד בן־גוריון, שלמה קאַפּלאַנסקי, לעאָן כאַזאַנאָוויטש, אַלעקסאַנדער כאַשין, בערל לאָקער א. אַנד. נאָך שפּעטער האָט זי געגאָסן פון די שטענדיקע שליחים, וואָס די הסתדרות האָט אָנגעהויבן יאָר־יערלעך צו שיקן קיין אַמעריקע. פאַר דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ האָט כסדר געהאַלטן אין שטייגן דער כוח פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער כוח האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן מיטן אָנהויב פון דער צווייטער עליה אין די יאָרן פון 1905—1907. די אַמעריקאַנער באַוועגונג האָט גלייך פון אָנהויב זיך איינג פאַרבונדן מיט דער ארץ־ישראל'דיקער אידישער אַרבעטערשאַפט.



ד״ר נחמן סירקין

פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג האָט זי געצויגן אירע וויכטיקסטע יניקות. דער איינפלוס פון דער ארץ־ישראל'דיקער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג נאָך שטאַרקער געמאַכט איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן ווילן. די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועלן זיין געווידמעט אַרויסצוהויבן די וויכטיקסטע קאַמף־מאָמענטן פון דער גייער באַוועגונג, אין וועלכע איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער ווילן האָט זיך אַמשטאַרקסטן מאַניפעסטירט. דער קאַפּיטל אָבער איבער דער אַנטוויקלונג פון איר כאַראַקטער קען שוין געשלאָסן ווערן, ווייל איר כאַראַקטער איז אויסגעפורמט געוואָרן

אין די ערשטע עטלעכע יאָרן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געוואָרן די אומרו־טרעגעריך, די אַחריות־מאַנעריך, די זייערין פון נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע קערנער אינם אַמעריקאַנער אידנטום.

ג.

דער צענטראַלער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער אידן־פראַגע

מיר האָבן געזען, ווי עס איז אויסגעפורמט געוואָרן דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג. דאָס האָט באַשטימט אירע קאַמף־מעטאָדן. אָבער דער קאַמף גופא, אַרום וואָס איז ער געפירט געוואָרן?

דער קאַמף איז געפירט געוואָרן אַרום פאַרשיידענע פונקטן אין פאַרשיידענע צייטן. דער צענטראַלער פונקט אָבער, פאַר וועלכן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך שטענדיק איינגעשטעלט, דער מקור, פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעפלאָסן אַלע אַנדערע האַנדלונגען אירע, שיינט מיר, איז געווען די אַלוועלטלעכקייט פון אידישן פאָלק. די פראַגע איז געווען (און איז נאָך איצ־טער אויך!): וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאַר אָט די מענטשן־מאַסע, וואָס לעבט צעשפּרייט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט און טראָגט אויף זיך אומעטום דעם נאָמען: איד? וואָס פאַראייניקט זיי צווישן זיך? איז דאָס אַ פאַראייניקונג פון גלויבן? איז עס בלויז אַ שפּראַך־געמיינשאַפט? איז עס אַן אַלוועלטלעך־פּאָליטישע איינהייט? אָדער אפשר איז עס גאָרניט קיין איינהייט בכלל, — די אידן פון איין מדינה שטעלן מיט זיך פאַר איין סאָרט איינהייט און די אידן פון אַנדערע מדינות שטעלן מיט זיך פאַר אַנדערע סאָרטן איינהייטן? אַלע איינצל־פראַגן, וואָס האָבן געדאַרפט אויסגעקעמפט ווערן, צי דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר אַ געזונטער אידישער דערציאונג, צי דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטישער אָרגאַניזירונג פון אידנטום, צי דאָס איז געווען אַ קאַמף אַרום דער אַחריות פון אַמעריקאַנער אידנטום פאַר דער לאַגע פון אידן אין דער וועלט, און אַפילו דער קאַמף פאַרן ציוניזם גופא, — דאָס אַלץ איז אָפּגעהאַנגען פון דעם ענטפער אויף דער אויבן פאַרמירטער פראַגע.

און ריכטונגען אַרום דער פראַגע זיינען געווען און זיינען נאָך דאָ פאַרשיי־דענע. געווען אַן עקסטרעמע ריכטונג, וואָס איז נאָך אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרטראָטן געווען פון איינצלנע אידישע אַסימילאַטאָרן, וועלכע זיינען אַפילו געווען קעגן אַ סעפּאַראַטער אידישער הילפס־אַקציע. זייער טענה איז געווען, אַז מיר (ד. ה. — זיי) זיינען בלויז אַמעריקאַנער. זיי האָבן אַפילו זייער „מאָזאַאישע קאָנפעסיאָן" ניט געוואָלט אַרויסשטעלן אַלס אַ באַרעכ־טיקונג פאַר אַ ספּעציעלן אינטערעס, וואָס „קאָ־רעליגיאָניסטס" מעגן האָבן איינע צו די אַנדערע, ווען אַפילו זיי לעבן אין באַזונדערע פּאָליטישע שטאַטס־ראַמען. ניין! זיי זיינען בלויז אַמעריקאַנער. די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָט אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן צו געבן הילף אַלע ליידנדע, אידן דאַרפן זיך

אויף דעם געביט ניט סעפּאַרירן. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אַן עקסטרעמער, אָבער אַן אויסגעהאַלטענער. אָנערקענט מען ניט די אַלוועלטלעכע עקזיסטענץ און די אינטער־שטאַטלעכע פאַרבינדונג פון אידישן פאָלק, איז טאַקע אַ פראַגע: פאַרוואָס זאָל דווקא דער רעליף־געביט זיין אַן אויסנאַם?

אויפן צווייטן עקסטרעם איז געשטאַנען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זי האָט געזאָגט (און זאָגט נאָך איצטער אויך): מיר זיינען אַ וועלט־פאָלק, מיט איינהייטלעכע פּאָליטישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען ווי אַ פאָלק. שטאַטלעך זיינען מיר בירגער פון די לענדער, אין וועלכע מיר לעבן. דאָס פאַרפליכטעט אונז צו אַלע בירגערלעכע התחייבות׳ן פון דער מדינה. אָבער אין גאַנצן סכום פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט, וואָס איז אין זיך כולל די אידישע קולטור־יצירות אין אַלע אירע געשטאַלטונגען, רעליגיעזע יצירות איינגעשלאָסן, די אידישע געמיינשאַפטלעכע געשיכטע, די אידישע געמיינשאַפטלעכע נאַציאָנאַלע צוקונפטס־האָפענונגען, אין אַלץ, וואָס איין נאַציאָנאַלע גרופּע איז אַנדערש פון דער צווייטער, געהערן אַלע אידן פון דער וועלט צו איין־און־דעם־זעלביקן אידישן פאָלק. אונזער פאָלקס עקזיסטענץ איז ניט קיין נאָרמאַלע. אונז פעלט דער וויכטיקסטער צוזאַמענהאַלט־כוח פון אַ פאָלק, דאָס געמיינשאַפטלעכע צוזאַמענלעבן אין איין לאַנד. איז דאָס טאַקע איינע פון די געמיינשאַפטלעכע פּאָליטישע צילן פון אַלע טיילן פון פאָלק צו נאָרמאַליזירן דורך ארץ־ישראל אונזער נאַציאָנאַלן לעבן. אָבער אַ פאָלק זיינען מיר. אַ קראַנקער גוף דאַרף זיך היילן. ער הערט אָבער ניט אויף איינהייטלעכער גוף צו זיין, אַפילו ווען ער איז קראַנק. נאָר דאַן, ווען אַ פאָלקס־גוף איז דאָ, דאַרף מען פאַר אים האָבן ארץ־ישראל. דאַן ווערט פאַר אים ארץ־ישראל דער צענטראַלסטער פּונקט פון אַלע זיינע פּאָליטישע צילן.

אַלע שטעלונגען צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זיינען אין דעם פאַל פשוט׳ער אומזין. מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט אַ פּראָבלעם, וואו מען קען נעמען אַ שטעלונג אין עפּעס אַ מיטן־וועג. צווישן יאָ־לעבן און ניט־לעבן איז ניטאָ קיין מיטן־צושטאַנד. לעבט אַ מענטש, איז ער דאָ. איז ער געשטאָרבן, איז ער מער ניטאָ. לעבט אַ פאָלק, איז עס דאָ, האָט עס פּראָבלעמען, דאַרף איין טייל פון פאָלקס־אָרגאַניזם זיין פאַראינטערעסירט צו העלפן די שוואַכערע טיילן פון זעלביקן אָרגאַניזם. איז אָבער אָט דער אָרגאַניזם אָפּגעשטאָרבן, זיינען אַלע פּראָבלעמען שוין באַזייטיקט.

פּלאָנטערן זיך טאַקע די, וואָס זוכן דעם „גאָלדענעם״ מיטן־וועג אין דעם דאָזיקן פּראָבלעם. אַ שמץ פון אַ לאָגישן צוגאַנג האָבן די „מאָזאַאישע קאָנפעסיאָן״־אידן. זיי האָבן כאָטש איין געביט פון אידישער אַלוועלטלעכקייט. אַוודאי איז דער פאַרזוך אָפּצולייקענען די אידישע נאַציאָנאַליטעט און באַגרענעצן אידישע וועלט־פאַרבינדונג בלויז מיט „קאָנפעסיאָן״ פשוט אַ שקר, וואָס נאַרט שוין קיינעם ניט, אָבער פאַרשטענדלעך קען דאַן זיין די אַלוועלטלעכע פאַרבינדונג, וואָס אַזעלכע אידן פאַרמאָגן. אומפאַרשטענדלעך זיינען אָבער די אַנדערע גאָלדענע מיטן־וועגן. פאַרוואָס זאָל פאַר רעליף־צילן זיין כשר אַ וועלט־אידנטום און פאַר אַנדערע צילן טריף? עס איז אומפאַרשטענדלעך, ווען דער „בונד״ —

למשל — האָט געציטערט פאַר דער אידישער אַלוועלטלעכקייט, אַפילו פאַר דער אַלוועלטלעכקייט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, און האָט אָנערקענט אידישע אַלוועלטלעכקייט נאָר דאַן, ווען מען האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַמעריקאַנער אי־דישע פאָלקסמאַסן פאַר הילף. ס׳איז נאָך מער אומפאַרשטענדלעך, ווען מאַנכע ציו־ניסטן הויבן זיך אָן פלאָנטערן אין אָט דער פשוט׳ער און איינפאַכער פראַגע: זיינען מיר איין אידיש פאָלק מיט געמיינשאַפטלעכע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע צילן, אָדער ניט? יעדע עפּאָכע פון אויפגעבלאָזענעם לאַנד־פּאַטריאָטיזם וואַרפט אַריין אַפילו מאַנכע ציוניסטן אין שרעק פאַר דער וועלט־פאַרבינדונג און וועלט־איינהייט פון אידישן פאָלק.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָט דעם יסוד־פּונקט, אונ־זער אַלוועלטלעך־נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, אויף איין איינציקן מאָמענט ניט פאַרגעסן. יעדע איינצל־אַקטיוויטעט, צו וועלכער זי האָט זיך גענומען, אין יעדן איינציקן קאַמף, אין וועלכן זי האָט זיך באַטייליקט, איז איר לייטנדער מאָטיוו געווען: דאָס אידישע פאָלק איז איין פאַראייניקט פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט.

האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג גענומען צו דער פּראָבלעם דערציאונג פון אידישע קינדער, איז איר ראָלע באַשטאַנען ניט בלויז אין זיין די ערשטע אין אַמעריקע (אין דער ניט־אָרטאָדאָקסישער וועלט) אָנצוהויבן בויען אידישע דער־ציאונגס־אַנשטאַלטן. דורך איר איניציאַטיוו אויף דעם געביט האָט די באַוועגונג אַריינגעשריבן אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום. ניט צופעליק האָט זי אויף דעם געביט אַרויסגעבראַכט דערציער פון גאָר אַ באַ־דייטענדן פאַרנעם; יואל ענטין, חיים ליבערמאַן, ש. שאַפּיראָ אין די ערשטע ניו־יאָרקער שולן; דר. יהודה קויפמאַן (איצטער דער אָנפירער פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון ועד הלאומי אין ארץ־ישראל) און שלמה ווייסמאַן אין מאָנטרעאָל און פיל אַנדערע דערציער איבער דער גאַנצער ברייט פון אַמעריקע און קאַנאַדע. ניט צופעליק האָבן אייניקע פון די באַדייטנדע העבּרעאישע דער־ציער אין אַמעריקע, — קלמן וויטמאַן, י. ז. פרישבערג און אַנדערע, — זייערע ערשטע דערציערישע אַרבעטן געפירט אין די ערשטע שולן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס איז ניט געלעגן אינם אָרגאַניזאַטאָרישן כוח פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, וואָס איז גאַרניט געווען אַזוי שטאַרק, אָדער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט דאַן זיינע ערשטע געזעלשאַפט־לעכע שריט געמאַכט אין אַמעריקאַנער אידנטום; דאָס איז געלעגן אינם עצם צוגאַנג צו דער פּראָבלעם דערציאונג. דערציאונג האָט פאַר אונז געמיינט איין קלאָרע זאַך: צוגרייטן דעם נייעם אידישן דור אין אַמעריקע צום המשך פון אידישן פאָלק. עס איז דאָ אַ אידיש וועלט־פאָלק, אַ טייל זיינער לעבט אין אַמעריקע. דער אַמעריקאַנער טייל מוז דורך זיינע קומענדיקע דורות וואָס מער וויסן, וואָס מער לערנען, וואָס מער שעפּן פון אַלטע אידישע קוואַלן, כדי ער זאָל קענען וואָס טיפער אַריינוואַקסן אין אָט דעם וועלט־פאָלק; כדי וואָס איינגער צו פאַרבינדן זיך מיט אַלע אַנדערע טיילן פון אָט דעם וועלט־גוף, כדי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל וויטער וועבן דעם פאַדעם פון אידישן אייגנ־אַרט, זאָל זיך באַטייליקן אין בויען דעם פּאָליטישן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן

עתיד פון פאָלק אין גלות, סיי ביי זיך אַליין אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע גלות־לענדער, און זאָל זיך אין פולער מאָס באַטייליקן אין דער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל.

דער ביישפּיל פון אַט דעם געוואַגטן אָנהויב האָט געווירקט אויף אַנדערע אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אויך גענומען בויען שולן. פאַראַן אַ טייל צווישן די נאָכפאָלגער, וואָס האָבן טאַקע אַט דעם פאָלקס־המשך אַלס ציל. זיי לייגן אפשר צופיל געוויכט אויף איין שפּראַך אין זייער דערציאונג. זייער דערציאונג ליידט אפשר פון גרויסע חסרונות, אָבער אַזוי ליידט אויך אונזער אייגענע דערציאונגס־סיסטעם פון גרויסע חסרונות. די, ביי וועמען דערציאונג מיינט פאָלקס־המשך, וועלן סוף־כל־סוף זייערע חסרונות איינזען און וועלן די נויטיקע אויסבעסערונגען אַריינטראָגן. אָבער פאַראַן אויך טיילן, וועלכע זיינען ניט נאָכפאָלגער, נאָר נאָכטוער. דערציאונג איז געוואָרן אַ נויטיקער באַשטאַנד־טייל פון אידישן אָרגאַניזירטן לעבן, מוז מען עס מיט־מאַכן. קיין נשמה איז אָבער אין דער דערציאונג ניטאָ. מען מאַכט אַפּאָלאָ־געטישע דערקלערונגען. מען רעדט זיך איין, אַז מען דערציט דעם קומענדיקן אידישן דור פאַר סאָציאַליזם (אַזוי ווי נאָר אין ספּעציעל אידישע שולן און בלויז דורך דער אידישער שפּראַך וואָלט מען געקענט דערציען סאָציאַליסטיש), מען גיט אַנדערע זייטיקע דערקלערונגען. קיין יסוד וועלן אַזעלכע שולן סיי ווי סיי ניט האָבן. אויסלאָזן וועט זיך, אַז די שולן, וועלכע וועלן טאַקע זיין אויפגע־בויט אַט אויף דעם אַפּאָלאָגעטישן באַזיס, וועלן אונטערגיין. די אַפּאָלאָגעטי־קער אַליין דערוואַרט נאָך אַ געשיכטלעכע שטראָף: פיל פון זיי געבויטע שולן וועלן זיך אַליין דערשלאָגן צום המשך־יסוד, צום וועלן דעם המשך פון אידישן פאָלק אַלס אַ פאָלק, פּראָסט און פשוט. יענע שולן וועלן בלייבן. זיי וועלן צוזאַמען מיט אַנדערע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע וועלן זיין געבויט אויפן המשך־יסוד, זיין די אמת׳ע נאָכפאָלגער פון אַט דער גרויסער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפן דערציאונגס־געביט. זיי וועלן העלפן טיפער אַריינבויען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אינם אידישן וועלט־פאָלק.

האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג גענומען צו דער פּראָבלעם פון אינער־אידישער אָרגאַניזאַציע, איז דער לייט־מאָטיוו ווידער געווען: המשך פונם אידישן וועלט־פאָלק. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אַט דאָס פּראָבלעם אויפגעהויבן נאָך לאַנג פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. אין צייט פון וועלטקריג איז די לאַגע מער רייף געוואָרן פאַר אַ גרויס־צוגיקן פאַרזוך אַריינצוטראָגן אינערע אָרגאַניזירטע אַחריות אינם אידישן לעבן, אויפן יסוד פון אינערער דעמאָקראַטיע. אָבער די לאָזונג גופא איז געוואָרפן געוואָרן — דורך חבר נחמן סירקין — נאָך אין 1908. אויך אין דער פראַגע איז די באַוועגונג ניט געבליבן ביי האַלבע וועגן. זי האָט פאַרטראַכט די אָרגאַניזאַציע פון אידישן פאָלק אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. עס אָרגאַניזירט זיך אַ אידישער וועלט־קאָנגרעס. ער איז אויפ־געבויט דורך לאַנד־קאָנגרעסן, וועלכע ווערן זייער אָפּטיילונגען. אין די ראַמען פון דעם אָרגאַניזירטן וועלט־אידנטום אָרגאַניזירט זיך דער אַלוועלטלעכער אידי־

שער אַרבעטער־קלאַס. ער ווירקט אינעווייניק אין דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, ווי עס ווירקן סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען אינערהאַלב זייערע פאָלקס־פּאַרלאַמענטן. די באַוועגונג האָט געהאַט און האָט נאָך איצטער אויך די וויזיע פון אַן אָרגאַניזירטן אידישן וועלט־פאָלק, אָנערקענט פון די מלוכות פון דער וועלט, ווי אַ גלייכער מיטגליד אין דער משפחה פון־פעלקער. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, דער רעפּרעזענטאַנט פון אָרגאַניזירטן וועלט־אידנ־טום, גיט זיך אָפּ מיט אידישע וועלט־פּראָבלעמען. ער נעמט אַריין אין זיינע הענט דאָס פּראָבלעם פון אידישער וואַנדערונג; זוכט אָרגאַניזירטערהייט צו לייזן פּראָבלעמען פון דער אידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור. ער קעמפט פאַרן אידישן כבוד אומעטום. ער קעמפט קעגן דיסקרימינאַציע, וואו זי באַווייזט זיך נאָר. אָפּן פאַר דער גאַנצער וועלט פירט ער זיין קאַמף און זיין קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. דורך דעם צעשלאָגט ער אַלע בלבולים וועגן „זקני־ציון", וועגן דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אידן". די דאָזיקע בלבולים קענען ניט צעשלאָגן ווערן דורך לייקענען דעם פאַקט, אַז מיר זיינען אַ וועלט־פאָלק. קיינער וועט אונז סיי ווי ניט גלויבן. די אַרויסברייטגונג פון אונזער פונקציאָנירונג ווי אַ וועלט־פאָלק אין דער עפנטלעכקייט, בפני כל עם ועדה, וועט אַוועקנעמען פון די ניט־אידישע אויגן די מיסטעריע, וואָס הענגט פאַר זיי איבער אונז, ווייל זיי קענען ניט פאַר־שטיין, פאַרוואָס לייקענען מיר אַ פאַקט, וואָס אַלע זעען, און זיי קומען צום שלוס, אַז אויב מיר לייקענען עס, מן הסתם פאַרבאָרגן מיר עפּעס, מן הסתם האָבן מיר וואָס צו פאַרבאָרגן.

און נעמט דאָס אָרגאַניזירטע אידישע וועלט־פאָלק אויף דאָס פּראָבלעם פון אחריות פון איין טייל פון אידישן פאָלק צום גאַנצן אָרגאַניזם, איז דאָס די פּשוט׳סטע און פאַרשטענדלעכסטע זאַך. אַזוי פונקציאָנירט יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם. ווען איין טייל זיינער ווערט ניט געזונט, טרייבט דאָס האַרץ בלוט פון אַלע אַנדערע טיילן צו יענעם קראַנקן טייל, כדי דעם גאַנצן אָרגאַניזם געזונט צו מאַכן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע צילן זיינען באַגרענעצט דורך דער אומנאָרמאַלקייט פון אונזער לאַגע אַלס גלות־פאָלק. פּולקאָם נאָרמאַל וועט דאָס אידישע פאָלק קענען פונקציאָנירן נאָר דאַן, ווען דער ציוניזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן און דאָס אידישע פאָלק וועט, ניט נאָר אין פּרינציפּ, נאָר אויך אין אמת׳ן לעבן, אויסגלייכן זיין סטאַטוס מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. אָבער עס איז פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג שטענדיק קלאָר געווען, אַז אין ארץ־ישראל וועט דאָס אידנטום ניט פּלוצלונג אַריינשפּרינגען; אַז דער פּראָצעס פון בויען ארץ־ישראל מוז נעמען דורות; אַז אַפילו די, וואָס גלויבן, ווי איך גלויב, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען דער באַגריף גלות וועט מיט זיך פאַרשטעלן בלויז אַ קאַפּיטל פון אַלטער אידישער געשיכטע; אַז דאָס אידישע פאָלק, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועט אויסגעלייזט ווערן פון גלות דורך דעם, וואָס אַלע אידן, וועלכע וועלן האָבן דעם אינערן דראַנג צו לעבן ווי אידן און צווישן אידן, וועלן געפינען זייער אָרט אין דעם צוקונפטיקן גרויסן ארץ־ישראל (באַגרינדן אָט דעם גלויבן איז ניט דאָ דער פּלאַץ) — אַז אַפילו

אַזעלכע מאמינים אין פולשטענדיקן קבוץ־גליות ווייסן זייער גוט, אַז דער פּראָצעס פון קבוץ־גליות וועט זייער לאַנג געדויערן. דורות וועלן פאַרבייגיין ביז דער פּראָצעס וועט פאַרענדיקט ווערן. אָט די דורות לעבן, וועלן לעבן און דאַרפן לעבן ווי אידן. דער נאַציאָנאַלער המשך טאָר זיך ניט איבעררייסן. לעבנדיק, האָבן מיר לעבעדיקע פּראָבלעמען, וועלכע רירן אָן דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן געזונטזיין פון אונזער פאָלק. מוזן מיר די פּראָבלעמען אויפנעמען. דער וואַקסנדער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז אויך פאַראינטערעסירט, אַז דער לעבעדיקער טרעגער פון קבוץ־גליות־פּראָצעס, דאָס אידישע פאָלק, זאָל מיטטראָגן מיט זיך וואָס געזינטערע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע, סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע אינהאַלטן. דעריבער מוזן מיר כסדר האַלטן אין בויען אונזער לעבן אומעטום. דעריבער מוזן מיר כסדר האַלטן אין היילן די וואונדן פון אונזער גאַנצן וועלט־פאָלק. די מאָס פון בוי־מעגלעכקייטן אין גלות איז באַגרענעצט. מיר בויען און אַנדערע צעשטערן. אָבער דאָס איז אונזער שיקזאַל: מיר מוזן כסדר ווייטער בויען. הערן מיר אויף בויען, הערן מיר אויף לעבן.

אַזוי, אַלזאָ, האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג געקוקט אויף דעם אידישן לעבן בכלל און אויף דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן בפרט: מיר זיינען איין פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט. מיר לעבן אומעטום אין גלות. מיר צאָלן אומעטום צינזן צום גלות, הויפּטזעכלעך אין דער פאָרם פון אַסימילאַציע. עס פאַלן אומעטום אָפּ בלעטער פון פאָלקס־שטאַם. עס איז דאָ אַ שוואַרצע אַסימילאַציע, וואָס זוכט אויסצומעקן דעם נאָמען איד פון דער מענטשהייט; עס האָט זיך באַוויזן אַ רויטע אַסימילאַציע, וואָס איז גרייט צו לאָזן לעבן דעם גוף פון דעם אידישן יחיד, אָבער וויל דערשטיקן אונזער נאַציאָנאַלע נשמה. עס איז דאָ די ערגסטע אַסימילאַציע, וואָס קומט פון גלייכגילטיקייט, פונם פשוט'ן אויסצערן פון אייגנאַרטיקן אידישן זאַפט פון אונזערע אָדערן. אַלע סאָרטן אַסימילאַציעס שוואַכן אונז אָפּ. אָבער דער פאָלקס־אָרגאַניזם בלייבט לעבן. ווי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם שאַפט ער אַלץ נייע ווערטן. יעדער נייער דור האָט צוגעגעבן זיין צושטייער צום תוכן פון אידישקייט און צו אונזער המשך. די גרעסטע שאַפונג פון דעם מאָדערנעם אידישן וועלט־פאָלק איז — דער ציוניזם. דער גאַנצער אידישער וועלט־אָרגאַניזם שפּאָרט אָפּ, במשך פון די לעצטע צוויי דורות, געזונטע פאָלקס־כוחות און טראָגט זיי אַריבער קיין ארץ־ישראל, כדי דורך דעם אין גאַנצן פטור צו ווערן פון אַלע יענע ספּעציעלע צרות, וואָס גלות שטעלט מיט זיך פאָר, און אויסגלייכן דעם סטאַטוס פון אידישן פאָלק מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט.

וועלנדיק אין סטאַטוס זיין ווי אַלע פעלקער, זוכן מיר אָבער ניט דעם „ונהיה ככל הגוים” אין ספערן פון גייסטיקן שאַפן. ניט דערפאַר, ווייל דאָס גייסטיקע שאַפן פון אַנדערע פעלקער איז פון אַ נידעריקערער מדרגה, נאָר פשוט, ווייל ער איז אַנדערש. אין דער אַנדערשקייט פון די פאַרשיידענע פעלקער זעען מיר די רייכקייט פון דעם געזאַמט־אוצר פון וועלט־גייסט. יחידים פון איין פאָלק קענען אַריבערשפּרינגען פון קולטור צו קולטור. אָפּט קען אַ

מאַסע יחידים פון פאַרשיידענע פעלקער זיך צוזאַמענגיסן אין אַ נייעם קולטור־אייגנאַרט. נאַטירלעך, נעמט עס דורות ביז אַזאַ נייע קולטור־אייגנאַרט ווערט אויספאָרמירט. דער אָריגינעלער שטאַם — דאָס אָריגינעלע פאָלק — בלייבט און מוז בלייבן ביי זיין אייגענעם טאָן, ביי זיין נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. עס איז דער זעלבער פּראָצעס, ווי ווען דורך הרכבה (גראַפטינג) ווערט צוזאַמענגעגאָסן דער זאַפט פון אַן אָראַנזש־בוים מיטן זאַפט פון אַ לעמאָן־בוים און עס ווערט אַרויסגעבראַכט אַ דריטע, אַ נייע פּרוכט־קולטור: די גרייפּפרוכט. אָבער דער אָריגינעלער אָראַנזש־בוים קען זיך בשום אופן ניט ענדערן. אָדער ער פאַרמאָגט זיין אייגנאַרטיקן אָראַנזש־זאַפט, אָדער — ער שטאַרבט. אַזוי פונקציאָנירן אויך די איינצלנע פעלקער, וואָס גיבן אַריין זייערע אייגנאַרטן אין דעם געזאַמט־אוצר פון וועלט־גייסט. דאָס אידישע פאָלק טראָגט אַריין אינם געזאַמט־אוצר פון וועלט־גייסט זיין באַזונדערע אייגנאַרט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון זיין אייגנאַרטיקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. דעם המשך פון אַט דער אידישער אייגנאַרט דווקא, די אידישע אַנדערשקייט, ווילן מיר פאַרזיכערן, דורך באַשאַפן פאַר אַט דער אַנדערשקייט גלייכע באַדינגונגען מיט אַנדערע אַנדערשקייטן אין דער וועלט פאַר איר פרייער אַנטוויקלונג. דאָס דערפירט אונז, אַלזאָ, צו דעם צווייפאַכן פּראָצעס: זאָרגן פאַרן אידישן המשך אומעטום און בויען ארץ־ישראל.

דער דאָזיקער צווייפאַכער פּראָצעס איז חל אויף אַלע אידן פון דער וועלט, אַמעריקאַנער אידן איינגעשלאָסן. די וועגן, ווי אַזוי אַט דעם פּראָצעס צו פירן, דאַרפן צוגעפּאַסט ווערן צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון די פאַרשיידענע לענדער. דער פּראָצעס גופא איז אָבער איינער און דער זעלביקער אומעטום, וואו נאָר עס לעבט אַ טייל פונם אידישן וועלט־פאָלק. פון אַט דעם פּראָצעס קען ניט פריי זיין קיין טייל פונם אידישן פאָלק, זיין אַרבעטער־טייל אוודאי ניט. יעדער קלאַס דאַרף צופּאַסן די וועגן פון אַט דעם היסטאָרישן פּראָצעס צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון זיין קלאַס. דער פּראָצעס אַליין איז אָבער איינער פאַר אַלע טיילן פון פאָלק.

אויף אַט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַגרינדעט אַלע אירע האַנדלונגען. זי האָט אים געטראָגן אינם אַמעריקאַנער אידנטום דורך אַלע קאַנאַלן פון ווירקונג, וואָס זיינען פאַר איר אָפן געווען. אין צוויי היסטאָריש־וויכטיקע אידיש־געשיכטלעכע ווירקונגס־ספערן האָט זי זיך דערהויבן צו אירע העכסטע דערגרייכונגען. דאָס זיינען געווען: די אידישע קאָנגרעס־באַוועגונג און די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמע־ריקע. גייען מיר טאַקע איבער צו אַ קורצער שילדערונג פון איר ראָלע אין אַט די אָנגעצייכנטע באַוועגונגען.

ד.

די ראָלע פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג

אַפילו אין די ראַמען פון אַט דעם גרעסערן אַרטיקל קען מען זיך ניט פאַר־נעמען אויסצושעפּן די גאַנצע ראָלע, וואָס די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן גע־

שפילט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די דאָזיקע ראָלע איז געווען אָנגעפילט מיט אַזוי פיל שפּאַנונגען, אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל שוואונג און אויסגעשפרייט אויף אַזאַ ברייטן שטח, אַז זי פאַרדינט אַ באַזונדערע דעטאַלירטע פאָרשונג. אַזאַ פאָרשונג קען געמאַכט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג מיט אַ פולער, דעטאַלירטער געשיכטע פון דער זייער אינטערעסאַנטער קאָנגרעס־באַוועגונג גופא. ניט געווען קיין איין שריט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, קיין איין ענדערונג אין איר אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואו זי האָט ניט געשפּירט אין זיך די ווירקונג און אַרום זיך דאָס שטענדיקע וואַכזאַמע אויג פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. אַזאַ אַלזייטיקע פאָרשונג וועט ערשט נאָך דאַרפן געמאַכט ווערן.*) דאָ ווילן מיר בלויז אַרויסהויבן די וויכטיקסטע קאַמף־מאָמענטן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, אין וועלכע די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע כוחות האָבן אויסגעאיבט זייער ווירקונג.

אָנגעהויבן האָט זיך די קאָנגרעס־באַוועגונג אַזוי:

דר. שמריהו לעווין איז עטלעכע טעג פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעפאָרן פון ניו־יאָרק אויף זיין וועג קיין אַרגענטינע. די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווען ער איז געווען אויפן שיף. די שיף האָט זיך געמוזט אומקערן קיין ניו־יאָרק. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין גאַנץ איירָאָפּע געווען אין מלחמה־פלאַקער. די ציוניסטישע וועלט־פירערשאַפט איז דורך דעם צעריסן געוואָרן. אירע מערסטע מיטגלידער זיינען געווען אין דייטשלאַנד. איייניקע זיינען געווען אין לאָנדאָן און אייניקע זיינען געווען אין אַנדערע לענדער. דר. לעווין האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ — סוף אויגוסט, 1914 — מיטן צוועק אויפצושטעלן דאָ אין אַמעריקע אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל ראַטעווען וואָס עס וועט זיך לאָזן פון דער צעבראָכענער ציוניסטישער פירערשאַפט און זאָל גלייכצייטיק זאָרגן פאַרן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

נאַטירלעך, האָט דר. לעווין אויך איינגעלאָדן פאַרטרעטער פון די פועלי־ציון. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פועלי־ציון איז נאָך אַ לאַנגער, ערנסטער באַטראַכטונג געקומען צום באַשלוס, אַז מען טאָר די פון דר. לעווין איינגערופענע קאָנפערענץ ניט באַגרענעצן בלויז מיט פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ארץ־ישראל׳דיקן ישוב; אַז מען דאַרף צו דער קאָנפערענץ ברענגען אַ פאָרשלאָג אָנצוהויבן צוגרייטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו אַלע פּראָבלעמען פונם אידישן פאָלק. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל אָרגאַניזירטערהייט די דאָזיקע פּראָבלעמען פאָרמולירן, אויסאַרבעטן ענטפערס צו די פּראָבלעמען און אויפשטעלן אָרגאַנען, וואָס זאָלן די דאָזיקע ענטפערס דורכפירן אין לעבן. דער ערשטער שריט דערצו מוז זיין: צוזאַמענצורופן אַ דעמאָקראַטיש געוויילטן אַל־אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע.

מען קען ניט זאָגן, אַז דר. לעווין האָט אויפגענומען דעם פאָרשלאָג בסבר פנים יפות. פאַרן געדאַנק פון קאָנגרעס איז ער געווען זייער שטאַרק, אָבער ער האָט געמיינט, אַז ניט יענע קאָנפערענץ איז געווען די פּאַסיקע קערפּער־

*) שוין לאַנג צייט אַוועקצוזעצן אַזאַ פאָרשונגס־קאָמיסיע. די מאַטעריאַלן וועלן מיט דער צייט פאַרלוירן גיין. — ב. צ.

שאַפט צו באַהאַנדלען און באַשטימען וועגן דעם. אַנדערע ציוניסטן זיינען געווען קעגן דעם עצם געדאַנק.*)

יענע קאָנפערענץ האָט קיין ענטגילטיקן באַשלוס וועגן דער פראַגע ניט אָנגענומען. אַלץ, וואָס מיר האָבן גע׳פועל׳ט, איז געווען — איבערצוגעבן דעם גאַנצן ענין צו דער נייער קערפערשאַפט, וואָס די קאָנפערענץ האָט באַשאַפן: דעם פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט. דער פאָרזיצער פונם נייעם קאָמיטעט איז געוואָרן לואיס בראַנדייס, און אָט די נייע קערפערשאַפט איז אינסטרואירט געוואָרן פון דער קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען און ענטגילטיק באַשליסן וועגן דער קאָנגרעס־פראַגע.

אין דעצעמבער, 1914, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די יערלעכע קאָנווענשאָן פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין ראָטשעסטער. דאָרטן האָט די קאָנגרעס־פראַגע נאַטירלעך פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן. געווען אויך ביי אונז קעגנער. אַמשטאַרקסטן האָט קעגן דעם געקעמפט חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אַמעריקע (איצטער דער פאַרוואַלטער פון טעכניקום אין חיפה). ער איז דאַן געווען דער וויכטיקסטער אייראָפּעאישער פירער פון דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג. זיין וואָרט האָט געהאַט וואָג אויף דער קאָנווענשאָן. אָבער דעם רעזולטאַט האָט ער ניט געקענט ענדערן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן דורכגעדרונגען מיט דעם קאָנגרעס־געדאַנק און די קאָנווענשאָן האָט בלויז געגעבן די אָפיציעלע באַשטעטיקונג. פון יענעם באַשלוס אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די ציוניסטן־סאָציאַליסטן דער וויכטיקסטער קאַפּיטל פון זייער איינפלוס אין אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען דער קאַמף פאַרן אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. יעדע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע אין אַמעריקע האָט בוכשטעבלעך געמוזט איינגענומען ווערן פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק.

קודם־כל, די ציוניסטישע פּאָזיציע: אינם אויבנדערמאָנטן פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער געראַנגל אַרום דער פראַגע כמעט אַ גאַנצן יאָר נאָכאַנאַנד. בראַנדייס האָט אַרויסגעבראַכט שאַרפע נעגאַטיווע מאָמענטן. ערשטנס, די געפאַר, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן זיך ניט שטאַרק פאַראינטערעסירן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג און די באַוועגונג קען, אַלזאָ, אונז ברענגען מער אַנטוישונג ווי הילף. צווייטנס, די געפאַר, טאָמער וועט דער קאָנגרעס אַליין זיין דערפאָלגרייך, אָבער ער וועט ניט אויפנעמען אויף

*) אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, ווי אַזוי עס האָט אויפן פאָרשלאָג רעאַגירט דער באַקאַנטער דר. י. ל. מאַגנעס, וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אין יענער קאָנפערענץ. ער האָט אונז צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט פאָלגנדיקן העברעאישן טעקסט: „אל תקרא קונגרס אלא קונפרנץ״. אין אָט דעם קליינעם צעטעלע איז שוין געלעגן דער טיפער אונטערשייד צווישן דעם בליק פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן אויף אידישע אַרויסטרעטונגען און דעם בליק פון ציוניסטן פון דעם מאַגנעס־טיפּ. מיר האָבן זיך געריסן צו וואָס גרעסערער עפנטלעכקייט, צו וואָס ברייטערע שוואונגען, צו וואָס אימפּאָזאַנטערע, אַפילו ריין־דעמאָנסטראַטיווע אַרויס־טרעטונגען. דר. מאַגנעס האָט זיך פאַר אַזאַ פאַרנעם איבערגעשראָקן: נאָר ניט צו הויך פליען! נאָר וואָס ווייניקער וואַרפן זיך אין די אויגן!

אַ געהעריקן אויפֿן דעם ארץ־ישׂראל־פּונקט. דריטנס, די געפֿאַר, אַז אויב דער קאָנגרעס זאָל יאָ אָננעמען אַ פֿולע פּרינציפּיעל־ציוניסטישע אײַנשטעלונג בנוגע ארץ־ישׂראל, וועט ער מאַכן איבעריק די עקזיסטענץ פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. קיינער האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט אין קעשענע קיין וועקסלען, וואָס זאָלן פֿאַרזיכערן אַנטקעגן אָט די געפֿאַרן. אונז איז בלויז געבליבן אַרויסצושטעלן, אַנטקעגן די אַלע חששות, אונזער טיפֿן צוטרוי צו די אידישע מאַסן אין אַמעריקע, אַז זיי וועלן זיך יאָ פֿאַראינטערעסירן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, אַז זיי וועלן יאָ אָננעמען אונזער ציוניסטישן בליק בנוגע ארץ־ישׂראל און אַז זיי וועלן גוט פֿאַרשטיין די באַדייטונג פֿון אויפֿהאַלטן די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס דר. הערצל האָט אויפֿגעבויט — דעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס און זײַנע אָפּטיילונגען אין אַלע לענדער — פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון די ציוניסטישע צילן. געוועזן ביי אונז אויך אַזעלכע עקסטרעמיסטן, וועלכע האָבן געטראַכט, אַז אויב אַן אַלוועלטלעך־אָרגאַניזירט אידנטום, געשטיצט אויף אידישע לאַנד־קאָנגרעסן, וועט איבערנעמען דעם ארץ־ישׂראל־פּונקט, אין פֿולן איינקלאַנג מיטן ציוניסטישן פּרינציפּ, דאַרף מען זיך דאַן גאָרניט איינשטעלן פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון ציוניסטישן קאָנגרעס. אָבער אַפֿילו די דאָזיקע עקסטרעמיסטן האָבן ניט געגלויבט, אַז אַזאַ ברייטע אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ וועט קענען תיכף נאָך דער מלחמה אויפֿגעבויט ווערן. זיי האָבן דערפֿאַר ניט געזען קיין געפֿאַר פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט, אַמעריקע איינגעשלאָסן.

דער גערעַנגל אין דעם פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין זומער פֿון 1915. סוף־כּל־סוף האָבן די פּראָ־קאָנגרעסיסטן מנצח געווען. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אָפֿיציעל זיך דערקלערט פֿאַרן קאָנגרעס. בראַנדייס האָט זיך דאַן אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג אַרײַנגעוואָרפֿן מיט זײַן גאַנצן אײַפֿער און מיט זײַן גרויסן טאַלאַנט. ער האָט אָן ספֿק דער קאָנגרעס־באַוועגונג געגעבן אַ גרויסן שטויס פֿאָרויס.

די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט בלויז מיטן אינערן קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט אַרומגענומען כּמעט יעדע אידישע גרופּע, וואָס האָט נאָר געהאַט וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער אידישער גאַס. זי האָט ניט דורכגעלאָזן קיין אָרגאַניזאַציע, קיין לאַנדסמאַנשאַפֿט, קיין שול, קיין יוניאָן. אַ ספּעציעלע „אידישע עמאַנציפּאַציע־ליגע", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ווינטער פֿון 1914—1915 דורך דר. י. קרימסקי, ב. ג. ריטשאַרדס, דר. גירזשדאַנסקי און נאָך אַ גרופּע יחידים, האָט שטאַרק געהאָלפֿן דעם פּראָצעס פֿון גיין „אין פֿאָלק אַרײַן" און טראָגן דאָרטן דעם קאָנגרעס־געדאַנק. דאָס פֿאָלק האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך גענומען גוט צוהערן צו דעם, וואָס די נייע באַוועגונג ברענגט מיט זיך.

ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג קאָנצענטרירט אַרום די אידישע אַרבעטער־מאַסן. דורך אַ רייע פֿון לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אידישע אַרבעטער־קאָנפֿערענצן איז דער דאָזיקער קאַמף

דורכגעפירט געוואָרן. אויך דער קאַפּיטל מוז נאָך וואַרטן אויף אַ פולשטענדי־
קע אויספאָרשונג. דערוויילּ איז געגוג צו פאַרנאָטירן, אַז אויף דעם נאַציאָנאַלן
אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 5טן—6טן
סעפּטעמבער, 1915, האָבן זיך ענטגילטיק פאַרמאָסטן מיט די כוחות די אָנהענ־
גער און די קעגנער פונם קאָנגרעס־געדאַנק. די קעגנער זיינען געווען קאָנ־
צענטרירט אין דעם דאַמאָלסט־עקזיסטירנדיקן „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט",
באַהערשט פון אַ גרופּע בונדישע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געקומען קיין
אַמעריקע אין יענע יאָרן. די אָנהענגער פונם קאָנגרעס־געדאַנק האָבן זיך
קאָנצענטרירט אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן *) קאָמיטעט, וואָס איז, נאַטיר־
לעך, באַהערשט געוואָרן פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

געזיגט האָט אויך אויף דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנפערענץ די פּראָ־
קאָנגרעס־איינשטעלונג. די קאָנפערענץ האָט אָבער געמאַכט אַ טעות מיט דעם,
וואָס זי האָט אויסגעקליבן אַ מאַיאָריטעט פון אַנטי־קאָנגרעסיסטן אין דעם קאָ־
מיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט דורכפירן אירע באַשלוסן. דער טעות האָט
ערשט שפּעטער זיך זייער שטאַרק אַרויסגעוויזן. אין פּרינציפּ אָבער האָט גע־
זיגט אויך צווישן די אידישע אַרבעטער דער קאָנגרעס־געדאַנק.

צווישן פאָלק גופא האָט די קאָנגרעס־באַוועגונג ממש אָנגעצונדן האָפענונ־
גען. מען קען זאָגן אָן וועלכער עס איז איבערטרייבונג, אַז אפילו מיר, די
ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּע, האָבן ניט איינמאָל געזינדיקט קעגן פאָלק
מיט אומצוטרוי צו זיינע געזונטע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן און צו זיין פּאָליטישן
שכל־הישר. ווען נאָר מיר האָבן אין אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס זיך געדאַרפט
פאַרלאָזן אויף די פאָלקסמאַסן, האָבן זיך אפילו צווישן אונז געפונען פּעסי־
מיסטן, אונטערשעצער פונם פאָלקס־אינסטינקט. מיר זיינען אָבער אַלע מאָל
אָנגענעם איבערראַשט געוואָרן. שטענדיק האָט זיך דאָס פאָלק אַרויסגעוויזן
געגוג ווייטזיכטיק און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניק. אַזוי איז עס געווען אין
אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּן אַרויסצוזאָגן,
אַזוי אויך אין די אַנדערע אידישע פאָלקס־שיכטן. יעדער אַזאַ צוזאַמענשטויס
האָט אין אונזערע גרופּן געצונדן דעם קאַמפּס־פונק און די טיפע אמונה אין
אונזער וועג, וועלכן מיר האָבן, נאַטירלעך, צוריק אַריינגעטראָגן אין פאָלק'ס
אָרגאַניזם. מיר האָבן זיך דורך דעם אייגנ צוזאַמענגעגאָסן מיט גרויסע אידישע
פאָלקסמאַסן.

ניט געררוט האָבן אויך די קעגנער. דורך אַ סיסטעם פון פאַרהאַנדלונגען
האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אָפּציענישן און אָפּלייגונגען. ניט נאָר יע־
דער געזעלשאַפטלעכער כוח האָט געדאַרפט מיט קאַמף גענומען ווערן, נאָר
יעדער חודש אָפּלייגונג האָט געדאַרפט מיט קאַמף באַגעגנט ווערן. אַט דער

*) די היטלעריסטישע באַוועגונג האָט, ליידער, מטמא געווען דעם נאָמען נאַציאָנאַל־
סאָציאַליזם, וועלכן אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט דאַן געטראָגן. דער זעלביקער
היטלעריזם האָט אָבער דעם „בונד" אויך ניט געשאַנעוועט. דעם נאָמען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם
האָבן די היטלעריסטן מטמא געווען אַלוועלטלעך. דעם נאָמען „בונד" — בלויז אין די
פּאַראייניקטע שטאַטן.

כסדר׳דיקער אינערלעכער געראנגל איז פון קאנגרעס־צד געטראגן געווארן אן א צענטראלער פירערשאפט. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא פון א פארטיימאן, ווען איך וועל באהויפטן, אז די איינציקע קראפט, וואס האט אין די ערשטע יארן געפירט די ארבעט ארגאניזירט און קאנצענטרירט, איז געווען די ציוניסטיש־סאציאליסטישע באוועגונג. דער דאזיקער פאקט האט דער באוועגונג געגעבן די מעגלעכקייט, אז די אידישע פאלקסמאסן זאלן אין איר זען דעם וויכטיקסטן כוח, וואס ארבעט פאר צוזאמענרופן דעם אידישן קאנגרעס אין אמעריקע.

אפגעשלאסן האט זיך דער ערשטער קאפיטל פון אט דער באוועגונג מיט דער „קאנגרעס־פאר־קאנפערענץ" אין פילאדעלפיע, וואס איז אפגעהאלטן געווארן סוף מערץ, 1916. די אלע פרא־קאנגרעס־כוחות זיינען דארטן צוזאמענגעשמידט געווארן אין איין צענטראלע. די וויכטיקסטע באשלוסן פון יענער פאר־קאנפערענץ זיינען געווען:

1) דער קאנגרעס זאל גערופן ווערן ניט שפעטער ווי דעם 31טן דעצעמבער, 1916. עס איז דערביי בפירוש דערקלערט געווארן, אז דער קאנגרעס זאל באשטיין פון יענע ארגאניזאציעס, וועלכע וועלן זיין גרייט אין אים זיך צו באטייליקן. דאס איז געווען א באווארעניש, אז טאמער וועלן זיך איניקע ארגאניזאציעס ניט וועלן באטייליקן, רופט מען דעם קאנגרעס אן זיי. 2) דער קאנגרעס זאל פראקלאמירן די פאדערונג פון פולער בירגערלעכער, פאליטישער און נאציאנאלער גלייכבארעכטיקונג פאר אידן אין דער אלטער וועלט. 3) בנוגע ארץ־ישראל בלייבט דעם קאנגרעס פריי צו פארמולירן די פאליטישע פאדערונגען פון אמעריקאנער אידנטום. דאס איז געווען א באווארעניש אנטקעגן די, וועלכע האבן מורא געהאט פאר א קלארער ציוניסטישער פאדערונג און האבן געוואלט אויף דעם געביט דעם קאנגרעס אין פאראויס באגרענעצן. 4) דער קאנגרעס נעמט אריין אין זיין פראגראם פראגן פון אימיגראציע און קאנסטרוקטיווער הילף. 5) די פילאדעלפיער פארקאנפערענץ ווילט אויס א ספעציעלן קאנגרעס־עקזעקוטיוו־קאמיטעט, וועמענס אויפגאבע זאל זיין: צוזאמענצורופן דעם קאנגרעס אויף די אנגעצייכנטע יסודות.

ניט באשערט געווען, אז די ספעציפישע ראלע פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג זאל זיך האבן פארענדיקט מיט דער פארענדיקונג פון אט דעם ערשטן קאפיטל. ערשט נאך דער פילאדעלפיער פאר־קאנפערענץ האט זיך אנגעהויבן דער שארפסטער קאמף ארום דער קאנגרעס־באוועגונג און די ציוניסטן־סאציאליסטן האבן געמוזט זייער שטארקסטן איינפלוס אויסאיבן, כדי אפצוהיטן די נשמה פון דער קאנגרעס־באוועגונג.

גלייך נאכן פילאדעלפיער צוזאמענפאר האבן זיך אנגעהויבן קאנפערענצן צווישן דער פילאדעלפיער קאנגרעס־עקזעקוטיווע און די פארשטייער פון אמעריקען דזשואיש קאמיטע, מיט וועמען די פארשטייער פונם נאציאנאלן ארבעטער־קאמיטעט האבן זיך פארבונדן. די דאזיקע קאנפערענצן האבן דערפירט צו א „שלום"־אפמאך, אנטקעגן וועלכן די ציוניסטן־סאציאליסטן האבן ווידער געמוזט אנהויבן א קאמף. דאס מאל שוין ניט נאר קעגן די קאמבינירטע כוחות פון אנטי־קאנגרעסיסטן, נאר הויפטזעכלעך אנטקעגן יענע, וועלכע האבן אין

נאָמען פון אַלע פּראָ־קאָנגרעסיסטן אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך. אָמ־בעסטן וועט אַרויסגעבראַכט ווערן אונזער דאַמאָלסטיקע שטעלונג דורך איבער־געבן אייניקע ציטאַטן פון אַן אויפרוף, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג האָט פאַרעפנטלעכט קעגן דעם שלום־אָפּמאַך אין מיטן אויגוסט, 1916.

נאָכדעם ווי דער אויפרוף צייכנט אָן אייניקע געשיכטלעכע עטאַפּן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג; נאָכדעם ווי די באַוועגונג ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס אַ פאַרזוך צו מאַכן דאָס אידישע פאָלק פאַרן בעל־הבית פון זיין אייגענעם שיקזאַל; נאָכדעם ווי עס ווערט דערציילט וועגן די אינטריגעס קעגן דער דאָזיקער באַוועגונג פון יענע גרופּן, וועלכע האָבן דווקא געוואָלט בלייבן לעולם ועד די אייניקע אידישע פאַרשטייערשאַפט אין אַ כאַאָטישן, ניט־אָרגאַניזירטן אידנטום, — דערמאָנט דער אויפרוף די באַשלוסן, צו וועלכע די פילאַדעלפיער פאָר־קאָנפע־רענץ איז געקומען, און זאָגט:

„דער קאָנגרעס־קאָמיטעט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט דעם אויס־דריקלעכן און אויסשליסלעכן פּאָזיטיוון צוועק צו אָרגאַניזירן דעם קאָנ־גרעס, האָט ניט געהאַט קיין רעכט זיך אַריינצולאָזן אין פאַרהאַנדלונגען בנוגע פונקטן, וואָס זיינען סותר די פילאַדעלפיער החלטות; ער האָט ניט געטאָרט צושטימען צו אַן אָפּמאַך, וואָס ליקווידירט די פילאַדעלפיער קאָנ־פערענץ; ער האָט ניט געטאָרט קאַפּיטולירן פאַר די קאָנגרעס־קעגנער און, שטעלנדיק די קאָנגרעס־באַוועגונג פאַר אַ פאַרטיקן פאַקט, לאַחר המעשה, פאַרלאַנגען די סאַנקציע פון די יעניקע, וועלכע זיינען געוועזן אויף דער פילאַדעלפיער קאָנפערענץ. דאָס גאַנצע איז בכן פון אָנהויב ביזן סוף אַ קייט פון אומגעזעצלעכע האַנדלונגען".

דאַן ווערן אויסגערעכנט די וויכטיקסטע איינצלנע פונקטן, מיט וועלכע די מערהייט פון דער עקזעקוטיווע האָט פאַרבראָכן קעגן דער פילאַדעלפיער פּראָגראַם. דער ערשטער פונקט איז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט.

„די פילאַדעלפיער רעזאָלוציע האָט בפירוש געזאָגט: „דער קאָנ־גרעס זאָל באַהאַנדלען די פראַגע פון פאַרזיכערן די אידן נאַציאָנאַלע רעכט אין יענע לענדער, וואו נאַציאָנאַלע רעכט זיינען אָנערקענט אָדער ווערן אָדער דאַרפן ווערן אָנערקענט". אָנשטאָט דעם האָט זיך די קאָנגרעס־עקזעקוטיווע געלאָזט איבעררעדן צוצושטימען צו דער פאַרשוואומענער פאָרמולע פון „גרופּן־רעכט". וועלכע רעגירונג אין דער וועלט וועט נע־מען ערנסט די אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, ווען מיר אַליין זאָלן מורא האָבן פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַל", ווען דער אידישער קאָנגרעס אַליין זאָל ניט האָבן דעם מוט צו פאָרמולירן די אידישע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטי־קונג, ווען ער זאָל זי אַרויסריידן מיט אַ האַלבן מויל און ציטערנדיקע קני, ווען ער זאָל זי שעמעוודיק צודעקן מיט אַ פייגנבלאַט פון אַ ניי־דערפונדע־נעם, לעכערלעכן טערמין? מען וויל אונז איינריידן, אַז גרופּן־רעכט מיינט נאַציאָנאַלע רעכט. אויב דאָס איז טאַקע די כוונה, טאָ פאַרוואָס זאָל מען עס ניט זאָגן אָפן און ערלעך? די פּחדנות׳דיקע לאָזונג פון „גרופּן־רעכט" וואָלט מאַכן די אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען צו שפּאָט און געלעכטער אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט".

בנוגע דעם פונקט ארץ־ישראל ווערט אין דעם אויפרוף געזאָגט:

„די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, „דער קאָנגרעס זאָל

באהאנדלען די פּראָבלעם פון אידישער אַנטוויקלונג אין פּאַלעסטינע אין אַלע פּאַזן זיינע". דער שלום־אַפּמאַך פּאַרלייקנט אָבער דיזן באַשלוס. ער באַשטימט אַנצוטאָן דעם קאָנגרעס אַ שלאָס אויפן מויל און באַשריינקט די פאָדערונג בנוגע ארץ־ישראל אויף דעם טונקעלן און גאָרניט־זאָגנדיקן אויסדרוק „אידישע רעכט". די פאָדערונג פון פרייער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פון פּאַלעסטינישן אידנטום, וואָס איז אויך איינשטימיק פּראָקלאַמירט גע־וואָרן פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן, איז פולשטענדיק איג־נאָרירט געוואָרן".

דער אויפרוף דערקלערט ווייטער:

„די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן: „דער קאָנגרעס באַ־האַנדלט די פּראָבלעם פון קאָנסטרוקטיווער הילפס־אַרבעט אין די לענ־דער, וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן פון דער מלחמה. דער קאָנגרעס זאָל באַהאַנדלען אַלזייטיק די פּראָבלעם פון אידישער איינוואַנדערונג אין אַלע היגזיכטן". דער שלום־אַפּמאַך האָט אויסגעשלאָסן פון קאָנגרעס־פּראָגראַם די פראַגע פון קאָנסטרוקטיווער רעליף און אימיגראַציע.

„די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן: „דער קאָנגרעס זאָל באַהאַנדלען די ראַטזאַמקייט פון איינאָרדענען דעם קאָנגרעס אַלס אַ שטענ־דיקע אינסטיטוציע". לויטן שלום־אַפּמאַך, טאָר מען די פראַגע אַפילו ניט באַרירן".

אַזוי ווייט וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן. דאַן גייט דער אויפרוף אַריבער צו אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן און ער זאָגט:

„די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישן וואַל־רעכט בנוגע דעם אידישן קאָנגרעס און די וואַלן צו אים. „יעדער איד, מאַן אָדער פרוי, וואָס געהערט צו אַ לאָקאַלער אידי־שער אָרגאַניזאַציע, האָט אַ רעכט צו שטימען דורך זיין אָרגאַניזאַציע. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז באַאויפטראָגט געוואָרן צו געפינען ווי אַזוי מעג־לעך צו מאַכן, אַז יעדער איד, מאַן אָדער פרוי, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט קיין לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע, זאָל זיך אויך קענען באַטייליקן אין די וואַלן". דער גאַנצער פּלאַן איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די הויפּט־געוויכט איז, לויטן שלום־אַפּמאַך, געלייגט געוואָרן אויף פאַרטרעטערשאַפט פון נאַ־ציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ניט באַשרענקענדיק אַפילו זייער צאָל לגבי די דירעקט געוויילטע דעלעגאַטן".

און אויסרעכענענדיק נאָך אַנדערע פּונקטן, וואָס באַצוועקן צו רעדוצירן די באַדייטונג פון קאָנגרעס און זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, זאָגט דער אויפרוף:

„ווען מען נעמט צונויף אַלע פּונקטן פונם שלום־אַפּמאַך, קען מען ניט קומען צו קיין אַנדער רעזולטאַט ווי, אַז דער קאָנגרעס־קאָמיטעט האָט פולשטענדיק קאַפּיטולירט פאַר די קאָנגרעס־פיינט; אַז ער האָט איינגעווי־ליקט, מיסברויכנדיק זיין מאַנדאַט, צו ליקווידירן די פילאַדעלפיער קאָנ־פערענץ, וואָס די זעלביקע מענטשן האָבן פּראָקלאַמירט אַלס אַ מין „אידישע דעקלעריישאָן אָוו אינדעפּענדענס", אַלס דעם „אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע". קענען אַזעלכע אומלעגאַלע האַנדלונגען געווינען די צושטימונג פון פאָלק?...

וואָס איז דען נאָך דיזן אַפּמאַך געבליבן פון געפּלאַנטן אידישן קאָנ־גרעס, אַחוץ דעם נאָמען? אומדעמאָקראַטיש צונויפגעשטעלט, געבונדן

הענט און פיס, מיט אַ שלאָס אויפן מויל, קען אַזאַ קאָנגרעס זיין נאָר אַ פּאָליטישער פּורים־שפּיל, אַן עלנדע קאָמעדיע, אַ פּוסטע דעמאָנסטראַציע. אַ צוזאַמענקונפט, וואָס טאָר קיין בויענדיקע אַרבעט אין קיין באַציאונג ניט אויפטאָן, וואָס טאָר ניט פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פון אידישן פאָלק צו לעבן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע נאַציע צווישן די פעלקער פון דער וועלט; אַ צוזאַמענקונפט, וואָס האָט נאָר אַ רעכט צו אַפּלאָדירן דאָס, וואָס אַן איינגע קליקע האָט אין פאָרויס באַשטימט, — אַזאַ צוזאַמענקונפט טאָר ניט טראָגן דעם ערלעכן נאָמען פון אַ אידישן קאָנגרעס. קעגן דרויסן וועט דער קאָנגרעס־מאַסקאַראַד דעם אידישן פאָלק אפשר ווייניקער נוצן ווי שאַדן. אינעווייניק אָבער וועט ער נאָך פאַרשטאַרקן די מאַכט פון אונזער אַבסאָלו־טיסטישער, אַנטי־נאַציאָנאַלער פּלוטאָקראַטיע און שתדלנות־פּאָליטיקער. דער איינציקער ממשות׳דיקער רעזולטאַט פון אַזאַ קאָנגרעס־קאַריקאַטור קען נאָר זיין, אַז די יעניקע, וועלכע זיינען ביז אַהער געוועזן די פּרעטענ־דענטן אויף דעם אידישן כתר־מלכות, וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין אונזערע לעגיטימע קעניגע. זאָל דאָס זיין דער סוף פון דער גרויסער קאָנגרעס־באַוועגונג?״

דער אויפרוף ענדיקט דאָן:

„וואָרפט אָפּ דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אויף אַן אומגעזעצלעכן וועג! וואָרפט אָפּ אַ שלום, וואָס איז קעגן די אויס־דריקלעכע אינסטרוקציעס פון דער אָרגאַניזירטער אידישער דעמאָקראַ־טיע אין אַמעריקע. דער אידישער קאָנגרעס קען נאָר זיין אַ פרייער און אַ דעמאָקראַטישער. דער אידישער קאָנגרעס קען נאָר זיין אַ נאַציאָ־נאַלער״.

דאָס מאָל האָט זיך אונזער קאַמף געווענדט הויפּטזעכלעך קעגן די ציוניסטן. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך די אַחריות פאַר דער מערהייט פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָנגרעס. זיי האָבן עס אָנגענומען אַזאַ שלום־אָפּמאַך מיט אַזאַ גאָרניט־זאָגנדיקן פּאָליטישן אויסדרוק, אַפילו אין דעם ארץ־ישראל־פּונקט. און אונזער פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דעם שלום־אָפּמאַך האָט זיך פונאַנדערגע־פלאַקערט. דעם 19טן אויגוסט, 1916, איז אין קופּער יוניאָן פאָרגעקומען אַ שטורמדיקע דעמאָנסטראַציע קעגן דעם אָפּמאַך. אַ שאַרפע רעזאָלוציע איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג קעגן דעם אָפּמאַך. אַן אָנהויב פון אַ קאַמפּס־פאָנד פאַר אַן אמת׳ן קאָנגרעס איז געעפנט געוואָרן און אַן אומפּאַרטייאישע אידישע קאָנגרעס־ליגע האָט זיך אָרגאַניזירט, אין וועלכער, נאַטירלעך, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, אָנצופירן דעם דאָזיקן קאַמף.

און אַ קאַמף איז דאָס געווען אַ שווערער. כמעט די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט אַגיטירט פאַרן שלום־אָפּמאַך. זי האָט אין דעם געזען דעם איינציקן וועג פון אידישער אחדות. די ציוניסטישע פירערשאַפט האָט געקעמפט פאַר דעם. די מאַיאָריטעט פון דער קאָנגרעס־עקזעקוטיווע האָט איר גאַנץ געוויכט אַוועק־געלייגט אויף דער זייט פונם שלום־אָפּמאַך. מיר האָבן גאַנץ גוט געוואוסט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר נעמען אויף זיך. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב דער שלום־אָפּמאַך ווערט אָפּגעוואָרפן, נעמען מיר אויף זיך די אַחריות אויפ־צובויען פון דאָס ניי די כמעט חרוב־געוואָרענע קאָנגרעס־באַוועגונג. מיר האָבן

זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר דער באַהויפּטונג, אַז אויב דער שלום־אָפּמאַך ווערט אָפּגעוואָרפן, ווערט צעבראָכן לעולם ועד אידישע אַחדות. מיר האָבן געוואוסט, אַז אַזוי וויט וועט עס ניט גיין, אָבער אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג וועט דאַרפן דורכמאַכן פון דאָס ניי אַ פּראָצעס פון אויפלעבונג — דאָס האָבן מיר גאַנץ גוט געוואוסט. אַנדערש האַנדלען אָבער האָבן מיר בשום אופן ניט געקענט. מיר האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון אַמעריקאַנער אידנטום אויסצושרייען זיין צער און צאָרן און פונאַנדערוויקלען זיינע צוקונפטס־האָפענונגען אָפן און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן געזוכט אויפצוהויבן דעם כבוד פונם אידישן פאָלק. און קוקנדיק צוריק מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט, דאַכט זיך, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט צו באַהויפּטן, אַז מיר האָבן דאַן צוגעטראָגן צום האַרץ פון די אידישע מאַסן. דער בעסטער באַוויז איז געווען דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 15טן סעפּטעמבער, 1916, צווישן די דעלעגאַטן צו דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ. די רע־זולטאַטן פון די דאָזיקע אָפּשטימונגען זיינען געווען:

וועגן די פּרינציפּיעלע פּונקטן — די באַשרענקונג פונם פּראָגראַם פון קאָנגרעס, סיי בנוגע ארץ־ישראל, סיי בנוגע וואַנדערונג און קאָנסטרוקטיווער הילף און די פראַגע „גרופּן־רעכט״ — די אַלע פּונקטן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 127 שטימען קעגן 116. דער ניט־דעמאָקראַטישער וואַל־פּלאַן איז אָפּגע־וואָרפן געוואָרן מיט 129 שטימען קעגן 113. דאָס זיינען, נאַטירלעך, געווען די צוויי וויכטיקסטע קאַמף־פּונקטן, קעגן וועלכע אונזער אַגיטאַציע איז געווען געצילט. עס זיינען אָפּגעשטימט געוואָרן נאָך צוויי פּונקטן אין דעם דאָזיקן רעפערענדום. די פראַגע וועגן דער צייט, ווען דער קאָנגרעס זאָל צונויפגערופן ווערן, און די פראַגע פון דער פאַרטרעטערשאַפט פונם צווייטן צד אין דער פאַר־אייניקטער עקזעקוטיווע, וואָס דאַרף צוגרייטן דעם קאָנגרעס. מיר האָבן פאַר־לאַנגט אַ פעסטגעשטעלטע דאַטע פאַר די וואַלן צום קאָנגרעס און פאַר דער צייט, ווען דער קאָנגרעס גופא זאָל פאַרקומען. דער אָפּמאַך, דאַקעגן, האָט געזאָגט, אַז די עקזעקוטיווע האָט די פרייהייט צו באַשטימען די צייט, סיי פון די וואַלן, סיי פון קאָנגרעס גופא, בתנאי, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאַרקומען פאַרן פרידנס־קאָנגרעס. דעם פּונקט האָבן מיר פאַרלוירן. מיט 150 שטימען קעגן 87 איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג פון שלום־אָפּמאַך.

וועגן צווייטן פּונקט האָבן מיר גע׳טענה׳ט, אַז דער צד, וואָס האָט אַרויס־געוויזן אַזוי פיל קעגנערשאַפט צום עצם קאָנגרעס־געדאַנק, טאָר ניט קריגן קיין גלייכע פאַרטרעטערשאַפט אין דער צוגרייטונגס־עקזעקוטיווע מיט די קאָנגרעס־אָנהענגער. דער שלום־אָפּמאַך האָט זיי געגעבן אַ גלייכע פאַרטרעטערשאַפט. דער רעפערענדום האָט מיט 126 פאַר און 114 קעגן געשטימט פאַר אַ גלייכער פאַרטרעטערשאַפט.

אינם גאַנצן רעפערענדום ווערט זייער בולט דער פאַקט, אַז דאָרטן, וואו מיר האָבן געקעמפט פאַר פּרינציפּן, האָבן מיר געזיגט. דאָרטן אָבער, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּראַקטישע פראַגן, האָט די מערהייט פון די אָנטיילנע־

מער אינם רעפערענדום געשטימט, אַז אין די פּונקטן זאָל מען נאָכגעבן, צוליב דער מעגלעכקייט פון אַנהאַלטן שלום אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

דאָס וואָס די יאַ־זאָגער האָבן כסדר געשראָקן אַלעמען, אַז אויב מען וואַרפט אָפּ דעם אָפּמאַך, צעברעכט מען די מעגלעכקייט פאַר אַן איינהייטלעכן אַרויסטריט פון אַמעריקאַנער אידנטום, איז, נאַטירלעך, ניט געשען. תיכף נאָך דער רעפערענדום־אָפּשטימונג האָבן זיך אָנגעהויבן נייע פאַרהאַנדלונגען און שוין דעם 2טן אָקטאָבער, 1916, איז אַ נייער שלום־אָפּמאַך פאָרמולירט געוואָרן.

מען קען ניט זאָגן, אַז דער נייער אָפּמאַך האָט אונז פולקאָם צופרידנגע־שטעלט. דאָס וואָס דער אָפּמאַך האָט אויסגעשלאָסן די וואַנדערונגס־פראַגע און האָט אין פאַרויס באַשלאָסן, אַז דער קאָנגרעס טאָר ניט זיין פערמאַנענט,

יואל ענטין, געוועזענער אַקטיוון אַנטייל אין דער אידישער קאָנגרעס־באַוועגונג; איצט וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

האָט אָן ספק רעדוצירט זיין באַדייטונג. אַ ספּעציעל־שלעכטן מזל האָט געהאַט די פראַגע, צי זאָל זיך דער קאָנגרעס באַשעפטיקן מיט די פּראָבלעמען פון קאָנ־סטרוקטיוון רעליף. דער נייער שלום־אָפּמאַך האָט עס איבערגעגעבן צו דער 140ער קאָמיטע. די לעצטע האָט דווקא איבערגעלאָזן דעם קאָנגרעס פריי צו האַנדלען וועגן דעם, אָבער אויפן קאָנגרעס גופא איז די רעליף־פראַגע אויסגע־שלאָסן געוואָרן פון סדר־היום. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אין דעם זייער שטאַרק אויסגעהאָלפן. (פילע האָבן באַהויפּטעט, אַז די ציוניסטן האָבן וועגן

דעם געהאַט אַ פריערדיקע פאַרשטענדיקונג מיט די מיטגלידער פון דער אַמע־ריקען דזשואיש קאָמיטע). דאָס האָט אָן ספק געפירט צו דער העגעמאָניע, וואָס די אידן פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָבן זיך דערוואָרבן אין גאַנצן אידישן לעבן דורך דעם פון זיי קאָנטראָלירטן „דזשאָינט". דאָס האָט אויך געפירט דערצו, אַז אַפילו אין ציוניזם גופא זאָל זיך זייער ווירקונג אַריינ־רייסן, און שטענדיק זוכן זיי צו ווירקן פאַר מינימאַלע ארץ־ישראל־פאָדערונגען, ניט פאַר מאַקסימאַלע. אָבער, מיט אַט־אָ די אויסנאַמען, איז דער קאָנגרעס אַליין געווען פיל, פיל בעסער, ווי די ראַם, אין וועלכער אַפילו דער נייער שלום־אָפּמאַך האָט אים געוואָלט איינפּאַסן. דער קאָנגרעס איז ענדלעך אָפּגעהאַלטן געוואָרן. ער איז געווען אַ פרייער (מיט די אויבן אָנגעצייכנטע אויסנאַמען). ער איז געווען אַ דעמאָקראַטישער, (ווען אַפילו בלויז אויף 75%, ווייל דער ענט־גילטיקער אָפּמאַך האָט פעסטגעשטעלט, אַז דורך דירעקטע וואַלן דאַרפן אויס־געקליבן ווערן 300 דעלעגאַטן און די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן שיקן הונדערט דעלעגאַטן). ער איז געווען אַ נאַציאָנאַלער: זיין ארץ־ישראל־פּראָגראַם איז געווען פולשטענדיק אין ציוניסטישן זין. מען האָט אויך געפונען אַן אויס־דרוק פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות. עס האָט געהייסן באַזונדערע „פאָלקס־רעכט" אַנשטאָט דעם פריערדיקן אויסדרוק „גרופּן־רעכט". (אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אומעטום אָנגענומען געוואָרן דער אויסדרוק „מינאָ־ריטעטן"־רעכט). די רעזאָלוציעס וועגן אַט די וויכטיקסטע פּונקטן זיינען אָנ־גענומען געוואָרן איינהייטלעך פון גאַנצן קאָנגרעס. די פריערדיקע קעגנער, הויפּטזעכלעך לואיס מאַרשאַל, האָבן מיט גרויס טאַלאַנט פאַרטיידיקט ביים פרידנס־קאָנגרעס די איינשטימיק־אָנגענומענע באַשלוסן פון אַמעריקאַנער אי־דישן קאָנגרעס. אין היסטאָרישן זין איז דער קאָנגרעס אַפילו געווען אַ קאָנ־סטרוקטיווער. טראָץ די אַנטוישונגען, וואָס דער נאָך־מלחמה־קורס האָט גע־בראַכט אויף דער וועלט, האָט אָבער די קאָנגרעס־באַוועגונג אַלס אַזעלכע און דער ערשטער קאָנגרעס בפרט, געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָלע, סיי אין געבן דעם אידישן פאָלק די מעגלעכקייט, אַז אַן איינהייטלעכע פאַרטרעטערשאַפט זיינע זאָל אויפטרעטן פאַר די אָרגאַנען פון דעם פרידנס־קאָנגרעס, סיי אין אַריינשרייבן אין די אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן נייע באַציאונגען צו מי־נאָריטעטן. אויב אַפילו די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען נאָך ביז היינט ניט דורכגעפירט געוואָרן, האָבן זיי נאָך זייער לעצט וואָרט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ניט געזאָגט. עס וועלן קומען ליכטיקערע טעג. די וועלט וועט זיך דאַן צו אַט די פּרינציפּן אומקערן. אין אַלגעמיין גענומען, האָט דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע פאַרשאַפט אומגעהויער גרויסן כבוד דעם אידישן פאָלק.

אונזער קאַמף, אַלזאָ, אַרום דעם פּונקט האָט געבראַכט אומגעהויערע נוצן און מיט רעכט האָט דער לייט־אַרטיקל פון „אידישן קעמפער", אונטערציענדיק די אונטערשטע שורה נאָך דער רעפערענדום־אָפּשטימונג, געזאָגט:

„פאַר די קומענדיקע אידישע דורות אין אַמעריקע וועט דער „ניין"
— אונזער „ניין", וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט קעגן „גרופּן־רעכט" —

קלינגען ווי אַ געבאָט ניט אָפצוזאָגן זיך פון אונזער אייגענעם איך אונטער קיינע אומשטענדן״.

אָבער ניט אַזוי שנעל און ניט אַזוי גרינג האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו די אויבן אָנגעצייכנטע רעזולטאַטן. די עפּאָכע צווישן דער רעפערענדום־אָפשטימונג און די ווייטערדיקע צוגרייטונגען צום קאָנגרעס ביז דער אָפּהאַלטונג פון קאָנגרעס גופא האָבן געהאַט צו באַצייכענען אויפשטייגן און אַראָפּזינקונגען אין דער גאַנצער קאָנגרעס־באַוועגונג. די הויפּט־צרות האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פּלוצלונג דערקלערט, אַז אַזוי ווי די פאַרהאַנדלונגען ציען זיך אַזוי לאַנג, איז ער מיד פון גאַנצן ענין. מיר האָבן געוואוסט, וואוהין אַזאַ דערקלערונג צילט. מיר האָבן דאַן אויפגעקלערט דעם כאַראַקטער פון די האַנדלונגען פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז ווען ער וואָלט ווירקלעך געוואָלט דורכפירן די באַשלוסן, וועלכע דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס פון אָנהויב סעפּטעמבער, 1915, האָט אָנגענומען, האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט געקענט תיכף נאָך דער רעפערענדום־אָפשטימונג שפּילן זייער אַ באַדייטנדע ראָלע. ער האָט געקענט פאָרשלאָגןביידע צדדים זיין פּראָגראַם, דאָס פּראָגראַם פונם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס, די קלאָרע פאָרמולירונג פון דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט און די פּאָליטישע פאָרמולירונג בנוגע ארץ־ישראל, וואָס האָט פאַרלאַנגט פרייע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פאַרן פּאַלעסטינישן אידנטום. וואָלטן די פירער פונם אַרבעטער־קאָמיטעט ערנסט געוואָלט דורכפירן די דאָזיקע קלאָרע אינסטרוקציעס, האָבן זיי געקענט דאַן ברייגען זייער פּראָגראַם צו ביידע צדדים, און דאָס דאָזיקע פּראָגראַם וואָלט געקענט ווערן דער באַזיס פאַר אַ נייעם, פיל געזינטערן שלום־אָפּמאַך. די פירער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן אָבער בכלל געוואָלט פּטור ווערן פון דער גאַנצער קאָפּ־דרייעניש, וואָס הייסט „קאָנגרעס־באַוועגונג״. האָבן זיי דעריבער געטאָן אַלץ אין דער וועלט, כדי די קאָנגרעס־באַוועגונג אונטערצוגראָבן. דעם 11טן און 12טן פעברואַר, 1917, האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנווענשאָן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָבן זיי צו דער קאָנווענשאָן ניט צוגעלאָזן. אויף דער קאָנווענשאָן האָבן זיי נאָך ניט געוואַגט צו מאַכן דעם לעצטן שריט און איבעררייסן מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער פאַקט, וואָס איינער פון די הויפּט־געסט זייערע ביי דער קאָנווענשאָן, ניט קיין אַנדערער ווי דער שפּעטערדיקער וועלט־באַוואוסטער לעאָן טראָצקי, האָט אין זיין רעדע אויף דער קאָנווענשאָן געפונען פאַר נויטיק חוזק צו מאַכן סיי פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, סיי פון אידיש־נאַציאָנאַלע האָפענונגען בכלל.

דעם ענטגילטיקן שריט האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט געמאַכט אַ פּאָר טעג פאַר די קאָנווענשאָנס צו נאָמינירן קאַנדידאַטן פאַר דעלעגאַטן צום אידישן קאָנגרעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פון 13טן ביזן 20טן מאַי, 1917. ערשט דאַן האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט פּלוצלונג

דערקלערט, אַז ער באַטייליקט זיך ניט אין די וואַלן און ציט זיך צוריק פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די אָפיציעלע באַגרינדונג איז געווען, ערשטנס, אַז די וואַלן זיינען ניט געגוג דעמאָקראַטיש פאַר אים (ווי אַזוי ער האָט געהאָלפן אין קאַמף פאַר אמת׳ע דעמאָקראַטישע וואַלן, האָט מען געקענט זען דערפון, וואָס ער איז שטענדיק געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, באַקעמפנדיק יעדן שריט פאַר אמת׳ער דעמאָקראַטיע אין אידישן לעבן). צווייטנס, די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרגעקומען אין פעברואַר און מערץ, 1917, האָט פאַרן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט שוין געלעזט די אידן־פראַגע. דריטנס, האָט מען געגעבן אָנצוהערעניש, אַז דער קאָנגרעס וועט מאַיאָריזירט ווערן פון די ציוניסטן. האָבן זיי געפונען דעם „העלדישן" אויסוועג: אַנטלויפן פון אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס מיט די פאַרהאַסטע ציוניסטן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען תירוצים, וועלכע מען האָט באַנוצט, כדי פטור צו ווערן פונם גאַנצן קאָנגרעס־„אומגליק".

דער געראַנגל אין דער אַרבעטערשאַפט האָט ווידער אַמאָל דעם הויפּט־עול אַרויפגעלייגט אויף דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַלס ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנווענשאָן פון פעברואַר האָבן מיר גערופן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן. זי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 24טן און 25טן מערץ, 1917. דאָס איז געווען נאָך אײדער דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דער דערפאָלג פון דער קאָנווענשאָן האָט איבערגעשטיגן אַפילו אונ־זערע אייגענע דערוואַרטונגען. די אָפּרייטערס און די קאַטערס פון די קלאָוק־מאַכער, לאָקאַלן פון דער אַמאַלגאַמייטעד, די אידישע בעקער־יוניאָנס, די פּיינ־טער־יוניאָנס, די שריפטזעצער און נאָך אַנדערע יוניאָנס, האָבן זיך אין דער קאָנווענשאָן באַטייליקט. אַזוי אויך אַ גרויסע צאָל צווייגן פון אַרבעטער־רינג. דער קאַמף אַרום דער באַטייליקונג אין אונזער קאָנווענשאָן האָט געפלאַקערט אין יעדער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַפילו אויך אין יענע, וועלכע האָבן ניט געפונען אין זיך גענוג מוט אַרויסצורייסן זיך פונם אָפיציעלן ראָם פונם נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. יענע עטלעכע וואָכן האָט קיין איין מיטגליד פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ טאָג ניט גערוט. דער אַלטער פּראָטעסט קעגן דער אײנזיידעניש, אַז די אַנטי־ציוניסטישע אַרבעטער־גרופּי־רונגען זיינען די איינציקע פאַרשטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, איז אַמ־שטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק. דער סימן מובהק פון אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע — איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט — האָט זיך פאַרנומען מיט דעם גרעסטן שוואונג און מיר האָבן אָפּגע־האַלטן אַן אומגעהויערן נצחון. די באַטייליקונג אין דער קאָנווענשאָן — זייער און זייער אַ גרויסע. די קלאָרע פּראָגראַם, מיט וועלכער מיר זיינען געגאַנגען צו דער קאָנווענשאָן, איז פון איר אָנגענומען געוואָרן און, אָנגעפילט מיט אַ דער שטימונג, האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן צו די וואַלן צום קאָנגרעס. זיכער איז, אַז אַט די דעמאָנסטראַציע פון אינערן כוח פון אונזער באַוועגונג איז געווען איינע פון די מאָטיוון, וואָס האָט די גאָלדפאַרבס, די אַלגינס און די אַנדערע דאַמאָלס־

טיקע פירער פונם אַרבעטער־קאָמיטעט איבערגעשראָקן און זיי צוגעהאָלפֿן צו זייער ויברח פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

דעם שאַרפסטן פּאַרמעסט מיט זיי האָבן מיר אָבער געהאַט אין די וואַלן גופא. מיר האָבן געזוכט אַריינצוציען וואָס מער אידישע אַרבעטער־כוחות אין די וואַלן פון קאָנגרעס. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געקעמפט קעגן דעם. די אידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן אָבער אין די צענדליקע טויזנ־טער זיך באַטייליקט אין די וואַלן, וואָס זיינען סוף־כל־סוף דורכגעפירט געוואָרן דעם 10טן יוני, 1917.

אַ קורצער אַנאַליז פון די רעזולטאַטן פון די וואַלן צום ערשטן קאָנגרעס באַווייזט עס אויסער יעדן ספק. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער צעטל האָט געצויגן אַרום 75,000 שטימען פון אַן אַלגעמיינער צאָל פון 325,000. די 75,000 זיינען געווען די צאָל, וואָס אונזערע דורכשניטס־קאַנדידאַטן האָבן באַקומען. ווען מען זאָל צונויפרעכענען די צאָל שטימען, וואָס עס האָבן געצויגן די מער באַקאַנטע קאַנדידאַטן אונזערע, האָט עס איבערגעשטיגן ווייט איבער 100,000. ווער האָט פאַר אונז געשטימט? די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געהאַט זייער אייגענע רשימה. די רעליגיעזע אידן זייער רשימה. די אידן פון פאָלקס־אָרדנס זייערע אייגענע רשימות. אַלע פאַרשיידענע רשימות האָבן שטאַרק געקעמפט איינע קעגן די אַנדערע און אַלע פון זיי קעגן אונזער רשימה. די 75,000, וואָס האָבן גע־שטימט פאַר אונז, זיינען אין זייער גרויסער מאַיאָריטעט געווען אידישע אַר־בעטער.

דערביי דאַרף מען אויך געדיינקען, אַז ניט נאָר אונזער רשימה האָט גע־צויגן אַרבעטער־שטימען. טויזנטער אידישע אַרבעטער, מיטגלידער פון יוניאָנס, האָבן געשטימט פאַר רבנים, ווייל די דאָזיקע אידישע אַרבעטער זיינען גלייכ־צייטיק געווען מיטגלידער פון שולן און בתי־מדרשים. טויזנטער אַרבעטער האָבן געשטימט פאַר לאַדזשן־פירער, ווייל זיי זיינען אויך געווען מיטגלידער פון די דאָזיקע לאַדזשן. ווייניקסטנס 125,000 אידישע אַרבעטער האָבן זיך באַטיי־ליקט אין די וואַלן. דער נצחון פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַווע־גונג איז געווען אומגעהויער. אַזוי אומגעהויער איז אויך געווען די מפּלה פונם דאַמאָלסטיקן אַרבעטער־קאָמיטעט.

די וואַלן גופא האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אין גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום. אַ געפיל פון קדושה האָט אַרומגענומען גרויסע אידישע מאַסן אין יענעם טאָג. דערמאָנט מען זיך נאָך, אַז האַרט פאַר די וואַלן איז אַ גרופּע ראַבינער פון סינסינעטי־טיפּ אַרויס מיט טענות, אַז די קאָנגרעס־באַוועגונג איז אַ באַוועגונג פון אומטרייהייט צו די פאַראייניקטע שטאַטן, און זיי האָבן דע־ריבער אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף איר; אַז אייניקע אָנגעזעענע מיטגלידער פון אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע — הויפּטזעכלעך דר. סיירוס אַדלער — האָבן ניט געקענט איבערטראָגן די „חוצפה" פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג, וועלכע האָט „פאַרכאַפּט" אַמעריקע און זי צעטיילט אין אייגענע נייע קאָנגרעס־דיסטריקטן; דערמאָנט מען זיך אָן אַלע שטערונגען, וואָס די קאָנגרעס־באַוועגונג האָט געמוזט באַזייטיקן ביז די וואַלן, דאַרף דער 10טער יוני, 1917, פאַרצייכנט ווערן אַלס

די וויכטיקסטע דאַטע אין דער ביז־איצטיקער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנ־טום.

מיט די וואַלן האָט זיך געענדיקט דער צווייטער קאַפּיטל פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דאָס איז זיכער געווען דער לעבעדיקסטער און אינטערעסאַנטסטער קאַפּיטל. נאָכדעם אָבער הויבט זיך אָן די ירידה פון דער באַוועגונג. זי האָט נאָר אויפגעלויכטן אַ קורצע צייט פאַר דעם קאָנגרעס און נאָכאַמאָל אויף דעם

דוד פינסקי, רעדאַגירט די פועלי־ציוניסטישע טאָג־צייטונג „די צייט" אין 1920־22, פאַר לאַנגע יאָרן דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

קאָנגרעס גופא סוף 1918, אָבער פון דעם 10טן יוני, 1917, ביז סוף 1918 איז געווען אַ שטילשטאַנד אין דער גאַנצער קאָנגרעס־באַוועגונג.

אָנגעהויבן האָט זיך דער פּראָצעס פון דער ירידה תיכף נאָך די וואַלן. אין וואַשינגטאָן איז דאַן געזעסן אַ איד אַן אַסימילאַטאָר, סיימאָן וואָלף; ער איז גע־

ווען איינער פון די פירער פון דער „יוניאָן אָוו דזשואיש קאָנגרעגיישאָנס”. פון אַ טייל ראַבאַיס פון אָט די קאָנגרעגיישאָנס איז עס אַרויסגעוואַקסן דער אויבנ־דערמאָנטער חרם אויף דער קאָנגרעס־באַוועגונג פאַר די וואַלן. אין „דזשואיש קאָמענט” פון סוף יוני, 1917, ווערט דערציילט, אַז

„דעם 14טן יוני האָט דער טעלעפאָן פון ווייסן הויז אינפאָרמירט מר. וואולף, אַז אָפּהאַלטן דעם אידישן קאָנגרעס אין איצטיקן קריזיס וואָלט געווען ניט ראַטזאַם”.

ווי אַזוי פּרעזידענט ווילסאָן האָט פּלוצלונג אַנגעהויבןריידן צו מר. וואולף וועגן אידישן קאָנגרעס, איז ניט דערציילט געוואָרן. וואָס מר. וואולף האָט געטאָן, כדי צו קריגן אַזאַ טעלעפאָן, איז אויך ניט איבערגעגעבן געוואָרן. פון וואַנען די דאָזיקע אינטריגע אַנטקעגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זיך דאַן אָנגעהויבן, איז נאָך עד היום ניט אויפגעקלערט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. פאַראַן איינצקע מענטשן, וועלכע ווייסן עפּעס מער וועגן דעם. זיי דערציילן אָבער ניט.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ווידער דערקלערט אַ קאַמף, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר קיין נצחון ניט אָפּגעהאַלטן. אין דעם פּונקט האָט די גאַנצע דאָמאָלסטיקע אַלגעמיין־ציוניסטישע קראַפט זיך געשטעלט קעגן אונז. בראַנדייס איז שוין דאַן געווען ניט פּשוט לואי בראַנדייס, נאָר ריכטער לואי בראַנדייס. ער אַליין האָט שוין אין עפנטלעכע אַסיפות זיך ניט באַטייליקט און צו געשלאָסענע זיצונגען איז ער אויך ניט געקומען. מען האָט שוין גערעדט בלויז אין זיין נאָמען. און דעם 8טן יולי, 1917, אַ קאָרגן חודש נאָך די וואַלן, איז אויף אַ זיצונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוו קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם קאָנגרעס, דערשינען רבי וויז און האָט אין בראַנדייס׳עס נאָמען און אויך אין זיין אייגענעם נאָמען (ער האָט וועגן דעם געהאַט אַ ספּעציעלן געשפּרעך מיט פּרעזידענט ווילסאָן, כאָטש קיינער האָט אים צו דעם דאָזיקן געשפּרעך ניט אינסטרואירט) איבערגעגעבן, אַז פּרעזידענט ווילסאָן איז קעגן דעם, אַז דער אידישער קאָנגרעס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין דער פריער־באַשטימטער דאַטע, דעם 2טן סעפּטעמבער, 1917.

אונזערע פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן. מנצח געווען האָבן די אָנהענגער פון אָפּלייגן דעם קאָנגרעס. געהייסן האָט עס אויף יענער זיצונג, אַז דער קאָנגרעס ווערט אָפּגעלייגט אויף צוויי חדשים און אַז ער וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דעם 18טן נאָוועמבער, 1917. אַרויסגעוויזן האָט זיך, ווי אונזערע פאָרטרעטער האָבן טאַקע גלייך אָנגעוויזן, אַז אויב מען הויבט אָן אָפּלייגן, איז דער צווייטער טערמין אויך ניט קיין זיכערער. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער קאָמיטעט האָט דאַן צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון אַלע ניו־יאָרקער געוויילטע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. די זיצונג האָט אָנגענומען אַ זייער העפטיקן פּראָטעסט קעגן דער אָפּלייגונג און האָט געוואָרנט דעם אַדמיניסטראַטיוו קאָמיטעט קעגן וויטערדיקע אָפּלייגונגען. אין זעלבן זין האָט רעאַגירט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון אין אַ שאַרפן רוף צום אַדמיניסטראַטיוו קאָמיטעט און צו דער אידישער עפנטלעכ־

קייט. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפן. אויף אַ זיצונג פון דער גאַנצער 140ער קאָמיטע איז סוף־כל־סוף באַשלאָסן געוואָרן אָפצולייגן דעם קאָנגרעס ביז: „פרידנס־פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״.

דער אויסדרוק: „ביז פרידנס־פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״ איז ניט געווען קיין צופעליקער. פונקט ווי עס זיינען ניט געווען צופעליק די אַלע אַנדערע אויסדרוקן, קעגן וועלכע מיר האָבן געדאַרפט פירן אַ העפטיקן קאַמף, ביז מיר האָבן זיי אָפגעשריען. דער אויסדרוק: „גרופן־רעכט״ אַנשטאָט „נאַציאָנאַלע רעכט״, דער נאָמען „קאָנפערענץ״ אַנשטאָט „קאָנגרעס״, — דאָס זיינען אַלץ געווען אויסדרוקן, וועלכע זיינען פאָרמולירט געוואָרן אין די קרייזן פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אַזוי אויך דער אויסדרוק „ביז פרידנס־פאַרהאַנדלונגען וועלן זיין אין אויסזיכט״, וואָס האָט באַצוועקט אָפצולייגן דעם קאָנגרעס אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. נאָך אין נאָוועמבער, 1915, האָט די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע אויף איר יערלעכער זיצונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג. זי האָט דאַן זיך שוין געמוזט צוריקציען פון איר פריערדיקער שטעלונג, אַז מען מוז רופן בלויז אַ קאָנפערענץ און ניט חלילה קיין קאָנגרעס. איר רעזאָלוציע האָט געזאָגט, אַז אַ קאָנפערענץ דאַרף מען רופן שוין, און אויף דער קאָנפערענץ זאָלן, צווישן אַנדערע זאַכן, אויסגעאַרבעט ווערן פלענער אויף צוזאַמענצורופן אַ קאָנגרעס "After the termination of hostilities". די 140ער קאָמיטע האָט, אַלזאָ זיך דערערדט צו אַ פאָרמולירונג, וואָס אַנטהאַלט דעם זעלביקן געדאַנק, נאָר מער פאַרשוואומען, מיט מער מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקע אָפלייגענישן.

די הויפט־סיבה פאַר דעם איז געווען: פחד! אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה און די אַלטע אידישע אַסימילאַציע, האַנט־אין־האַנט מיט דעם אידישן אינפעריאָריטעט־קאָמפלעקס, וואָס האָט בכלל מורא צו ריידן וועגן אייגענע אינטערעסן, האָט גענומען די אויבערהאַנט. ריידן וועגן אידישע ענינים, אַזוי לאַנג ווי די מלחמה גייט נאָך אָן, — אַ שווידער האָט אַרומגענומען די פחד־אידן! און דער פחד־קאָמפלעקס האָט מנצח געווען. דער קאָנגרעס איז אָפגעלייגט געוואָרן.

פון צייט צו צייט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג דערמאָנט דער 140ער קאָמיטע, אַז 300 דעלעגאַטן האָבן געקראָגן זייערע מאַנדאַטן זיך צוזאַמענצוקלייבן און באַהאַנדלען אידישע פראָבלעמען; אַז עס איז אַן אַקט פון דער גרעסטער געזעלשאַפטלעכער דעמאָראַליזאַציע מבטל צו מאַכן דעם ווילן פון הונדערטער טויזנטער אידן, וועלכע מיר האָבן גערופן צו די וואַלן. עס האָט אונז אָבער ניט געהאָלפן. מען מוז מודה זיין: אויך מיר זיינען אויף אַ צייט מיד געוואָרן. דאָס ערגסטע אין דער לאַגע איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטן אַדרעס, צו וועמען צו אַפעלירן אַנטקעגן די האַנדלונגען פון דער 140ער קאָמיטע. נאָך דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ האָבן מיר געקענט דעם דאַמאָלסטיקן קאָנגרעס־קאָמיטעט צווינגען דורכצופירן דעם רעפערענדום צווישן די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך אין דער פילאַדעלפיער פאַר־קאָנפערענץ באַטייליקט. נאָך די וואַלן איז אָבער ניט געבליבן צו וועמען צו

אַפּעלירן. די איינציקע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געהאַט די יורידישע רעכט צוזאַמענצורופן דעם קאָנגרעס, איז געווען די 140ער קאָמיטע, און אין דער קאָמיטע זיינען מיר געבליבן אין אַ קליינער מינאָריטעט, ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די מענטשן פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אַפילו אַפּעלירן צו די געוויילטע קאָנגרעס־לייט האָבן מיר פאָרמעל ניט געקענט, און די קאָנגרעס־באַוועגונג איז דורך מאַנגל אין טעטיקייט פאַרשלאַפט געוואָרן און איינגעשלאָפן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנצן יאָר נאָכאַנאַנד. ערשט אין מיטן זומער, 1918, ווען די הינדנבורג־ליניע האָט אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע סימנים פון אָפּשוואַכונג, וואָס האָט געפירט צו דעם פולשטענדיקן צוזאַמענפאַל פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין, האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צוזאַמענצורופן דעם קאָנגרעס. מען האָט אָנגעהויבן שפּירן, אַז „פרידנס־פאַרהאַנדלונגען זיינען שוין אין אויסזיכט". ערשט דאַן האָט אונזער דרוק אויף דער 140ער קאָמיטע צוריק אָנגעהויבן צו געווינען קראַפט. אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט די קאָנגרעס־שטימונג און דער אינטערעס אין אידישן קאָנגרעס ווידער גענומען שטייגן.

אויך אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט אָנגעהויבן אויפגעוואַכט ווערן דער אינטערעס צום אידישן קאָנגרעס. די ערלעכע קאָנגרעס־אַנהענגער צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אין וועלכן טעמפּן ווינקל די דאַמאַלסטיקע פירער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן זיי אַריינגעשטויסן. עס האָט פיל פון זיי זייער שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן זיך אין די וואַלן ניט באַטייליקט. מיר, פון אונזער זייט, האָבן כסדר פאַרלאַנגט, אַז דער 140ער קאָמיטעט זאָל פון דאָס ניי אָנהויבן פאַרהאַנדלונגען מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט. דער דאָזיקער צווייפאַכער דרוק האָט געפירט דערצו, אַז סוף־כל־סוף האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט ווידער אַמאָל געענדערט זיין שטעלונג און באַשלאָסן אין קאָנגרעס דאָך זיך צו באַטייליקן. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע שקלא וטריא וועגן דער צאָל דעלעגאַטן, וואָס זאָל אויסגעטיילט ווערן צום אַרבעטער־קאָמיטעט פון יענע הונדערט, וועלכע האָבן געדאַרפט געשיקט ווערן פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ענדלעך האָבן ביידע צדדים מסכים געווען צו געבן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט 20 דעלעגאַטן. אַזוי איז עס געשען, אַז דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע האָט אין דער ווירקלעכקייט פאַרטראָטן אַלע אידישע ריכטונגען מיט דער אויסנאַם פון די גאָר עקסטרעמע יחידים־אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן קיין מגע־ומשא ניט געוואָלט האָבן מיט וועלכן עס איז ספּעציפיש־אידישן אַרויסטריט אין אַמעריקע.

אין די זיצונגען פון קאָנגרעס גופא האָט אייגנטלעך קיין נייעס ניט געקענט פּאַסירן. אַלע קאַמפן אַרום פּרינציפּיעלע פּונקטן זיינען שוין פריער אויסגעפאָכטן געוואָרן. אַלע פאָרמולעס זיינען כמעט ווי פעסטגעשטעלט געוואָרן. די לעצטע רעדאַקציעס פון די דאָזיקע פאָרמולעס זיינען אין די קאָנגרעס־טעג געמאַכט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון לואיס מאַרשאַל. אַז ער האָט געוואוסט, ווי צו פאָרמולירן פּאָליטישע פאָדערונגען, איז איבעריק צו באַצייכענען. אַז



די גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד אין יאָר 1924־25. אויבערשטע ריי (פון רעכטס צו לינקס): וו. געלבאַרד, אַ. באַביץ, ל. סיגאַל, מ. קאַסטאָף, י. זעמעל, ה. באַס, פּ. גינגאָלד, ע. באָקסענבוים. אונטערשטע ריי: ד. פלאַטראָט, ש. גאָלדשטיין, מ. בראַון, נ. זווירין, י. ריערסאָן.

ער האָט זיך געהאַלטן אין פולן זין לויט די דערגרייכטע פאַרשטענדיקונגען, איז אויך זעלבסטפאַרשטענדלעך. ניט נאָר דערפאַר, ווייל ווען ער פאַרמולירט אַנדערש, וואָלט ער געמוזט באַגעגענען אַ העפטיקן קאַמף אין קאָנגרעס גופא. נאָר פשוט דערפאַר, ווייל מאַרשאַל האָט פאַרמאָגט די ערנהאַפטע באַציאונג צו אַן אַפמאַך, ווען אַפילו ער האָט ניט מיט אַלע פרטים איינגעשטימט. דאָס קען, לײַדער, ניט געזאָגט ווערן וועגן אַלע מיטגלידער פון דער דאַמאַלסטיקער אַמע־ריקען דזשואיש קאָמיטע. אייניקע פון זיי האָבן ניט געקענט איבערטראָגן דעם נצחון פון נאַציאָנאַלן אידנטום. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן פון בריטישן און פראַנצויזישן אידנטום און האָבן געזוכט אָפּצו־שוואַכן די איינהייטלעכע אַרויסטרעטונג פון אַמעריקאַנער אידנטום דורך דעם געאייניקטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אויפן קאָנגרעס גופא זיינען אָבער יענע עלעמענטן ניט געקומען צום אויסדרוק.

אין די פאַרשיידענע קאָמיסיעס פון קאָנגרעס זיינען, נאַטירלעך, פאָרגעקו־מען הייסע דעבאַטן. אייניקע פון די ניי־צוגעקומענע פאַרטרעטער פון נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו דינגען זיך איבער פאַר־שיידענע אויסדרוקן. הויפּטזעכלעך האָבן זיי ניט געקענט אַראָפּשלינגען די קלאָרע ארץ־ישראל־רעזאָלוציע פון קאָנגרעס. עס האָבן זיך אַפילו געפונען צוויי דעלעגאַטן, וואָס האָבן ביים קאָנגרעס גופא געשטימט קעגן דער איינשטי־מיק־פאַרגעשלאָגענער פּאָליטישער פּראָגראַם. זיי האָבן אָבער דורכדעם נאָך בולט׳ער געמאַכט די כמעט פולסטע איינשטימיקייט פון גאַנצן קאָנגרעס, וואָס האָט פאַרטראַטן דעם גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום, אין די וויכטיקסטע פּאָליטישע פאָדערונגען.

בלויז ביי דער דערעפענונג־זיצונג איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, אין וועלכן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן האָבן ווידער־אַמאָל געמוזט, דורך אַ שאַרפן קאַמף, אָפּהיטן דעם קאָנגרעס פון אַ נאַציאָנאַלן בלאַמאַזש. דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט אַ פאָר טעג נאָכן פּאָגראָם אין לעמבערג. די ידיעות וועגן פּאָגראָם האָבן דערגרייכט די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע דעלעגאַציע האָט געפאָדערט, אַז די ערשטע האַנדלונג פון אידישן קאָנגרעס זאָל זיין — אַ שאַרפע פאַרדאַמונג קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. לואיס מאַרשאַל, צוזאַמען מיט דעם ציוניסט — ריכטער יוליאַן מעק — האָבן דער־צו ניט געוואָלט דערלאָזן. מאַרשאַל האָט גע׳טענה׳ט, אַז עס פעלן קלאָרע באַ־שטעטיקונגען פון דעם, וואָס עס האָט באמת פּאַסירט אין לעמבערג. איך וויל איצטער ניט זיין קיין שופט־אחרון איבער דעם צוזאַמענשטויס. אפשר האָט די מער־פאָרזיכטיקע דיפּלאָמאַטיע געפאָדערט אָפּצוואַרטן, ביז עס וועלן קומען מער דעטאַלע ידיעות. אין אונז האָט אָבער געברויזט דער אוממיטלבאַרער פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געריסן פון יסורים־דורכגעווייטאָגטע הערצער. מיר האָבן פשוט ניט געקענט פאַרשטיין, אויף וואָס נאָך דאַרף מען וואַרטן. די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פאַר די אַליאירטע. די האָפענונג אויף אַ נייער וועלט־דעמאָקראַטיע איז געשטיגן זייער הויך און דאָ באַגעגנט מען דאָס אידישע פאָלק מיט דעם ערשטן נאָך־מלחמה־פּאָגראָם. ווי קען אַ אידישער קאָנגרעס

אין אַמעריקע רואיק אַנגיין מיט זיינע געשעפטן, איידער ער דריקט אויס דעם צער און צאָרן אַנטקעגן דעם בלוטיקן פּאַטש אין פּנים, וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט דאַן געקראָגן?

דורכלעבנדיק איצט נאָך אַמאָל יענעם מאָמענט, ווייס איך ניט, צי מיר וואָלטן אין דעם צוזאַמענשטויס אַרויס די זיגער, ווען ער וואָלט פאָרגעקומען אויף אַ געאָרדנטער זיצונג פון קאָנגרעס, מיט דער באַטייליקונג בלויז פון דעלעגאַטן. עס זיינען אָבער צו דער דערעפענונג געקומען עטלעכע טויזנט פילאַדעלפיער אידן, וועלכע האָבן אַנגעפּאַקט דעם טעאַטער. דער גאַנצער עולם האָט, ווי איין מענטש, אויפגענומען אונזער אַרויסטריט און ער האָט שוין ניט דערלאָזן איבערצוגיין צום סדר־היום איבער דער פראַגע. עס האָבן זיך גע׳כעס׳ט די מענטשן אויף דער בינע. מאַרשאַל אַליין איז אַ פּאָר מאָל אַפילו אַוועק הינטער די קוליסן אין פּראָטעסט קעגן דער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. אָבער מנצח געווען האָבן מיר. אייגנטלעך, דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק. דער פּראָטעסט איז אַנגענו־מען געוואָרן. דער רעגולערער גאַנג פון קאָנגרעס האָט זיך דאַן אַנגעהויבן. איך האָב שוין אויבן כאַראַקטעריזירט, וואָס דער קאָנגרעס איז געווען. דאָ און דאָרט האָט ער שטאַרק געליטן פון די באַגרענעצטע ראַמען, אין וועלכע די פריער־דיקע פאַרהאַנדלונגען האָבן אים איינגעצוימט. אין די מערסטע פאַלן אָבער האָט ער זיך פון די ראַמען אַרויסגעריסן. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אימ־פּאָזאַנטסטער דעמאָנסטראַציע פונם געאייניקטן ווילן פונם אַמעריקאַנער אידנ־טום. זיין היסטאָרישע באַדייטונג דאַרף איך נאָך אַמאָל ניט אונטערשטרייכן.

די ווירקונג פון די באַגרענעצטע ראַמען זיינע האָט מען ערשט בולט דער־זען אויף דער צווייטער צוזאַמענקונפט פון זעלביקן קאָנגרעס אין מיטן זומער, 1920. די דעלעגאַציע, וואָס דער קאָנגרעס האָט געשיקט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט. די צווייטע צוזאַמענקונפט איז גערופן געוואָרן, כדי די דעלעגאַציע זאָל דאָרטן אָפּגעבן איר באַריכט. מען האָט אָבער געוואוסט, אַז לויטן פריערדיקן אָפּמאַך מוז דער קאָנגרעס תיכף נאָכן דערהאַלטן און באַהאַנדלען דעם באַריכט זיך אויפלעזן. נאַטירלעך, האָט די שטימונג ניט געקענט זיין קיין געהויבענע. אמת, די אַנהענגער פון אַ פּערמאַ־נענטן קאָנגרעס, און אוודאי מיר אויך בתוכם, זיינען געקומען צוגעגרייט און אַנטשלאָסן צו עפענען תיכף אַ נייע זיצונג פון דעם פּערמאַנענטן קאָנגרעס דורך יענע מערהייט דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען פאַר אַ פּערמאַנענטן קאָנגרעס. אָבער דער גלאַנץ פון אַן אמת׳ער פאַראייניקונג פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך פון קאָנגרעס אָפּגעטאָן. אַזוי ווי איך שרייב ניט די געשיכטע פון קאָנגרעס, מוז איך זיך דאָ אָפּשטעלן. די הויפּט־פּונקטן, וואָס איך פּרוביר אַרויסהויבן, זיינען די ווירקונגען פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פליגל. דאַרף דאָ דער־דערמאָנט ווערן בלויז נאָך איין שאַרפער צוזאַמענשטויס, טאַקע אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר אין זומער פון 1920.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פראַקציע האָט אַרויסגעבראַכט איר קריטיק

קעגן דער דעלעגאַציע. די קריטיק איז געווען זייער אַ שאַרפע.*) הויפּט־זעכלעך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט טאַקע אויף דעם, וואָס וויכטיקע מיטגלידער פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, וועלכע האָט זיך אָפיציעל באַטייליקט אין קאָנגרעס, האָבן זיך פאַרבונדן מיט עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן און געזוכט אונטער־צוגראָבן דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון דער איינהייטלעכער אַמעריקאַנער אידי־שער רעפּרעזענטאַנץ און די געזונטע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנץ האָט פאַרטראָטן. מיט דער הילף פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט דער קאָנגרעס דעם געלייענטן דאָקומענט פון דער ציוניסטישער פראַקציע דן געווען לגניזה. מען האָט אים אין די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן ניט אַריינגעלאָזן. מען האָט מן הסתם געדיינקט, אַז דערמיט האַלט מען הויך דעם פּרעסטיזש פון דער דעמאָקראַטישער אידישער אַסיפה. מיר זיינען דאַן געווען זיכער (און איך בין נאָך אויך היינט זיכער), אַז דערמיט האָט מען רעדוצירט די באַדייטונג פון דער אַסיפה. אַן אמת דעמאָקראַטישע אַסיפה האָט ניט קיין סיבה מורא צו האָבן פאַר אָפענער קריטיק, ווי שאַרף זי זאָל ניט זיין. און אפשר האָט מען בכלל גאַרניט געטראַכט וועגן דעם פּרעסטיזש פון דער אַסיפה? ווייל אַן אמת'ן דע־מאָקראַטישן פּערמאַנענטן קאָנגרעס, וועמעס פּרעסטיזש מען דאַרף היטן, האָט געוואָלט מיטן גאַנצן הארצן, אַן זייטיקע פּניות, נאָר די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. געווען פיל, פיל אידישע יחידים, וואָס האָבן עס געוואָלט. געווען איינצלנע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עס געוואָלט. געווען צווישן מזרחי אַ טייל, וואָס האָט עס זייער שטאַרק געוואָלט. די אַנדערע אָרגאַניזירטע כוחות — לײדער, אויך דער סתם ציוניסטישער אָרגאַניזירטער כוח — האָבן זיך ניט שטאַרק געזאָרגט, וואָס פונם קאָנגרעס וועט ווערן.

דעם אידישן קאָנגרעס אַלס אָרגאַניזירטן פּערמאַנענטן כוח אין אַמערי־קאַנער אידישן לעבן האָבן די אָריגינעלע קעגנער זיינע טאַקע באַדייטנד אָפּגע־שוואַכט. די געשיכטלעכע באַדייטונג אָבער פון קאָנגרעס, סיי פאַר יענעם צייט־אָפּשניט, סיי אויך ווי אַ ביישפּיל פאַר דער איצטיקער צייט, און נאָך מער ווי אַ יסוד פאַר דער צוקונפט, האָבן זיי שוין ניט געקענט רעדוצירן, און אין אָט דעם געשיכטלעכן פּראָצעס האָט עס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַריינגעגעבן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און דורכדעם געהאָלפן אַריינשרייבן אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידנטום דעם באַדייטענדסטן וואָגיק־פּאָליטישן קאַפּיטל, וואָס איז ביז היינט געשריבן געוואָרן.

ה.

די ראָלע פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן אין אַמעריקאַנער ציוניזם

פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, זיינען שוין קלאָר געוואָרן די וויכטיקסטע ווירקונג־שטחים פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן אין דעם אַמעריקאַנער ציוניזם. עס איז קלאָר געוואָרן, ערשטנס, אַז די ציוניסטן־

*) איך האָב געהאַט בדעה איבערצודרוקן דאָ דעם דאָקומענט, וועלכער איז געלייענט געוואָרן שריפטלעך. לײדער, האָב איך אים אין ערגעץ ניט געקענט געפינען.

סאָציאַליסטן האָבן געמוזט ברענגען ציוניזם צו די פּשוטע אידישע פאָלקסמאַסן, ווייל פאַר זיי האָט עס קיינער ניט געטאָן. שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען איניקע אַלגעמיינע פאָלקס־ציוניסטישע פאַראיינען, וואָס זיינען רעקרוטירט געוואָרן פון אַריבערגעקומענע אַלגעמיינע ציוניסטן פון רוסלאַנד און עסטרייך. נאָך שפּעטער האָט דער מזרחי אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. יעדע פון די גרופּירונגען האָט אָנגעהויבן ברענגען ציוניזם צום פאָלק. דעם גרעסטן חלק אויף דעם געביט האָבן אָבער בייגעטראָגן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. עס איז קלאָר געוואָרן, צווייטנס, אַז אין ציוניזם גופא האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם שטענדיק געדאַרפט פירן אַ קאַמף ניט נאָר פאַר זיינע ספּעציעלע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען, נאָר אויך פאַר דעם נאַציאָנאַלן תוכן פון ציוניזם גופא, וואָס איז ניט אַלע מאָל ריכטיק אויפגעפאַסט געוואָרן דורך דעם אַמעריקאַנער אַלגעמיינעם ציוניזם.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו אַנאַליזירן די סיבות, וואָס האָבן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם געגעבן דעם פּנים, וואָס ער האָט דאַן פאַרמאַגט. מיין אויפגאַבע איז אַרויסצוהויבן יענע מאָמענטן, וואָס דער סאָציאַליסטישער פליגל האָט אין אַמעריקאַנער ציוניזם אַריינגעבראַכט. זיין ספּעציעלער צושטייער איז באַשטאַנען אין איין־איינציקן היסטאָריש־וויכטיקן אַקט: אין שטענדיקן ציען זיך, און ציען מיט זיך דאָס פאָלק, צו דער שפּעפּרישער ציוניסטישער טאַט.

דערמיט איז שוין, אייגנטלעך, אַלץ געזאָגט געוואָרן וועגן דער ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַנער ציוניזם. אַלץ אַנדערש איז שוין ניט מער ווי אַ פּירוש. עטלעכע פאַקטן אָבער דאַרפן באַווייזן, אַז דאָס אויבן געזאָגטע איז ניט סתם אַ באַהויפּטונג; אַז דער זין פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז טאַקע געווען און געבליבן דאָס רייסן זיך צו דער שעפּעריש־ציוניסטישער טאַט.

קערנער פון שעפּערישער ציוניסטישער טאַט זיינען אַריינגעזייט געוואָרן אין אַמעריקאַנער ציוניזם שוין אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער היגער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אונטערן נאָמען „החלוץ" איז פון אונזער פאַרשטאָרבענעם חבר א. ש. וואַלדשטיין אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1906 די ערשטע גרופּע פון פּיאָנערן פאַר פּראַקטישער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט אַ צווייטע גרופּע, אונטערן נאָמען „האיכר הצעיר", געגרינדעט די ערשטע אַגראַרע הכשרה־פאַרם אין קאַליפאָרניע. דאָס זיינען געווען די ערשטע פאַרזוכן אויפן אַמעריקאַנער באָדן אויפן געביט פון דער מאָדערנער פּיאָנערן־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע ערשטע פאַרזוכן האָבן קיין גרויסע ממשות'דיקע רעזולטאַטן באַלד ניט געבראַכט. זייער המשך האָט זיך אין אַמעריקע ערשט אָנגעהויבן אין 1915—1916, ווען די חברים בן־צבי און בן־גוריון האָבן דאַן געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ „החלוץ"־באַוועגונג אין אַמעריקע. אין איירפּע האָט די „החלוץ"־באַוועגונג זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוואַקסן ערשט אין 1918. ווי גרויס עס איז געוואָרן דער פאַרנעם פון דער חלוצישער באַוועגונג איז יעצט באַקאַנט צו יעדן איינעם. די כאַראַקטעריסטישע באַצייכענונג פאַר דער נייער עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע, וואָס האָט זיך

אנגעהויבן מיט צוויי דורות צוריק, וועט אָן ספק זיין „חלוציות". אָבער גאָר אַ רעזולטאַטן איז אויך ניט געבליבן אַפילו דער ערשטער קליינער פּאַרזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע.

צווישן די חניכים פון דער ערשטער הכשרה־פאַרם אין קאַליפאָרניע זיינען געווען: בערל קליי און אליעזר יפה. ביידע האָבן מיט איבער 30 יאָר צוריק זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. בערל קליי האָט זיך תיכף אַנגעשלאָסן אָן „השומר" און האָט טאַקע דעם „השומר" אָפּגעגעבן זיין לעבן אין קאַמף פאַר דער קאָלאָניע „מלחמיה" אין 1915. אליעזר יפה איז מיט איניקע חדשים צוריק געשטאָרבן אין נהלל. ער האָט ביי זיין לעבן אויסגעאיבט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויפן גייסטיקן לעבן פון דער ארץ־ישראל'דיקער אידישער אַרבעטער־שאַפט. *)

די אמת'ע שעפערישע טאַט האָט געקענט געפירט ווערן און איז געפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל גופא. אין דער דאַזיקער דירעקטער טאַט האָבן זיך פון אַמעריקע ביז גאָר ניט לאַנג צוריק באַטייליקט בלויז איינצלנע, אָבער די דירעקטע שעפערישע טאַט אין ארץ־ישראל האָט געמוזט האָבן פאַר זיך אַ רע־זערוואואַר פון ממשות'דיקער הילף. אויף דעם געביט האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע אַרויסגעבראַכט באַדייטנדיקע כוחות, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל.

ווי טיף עס האָט געלעבט אין דער באַוועגונג די תשוקה צו פערזענלעכער מיטבאַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט, איז אַמשאַרפסטן דעמאָנסטרירט געוואָרן אין דער לעגיאָן־באַוועגונג פון די יאָרן 1917—1918 אין אַמעריקע. יע־דעס מאָל ווען איך הער, אָדער איך לייען, די באַרימערייען פון די רעוויזיאָניסטן און זייערע סימפּאַטיקער, אַז זיי האָבן עס אַנטדעקט די גרויסע באַדייטונג פון אויפשטעלן אַ אידישע מיליטערישע קראַפט אין ארץ־ישראל, וואונדער איך זיך אויף דער דאַזיקער חוצפה. נאָך מער וואונדער איך זיך אויף אַ צאָל אידן מחוץ פון יענער גרופּע, וואָס נעמען עס אויך אָן ווי אַ היסטאָרישן פאַקט. ריכטיק איז נאָר דער פאַקט, אַז יענע גרופּע האָט געזוכט און זוכט נאָך אויך איצטער צו מאַכן אַ קולט פון מיליטאַריזם. קעגן דעם האָט אונזער באַוועגונג געקעמפט און קעמפט נאָך איצטער אויך. אַפילו בעת'ן קריג, ווען פיל טויזנטער פון אונזערע בעסטע בחורים פון ארץ־ישראל האָבן, מיטן הסכם פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן, צייטווייליק אָװעקגעלייגט זייערע אַקעראייזנס און זיך גענומען צום שווערד, איז אָבער זייער אידעאַל געבליבן די אַחרית־הימים־נבואה פון ישעיה און מיכה: ווען אַלע שווערדן פון דער וועלט וועלן צעשטויסן און איבערגעשמידט ווערן אין אַקעראייזנס. דעריבער איז אונז געווען און געבליבן דערווידער דער מיליטערישער קולט, וועלכע יענע באַוועגונג האָט געוואָלט אַריינפירן אין

---

*) עס וועט אַמאָל דאַרפן געמאַכט ווערן אַ טיפע שטודיע וועגן די דערשיינונגען פון חלוצישע מאָמענטן אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַזאַ שטודיע וועט אָן ספק באַווייזן, אַז די חברים וואַלדשטיין, קליי און יפה זיינען ניט געווען קיין צופאַלן און אַז זיי זיינען ניט געווען די איינציקע.

דער אידישער יוגנט. אָבער די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע גרופּירונג אין ציוניזם, האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די נויטיקייט פון אויפשטעלן אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס אין ארץ־ישראל און טאַקע אַזעלכע אויפגעבויט.

די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט געוואוסט די סטראַטעגישע פּאָזיציע, וואָס ארץ־ישראל פאַרנעמט אין דער מאָדערנער פּאָליטישער וועלט־געאָגראַפיע. זי האָט געוואוסט, מיט וועלכע לוסט־אויגן עס קוקן אויף יענעם ווינקל פון דער וועלט פאַרשיידענע צווישן־זיך־קעמפנדיקע פּאָליטישע וועלט־כוחות. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַרום זיך אין ארץ־ישראל שכנים, וועלכע קענען זייער גרינג אויסגענוצט ווערן פון יענע פּאָליטישע וועלט־כוחות, אין וועמעס פּאָליטישן חשבון אַ אידישע ארץ־ישראל פּאַסט זיך ניט אַריין. זי האָט געוואוסט, אַז אונזערע שכנים קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ האַק, וואָס די האַנט פון אַזעלכע פּאָליטישע וועלט־כוחות זאָל זיך גלוסטן אַראָפּצולאָזן אויף אונזערע קעפּ. זי האָט דעריבער געוואוסט, אַז זי מוז אויפשטעלן אידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס אין ארץ־ישראל פאַר אונזערע שוץ־צוועקן. די אידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל האָט דעריבער, פּאַראַלעל מיט איר וואוקס, גענומען בויען אַזעלכע מיליטערישע פאָרמאַציעס. זי האָט זיי אויפגעשטעלט קעמערל נאָך קעמערל. זי האָט עס אָנגעהויבן מיט דער גרינדונג פון „השומר". פון „השומר" איז ביסלעכווייז אַרויסגעוואַקסן די „הגנה", דורך „הגנה" איז מעגלעך געוואָרן די רעקרוטירונג פון די פיל טויזנטער פון אונזערע זעלנער, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער וועלט־מלחמה קעגן היטלעריזם. דורך די זעלבע אַנטוויקלונגען איז מעגלעך געוואָרן די העלדישע אידישע בריגאַדע פון ארץ־ישראל.

און ווען אין די יאָרן 1917—1918, לאַנג איידער די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג האָט דערזען די ליכטיקע וועלט, זיינען די באַדינגונגען רייף געוואָרן פאַר אַן אמת׳ער לעגיאָן־באַוועגונג אויך מחוץ פון ארץ־ישראל, און אַמעריקע האָט דאַן אַוועקגעשיקט עטלעכע טויזנט יונגע בחורים אין אידישן לעגיאָן, — זיינען וויניקסטנס 80% פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן רעקרוטירט געוואָרן פון מיטגלידער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַרן לעגיאָן איז כמעט פולע הונדערט פּראָצענט דורכגעפירט געוואָרן דורך חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויפן געביט פון דירעקטער באַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט פאַר און אין ארץ־ישראל, איז די דאַמאָלסטיקע לעגיאָן־באַוועגונג געווען דער וויכטיקסטער איינצל־שטייער פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָ האָט די באַוועגונג געפונען די מעגלעכקייט אַריינצוגיסן אין דער לעגיאָן־אַרבעט, סיי איר אַלגעמיינעם סימן מובהק — איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, סיי איר ספּעציעל־ציוניסטישן סימן מובהק — דאָס רייסן זיך צו דער שעפערישער טאַט.

די פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, האָבן געצוואונגען די גרעסטע צאָל פון אונזערע אַמעריקאַנער לעגיאָנערן צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. פילע הונדערטער פון אונ־

זערע בחורים זיינען, טראָץ די קאָמפּליקאַציעס, געבליבן אין לאַנד. זיי האָבן די גאַנצע צייט ממשיך געווען זייער אָנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל גופא. אין די לעצטע יאָרן זיינען נייע הונדערטער אידישע בחורים און מיידלעך, דערצויגן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און פאַרנעמען דאָרט בוי־פּאָזיציעס, ווי אַ גלייכער טייל פון דער גאַנצער גרויסער מחנה פּאַרווירקלעכער און אויספירער (מגשימים). דאָס רייסן זיך צו דירעקטער באַטייליקונג אין דער שעפערישער טאַט האָט זיך אין דער באַוועגונג אויף איין מאָמענט ניט אָפּגעשטעלט.

די ראָלע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם פּראָצעס פון אויפשטעלן אין אַמעריקע דעם רעזערוואואַר פאַר ממשות׳דיקער מיט־הילף אין דער טאָג־טעגלעכער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל איז אויך געווען אייגנאַרטיק און גאָר־גאָר באַדייטנדיק.

צוויי פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע פון דעם כאַראַקטער. דעם ערשטן פאַרזוך האָט געמאַכט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג — די אַרבעטער־ציוניסטן בתוכם — אויפצושטעלן די אידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. דער צווייטער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן, דורך די אַרבעטער־ציוניסטן אַליין, אויפצושטעלן די אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. וועגן דעם ערשטן פאַרזוך זיינען געווען טיפע חלוקי־דעות און עד היום איז נאָך קיין היסטאָרישער פּסק־דין ניט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, צי איז די אידישע אַגענץ געווען נויטיק, אָדער ניט. איך האָב אַליין באַלאַנגט צו די אָנהענגער פון דער אַגענץ. איך זע ניט קיין אורזאַכע חרטה צו האָבן אויף מיין דאַמאָלסטיקער איינשטעלונג. איך ווייס די סיבות, וואָס האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַגענץ אין דער ריכטונג, וואָס אירע אָנהענגער האָבן פאַר איר פאָרויסגעזען. דאָס שטערט מיר אָבער ניט איינצוזען, אַז געלונגען איז די אידישע אַגענץ ניט. די אידישע אַרבעטער־אַגענץ אָבער איז פון ערשטן טאָג אָן געווען אַ געזונט־געבוירן קינד און זי האָלט כסדר אין איין וואַקסן און ווערן אַלץ געזינטער און וויכטיקער.

די ערשטע שריט צום אויפבוי פון דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל זיינען געמאַכט געוואָרן טאַקע אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג. שוין דאַן זיינען טיילן פון אידישע אַרבעטער־פירער און פון אידישע אַרבעטער־מאַסן מיטגעגאַנגען מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איר ארץ־ישראל־אָריענטאַציע האָט זיי ניט נאָר ניט אָפּגעשראָקן, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיי שטאַרק אימפּאָנירט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס אונזער באַוועגונג האָט צוזאַמענגערופן אין מיטן מאַי 1918. די צוגרייטונגען צו דעם אַרבעטער־קאָנגרעס האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט תיכף נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אין די מאָנאַטן, אין וועלכע די דאָזיקע צוגרייטונגען זיינען פאָרגעקומען, איז די אידישע אַרבעטער־וועלט ווידער אַמאָל אויפגעטרייסלט געוואָרן

אַרום דעם ארץ־ישראל־פּונקט. געווען אַזעלכע אידישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס, וועלכע האָבן זיך אין אַרבעטער־קאָנגרעס, צוליב צווייטיקייטן מיט דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, ניט געוואָלט באַטייליקן. זיי האָבן אָבער גלייכצייטיק אָנגע־נומען פּאָזיטיווע רעזאָלוציעס פאַר ארץ־ישראל. דעם בולט'סטן ביישפּיל אין דער באַציאונג האָבן דאָן געגעבן די ניו־יאָרקער פאַראייניקטע אידישע גע־ווערקשאַפטן. אויף זייער זיצונג מאָנטאָג, דעם 22טן אַפּריל, 1918, ווען אונזער איינלאַדונג צום אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל איז פאַרהאַנדלט געוואָרן, איז דאָרטן אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„זיי עס באַשלאָסן, דאָס מיר שטעלן עס אַלס פאָרלאַנג, אַז די אידן זאָלן קריגן גלייכע נאַציאָנאַלע באַרעכטיקונג אין אַלע לענדער און פרייע קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל פירן צו אַ פרייען שטאַאַט אין פּאַלעסטינע".

די רעזאָלוציע איז נאָך, אמת, געווען ניט גענוג קלאָר, אָבער אַזוי ווייט איז זי געווען דייטלעך, כדי צו דעמאָנסטרירן, אַז די אַלטע נעגאַטיווע באַציאונג צו דעם ארץ־ישראל־געדאַנק איז פאַרוואָרפן געוואָרן. מאַקס פּיין, דער מחבר פון דער רעזאָלוציע, דער שפּעטערדיקער ערשטער פאָרזיצער פון דער פער־מאַנענטער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, איז אויף דער דאָזיקער זיצונג אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן די פּועלי־ציון. ער איז געווען דער הויפּט־קעמפער קעגן דער באַטייליקונג פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל. ער האָט דעם קאָנ־גרעס באַטראַכט — זיכער אומבאַרעכטיקט — אַלס אַ ריין פּועלי־ציוניסטישע צוזאַמענקונפט. ער האָט אָבער שוין דאָן זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו ארץ־ישראל גאַנץ שאַרף אַרויסגעבראַכט. אַ צאָל פון באַדייטנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט קיין רעזאָלוציע און זיינען געקומען צום אַרבע־טער־קאָנגרעס . זייער טיפער אינטערעס אין ארץ־ישראל איז שוין דאָן קלאָר דעמאָנסטרירט געוואָרן.

נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט אָן ספק גרינגער געמאַכט דעם וועג פאַרן אויפ־בוי פון דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, איז געווען, — די געמיינשאַפטלעכע מיטאַרבעט פון אַלע אידישע אַרבעטער־עלעמענטן אין „פּיפּלס רעליף". אַזעלכע אַרבעטער־פירער ווי מאַקס פּיין, אַברהם שיפּלאַקאָף און פילע אַנדערע, האָבן אין „פּיפּלס רעליף" געהאַט אַ געלעגנהייט בעסער זיך צו באַקענען און טיפער צו באַגרייפן די פּועלי־ציון. די מורא, וואָס די פּועלי־ציון האָבן ביי זיי אַרויסגערופן, אַלס גוואַלדיקע פאַנאַטיקער, מיט וועמען עס איז ניט מעגלעך צוזאַמענצואַרבעטן, איז אָפּגעפאַלן. דער וועג צו דער אידישער אַרבעטער־אַגענץ איז דורכדעם אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן. ניט אַזוי גרינג איז עס, נאַטירלעך, אָנגעקומען. אָבער אין 1924 — מיט 23 יאָר צוריק, איז ענדלעך די אידישע אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל — אונטערן נאָמען „גע־ווערקשאַפטן־קאַמפּיין" — אויפגעשטעלט געוואָרן.

אַוודאי האָט דערביי אַמשטאַרקסטן מיטגעהאָלפן דער נאָמען, וואָס די ארץ־ישראל'דיקע אידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך אין יענע יאָרן אָנגעהויבן מאַכן אין אַמעריקע. עס האָבן אָנגעהויבן קלערער ווערן די קאָנטורן פון דער

אידיש־סאָציאַליסטישער געבײדע, װעלכע די אידישע אַרבעטערשאַפט פּלאַנט צו בױען אין ארץ־ישראל. מצד דער פריערדיקער ניט־ציוניסטישער אַרבעטער־אינטעליגענץ זײנען דורך זײער אַנשליסן זיך אין געװערקשאַפטן־קאַמפּײן גע־קומען צום אױסדרוק די טיפע סימפּאַטיעס, װאָס זײ האָבן אין זיך געטראָגן פאַר אַ שעפערישער סאָציאַליסטישער טאַט. אָבער דער פאַקט, װאָס די סאָציאַליס־טישע טאַט װערט דורכגעפירט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָט באַדײטנ־דיק מיטגעהאָלפן צו פאַרשנעלערן זײער אַנשלוס אין געװערקשאַפטן־קאַמפּײן. בײ אײניקע פון זײ האָט זיך אָפּגערופן פון דאָס נײ די בענקשאַפט נאָך די פאַר־זוכן, װאָס די אידישע „עם־עולם״־גרופּע (װעמעס גײסטיקע קינדער זײ זײנען מערסטנס געװען) האָט געמאַכט מיט צענדליקער יאָרן צוריק דאָ אין אַמעריקע דורכצופירן אַזאַ שעפערישע סאָציאַליסטישע טאַט. פּערזענלעך בין איך אי־בערצײגט, אַז דער ארץ־ישראל־מאָמענט האָט דאָ אױך געשפּילט אַ גאָר באַ־דײטנדיקע, פּאָזיטיװע ראָלע. זײנען דאָך די דאָזיקע אידישע אַרבעטער־אינטע־ליגענטן געװען קינדער פון דער אין־אידישקײט־פאַרװאָרצלטער מאַסע. קײנער פון זײ האָט ניט געקענט אין גאַנצן אױסװאָרצלען פון האַרץ זײער ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, װאָס איז אין זײ אַרײנגעװאַקסן געװאָרן דורך דורות. געװען אפשר שװער צו מאַכן די ערשטע שריט. דער פאַלשער װעג פון אַנטי־ציוניזם, אױף װעלכן דער אידישער סאָציאַליזם איז אין די ערשטע יאָרן געפירט געװאָרן אין אַמעריקע, האָט אװדאי איבערגעלאָזן אַ רושם. האָט מען זיך אָבער אײנמאָל דערפון באַפרײט, האָט מען זיך אַלײן גענומען פילן פיל גרינגער אױף דער נשמה. און האָט מען דערשפּירט דעם װאַרעמען אָפּרוף אין די הערצער פון די פּשוטע אידישע אַרבעטער־מאַסן, איז די אַרבעט פאַר ארץ־ישראל נאָך ליבער געװאָרן און דער אינטערעס נאָך טיפער. אין דעם איז טאַקע געלעגן די הױפּט־סיבה פון דעם דערפאָלג פון אונזער אַרבעטער־אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. װײל זי האָט צוזאַמענגעבראַכט כוחות אַזעלכע, װעלכע זײנען אין זײער סאַמען מהות אײניק, בשעת די אַלגעמײנע אַגענץ האָט געזוכט אײנצוהאַלטן אין אײן ראַם מענטשן, װעלכע זײנען אין זײער סאַמען מהות טאַקע ניט אײניק.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַװעגונג אַלײן האָט אין דעם געװערק־שאַפטן־קאַמפּײן דערשפּירט דעם װיכטיקסטן קאַנאַל, דורך װעלכן די מיטהילף פאַר דער דירעקטער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל זאָל פון אַמעריקע פליסן. זי האָט דעריבער אַרײנגעגעבן אין דעם געװערקשאַפטן־קאַמפּײן איר גאַנצן אוצר פון נאַציאָנאַל־רעװאָלוציאָנערן פּאַטאָס. זי האָט אװדאי פיל מיטגעהאָלפן צו זײן פינאַנציעלן דערפאָלג. בעיקר אָבער האָט זי געהאָלפן אױסשמידן פון אים די װיכטיקסטע כלי, דורך װעלכער עס װערט צו די אידישע פאָלקסמאַסן שטענדיק סערװירט אױפקלערונג װעגן דער גרױסער שעפערישער טאַט אין ארץ־ישראל. זי האָט אים געהאָלפן דערהױבן צו אַ קאַנאַל, דורך װעלכן עס שטראָמען די קדושה־אוצרות פון דער ארץ־ישראל׳דיקער בױ־אַרבעט צו די הערצער פון הונדערטער טױזנטער אידישע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן אין אַמעריקע.

דאָס איז אָן ספק געװען דער װיכטיקסטער בײטראָג פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַװעגונג צו דער גרױסער פּיאָנערן־אַרבעט אין

פאַרבאַנד־דיוויזיע ביים דריטן סדר פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין האָטעל קאָמאָדאָר, ניו־יאָרק, אין 1945



אין פּרעזידיום פון דריטן סדר זיצן פון רעכטס צו לינקס): חברה עהרענרייך, ה. עהרענרייך, חברה ז. שניאור, זלמן שניאור, חברה דוד פּינסקי, דוד פּינסקי, ל. סיגאַל, פּ. גינגאָלד, סאָפי יודין, ש. באָנטשעק, ב. צוקערמאַן, חברה צוקערמאַן.

ארץ־ישראל. געשיכטלעך וועט די דאָזיקע אידישע אַרבעטער־אַגענץ אין אַמע־ריקע פאַרנעמען דעם צווייטן אָרט גלייך נאָך דער „החלוץ״־באַוועגונג גופא.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אויך זייער אָפט צוזאַ־מענגעשטויסן מיט די אַנדערע ציוניסטישע ריכטונגען אין די אינערלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָנס־ראַמען אין אַמעריקע. כמעט אַלע אַזעלכע צוזאַ־מענשטויסן זיינען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג באַנוצט געוואָרן אויף אַפּצוהיטן דעם געזונטן פאָלקס־כאַראַקטער פון ציוניזם. אין יעדן וואַל־קאַמף פאַר דעלעגאַטן צום ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מחנה אַריינגעבראַכט איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. זי האָט כמעט ווי אַרויפגעצוואונגען אַזעלכע אָפּענע וואַלן אויף די אַמעריקאַנער אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך אין די ערשטע יאָרן זייער גרינג געמאַכט די מערכה אויף דעם געביט. זייער אַדמיניסטראַציע האָט אַליין באַשטימט די צאָל דעלעגאַטן און האָט זיי אַליין אויך געוויילט. קיין פאָלקס־וואַלן זיינען גאָרניט פאָרגעקומען. דורכן וואַל־קאַמף אָבער איז בירגער־רעכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געוואָרן זייער אַ וויכטיקער ענין ביי הונדערטער טויזנ־טער אידן אין אַמעריקע. דורכדעם איז אויך געוואַקסן זייער אינטערעס אין די פּאָליטישע וואַריאַציעס פון דער פּיל־פאַרביקער ציוניסטישער באַוועגונג. דער ציוניזם בכלל איז דורך דעם פאַרטיפט געוואָרן. די זעלביקע רעזולטאַטן זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך אַנדערע אינערלעכע קאַמפן אין אַמעריקאַנער ציוניזם.

דער שאַרפסטער צוזאַמענשטויס פאַרן פאָלקס־כאַראַקטער פון אַמעריקאַ־נער ציוניזם איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דעם דאַמאָלסטיקן „פּראָוויזאָריש־ציוניסטישן קאָמיטעט״, מיט לואיס בראַנ־דייס בראש.

ווי אַזוי דער פּראָוויזאָריש־ציוניסטישער קאָמיטעט איז געבוירן געוואָרן, האָבן מיר שוין אויבן דערציילט. כמעט דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט דער קאָמי־טעט פונקציאָנירט אין זיין ערשטן צוזאַמענשטעל און „פּראָוויזאָריש״. אָנהויב זומער, 1917, כמעט באַלד נאָכן אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז די „פּראָוויזאָרישקייט״ קען ווערן זייער אַ פאַרלענגערטע; אַז מען דאַרף אויפשטעלן אַ געביידע, וואָס זאָל זיין מער פּערמאַנענט. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די ראָלע פון אַמעריקאַנער אידנטום וועט מוזן ווערן גאָר־גאָר באַדייטנדיק אין דער נאָך־מלחמה׳דיקער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט דעריבער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר זיין אייגענער רעאָרגאַניזאַציע. אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן איז צוליב דעם אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַל־טימאָר דעם 28טן יוני, 1917.

שוין אין די צוגרייטונגען פון צוזאַמענפאָר האָט מען דערפילט די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן קעגן די באַזונדערע פּראַקציעס אין ציוניזם, קעגן די מזרחי און די פועלי־ציון. עס איז ניט נויטיק אַריינצוגיין אין אַ דעטאַלירטער דערקלערונג, פון וואַנען די

דאָזיקע ווינטן האָבן זיך גענומען. עס וועט זיין גענוג אָנצוצייכענען די הויפּט־סיבות.

פאַר די קאַרגע דריי יאָר פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט האָט צווישן אונז מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן געהערשט אַ כּמעט פּערמאַנענטע אָנגעצויגנקייט. הויפּטזעכלעך איז עס אַרויסגעוואַקסן דורך דעם קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג. מיר האָבן אין דעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן קאָנגרעס געזען, ווי אַפילו נאָך דעם פּאָזיטיוון באַשלוס פאַר אַ קאָנגרעס האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געהאַנדלט אַזוי, אַז מיר זיינען געצוואונגען געווען גאַנץ אָפט צו פירן אַ קאַמף קעגן זיי. אונזער כּסדר׳דיקער דערפאָלג אין די דאָזיקע קאַמפן האָט שטענדיק אַרויסגערופן ביי די אָנפירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אַ ווידערווילן קעגן אונז. אונזער גרויסער דערפאָלג אין די וואַלן האָט אָט דעם ווידערווילן פאַרשאַרפט. איך מעג זאָגן: זיי האָבן זיך פּשוט דערשראָקן פאַר אונז. האָבן זיך די פירער גענומען צום אַלטן „הבה נתחכמה״. זיי האָבן פּראָקלאַמירט אַן אָרגאַניזאַציאָנס־געדאַנק, להיפּך צו אַלע באַשלוסן פון די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן, אַז ניט די מזרחי און ניט די פּועלי־ציון דאַרפן אָנערקענט ווערן ווי באַזונדערע זעלבסט־שטענדיקע קערפּערשאַפטן, נאָר בלויז ווי פליגלען פון זייער גוף. אָט דעם „פּרינציפּ״, אונטער פאַרשיידענע לבושים, האָבן זיי געזוכט דורכצופירן אין דער נייער רעאָרגאַניזאַציע פון פּראָוויזאָרישן ציוניסטישן קאָמיטעט.

פּראַקטיש האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דעם, וואָס די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די פאַרטרעטערשאַפט־רעכט ניט פאַר דעם מזרחי, ניט פאַר די פּועלי־ציון, אין די איינגערע אויספיר־קאָמיטעטן, וואָס די באַלטימאָרער קאָנפערענץ האָט געדאַרפט אויפשטעלן. זיי האָבן מסכּים געווען אויף אַ פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט, וואָס קומט זיך צוזאַמען גאַנץ זעלטן. אין די עקזעקוטיוו־אָרגאַנען אָבער — בשום אופן ניט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מיר, צוזאַמען מיט דעם מזרחי, האָבן פאַרלאָזן די באַלטימאָרער קאָנפערענץ און דערקלערט, אַז דער פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטעט האָט אויפגעהערט צו זיין די רעפּרעזענטאַנץ פון אַלע טיילן פון אַמעריקאַנער ציוניזם און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע אַליין.

אונזער קאַמף אויף דעם געביט איז באַדייטנדיק פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דעם, וואָס מיר האָבן שוין דאַן דערזען די געפאַר פון דער „שטילער, שווייגנדיקער פירערשאַפט״ אין אַמעריקאַנער ציוניזם. לואיס בראַנדייס איז שוין דאַן געווען ריכטער פון העכסטן געריכט פון לאַנד. עס וואָלט ניט געהאַט קיין טעם ווידער אַמאָל אָפּצופרישן די טענות, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט צו אים, פאַר־וואָס ער האָט אָנגעטאָן זיך אַליין אַ שלאָס אויפן מויל. די פּערזענלעכקייט „בראַנדייס״, ווי זי האָט זיך אויסגעווירקט אין אַלגעמיינע סאָציאַלע אַמעריקאַנער באַוועגונגען און ווי זי האָט זיך אויסגעווירקט אין אידישן סאָציאַלן לעבן, וועט נאָך אַמאָל דאַרפן קריגן איר געהעריקן אָפּשאַצער. מיר האָבן זיך אָבער שטאַרק דערשראָקן פאַר אַ צושטאַנד, ווען אַ פירער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווייגנדיקן „אורים ותומים״, וואָס זיין פירערשאַפט האָט ניט מער קיין די־

רעקטן קאָנטאַקט מיט די אידישע מאַסן, וואָס זיין וואָרט ווערט געבראַכט דורך זיינעם אַ שליח, און די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג מוז זיך פאַר דעם דאָזיקן מיסטישן וואָרט בויגן. עד היום איז מיר שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי די אַנדערע ציוניסטישע פירער האָבן אָנגענומען אַזאַ צושטאַנד. די גרויסע איבעראַשונג צו האָבן אַ סופרים קאָרט ריכטער צווישן זיך האָט, ווי עס שיינט, פאַרוואָלקנט זייער אייגענעם ווילן. עס איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז אויסדריקן אַ מיינונג קעגן דעם שטומען אורים ותומים איז געווען כמעט הויך־פאַרראַט. ערשט יאָרן שפּעטער האָט זיך די אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג אַרומגעזען און אָנגעהויבן קעגן דעם צושטאַנד אַ קאַמף, וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג אין 1921. אונזער „זינד" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט אַזאַ צושטאַנד גלייך ווי מיר האָבן עס באַמערקט. פאַר אונז איז אויך צוליב אָט דעם צושטאַנד געוואָרן אוממעגלעך צו נעמען אויף זיך מיט־אַחריות אין דער ציוניסטישער אַרבעט, אויב מיר זאָלן ניט האָבן קיין פאָרטרעטער אין אַלע קאָמיטעטן, בעיקר אין די אויספיר־קאָמיטעטן פון דעם אַמעריקאַנער ציוניזם. מיר האָבן דעריבער בשום אופן ניט געטאָרט און ניט געקענט מוותר זיין אויף אונזערע פאָדערונגען.

אונזערע חברים איבערן לאַנד האָבן אויפגענומען דעם רוף. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אָבער אויך ניט געשוויגן. פון זייער צד האָבן זיך דערהערט שטימען, אַז מען דאַרף די פועלי־ציון בכלל אויסשליסן פון ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. די דאָזיקע שאַרפע פּאָלעמיק האָט זיך געצויגן דעם גאַנצן זומער פון 1917. זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן ערשט אָנהויב ווינטער צוליב דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט איז דאַן, נאַטירלעך, קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום די נייע האָפענונגען, וואָס האָבן זיך באַוויזן און אַרום די צוגרייטונגען צו די נייע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך געעפנט.

די נייע שטימונג, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג גאַנץ צו מאַכן דעם אינערן ריס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פּשוט'ע מאַסן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן זיך ניט איבערגעשראָקן פאַרן טיטל „הייפעניייטעד זייאָניסטס", מיט וועלכן מען האָט אונז דאַן באַצייכנט (דעם דאָזיקן חנ'עוודיקן עפּיטעט האָט אונז דאַן אונטערגעטראָגן פּראָפעסאָר האָראַס קאַללען. ווער עס געדיינקט דעם דעמאַגאָגישן קאַמף, וואָס טעאָדאָר רוזוועלט האָט דאַן געפירט קעגן די „הייפעניייטעד אַמעריקענס", וועט תיכף דערשמעקן דעם ריח־ניחוח, וואָס האָט זיך פון אַזאַ עפּיטעט געטראָגן.), און האָבן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן דרוק אויף די פירער אונז צוריק איינצולאַדן. רופן אַ נייע קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן די פירער אַלץ ניט געוואָלט. זיי האָבן מסכים געווען איינצולאַדן איניקע פון אונזערע יחידים. ווי ווייט „ליבעראַל" זיי זיינען גרייט געווען צו זיין, קען מען זען דערפון, וואָס זיי האָבן אין אַ צעטל פון אַרום 200 איינגעלאַדענע איינגעשלאָסן גאַנצע... 3 פועלי־ציון. ווען מיר האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט, האָבן זיי מסכים געווען צו נאָך אַ „ליבעראַלן" שריט: זיי זיינען געווען גרייט איינצולאַדן

נאָך עטלעכע פּועלי־ציון פון אַ רשימה, וואָס מיר זאָלן זיי צושטעלן, אָבער זיי זאָלן האָבן די דעה, וועמען פון דער רשימה יאָ און וועמען ניט איינצולאַדן. דער מזרחי האָט די פּשרה אָנגענומען. מיר, „שקצים" וואָס מיר זיינען געווען, האָבן זיך פון איר אָפּגעזאָגט. אונזער טענה איז געווען און געבליבן: מיר קענען פאַרהאַנדלען נאָר אויפן באַזיס פונם אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט פונם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט אונז אָנערקענט אַלס זעלבסטשטענדיקע פראַקציע אין ציוניזם. קיין טובות ווילן מיר ניט. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן דעם שטאַנדפּונקט ניט אָנגענומען, און מיר זיינען צום פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט שוין ניט געגאַנגען. מיר זיינען געגאַנגען אונזער אייגענעם וועג. מיר האָבן פון דרויסן־אויס געזוכט צו ווירקן, אַז אין אַמעריקאַנער ציוניזם זאָלן אַריינגעבראַכט ווערן די נויטיקע שינויים. מיר האָבן אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע מיטגעהאָלפן דעם פּאַרזוך, וואָס חיים ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, שמריה לעווין און מ. אוסישקין האָבן געמאַכט אין 1921 אומצוקערן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם זיין פאָלקס־כאַראַקטער. טיילווייז איז עס געלונגען. דער ציוניזם האָט זיך צעוואַקסן. דער ריכטיקער וועג ווי אַזוי אויפצושטעלן אין אַמעריקע אַן אַל־ציוניסטישע געביידע, באַזירט אויף דער אָנערקענונג פון דער גלייכוועריטקייט און גלייכבארעכטיקונג פון אַלע זיינע פראַקציעס, איז נאָך עד היום ניט געפונען געוואָרן, אָבער דער דאָזיקער וועג ווערט איצטער, מער ווי ווען עס איז פריער, געזוכט פון אַלע טיילן אין ציוניזם. איך רעכן, אַז דורך דעם אויבן־געשילדערטן פאַר־עקשנ'טן קאַמף האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אָפּגערוימט וויכטיקע שטיינער, וואָס זיינען געלעגן אויף דעם וועג. און וועט אַמאָל די איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפגעבויט ווערן אין אַמעריקע, וועט זי אין איר יסוד אַריינמויערן דעם פּרינציפּ, אַז דער ציוניזם איז אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַז אַלע שיכטן פון פאָלק מוזן אין יענער געביידע אַריינקומען, יעדע גרופּע מיט איר אייגענעם פּנים. נאָר דאַן וועט די געביידע זיין אַ בר־קימא, און נאָר דאַן וועט דער אַמעריקאַנער ציוניזם ווירקלעך זיין אַ פאָלקס־ציוניזם.

די עטלעכע געבראַכטע פאַקטן באַווייזן, דאַכט זיך, אויסער יעדן ספק, אַז די ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקאַנער ציוניזם איז שטענדיק געווען אַ צווייפאַכע: מאַכן דעם ציוניזם פאַר אַן אמת'ער פאָלקס־באַוועגונג און שטויסן דעם אַמעריקאַנער ציוניזם אויפן וועג צו דער שעפערישער ציוניסטישער טאַט.

ו.

אייניקע שלום־באַמערקונגען

די אויבן־געבראַכטע קאַפּיטלען שעפּן אוודאי ניט אויס אַלע ווירקונגען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער גאַנצער שטח פון אירע סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע טעטיקייטן, וועלכער איז, טראָץ אומגעהויערע שוועריקייטן אויף דעם געביט, אָפטמאָל געווען ניט אָן באַדייטונג, געהערט, נאַטירלעך, ניט צו דער באַהאַנדלטער טעמע. איך האָב זיך באַגרע־

נעצט בלויז מיט אירע ווירקונגען אין אַמעריקאַנער אידנטום, אָבער אַפּילו אויף דעם שטח זיינען דורכגעלאָזן געוואָרן זייער וויכטיקע אַנשטריינגונגען, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געמאַכט. עס איז דורכגעלאָזן געוואָרן דער באַדייטנדיקער קאַפּיטל פון רעליף־אַרבעט; די באַדייטנדיקע אַנשטריינגונגען אויפן געביט פון אידישער קולטור־אַרבעט (מחוץ דער אידישער קינדער־דערציאונג); די פייערונגען פון אידישע ימים־טובים, וואָס האָבן געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער טעטיקייט פון אונזער באַוועגונג, הויפּטזעכלעך אין די ערשטע יאָרן, ווען די דאָזיקע פייערונגען זיינען באַנוצט געוואָרן אַלס אַ וויכטיקער מיטל אין קאַמף קעגן די „אויפקלערער״ און אַפּלאַכער פון אידישקייט; אַריינברייגען דאָס אידישע ליד אין דער אידישער היים (אַ דערגרייכונג גאַרניט פון מינדערוועדטיקער באַדייטונג אינם פּראָצעס פון דערהאַלטן כאָטש וויפיל עס האָט זיך געלאָזן פון אידיש־קולטורעלער אייגנאַרט); דער בייטראַג פון אונזער באַוועגונג צום אינטערעס פאַרן בעסערן אידישן טעאַטער, צום אינטערעס פאַר דער העברעאישער שפּראַך און קולטור; אונזערע פאַרזוכן אַריינצוטראָגן אונזערע אידעען אין דער אַמעריקאַניש־אידישער יוגנט; אונזער בייטראַג צו אַ בעסערער פאַרשטענדניש מצד אידישער פירערשאַפט אין אַמעריקע צום קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע אין אינדוסטריע, אין בילדונגס־אַנשטאַלטן און אין די פּראָפעסיעס. ווער קען דען אויסרעכענען אַלע ווירקונגס־שטחים? מיין אויפגאַבע איז גאַרניט געווען אַריינצוגיין אין אַלע דעטאַלן. מיין אויפגאַבע איז געווען אַרויסצוהייבן די הויפּט־מאָמענטן, וואָס האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג און האָבן איר געגעבן יענע אימפּעט־כוחות, וועלכע האָבן דערמעגלעכט פאַר איר אַ פיל טיפערן איינפלוס אין אַמעריקאַנער אידנטום, ווי אירע צאָלן האָבן באַרעכטיקט. ווי ווייט מיין פאַרזוך איז מיר געלונגען, איז ניט פאַר מיר אָפּצושאַצן. וויכטיק איז נאָר נאָך אַמאָל אונטערצושטרייכן, אַז אין אַלע אויבן־אויסגערעכנטע מאָמענטן האָט דער שם־הכולל „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג״ איינגעשלאָסן הויפּטזעכלעך די פּאַרטיי פּועלי־ציון און דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די אַנדערע צווייגן פון דער באַוועגונג האָבן אין יענע יאָרן נאָך ניט עקזיסטירט. קלענערע גרופּן, ווי צ. ב. די זשיטלאָווסקי־גרופּע, זיינען אַמאָל מיטגעגאַנגען מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַמאָל ניט. זיי האָבן אויף איר אַלגעמיינער אַרבעט ניט פיל משפּיע געווען, אָבער אָן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די קליינע פּועלי־ציון־פּאַרטיי וואָלט געקענט דורכקעמפן איר וועג אין אַמעריקאַנער אידנטום.

די שטענדיקע צוזאַמענאַרבעט פון דיביידע קערפּערשאַפטן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט אויך דערמעגלעכט דורכצופירן די גרעסטע אונטערנעמונג אונזערע, וועלכע איך וויל צום סוף מיט בלויז עטלעכע ווערטער באַרירן. איך האָב אין זינען אונזער פאַרזוך אויפצובויען אַן אייגענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טאָג־פּרעסע. אומשטענדן, די מערסטע ניט פון אונז אָפּהענגיקע, האָבן ניט דערלאָזן, אַז אָט דער גרויסער פאַרזוך זאָל פאַרבלייבן פּערמאַנענט. אין גאַנצן האָט „די צייט״, אונזער טאָגבלאַט, געלעבט 20

חדשים. די גרויסע מאַס פון ענערגיעס, וואָס זיינען אין דעם פּאַרזוך אַריינגעגעבן געוואָרן, קענען וויסן נאָר יענע חברים, וואָס האָבן עס אַליין דורכגעלעבט. בלויז זיי קענען געדיינקען די יאָרן פון טיפער פריידי, ווען מען האָט זיך געגרייט צו דער טאָג־צייטונג. איבער צוויי יאָר האָבן די צוגרייטונגען געדויערט. דער באַשלוס אַרויסצוגעבן די צייטונג איז אָנגענומען געוואָרן אין אַפּריל, 1918. דאָס איז געווען די צייט פון גרויסע דערוואַרטונגען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די טאָג־צייטונג איז געווען איינע פון די מיטלען, וואָס אונזער באַוועגונג האָט געזוכט צוצוגרייטן פאַר יענע נאָך־מלחמה־צייטן, ווען די גרויסע מעגלעכקייטן וועלן זיך אָנהויבן רעאַליזירן. מיר האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע ראָלע, וואָס אידישע אַרבעט וועט דאַרפן שפּילן אין דעם ארץ־ישראל'דיקן בוי־פּראָצעס, און מיר האָבן זיך אַנטשלאָסן אויסצושמידן דעם וויכטיקסטן וואָפן, דורך וועלכן מיר זאָלן קענען צוטראָגן אונזער טייל צו אָט דער בוי־אַרבעט. בלויז די חברים, וואָס האָבן זיך אין דער אונטערנעמונג באַטייליקט, וועלן זיך דער־מאָנען וועגן דעם טיפן גליק־געפיל, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין דער צייט, ווען די צייטונג האָט געלעבט. בלויז זיי וועלן קענען געדענקען די טיפע וואונדן, וואָס דאָס אָפּשטעלן פון דעם טאָגבלאַט האָט איבערגעלאָזן, סיי אין דער באַוועגונג אַלס אַ גאַנצע, סיי אין האַרץ פון יעדן איינצלנעם חבר.

איצטער, קרוב דריי צענדליק יאָר אָפּגערוקט פון יענער צייט, קען מען רואי־קער טראַכטן וועגן אָט דער אָנשטרענגונג, וואָס אַ פּאַרהעלטנישמעסיק קליינע גרופּע האָט אויף זיך גענומען; וועגן דער אומגעהויערער מאָס פון מסירת־נפש, וואָס די גאַנצע באַוועגונג בכלל און כמעט יעדער איינצלנער חבר בפרט האָט אין דעם אַריינגעגעבן. מען קען זען אין דעם איינעם פון יענע אַרבעטס־שטחים, אין וועלכע דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט פון אונזער באַוועגונג און זיין קינד — דער גרויסער שוואונג — זיינען געקומען צום העכסטן אויס־דרוק. מען קען זיכער צוריקבליקן אויף יענער צייט מיט אינערער סאַטיספאַק־ציע; מיר האָבן סיי אונזער אייגענער באַוועגונג, סיי דעם אַמעריקאַנער אידנטום קיין אומכבוד דורך דער „צייט" ניט פאַרשאַפט. ביי אירע לעזער ליגט נאָך עד היום איר אָנגענעמער טעם אין זייער גאַנצן וועזן. „די צייט" איז אָן ספק געווען אַ טרייער אויסדרוק פון דעם, וואָס אָט די מערקווירדיקע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געטראָגן טיף אין איר נשמה; פון דער באַוועגונג, וואָס חבר נחמן סירקין האָט וועגן איר געזאָגט, אַז זי טראָגט אין זיך דעם המשך פון דער גרויסער העראָאישער אידעע, מיט וועלכער עס איז אָנגעפילט די גאַנצע אידישע געשיכטע.

אין אָט דער קורצער סירקיניסטישער כאַראַקטעריסטיק פון אונזער באַוועגונג ליגט אייגנטלעך דער ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט אין דעם „אַריינפיר": פון וואַנען האָבן זיך גענומען די גורמים פאַר דעם אייב־פלוס פון אונזער באַוועגונג? אין וואָס איז באַשטאַנען איר כוח? איר כוח איז באַשטאַנען אין דעם געשיכטלעכן המשך־זאַפט, וואָס זי האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט, וואָס זיינען אין איר אַריינגעגאָסן געוואָרן דורך אַזעלכע מיט־המשך־זאַפט אָנגע־פילטע נשמות ווי משה העס און, בעיקר, — נחמן סירקין. זיי האָבן אין איר

אַריינגעגעבן סיי איר אוניווערסאַלן, סיי איר אידישן אינהאַלט, וואָס האָבן זיך אין איר צונויפֿגעגאָסן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט און אַרויסגערופֿן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס.

פֿון אַט דעם געשיכטלעכן המשך־זאַפּט איז געבוירן געוואָרן אין איר דאָס רייסן זיך צו דער ציוניסטישער שעפּערישער טאַט, איר שטרעבן צו חלוציות, דער קווינטעסענץ פֿון דער באַוועגונג. און וואָס איז די קווינטעסענץ פֿון חלוציות גופא? — אַז די שטרעבונג צו טיפֿע סאָציאַלע ענדערונגען אין דער וועלט טאָר ניט בלייבן בלויז אַ האָפֿענונג, וואָס זאָל כסדר אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אומבאַשטימטן מאָרגן. זי מוז ווערן די שעפּערישע טאַט פֿון הייַנט. דאָס איז אונזער וועג, וואָס מיר האָבן מיט אונזער אייגענעם ווילן אויסגעקליבן. דאָס איז אונזער פֿאַרזוך פֿאַר דער — צו באַנוצן ווידער אַ כאַראַקטעריסטישן סירקין־זאַץ — „אויפֿלעזונג פֿון די טראַגישע אידישע סתירות דורך דעם שאַפֿנדיקן און באַפֿרייענדיקן ווילן”. אַזוי וועלן אויך אויפֿגעלייזט ווערן די טראַגישע סתירות פֿון דער גאַנצער מענטשהייט דורך דעם געמיינשאַפֿטלעכן שאַפֿנדיקן און באַפֿרייענדיקן ווילן פֿון אַלע פֿעלקער.

וויסנדיק, אַז די וויכטיקסטע ראָלע אין אַט דעם פּראָצעס וועט שפּילן דער אַרבעטער־קלאַס, האָבן מיר כסדר געפֿילט, און דאָס טאַקע אין אונזער אַגי־טאַציע כסדר אָנגעוויזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט קיינמאָל ניט זיין פֿעאיק אָנצופֿירן דעם קאַמף פֿאַר אַ סאָציאַלער האַרמאָניע אין דער וועלט און אַריינ־פֿירן די דאָזיקע האַרמאָניע אין לעבן, כל־זמן ער איז ניט דערוואַקסן צו דער אידעע פֿון פֿעלקער־האַרמאָניע. דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט מוז דעריבער וויד־מענען אומגעהויערע אויפֿמערקזאַמקייט דער פּראָבלעם פֿון פֿעלקער־האַרמאָניע, באַזירט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּרינציפּ פֿון גלייכע לעבנס־באַדינגונגען פֿאַר יעדער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. דער אידישער אַרבעטער, פֿון זיין זייט, מוז אין זיין פּראָגראַם איינשליסן די פֿאַרזיכערונג פֿון דעם המשך פֿון דער אידישער אייגנאַרט עד סוף כל הדורות.

די תשוקה פֿאַר אידישן המשך האָט אָבער פֿאַר אונז ניט געמיינט — דער המשך פֿון דער איצטיקער אידישער גלות־לאַגע, מיט דער גאַנצער שפֿלות, וואָס ער ברענגט מיט זיך. פֿאַרקערט! דורך רעוואָלוציאָנערן ווילן, דורך תשוקה צו פֿרייהייט און גאולה האָבן מיר זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרזיכערן אַ אידישן המשך, וואָס זאָל זיין דער סאַמע היפּוך פֿון אונזער גלות־היינט, דורך אויפֿבויען דעם אידן־שטאַט אין ארץ־ישראל.

פֿון אַט די קוואַלן האָבן מיר געשעפּט אונזער כוח פֿאַר אונזער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און מיט אַט דעם אימפּעט האָבן מיר זיך דורכגעשלאָגן אונזער וועג אין אַמעריקאַנער אידנטום.

איז די אַנטוויקלונג פֿון דער באַוועגונג טאַקע שטענדיק געווען אַ שטייגנ־דיקע? ניין! זי האָט געהאַט אירע עליות און אויך אירע ירידות; ווען מען לויפֿט דורך אין מחשבה אַלע זיג־זאַגן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט, קען מען ערשט דאַן נאָך קלערער דערזען די באַדייטונג פֿון איר סימן מובהק, פֿון איר נאַציאָ־נאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. דער דאָזיקער סימן מובהק אירער האָט גע־

שפילט אין איר אייגענעם לעבן די זעלביקע ראָלע, וואָס די האַנט פון משה רבינו האָט געשפּילט אין דער מלחמה צווישן ישראל און עמלק: „כאשר ירים משה את ידו וגבר ישראל וכאשר יניח משה את ידו וגבר עמלק".

איז די באַוועגונג געטריבן געוואָרן דורך נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימ־פּעט, זיינען געקומען אירע עליות. איז אָט דער אימפּעט, צוליב פאַרשיידענע סיבות, צייטווייליק אין איר אָפּגעשוואַכט געוואָרן, זיינען געקומען די ירידות.

דאַרף מען אונטערציען אַ סך־הכּל פון אירע ווירקונגען? קען מען גאָר אַזאַ סך־הכּל אונטערציען? מיר שיינט, אַז — ניין! דער באַגריף „סך־הכּל" פּאַסט זיך זייער שווער אַריין אין אַ פּראָצעס, וואָס איז ניט קיין סטאַטישער, אין אַ פּראָצעס, וואָס איז פליסיק. אין דער וויטערדיקער דינאַמיק פון אַמע־ריקאַנער אידנטום, אויף וועמעס פּלייצעס דער שיקזאַל אַליין האָט אַרויפגעלייגט אַזעלכע גוואַלטיקע אויפגאַבן, וועט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרפן ווייטער אַריינגיסן איר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. טאָמער, חלילה, וועט זי עס ניט פאַרמאָגן, וועט עס זיין אַ בכיה לדורות פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק.

ווען צייטן וואָלטן אַפילו געווען נאָרמאַלע, וואָלט דאָס אַמעריקאַנער אידנ־טום אין זיין אַנטוויקלונגס־פּראָצעס זיך שטאַרק געניטיקט אין אָט דעם נאַציאָ־נאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. איצטער, ווען מיר גייען דורך אַ נייע הרת עולם־עפּאָכע, קען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זיין ראָלע בשום־אופן ניט דערפילן אָן אַזאַ אימפּעט, אָן אַ רעוואָלוציאָנערן שוואונג. געשעענישן אין דער גאַנצער וועלט, געשעענישן אין אַמעריקע, אַנטוויקלונגען אין וועלט־אידנטום און אַנט־וויקלונגען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר דער גאַנ־צער וועלט בכלל און פאַרן אידישן פאָלק בפרט אומגעהויערע שיקזאַל־פּראָבלע־מען. בלויז מיט רעוואָלוציאָנערן פאַרנעם, מיט געוואָגטע צוגאַנגען צו די פּראָ־בלעמען, און מיט זוכן ראַדיקאַלע ענטפערס אויף זיי, קען זיך דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פאַרמעסטן די דאָזיקע פּראָבלעמען צו לעזן.

די פּראָצעסן, וואָס זיינען פאַר די לעצטע 25 יאָר פאָרגעקומען אין אונזער לעבן, האָבן אָן ספק שווערער געמאַכט פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום בכלל און פאַר אונזער באַוועגונג בפרט אונזער נייע היסטאָרישע ראָלע. אַזעלכע פּראָצעסן זיינען געווען פאַרשיידענע. עס האָבן זיך טיפער איינגעוואָרצלט אין אַמערי־קאַנער אידנטום טראַדיציעס אַזעלכע, וועלכע שטעלן זיך איצטער אין וועג פון אַ ברייטן ראַדיקאַלן שוואונג, פון ברוייזנדיקן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. אַזעלכע טראַדיציעס זיינען פאַרבונדן סיי מיט אָרגאַניזאַציעס, סיי מיט פּערזענלעכקייטן. זיי זיינען עלטער געוואָרן — אונזערע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן בתוכם — און סיי די טראַדיציעס, סיי דער עלטער פּענטעט דעם שוואונג. דערצו ראַנגלען מיר זיך דאָ מיטן פּראָבלעם פון דעם ניי־אויסגעוואַקסענעם אַמעריקאַנער דור. איך געהער ניט צו די פּעסימיסטן אין מיין אָפּשאַצונג פון דער צוקונפט פון דער אַמעריקאַניש־אידישער יוגנט. ניט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר אַן אַנאַליז פון איר מהות און פון דעם אופן פון איר אַנטוויקלונג. עס קען אָבער קיין ספק ניט זיין, אַז איינע פון די סיבות פון דער פאַרווירונג, וואָס האָט

געהערשט אין אַמעריקאַנער אידנטום דורך דער גאַנצער צייט פון דער נייער וועלט־מלחמה, אַ פּאַראַווירונג, וואָס הערשט נאָך טיילווייז אויך איצטער, אַפילו נאָכדעם ווי די אַל־אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ איז שוין אויפגעשטעלט געוואָרן, — איז געלעגן אין דעם „גערעאַנגל פון דורות״. דער אַלטער אידישער דור האָט זיך שוין אָנגעהויבן איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז "the youth takes over", אַ געדאַנק, וואָס וואָלט אין נאָרמאַלע צייטן געווען גאַנץ נאַטירלעך און גאַנץ געוואונטשן. אָבער אין צייטן פון אַזעלכע אומגעהויערע געשעענישן איז עס ניט געוואונטשן, ווייל די יוגנט איז נאָך ווייט ניט רייף „איבערצונעמען״, בעת דער אַלטער דור האָט שוין כמעט געפּילט, אַז ער איז פּטור פון אחריות. דער יונגער דור האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דער אחריות. ביידע האָבן זיך דעריבער געוואַקלט.

האָט דעריבער געפעלט די פעסטע האַנט ביים רודער פון אידישער פירער־שאַפט אין אַמעריקע, וואָס איז אַזוי נויטיק אין אַזעלכע אחריות׳פולע צייטן. געשען מוזן צוויי זאַכן: דער אַלטער דור מוז צייטווייליק צוריקנעמען דעם רודער אין האַנט. דער יונגער דור מוז צייטווייליק זיך באַנוגענען מיט מיטגיין. ביידע מוזן אָבער אָנגעפילט ווערן מיט נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט. ווער וועט אַט דעם אימפּעט צושטעלן? ווער וועט מאָנען, רופן? ווער וועט אַריינטראָגן דעם הייליקן אומרו אין אַמעריקאַנער אידנטום, אויב ניט אונזער באַוועגונג?

דער שוואונג וועט מוזן גרעסער און ברייטער זיין, ווי אַפילו יענער שוואונג אונזערער פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. אין דעם נייעם קאַפּיטל אַמעריקאַנער אידישע געשיכטע, אין וועלכער מיר טרעטן איצטער אַריין; אַ קאַפּיטל, וועלכער וועט מוזן זיין אָנגעפילט מיט אומגעהויער גרעסערע אָנשטרענגונגען, סיי דערפאַר ווייל דער חורבן איז גרעסער, סיי דער־פאַר, וואָס די אידישע כוחות אין דער וועלט זיינען קלענער געוואָרן, סיי דערפאַר ווייל דער פאַרמעסט מוז זיין אויף אַ מער ראַדיקאַלער לייזונג פון דעם ביטערן אידישן פּראָבלעם, — אין אַט דעם נייעם קאַפּיטל וועט די ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע באַוועגונג מוזן אינוועסטירן פיל מער כוחות, כדי זי זאָל ווידער אַמאָל פאַרנעמען איר היסטאָרישן פּלאַץ. דער שטאַרק־אויסגעוואַקסענער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט זיך מוזן שטאַרק אונטערגאַרטלען, כדי צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע טיילן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַרויסצו־ברענגען פון זיך דעם מאַקסימום פון אונזערע אייגענע פּאָטענציעלע כוחות.

די באַוועגונג, וואָס האָט געבוירן דעם חלוציזם אין דער מאָדערנער אידי־שער געשיכטע, וועט פון זיך מוזן אַרויסברענגען טיפּע חלוצישע דראַנגען, כדי דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידנטום רייף צו מאַכן פאַר זיין גוואַלדיקער ראָלע אין דער איצטיקער טראַגיש־גרויסער עפּאָכע פון אידישן פאָלק.

דער פאַרבאַנד און זיין צוקונפט

(דער אָרדן וואָס פאַרזיכערט קעגן קראַנקהייטן און טויט דאָס אידישע פאָלק)

פון ב. באָראָכאָוו*

ס'איז געווען אַ צייט, ווען גוטע פועלי ציון האָבן מיט אַ געוויסן מיסטרויען געקוקט אויף דער צוקונפט פון אונזער יונגן אָרדן, געשאָקלט מיט די קעפ און גע'טענה'ט: אַן איבעריקער אויפטו, אַן אָרדן גאָר, אינשורענס, וועט אומזיסט איינשלינגען פועלי ציוניסטישע ענערגיע; נאָך אַן איבעריקע אַרבעט אויף די

בער באָראָכאָוו, דער יונג־פאַרשטאָרבענער פועלי ציון־פירער און טעאָרעטיקער.

פאַרטיי־חברים; נאָך אַ הוצאה — קאַרג אַרבעטן און הוצאות אַזוי? מען האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז ס'וועט זיך אויסלאָזן מיט גאַנצע אומגליקן פאַר דער פאַרטיי,

* דער אַרטיקל פון דעם פאַרשטאָרבענעם פירער און טעאָרעטיקער פון פועלי ציון איז איבערגעדרוקט פון „אידישן קעמפער", נומ' 34, פון 22טן דעצעמבער, 1916.

אינערלעכע קאָנפליקטן, שפּאַלטונגען, און סתם וואָס איז דאָס פאַר אַן עסק פאַר אַ פּאַרטיי פון צוקונפט צו פאַרנעמען זיך מיט אינשורענס, קראַנקן־בענעפיט, לויה־בענעפיטן און דערגרייכן פּראָזאאישע קלייניקייטן?

היינט זיינען די דאָזיקע טענות אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. דער דער־פאַלג פונם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, די טיפע האַרמאָניע צווישן אונזער פּאַרטיי און אָרדן, די אומשעצבאַרע קעגנזייטיקע שטיצע פון ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן אינגאַנצן פאַרטריבן דעם מיסטרויען און עס וואָלט שוין אייגפאַך געווען קאָמיש היינט נאָך גיין איבערצייגן אַ פּועלי ציון, אַז דער פאַרבאַנד איז איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פאַרן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן געדאַנק. דאָס איז איבעריק צו באַווייזן, ווייל דאָס איז אַלעמען שוין קלאָר.

אמת, דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אַן אָרדן, אַ געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג אויפן פאַל פון קראַנקהייט און טויט. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די לעבנס־פאַרזיכערונג איז דער עצם־ און דער עיקר־צוועק פון אַן אָרדן. סיי היסטאָריש, סיי אויך אין זייער היינטיקער געשטאַלט זיינען די אָרדנס, קודם־כל, „ברידערלעכקייטן" (פראַטוירניטיס), ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר אידעאַלע, קולטורעלע און געזעליקע צוועקן, און די געזעליקע צוועקן זיינען דאָ דער עיקר. די „אינשורענס" איז פאַקטיש די צווייטע זאַך — נאָך דער קולטורעל־געזעליקער. אַז אַן אָרדן שטעלט זיך, קודם־כל, אידעאַלע צוועקן, ווערט באַצייכנט שוין אין זיין נאָמען גופא. די מייסטע אָרדנס פון גאָר דער וועלט גיבן זיך אַ נאָמען מיט עפּעס אַ כוונה, עפּעס אַ לאָזונג, אַ פּאַראָלע, אַ שיינע פראַזע.

אָט קוקט אַדורך די רשימה פון די היינטיקע אָרדנס אין אַמעריקע; האָט איר דאָ, צום ביישפּיל, אַזוינע נעמען: „„רחמנות'דיקע ריטער פון אַמעריקע"; „געריכט פון ליבע"; „קרייז פון גלייכהייט"; „שטאַפּל פון כבוד"; „רחמנות־פּאַנד פון מזרח־שטערן"; „העראַלדן פון פרייהייט"; „ריטערס און לידיס פון זיכערקייט"; „ברית אברהם"; „ברית שלום"; „גוואַרדיע פון נאַציאָנאַלער היים"; א. אַז. וו., א. אַז. וו.

אַ גאַנצע קאָלעקציע פון נאַאיווע, גאַנץ פּוסטע, הויך־קלינגנדע נעמען. אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס די „ברידערלעכקייטן" פילן די באַדערפעניש אין אַ קלינגענדן נאָמען, באַווייזט דאָך, אַז די גרינדער און מיטגלידער פון די אָרדנס זוכן אין זיי עפּעס מער ווי די טרוקענע פּראָזאאישע „אינשורענס". וואָס־זשע זוכן זיי דאָרט?

זיי זוכן געזעליקייטן — אַ היים, אַז די מענטשן זאָלן זיך אויסרוען פון דער אַרומיקער פרעמדער וועלט און פאַרברענגען די פרייע צייט אין אַן אייגענעם און נאָענטן קרייז. און דאָס איז דער גרויסער אונטערשיד צווישן די אָרדנס און די „אינשורענס־קאָמפּאַניס". אַן אינשורענס־קאָמפּאַניע קען זיך אויך פירן מעשה דעמאָקראַטיע. אַן אַסעקורירטער מיטגליד קריגט וואַלרעכט און אַ שטימע ביי די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון דער קאָמפּאַניע. נאָר וועמען ליגט דאָס אין זינען צו באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן מיטגלידער־רעכט? איר ווייסט ניט, ווער עס איז אייער שכן אין דער „קאָמפּאַני", מיט וועמען איר גייט דאָ צו איין טיש.

עפּעס אַנדערש איז אַן אָרדן, ווי גרויס דער אָרדן זאָל ניט זיין, ווען ער זאָל אַפילו ציילן מיטגלידער אין די מיליאָנען, פילט זיך דאָך יעדער מיטגליד ווי אַ טייל פון דער גרויסער משפּחה, מיט געמיינזאַמע אידייען. אין די מייסטע אָרדנס זיינען טאַקע די אידייען, רחמנא לצלן, מורא׳דיק פּרימיטיוו און ניט אויפריכטיק. עס איז נאָר דער אויסערלעכער טראַסק פון געהיימע פּאַראָלן פון „מעסטערס" און „גרענד מעסטערס" מיט דער גאַנצער צאַצקעדיקער צערעמאָניע און פּאַראַד, אָבער עפּעס אַן אידעאַלער מאָראַלישער אונטערשלאַג איז דאָ שטענדיק פאַראַן. דער דראַנג צו געזעליקייט און צו ברידערלעכקייט באַקומט אין די בירגערלעכע אָרדנס אַ קאָמישע און פּוסטע פאָרם. דער דראַנג בלייבט אָבער אַן אמת׳ער יסוד פון דעם אָרדן.

דערפאַר איז קיין חידוש ניט, וואָס די „אָרדנס" גרופּירן זיך אַזוי גערן לויט רעליגיעס, קלאַסן און נאַציאָנאַליטעטן. ביזנעס איז אינטערנאַציאָנאַל, נאָר די קולטורעלע סביבה איז רעליגיעז, סאָציאַל, אָדער נאַציאָנאַל. אין אַן אָרדן זוכט מען, קודם־כל, די סביבה, און דערפאַר זיינען טאַקע די מערסטע אָרדנס אַזוי געטיילט, לויט דער סביבה.

האָט איר רעליגיעזע אָרדנס: קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע, אידישע. האָט איר סאָציאַלע קלאַסן־אָרדנס: פון אַריסטאָקראַטן, פון פאַרמערס, פון באַנקירן, פון אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן, פון אייזנבאַן־אַרבעטער, פון מעכאַניקער, פון עלעקטריקער. און אַן אַ שיעור נאַציאָנאַלע אָרדנס: פראַנצויזישע, דייטשע, סלאָוואַקישע, סקאַנדינאַווישע, איירישע, א. אַז. וו. פיל טראָגן אַן אויסגעשפּראָכן־נאַציאָנאַלן נאָמען, ווי צום ביישפּיל, די פראַנצויזישע „אַליאַנס נאַסיאָנאַל", די „באָהעמיש־סלאַווישע פאַראייניקונג", „אינדעפּ. סקאַנדינאַוויען וואָרקינג־מענ׳ס אַסאָסיאיישאָן", „פּאָליש נעשאָנעל אַלייענס", „נעשאָנעל סלאָוואַק סאָסייעטי", „דזשוירמען בענעפישל יוניאָן", „דעניש בראָדערהוד אָוו אַמעריקאַ", „סלאָוועניק נעשאָנעל בענעפיט סאָסייעטי", „היבערניאָן לאַיף אינשורענס אַסאָסיאיישאָן" (איירישע), א. אַז. וו.

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אָרדנס זיינען פּאַקטישע פעסטונגען פון די פאַרשידענע נאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די אָרדנס האַלטן אויף זייער פאָלק, שיצן אים קעגן אַסימילאַציע, שאַפנדיק אַן אייגענע קולטור־סביבה, היטן אָפּ און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע שפּראַך, שיצן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון זייערע ברידער אויף יענער זייט ים. און עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז אַפילו די ניט־נאַציאָנאַלע אָרדנס, וואָס שטעלן זיך ניט דירעקט קיין נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, טיילן זיך אויך פּאַקטיש לויט נאַציאָנאַליטעטן.

אונזער יונגער אָרדן, דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, איז בכן ניט קיין אויסנאַם פון אַנדערע; ניט קיין פּראָדוקט פון אַ קאַפּריז פון אַ פּאָר פּועלי ציון־גרינדער, נאָר ער איז אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דעם היגן נאַציאָנאַלן לעבן און פון דעם אויפגעוואַכטן אידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. פּאַקטיש זיינען אַלע אידישע אָרדנס נאַציאָנאַל, הגם זיי שטעלן זיך ניט קיין נאַציאָנאַלע צוועקן. אַפילו דער אַרבעטער־רינג איז נאַציאָנאַל, להיפּוך צו די

אַסימילאַטאָרישע כוונות פון זײנע גרינדער און פירער. לויטן סטאַטוט פון אַרבעטער־רינג, האָט ער געדאַרפט זײן „אינטערנאַציאָנאַל״, אַרײננעמען אין זיך אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון פאָלק. זײנען דען אַ סך איטאַליענישע, אַ סך אירישע אַרבעטער פאַראַן אין אונזער אַרבעטער־רינג? קײן אײנציקער ניט. און אַפילו דער כשר׳סטער „גענאָסע״ וואָלט געווען איבערראַשט ביזן העכסטן גראַד, ווען אַן איטאַליענער וואָלט אַרײנגעגעבן אַן „אַפּליקײשאַן״ צום אַרבעטער־רינג.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אַן אָרדן, וועלכער האָט קלאָר געמאַכט זײן נאַציאָנאַלן איך. בײ די אַנדערע אידישע אָרדנס איז דאָס נאַציאָנאַלע פאַרטונקלט דורך אומזיניקע פאַראַלן און פראַזן. דער־פאַר טאַקע ווערט אונזער אָרדן אויפגעבויט אויף מאָדערנע, באַוואוסטזיניקע, וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן, סײ אין זײן קולטורעלער טעטיקײט און סײ אויף זײן פאַרזיכערונגס־סיסטעם. יענע אַלטע אידישע אָרדנס זײנען אומרײפע „בעיבים״ אין פאַרגלײך מיט אונזער יונגער אינסטיטוציע. זײער פאַרזיכערונגס־סיסטעם איז פרימיטיוו און פאַרשוועגדעריש. זײער קולטורעלע סביבה — קינדיש און פאַרקריפּלט. דאָס איז ניט קײן צופאַל, וואָס אונזער אָרדן האָט לכתחילה אײנ־געפירט דאָס וויסנשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע סיסטעם פון „פּראָטוירנאַל רעיטס״. ער האָט עס געטאָן, ווײל ער איז אַ מאָדערנער אָרדן. דער מאָדערנסטער און דער פאָלקאָמסטער אידישער אָרדן; מאָדערן אין זײן ווירטשאַפט, מאָדערן אין זײן פּאָ־ליטיק, מאָדערן אין זײן קולטורעלער טעטיקײט.

לאָמיר־זשע וויסן, אַז אָן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד קען ניט זײן קײן געזונטע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פון די היגע אידישע מאַסן. לאָ־מיר וויסן, אַז עס איז די פליכט פון יעדן ציוניסט־סאָציאַליסט צו שטיצן אונזער אָרדן און צו שטאַרקן אים, ער זאָל אויסוואַקסן צו אַ גרויסער, געזעלשאַפטלעכער מאַכט.

די אַלטע אָרדנס האָבן געוואָלט שאַפן אַ הײמישע סביבה פאַר די יחידים און פאַרזיכערן אײנצלנע מענטשן קעגן קראַנקהײטן און טויט. אונזער אָרדן ווײל דאָס אויך, אָבער ניט נאָר דאָס. זײן עיקר שטרעבן איז צו שאַפן אַ נאַציאָ־נאַלע קולטור־סביבה פאַרן גאַנצן אידישן אַרבעטער־קלאַס און דורך דעם צו פאַרזיכערן קעגן קראַנקהײטן און טויט דאָס אידישע פאָלק.

די נייע אידישע דערציאונג
(דער אָנהייב פון די אידישע פאָלק־שולן)

פון יואל ענטין

א. דער הינטערגרונט

1. דער נאָמען

גלייך ביי זייער גרינדונג האָבן די אידישע קינדער־שולן, אין דער פּאַרטיי פּועלי ציון און אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פּאַרבאַנד, געקראָגן דעם נאָמען אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. דער „בראָך־שטול", אויף וועלכן די שולן זיינען, אין באַשלוס, ענדגילטיק געבוירן געוואָרן, איז געווען די פינפטע קאָנווענשאָן פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי (אָנגעפאַנגען דעם 20טן אָקטאָבער, 1910), אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס, הגם נאָך ניט קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון, האָט ער זיך דאָך שטאַרק מתעסק געווען אין דעם געבורט־באַשלוס פון די שולן, איז, לויט אַלע סימנים, אויך געווען דער קוואַטער, וואָס האָט די שולן דעם שם ראַדיקאַל געגעבן.

אַז די נאָכריכט וועגן דעם באַשלוס האָט דערגרייכט די רעדאַקציע פון דער „וואַרהייט", די טעגלעכע צייטונג, אין וועלכער איך האָב לאַנג און עקשנות־דיק אַגיטירט פאַר אַזעלכע שולן, וועגדענדיק זיך אַפילו דערמיט דירעקט צו די פּועלי ציון אָדער צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פּאַרבאַנד, האָט די בשורה מיך אַוודאי שטאַרק דערפרייט. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט דער נאָמען ראַדיקאַל מיך ביז אַ געוויסן גראַד שאָקירט. און ניט נאָר מיך, נאָר אויך אַנדערע חברים פון דער רעדאַקציע, לכל־הפּחות דעם חבר לעאָן עלבע (לייבע באַסין), וואָס בנוגע די שולן, יעדנפאַלס, האָב איך מיט אים האַרמאָניש געטראַכט און האַרמאָניש געאַרבעט. אין יענע יאָרן האָט ראַדיקאַל אויף דער אידישער גאַס באַטייט ניט נאָר אַנטי־רעליגיעז, נאָר אפשר אויך אַפילו אַגרעסיוו בנוגע רעליגיע. עס האָט זיך, דוכט מיר, דערפון אַפילו אַ ווייטער ריח געהערט, ווי פון די אַזוי־גערופענע אַנאַרכיסטישע יום־כיפור־בעלער, ווי פון „עסן חלב׳נע ליכט גאָט צו־להכעיס".

איך האָב, געדענק איך, דעם אַדיעקטיוו ראַדיקאַל, בנוגע די שולן, ניט גערן באַנוצט. אָנשטאָט דעם פלעג איך, שרייבנדיק אָדער רעדנדיק, די נייע שול־ריכטונג באַצייכענען מיטן נאָמען: די נייע אידישע דערציאונג. און ניט נאָר איך, מיר דוכט, אַז אויך די פּועלי ציון האָט דער עפּיטעט ראַדיקאַל געגרילצט אין די אויערן, געסקריפּעט ווי אַ פאַרטקע, וואָס הענגט אַראָפּ פון דער זאַוויעסע, ביז אויפן דריטן שול־צונויפפאָר, אין סיראַקיוז, אין יאָר 1917, האָבן אַלע

דעלעגאַטן, אויך די דעלעגאַטן פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, וואָס זיינען זינט 1914 אין דער שולן־אַרבעט געגאַנגען מיט אונז צוזאַמען, פּה אחד באַשלאָסן דעם נאָמען נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל צו וואַרפן און אָנשטאָט דעם רופן די שולן — אידישע פאָלקשולן.

קוים קנאַפּער ווי דעם „ראַדיקאַל" האָב איך ניט געקענט סובל־זיין דעם אַדיעקטיוו וועלטלעך, ווען ער איז, אַרום די צוואַנציקער יאָרן, אויפגעקומען אין די קרייזן פון די שלום עליכמ'ניקעס און פון די שול־טוערס פון אַרבעטער־רינג. וועלטלעך איז געווען אַ פּשוט'ע, אַפילו עטוואָס אַ האַמעטנע איבערזעצונג פון איירעפּעאישן אַדיעקטיוו סעקולאַר, וואָס האָט אויך אַ ניואַנס פון אַנטי־רעליגיעז־קייט. דערצו נאָך האָט ער ביי אונז געקענט צוקריגן, אויב ער האָט טאַקע ניט צוגעקראָגן, דעם ביי־באַטייט פון קאָסמאָפּאָליטיש, עפּעס וואָס די שלום־עליכם־ניקעס אַליין דאַרפן זיין אַנטשידן קעגן. איך מוז נאָך צוגעבן, אַז דער נאָמען וועלטלעך האָט אין אונזערע קרייזן, די קרייזן פון די פּועלי ציון און פאַרבאַנד, זיך טאַקע ניט צוגעקלעפּט.

דער נאָמען אידישע פאָלקשולן פּאַסט אונזערע שולן אַמבעסטן. דאָך וואָלט דער נאָמען, זאָל זיין ריין־שפּראַכלעך, ביז גאָר שלעכט געקליידט אונזער דערציאונג אַלס גייסט און שיטה. בכן, בלייב איך ביי מיין אַלטן נאָמען: די נייע אידישע דערציאונג. און אַזוי וועל איך זי אָנרופן אין מיין איצטיקער אַרבעט.

2. די וואָרצלען פון דער נייער אידישער דערציאונג

ש. ניגער (אין זיין „אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג", אַ געשיכטע פון די אַרבעטער רינג־שולן, געשריבן אויפן אויפטראָג פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, אין יאָר 1940), זוכט די וואָרצלען פון דער נייער אידישער דער־ציאונג אין די סאַמע ווייטסטע מרחקים. ערגער נאָך פון די ווייטע מרחקים איז, וואָס ער זוכט און גראָבט אין די וואָרצלען, און ער געפינט ערשט ניט.

נח מישקאָווסקי, וואָס האָט אין יאָרן אַרום אויפגעטויכט דאָ אין אַמעריקע (אין לאָס אַנדזשעלעס און אין ניו־יאָרק) אַלס פּועלי ציון און לינקער פּועלי ציון, אַלס שול־טוער, לערער און שרייבער, — ברענגט ש. ניגער, — האָט אַרום דעם יאָר 1900 אין דער שטאָט מיר (באַרימט מיט דער מירער ישיבה) געגרינדעט אַ סאָציאַליסטיש־באַזעלטע קינדער־שול, וואו אַ חוץ אַריטמעטיק, געשיכטע און געאָגראַפיע, אויף אידיש, האָט מען אויך געלערנט אידיש ווי אַ לשון. אַרום דעם יאָר 1902 האָט דער אייגענער נח מישקאָווסקי, אין איינעם מיט אַנדערע, געגרינדעט אַן ענלעכע שול אויך אין דער גאַנץ נאָענטער שטאָט ניעסוויעזש (ביידע שטעט זיינען אין מינסקער גובערניע), וואו מען האָט, אַ חוץ די געוויינ־לעכע אָנפאַנג־שול־לימודים אויף אידיש, אויך געלערנט די שפּראַכן אידיש און העברעאיש.

איך לאָז אַן אַ זייט וואָס (אויב איך געדענק פּרטים) דער פאַרשטאָרבענער א. ליטווין דערציילט אין זיינע רייזע־בילדער פון ליטווישע און ווייס־רוסישע שטעט און שטעטלעך, פון אַ פּרווו אָדער פּרויעז, וואָס האָבן אומגעפער אין דער

אייגענער צייט געהאַט גרויסע, דערפאָלגרייכע מיידלשע חדרים אָדער שולן (אויך אין מישקאָווסקי׳ס שולן זיינען געווען הויפּטזאַכלעך מיידלעך), וואו זיי האָבן מיט די קינדער געלערנט אידיש און אידישקייט. וויכטיק איז וואָס מישקאָווסקי׳ס שולן האָבן, ווי ס׳איז קענטיק פון זיין אייגענער באַשרייבונג, געהאַט זייער קורצע יאָרן. נאָך וויכטיקער איז — מיט וואָס זיינען די שולן געווען אידיש? איז דען דאָס וואָס מען האָט געלערנט אידיש, און אַפילו העברעאיש, גענוג געווען צו מאַכן די שולן אידיש? און דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין אונזער ענין איז דאָס וואָס צווישן מישקאָווסקי׳ס שולן און די אידישע שולן אין אַמעריקע איז ניטאָ אַפילו דער מינדסטער המשך. אמת, אַרום דעם יאָר 1915, דערגייט צו מיר, אַלס דעם דעמאָלטיקן הויפּט־אָנפירער מיט די פּועלי ציון פאַרבאַנד־שולן, דער נאָמען נח מישקאָווסקי אין פאַרבינדונג מיט אַ פּועלי ציון־שול אין לאָס אַנדזשעלעס. איז דאָך עס אָבער שוין פינף יאָר נאָך דער גרינדונג און פונקציאָנירונג פון די פּועלי ציון פאַרבאַנד־שולן.

דערנאָך ברענגט ש. ניגער, משמעות ווי אַ צווייטן וואָרצל, די אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, וואָס האָבן, ערב דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, אָנגעהויבן אויפקומען אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט. אַ חוץ אַלגעמיינע און, משמעות, אויך סאָציאַליסטישע לימודים, האָט מען אויף די דאָזיקע קורסן אויך געלערנט אידיש און אידישע ליטעראַטור. און אין פאַרבינדונג, אָדער אַרום די דאָזיקע קורסן, וואַקסן אין לויף פון די יאָרן אויף אַזעלכע אידישע כרעסטאָמאַטיעס ווי אַברהם רייזענס „אידישע כרעסטאָמאַטיע", מ. אָלגין׳ס „דאָס אידישע וואָרט" און אַפילו י. לעווינ׳ס, ש. הורוויצעס און לינקאָווסקי׳ס „אונזער נייע שול". איז דאָס אַלץ גוט און פיין. און אַז אַזעלכע שולן זיינען, אין 1910, אויפגעקומען, האָבן מיר זיך מיט די אַלע לערן־ביכער און מיט אַ צאָל אַנדערע (פאַלק הייל־פּערינ׳ס, קרינסקי׳ס) גאַנץ פיין באַנוצט. אָבער שולן פאַר דערוואַקסענע זיינען דאָך ניט קיין קינדער־שולן, און אַ חוץ שפּראַך און ליטעראַטור, איז אין זיי קיין אידישעס ניטאָ. ועל כולם האָט זיך ניט אויף דער ערד און ניט אונטער דער ערד געצויגן קיין המשך צווישן יענע רוסישע שולן און צווישן די פּועלי ציון פאַרבאַנד־שולן פון יאָר 1910, וואָס פון זיי זיינען אַרויסגעקומען אידישע שולן אין אַמעריקע. (אַגב, קורסן פאַר דערוואַקסענע אויף אידיש האָבן מיר דאָ אין אַמעריקע, אַרום דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, געהאַט, ווי דער לעזער ווייס באַלד זען — אַ סך, אַ סך פריער).

יענע אָוונט־קורסן, דענקט ש. ניגער — און אַזוי האָבן אויך געדענקט די, פון וועמען ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות אין דעם פּרט, זיינען געווען „דער לעבעדיקער קוואַל, פון וועלכן ס׳האָט זיך שפּעטער ווי אַ מעכטיקער שטראָם פאַנאַנדערגעוואַקסן" די סאָציאַליסטישע אידישע שול־באַוועגונג. די פאַקטן, און ש. ניגער ברענגט זיי טאַקע אין דעם דערמאָנטן בוך, דערציילן אָבער, אַז ערשט נאָכן יאָר 1907 ווערט אין אַ צירקוליאַר פון פּראָגרעסיווע, סאָציאַליסטישע אידישע לערערס דערמאָנט, אַז אין איניקע טאָג־שולן פאַר קינדער איז שוין איינגעפירט געוואָרן דער לימוד פון אידיש (ניט דער לימוד פון אידישקייט). אַרום 1908 האָט דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער, אַלס רעזשיסער ביי דער ווילנער

טרופע, דוד הערמאַן, אינאיינעם מיט י. ל. פרצ׳ן, איינגעפירט אידיש אַלס לימוד אין געוויסע וואַרשעווער קינדער־היימען. און אַרום 1910 „שמוגלט״ דער איי־געגער דוד הערמאַן, זייענדיק אַ לערער אין דער פּריוואַטער פרויען־גימנאַזיע פון סאָפיע קאַלעצקי, אין איר אַריין, אונטערן מענטעלע פון רעליגיע, דעם לימוד פון אידיש און אידישער ליטעראַטור.

ווייטער האָט מען אַלץ דיסקוסירט און זיך געאַמפּערט, און ערשט אין 1912 ווערט אויף דער איניציאַטיוו פון דער קולטור־טוערין וויערא קופּערשטיין גע־גרינדעט אין ווילנע אַ פיר־קלאַסיקע מיידל־שול, וואָס דער „גייסט און די שפּראַך פון די לימודים איז דער גייסט און די שפּראַך פון דער בייער אידישער שול״.

פרעגט זיך אַ שאלה: פאַר וואָס זאָל דאָס אַלץ זיין אַ וואָרצל פון דער בייער אידישער קינדער־שול אין אַמעריקע? טאָמער גאָר פאַרקערט? די שולן פון די פּועלי ציון און פאַרבאַנד זיינען געגרינדעט געוואָרן סוף 1910. די נייעס האָט זיך שנעל צעטראָגן דורך דער פרעסע. אין דער פרעסע, און טאַקע אין דער סאָציאַליסטישער אָדער פּראָגרעסיווער פרעסע — אין בונדישן אָרגאַן און אין דער ניו־יאָרקער־ווילנער „נייע וועלט״ האָט דער פראָמינענטער בונדיסט צביון און דער לכל־הפּחות געוועזענער בונד־שרייבער ד״ר קאַרל פאַרנבערג, בדרך־כלל, וואַרעם רעקאָמענדירט די שולן און זייער שיטה. איז פאַר וואָס זאָלן מיר ניט אָננעמען, אַז דער פאַל אין ניו־יאָרק האָט גאָר אַ שטויס געגעבן די בונדיסטן אָפּ־צוהאַקן זייערע דיסקוסיעס און זיך נעמען נאָכטאָן דעם ביישפּיל אין ניו־יאָרק?

עד כאַן די „וואָרצלען״ אין רוסלאַנד. ניט בעסער, אויב טאַקע ניט „בפירוש״ ערגער, שטייט עס מיט ש. ניגער׳ס וואָרצלען אין אַמעריקע.

קודם־כל, אויב אין רוסלאַנד האָט ש. ניגער אָנגעהויבן זוכן זיינע „וואָרצלען״ נאָך ביי די פּיאָנערן פון דער השכלה, האָט ער, אין אַמעריקע, וואו קיין השכלה־באַוועגונג אַלס אַזעלכע האָט זיך ניט אַרויסבאַוועגט, זיי ,די וואָרצלען, אָנגעהויבן זוכן צוערשט ביי די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן און דערנאָך ביי די דייטשע „יהודים״. די ערשטע, אין ניו־יאָרק, האָבן געהאַט קינדער־שולן מיט אַלגע־מיינע (אַפילו מיט שפּאַניש) און אידישע לימודים שוין אין 18טן יאָרהונדערט. די צווייטע האָבן אין פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, סינסינעטי, און אויך וואו אַנדערש, געהאַט זייערע שולן, מיט אַלגעמיינע לימודים (אַפילו מיט דייטש) און מיט אי־דישע לימודים, ד״ה העברעאיש און רעליגיע, אין די פערציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. און געווען זיינען עס, אַפילו מיט די לערן־שטונדן און זייער צייט, אמת׳ע אידישע „פּאַבליק סקולס״.

וואָלט דער וואָרצל טאַקע זייער וואָרצלדיק געווען, ווען עס וואָלט צווישן די דאָזיקע שולן און די שולן פון די אידישע אידן געווען כאָטש עפּעס אַ שאָטן פון אַ המשך. שפּעטער ווי 1842 הערט מען שוין ניט פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע שולן, און אויך די דייטשע אידישע קינדער־שולן גייען, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט ווײ־טער ווי ביז 1873. אין ביידע לאַגערן קומען, אין יענע ביידע צייטן משמעות אויף די היינט־צייטיקע שבת־ אָדער זונטיק־שולן. אויך דאָ געפינען אונזערע „אידישע אידן״ ניט געגאַנגען אין חדר, ניט צו די פראַנקן און ניט צו די „יהודים״. אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָט זיך די צאָל פון די מזרח־אייראָ־

פעאישע אידן אָנגעהויבן צו מערן. עפּענען זיי פּאַר זייערע קינדער תּלמוד־תּורות, אָן אַלגעמיינע לימודים, בשעת די אידישע לימודים באַשטייען הפּנים אויסשליסלעך פון רעליגיע, און די לערן־שפּראַך איז אידיש־מאַמע־לשון.

דאָ מאַכט ש. ניגער, אין מיטן פון זיין זוכעניש, אַן אָפּווייכונג און שטעלט זיך אָפּ — אויף פּערזאָנען. צוויי זיינען זיי, און דער אָפּשטעל אויף זיי איז גאָר אַ באַזונדערער. די וואָרצלען זאָלן, הפּנים, זיך גאָר שטאַרק האָבן געצויגן פון א. ליעסינ׳ס פּאָעזיע און פּראָזע און פון ד״ר זשיטלאָווסקי׳ס שרייבן און לעקציעס (און — גיב איך צו — פון זיין פּאַרקער מיט מענטשן).

דאָס מאַכן ליעסינ׳ען פּאַר אַ פּאַרלויפער פון די „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע״ און אַרבעטער רינג־שולן קלינגט מיר, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט גאָר נאָענט נאָכצופאָלגן ליעסינ׳ס קאַריערע אין דעם לאַנד — זייער משונה. אין 1894, בערך, הייבט אַבּרהם וואַלט (ליעסין) דורך פריינט צוצושיקן זיינע לידער צו אב. קאַהאַנ׳ען. די מייסטע לידער, ניט אין קיין צו גרויסער צאָל, ווערן געדרוקט אין דער „אַרבעטער־צייטונג״ אָדער „זונטיקס־בלאַט״ און „אָבענד־בלאַט״ און אין דער „צוקונפט״..געווען אויך אַזעלכע, וואָס ווערן „צעטרוכניעט״ — טאַקע זיין ווערטל — ביי אב. קאַהאַנ׳ען אין קעשענע. אַ צוויי־דריי פון די לידער האָבן אידישע מאָטיוון („דער אידישער פאַרשטייער״, „צוויי תּפילות״). די גרעסערע צאָל איז אָבער נאַטור־באַשרייבעריש („די לבנה־נאַכט״, „הערבסט ביים טייך״) אָדער רעוואָלוציאָנעריש („דער יונגער פאַרברעכער״, „צום נייעם יאָר״). אב. קאַהאַנ׳ען זיינען די לידער געפעלן, הפּנים טאַקע שטאַרק. לויס מיללער׳ן — כ׳האָב זיין מיינונג פון אים אַליין געהערט — הפּנים גאַרניט אַזוי שטאַרק. און דעם סאָציאַליסטישן פאָלק? כ׳האָב נאָך אַפילו אין אַ סך יאָרן אַרום, אַז ליעסין האָט שוין געהאַט רעדאַגירט די „צוקונפט״ און דאָרט מיט צווייענדיקן אַפּלאָמב — טיפּאָגראַפישן און מאָראַליש־פּאָעטישן — געדרוקט זיינע לידער, געהערט אַן אָפּנהאַרציקן ווידוי פון אַ חשוב׳ן, איינגעוואָרצלטן סאָציאַליסטישן טוער, שיער ניט אַ מעצענאַט, אַז בשעת פון ליעסינ׳ס לייט־אַרטיקלען אין דער „צוקונפט״ קוועלט ער גאָר אָן, היפּט ער איבער ליעסינ׳ס פּאָעזיע, דאַכט זיך אַפילו ניט פאַרבייגנדיק די בלעטלעך, און גייט זיך ווייטער.

געקומען איז ליעסין קיין אַמעריקע אין זומער 1897, באַלד נאָך דער גרינדונג פון „פאָרווערטס״, (בשעת דער מלחמה צווישן אים און דעם „אָבענד־בלאַט״). אַ ווילע טאַפּט ליעסין אין דער פינסטער און שפּרינגט, נאָך אַ לעצטן שטאַרקן ישוב־הדעת, אַריין אין דער מחנה פון „פאָרווערטס״, נעמענדיק זיך שיסן אין פיינטלעכן לאַגער כמעט אויסשליסלעך מיט פּראָזאַאיש־סאַטירישע פיילן. ווען ניט ווען שרייבט ער אויך אָן אַ ליד; כ׳גלויב אָבער קוים, אַז די יוסטע „געגנאָסן״ פון „פאָרווערטס״ מאַכן פון זיי אַ גרויסן ווועזן. אַקעגן־זשע, אויב איך געדענק ריכטיק, האָט ליעסין פּאַר אַזעלכע אידישע לידער ווי „יום־כּיפּור אויף דער נאַכט״ מצד די זעלבע „געגנאָסן״ געהאַט אַפילו געוויסע אומאַנגענעמלעכקייטן. ווי עס זאָל ניט זיין, אין יענע יאָרן איז א. ליעסין אַזוי פאַרטרונקען געווען מיט פּובליציסטיק, מיט טאָג־פראַגעס, ערנסט אָדער סאַטיריש באַהאַנדלט, און אַ ביסעלע שפּעטער מיט קולטור־היסטאָרישע און אידיש־היסטאָרישע באַאַרבעטונ־

גען (לויט טאָמאָס באַקל, לויט שמעון דובנאָוו), אַז עס בלייבט אים וויניק צייט און מעגלעכקייט פאַר פּאָעזיע, ווער רעדט פאַר נאַציאָנאַליסטישער.

גערעדנקען זיך מיר פון יענע יאָרן, אַ חוץ די לידער וואָס איך האָב שוין דערמאָנט, בלויז נאָך עטלעכע אַזעלכע ווי, למשל, „שמחת בית השואבה" און „והיה באחרית הימים", וואָס זיינען באַזעלט מיט הייסער אידישקייט. ערשט אַרום 1913, אַז ליעסין הייבט אָן רעדאַגירן „די צוקונפט", עפנט זיך ביי אים פון דאָס ניי אויף אַ שטאַרקער קוואַל פּאָעזיע און אין דעם קוואַל גיט אויך אַ מעכטיקער שלאַג אידישע דיכטונג.

דאָס איז וועגן פּאָעזיע. בנוגע פּראָזע פון יענער צייט, זוכט ש. ניגער און געפינט ליעסינ'ס אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" פון 10טן יולי, 1910, וואָס איז אַ ביטערער קלאָג אויף דער אידיש-אַמעריקאַנער קאָלעדזש-יוגנט — הלמאי זי קומט ניט אַריין אין אידישן קלאַסן-קאַמף!

ניין, ליעסינ'ען רעכענען פאַר אַ פאַרלויפער און באַדן-צוגרייטער פון דער אידיש-אַמעריקאַנער שול, מיט זיין פּאָעזיע און פּראָזע, אין די ברי-יאָרן ביז 1910, איז, דאַכט מיר, אַן אָפּטיש-היסטאָרישע גענאַרטקייט.

אַ סך בעסער שטייט עס מיט דעם צווייטן מענטשלעך-שאַפערישן וואָרצל: ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. אָבער אויך דאָ איז פאַראַן אַ היפּש ביסל איבערטרייבונג. דירעקט פאַר שולן האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי ביז צו דער פּועלי ציון-קאָנווענשאָן, דעם 20טן אָקטאָבער, 1910, אין מאָנטרעאַל, גאָרניט געטאָן, סיידן ערגעץ-וואו אין אַ מסיבה-שמועס. אין זיין שרייבן פון יענער צייט, ד"ה אין „דאָס נייע לעבן", האָב איך געזוכט און גאָרניט געפונען אַ חוץ אומפאַרשטענדלעכע, אָפּגעריסענע פּראָזע, וואָס קענטיק אויך ש. ניגער האָט געזוכט און קוים געפונען (אין „אָפענעם בריוו צו די פּועלי ציון", „דאָס נייע לעבן", 1909) — די פּראָזע „וואו זיינען די אידישע נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולן, וואָס איר האָט אויפגעבויט?"

אומדירעקט האָט, פאַרשטייט זיך, ד"ר זשיטלאָווסקי דעם באָדן גאָר אַ סך געהאָלפן צוגרייטן. קיינער וויל ניט, און עס וואָלט געווען גאַנץ בוצלאָז צו וועלן, לייקענען, אַז ד"ר זשיטלאָווסקי איז געווען דער, וואָס האָט דעם אידישן נאַציאָנאַליזם, אַזוי צו זאָגן פילאָזאָפיש, וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט. אָבער אויך דאָ דאַרף מען ניט איבערטרייבן. מיט זיין אידישער אויפקלערונג-אַרבעט (אַ צייט-לאַנג האָט ער געאַרבעט אויף רוסיש) האָט ער אָנגעהויבן אַ ביסל שפּעטלעך. צו די מאַסן איז ער לאַנגזאַם און שווערלעך דורכגעדרונגען. טיכטיק באַאַרבעט און געווירקט האָט ער, אין יענע יאָרן, דער עיקר נאָר אויף אַ דינער שיכט „רו-סישע" און סאָציאַליסטיש-אַנאַרכיסטישער אינטעליגענץ. און וואָס איז שייך די פּועלי ציון און פאַרבאַנד-אידן, וואָס זיי זיינען די קוואַטערס פון די אידישע שולן געווען — זיי האָבן זיך אין ד"ר זשיטלאָווסקי'ס נאַציאָנאַליזם ניט גע-נויטיקט, זיי האָבן אַ היפּשע דאָזע דערפון פאַרמאָגט אין זייערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס.

זיך צוריקקערנדיק צו אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, שטעלט זיך ש. ניגער לאַנג אָפּ, ווי אויף נאָך אַן אַראַנדזשעריע, וואו די שולן זיינען געכאָוועט

געוואָרן, אויף די סאָציאַליסטישע „סאַנדעי סקולס" אין 1906 און ווייטער (וועדליק מיר געדענקט זיך, זיינען די דאָזיקע „סקולס" אויפגעקומען נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פריער און די טאַטעס זייערע, מיט שריפט און וואָרט, זיינען גאָר געווען: איך — דעמאָלט אַ „פאָרווערטס"־שרייבער — און דער פאַרשטאָרבענער אַברהם שיפ־ליאַקאָוו). נו, די „סקולס" האָבן מיט דער צייט, און די צייט איז טאַקע געווען אָט פונקט ערב דער גרינדונג פון די „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע" שולן, גיכער אָבער נאָכדעם, — געדינט פאַר אַן אַרענע, וואו עס זיינען אויסגעפאָכט געוואָרן שלאַכטן פאַר און וועגן אַ אידישער דערציאונג פאַר סאָציאַליסטישע אידישע קינדער. ווידער זיי, די „סקולס" אַליין, זיינען, ראשית, גאַרניט געווען פאַר קינדער, נאָר פאַר — ווי מיר רופן אַזעלכע — יוגנטלעכע, והשנית, זיינען זיי מיט קיין שום זאַך, אַ חוץ סיידן מיט דער בלוט־אַנגעהעריקייט פון די תלמידים, אידיש ניט געווען.

דאָס איינציקע פון אַלע ש. ניגער'ס זוכענישן און געפינסן, וואָס וואָלט באמת געקענט אָנגערופן ווערן אַ פּרוזדור, אַ קאָרידאָר צו די שולן, איז געווען דער אמת דרייסטער און שיינער אויפטו פון דעם (פאַרשטאָרבענעם) שפּעטערדיקן שלום עליכם־לערער און טוער ה. גאָלדבלום, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1908 געגרינדעט אין בראַנזוויל אַ אידישע קינדער־שול, מיט אַ גאַנץ אידישלעכער פּראָגראַם (אמת, אָן רעליגיע), מיט גאַנצע דריי לערער, מיט גאַנצע 22 קינדער. וואָלט עס געקענט — ווען די שול וואָלט געלעבט אַ ביסל לענגער (זי איז פּלוצים אויפגעריסן געוואָרן פון אַ פּאַניק, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך אַ תלמוד־תורה צווישן די מאַמעס פון די קינדער, אַז די שול איז אַ „מיסיאָנערישע"!). עס וואָלט געקענט — ווען אַפּילו אין דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ וואָלט פון איר עמיצער געוואוסט, עמיצער, אַ חוץ דער פּיצעגאַנטיקער קופּקעלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרום איר געדרייט.

3. נענטער צו דער ערד

אַנשטאָט זוכן די וואָרצלען פון דער נייער אידישער דערציאונג (וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע אויפן שויס פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג) אין ווייטן רוסלאַנד אָדער אין נאָך ווייטערן שפּאַניש־פּאָרטוגעזיש־דייטשן אידנטום, לאָמיר זיי בעסער זוכן האַרט ביי אונזער ערד, אין די רייען פון די אידיש־רוסיש־גאַליציאַנישע אָדער רומענישע אימיגראַנטן, אין זייער עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן און אינסטיטוציעס, אין זייערע חדרים און תלמוד־תורות, יוניאָנס, סאָציאַליסטישע פּאַראיינען און ליטעראַרישע קלובן, אין זייער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער.

די גרויסע אידישע אימיגראַציע צום סאַמע גרעסטן טייל פון רוסלאַנד, צו אַ סך אַ קלענערן טייל פון גאַליציע און רומעניע, האָט זיך אָנגעהויבן אין 1881טן יאָר. פון דעמאָלט אָן איז זי אין אַ כמעט שטענדיקן פּראָגרעס, געוואַקסן, ביז אַרום דעם יאָר 1890 האָט מען זי שוין אין ניו־יאָרק אַליין געשאַצט אין אַ גוטן האַלבן מיליאָן נפשות. די ריזיקע מאַיאָריטעט גאַנץ־ און האַלב־דערוואַקסענע פון אָט דער מאַסע זיינען תיכף ביי זייער אָהערקומען אָהערצו געוואָרן אַרבע־טער (און פּעדלער).

זיך אייבאַרדענענדיק, צומייסט מיט דער הילף פון די תושבים (עס הייסט פריערדיקע אימיגראַנטן), צו וועמען זיי זיינען געקומען, זיך אַרומקוקנדיק, זיך אָריענטירנדיק, האָבן די פּעדלער און די אַרבעטער (ביידע זיינען געווען מענטשן פון דעם זעלביקן חומר) זיך גענומען טוליען צו די חברות, שולן און לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זיי האָבן שוין דאָ געפונען (ביסלעכווייז האָבן זיי אויך אָנגעהויבן גרינדן אייגענע, נייע) און האָבנדיק, אָדער שוין אויסהאָדעוועדיק קינדער, האָבן זיי זיי געשיקט אין די חדרים אָדער תלמוד־תורות, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין גייסטיקער אָדער מאַטעריעלער שכנות מיט די חברות און שולן.

די אידישע יוניאָנס, וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען אויף די כוואַליעס פון דער זעלביקער גרויסער אימיגראַציע, הייבן זיך אָן אַרויספּיקן בלויז אַ ביסעלע שפּעטער, אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן. די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, וואָס איז די יוניאָן־גדולה פון די אידישע יוניאָנס, וואו זיי אַלע צעמענטירן און קאָנצענטרירן זיך און וועלכע גיט דעם אידישן טרייד־יוניאָניזם אַ מעכטיקן שטויס, ווערט געגרינדעט אין יאָר 1888. די אידישע יוניאָנס, בפרט די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, ווערן געגרינדעט פון אידישע סאָציאַליסטן, וואו ניט וואו פון אַ מיטגליד פון דעם געוועזענעם סאָציאַל־נאַציאָנאַלן „עם עולם", אַמאָל אפשר אויך פון אַן אַנאַרכיסט, אָבער מייסט פון די אידישע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן ווערן, מיט דער הילף פון די פאַראייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן (פון וואַנען עס נעמט זיך דער פאַרדייטשטער נאָמען), געגרינדעט פון פיר פאָרשטייער פון די צווי אידישע צווייגן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, דער ערשט־פאַרשטאַרבענער בערנאַרד וויינשטיין און דער זייט עטלעכע יאָר טויטער י. מאַגידאָוו, פון צווייג 8, און פון לעאָן באַנדעס, דער עלטערער ברודער פון לואיס מיללער, און פון משה הילקאָוויטש (שפּעטער מאָריס הילקוויט) פון צווייג זיבעצן. דער צווייג 17 האָט אפשר פאַרמאָגט איין רוסישן מיטגליד און אפשר דאָס אויך ניט, אָבער געפירט זיינע געשעפטן און געהאַלטן זיינע לעקציעס האָט ער אויף רוסיש; האָט ער דערפאַר געהייסן דער רוסיש־שפּראַכלעכער צווייג. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דער דאָזיקער צווייג געווען דער עלטערער. יעדנפאַלס איז דאָ אַ גאַנץ גוטער גרונט אָנצונעמען, אַז טאַקע ווייל דער צווייג 17 האָט געהייסן רוסיש־שפּראַכלעכער, האָט דער צווייג אַכט, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף אידיש,סיי געשעפטלעך און סיי מיט זיינע לעקציעס און רעדעס באַקומען די אָפּצייכענונג — אידיש־שפּראַכלעכער.

איך מיין פּשוט, אַז עס איז אַ טעות די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז ס'האָט געשטעקט עפּעס בכיוונ'דיק אידיש־פאַרלייקענדיקס אָדער בכלל אַסימילאַטאָרישעס אין דעם אַדיעקטיוו אידיש־שפּראַכלעכער. זאָל עס האָבן געווען אַזוי, וואָלטן דאָך פּאַקטיש די זעלבע מענטשן, גרינדענדיק די צענטראַלע אידישע יוניאָן, ניט אויסגעטייטשט אַזוי אין איר דעם נאָמען די „אידישע געווערקשאַפטן".

אַז דער אַדיעקטיוו „אידיש־שפּראַכלעך" איז געווען בלויז אַ צופאַל, צום סאַמע ערגסטן אַן אומבאַרעכנטקייט, איז אויך קלאָר פונם צעטל מענטשן, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער (אויך אַנאַרכיס־

טישער) און טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג. זיי זיינען פּאַקטיש אַלע, מיט העכסטנס אַ פּאָר אויסנאַמעס, געווען אידישע מענטשן, מיט אַ אידישער יניקה אין זייער ערשטער דערציאונג און בילדונג אָדער עפּעס אַ אידישער אָנגעהעריקייט. ד״ר מערקין, אַ לעקטאָר־רעדנער אויף דייטש און רוסיש, פון די שפּעטערדיקע אַכציקער יאָרן, האָט געהאַט געקראָגן אַ „ישיבה״־בילדונג און פלעגט אין זיינע לעקציעס און רעדעס אָפט אַריינפאַלן אין אַ מגידישן ניגון. מאָריס ווינטשעווסקי, דער העברעאישער סטיליסט און אַמאָליקער חבר פון משה לייב ליליענבלום און אַהרן ליבערמאַן, האָט פון זיינע אידיש־קולטורעלע און אידיש־פּאָליטישע אינטערעסן אויך אין שפּעטערדיקע יאָרן ניט געמאַכט קיין סוד. אב. קאַהאַן, דער זון פון אַ ווילנער מלמד און בכלל פון אַ כלי־קודש׳דיקער משפּחה און דער תלמיד פון ווילנער אידישן לערער־אינסטיטוט, איז פון תמיד אָן געווען אַ גוט־קענטיקער איד, ניט נאָר אויף דער אידישער גאַס, נאָר אויך אין די דערבייאיקע „יהודימשע״ און אַמעריקאַנישע קולטור־קרייזן. פּיליפּ קראַנץ (יעקב ראַמבראָ) איז בשעת זיין ערשטן אַרויספאָר אין דער וועלט געווען פאַראינטערעסירט אין דער חיבת־ציון־אידעע און איז כמעט זיין גאַנץ לעבן, כאָטש לויז, פאַרבונדן געווען מיט דעם אידיש־רוסישן אָרגאַן „וואָסכאָד״. בונים פייגענבוים האָט ניט נאָר, אפשר ניט ווערנדיק, דעמאָנסטרירט זיין אידישקייט מיטן שטייגער פון זיין מסביר זיין אַן ענין, רעדנדיק און שרייבנדיק, נאָר מיט זיינע סאַמע מלחמות קעגן גאָט און אידישן ריטואַל און מנהגים באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז ער איז צו די דאָזיקע ענינים ניט גאַנץ גלייכגילטיק. מ. באַראַנאָוו איז געקומען קיין אַמעריקע אָן אַנטוישטער אַרגענטיניש־באַראָן־דע־הירשישער אָנגעהעריקער. ד״ר הירש זאָלאָטאַראָוו און מ. קאַטץ האָבן ניט נאָר אַרויסגעגעבן פון זיך פונקן אידישקייט אין יענע צייטן, נאָר, נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, זיינען זיי געוואָרן אַקטיווע נאַציאָנאַליסטן. און בלויז אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיי איז, אין די דאָזיקע יאָרן, געשטאַנען ד״ר י. מעריסאָן. ד״ר יצחק אייזיק הורוויץ, זייענדיק טעטיק אין דער „פרייע אַרבעטער־שטימע״ און אין „פאָרווערטס״ פון זינט זייער גרינדונג און זיך מישנדיק פריער, אויף אַ הינטער־קוליסן־אופן, אין אידישע סאָציאַליסטיש־יוניאָניסטישע ענינים, האָט אין יאָר 1891 באַווירקט די פאָראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן צו אינסטרואירן איר דעלעגאַט (אב. קאַהאַן) צום יענעם־יאָריקן אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ברוסעל אַרויסצושטעלן די באַקעמפונג פון אַנטיסעמיטיזם אויף זיין טאָג־אָרדענונג, און אין 1902 האָט ער, אין אַן אינטערוויו אין דער ציוניסטישער צייטונג „די אידישע וועלט״, זיך אַרויסגעזאָגט פריינטלעך צום ציוניזם.

דאַרף פון אָט דעם לאַנגן, אָבער ניט־אויסגעשעפּטן צעטל און פון דעם פאַר דעם געזאָגטן קלאָר זיין, אַז דער פּיזמון „אידיש־שפּראַכלעך״, וואָס האָט איבעריקנס אָפּיציעל אַראָפּגעקלונגען נאָר פון איין סאָציאַליסטישן צוויג, איז געווען פיל מער אַ באַיקע איידער אַ פּראַקטיצירטער פּרינציפּ. אמת, דאָ און דאָרט האָט אימיצער פון די לערער און פירער פאַרבייגייענדיק זיך טאַקע אַרויסגעזאָגט אין דעם דאָזיקן זין. איך אַליין, זיך „נאָר־וואָס שטעלנדיק אויף די פיס״, אין 1898—1901, האָב צוויי מאָל געמאַכט האַלב־אָפענע אַרויסטריטן אין אַזאַ ריכ־

טונג. בין איך אָבער זיכער, אַז פונקט ווי ביי מיר זיינען יענע פאַלן געווען אימפּולסיוו־יוגנטלעכע אויסבראַכן און בלויז אַ ביסל שפּעטער האָט מיך אויף זיי פאַרדראָסן, אַזוי זיינען זיי אויך ביי אַנדערע געווען גאָר קנאַפּ־דורכגעטראַכטע אַרויסטריטן און זיינען וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער איבערגע'חזר'ט געוואָרן.

איז אויב ביי די לערער און פירער איז די „אידיש־שפּרעכלעכקייט" קיין באַשטימטע שיטה ניט געווען, אַ פשיטא שוין, אַז זי איז דאָס ניט געווען ביים המון־עם, ניט נאָר פון די סתם־אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, נאָר אַפילו פון יענע אַרבעטער און די נאָענטע צו זיי, וואָס האָבן אוממיטלבאַר זיך געפונען אונטער זייער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער השפּעה. וואָס שייך די יוניאָנס, לאָמיך דאָ, בדרך אַגב, באַמערקן, אַז אין די 90ער יאָרן, למשל, איז נאָר אַ קלענערער טייל פון זיי געווען אונטער דער פירערשאַפט פון סאָציאַליסטן־אַנאַרכיסטן. אַ גרעסערער טייל, למשל, די שניידער־אַרבעטער, וואָס איצט געהערן זיי צו דער אַמאַלגאַמייטעד, האָבן געהערט צו די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס, אַ גאָרניט־סאָציאַליסטישע צענטראַלע, און אין פאַרשידענע „לאָקאַלס" האָט מען גאָר אַלס פירער געטראָפן אידן פון דעם טיפּ „לאַדזש"־אַרבעטער. זיך אומקערנדיק צום הויפּט־פונקט, איז ביי מיר קלאָר, אַז אַפילו רייך־רעליגיעז האָט די גרויסע אידישע אַרבעטער־מאַסע אין די נײַנציקער יאָרן ניט מיטגעטראַכט־מיטגעפילט מיט די סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע לערער און פירער. איך ווייס עס פון מיין לעבן און אָבסערוואַציעס אין די אידישע שעפּער אין יענער צייט און פון פאַרזאַמלונגען. איך ווייס עס אויך פון פיל ספּעציפישע אַקטן. איין טיפּישן פאַקט האָט דער ערשט־פאַרשטאָרבענער לעאָן קאָברין דורך מיר פאַרעפנטלעכט מיט יאָרן פריער אין זיינע „עראינערונגען פון אַ אידישן דראַמאַטורג". פעדלענדיק, אין 1892, אין די שעפּער מיט דער „אַרבעטער־צייטונג", האָב איך איין מאָל, האַרט ערב ראש־השנה, די דאָזיקע וואָכנשריפט פאַרגעלייגט מיין שטענדיקן קונד, דעם בערדיקן ביגלער פונם שניידער־שאַפּ. האָט ער זיך מיט טראַגישער מורא פאַרטראַכט און געענטפערט: „אַוודאי וואָלט איך די „אַרבעטער־צייטונג" גערן געקויפט. זי איז ביי מיר דאָס חיות. אָבער זי קען דאָך נאָך שרייבן, איך זאָל ראש־השנה ניט גיין תקיעות. איז ווי קאָן איך זי לייענען?". אין אַ לעקציע, וואָס איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אין יאָר 1920 און אַ סך מאָל געלייענט, פלעג איך, שילדערנדיק די צייט פון אָנהייב יאָרהונדערט, זיך אַזוי אויסדריקן: „שפּאַצירנדיק פרייטיק, אין אַ זומערדיקן בין־מנחה־למעריב איבער דער וויליאַמסבורגער בריק, וואו, אין די טענעמענט־הייזער פון דעלענסי סטריט וואוינען אידישע אַרבעטער, פינקלען איך אַנטקעגן פון ביידע זייטן גאָס — ליכטלעך, פלעמלעך, פלעמלעך. דאָס זיינען די שבת־ליכטלעך, וואָס די ווייבער פון די דאָזיקע אַרבעטער צינדן אָן פונקט צו דער מינוט". און, שליסלעך, איז עס אַ פאַקט, וואָס העכסטנס איז ער ערשט מיט עטלעכע יאָר פריער אַראָפּ פון דער סצענע פון לעבן, אַז בשעת אין שניידערשן „וועירהאַוז" אויף בראָדוויי, וואָס אין די נײַנציקער און ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז איר בעל־הבית געווען אַ דייטשער „יהודי", האָט דער אידישער אַרבעטער שבת געאַרבעט און זונטיק גערוט, איז

אבער אין קאָנטראַקט־שאָפּ אויף מאַנראָ אָדער טשערי סטריט, וואו דער בגד פלעגט אָנקומען פון „ווערהאַוז" אַ „צוגעשניטענער" און דער שאָפּ פלעגט אים בלויז „אויפמאַכן" און וואו דער בעל־הבית איז געווען אַ רוסישער, רומענישער אָדער גאַליצישער איד — איז דאָרטן פלעגט דער אַרבעטער שבת רוען און זונטיק אַרבעטן. (געווען איז דאָס, ביז ניט לאַנג צוריק, אַ חוק ולא יעבור, און אויך אויף דעם סמך האָב איך אַמאָל געשריבן, אַז ניט די סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע אַגיטאַטאָרן און לעקטאָרן האָבן דעם אימיגראַנטישן אידישן אַר־בעטער געפירט צו חילול־שבת, נאָר דער „יהודישער" אַרבעטגעבער, וואָס אין די אַכציקער און ערשטע נײַנציקער יאָרן איז ער געווען אין דער מאַיאָריטעט).

איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן די דאָזיקע אידישע אַרבעטער געשיקט זייערע קינדער, ווער שמועסט נאָך די אינגלעך, אין די חדרים און תלמוד־תורות. עס האָט, דערהויפּט מיט די ערשטע, אין יענע יאָרן די אידישע גאַס געשווייבלט און געגריבלט (אויך מיט „טייטל"־ אָדער „סידור"־מלמדים, וואָס פלעגן אַרייַנ־קומען צו די קינדער אין די הייזער). ס'איז גאָר ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס זיינען אַרבעטער־קינדער, „אָרגאַניזירטע" ווי „ניט־אָרגאַניזירטע", ד"ה „באַוואוסטזיניקע" ווי „ניט־באַוואוסטזיניקע". און טאָמער איז פאַראַן ביי אי־מעצן דער מינדסטער ספק וועגן דעם, דאַרף ער אויך פאַרשווינדן נאָך אָט דעם טיפּישן ביישפּיל, אויף וועלכן איך האָב זיך אָנגעשטויסן אין יאָר 1910, בשעת מיינער אַן עקסקורסיע איבער די תלמוד־תורות א. אַז. וו. דער פאַל האָט גע־טראָפן אין אַ חדר אין אַ חברה, וואו דער מלמד איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ מוסמך, אַ רמב"ם־איד און אויך אַ משכיל. איין מאָל האָט אַ געגאָלטער איד געבראַכט צו אים זיין אינגל. דער איד האָט אויף אַ תכיפ'דיקן אופן פאַרלאַנגט, אַז דער מלמד זאָל אים רעכענען וועלוועלער ווי אַנדערע, באשר „איך בין דער אַרבעטער־קלאַס!" אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיין אינגל עטוואָס רוגזה־דיק אָוועקגענומען, טענה'נדיק: „איר לערנט אים פינסטערניש". (דעם שכר־לימוד דעם מלמד האָט ער ניט באַצאָלט).

אַ וואָרצל, אַ נאָענטער פון פאָלקס־אידישקייט, הגם אַ סך אַ ווייטערער פון דער בייער אידישער דערציאונג, אויך אַ וואָרצל, וואָס אין רוסלאַנד איז ער ניט געווען, אָבער אין אַמעריקע יאָ, איז דאָס אידישע טעאַטער. דאָס אידישע טעאַ־טער אין אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן אומגעפער אין דער אייגענער צייט, ד"ה אין 1882, ווען אין רוסלאַנד איז עס פאַרבאָטן געוואָרן און האָט אויף אַ קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר אויפגעהערט צו פירן אַן אָפן לעבן (בלויז וואו־ניט־וואו און ווען־ניט־ווען פלעגט עס זיך ציען ווי אַ פלעמל ,ווי אַ שנירעלע פון אַ צעטראָטע־נעם פייער, אונטער אַ „דייטשן" רויך־צודעק פאַרשטעלט). די אידישקייט פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, כאָטש עס קלינגט אַזוי ווי מילכיקע מילך אָדער וואַסערדיק וואַסער, ווערט איבעריקנס שוין דעמאָנסטרירט דערמיט, וואָס עס האָט אַרויסגעשטאָמט פון די עם־עולמ'ניקעס, די זעלבע פון וועמען עס איז אַרויס־געוואַקסן דער אידישער סאָציאַליזם, די אידישע יוניאָנס, די אידישע פרעסע און ליטעראַטור. צווישן די ערשטע גרינדער פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע זיינען געווען די ברידער גיוראַק און איינער אַ ספּעקטאָר, עם־עולמ'ניקעס. אַ

פּערטער עם־עולמ׳ניק, דער שרייבער־שניידער און יוניאָן־פירער ישראל בן עולם (באַרסקי) איז ניט נאָר געווען אַ שפּילער אין טעאַטער, נאָר אויך אַ פּיעסן־שרייבער. אַ פּינפטער, אויב אַליין ניט קיין עם־עולמ׳ניק, מחמת יונגקייט, איז אָבער דער זון פון איינעם, וואָס לכל־הפּחות האָט ער זיך אָנגעקערט מיטן עם־עולם — באָריס טאָמאַשעווסקי. דער טאַטע, פּנחס טאָמאַשעווסקי, האָט געשריבן פּיעסן פאַרן אידישן טעאַטער אין די פריע ניינציקער, אויב ניט נאָך אין די אַכציקער יאָרן.

נאָך אָדער אָן אָן איבעררייס, זיינען נאָך יענע דילעטאַנטישע טעאַטער־אויפפירונגען געקומען די פּאַרשטעלונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס, וואָס האָבן אין די פריע אַכציקער יאָרן גענומען ציען אַהער איינס נאָך איינס, אַזוי ווי פויגלען, וואָס ציען אַוועק שפּעט אין האַרבסט צו די וואַרעמע לענדער. די אי־דישע אַרבעטער־מאַסן האָבן זיך צוגעריסן צום אידישן טעאַטער אַזוי ווי אַן אויסגעהונגערטע אַרמיי גיט זיך אַ ריס צו ברויט. אַזאַ טעאַטער־התלהבות איז אפשר געווען איין־און־איינציק אין דער געשיכטע פון וועלט־טעאַטער. אַזאַ התלהבות, וואָס האָט אַזש אַרויסגעגעבן אַזאַ אינסטיטוציע — די טעאַטער־פּאַט־ריאָטן, — וואָס אין איר גרייס, לכל־הפּחות, איז זי ווידער געווען איין־און־איינציק. פיל שטראָמען האָבן די דאָזיקע התלהבות געשפּייזט און ניט פון די קלענסטע האָט געמוזט זיין די בענקשאַפט נאָך דעם — דורך אויסוואַנדערונג און פרעמדקייט — איבערגעריסענעם אידישן לעבן. און ווידער אַמאָל, די מאַסן טעאַטער־גייער זיינען צום סאַמע גרעסטן טייל געווען אַרבעטער, וואָרום די פּעד־לער זיינען דאָך אָפט געווען פאַררייזט אויסן־שטאָט. דער קליינער קרעמער, דער קצב, דער „גראָסערי־מאַן" איז, אַ חוץ פרייטיק־צו־נאַכטס, געזעסן אין זיין קרעמל, בשעת דער מער בעל־הבתישער, דער מער שול־איד האָט דאָך, לויט דער היימישער טראַדיציע, געקוקט אַ ביסל קרומלעך אויפן אידישן טעאַטער.

געשפּילט האָט מען צוערשט גאָלדפאַדענ׳ס און שמ״ר׳ס פּיעסן. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן שפּילן הורוויצעס און לאַטיינער׳ס פּיעסן, וואָס לכל־הפּחות אין דער פאָרם — די שפּראַך, דער (אָפט איבערגעפאַרבטער) סוזשעט, דאָס לידל — זיינען זיי געווען אידיש. עס זיינען געקומען, אין די צייטן פון יעקב אַדלער׳ן און רודאָלף מאַרקס׳ן (אַ זון פון דעם העברעאישן שרייבער, און תלמוד־איבערזע־צער ראַדקינסאָן), איבערגעזעצטע אָדער באַאַרבעטע פּיעסן, מיט אָדער אָן אַ אידישן אינהאַלט („אוריאל אַקאָסטאַ", די ליבערעטאָ פון „זשידאָווקאַ", „אסתר פון עין גדי", „דער אָדעסער בעטלער", „משה׳לע סאָלדאַט", „די גלאָקן פון קאָרנע־וויל"). עס זיינען געקומען פּיעסן פון מיט ראַדיקאַליזם באַשפּריצטע אידן (לעאָן זאָלאָטקאָוו: „שמשון הגיבור"; יונה (יאָהאָן) פּאַלי: „די רוסישע ניהיליסטן"). עס זיינען געקומען אַ סך אַנדערע פריער און שפּעטער, אָבער אין 1891 קומט יעקב גאָרדין מיט זיינע פּיעסן.

גאָרדינ׳ס פּיעסן, צו וועלכע, לכל־הפּחות די מער־„באַוואוסטזיניקע", אַרבע־טער־מאַסן האָבן זיך צוגעריסן מיט אַ סך גרעסערן ענטוזיאַזם איידער פריער, זיינען, אַ חוץ ריין־דראַמאַטיש און ליטעראַריש, נאָך אויך געווען וויכטיק מיט זייער סאָציאַלישקייט. עס האָט זיך אין זיי געהערט אַ וויטער עכאָ פון דער השכלה, פאָדערנדיק רעפאָרמען אין אידישן לעבן („די שחיטה", „דער פרעמדער").

עס האָט אין זיי געשטורעמט מיט קלאַסן־קאַמף („דער רוסישער איד אין אַמע־ריקע", „צווי וועלטן", „גאָט, מענטש און טייוול"). עס האָט אין זיי געגליט רוסאָ׳ס געשריי נאָך נאַטירלעכקייט אין אַ נאַטירלעכן לעבן („סאַפאָ", די פלישתים", „אויף די בערג"). און אין אַזעלכע, אין פלוג, אַלגעמיינע פיעסן איז ניט מעגלעך, אַז מען שרייבט זיי ערנסט, ניט צו זיין אידיש. ווי אינטערנאַציאָנאַל די פּראָב־לעם זאָל ניט זיין און ווי קאָסמאָפּאָליטיש דער שרייבער זאָל ניט זיין, מוז ער דאָך אָבער, כדי די מענטשן און זייערע פּראָבלעמען ריכטיק אוועקצושטעלן, זיי אויף זייער געהעריקן הינטערגרונט אוועקזעצן און באַוועגן. בפרט, אַז גאָרדין, ביי זיין גאַנצער משכּילישער אַסימילאַטאָרישקייט, האָט אַפילו אין זיינע ערשטע יאָרן געהאַט זיינע אידישע אויפשטייגן און שפּעטער־צו איז ער וואָס אַמאָל אַלץ אידישער און אַפילו נאַציאָנאַלער געוואָרן. אויב זיין ערשטע פיעסע „סיביריע" איז מער רוסיש־אַסימילאַטאָריש ווי אידיש געווען, האָט אָבער זיין צווייטע פיעסע „דער אידישער קעניג ליר" געהאַט אידישע טיפּן און אידישע סצענעס. אויב אין „דער ווילדער מענטש" און אין „מאיר יאָזעפאָוויטש" איז פאַראַן אַ טענדענץ פאַרצושטעלן די אידישקייט האַרט אָדער אָפּלאַכעריש, איז אָבער „דער אידישער גלח" גיכער גאָר אָרטאָדאָקסיש און „דער רוסישער איד אין אַמעריקע" איז ניט נעגאַטיוו צו אידישקייט, בשעת דער רב אין „די ליטווישע ברידער לוריא" איז אַזאַ שיינער טיפּ, אַז ער איז מכפּר אויף אַ סך גראָבע און הפקר־יונגען. אין זיינע ערשטע פיעסן, אַפילו אין „קרייצער סאָנאַטאַ", איז גאָרדין נאָך געניגט צו פאַרטושן דעם אונטערשיד צווישן איד און קריסט, אָבער אין „די יתומה" און אין דער „וואָרהייט" איז ער שוין גאַנץ שאַרף קעגן אידיש־גוי׳אישער בלוט־מישונג. ביי איר גאַנצער אוניווערסאַלישקייט איז „גאָט, מענטש און טייוול" גלייכצייטיק אויך אַ פולבלוטיקע אידישע דראַמע. אויב אין גאָרדינ׳ס דריי פאַר־לעצטע דראַמעס ענדיקט ער די אין תוך משכּיליש־העלעניסטישע „אלישע בן אבויה" מיט אַ ביטער־טראַגישער קאנגרעאַציע קעגן דעם אַוועקלויף פון דער אידישער טאָכטער, איז אין דער „אויף די בערג" אַנטקעגן דעם שאָטן פון מענטש־לעך־פוסטע און אידיש־אויסגעליידיקטע אַלרייטניקעס פאַראַן די ליכט פונם פאָלקלעך־געטרייען רב יצחק און דער פועל־ציוניסטישער פנינה, איז, לסוף, „אַן אַ היים" אַזאַ ביטער־שינדנדיקע טיראַדע קעגן דער אַנטאידישטער און אַנט־מענטשלעכטער אידיש־אַמעריקאַנישער היים, אַז קיין האַרבערע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אידישער דערציאונג, אַרומגעוועבט מיט אידישער אַטמאָספערע דאַרף מען זיך ניט ווינטשן. דערפאַר איז ד"ר זשיטלאָווסקי אַזוי אַנטציקט געווען פאַר דער פיעסע, אַז ער האָט זי געהאַלטן שיער ניט פאַר דער בעסטער ביי גאָרדינ׳ען.

יעקב גאָרדינ׳ס באַגלייט־שטערן אין דראַמאַטישן הימל, לעאָן קאָברין און ז. ליבין, זיינען געווען נאָך אידישער פון אים. קינדער פון קליינשטעטלדיקן אידישן תחום, זיינען זיי ניט געטראָפן געוואָרן פון זיין גרויסשטעטיש־אָדעסער ניוועלירונג. ניט געבענטשט מיט זיין פּראָבלעם־אויפשטעלעניש, געשווינט פון זיין מאָראַליזירנדיקער פּריידיקעריי, זיינען זיי אויך געווען רעאַל־ערדישער. און זייער ערד איז געווען אָדער די ווייס־רוסיש־אידישע פּראָווינץ אָדער דער אידישער קעסלגרוב פון ניו־יאָרק. איז ז. ליבין היימיש־אידיש, כאָטש לפני

ניו־יאָרקיש אין זײַנע ערשטע פּיעסן („די פּאַרשפּעטיקטע חופּה", „דוד און זײַן טאָכטער", „דער געבראָכענער נדר") שילדערט ער די ניו־יאָרקער טענעמענט־הויז־פּאַרדאַרבונג, אין „טרוימער" דאָמינירט די כתריליעווקער מאָראַל פון שמח בחלקו צווישן ניו־יאָרקער „אַפּ־טאַון" און „דאַון־טאַון" אין „קבצן, וואו קריכסטו?". פּולבלוטיקער און דראַמאַטישער פון זיי ביידן איז לעאָן קאָברין, וואָס איז נאָך דערצו אייגנטלעך גאַנץ פרײַ פון פּראָבלעם־זוכעניש און לייזעניש און דרשה־דיקייט, אפשר גאָר דער אידישסטער פון זיי. אָן חכמות פון זײַן צד און פון זייער צד, זײַנען זײַנע פּאַרשוינען אַזוי יאָדערדיק־אידיש, סיי „זייער שיף שטייט נאָך אין קעסל־גאַרדען", סיי זיי זײַנען שוין אײַנגעזויגן אין ניו־יאָרקער אידישן גע־מויזעכץ. רעדן זיי אידיש, רוסיש אָדער ענגליש — שטענדיק שײַנט זיי דער אידי־שער „צלם אלוקים" פון פּנים אַראָפּ. און זײַנען זיי אַפילו ניי, האָט זיך אָבער די באַנייאונג אויף זיי אַראָפּגעלאָזט אויף דער אידישער איסט־בראָדוויי („מינע" און „סאָניאַ פון איסט־בראָדוויי"). און טאָמער הייבט דער יונגער דור אויף אַ האָר אידישלעך־לויזער צו ווערן, איז תמיד פאַראַן דער אַלטער דור אים צוריק אידיש־היימיש צו פאַרגאַרטלען. פאַראַן אַפילו ביי קאָברינ׳ען מענטשן, וואָס ביי זייער גאַנצער איבערגעזעצטקייט, אַזוי ווי אַ בוים, טראָגן זיי נאָך מיט זיך זייער גאַנצן היימישן תחום ערד („מינקע"). ווער רעדט נאָך אַרום דעם ערשטן יאָרצענדליק — דעמאָלט ווערט קאָברין אַפילו נאַציאָנאַליסטיש („ישראל׳ס האָ־פענונג").

די אידישע פּרעסע, און מיט איר אין איינעם די אידישע ליטעראַטור (פּאַק־טיש איז קיין ליטעראַטור אָן פּרעסע ביי אונז דאָ ניט געווען), איז ווי עלטער פון דער דראַמע, און ווי אינגער. די בעל־הבתישע איז עלטער, די סאָציאַליסטישע, וואָס איז די וויכטיקסטע, איז אינגער. די סאָציאַליסטישע פּרעסע איז, אויבן־אויף גערעדט, — אַרויסגעקומען ניט פון קיין נאַציאָנאַליסטישן, נאָר פון אַ ריין־ניצלעך־אויפקלערערישן דראַנג. אָבער דער אונטערערדישער קולטור־שטראָם פון אידישן וואָרט און בילד און די אידישע לעבנס־בענקשאַפט פון אידישן פאָלקס־מענטשן זײַנען שטאַרקער געווען פון אַלע רעדאַקטאָריש־שרייבערשע חשבונות. דער דאָפּלטער כוח צעמענטירט זיך אין אידישער ליטעראַטור און קולטור. דער דראַנג פון פאָלק, די שרייבערשע בענקשאַפט האָבן אויפן שויס פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אַ אידישע ליטעראַטור אויסגעהאָדעוועט. און דאָס איז שוין דער קולטור־כוח פון ליטעראַטור — אומבאַוואוסטערהייט פאַרן שרייבער, אָדער אפשר אַפילו קעגן זײַן „באַוואוסטזיין", ווערט זי נאַציאָנאַל.

גלייכצייטיק מיטן געבורט פון דער אידיש־סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער פּרעסע ווערט געבוירן די אידישע פּאָעזיע, דער אידישער פעליעטאָן, די אידישע דערציאונג. אין יענע יאָרן, ווען אין רוסלאַנד איז קיין אידישע פּרעסע ניט געווען, גייט די אידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק (זיי זײַנען אַ מין אַרומשווימענדיקער צווילינג) אויף און בליט זיך פאַנאַנדער. די דיכטער ראָזענפעלד און שאַרקאַנסקי זײַנען אידיש־באַשטעמפּלט, די דיכטער עדלשטאַט און באָוושאָווער זײַנען אידיש־באַשימערט; די פעליעטאָניסטן וויני־טשעווסקי, מ. קאַטץ און אב. קאַהאַן נאָגן אַלע זייערע וויציק־סטיליסטישע זאַפטן

פונם שפּיל פון אידישקייט אויף גוי׳אישקייט; די קאַריקאַטור פון דער דערציילונג ז. ליבין און לעאָן קאָברין לעבן אין זייער אידיש־שפּראַכלעכן און אידישן מיליע אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער.

ליבינ׳ס און קאָברינ׳ס מענטשן זיינען אַזוי היימיש־ניט־געטשעפּעט, אַז די עטלעכע נייע ווערטער פון זייער לעקסיקאָן, די נייע קנייטשן פון זייערע נייע פּרנסות, די ניי־וועלטיק אויסגעטייטשטע ברכות און קללות, וואָס זיי טיילן זיך איינס דאָס אַנדערע אַריין, זיינען בלויז אַ ניי חן־גריבעלע אויף זייערע אַלטע אידישע פּנים׳ער. ז. ליבין, דער הויף־דערציילער פון די אידישע „גענאָסן", איז אַזוי נאַטירלעך־אידיש, אַז די טראַגעדיעס פון זיינע העלדן שטאַמען אפשר ניט ווייניקער פון דער אָפּגעריסנקייט פון בית־מדרש־געסל אידער פון דער שטיקעניש פונם שוויץ־שאָפּ („עס פאַרדריסט מיר", באַנד 3 „פּאַרוועטס"־אויסגאַבע, „אַ געררוס צו קיינעם ניט" און „מנשה", באַנד 1). אינם זעלבן באַנד 1 האָבן מיר אַן אומגעריכטע אָבער דערפאַר גלענצנדע אילוסטראַציע צו דעם, וואָס איך האָב אויבן געשריבן וועגן דער קראַפטלאָזיקייט אין דער „אידיש־שפּרעכלעכקייט". די דערציילונג הייסט טאַקע „אַ אידיש־שפּרעכנדער סאָציאַליסט". אַזוי באַצייכנט זיך דער העלד אַליין, אַזוי באַצייכנט אים דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פאַראיין זיינער. האָט ער טאַקע אויף זיך שיער ניט אַ משפּט (אפשר וועט ער אים אויף זיך נאָך האָבן), דערפאַר וואָס אין דער נאַכט פון תשעה־באב פאַלט ער אַריין — ער פאַלט טאַקע בפועל־ממש אַריין, רוצחישע „לויפערס", צעבלוטיקנדיק אים, יאָגן אים אַריין — אין אַ מנין, וואו אידן זיצן און זאָגן קינות, און ער זעצט זיך מיט זיי אַוועק אויף דער ערד און זאָגט מיט זיי און וויינט מיט זיי.

און דער העלד איז נאָך פון פריער „געכאַפּט אין דער מעשה". עטלעכע נעכט פאַר תשעה־באב פּרוווט ער נאָך, אויפן פאַראיינס־מיטינג, אָפּבעטן די „גענאָסן", אַז מען זאָל אַ געפּלאַנטע הוליאַנקע ניט מאַכן אין דער נאַכט פון תשעה־באב, נאָר אַן אַנדערש מאָל, באשר עס איז אַ נאַכט, ווען אידן טרויערן, אָבער דער „טשער־מאַן" אונטערברעכט אים:

— גענאָסע לעווין, איר זייט אויסער אָרדענונג.

— וואָרום?

— מיר זיינען ניט קיין אידן!

— וואָס דען זיינען מיר?

— מיר זיינען אידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן!

טענה׳ט „גענאָסע" לעווין ווייטער, אַז היות די אידיש־שפּרעכנדע סאָציאַ־ליסטן זיינען דאָך עפּעס שטיקלעך קרובים מיט די אידיש־שפּרעכנדע אידן, און אַזוי ווי ביי יענע איז תשעה־באב... — אונטערברעכט אים דער „טשערמאַן" ווידער:

— איר ווייסט זעלבסט, דאָס מיר האָבן ווייניק וואָס צו טאָן מיט רעליגיאָן.

— אָבער תשעה־באב איז ניט קיין רעליגיעזער יום־טוב. דאָס איז נאָר אַ טאָג פון טרויעריקע, ביטערע ערינערונגען פון אַ שרעקלעך־פאַראומגליקטער נאַ־ציאָן.

— מיר זיינען סאָציאַליסטן, און ניט קיין נאַציאָנאַליסטן.

מיט וואָס די מעשה ענדיקט זיך, ווייסן מיר שוין. מיר קענען אויך וויסן, פון די געבראָכטע ציטאַטעס, ווער עס רעדט פון האַרצן אַרויס און ווער פון אַן איינגע׳חזר׳טן פּיזמון. אויך מיט וועמען דער מחבר האַלט אויף אַן אמת׳ן.

ז. ליבינ׳ס דערציילונגען, וואָס פון זיי איז דאָ די רייד, שטאַמען פון די פריע און שפּעטערדיקע נייַנציקער און פון די ערשטע יאָרהונדערטיקע יאָרן. אין דער אייגענער צייט, בלויז אַ צוויי יאָר שפּעטער אין 19טן און אַ יאָר שפּעטער אין צוואַנציקסטן, האָט לעאָן קאָברין געשריבן זיינע בעסטע דערציילונגען. זיי זיינען גרעסער, פּולבלוטיקער, באַוועגלעכער ווי ליבינ׳ס דערציילונגען, זיינען זיי שוין דערפאַר אַליין אידישער. אַ צאָל היפּשלעכע דערציילונגען שפּילן זיך טאַקע אָפּ אויף דער אַלט־היימישער וויטעבסקער ערד. אָבער אויך אין דער גרויסער אַמעריקאַנער דערציילונג „קאַרל מאַרקס" איז דאָ אַ געזונטער המון אידישע אַרבעטער, אַז זייער אידישקייט שפּריצט זיי אַרויס פון די באַקן אין איינעם מיט זייער בלוט. אין קאָברינ׳ס דערציילונג „ישראל אברהם איציעס", וואָס איז געדרוקט געוועזן אין דער „צוקונפט" אומגעפער אין 1911, איז אַזאַ טיף־ווייטמוטיקער קלאַג אויף אַן אייגנטלעך אידעלן אידישן מענטשן, וואָס די בייכיק־לאַקייאישע אַמעריקע פאַרגרעבט אים, אַז לייענענדיק עס, פאַלט מען אַריין אין אמת׳דיק קאַלעמוטנע רעיונות וועגן אונזער פייַנערן נאַציאָנאַלן קיום. נאָר אָט קומט אַ סורפּריז פאַר ש .ניגער׳ן. צווישן די אַמעריקאַנער וואָרצלען פון די אידישע שולן ברענגט ער אויך אַן אויסצוג פון לעאָן קאָברינ׳ס ראָמאַן „די אימיגראַנטן", וואָס איז אין 1909 געדרוקט געוועזן אין דער „וואַרהייט" און וואו עס ווערט באַווייזט די אָפּגעפרעמדקייט פון די אידישע קינדער, ווען עס ווערט, אַקעגן, געפּריידיקט אידיש־קולטורעלע דערציאונג. אומזיסט האָט זיך ש. ניגער געגראָבן אין דעם דאָזיקן עטוואָס־פאַרלעגערטן אָרט, וואו דער געדאַנק איז נאָך דערצו אַ ביסל אויפגעבלאָזן, אין דער צייט, וואָס ער האָט די טראַגעדיע פון אָן־אידישער קינדער־דערציאונג געקענט געפינען גאָר אַ סך שאַרפער געשילדערט אין קאָברינ׳ס „געזאַמלטע שריפטן" אין דער דערציילונג „וואָס איז ער?", וואָס שטאַמט אַן ערך פון יאָר 1907. דאָס טראַגישע העלדעלע פון דער דערציילונג, וואָס איז אַ מאַמעס אַ טאַגבוך, הייסט ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, און ניט נאָר איז ער קיין טשערנישעווסקי ניט און אַפילו ניט זיינער קיין לאַנדסמאַן ניט, נאָר ער איז אַפילו ניט קיין איד און ניט קיין אַמעריקאַנער. און קומט ווייַנאַכט, יאָמערט זיין קליין הערצעלע אומזיסט נאָך אַ ווייַנאַכט־בוים און קומט פּסח, קלאָגט זיין לב׳ל נאָך פּסח׳דיקע מלבושימ׳לעך. און גרעסער נאָך איז די טראַגעדיע פון דער מאַמען, וואָס שרעקט זיך, וואָס פאַר אַ מענטש וועט פון איר ניקאָלאַי גאָוורילאָוויטשל אויסוואַקסן.

עס איז, שליסלעך, ווידער אַמאָל אַ שאָד ש. ניגער׳ס מי, אין זיין וואָרצלענזוכעניש, צו גראָבן זיך אַזוי פיל אין די כראָניקעס פון די ווילנער אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע פון יאָר 1915 און פון ענלעכע אינסטיטוציעס אַנדערש־וואו. אַ שאָד דערפאַר, ווייל מען האָט דאָס אַלץ, און פיל מער נאָך דערצו, געקענט געפינען גאַנץ פון אויבן־אָן און אויך אַ סך פריער, פיל, פיל נענטער — טאַקע אויף איסט־בראָדוויי, אָרטשאַרד־גאַס, פערטע גאַס און מעדיסאָן עוועניו. זיינען דען די לעקציעס פאַר אַרבעטער, וואָס דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי זיך צעשפּונען אין אַ ריזיקער

סיסטעם פון דער פרעסע, די יוניאָנס, די פּאַרטייען (בשעת אין רוסלאַנד זיינען זיי מיט דער אויסנאַם פון פּאַראיינצלטע, פּיצעניאָנטיקע אונטערערדישע „קרייזלעך") — זיינען די דאָזיקע לעקציעס ניט געווען קיין קורסן פאַר דערוואַקסענע „באַוואוסט־זיניקע" אַרבעטער? איך רעד שוין ניט פון די גלענצנדע לעקציעס אויף רוסיש און די פייערדיקע פאַרטראַגן אויף דייטש, די ערשטע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די צווייטע פון די אַנאַרכיסטן, כאָטש איןביידע פאַלן זיינען די צוהערער געווען פּאַקטיש אויסשליסלעך מזרע קודש בני ישראל. אָבער די אידישע, אַפילו אין סעריעס געבונדענע לעקציעס פון די פּאַרטיי־צווייגן, פון די אומציילקע קלובן און פאַראיינען, אַרבעטער רינג־צווייגן און ליטעראַרישע און פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. אַרום 1906 גייען די ריין־ליטעראַרישע קלובן אַזוי פיל



אייגענע געביידע פון אונזערע פאָלקסשולן אין מאָנטרעאַל, געעפנט דעם 8טן יוני, 1941.

אַריין אין דער מאָדע, אַז מען קען טרעפן עטלעכע זייערע פונקציאָנירנדיק פּאַקטיש אין דער זעלבער צייט, אויף אַ גאַנץ קליינעם שטח. און עס געדויערט ניט לאַנג, און די דאָזיקע פאַראיינען ווידמען זיך אינגאַנצן צו דער אידישער ליטעראַטור און דראַמע. און טאָמער פאַרבענקט זיך עמיצער נאָך שולן, שולן — ממש, מיט בענקלעך, מיט טאָוולען, מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג, מעג ער זיך באַרואיקן. אויך דאָס געפינט זיך אין דער כראָניקע פון דער אידישער קולטור־טעטיקייט פון

אַמעריקע, אין דער פאַר־געשיכטע פון דער נייער אידישער דערציאונג. נעם איך אַרויס בלויז עטלעכע.

אין יאָר 1896 גרינדעט זיך, אין איין זונטיק, אויף אַ מיטינג פון דער רוסי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, דורך יעקב גאָרדין׳ען און זיינע פריינט, „די פרייע אידישע פאָלקס־בינע״, וואָס הייבט גלייך אָן געבן לעקציעס שיער ניט אויסשליסלעך וועגן אידישער דראַמע און ליטעראַטור און לויט אַ פונקט אין דער קאָנסטיטוציע בלויז אויף אידיש. די „בינע״ האָט אָפּגעלעבט גוטע צוויי יאָר, מיט גרויסע ליטעראַריש־דראַמאַטישע אַרויסטריטן און מיט מער מאָל וועכנטלעכע לעקציעס פאַר גאַנץ היפשע עולמ׳ס, מייסטנס פון גאַנץ יונגע מענטשן. די לעקטאָרן זיינען יעקב גאָרדין, מיין ווייניקייט, לעאָן קאָברין, ד״ר ה. זאָלאָטאַראָוו, ד״ר אב. קאַספּע, ד״ר גירודאנסקי, ל. בודיאַנאָוו־בודין, א. אַנד.

אַרום יאָר 1898 וואַקסט אַרויס, אפשר גאָר דורך איר שפּאַלטונג, די פּרום־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־בילדונג־שולע, טאַקע אַ שולע ממש, יעדע נאַכט אין דער וואָך, מיט שול־בענקלעך און שילער און שילערינס, יעדער מיט אַ בוך און אַ העפט אין דער האַנט. ווערדליק אַ פרום־סאָציאַליסטישע שולע, זיינען די ער־שטע פונקטן אויף איר פראָגראַם סאָציאַליזם (מאַרקסיזם), פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאַלע אינסטיטוציעס (אין ענגלאַנד), קולטור־געשיכטע. עס ווערט אויך גע־לערנט היסטאָריע און נאַטור־וויסנשאַפט. די לערער זיינען, יעדער לויט זיין ספּעציאַליטעט — יעקב גאָרדין, ש. פּעסקין, ד״ר ס. אינגערמאַן, ד״ר אַננאַ איינ־גערמאַן, ד״ר אברהם קאַספּע, אַ יונגער סאָציאָלאָג סטאָן און אַנדערע. איך קום אָן, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך דער גרינדונג, אַלס לערער פון ענגליש און ענג־לישער ליטעראַטור, וואָס וואָלט מן הסתם אויסגעברייטערט געוואָרן אויך אין אידישער ליטעראַטור, ווען עס וואָלט אַלץ געגאַנגען כשורה. די לערן־שפּראַך איז אויך דאָ געווען בלויז אידיש. די שילער און שילערינס — צומייסט זייער יונגע מענטשן, ערשט אַריבער דעם קינדער־עלטער.

קומט דאָ אויך פאַר אַ שפּאַלטונג, אפשר טאַקע אַלס ווייטע נאַכווייעניש פון דער שפּאַלטונג אין דער פרייער אידישער פאָלקס־בינע, און פון דער שפּאַלטונג ווערט אַרום 1899 געבוירן די עדיוקיישאָנעל ליג. די אַרבעטער־בילדונג־שולע מאַטערט זיך נאָך אָפּ אַ ביסל צייט, אָבער די ליג צעוואַקסט זיך אין אַ גרויסן פּאָלקס־קאָלעדזש, באַלד טאַקע אין אַן אייגן הויז, אויף 143 מעדיסאָן גאַס (דאָס אייגענע הויז, וואו אין אַ קנאַפּן צענדליק יאָר אַרום עפנט זיך די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע). דער קורס איז דאָ זייער אַ ברייטער. צווישן די לערער זיינען פאַראַן גוטע ספּעציאַליסטן. די שילער און שילערינס זיינען יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס קומען אַמאָל לערנען טאַקע גלייך פון דער אַרבעט. נאַטיר־לעך איז די אונטעררריכט־שפּראַך ווידער אַמאָל אידיש. לסוף, ווערט מיט מיין אָנקומען פאַר אַ לערער, אין דער עדיוקיישאָנעל ליג אויך איינגעפירט דער לימוד פון אידישער ליטעראַטור. די קלאַסן פון דער עדיוקיישאָנעל ליג האָבן זיך פאַרמאַכט ערשט נאָך יעקב גאָרדינ׳ס טויט, אין יאָר 1909.

צום אייביקן צעטל, מיין איך, דאַרף מען אויך צוגעבן דעם פּראָגרעסיוו־דראַמאַטיק קלוב, געגרינדעט אין 1903, פאַרמאַכט אין 1912. דער פּראָגרעסיוו־

דראַמאַטיק קלוב פּלעגט טאַקע געבן קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען (אויך לעק־ציעס) פאַרן גרויסן עולם. דאָס איז אָבער נאָר געווען אויף דער סצענע. הינ־טער די קוליסן פּלעגן אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך די גאַנצע ביין יאָר אָנגיין צוגריי־טונגס־אַרבעטן, פּראָבעס און פּשוט קנעלן. מען פּלעגט פאַר דער גרויסער צאָל מיטגלידער לייענען פּיעסן און זיי דיסקוסירן. מען פּלעגט די פּיעסן צום שפּילן אַנאַליזירן און איינשטודירן מיט די ראָליסטן. מען פּלעגט מיט דער גרויסער צאָל דעקלאַמאַטאָרס און פאָרלייענער איינשטודירן די לידער און דערציילונגען, אין וועלכע זיי פּלעגן דאַרפן אַרויסטרעטן. עס איז צומייסט געווען אַ פּאָלקס־עלעמענט און מען פּלעגט פאַר זיי אַמאָל דאַרפן טייטשן אַ וואָרט און אָפט דער־קלערן אַ מיין. אייניקע אַזעלכע ערב־דעקלאַמאַטאָרס, פאָרלייענער אָדער שפּילער זיינען געווען זייער יונגע מענטשן, ערשט אַריבער דעם קינדער־עלטער.

מעגן זיין מיינונגען וועגן דעם ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון אַן אמת׳ער אידי־שער קינדער־שול. עס טאָר אָבער קיין שום ספק ניט זיין וועגן דער גרויסער השפּעה, וואָס די אַלע אינסטיטוציעס און זייער אַרבעט האָבן געהאַט סיי אויף די לערער און סיי אויף די שילער בנוגע אידיש־קולטורעלער, וואָס מיינט אין אמת׳ן — אידיש־נאַציאָנאַלער פאַרטיפונג.

ב. דער אָנהייב

1. דער וואוקס פון אידישן נאַציאָנאַליזם

די „אידיש־שפּרעכלעכקייט״, הגם זי איז געווען, דאַרף אָבער, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, געבומען ווערן, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, ניט מיט קיין קערנדל זאַלץ, נאָר טאַקע מיט אַ גאַנצער טון. כ׳וועל דערנאָך צוגעבן אַ פּאָר קליינע פּרטים׳לעך פון באַווייזן.

דער אַרבעטער־רינג, וואָס זיין סאַמע ערשטע רינגעלע איז אויסגעשמידט געוואָרן אין יאָר 1892, האָט אין זיין קאָנסטיטוציע בשום־אופן ניט באַוואָרנט, אַז דאָס איז דווקא אַ אידישע אָרגאַניזאַציע. דאָך זיינען פּאַקטיש אין אים קיין ניט־אידן ניט אַריינגענומען געוואָרן. איין מאָל, העכסטנס מיט איין מאָל מער, איז אין אים מיט פּאַראַד אַריינגענומען געוואָרן — אי דאָס איז אפשר געווען מער סימבאָליש איידער פּאַקטיש, — יודזשין וו. דעבס. די ליבשאַפט און דאַנקבאַר־קייט פון אידישן אַרבעטער פון אָפּגעשפּאָלטענעם „פאָרווערטס״־לאַגער, אין די לעצטע ניינציקער און אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, צו דעבס׳ן, זיינען געווען דערקלע־רונג פאַר דעם. וואָס איז שייך פּראָסטע, אומבאַוואוסטע און קאַמפּס־פאַרדינסט־פולע ניט־אידישע מענטשן, געדענק איך נאָר איין פּאַל, פון די ערשטע יאָרן פון 20סטן יאָרהונדערט, ווען אַ קריסט זאָל האָבן באַלאַנגט צום אַרבעטער־רינג. דער באַטרעפנדער פּאַל איז געקומען אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, וואו איך בין געווען אָדער דער סעקרעטאַר אָדער אַזוי אַן אינעווייניקסטער שרייבער, מיט אַן אָנקלאָג, אַז די „פריינט״ באַהאַנדלען אים ניט גוט, „דיסקרימינירן״ קעגן אים, ווי מיר וואָלטן היינט געזאָגט, „באשר ער איז אַ קריסט״.

אין יענע יאָרן, מער אָבער נאָך אין די פריע ניינציקער יאָרן, פלעגט נאָך טרעפן ביי אָנפירנדע אידיש־סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע פאַמיליעס, אַז מען פלעגט די אינגלעך ניט מל זיין. אַרום דער אייגענער צייט, ווי די מעשה מיט יע־נעם קריסט, האָט געטראָפן אַזאַ מין „סקאַנדאַלכל": ביי אַ „פריינט" איז גע־שטאָרבן אַ אינגל, ניט קיין גע'מל'טער. מען האָט אים געבראַכט אויף דער קרקע, אָבער פאַר דער סאַמע קבורה האָט אים, העכסט־וואָרשיינלעך — דער קברות־איד — מל געווען — מיט אַ שטיקל גלאָז. עס האָט מיט דעם „סקאַנדאַלכל", וואָס איז, נאַטירלעך, באַשטאַנען ניט אין דעם ניט־מל זיין דאָס קינד, נאָר אינם קברות־אידנס יאָ מל זיין, אָפּגעהילכט אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", מיט אַ טאָן פון תרעומות קעגן די פירער. דאָך ווייטער פון די ווענט פון דער רע־דאַקציע איז דאָס „סקאַנדאַלכל" ניט אַרויסגעטראָגן געוואָרן.

מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער, אַן ערך, האָבן די פירער פון אַרבעטער־רינג, העכסט־וואָרשיינלעך פון דאַון־טאַונער צוויג, זיך געווענדט צו א. ליעסינ'ען מיט דער ביטע, ער זאָל פון זייערטוועגן אָנשרייבן עטלעכע פערזן אויפן שוואַרצן צודעקל פון זייער מיטה. ליעסין האָט די פאַרלאַנגטע שורות אָנגעשריבן נאָך מער ווי גערן. איך ווייס ניט, וועלכע צערעמאָניעס דער אַרבעטער־רינג פלעגט אין יענע צייטן פּראַווען ביי לוויות, אָדער צי האָט ער בכלל געהאַט צערעמאָניעס, אָבער דאָס שוואַרצע צודעקל אויף דער מיטה, מער נאָך דער פאַקט וואָס גראָד צו ליעסינ'ען, צום „אידישן און סאָציאַליסטישן" פּאָעט, האָט זיך דער צוויג נאָך אַזעלכע שורות געווענדט, איז פאַר מיר, לכל־הפחות, ניט גאָר אָן באַדייטונג.

איך פיר דערצו, אַז מען איז וואָס ווייטער אַלץ מער אידישער, אומדירעקט — נאַציאָנאַליסטישער געוואָרן. שוין דער „פאָרווערטס", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַי, 1897, איז פונם באַקעמפטן „אַבענד־בלאַט" אי אידישער, אי אומדירעקט אַ קווינט נאַציאָנאַליסטישער געווען. פיליפּ קראַנץ — און ממילא אויך זיינע צייטונגען, — איז טאַקע געווען, לכל־הפחות, אין די ערשטע סטאַ־דיעס פון דער אַפערע — אַ האַרעלע קילבלעך צו דרייפוס'ן, נאָר אפשר האָט אין דעם געשטעקט קראַנצ'נס הייסער פראַנצויזישער „פּאַטריאָטיזם". אָבער אויך בנוגע דעם פרייהייטס־קאַמף פון די קובאַנער קעגן שפּאַניע, וואו די אידן האָבן אין זייער סימפּאַטיע צו די קובאַנער אויך אַריינגעבראַכט אַ קערנדל פון נקמה קעגן דעם לאַנד פון אינקוויזיציע און גירוש, איז פיליפּ קראַנץ, אין די ערשטע סטאַדיעס לכל־הפחות, געווען אַ ביסל איינגעהאַלטן. דער „פאָרווערטס" דאַקעגן איז, שוין אין זיין ערשטער אויסגאַבע, אַרויס מיט אַ גרויסן קאָפּ: „בראַוואָ, קובאַנער!". דער „פאָרווערטס" האָט פון סאַמע אָנפאַנג אַרויסגעוויזן מער אידישלעכקייט, זאָל זיין כאָטש מיט זיינע „קוואַרטאַל־אַרטיקלען" — אַר־טיקעלעך וועגן זיטן, מאַנירן און טיפּן (ווי למשל, שדכנים) פון אידישן קוואַרטאַל. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און קאַהאַן האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן אינטערעס אין חזנים, אין אידישער נגינה בכלל, אין פסח'דיקע סדרים (אין זיינע ענגלישע בעלעטריסטישע זאַכן האָט קאַהאַן דעם דאָזיקן אינטערעס אַרויסגעוויזן נאָך

מיט יאָרן פריער). זייער כאַראַקטעריסטיש איז די דעמאָלטיקע שטעלונג פון „פאָרווערטס" צום ציוניזם. זייענדיק שטאַרק ווייט פון אַ „יאַ־זאָגער" (אַפילו ליעסין פלעגט אין זיינע ערשטע אַרטיקלען אָפּלאַכן אויב ניט פון ציוניזם, איז פון אַמעריקאַנער ציוניסטן — חובבי־ציון — פון כתריאל צבי שרה'זאָנס, דעם „טאָגעבלאַט'ס" חדר), איז ער אָבער זעלטן אָדער כמעט קיינמאָל ניט געווען קיין שאַרפער, ווער רעדט, ביטערער באַקעמפער. דער ערשטער, וואָס האָט אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פרעסע קאָרעספּאָנדירט פון אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס און ד"ר הערצל'ען, איז געווען דער באַוואוסטער בונדיסטישער אינטעלעקטואַל ד"ר בלומשטיין (אויב איך געדענק ריכטיק, האָט ער טאַקע גע־שריבן אין „פאָרווערטס"). שוין ער, כאָטש אַ בפירוש'ער קעגנער, האָט אָבער געשריבן אָן פאַרביסנקייט. אומגעפער דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אַפילו וועגן צביונ'ען(דעמאָלט נאָך אין איראָפּע). ביי ביידן האָט מען צווישן די שורות געקענט אַרויסלייענען אַ געוויסן ערפורכט סיי פאַר דער פערזאָן הערצל און סיי פאַר דעם קאָנגרעס גופא. איבעריק צו זאָגן, אַז ס'איז שוין געווען אַפילו פיל וואַרעמקייט ביי די וויטערדיקע קאָרעספּאָנדענטן א. ליטווין און א. פרומקין. דער אוגאַנדאַ־קאָנגרעס איז, אַ חוץ אַ קאָרעספּאָנדענץ, אויך „געדעקט" געוואָרן דורך בילדלעך און סצענקעס, וואָס איך האָב מיט מיטגעריסנקייט און מיט קאַהאַנ'ס וואַרעמער גוטהייסונג צונויפגעקליבן אין די שילדערונגען פונם לאָנדאָנער ציוניסטישן „דזשואיש קראָניקל".

אַריבערשפּרינגענדיק די צייט, לאָמיך דעם דאָזיקן עניג'דל ענדיקן מיט ד"ר הערצל'ס טויט, אין 1905. קומענדיק גאַנץ פרי אין דער רעדאַקציע שרייבן די נייעסן פון טאָג און ניט האָבניק אַפילו מיט וועמען זיך מיישב צו זיין, האָב איך די נייעס וועגן הערצל'ס טויט אָנגעשריבן אין אַ גרעסערן אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט, „ווי ביי מיר אויפן האַרצן איז געלעגן", מיט טיפן טרויער איבער דעם גרויסן פאַרלוסט און דער אידיש־נאַציאָנאַלער טראַגעדיע און מיט הויכער פאַרערונג און ליבע צו דער פערזאָן פון פאַרשטאָרבענעם פירער. איך געדענק ניט אַקוראַט מיט וויפיל, אָבער זיכער מיט אַ ביסעלע איבעררעשונג בין איך באַלד געוואויר געוואָרן, אַז דער נייעס־אַרטיקל האָט אַרויסגערופן די גרעסטע, די וואַרעמסטע צופרידנקייט ניט נאָר ביים רעדאַקטאָר, נאָר אויך פאַקטיש ביים גאַנצן קרייז אינטימערע „גענאָסן" (איך ווייס ניט פון די ווייטערע). אַקעגן, ד"ר פאַרנבערג'ס אַ בייזער לייט־אַרטיקל וועגן הערצל'ען האָט אַרויסגערופן אַנט־ריסטונג ביי די „גענאָסן" און אַן אויסרייד פון רעדאַקטאָר צו מיר פאַר אַריינ־געבן אים. איך בין דעמאָלט אָפּט געווען דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע.

דער „פאָרווערטס" איז געוואָרן אַלץ אידישער, אַפילו נאַציאָנאַליסטישער. אַפילו אויב ש. ניגער טרייבט איבער אַ ביסל ליעסינ'ס נאַציאָנאַליזם אין זיין פאַר־עזיע און איר נאַציאָנאַליסטישע ווירקונג אויף דער גרויסער „פאָרווערטס"־משפחה, קען דאָך אָבער ניט איבערגעטריבן ווערן זיין ווירקונג, אין דעם פרט, מיט זיינע אַרטיקלען וועגן דעם „בונד" (דאָ איז ליעסין ניט נאָר געווען דער ערשטער, נאָר

טאקע יאָרן, יאָרן־לאַנג דער איינציקער) אין זיין אידיש־העלדישן, זיין מאַקאַבייער־גייסט, און מער נאָך אפשר מיט זיינע איבערזעצונגען אָדער באַארבעטונגען פון בונדישע צירקוליאַרן, קאָרעספּאָנדענצן און פּשוט׳ע בולעטין־כראָניקעס.

ליעסין איז ניט געווען דער איינציקער. אַרום יאָר 1902 האָט א. ליטווין זייער פרוכטבאַר אָנגעהויבן און אין משך פון יאָרן נאָך פרוכטבאַרער פאָרגעזעצט מיטצואַרבעטן אין „פאָרווערטס". אין 1902 בין איך, צום צווייטן מאָל, אַריינגעטראָטן „איבעווייניק" אין „פאָרווערטס", אַריבערגייענדיק וואָס ווייטער פון בעלעטריסטישן פעלד אויך צום פּובליציסטישן.

און רעדן מיר פון דער בעלעטריסטיק פון „פאָרווערטס", האָט פון איר די אידישקייט אַרויסגעשיינט נאָך ליכטיקער, נאָך געדיכטער און, אַרום און אַרום — נאָך פריער. אַזעלכע זיינען געווען, סוף יאָרהונדערט, די אייגענע און די איבערגעזעצטע (פון נתן נטע סאַמועל), פון י. פּעפּער׳ן, אַזאַ איז געווען די גאַנצע פון „איד" איבערגעדרוקטע בעלעטריסטיק פון פּרצ׳ן (צווישן איר אויך פּרצעס גאַנצער ציקל „חסידישע מעשה׳לעך") און פון שלום עליכמ׳ען. אַזאַ איז גאָר באַזונדערס געווען יהואָש׳ס פּאָעזיע, דער עיקר טאַקע אויף תנ״כ׳יקע און בכלל „אידיש־ראָמאַנטישע" מאָטיוון. (מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז פון נאָך די ערשטע חדשים אין „פאָרווערטס" ביז 1899־1900 האָט דער „פאָרווערטס" קיין אַלזייטיקן רעדאַקטאָר ניט געהאַט, אָבער דער אויספיר־רעדאַקטאָר און דער עיקר דער בעלעטריסטישער רעדאַקטאָר איז אין לענגסטן פּעריאָד פון דער צייט געווען דער אַנאַרכיסט מ. קאַטץ. איז אַ דאַנק אים האָט עס דער געוועזן־פּאַרזונקענער יהואָש צוריק אויפגעטויכט. און פון „פאָרווערטס" איז יהואָש אויך אַריבער אין דער „צוקונפט", אַז זי איז, אין 1900־1901, תחית־המתים אויפגעשטאַנען.) צו יענער צייט האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען פון רוסלאַנד אברהם רייזענ׳ס דערציילונגען און בלויז אין אַ דריי יאָר אַרום — אַש׳ס.

די אידיש־אַמעריקאַנישע ליטעראַרישע און בכלל אידיש־אינטעלעקטועלע וועלט איז אַלץ אידישער, אַפילו נאַציאָנאַליסטישער געוואָרן, ביז אין 1903, תיכף נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, ווערט די דאָזיקע וועלט גלוטיק צעצונדן מיט אידיש־נאַציאָנאַלע געפילן און עטוואָס שפּעטער — אַפילו מיט אַ ברייט־ציוניסטישן גלויבן. אַלע אָנגעזעענע מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", אפשר מיט א. ליעסינ׳ען אין פאָראויס, צעלאָזן זיך מיט אייגענע און איבערגעזעצטע פון אייראָפּע אַרטיקלען, עסייען, האַרץ־אויסגוסן. ד״ר הירש זאָלאָטאַראָוו, אַמאָל אַן „עולמ־ניק", אָבער שפּעטער דער אַנאַרכיסטישער זקן שבחבורה, קומט אַרויס („ערנסטע פראַגעס", „פרייע אַרבעטער־שטימע" פון 23טן מאַי, 1903) מיט אַ ווידוי און חשבון־הנפש ,וואו נאָך אַ שמערצלעכן געפיל־אויסגוס ווייזט ער אָן דעם באַנקראָט פון דער ציוויליזאַציע, אַפילו פון די אידעאַלן פון פרייהייט און גלייכהייט בנוגע אָפּהאַלטן די פּאָרפּאָלגונגען און לינדערן די ליידן און שמערצן פון אידישן פאָלק, און, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פון אַנאַרכיזם און פרייהייטס־קאַמף, זאָגט ער זיך אַרויס פאַר סאָלידאַרישקייט מיטן אידישן פאָלק, פאַרן אידישן נאַציאָנאַליזם. געוויס זיינען אויך געווען קעגן־שטימען (למשל, פון אַנאַרכיסטישן פירער

ד״ר מײקל קאָהן אין דער זעלבער „פרײַע אַרבעטער־שטימע״), זײ װערן אָבער װאָס װײַטער אַלץ זעלטענער און שװאַכער. יוסף באַראָנדעס, פֿריער אַן אַנאַר־כיסט, אַ סאָציאַליסט, און יעקב גאָרדין, קומען צו נאָענט צום „בונד״, העלפֿנדיק אין שאַפֿן זײַנע פּאָנדן. אין זומער 1904 קומט אַהער אָן ד״ר זשיטלאָװסקי, און נאָך אַ לאַנגן אָפּרו אויף רוסיש־רעװאָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע נעמט ער אויס־שפּרײטן זײַן אידיש־נאַציאָנאַלע אויפֿקלערונג. עס גרינדן זיך אַרום 1905 די פּאַרטײען סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (אין רוסלאַנד — „ציוניסטן־סאָציאַ־ליסטן״) און פּועלי ציון. די ערשטע ברענגען אַהערצו אַראָפּ ד״ר נחמן סיר־קינ׳ען און גרינדן זײער װאָכנשריפֿט „דאָס פֿאָלק״ (מיט מ. קאַטץ, ד״ר זאָלאָ־



האַנט־ און קונסט־אַרבעט פֿון אונזערע קינדער אין די מאָנטרעאַלער פֿאָלקסשולן. אויבן: (לינקס) פּליטים; (רעכטס) אין אַ פּרדס. אונטן: (לינקס) שלום עליכם און זײַנע טיפּן; (רעכטס) אַ שטעטל; (אין צענטער) לײַם־ און האָלץ־אַרבעטן און דעקאָראַטיװע מאָלערײַען.

טאַראָװ און ד״ר זשיטלאָװסקי, לעאָן עלבע אַלס מיטאַרבעטער), בשעת די פּועלי ציון גרינדן אין 1906 דעם „אידישן קעמפֿער״. (װאָס איז שײך בעלעטריסטיק, גרינדעט דער „פֿאָרװערטס״ נאָך אין יאָר 1904 דאָס װאָכנבלאַט „דער צײַט־גײַסט״, װאו ניט נאָר אַש דרוקט גרעסערע דערצײלונגען („די שײנע מאַרי״), נאָר עס דערשײנען אַפֿילו זאַכן פֿון מיכה יוסף בערדיטשעװסקי).

דאָס װיכטיקסטע אָבער, רײן־נאַציאָנאַליסטיש און ציוניסטיש גערעדט, איז דאָס דערשײנען, אין יאָר 1906, פֿון לואיס מילער׳ס טעגלעכער „װאָרהײט״. עס

איז די צייט פון די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען און הריגות פון נאָך דער מפּול־דיקער רוסישער רעוואָלוציע, די צייט פון אידישע טרויער־מאַרשן און דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, די צייט פון אָנהייב פונם קאַמף צווישן אידן און „יהודים" פאַר סאָלידאַרישקייט און אידישער שוץ און הילף. אַט אין דעם פּסי־כאָלאָגישן מאָמענט שווימט לואיס מילער אַרויס אין זיין גרויסער שיף, אייג־שפּאַנענדיק אין אירע זעגלען די ווינטן פון דער צייט. ניט אויפהערנדיק צו זיין ליבעראַל־סאָציאַליסטיש, ווערט לואיס מילער איצט גאָר היפּש אידישלעך, טיילווייז נאַציאָנאַליסטיש און בריימלעך ציוניסטיש, און אויב זיין אייגענער טאָן וואָלט דאָ ניט גענוג קרעפטיק געווען, ווערט ער אָבער פיל פאַרשטאַרקט פון זיינע מיטאַרבעטער. גרופּירן זיך דאָך אַרום אים אַזעלכע סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיס־טישע קרעפטן ווי מ. קאַטץ, ד"ר פאַרנבערג, לעאָן עלבע און דער שרייבער פון די שורות. עס איז געווען אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. די שטימונגען און ווייי־אונגען פון דער צייטונג זיינען אויך געווען די שטימונגען און וויאונגען פון די דעמאָקראַטישע טיילן פון אידיש־אַמעריקאַנישן פאָלק. אַזוי אַז אַרום 1908 האָט שוין דער טיראַזש פון דער נייער צייטונג, געבוירן אין אָפּאָזיציע צום מעכטיקן „פאָרווערטס", דערגרייכט צו פיל צענדליקער טויזנטער.

דער ריזיקער דערפאָלג פון דער „וואָרהייט" האָט מילער'ן אַלץ מער דער־מוטיקט נאָך ווייטער צו גיין אויפן זעלביקן וועג. די „וואָרהייט" ווערט אַלץ אידישער און נאַציאָנאַליסטישער און, אין יאָר 1909, איז זי די ערשטע און אַ צייט־לאַנג די איינציקע, וואָס אויף אירע זייטן קלינגט אויף די אַגיטאַציע און מאָנונג פאַר דער נייער אידישער דערציאונג.

2. נאַציאָנאַליזם אין דער אַמעריקאַנער לופט

קיין לאַנד, אַ חוץ רוסלאַנד, איז ניט געווען אַזוי פאַרשידנפעלקערדיק, ווי אַמעריקע. צו די איינגעבוירענע, אין „רעזערוויישאַנס" איינגעקאַרצערטע אינ־דיאַנער, די ערשטע אַנגלאָ־סאַקסן, די אַזוי־גערופענע אַמעריקאַנער, די שקלאַפן־אייניקלעך פון די נעגערס, די האָלענדער און פראַנצויזן און אירלענדער, זיינען אין דעם איבעריק ניט־איבערגעריסענעם שטראָם פון אימיגראַציע, וואָס ביזן יאָר 1924 האָט ער אויף זיך קוים געטראָגן די דאָמבע פון געזעץ — צוגעקומען פּאַקטיש אַלע פעלקער און שטאַמען פון אייראָפּע און אַזיע. זיי, די אַלע „פרעמ־דע", זיינען עס נאָכן סאַמע ערשטן אָנהייב, דערהויפּט נאָך די בירגער־קריג־יאָרן, געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן אויפגעבויט דאָס לאַנד, אַרונטערגעשניטן די בערג און זיי דורכגעשניטן מיט שאָסייען, אויסגעהאַקט וועלדער, אויסגעגלייכט טייכן, אויסגעבויט באַנען, אויסגעגראָבן קאַנאַלן און אונטערבאַנען, אויסגעגראָבן די קוילן, אויסגעגראָבן און אויסגעשמאָלצן די מעטאַלן, די לאַנד־מיוחסים באַקליידט טענות ותביעות און אַרויספאָדערונגען פון אידישע לערער האָבן זיך ווי אַנגע־און באַשוכט, באַנייט און באַשפּונען. אָבער דעם דאַנק פאַר דעם אַלעמען האָבן טאָקע זיי, די מיוחסים, די אַנגלאָ־סאַקסן באַקומען. זייענדיק די ערשטע, האָבנדיק

באַצוואונגען די אינדיאַנער, אַריינקריגנדיק אין זייערע הענט די אָפּנסטע אוצרות פון לאַנד, לייגנדיק דעם פונדאַמענט פון דער רעגירונג, האַבנדיק אין זייער גייס־טיקן פאַרמעג די שפּראַך פון לאַנד, די ליטעראַטור און קולטור, זייענען זיי געוואָרן די „הארן פון לאַנד" פּאָליטיש, קולטורעל און אַדמיניסטראַטיוו. שאַרנדיק קאַש־טאַנעס פון פייער מיט די הענט פון דעם גרויסן אַנאַנים, דעם „אימיגראַנט", איז געלעגן אין זייערע אינטערעסן דעם דאַזיקן שקר פון אַנאַנים אויך ווייטער אַנצו־האַלטן, אים פאַראייביקן. און אַזוי איז אַמעריקע פאַרבליבן דאָס לאַנד פון די אַמעריקאַנער, ד"ה פון די אַנגלאָ־סאַקסן, איינשלינגענדיק די פרעמדע פעלקער אין די פאַבריקן, די קוילן־ און מעטאַל־גרובן, די קאַנאַלן און די פעלדער און איבערקאַכנדיק זייערע קינדער אין די שולן, צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. שוין אליוער ווענדל האָלמעס (1809־1894) האָט אָנגערופן אַמעריקע דאָס גרוי־סע לאַנד פון ציוויליזאַטאָרן. אַרויסשטעלנדיק פון פאָרנט די אינדיאַנער מיט די נעגערס, האָט ער מיט זיי אײדל פאַרשטעלט אַמעריקע'ס אימפּעריאַליסטישן הינ־טערגרונט. ניט אומאימפּעריאַליסטיש אַפילו ריין־פּאָליטיש, איז אָבער גייסטיק אַמעריקע דאָס סאַמע אימפּעריאַליסטישע לאַנד אין דער וועלט.

אין דער קאָנספּיראַציע פון פאַרלייקענען און פאַרשווייגן דעם פרעמדן הייבן אין אָנהייב יאָרהונדערט זיך אָן דורכרייסן דורכבראָכן. צוערשט קומט עס ליטע־ראַריש. אין יאָר 1892־93, באַזוכנדיק די שיקאַגער וועלט־אויסשטעלונג, פאָרט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, דער רוסישער שריפטשטעלער, פאָלקס־רעוואָלוציאָנער און מענטשן־פריינט ,דורך דאָס לאַנד און זעענדיק זיך אין ניו־יאָרק מיט יעקב גאָרדינ'ען, מאַכט ער אים אָן אײדעלן אויסרייד, הלמאַי ער, גאָרדין, שאַצט ניט אָפּ ווי געהעריק זיין אייגענע אַרבעט, זיין שרייבן פאַרן אידישן טעאַטער. „און דאָס — דאָס שרייבן דראַמען פאַר די אַמעריקאַנישע אידן" — שטעלט דער „ערנסט־פאַרזאָרגטער רוסישער מענטש" אָן זיינע גרויסע, טרויעריקע אויגן אויף גאָרדינ'ען — „דאָס איז ניט קיין נאַראַד, קיין אַרבעטן פאַרן פאָלק?" און יעקב גאָרדין ווערט געפּלעפט, פאַרשעמט. פאַרברענגענדיק אין ניו־יאָרק און אין ברוקלין און אין דער מידל־וועסט, שרייבט קאָראָלענקאָ אָן, אויפן גרונט פון זיינע אָבסערוואַציעס, זיין היפּשע נאָוועלע „אָן אַ לשון", וואו דער הויפּט־העלד איז אַ סלאַווישער אימיגראַנט אין אַמעריקע, אַן אַרבעטער. ווערט די נאָוועלע בליץ־שנעל איבערגעזעצט אויף ענגליש (אויך אויף אידיש) און רופט אַרויס ניט קיין קליינעם אינטערעס אין דעם רוסיש־סלאַווישן אימיגראַנט. בלויז מיט אַ יאָר פריער דערשיינט אַב. קאַהאַנ'ס גרויסע נאָוועלע „יעקל, אַ מעשה פון דער אידי־שער געטאָ" אין ניו־יאָרק און רופט אַרויס נאָך אַ גרעסערן אינטערעס. פאַר דעם און דערנאָך קומען אַב. קאַהאַנ'ס קלענערע און גרעסערע ענגלישע דערציי־לונגען און נאָוועלן פון אידיש־אימיגראַנטישן לעבן אין אַמעריקע. אַן אמת'ן רעש, לכל־הפּחות אין דער אינטעלעקטועל־ליטעראַרישער וועלט, מאַכן פון יאָר 1897 ביזן סוף יאָרהונדערט מאָריס ראָזענפעלד'ס פּאָעמעס און פּראָפעסאָר לעאָ

ווינער׳ס איבערזעצונג און זיינע, דעם פּראָפעסאָר׳ס, שריפטן וועגן ראָזענפעלד׳ן און דער אידישער ליטעראַטור בכלל.

אין יאָר 1905, אַן ערך, דערשיינט אייפּטאָן סינקלער׳ס גרויסער סאָציאַלער ראָמאַן „די דזשאָנגל״ (די וואַלד־געדיכטעניש), אַ ראָמאַן פון פּראַצע און טומל און יסורים און קאַמף אין און אַרום די שיקאַגער „סטאָק יאַרדס״, וואו דער הויפּט־העלד, יורגיס, איז אַ סלאַווישער אימיגראַנט.

אייפּטאָן סינקלער׳ס ראָמאַן, דורכגעדרונגען מיט אַ סאָציאַליסטישן וועלט־בליק און מענטשלעכן פּאַטאָס, וועקט אינטערעס צום אַרבעטער, איבערהויפּט צום אימיגראַנטישן אַרבעטער און גאָר באַזונדערס צום סלאַווישן, אין דער ליטעראַ־טור און פּרעסע. וועגן די סלאַווישע אַרבעטער ווערט פיל געשריבן אין די פּאַך־זשורנאַלן. זיי באַקומען שוין אַ ספּעציעלן נאָמען — „די האָנקס״.

אַמעריקע רייסט ברייט אויף די אויגן. עס זיינען דאָך, הייסט עס, אַ חוץ אַמעריקאַנער, נאָך אַנדערע מענטשן פאַראַן אין אונזער „שיינער מדינה אַן קלאַסן״, ווי טעאָדאָר רוזוועלט פלעגט ליב האָבן זיך צו באַרימען אין די גרויסע פּאָליטיש־פייערלעכע טעג.

געהאָלפן אויפרייסן די אַמעריקאַנער אויגן האָבן אויך די „סעטלמענטס״. געגרינדעט אין דער וועלט־שטאָט (לייען: סלאַוויש־אידיש־אַמעריקאַנישער שטאָט) שיקאַגאָ דורך דער מענטשן־פריינטלעכער דזשין עדעמס, גייען זיי, באַזונדערס דורך דער אידיש־אַמעריקאַנישער ליליען וואַלד, אַן מיט דער געלט־הילף פון יעקב שיף, גרייכן ניו־יאָרק און אַנדערע ערטער און צעוואַקסן זיך מיט גרויס דערפאָלג. שרייבנדיק וועגן די „סעטלמענטס״ אין יאָר 1906, אין דעם אַנאַרכיס־טישן טאָגבלאַט „די אָונט־צייטונג״, האָב איך זייער אַרבעט דעפינירט „אַלס אַ גיין אין פאָלק אויפן אַמעריקאַנער באָדן״. און וואָס הייסט דען „גיין אין פאָלק״ אין אַמעריקאַנער שטעט, אויב ניט גיין צווישן די אַרבעטער, דערהויפּט די פרעמד־פעלקערדיקע אַרבעטער? אַזוי איז עס געשען, אַז די „סעטלמענטס״, ווערנדיק געפירט פון דער שענסטער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ, דערהויפּט פרויען־אינטעליגענץ, האָבן זיך אויך מאָראַליש, אינטעלעקטועל און פּאָליטיש אָנגעהויבן אינטערעסירן און וועקן אינטערעס אין די „פרעמד־נאַציאָנאַליטעטן״ אין אַמעריקע. און פון די „סעטלמענטס״ דרינגט דער אינטערעס אַריין אין דער פּרעסע און ליטעראַטור. אַרום 1905 דערגרייכט דער דאָזיקער אינטערעס זיין העכסטע הייך, וועקנדיק אויך אַ מין נאַציאָנאַליזם צווישן די „פרעמדע״ גופא.

עטלעכע גרויסע פּאַסירונגען קומען פאָר פון אַרום 1909 ביז אַרום 1911, פּאַסירונגען, וואָס זייענדיק אפשר פועל־יוצא׳ס פון די פריער־אויסגערעכנטע רע־גונגען, אינטערעסן און געשעענישן, ווערן זיי אָבער, פּאַרקומענדיק, אַליין סיבות פון וויטערדיקע וויכטיקע געשעענישן.

אַרום 1907 פּאַרמירן זיך אין די גרויסע און קליינע שטעט די קאַרנעגיע־ביבליאָטעקן. דער פילאַנטראָפּ אַנדרו קאַרנעגיע, זייענדיק אַליין אַ „פרעמדער״, אַ שאָטלענדער, און האָבנדיק צונויפגענומען זיינע אומגעציילטע מיליאָנען אין

זיינע שטאָל־גיסערייען, באַטריבענע פון פרעמדע, צום גרעסטן טייל סלאַוון, האָט גרינדענדיק זיינע ביבליאָטעקן, אפשר טאַקע ספּעציעל אין זינען געהאַט די פרעמד־פעלקערדיקע אַרבעטער־מאַסן. הגם זיי זיינען עלטער ווי 1907, ווערן אָבער די ביבליאָטעקן דאָס יאָר פיל פאַרמערט און פאַרגרעסערט. און צי דאָס איז אין זיי פריער אויך געווען, אָדער ס'איז טאַקע אַ נייעס — די ביבליאָטעקן זיינען ניט בלויז ענגלישע, אָפילו ניט קיין דייטש־פראַנצויזיש־רוסישע, צו וואָס אויך אָפּילו אַזעלכע יהודים האָבן זיך געקענט דערהייבן, נאָר טאַקע פרעמד־שפּראַכיקע בכלל. און דאָ קומט אַ ישועה, אין גייסטיקן זין, אַן אמת'ער „מעבדות לחרות" אויך פאַר דער פאַררופענער, באַזידלטער, באַשפּאָטער אידישער איסט־סייד. אין יאָר 1907 עפנט זיך אַ צאָל קאַרנעגיע־ביבליאָטעקן אויך אין דער אידישער איסט־סייד און אין אַלע אַנדערע אידישע קוואַרטאַלן, און אין די דאָזיקע ביבליאָטעקן — הערט און שטוינט! — געפינען זיך זייט ביי זייט מיט די ענגלישע, דייטשע, רוסישע א. אַז. וו. און אַפּילו העברעאישע ספרים — אויך אידישע ביכער!

עס איז געווען אַ רעוואָלוציע — אמת, אַ רעוואָלוציע פון אויבן, אַ רעוואָלוציע פון נצחון מיט הייליקער נקמה אין איינעם — און אָפּגעשפּילט אַמקענטיקסטן און אַמרעדעוודיקסטן אין דער גרעסטער פון די אַלע ביבליאָטעקן — אין דער קאַרנעגיע־ביבליאָטעק אויף איסט בראָדוויי, ראָג דזשעפערסאָן גאַס, פונקט קעגן איבער דעם טעמפּל פון יהודים'שער אַסימילאַציע, און אָפּירשיינענדיק אים, דעם עדיוקיישאָנעל עליינס, לעבעדיקערהייט.

דער יהודים'שער־אַסימילאַטאָרישער עדיוקיישאָנעל עליינס, האָבנדיק זיך געעפנט אין יאָר 1892, און האָבנדיק איבערגענומען די ביבליאָטעק פון דעם קליינעם, פּריוואַט־פאָלקלעכן היברו אינסטיטוט פון וויזאַווי און ווערנדיק, ווי איך גלויב, אויך סובסידירט פון דער שטאַטישער באָרד אָוו עדיוקיישאָן, האָט אָבער אויף אידישע ביכער, אויף דער שפּראַך, געהאַט אַרויפגעלייגט דעם גרויזאַמסטן חרם. אינם „לייען־צימער", פאַרן פאָלק פון גאַס־מענטשן, זייט ביי זייט מיט דער ביבליאָטעק האָט מען דאָך געקענט קריגן אַ אידישע צייטונג, אַפילו אַ זשורנאַל. אָבער אין ביבליאָטעק, וואו אַ חוץ ענגלישע און העברעאישע, האָט מען געקענט קריגן ביכער אויף אַלע לשונות, וואָס האָבן נאָר געקענט האָבן דעם ווייטסטן און סאַמע שוואַכסטן אָפּקלאַנג אויף דער איסט־סייד, האָט מען אָבער אויף אידיש קיין בוך, קיין זשורנאַל, קיין שורה ניט געקענט קריגן. דאָס באַלייריקן דאָ סאַידישע בוך, דעם אידישן לשון איז ביי די פירער, די דירעקטאָרן פון דער עליינס און די דירעקטאָרן פון ביבליאָטעק, דער „יהודי" ד"ר העברי מ. לייפּציקער (אין אַנדערע זאַכן אַ מענטש אַ געבילדעטער און אַפילו אַ ברייטהאַרציקער) און זיין שוועסטער פריילין לייפּציקער — דאָס איז ביי זיי געווען אַ פּרינציפּ־זאַך. אַן ענין פון חוזק־מאַכן און זיך איזידיעקוועון איבער אידיש־אידן. אַלע בקשות, טענות ותביעות און אַרויספאָדערונגען פון אידישע לערער האָבן זיך ווי אָנגעשטויסן אָן אַ האַרטן פעלז פון גראָבקייט, טעמפּקייט און שמאָלהאַרציקייט. אויף

אַלע אונזערע רייד און מאַנעווערן האָבן די אומוויסנדע, אַליין אידיש־איסט־סיידער ביבליאָטעק־דינערס אונז געענטפערט מיט אַ חוצפה־דיק־טריאומפירנדן: „אידיש איז קיין שפּראַך ניט". און פונקט ווי די אַנדערע מיידלעך, בלויז אפשר מיט אַ האָר וויניקער חוצפה, האָט זיך געהאַלטן אויך די פריילין סימפּסאָן (כאָטש געווען איז זי די שוועסטער פון אַן אַנגעזעענעם אידיש־סאָציאַליסטישן לערער־פירער און געשטאַמט האָט זי פון דעם געוועזענעם פאָלקלעכן היברו אינסטיטוט).

און זעט וואָס פאַר אַ גליקלעכע מעטאַמאָרפאָזע! פונקט וויזאַווי דעם עדיו־קיישאָנעל עליינס עפנט זיך די גרויסע קאַרנעגיע ביבליאָטעק, אַריבערציענדיק צו זיך אַלע ביכער פון דער עדוקיישאָנעל עליינס און לעבן זיי און צווישן זיי ווערט געמאַכט פּלאַץ פאַר דער ריזן־פולסטער קאָלעקציע פון אידישע ביכער און פאַר דער עפענונג ווערט די נייעס שטאַרק באַקאַנט געמאַכט אין די פאַרשפּריי־טע אידישע צייטונגען און די אידישע לעזער ווערן האַרציק פאַרבעטן צו קומען און לעזן און אַרויסנעמען ביכער, אידישע צוגלייך מיט אַנדערע, און אַז די לעזער קומען, דערפרייטע און באַהאַרצטע, קומען נאָך ביכער, — ווער מיינט איר שטייט זיי אַנטקעגן און בעמט זיי אויף מיטן ברייטסטן שמייכל? טאַקע די אייגענע איצט שוין הויפּט־ביבליאָטעקאַרין — פריילין סימפּסאָן!

און נאָך אַ וואונדערלעכע זאַך, וואָס זיך אַנהייבנדיק ווי אַ שטילער דונער אין סלאַווישן שיקאַגאָ און אין וואַשינגטאָן און זיך ענדיקנדיק מיט אַ דווקא מעלאָ־דישן קראַך אין אידישן ניו־יאָרק און בכלל אין דער גאַנצער אידישער אַמעריקע, טרעפט אין סוף ערשטן יאָרצענדליק. אַרום דעם יאָר 1909, ערב דעם צענזוס־יאָר 1910, נעמען זיך צונויף די פּאָליאַקן, טשעכן און די אַנדערע סלאַוון פון שיקאַגאָ און שטעלן אַרויס אַ פאָדערונג צו דער וואַשינגטאָנער רעגירונג, אַז אין דער בעפאָרשטייענדער פאָלקס־ציילונג זאָלן די געציילטע מער ניט פינסטערן אַזוי ווי טונקעלע יחידים פון איין גרויסער אַמעריקאַנער נאַציע, נאָר יעדער איינער זאָל שיינען מיטן ליכט פון אַנגעהעריקן פאָלק, אַז דער פּאָליאַק זאָל אויפ־טרעטן ווי אַ פּאָליאַק, דער טשעך ווי אַ טשעך, דער ליטווינער ווי אַ ליטווינער, דער דייטש ווי אַ דייטש און אַזוי ווייטער. כאָטש עס איז זיי, די סלאַוון, נאַטירלעך מער געגאַנגען וועגן זייערע אייגענע נאַציאָנאַליטעטן, האָבן זיי דאָך אָבער, פאַר־שטייט זיך, די פאָדערונג ניט געקענט אַרויסשטעלן אַלס אויסנאַם אָדער פּריווי־לעגיע פאַר זיך, נאָר ווי אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד, און ממילא אויך פאַר אונז, אידן. זעלבסטפאַרשטענדלעך זיינען די שיקאַגער סלאַוון די ערשטע זאַך מיט זייער פאָדערונג געגאַנגען צו זייער רעפּרעזענטאַנט אין וואַשינגטאָנער קאָנגרעס, קאָנגרעסמאַן סאַבאַט. סאַבאַט, אַלס טשעכישער „יהודי", וועלכער האָט פאַרטרעטן אין קאָנגרעס אויך אַ טייל פון די שיקאַגער אידן, איז נאַטירלעך פאַרבונדן געווען מיטן אָרגאַניזירטן יהודים'טום. איז ער, ווי מען האָט פון זיין נאַציאָנאַל־בלינד־נעלמ'ישער פּאָליטיק געקענט דערוואַרטן, אַרויס קעגן דער סלאַווישער פאָדערונג מיט אַ גוואַלט. מען וועט אין צענזוס אַקוראַט אַרויסשטעלן אַ גרויסע צאָל אידן און אַמעריקאַנער? מען וועט פּינקט־

לעך אַנוויזן, ווער עס איז אַ איד? הימל, עפּן זיך! גערים פון די סלאַוון אין איין זייט, פון די „יהודים" אין אַן אַנדער זייט, האָט זיך דער אַרעמער קאָנגרעס־מאַן סאַבאַט קיין עצה ניט געקענט געבן. און פּונקט אַזוי הילפלאָז איז געווען דער הער דוראַנט, דער שעף פון דעם וואַשינגטאָנער צענזוס־ביוראָ. צום גליק איז אָבער דעם הער דוראַנט איינגעפאַלן צו פרעגן אַן עצה ביי אונזער יצחק אייזיק הורוויצ'ן, וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבעט אַלס סטאַטיסטיקער אין דער ביוראָ. האָט הורוויץ געגעבן אַן עצה, אַז, ניט פרעגנדיק אין די אַנקעטעס, ווער צו וועלכער נאַציע ס'געהערט, זאָל מען אָבער פרעגן ביי יעדן איינעם, וועלכע איז זיין מוטער־שפּראַך, וועט מען אי וויסן, ווער צו וועמען עס געהערט, אי די סלאַוון וועלן צופרידן זיין, אי דער יהודים'שער כעס וועט זיך אַ ביסל אָפּקילן. וכך הוה. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מיר, אין ניו־יאָרק, האָבן געקראָגן צו וויסן, אַז אין דעם קומענדיקן פאָלקס־צענזוס שטייט פאַר אַ ריזיקע נאַציאָנאַלע פּראָבע פאַר די אידן פון לאַנד — צי וועלן זיי זיך מיחס זיין מיט אידיש (און מיט זייער אידישן פאָלק) אָדער זיי וועלן זייער אידישקייט פאַרלייקענען. די ערשטע און די שטאַרקסטע טרעוואָגע האָט אויפגעהויבן די צייטונג „די וואַרהייט", דער עיקר דורך מיר און מיין חבר לעאָן עלבע. מיט שיער ניט פאַרצווייפלטע קולות האָבן מיר געשריגן: „אידן, אין צענזוס פון 1910 זאָלט איר ניט פאַרלייקענען אייער אידישע שפּראַך און אידישע נאַציע! אידן, זייט ניט קיין נאַציאָנאַלע נעלמים, קיין נאַציאָנאַלע פּחדנים!" אַזוי האָבן מיר געשריגן אין דער „וואַרהייט" און אַזוי האָבן די אַנדערע אידישע צייטונגען, ווער גערן און ווער ניט קענענדיק מעיז זיין, ווער העכער און ווער נידעריקער, אָבער פאַקטיש אַלע האָבן מיטגעשריגן. און אין אַ יאָר אַרום, אַן ערך, אַז דער צענזוס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן מיר געהאָט אונזער גאַלדענעם שניט. ניט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר פאַקטיש טאַקע אין גאַנצן לאַנד האָבן העכער ניינציק פּראָצענט פון די אידן אין לאַנד אָנגעגעבן אידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך (אַ קליינטשיקע צאָל האָט אָנשטאָט „אידיש" אָנגעגעבן „היברו", אָבער יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג און ביי יעדן פאַל האָט עס געמיינט, אַז די מענטשן האָבן אָפן אַרויסגעשטעלט זייער אידישקייט!).

די סאַמע לעצטע געשעעניש פון אָט דער גרופּקע איז געשען אפשר מיט אַ יאָר שפּעטער און ווידער אַמאָל אין דער סלאַווישער שיקאַגאָ. איינע אַ פּאַבליק סקול סופּער־אינטענדענטין — איך בין ניט זיכער, צי איז זי אויך פאַרבונדן געווען מיט די שיקאַגער סעטלמענטס — אַ געוויסע מרס. עלאַ יאַנג, האָט אין אַ שול אָדער שולן אין שיקאַגער פּוילישן קוואַרטאַל איינגעפירט פּויליש אַלס לימוד־פּונקט אין דער שול'ס „קוריקולום". ווייטערדיקע באַריכטן האָבן גע־מעלדעט, אַז דער לימוד האָט אויך גוט געדינט.

אַ נאָכשלוס נאָך אָט דער נייעס איז געווען אַ ידיעה, וואָס האָט זיך שטאַרק געטראָגן אין די קרייזן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פּועלי ציון, אַז זייענדיק באַווירקט פון דער פרוי יאַנג'ס אויפטו אין שיקאַגאָ, האָבן

אונזערע חברים אין מילוואקי זיך געמיט דאָס זעלבע אויך צו פּועל׳ן וועגן אידיש (אָדער אידיש און העברעאיש) אין זייער שטאָט, אין זייער אידישן קוואַרטאַל. און זיי האָבן שוין זייער ציל שיער געהאַט דערגרייכט, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט עפּעס אַ שעף, אָדער דער שעף פון דער אַרטיקער „באָארד״, זייענדיק ניט נאָר אַ „יהודי״, נאָר אויך אַן „איבערגעקערטער״, די זאַך פאַרדאַרבן. אַזוי ווי די דאָזיקע געשיכטע איז דער עיקר נאָר אַ „מינדלעכע טראַדיציע״, קען איך ניט קאַווירן פאַר די פּרטים, אָבער אַז די זאַך אַליין איז ניט קיין לעגענדע, שיינט צו זיין זיכער.

3. ווי איך קום דערצו

די נייע אידישע דערציאונג איז געבוירן געוואָרן אויפן שויס פון דעם אידיש־אַמעריקאַנישן סאָציאַליזם. איך דער ערשטער, וואָס האָט פאַר דער דאָזיקער דערציאונג געגומען אַגיטירן אין שריפט און מיטן מויל, בין געווען אַ אידיש־אַמע־ריקאַנער סאָציאַליסט; די אידישע אינטעליגענטן־שרייבער, וואָס האָבן מיר פּאַטאַ־קעוועט, זיינען געווען אָנגעהעריקע צו דער אידיש־אַמעריקאַנישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג; די ערשטע צוויי קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן, און די אידייע פון דער נייער אידישער דערציאונג מן הכוח אל הפועל אַרויסגע־בראַכט, דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד און די פּאַרטיי פּועלי ציון, זיינען אויך צום גרויסן טייל, לכל־הפּחות, אַרויסגעוואַקסן, אויב ניט פון, איז אין דער אינטימסטער שכנות מיט דער אַמעריקאַנער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

„פאַרוואָס גראַד איר?״ — אומגעפער אַזאַ פראַגע האָט מיך, מיט אַ צען יאָר פריער, געפרעגט חבר שלמה ווייסמאַן פון די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלק־שולן, אין פאַרהאַנדלונג מיט אַ שול־אויסגאַבע, וואָס ער האָט צוגעגרייט. גיב איך דאָ אומגעפער דעם ענטפער, וואָס איך האָב אים דעמאָלט געגעבן:

א) אַזוי ווי די מייסטע אידיש־סאָציאַליסטישע שרייבער, האָב איך אַרום דעם מיטן יאָרצענדליק זיך געהאַט אַנטוויקלט אין אַ הייסן אידישן נאַציאָנאַליסט;

ב) מער ביי מיר, ווי ביי אַנדערע, איז דער אידישער נאַציאָנאַליזם פאַר־שאַרפט און פאַרטיפט געוואָרן דורך מיין ליטעראַריש־קולטורעלער אויסבילדונג, דורך די ווערק, וואָס איך האָב דעמאָלט געלייענט (גרעץ, זאַנגוויל, גוסטאַוו קאַר־פּעלעס, סאָלאָמאָן שעכטער, איזראַעל אייבערעהעמס א. אנד.) און דורך די אינ־טערעסן און אַרבעטן, מיט וועלכע איך בין געווען פאַרנומען, ווי למשל, מיינע לעק־ציעס וועגן אידישער ליטעראַטור און דראַמע, מיין אַרבעט אינם פּראָגרעסיוו־דראַ־מאַטיק קלאַב און מיין אַרבעט אין דער „וואַרהייט״;

ג) מיין נאַציאָנאַליזם איז פאַרשאַרפט געוואָרן אין אַ מין שרעק פאַר אַסי־מילאַציע־אַמעריקאַניזאַציע. „מיר געפינען זיך אין דער לאַגע פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט זיך איבערן ים אין אַ שיפל, וואָס אַט־אַט קערט זיך עס איבער״ —

אזוי האָב איך דעמאָלט געענטפערט איינער אַן אַמעריקאַנישער „סעטלמענט״־טוערין, בשעת זי האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס מיר „פיבערן אַזוי״. און אַנדערס מאָל פלעג איך ענטפערן מיט ד״ר מאַגנעס׳עס געזעגענונג־וואָרט צו זיינע בעלי־הבתים פון טעמפל עמנואל דעם זונטיק, ווען ער רעזיגנירט זיין רבי׳שאַפט אינם טעמפל: „איך בין דער רבי פון אַ קהילה פון בעזדיעטניקעס, און אַ באַכפאַלגער־שאַפט פון קדושה־זאָגער, פון ״אמן וברוך הוא וברוך שמו־אָפּענטפערער״.

ד) איך בין פון כל ימי און, אפשר פון זינט איך געדענק מיך אַלס אינגל, געווען אַ לערער, לערנענדיק מיט חברים און פרעמדע, פריוואַליק אָדער פּראָ־פעסיאָנעל, אין מיין געבורט־שטעטל, אין מאָסקווע און אין ניו־יאָרק (אויך אין די קלאַסן פון דער אַרבעטער־בילדונג־שולע און פון עדיוקיישאַנעל ליג) — העברעאיש, תנ״ך, גמרא, ענגליש און ענגלישע און אידישע ליטעראַטור.

און ערך אין מיטן די ניינציקער יאָרן האָב איך מיך שטאַרק פאַראינטערע־סירט מיט פעדאַגאָגיע, לייענענדיק פעדאַגאָגישע ווערק און שריפטן. אַרום 1904־5 האָב איך אין „פאָרווערטס״ געשריבן פעדאַגאָגישע לייט־אַרטיקלען און אַנדערע אַרטיקלען;

ה) אין יאָר 1910 בין איך שוין געווען אַ טאַטע פון דריי קינדער און זייער דערציאונג און בילדונג אין די פּאַבליק סקולס און אינדערהיים האָב איך שטאַרק נאָכגעפאָלגט און „מיטגעמאַכט״. האָב איך גוט געזען וואָס די פּאַבליק סקול מאַכט פון זיי פון אידישן און אידיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, און מיין שרעק פאַר דער אַמעריקאַניזאַציע איז געוואָרן אַ גאַנץ „היימישע״.

דאָס איז, בכן, געווען מיין „הכשרה״, מיין צוגרייטונג צו זיין דער ערשטער אידישער שרייבער אין אַמעריקע מכוח דער נייער אידישער דערציאונג. ליידער שרייב איך איצט אָן דאָקומענטן, מיך פאַרלאָזנדיק מערסטנטייל אויף מיין זכרון וואָס, אמת, ער נאַרט מיך זעלטן אָפּ. ציטירנדיק ש. ניגער׳ן (אין דעם דערמאָנטן בוך), וועלכער ציטירט מיך, האָב איך מיין ערשטן אַרטיקל וועגן דעם ענין געשריבן אין דער „וואָרהייט״ דעם 18טן אַפּריל, 1909. ווערליק איך געדענק, האָב איך, אַלס סאָציאַליסט, „פריידענקער״ און אידישער נאַציאָנאַליסט, זיך גע־ווענדט צו אידן מער־ווייניקער מיין גלייכן און האָב פאַר זיי אויפגעשטעלט די פאָלגנדע טעזיסן:

א) זיי זיינען ניט נאָר אידן, נאָר ביז אַ געוויסן גראַד אַפילו אידישע נאַציאָ־נאַליסטן. לעבן זיי זיך דאָך אויס אין דער אידישער פרעסע, אידישער ליטע־ראַטור און אידישן טעאַטער. זיי האָבן אויך אַ געוויסע באַציאונג כאָטש צו געוויסע אידישע יום־טובים. זיי זיינען אויך ניט אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אַ אידישער צוקונפט;

ב) דאָס אַליין איז אידישקייט. רעליגיע איז זיכער ניט די גאַנצע אי־דישקייט;

ג) די אויבן־אויסגערעכנטע פּונקטן זיינען פאַרן אידישן סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט אַזוי טייער, אַז זיי וואָלטן וועלן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ המשך אין זייערע קינדער;

ד) איז דערפון געדרונגען, אַז דער אידישער ראַדיקאַל איז ניט פּטור פון דער מצווה אָדער דעם חוב צו געבן זיין קינד אַ אידישע דערציאונג;

ה) די פּאַבליק סקול, ניט נאָר קען זי אונז אין דעם פּרט ניט צופרידנשטעלן, נאָר פאַרקערט, זי דאַרף פון אונז אין דער היגזיכט באַטראַכט ווערן ווי אַ גרויסע פאַרדאַרבונג. שטרעבנדיק אונזער קינד צו אַמעריקאַניזירן, אַנטנאַציאָנאַליזירט זי עס, גראָבט זי אויס נאָך טיפער דעם אָפּגרונט צווישן אונז און אונזערע קינדער;

ו) דאַרפן מיר אונזערע קינדער שיקן אין אַ אידישער שול. אָבער אין וועלכער? דער חדר און די תלמוד־תורה זיינען ניט פאַר אונז. זיינען מיר דאָך פריידענקער און די דערציאונג פון חדר און פון דער תלמוד־תתורה איז דאָך געגרינדעט אויף רעליגיע, אויפן גלויבן. אויך די מאָדערנע, די העברעאישע שול, אויפן שטייגער פון דעם איראָפּעאישן חדר־מתוקן, איז אויך ניט גאָר צוגע־פּאַסט פאַר די מייסטע קינדער פון ראַדיקאַלע עלטערן, זייענדיק ציוניסטיש אָדער גאַנץ אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַליסטיש;

ז) איז בכן דאַרפן די ראַדיקאַלע אידישע עלטערן גרינדן פאַר זייערע קינדער אַ נייעם סאָרט אידישע שולן מיט אַ נייער אידישער דערציאונג.

אַזוי אומגעפער האָב איך אַנגעהויבן. העכסט־וואַרשיינלעך האָב איך מיט דער צייט מיין אַגיטאַציע אויסגעברייטערט, ווענדענדיק זיך ניט דווקא צו ראַדי־קאַלן, נאָר אַפילו צו סתם אידן (איין מאָל יענעם יאָר, געדענק איך, האָב איך זיך געווענדט צו אידישע אָרדנס בכלל) און פון דער אַנדער זייט מאַכנדיק מער בולט דעם נאַציאָנאַליזם.

באַלד נאָכן ערשטן אַרטיקל האָב איך געשריבן אַ צווייטן, אין וועלכן איך האָב שוין אויפגעוואָרפן אַ פּראָגראַם פון לימודים אין די ניי־פּאַרגעשלאָגענע שולן:

א) די אידישע שפּראַך און די אידישע ליטעראַטור;

ב) די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור;

ג) אידישע היסטאָריע;

ד) תנ"ך;

ה) סאָציאַליזם (וואָרום אויך דאָס ווערט דאָך אין דער פּאַבליק סקול ניט נאָר ניט געלערנט, נאָר טאַקע טויט־געשוויגן);

ו) געשיכטע פון דער אידישער רעליגיע;

ז) כאָטש איך געדענק עס ניט גענוי, קען איך זיך אָבער בשום־אופן ניט פאָרשטעלן, אַז איך זאָל האָבן אויסגעלאָזט פון מיין פּראָגראַם אַ ידיעה און אַ ליבשאַפט צו אידישע יום־טובים.

איך האָב מיין אַגיטאַציע אין דער "וואַרהייט" אָנגעפירט ניט אָן עקשנות, שרייבנדיק וועגן דעם ענין ביי יעדער געלעגנהייט. איינמאָל, ווי שוין דער־מאָנט, האָב איך זיך אַפילו געווענדט צו בעל־הבתישע אידישע אָרדנס. דאָס איז געווען בשעת אַ געוויסער אָרדן האָט געהאַט זיין יערלעכע קאָנווענשאָן.

אָנהאַלטנדיק אַזוי מיין אַגיטאַציע אַריבער אַ יאָר, האָב איך, לסוף, אין

פרילינג פון 1910 זיך געווענדט גאַנץ אויסדריקלעך צו די אידישע ראַדיקאַלע אָרדנס, אָנרופנדיק בפירוש דעם אַרבעטער־רינג און דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

4. די דערעפענונג פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולע

ווי עס ווייזט אויס, איז מיין לעצטע ווענדונג טאַקע געווען דער כוח־הדוחה, די שטויס־קראַפט, וואָס האָט געפירט צו דער געבורט פון דער נייער אידישער דערציאונג.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין 1907־8 אַלס קעגן־וואָג קעגן דעם אַרבעטער־רינג, ד״ה ער איז געגרינדעט געוואָרן צוליב דעם אַרבעטער־ציוניזם, אָבער גאָר באַזונדערס צוליב דעם אידישן נאַציאָנאַליזם, צו באַקעמפן די אַסימילאַציע־אַמעריקאַניזאַציע און צו נאַציאָנאַליזירן די אַמעריקאַנער אידישע גאַס. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז געווען גאַנץ מסוגל צוצוהערן זיך צו דער אַגיטאַציע פאַר אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. האָט ער דאָך בלויז אַ קורצע צייט נאָך דער דערעפענונג פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, דורך זיינע חברים אויף די ערטער, גע־פועל׳ט אין אַלע קאַרנעגיע־ביבליאָטעקן אויף דער פּראָווינץ, דאָרט וואו דער פאַרבאַנד האָט געהאַט צווייגן, אַז זיי זאָלן ביי זיך איינפירן אויך קאָלעקציעס פון אידישע און העברעאישע ביכער. איז פרי אין יאָר 1910 האָט זיך אין פאַרבאַנד־קרייזן שוין אָנגעהויבן אַ רעדעריי וועגן גרינדן אידישע שולן פון דעם טיפּ, וואָס איך האָב פאָרגעלייגט. דער ערשטער גרעסערער צוזאַמענפאָר פונם פאַרבאַנד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זומער 1910 אין דער שטאָט ראָטשעסטער. די דיסקוסיע וועגן דער גרינדונג פון די נייע שולן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויך אויף דער קאָנווענשאָן, מיטן רעזולטאַט, אַז עס איז פייערלעך באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו דער אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון די שולעס.

דעם 20סטן אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר איז אין מאָנטרעאָל אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון. דער פאַרבאַנד מיט דער פּאַרטיי זיינען דעמאָלט נאָך מער איידער איצט געווען אַ שטוב מיט אַ קאַמער. קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז די דיסקוסיעס וועגן דעם ענין האָבן זיך געצויגן ווי אַ שותפות׳דיקער שטראָם צווישן די צוויי אָרגאַניזאַציעס. אפשר האָט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אין די דיסקוסיעס אויך אַ האַנט געהאַט. יעדנפאַלס אויף דער קאָנווענשאָן פון די פּועלי ציון איז ד״ר זשיטלאָווסקי געווען (העכסט־וואַרשיינלעך האָט מען אים איינגעלאַדן, ווי די פּועלי ציון האָבן אים אויך ביי אַנדערע געלעגנ־הייטן איינגעלאַדן, ניט זייענדיק נאָך קיין פּאַרטיי־מיטגליד) און ער האָט שטאַרק אַגיטירט פאַר די שולעס. עס זיינען געווען קעגנער, אָבער ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געזיגט. די רעזאָלוציע פאַר די שולעס, וואָס דער פאַרבאַנד צוזאַמענפאָר האָט דורכגעפירט אין ראָטשעסטער, איז אין מאָנטרעאָל אָנגענומען געוואָרן קענטיק מיט נאָך מער פייער. (איינער פון די באַזיגטע קעגנער, דער דעמאָלטיקער רע־דאַקטאָר פון „אידישן קעמפער״, האָט זיך דאָך ניט אונטערגעגעבן. קומענדיק

קיין ניו־יאָרק, האָט ער נאָך אין נעכסטן נומער „קעמפער" געפּרוואוט אַריינגעבן אַ רעדאַקציאָנעלע נאָטיץ קעגן די שולעס, אָבער אַ פּאָר יאָ־זאָגער האָבן זיך „געקליגט" און די נאָטיץ באַצייטנס אַרויסגענומען).

פאַר חנוכה איז די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע פון די פועלי ציון מיטן אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד געעפנט געוואָרן אויף נומער 1943 מעדיסאָן סטריט. (דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. דער דאָזיקער נומער איז געווען דאָס הויז פון דער אָקאָרשט־פאַרשטאָרבענער עדיוקיישאָנעל ליג, אין וועלכער ד"ר עלסבערג האָט געהאַט אַ גרויסע דעה, און ד"ר עלסבערג, אַלס ד"ר זשיטלאָווסקי'ס פריינט און הייסער פאַרערער, איז טאַקע באַלד געוואָרן אַ שטאַר־קער טוער אין די שולעס). איך ווייס ניט פיל פון יענער ערשטער שולע אין איר ערשטער סטאַדיע, בלויז דאָס אַז דער בראָנזוווילער ד"ר גלאָבוס, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ זייער אָפּטער מיטאַרבעטער אין דער „פרייע אַרבעטער־שטי־מע", איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער אָדער פּרינציפּאַל פון דער שולע. אויך אַז די שולע האָט אָפּגעלעבט אַ פּאָר וואָכן איידער איך בין גערופן געוואָרן זי איבערצונעמען.

ווינטער, חנוכה איז אין ניו קלינטאָן האָל, 141 קלינטאָן סטריט, פאַרגעקומען אַ מאַסן־מיטינג וועגן דער שולע און דער נייער אידישער דערציאונג בכלל. ה. עהרענרייך, דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון די פועלי ציון, האָט מיך איינגעלאַדן אַלס רעדנער יענעם אָוונט. איך געדענק ניט די אַנדערע רעדנער, אויסער ד"ר זשיטלאָווסקי'ן, מיט וועמען, ווען מיין ריי איז געקומען, איך האָב פּאָלעמיזירט. ביי מיר האָט זיך געהאַט באַקומען דער איינדרוק, אַז ד"ר זשיטלאָווסקי אַגיטירט פאַר אַ ציוניסטישער שול. איך בין אָבער געווען קעגן אַ ציוניסטישער שול און פאַר אַ נאַציאָנאַלער. ד"ר זשיטלאָווסקי, וואָס איז משמעות אויך געווען דער פּאַרזיצער, האָט מיך, ווי איך פאַרשטיי, געפּרוואוט „באַרואיקן". איך בין באַלד דערנאָך אַוועק, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום בין איך גערופן געוואָרן צו אַ זיצונג וועגן דער שול ביי ד"ר עלסבערג'ן אין הויז. דאָרטן האָב איך געטראָפן, אַ חוץ ד"ר עלסבערג'ן און ד"ר זשיטלאָווסקי'ן, אויך ברוך צוקערמאַנ'ען און, אויב איך געדענק ריכטיק, אויך ה. עהרענרייכ'ן און מאיר בראַונ'ען.

דער סוף פון דער זיצונג איז געווען, אַז אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער זייער ליבער חוב צו זיין דער פּרינציפּאַל פון דער שול. דעם קומענדיקן שבת נאָכמיטאָג (ס'איז געווען אַ שבת־ און זונטיק־שול) בין איך שוין געווען אויפן פּאָסטן.

די שול־אַרבעט איז אַוועק מיט אַן אינטענסיוון טעמפּ.

ג. די ערשטע פיר יאָר — די ערשטע צוויי צוזאַמענפאָרן

1. נחת'דיקע צרות

פון אַלע מיינע אַרבעטן — און איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט ניט ווייניק — איז דאָס געווען די גליקלעכסטע. עס איז געווען אַ ברכה אין דער אַרבעט, און זי איז ליכטיק אויפגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן, אַזוי ווי אַ בלומען־גאָרטן

גייט אויף אונטער די אויגן פונם גערטנער, וואָס האָט אים פאַרפּלאַנצט. קיינמאָל פריער און אפשר אויך קיינמאָל ניט שפּעטער, בין איך זיך אַזוי נאָענט און שיין ניט צונויפגעקומען מיט מענטשן, מיט מיטאַרבעטער, ווי ביי יענער אַרבעט.

עס איז געווען אַ פּילפּאַכיקע, לכל־הפחות אַ פירפּאַכיקע אַרבעט; אַ ריין־לערעריש־פּעדאַגאָגישע, אַן עקאָנאָמיש־חיונה׳דיקע — פון פשוט אויפהאַלטן די שול אָדער שולן, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטיש־אָרגאַניזאַטאָרישע פון צוקריגן פריינט און אָפּשלאָגן זיך פון שונאים און אויסברייטן דעם שול־וועזן אין אייגענע קרייזן און פאַרפלאַנצן אים אין ווייטערע קרייזן, און אַ ליטעראַריש־אויפקלערערישע פון שאַפן לערן־ביכער, פּעדאַגאָגישע שריפטן און נישטערן און זוכן און שאַפן אויף נאָענטע אידישע קולטור־פעלדער. עס האָבן זיך געפאָדערט אַ סך מענטשן, אַרבעטער, און דער גוטער גאָט האָט זיי אונז צוגעשיקט אָדער פון פּאַרטיי־קרייזן, אָדער פון די פאַראַנענע ליטעראַרישע קרייזן.

עס זיינען באַלד געשאַפן געוואָרן אַ צוויי־דריי קאָמיטעטן: איינער אַ קליינער, אַן ענג־פּעדאַגאָגישער, וואָס האָט באַדאַרפט אָנפירן מיט דער שול אויף מעדיסאָן סטריט און אין וועלכן איך געדענק אָם מייסטן, אַ חוץ מיך אַליין, הירש עהרענרייך, דעם דעמאָלטיקן סעקרעטאַר פון די פּועלי ציון, און אין זיין אָפּוועזנהייט פון שטאָט — זיין דעמאָלטיקע כלה (און שפּעטערדיקע פרוי) חברה ראַסקין; דערנאָך שמואל גאָלדשטיין (אין די צוואַנציקער יאָרן דער סעקרעטאַר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד) און דוכט זיך אויך זיין פרוי אָדער כלה; אַ ברייטער פּעדאַגאָגישער קאָמיטעט, וואָס האָט אויך באַדאַרפט אָנפירן די קאָרעספּאָנדענץ און זען שאַפן פון דער איינציקער שול אַ שול־באַוועגונג, און אין וועלכן עס געדענקען זיך מיר אָם מייסטן ברוך צוקערמאַן, שוין דעמאָלט דער וויכטיקסטער, לכל־הפחות, טוער אין דער פּאַרטיי פּועלי ציון, מאיר בראַון, דעמאָלט דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, דער זעלבער הירש עהרענרייך, און אַ ביסל שפּעטער, חיים ליבערמאַן, וואָס איז שוין דערווייל געוואָרן אַ לערער אין דער שול אויף מעדיסאָן סטריט, און קלמן ווייטמאַן, דער העברעאישער לערער־פּעדאַגאָג, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ חבר אין דער פּאַרטיי פּועלי ציון. צום פּראָפּאַגאַנדיסטיש־עקאָנאָמישן קאָמיטעט (אַרבעט איז געווען, און נאָך ווי, דער ספק איז נאָר מכוח דער אויסגעטיילטקייט פון די פונקציעס) האָבן פּראָמינענט געהערט די פריער־דערמאָנטע ד״ר זשיטלאָווסקי, ד״ר עלסבערג און אפשר אויך יוסף קאָפּעלאָוו, דער אַנאַרכיסט, וואָס איז קורץ נאָך ד״ר זשיטלאָווסקי׳ס אָנקומען, געוואָרן זיינער אַן אוהב נאמן און הייסער נאָכפאָלגער. דער דריטער פלעגט מיט ד״ר זשיטלאָווסקי׳ן און די אַנדערע ניט פאַרפעלן קיין איינעם פון די אָפטע באַנקעטלעך און אָוונטלעך פאַר דער שול. ער האָט גאָר אַ סך געאַרבעט אין 1917, אַז דער לערער־סעמינאַר איז געגרינדעט געוואָרן, און אויך יאָרן שפּעטער, ביים שאַפן געלט פאַר דער מעדיסאָן סטריטער שול. דער גרעסטער געלט־שאַפער פאַר איר איז דעמאָלט געווען ד״ר עלסבערג, בעת ד״ר זשיטלאָווסקי פלעגט אויף די אָוונטן און די אָוונטלעך און אויך אויף די גרעסערע אַרויסטרעטונגען האַלטן זיינע געדאַנקען־ און גייסטרייכע רעדעס און רעפעראַטן. דאָס איז דעמאָלט

געוועזן אונזער באַגייסטערנדיקסטע, אויפהויבנדיקסטע פּראָפּאַגאַנדע. איך אַליין, כאָטש איך בין צו מיין באַציאַנאַליזם און אידישער דערציערישקייט צוגעגאַנגען אַן אים (זיינע אַרבעטן אין „דאָס נייע לעבן" האָב איך, צי ווייל איך האָב קיין צייט ניט, צי ווייל איך האָב עס אָפּגעלייגט אויף אַ מער בהרחבה'דיקע געלעגנ־הייט, ניט געליינט) — אָבער זיינע דעמאָלטיקע רעדעס און רעפעראַטן האָב איך מיר אָנגעאייגנט, שפּינענדיק פון זיי אַפילו לאַזונגען פאַר מיינע אייגענע פאַרטראַגן. (עס געדענקט זיך מיר איבערהויפּט אַ מעשה'לע פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרינ'ען מכוח דעם פאַרפאַלענעם אמת, וואָס מען האָט צוריקגעפונען אין האַרץ פון אַ קינד, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר אַ משל צום אידישן קינד און דעם פאַרפאַלענעם אמת פון דער אידישער פאָלקלעכקייט).

די פּעדאַגאָגישע אַרבעט אין דער שול גופא האָט זיך צומיינסט אַראָפּגע־לאָזט אויף מיינע פּלייצעס און אויף די פּלייצעס פון שול־סעקרעטאַר, הירש עהרענרייך, און די לערער, וואָס האָבן נאָר אַרויסגעצייגט זייער ווילן אונטער־צושטעלן די פּלייצעס. דער לימוד פון אידיש איז געווען דער שווערסטער — ווייל דער נייעסטער, אָן דעם מינדסטן שטעג פון דערפאַרונג. עס זיינען געווען אַרום 40 קינדער, וואָס מען האָט זיי געמוזט איינטיילן אין דריי קלאַסן, און דאָ זיינען ניט געווען קיין לערער, ניט קיין ביכער, ניט קיין מעטאָדן. איך דערמאָן מיך, מיט אַ טרויעריקן געלעכטער, ווי איך האָב דעמאָלט געזוכט לערער (איך אַליין האָב, מחמת מיין צייטונגס־אַרבעט, געקענט אהיימלויפן נאָר שבת אויף אַ ווײַלע און נאָר זונטיק האָב איך געלערנט). איין מאָל, זוכנדיק און פאַלגנדיק אַ נאַרישע רעקאָמענדאַציע, בין איך אַריינגעפאַלן צו אַ לערער פון ענגליש און מאַטעמאַטיק. אַז איך האָב אים אַרויסגעזאָגט מיין וואונטש, ער זאָל ביי אונז זיין אַ אידיש־לערער, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי משוגע, פון וואָס איך אַליין האָב זיך אָנגעקוקט ווי אַ נאַר. ווי אַזוי לערנט מען עס אידיש? אידישע ליטעראַטור? מיט דער פראַגע האָבן אונז כסדר באַגעגנט מענטשן, פון דער אינטעליגענץ אַפילו.

אַ סך „צום גליקן" האָבן אונז צוגעשפּילט. אויף אויסצולערנען די קינ־דער לייענען האָב איך אָנגעווענדט די פאָנעטישע (די קלאַנגן־) מעטאָדע. (איך האָב די דאָזיקע מעטאָדע — לאַכט ניט! — אַליין דערפונדן אַרום 1889, ערב מיין אָנהויבן אין מאָסקווע לערנען מיט קינדער העברעאיש, ניט וויסנדיק ווי די מעטאָדע הייסט, ניט וויסנדיק, אַז די דאָזיקע מעטאָדע איז שוין לאַנג פאַראַן אויף דער וועלט און ווערט שוין לאַנג פּראַקטיצירט). אַ צווייטער גליק איז גע־ווען, וואָס דער באַוואוסטער ארץ־ישראל'דיקער ד"ר שמעון בענדערלי איז דע־מאָלט אַריבערגעקומען קיין ניו־יאָרק און דאָ אָנגעהויבן זיין אַרבעט צווישן די תלמוד־תורות. צווישן זיינע „עצמים" האָט ער אויך געהאַט אַ ברעט מיט אַ קלעצלדיקן, באַוועגלעכן אַלף־בית („אותיות מדולדלות"). נעמענדיק ביי אים דעם „אַפּאַראַט" פאַרן העברעאישן לימוד, האָבן מיר אים אויך באַנוצט פאַרן לימוד פון אידיש. און דער דריטער „צום גליק" איז געווען, וואָס גראָד דעמאָלט האָבן אויך אָנגעהויבן אָנקומען אידישע לערן־ביכלעך פון רוסלאַנד און מען האָט זיי אין אַ היפּשער צאָל ביכער־קרעמלעך אויף קאַנאַל סטריט געפונען זייט ביי

זייט מיט די העברעאישע לערן־ביכער. (היינט, ברוך השם, שטייט צווישן די צוויי אַ מחיצה פון בייזקייט און דערווייטערטקייט). האָבן מיר געפונען עטלעכע ביכלעך פאַר אַנהויב אידיש (צווישן זיי אויך פאַלק האַלפּערינ׳ס ביכל „אונזער שפּראַך" — אויב ס׳האָט אַזוי געהייסן). האָב איך נאָך דעמאָלט פונם שיינעם מחבר גאָרניט געוואוסט, אָבער פונם קינדער־ביכל האָט אַרויסגעאָטעמט אַ סך ליבשאַפט צו אידיש. ס׳איז ניט געווען לערעריש־בהדרגה׳דיק צונויפגעשטעלט. ס׳האָט געהאַט היימישע שפּראַך־קוריאַזן („פיר פאַר פאַרציליייענע פאַרפורקעס"), וואָס דאָ אין אַמעריקע, כאָטש די קינדער האָבן מייסטנס גערעדט אידיש, האָט עס פאַר זיי געמוזט קלינגען שיער ניט קאָמיש. מיר האָבן דאָך געפונען דאָס ביכל פאַר דאָס בעסטע און מיר האָבן עס פּראָוויזאָריש איינגעפירט. פאַרן צווייטן קלאַס האָבן מיר געפונען קרינסקי׳ס (דעם באַוואוסטן העברעאיש־אידישן פאַר־לעגערס) אַ ביכל, מיט זייער אַ קליינער שריפט און צייכענונגען, אָבער מיט אַ צאָל ליב־שיינע הגדה־מעשה׳לעך. און פאַרן דריטן קלאַס, וואָס איך האָב אַליין איבערגענומען, האָבן מיר גענומען אַברהם רייזינ׳ס כרעסטאָמאַטיע. עס האָט געהאַט די שרעקלעכסטע טיפּאָגראַפיע און אינהאַלטלעכע פעלערן. געמאַכט פאַר רוסישע אַרבעטערישע אָוונט־קורסן, איז אין איר, למשל, אַ היפּשער טייל פון מאַטעריאַל באַשטאַנען פון באַוואוסטן רוסישן פּאָפּולאַריזאַטאָר רובאַקינ׳ס נאַטור־שמועסן, וואָס איז פאַרן היגן קינד, וואָס גייט אין שול און היי־סקול, געווען איבעריק. האָב איך זי טאַקע אַריינגענומען ווידער נאָר פּראָוויזאָריש, העלפנדיק זיך אַמאָל אַפילו מיט עפּעס צופעליקס (אַ פאַר מאָל, געדענק איך, האָב איך זיך אַפילו אַרויסגעהאָלפן מיט אַנכי׳ס „ר׳ אבא", וואָס איז דעמאָלט גראָד אָנגעקומען פון רוסלאַנד).

מיט העברעאיש איז, נאַטירלעך, דער ענין צוגעגאַנגען אַ סך גרינגער. ביכלעך, אמת, מער שלעכטע איידער גוטע, זיינען געווען לרוב, און לערער האָט מען געקענט קריגן. אויב עס זיינען פאַרגעקומען רעדערייען, איז עס נאָר געווען וועגן דער צייט פון לימוד און וועגן די מעטאָדעס.

אונזער ערשטער העברעאישער לערער איז געווען דער שוין־דערמאָנטער קלמן וויטמאַן; (די אַנדערע לערער צו אים, אָדער נאָך אים, פלעגן מיר טאַקע קריגן דורך אים). אַלס פאַרטיי־חבר, אפשר אויך מיט אַ צוטריט צום צענטראַל־קאָמיטעט, איז ער געווען אַן אייגענער מענטש און מען האָט זיך מיט זיין מיינונג גערעכנט. אָננעמענדיק אַ נייעם לערער, האָט ער אים געשטעלט אַלס באַדינג, אַז ער זאָל לערנען „עברית בעברית", אָדער מיט דער „שיטה טבעית", ווי זי האָט דעמאָלט אָפט געהייסן. איך האָב קיינמאָל, ווי עקשנות׳דיק איך בין אָפט ניט געווען, שטאַרק זיך ניט געשפּאַרט בנוגע מעטאָדן. האָב איך, אמת, ניט גערן איינגעוויליקט. אין מויל פון אַ לעבעדיקן לערער, אָט ווי וויטמאַן אַליין, איז די מעטאָדע נאָך געווען עפעקטיוו, אין די מיילער פון די אַנדערע — ווייניקער ווירקזאַם. איז אָבער געווען נאָך אַ „צום גליק", וואָס דער „עברית בעברית" איז קיין עברית בעברית ניט געווען, וואָרום אַפילו דער שטרענגסטער לערער פלעגט בשעת הדחק, ווי צווישן די ציין, אַרויסוואַרפן אַ אידיש וואָרט און פאַר־טייטשן דאָס ניט־פאַרשטאַנענע העברעאיש. אַ סך מאָל, כאָטש דער פּרינציפּ

איז געווען: „ביידע שפּראַכן גלייכבאַרעכטיקט", האָבן אָבער די העברעער גע־טענה'ט, אַז העברעאיש איז שווערער און אידיש קומט דאָס לעבן אַליין צו הילף — איז וועגן העברעאישדיקן וויפל געווען אַ סך רייד. לסוף האָבן זיך די העברעער באַרואיקט דערמיט, וואָס העברעאיש האָט זיך אָנגעהויבן פּונקט גלייך מיט אידיש (דער סדר איז געווען: שבת — אידיש, און פּונקט אויף מאָרגן, זונטיק — העברעאיש), און אויך מיט דער קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג, אַז העברעאיש מעג געלערנט ווערן מער אינטענסיוו. און איך זאָג עדות, אַז צווישן די לשונות גופא פלעגט ניט פאָרקומען קיין קאָנפליקט. בפרט, אַז די העברעער, אַלס עברית־בעברית'ניקעס, פלעגן גאָר אָנהויבן מיט רעדן. און פון דער אַנדערער זייט, פלעגט דער ענין „תנועות" גאַנץ גוט צונוץ קומען אויך אין אידישן לימוד, בפרט אין העברעאישע ווערטער.

וואָס שייך די אַנדערע לימודים, האָבן מיר געהאַט (און האָבן נאָך איצט) גרויסע צרות מיטן לימוד פון געשיכטע. אויף העברעאיש זיינען שוין פון לאַנג געווען געשיכטע־לערן־ביכלעך, אויף אידיש זיינען נאָר געווען, אין אָנהויב, צוויי דינע ביכלעך, אויב ניט גאָר „פאַרזעצונג"־העפטלעך, איינע פון איינעם אַ מייערסאָן, די צווייטע פון איינעם אַן אפרת, און ביידע זיינען ניט געשריבן געוואָרן פאַר קינדער. אין יאָרן אַרום, אַז ס'איז אַרויס ה. ליבערמאַנ'ס און מ. ליוושיצעס דובנאָוו־געשיכטע, זיינען די צרות בלויז עטוואָס געמילדערט געוואָרן. (אפילו אַז ס'איז, מיט אַ 12 יאָר צוריק, אַרויס דובנאָוו'ס געשיכטע פאַר קינדער, איז דאָס פּראָבלעם נאָך אַלץ ניט געלייזט געוואָרן אינגאַנצן, בפרט אַז אין אַ קור־צער צייט אַרום איז דאָס בוך פאַרשוואונדן פון מאַרק). גוואַלדיק אינטערע־סאַנטע דערפאַרונגען האָבן מיר געהאַט מיטן געזאַנג־לימוד. האָבנדיק, משמעות, פאַרגעסן דעם פּונקט אַריינצושטעלן אין מיין דערמאָנטן פּראָגראַם־אַרטיקל אין דער „וואַרהייט", בין איך געווען גליקלעך איבעררעשט, ווערנדיק דער פּרינצי־פּאַל, אַז די חברים האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז מען לערנט אין שול געזאַנג. דער לימוד האָט זיך גוט אָנגעהויבן מיט אידישע (און וועגן־ניט־וועגן אויך העברע־אישע עכטע אָדער כמעט) פאָלקס־לידער. דער ערשטער געזאַנג־לערער איז געווען אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יאַקובאָוויטש, פון אַ געזאַנג־פאַראיין, וואָס די איסט־סיידער פועלי ציון האָבן פאַרמאָגט זייער אייגנס. אין נאָענטער אַקטיווער פריינטשאַפט מיטן געזאַנג־פאַראיין, זיינען דעמאָלט געשטאַנען דער באַוואוס־טער מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָר פלאָטאָן בראָונאָוו און זיין הייסער תלמיד־פאַרערער ה. לעפקאָוויטש. בראָונאָוו און לעפקאָוויטש האָבן יאַקובאָוויטש'ן, וואָס זיין רייכ־סטער מוזיקאַליש־פּעדאַגאָגישער פאַרמעג איז געווען זיין שיינע שטימע, באַ־זאָרגט מיט לידער (פון בראָונאָוו'ס אויסגאַבן און אַנדערע), אפשר אויך מיט עצות. אין אַ קנאַפּן יאָר אַרום איז טאַקע לעפקאָוויטש געוואָרן אונזער געזאַנג־לערער, און דער לימוד איז געוואָרן מוזיקאַליש־פּעדאַגאָגישער, אָנציענדער און דערציערישער. דאָס קינדערישע זינגען, אַ חוץ וואָס ס'איז געווען אַזוי צוועק־מעסיק, אין אונזער דערציערישן פּראָגראַם, האָט עס באַגייסטערט צו דער אַרבעט אונז אַליין (די ערשטע צייט פלעגט זעלטן טרעפן, אַז הערנדיק די קינדער זינגען „נישט קיין געבעטענע" אָדער „אַמאָל איז געווען אַ מעשה", זאָלן

זיך מײַנע אויגן ניט אָנפּילן מיט טרערן) און איז געווען אפשר אונזער רירנ־דיקסטער פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פאַר דער וועלט.

מיר האָבן ניט געהאַט קיין פעסטן פּראָגראַם, ווי אַזוי צו פײַערן די אידישע יום־טובים, אָבער מיר האָבן פון אָנפאַנג („אין סעזאָן") אָפּגעהיט אַלע יום־טובים, די האַלבע ווי די גאַנצע, און מיר האָבן אויך זיך געמיט אַרײַנצוברענגען אין שול די פּאַסיקע יום־טובים: באָקסער — חמשה־עשר, דריידלעך — חנוכּה, גראַגערס — פּורים. דער עיקר פון דער פײַערונג (אויב ניט מיט אַן אַרויספּאַר) איז באַ־שטאַנען פון פּאַראַדנע רעדעס לכּבוד די יום־טובים. די רעדעס זײַנען געווען ווי דערקלערונגען און באַגײַסטערנדע דערהייבונגען. מערקווירדיק איז געווען וואָס, ווי ווייניק מיר זײַנען געווען רעליגיעז, פּלעגן מיר דאָך, אַזוי ווי צוזאַמענ־גערעדטערהייט, אין אונזערע רעדעס קיינמאָל ניט פאַרפעלן צו דערקלערן די

גראַדואירטע פון די ניו־יאָרקער פאָלקס־שולן ביי אַ פייערלעכן יום־טוב אין דער וואַשינגטאָן אירווינג הײַ־סקול, דעם 10טן יוני, 1945.

קינדער אויך די אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזע — ניט דווקא די נאַציאָנאַלע — פאַרשטענדעניש פון יום־טוב.

מיר פלעגן אויך פײַערן דעם ערשטן מאַי. אַמאָל, דאַכט זיך, — אויך אַן אַנדער אַרבעטער־יום־טוב אָדער געשעעניש. דאָס איז געווען אַ טייל פון סאָציאַליזם, וואָס מיר האָבן די קינדער געלערנט; — אים געלערנט צוערשט דורך רעדעס, שפּעטער־צו אָבער אויך דורך מעשה׳לעך און לידלעך אין אונזערע לערן־ביכלעך. די רעדעס ביי פאַרשידענע געשעענישן — אַ יום־טוב, אַ שול־שמחה, אַ גאַסט אַז עס פלעגט קומען — האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער פּראָגראַם. אַפילו ווען דער רעדנער האָט זיך ניט גאָר צוגעפּאַסט צו די קינדער, ווען זײַן שפּראַך איז זיי געווען ניט דורכאויס־צוגענגלעך — פלעגן זיי דאָך זעלטן פאַרפעלן צו מאַכן אַ רושם אויף די קינדער.

שליסלעך, פלעגן מיר, דערהויפּט אין די פריערדיקע יאָרן, האָבן אָפּטע אַרויספאָרן פון איין שול אין דער צווייטער, אין אַ גרויסן קאָנצערט־זאַל און דער עיקר — טאַקע אין די פּאַרקס. (ל״ג־בעומר און דעם ערשטן מאַי פלעגן מיר אַלעמאָל אַרויספאָרן אין פּאַרק, ס'זיינען אָבער אויך געווען סתם אַרויספאָרן — זומער־צייט, נאַטירלעך). זיינען דאָס געווען שוין איינמאָל יום־טובים, שוין איינמאָל אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער נייער אידישער דערציאונג. ניט נאָר אין פּאַרק גופא, פאַר אַ גרויסן עולם, אידישע און ניט־אידישע צוקוקער און צו־הערער, בשעת דער דורכפירונג פון דעם אויסגעשטעלטן פּראָגראַם, האָט מען די פרייד, די אידישע פרייד, געקענט שעפּן אין הויפּנס, נאָר אפשר גאָר נאָך מער — דאָס פאָרן צו און פון דעם פּאַרק, אין טראַם אָדער עלעווייטעד (ווען־ניט־ווען גאָר אין אַ געדונגענעם גרויסן וואָגן) איז געווען איין פייער־צוג פון התלהבות־דיקער אידישקייט. די קינדער און די לערער פלעגן רעדן, שפּאַסן און זינגען אויף אידיש אָדער העברעאיש, גליקלעך לאַכנדיק און פילדערנדיק, און דאָך קיינעם ניט שטערן. ניט נאָר אידישע קינדער, נאָר אויך ניט־אידן פלעגן פריינטלעך ,פריידיק זיך צוקוקן, צוהערן.

2. פּיאָנערן און מאַרטירער

דערמאָנענדיק פריער אונזערע צרות, ניט האָבנדיק קיין לערער, וועל איך איצט אויסרעכענען אונזער גליק, אַז מיר האָבן זיי געקראָגן. איך וויל ניט אויסרעכענען אַלע אָדער אַ סך, נאָר די ערשטע פיר פּיאָנערן, וואָס האָבן גאָר אַ סך, אַ סך בייגעשטייערט ניט נאָר אין קלאַס, נאָר אויך קולטורעל־געזעל־שאַפטלעך. אַ פּאָר פון די פיר זיינען אויך געווען ביי אונז העברעאיש־לערער, דער עיקר זיינען זיי אָבער געווען אידישע לערער (איך דערמאָן ניט קיין העברע־אישע לערער, ווייל גייענדיק אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג, איז זייער מאַר־טירערשאַפט ניט געווען אַזוי גרויס, און דערפאַר ווייל פון זיי האָט זיך זעלטן־ווער איגגאַנצן איינגעלעבט מיט אונז אין אין שול־משפחה).

דער ערשטער פון די פיר — איך גלויב, אַז ער איז טאַקע געווען דער ערשטער אידישער לערער — איז געווען חבר קאַזדאַן (איך געדענק אַפילו ניט זיין ערשטן נאָמען). געקומען איז ער לויט זיין איבערצייגונג אַן ס.־ט.'ניק, און געבראַכט צו אונז האָט אים מן־הסתם ברוך צוקערמאַן, וואָס איידער ער איז אַריבער צו פּועלי ציון, האָט ער געברענט און געגליט אין דער אַמעריקאַנער ס.־ט. דער עיקר אָבער, בין איך זיכער, האָט אים געבראַכט צו אונז זיין ליב־שאַפט צו אידיש (אין ליבשאַפט צו אידיש האָט אים אַפילו לעאָן עלבע ניט איבערגעשטיגן). זיכער האָט אים צו אונז ניט געבראַכט דער לוין פאַר זיין שווערער מי, וואָס איז אין ווייניק פאַלן געווען אַ יאָמערלעכער עפּעס, אין מער פאַלן — אַ טרוקענער גאָרניט. זיינען מיר דאָך געווען אַזוי מיזעראַבל־אָרעם! חבר קאַזדאַן (אַרום 1919 האָט ער געענדיקט אויף דענטיסט און געוואָרן ד״ר קאַזדאַן) איז, אָנקומענדיק צו אונז, געווען קוים אַריבער די יונגע יאָרן. מיטל־וואוקסיק (אפשר נאָך עטוואָס דערונטער), עטוואָס ברייטלעך (דער געבוי פון אַ פּאָלקס־מענטש), מיט קאַשטאַנע האָר און עטוואָס רויטלעכן פּנים (אַ ביסל אַ

פאַרדעכטיקע רויטקייט; איך האָב מורא, אַז ער איז שוין דעמאָלט געווען עטוואָס „אָנגעגריפן" פון דער „פּראָלעטאַרישער קרענק", אַ חוץ וואָס ניט־זעלטן איז ער העכסט־וואַרשיינלעך געווען ניט־דערעסן). אַ מענטש אַ שווייגנדיקער, אַן ערנסטער, אָבער אַ האַרציקער, פלעגט ער אָבער זייער שטאַרק אויפלעבן אין קלאַס אָדער אויף דער פּלאַטפאָרמע.

ער גראָד האָט זיך ווייניק געגויטיקט אין מעטאָדן. אַפּנים, ער האָט זיינע געגנשטאַנדן ערגעץ פריער געלערנט. אָבער אַפילו אַז ניט — האָבן אים זיין ליבשאַפט און אינטעליגענץ דורכגעטראָגן. די קינדער האָבן אים ליב געהאַט, פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט און טיכטיק געלערנט. קיין „צרות מיט די קינדער" ניט געהאַט און איך אַליין האָב קיין נויט ניט געפילט צו באַזוכן זיין קלאַס, ווייסנדיק, אַז אַלץ גייט ביי אים צו אין דער בעסטער אָרדענונג און אַז זיינע קינדער וועלן קענען. איך האָב זיך ניט גענאַרט.

ניט געקוקט אויף זיין קענטיקער קרענקלעכקייט, איז ער געווען אַ שטאַרקער רעדנער. לעבנדיק אַזוי נאָענט מיט פּועלי ציון (אַפילו איך, ניט זייענדיק דעמאָלט קיין פּאַרטיי־חבר, ניט קיין מיטגליד אין פאַרבאַנד, האָב דאָך פאַרשזמורעט אַן אויג, אַז די חברים פלעגן „אַריינ׳גנב׳ענען" אַ ברעקל ציוניזם. אַ שטייגער, דאָס זינגען „התקוה", דאָס אויסצירן די מיידלעך אויף אַ פּאַראַד־קאָנצערט אין ווייס־בלויע קליידלעך), איז ער דאָך פאַרבליבן אַן ס.־ט.׳ניק ניט נאָר אויף דער פּלאַטפאָרמע, נאָר איך האָב מורא אין לימוד פון געשיכטע. און עס פרייט מיך צו זאָגן, אַז ס׳האָט אונז קיינעם ניט געאַרט. אָפט, ביי אַ יום־טוב, חנוכה צי פּורים, אַ שטייגער, פלעג איך נאָך מיין רעדן אים רופן צום וואָרט. פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן און קראַפטפול רעדן. און ווייל מיר, אין אונזער רעדן, פלעגן אָפט אונטערשטרייכן ארץ־ישראל, פלעגט ער, איידל און אַזוי ווי צווישן די שורות, אונז אויסרעדן, הלמאַי מיר דערמאָנען ניט דעם פאַרשוויגענעם העלד פון דער אידישער געשיכטע — דעם גלות. קוקט נאָר, זעט נאָר — פלעגט ער אַרויסשרייען מיט שטיקער האַרץ, — מיליאָנען אידן, צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אומעטום ליידנדיק, אומעטום קעמפנדיק, אָבער אומעטום לעבעדיקע אידן, אַ לעבעדיק אידיש פאָלק. איך בין מודה, אַז איך, וואָס מיר אַליין אָנבאַלאַנגט, פלעג די דאָזיקע „בזיפה" מקבל זיין מיט דאַנק, שיער ניט מיט פרייד.

חבר קאַזדאַן איז מיט אונז מיטגעגאַנגען אין די „פונקטן וואָס מיר האָבן דעראָבערט". אַז מיר האָבן אַן ערך אין אַ האַלב יאָר אַרום געעפנט אונזער שול אין האַרלעם, איז ער מיט אונז מיטגעגאַנגען לערנען אויך אַהין. דאָס זעלבע, אויב איך געדענק ריכטיק, איז דאַכט זיך אויך געווען אַ ביסעלע שפּעטער, אויך אין דער ערשטער בראָנקסער שול.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז חבר קאַזדאַן, מיט יסורים, אָנגעקומען אין קאַלעדזש. אַרום 1918 האָט ער געענדיקט און זיין שילדל — „דענטיסט" — האָט געשיינט אויף קענמאָר סטריט, די אַנדערע, די נאָך־די־באַוערי־זייט, עק דעלענסי סטריט, וואו אַ איד טרעט זעלטן אַרויף (מן־הסתם איז דאָרט דאָס דירה־געלט געווען אַמביליקסטן). לאַנג האָט זיך ד״ר קאַזדאַן דאָרט ניט געפרייט. די שווינדזוכט האָט אים רעכט פאַרכאַפּט. דורך דער שתדלנות פון ד״ר עלס־

בערג האָט מען אים צוגענומען אין אַ שטאַטישן אַנשטאַלט. איין פרימאָרגן אין 1920, בשעת איך בין געזעסן אין דער רעדאַקציע פון דער „צייט" און געאַרבעט, האָט מיין חבר ראובן פלאַטראַט מיך שנעל אָוועקגערופן צו חבר קאַזדאַנ׳ס לויה אין אונזער שול, דעמאָלט שוין אַ טעגלעכע, אין אַן „אייגן הויז", אויף 1570 (?) לודלאָו סטריט. אַ לויה — דער עלנט אַליין וואָלט קיין עלנטערע לויה ניט געקענט האָבן. אַן עלנטער מענטש געווען. ערגעץ־וואו האָט ער געהאַט אַ שוועסטער. איך געדענק ניט, צי זי איז געקומען. מען האָט אַריינגעטראָגן דעם אָרון אין דער שולע. אַ חוץ מיר און חבר פלאַטראַט׳ן — אפשר נאָך אַ פּאָר מענטשן. איינער, איך געדענק ניט, צי סעקאַדער צי טאַלמאַי, איז געקומען פון דער ס.־ט. גערעדט האָט ער אָבער ניט. אין מיטן מיין הספד, זיך באַ־גיסנדיק מיט טרערן אויפן עלנט פון אידישן לערער, פון אידישן אינטעליגענט, הויב איך אויף די אויגן און דערזע — ביים אָרון שטייט אַ איד, אַ ברייטלעכער איד, מיט אַ ברייטלעכער באָרד. איך האָב מיך דערפרייט — געקומען אַ מענטש פון פאָלק. ניט באַשערט געווען לאַנג די אילוזיע. „ווער איז דער איד?" — פרעג איך חבר פלאַטראַט׳ן. „דאָס איז דער דזשעניטאָר פון אונזער שול".

דער צווייטער, אויב ניט דער צווילינג־לערער —אַ צווייטער לכל־הפחות אין צייט, — איז געווען חבר חיים ליבערמאַן. (עס האָט מיך שרעקלעך פאַר־דראָסן, און ווען ניט דאָס וואָס דער מענטש איז מיינער אַ טיילווייזער פריינט, וואָלט איך זיך נאָך פיל האַרבער אויסגעדריקט, — ווען, פאַראַיאָרן אַן ערך, האָט ב. צ. גאָלדבערג, אין דער „אייניקייט", אַטאַקירנדיק ליבערמאַנ׳ען פאַר אַנגרייפן דעם טויטן ד״ר זשיטלאָווסקי׳ן, געוואָרפן אַ שוואַרצן שאָטן אויף לי־בערמאַנ׳ס טעטיקייט אין אידישן לערער־סעמינאַר און אַפילו אין אונזערע שולן. איך זאָג דאָ עדות מיט דער גאַנצער הייליקייט, וואָס איך פאַרמאָג, אַז ניט נאָר האָב איך ניט באַגעגנט קיין ריינערע, קיין שענערע, קיין מער־אידעאַליסטישע אַרבעט, אין סעמינאַר, דערהויפּט אין די שולן, אויף מיין לעבנסטאָג, נאָר איך האָב זיך קיין ריינערע און אַזוי ווייטער קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט אַפילו אין מיין ליכטיקסטן חלום).

חיים ליבערמאַן איז געווען מיינער אַ פריינט, אפשר אַ תלמיד פון מיינע לעקציעס אין ליטעראַרישע פאַראיינען. דערהערנדיק, אַז די ערשטע נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע שולע האָט זיך געעפנט און אַז איך בין איר פּרינציפּאַל, איז ער געקומען צו לויפן און זיך אָנגעבאָטן אַלס לערער. פאַרשטייענדיק רוסיש, קענענדיק העברעאיש, און ניט נאָר קענענדיק, האָבנדיק אויך אַ חוש פאַר די באַזונדערע פיינקייטן און געשמאַקהייטן פון אידיש, דערצו נאָך האָבנדיק געהאַט לערערישע דערפאַרונג, איז ער געווען וואונדערלעך־מסוגל פאַר די גלענצנדע אַרבעטן, וואָס ער האָט אין דער שול־באַוועגונג שפּעטער געלייסטעט.

ליבערמאַן איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לערער אין אידיש און אויך אַ גאַנץ גוטער לערער אין העברעאיש. שטייענדיק אין קלאַס, פלעגט ער אי־בערגעבן די קינדער זיין רייכן געשמאַקן פאָלקלאָריסטישן אידיש. „פאַרוואָס רעדסטו ניט אַרויס דעם דלד?", פלעגט ער פרעגן אַ קינד, וואָס האָט דעם בוכ־שטאַב שוואַך אַרויסגערעדט. „ביסטו מיט אים ברוגז?". ער האָט געלערנט

שיער ניט אין אַלע אונזערע פיר ניו־יאָרקער שולן. ער האָט מיט די שולן פאַראינטערעסירט מיטגלידער פון זיין משפחה, אַפילו קינדער. ער האָט אַגיטירט פאַר אידישע תלמוד־תורות. ער האָט (ווערנדיק דורך די שולן אַ פועלי ציון און פאַרבאַנד־מיטגליד) געהאַלטן וועגן דער נייער אידישער דערציאונג רעדעס און לעקציעס. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין אונזער גרויסן שול־קאָמיטעט און זיך באַטייליקט אין די ערשטע צוויי שול־צוזאַמענפאָרן מיט צוויי רעפעראַטן („די אידישע רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג”, אַנווייזנדיק ווי וויכטיק רעליגיע איז פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אויך פאַר אונז ראַדיקאַלן און ווי נויטיק זי איז אין דער דערציאונג פאַר דער פאַרשטענדעניש פון דעם אידישן יחיד פאַר דעם אידישן כלל, און אַ צווייטער רעפעראַט וועגן דער וויכטיקייט פון דער אידישער ליטעראַטור אין דער אידישער דערציאונג, סיי נאַציאָנאַל און סיי ריין־דערציעריש). וועגן ליבערמאַנ׳ס אַלגעמיין־אויפקלערערישער אַרבעט פאַר דער אידישער דערציאונג וועל איך רעדן אַ ביסל שפּעטער. דאָ וועל איך נאָר דערמאָנען זיין ריזיקע און אפשר טאַקע אויך ריזיקאַלישע אַרבעט צו שאַפן פאַר אונזערע שולן אַ אידישע געשיכטע. זיכער איז עס געווען צום טייל ריזיקאַליש ביים צושטאַנד, אין וועלכן אונזער ליטעראַרישער אידיש האָט זיך געפונען אין 1916־17, צו וועלן דעמאָלט איבערזעצן דובנאָוו׳ס גימנאַזיע־קורס איבער אידישער געשיכטע. עס איז אויך געווען ריזיקאַליש צוליב דער קנאַפער צייט, וואָס ליבערמאַן, דעמאָלט אַ באַשעפטיקטער צייטונגס־מענטש, האָט פאַרמאָגט. ליבערמאַן האָט זיך פאַר די דאָזיקע גרויסע מניעות ניט דערשראָקן. פאַראינטערעסירנדיק אין דער אַרבעט זיין כלה מיטע ליוושיץ, אַ זעלטן־שיינער טיפּ פון אַן אינטעליגענט־נאַציאָנאַליסטישער אידישער טאָכטער, האָבן זיי די אַרבעט אָנגעפאַנגען און אין אַן ערך אַ יאָר אַרום זי געענדיקט, און ווי האַרטלעך די שפּראַך איז ערטערווייז געווען, און ווי פון איין שטיק איז זי געווען מיט דעם דעמאָלט־גילטיקן זשורנאַליסטישן נוסח, האָט דאָך דאָס פיר־בענדיקע ווערק אַפילו שפּראַכלעך פאַרמאָגט פיל אויסגעצייכנטע שטעלן און האָט אין אַ גאָר היפּשן גראַד דערגרייכט זיין ציל. דאָס בוך איז אויפגענומען געוואָרן אין אַלע אונזערע שולן. עס פאַרנעמט נאָך היינט אַ פּלאַץ אין אונזערע שולן.

דער דריטער לערער אונזערער, וואָס איז געקומען בלויז מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, איז געווען ש. שאַפּיראָ. אויך ער איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער דורך מיינע לעקציעס און מיין אַרבעט אין פּראָגרעסיוון דראַמאַטיק קלוב. און אויך ער, זייענדיק שוין פריער אַ חבר אין אונזער אָרגאַניזאַציע, איז געקומען און זיך אָנגעבאָטן פאַר אַ לערער. צו די נויטיקע ידיעות און לערערישער דערפאַרונג האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ לערערישן טאַלאַנט. איך קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן אַ קלאַס, וואָס זאָל אים ניט ליב האָבן. אַ חוץ אידיש, דייטש און ענגליש, האָט נאָך שאַפּיראָ פאַרמאָגט ליטעראַרישע געשליפנקייט. און טאָמער האָבן אים געפעלט העברעאישע און אַלגעמיינע אידישע ידיעות, האָט ער זיך אין זיי באַרייכערט אַרום אונזערע שולן.

מיט דער צייט איז ש. שאַפּיראָ געוואָרן אַ לעקטאָר און רעדנער פון דער

נייער אידישער דערציאונג. ער איז אויך געווארן א שרייבער און א רע־דאקטאר. ארום 1915 האט ער צוזאמען מיט מיר רעדאקטירט דעם ערשטן אידישן קינדער־זשורנאל אין אמעריקע, אונזער „קינדער־וועלט״. א צווייטן מאל האט ער דעם זשורנאל רעדאקטירט אליין. אין די 20ער יארן האט ער פאר אונזער צענטראלן שולן־קאמיטעט צוזאמענגעשטעלט א בוך מיט יהודה שטיינבערג׳ס אידישע דערציילונגען. ארום יענער צייט איז ער אויך געווען אונזער שול־דירעקטאר.

אין יאר 1917 איז ש. שאפירא, צוזאמען מיט חיים ליבערמאן, יהודה קויפמאן און מיר, געווען א גרינדער און אן עפענער פון דעם אידישן לערער־סעמינאר. האבנדיק געווען א לערער אין פיל שולן, גרויסע און קלענערע, און אויך תלמוד־תורות, איז ער איצט דער לערער פון דער פילאדעלפיער יהודה שטיינבערג־שול, וואו ער גיט אויך פון צייט צו צייט ארויס קינדער־זשורנאלן און אנדערע שול־אויסגאבן, און וואו ער האט אויך, גאר לעצטנס, ארויסגעגעבן פאר אונזער צענטראלן שול־קאמיטעט א נײַ אידיש אנפאנגער־בוך.

דער פערטער און לעצטער פון דער גרופע איז ווידער א היילינקער מארטירער, לעאן עלבע. עס איז ביי מיר קוים פאראן א ספק, אז פאר זיין ליבע צו אידיש און דער נייער אידישער דערציאונג האט לעאן עלבע באצאלט מיט זיין יונג לעבן. ער איז געווען א מענטש ניט קיין געזונטער, האבנדיק א „געררייצט, נערוועז״ הארץ. ער האט זיך ניט געקענט קאנטראלירן. דערקלערנדיק עפעס אן ענין, פלעגט ער זיך דערהיצן, רעדן אויף א הויכער אקטאווע (אפשר איז עס אים געקומען פון דעם וואס, דינענדיק אין רוסישן מיליטער, איז ער געווארן א קאזארמע־לערער און האט געלערנט די רעקרוטן לייענען און שרייבן). לעאן עלבע האט אפשר ניט געטארט זיין קיין לערער, אבער אז מיר האבן געעפנט אונזער שול אין בראנקס און עס האט אונז דארט פארפעלט א אידישער לערער, האט ער אונזער אנטראג דערפילט. אפלערנענדיק א זמן, לערנענדיק הויך און היציק, ווי זיין שטייגער איז געווען, איז ער קראנק געווארן אויף שווינדזוכט אין האלז.

איך וועל דא ניט אויסרעכענען די מורא׳דיקע אומגליקן, וואס זיינען עלבע׳ן דעמאלט און נאכדעם באפאלן. (זיין פרוי, א זעלטן־שיינער מענטש, אן ענערגישער מענטש, וואס וואלט אים אפשר נאך געקענט ראטעווען, איז פארברענט געווארן אין אן אויטאמאביל־אומגליק). עלבע האט זיך פאראייביקט אין דער געשיכטע פון דער אידישער אמעריקאנער שול מיט זיינע קינדער־און לערן־ביכער וואס זיינען דאס בעסטע אין אונזער דאזיקער ליטעראטור, און כמעט אלץ דערפון האט ער געשאפן, ארומטראגנדיק די „ווייסע פעסט״ אין זיין האלז.

אנגעהויבן האט ער אין יאר 1913 מיט זיין אנפאנגער־ביכל „די אידישע שפראך״. ניט צופרידן, ווי קיינער פון אונז איז ניט געווען, מיט די רוסישע לערן־ביכלעך, האט ער, זיך בארעטנדיק מיט מיר, צוזאמענגעשטעלט דאס לערן־ביכל. עלבע׳ס ליבע צו אידיש און די געזונטע ליטערקייט פון זיין שפראך זיינען געווען א שם־דבר. דאס ביכל צייכנט זיך אויס מיט א רייכער פאלקלא־

ריסטיק. אין מיין הקדמה צום ביכל האָב איך טאַקע געשריבן, אַז אין זיין לייען־שטאָף ליגט שוין דער גרונט־עלעמענט פון אַ אידישן קינדערגאָרטן־מאַטעריאַל. (אינטערעסאַנט! אַרויסגעגעבן דאָס ביכל האָט ד״ר גורעוויטש, אַן אַנגעזעענער בונדיסטישער פירער).

אַלס צווייט לייען־בוך האָבן מיר אין 1914 באַנוצט דאָס רוסישע י. לעווינ׳ס, י. לינקאָווסקי׳ס און ש. הורוויצעס (זאַלקעס) „אונזער נייע שול״, וואָס איז טאַקע דעמאָלט געווען דאָס בעסטע. אָבער אָט איז אויסגעבראָכן די מלחמה און דאָס בוך איז מער ניט געווען צו קריגן. ביי עלבע׳ן איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַן אַמעריקאַניש־אידיש לערן־בוך און כרעסטאָמאַטיע. ער האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, און ביי אונז איז געבליבן דאָס בוך צו מאַכן בשותפות. אַ צוויי יאָר האָט זיך די אַרבעט געצויגן און, פאַרשאַפנדיק דעם קראַנקן אַזוי פיל גליק וויפל ער האָט נאָך געקענט פאַרטראָגן, איז עס ביי מיר געבליבן איינע פון מיינע זיסטע דערינערונגען. עס איז אין דער אַרבעט געװען אַ זעלטענע האַרמאָניע. דער אַלגעמיינער פּלאַן איז גיכער געווען מיינער. די אויספירונג און די פּרטים זיינען צומייסט געווען זיינע. אָפטמאָל האָב איך אָנגעוויזן דעם אַריינקומענדן שטאָף, דער צושטעלער איז אָבער אַלעמאָל געווען ער. עלבע דער פאָלקלאָריסט האָט צוגעשטעלט די מאַסע ווערטלעך און שפּריכ־ווערטער אין בוך, אָבער אַלע אָפּטייטשונגען אין בוך, אויף אידיש און ענגליש, זיינען געשריבן געוואָרן פון מיין דיקטאַט. (לײדער האָט אָבער אויך די דאָ־זיקע אַרבעט אַ ביסל געדריקט אויף מיין געוויסן. עלבע האָט, מחמת זיין קראַנקהייט, געוואוינט שרעקלעך וויט, לעבן דייקמאַן סטריט; פּלעגט ער אָפט מוזן אַרויפקלעטערן צו מיר אויפן פערטן שטאָק, אויף דער 112ער גאַס).

אַרום 1919 איז אַרויס מיין מעשה־ביכל „פון פאָלקס מויל״. עלבע האָט אין ביכל געזאָלט זיין מיט מיר אַ גלייכער שותף. זיין קראַנקהייט האָט דעם פּלאַן צעשטערט. פיר מעשות פאַרן בוך האָט ער מיר דאָך געגעבן. דערנאָך איז געקומען זיין בוך מיט מעשה׳לעך (דערשיינענדיק פריער אין „טאָג״) — „פאַר אונזערע קליינע קינדערסוועגן״. רעצענזירנדיק דאָס בוך אין דער „צוקונפט״, האָב איך דעמאָלט וועגן אַ צאָל מעשה׳לעך אויסגערופן: „ווי וואָלט זיך לעוו טאָלסטאָי׳ס האַרץ מיט די מעשה׳לעך דערפרייט!״. לעאָן עלבע׳ס לעצט קינ־דער־בוך איז געווען דאָס קלאַסיש־געוואָרענע „אינגעלע־רינגעלע״, דערשינען צוערשט אין „קינדער־זשורנאַל״, אַרויסגעגעבן פון שלום עליכם־אינסטיטוט.

3. די פּראָפּאַגאַנדע פאַר און אַרום די שולן

מחוץ דער ליטעראַרישער אַרבעט אין די שולן גופא, האָבן מיר, די קאָ־מיטעטן און די יחידים, אויך אָנגעפירט אַ גרויסע שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אַרום די שולן. איך אַליין האָב אָנגעשריבן וואָסערע זעקס היפשלעכע בראָ־שורלעך. באַרעכנט פאַרן פּשוט׳ן אידן, פאַר דער גאַס, האָבן זיי, קודם־כל, אָנגעוויזן אויף דער אידיש־פאַרדאַרבלעכער ווירקונג פון דער פּאָבליק סקול, וואָס דערפון איז געדרונגען די נויטיקייט פון אַ אידישער דערציאונג אַלס קעגנ־

וואָג צו דער פּאָבליק סקול. דערנאָך איז געווען אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט פון אַ באַציאָנאַליסטישער אידישער דערציאונג און אויף דער וויכטיקייט פון אַזעלכע לימודים ווי אידיש, אידישע ליטעראַטור, אידיש געזאַנג, אאַ״וו, וואָס זיינען די כוחות צוריק גאַנץ צו מאַכן די צעבראָכענע אידישע פאַמיליע, דאָס צעריסענע אידישע לעבן. אַלס מאָטאָ האָט אָפּט געדינט דער פּסוק „להשיב לב אבות אל בנים ולב בנים אל אבותם״. נאַטירלעך האָב איך ביי יעדער מעג־לעכקייט אויך פאַרגעזעצט מיינע אַרטיקלען אין דער „וואַרהייט״ און אין די איינגענע פאַרבאַנד־ און פּועלי ציון־אויסגאַבן.

חיים ליבערמאַן האָט אומגעפער אין דעם זעלבן גייסט, נאָכדריקנדיק דער־הויפּט אויף דער אַסימילאַטאָריש־אַמעריקאַניזאַטאָרישער ווירקונג פון דער פּאָב־ליק סקול, פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגע רייע אַרטיקלען אין „טאָגעבלאַט״, מיט וועלכן ער איז דעמאָלט — אַמאָל לויזער, אַמאָל ענגער — געווען פאַרבונדן. דערנאָך זיינען די אַרטיקלען, — דאַכט זיך, טאַקע פון פאַרבאַנד — אַרויס אין אַ ביכל.

אין דער אייגענער צייט איז לעאָן עלבע דער סאַטיריקער־הומאָריסט גע־פאַלן אויפן פּלאַן צו שאַפן אַ קאַריקאַטור פון אַן אַמעריקאַנער מלמד, וואָס האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו דער אידישקייט־סחורה אין דער אַמעריקאַנער גאַס און צום אַמעריקאַנער אידיש־לשון. די שאַרפע, הגם אַן ביטערקייט, סאַטירע אויפן אַמעריקאַנער חדר איז מיט גרויס דערפאָלג לאַנג געגאַנגען אין דעם וויצבלאַט פון דער „וואַרהייט״ און אין 1914 איז עס אַרויס אין אַ ביכל.

בקרוב האָבן, סיי עלבע אין דער „וואַרהייט״ און סיי ליבערמאַן אין „טאָ־געבלאַט״, אָנגעהויבן אָנפירן מיט קינדער־אָפּטיילונגען אין זייערע צייטונגען. באַלד האָט זיי דער „מאָרגן־זשורנאַל״ נאָכגעטאָן, און פון די דריי האָבן זיך קינדער־אָפּטיילונגען פאַרשפּרייט אויך אויף פּראָווינץ־צייטונגען. אַ קינדער־אָפּטיילונג, אָנגעפירט פון ש. שאַפּירא, איז געגאַנגען אין „טאָג״ גאָרניט אַזוי לאַנג צוריק. די היינטיקע קינדער־אָפּטיילונג, יעדן פרייטיק אין „מאָרגן־זשור־נאַל״, איז אַ ירושה פון יענער רוישיקער צייט.

צו דער פּראָפּאַגאַנדע אַרום די שולן דאַרף מען אויך צורעכענען די עקסקורסיע, וואָס איך האָב אין יאָר 1910, אין משך פון חדשים, געמאַכט איבער די גרויסע ניו־יאָרקער תלמוד־תורות, חדרים און אידישע „נוירסעריס״. איך געדענק שוין איצט אַקוראַט ניט וואָס איך בין דעמאָלט אויסן געווען מיט מיין שפּאַציר. אַוודאי האָב איך קודם אין זינען געהאַט די נייע אידישע דערציאונג. פונדעסטוועגן האָב איך אויך ניט כסדר „אַרונטערגעריסן״ די תלמוד־תורות. עס זיינען געווען פאַלן, וואו איך האָב כסדר אַגיטירט פאַר אַן איידעלערער באַנעמונג צו די קינדער. איך האָב באַזונדערס אַגיטירט פאַרן לימוד פון אידיש אין די תלמוד־תורות. אין איין זאַך בין איך זיכער: איך האָב אויפגעטרייסלט דאָס געמויזעכטס, אין וועלכן די תלמוד־תורות זיינען געווען אַנטדרימלט געוואָרן. נאָך מיינע אַרטיקלען האָט זיך בפירוש אָנגעהויבן אַ יערונג און אַן אויפרירונג אין די תלמוד־תורות. (אגב איז דאָס אויך געווען די צייט, ווען ד״ר שמשון בענדערלי האָט געפּרואווט אויסשפּרייטן זיינע רעפאָרמעס איבער די תלמוד־תורות).

4. די שולן פאַרשפּרייטן זיך איבערן לאַנד

דער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט פון די פּועלי ציון און פאַרבאַנד האָט דער־וויילן געטאָן זיין אַרבעט בשלמות. איך שטעל זיך פאָר, אַז באַלד נאָכן באַשלוס פון אָקטאָבער 1910 זיינען פון דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן צירקולאַרן איבערן לאַנד און קאַנאַדע וועגן דער גרינדונג פון שולן. דער פּועלי־ציוניסטיש־פאַרבאַנדישער עולם האָט זיך זשעדנע אָפּגערופן. עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ שול אין פּיטסבורג, וואו חבר פּנחס קרוזא, און מסתמא אויך די חברים סיגאַל, זיינען געווען די מתעסקים. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ שול אין דעטראָיט, וואו גבריאל ביסקין, עליו השלום, און זיין שוועסטער לאה׳קע האָבן געלערנט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ שול אין קליוולאַנד, וואו אויך מיינע טעאַטער־מיטאַרבעטער אין פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב האָבן מיטגעהאָלפן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן שולן אין אַ היפּשער צאָל אַנ־דערע שטעט, ווי למשל, אין דער וועבעריש־פּוילישער פּעטערסאָן. אין 1911 איז געגרינדעט געוואָרן די י. ל. פּרץ־שול אין מאָנטרעאַל. (די מאָנטרעאַלער פאָלק־שול, מער ציוניסטיש, מער העברעאיש, איז פון יהודה קויפמאַן און זיינע נאָכ־פאָלגער געגרינדעט געוואָרן אין 1915־16). צוזאַמען מיט די פיר ניו־יאָרקער שולן (אויף דער איסט־סייד, אין האַרלעם, אין בראַנזוויל און אין דער בראָנקס) האָבן מיר שוין געבילדעט אַ היפּשע שול־משפּחה.

אָבער קורץ נאָך דער גרינדונג פון די פאַרבאַנד־ און פּועלי ציון־שולן האָבן די קאָנקורירנדע ס.־ט.׳ניקעס אויך אָנגעהויבן גרינדן זייערע שולן — אין טאָראָנטאָ, אין שיקאַגאָ, אפשר אויך אַנדערש־וואו. אונזער קאָמיטעט האָט אָבער געוואָלט, עס זאָל זיין איין שול־באַוועגונג. ער האָט ווירקלעך ניט איינגעזען קיין גרונט פאַר דער גרינדונג פון אָפּאָזיציאָנעלע שולן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די טעריטאָריאַליסטן פאַר פאַראייניקונג. מיך, אַלס „אומ־פּאַרטייאישן", האָט מען באַשטימט צו זיין דער דורכשרייבער מיט די קעגנער. געדענק איך מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט א. גלאַנצ׳ן, דעמאָלט, דוכט זיך, אין טאָ־ראָנטאָ. איך האָב געבעטן: ס׳טייטש? אונזער פּראָגראַם דאַרף אויך צופרידנ־שטעלן די ס.־ט.׳ניקעס. זיינען דאָך אונזערע שולן ניט קיין ציוניסטישע, נאָר נאַציאָנאַלע. לערנט מען דאָך ביי אונז טיכטיק אידיש און אידישע ליטעראַטור אאַ״וו. א. גלאַנץ איז אָבער געווען האַרט ווי קיזלשטיין. אויף אַלע מיינע בקשות האָט ער געפונען אָפּוועדנדיקע תירוצים. לסוף, אַז איך האָב אויך זיי ווי־דערלייגט, איז געקומען דער אָפנהאַרציקער ענטפער, אַז זיי, די טעריטאָריאַליסטן, ווילן ניט העלפן די פּועלי ציוניסטן אַריינשטעקן אַ פעדער אין זייער פּאַרטיי־קאַפּעליוש.

די קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אָפּגעהאַקט. די קאָרעספּאָנדענץ בכלל, ברענגענדיק פון צייט צו צייט מערקווירדיקע קוריאָזן, האָט ניט אויפגעהערט. אין שיינעם פרימאָרגן, למשל, האָבן מיר געקראָגן אַ בריוו פון אַרבעטער־צווייג פון שיקאַגאָ און וויסקאָנסין, בעטנדיק אינפאָרמאַציע מכוח גרינדן אַ שול. אין יאָר 1912 האָבן מיר געקראָגן אַ בריוו פון אַרבעטער־רינג צווייג 12 (?) פון

שטעטל גלאָווערסוויל (די הענטשקע־שטאָט, די שטאָט פון די צוויי גרויסע הענטשקע־פאַבריקן פון די יהודים ליטאָוער און אַדלער), אַז מיר זאָלן קומען אַהין גרינדן פאַרן צוייג אַ שול. אַרויספאָרנדיק אַהין שבת פאַרנאַכט, נאָכ־דעם ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אין דער צייטונג, בין איך אָנגעקומען שפּעטלעך אין אָוונט. איך בין גלייך געוואויר געוואָרן, אַז כאָטש די אַגיטאַטאָרן אויפן אָרט זיינען געווען אַ פּאָר חברים, איז אָבער דער וואונטש אַן עכטער און ער ווערט גאָר פיל פאַרשטאַרקט דורך דעם פאַקט, וואָס אין דער גאַנצער קהילה איז ניטאָ אַפילו קיין סימן פון אַ תלמוד־תורה. אויף מאָרגן האָב איך זיך באַקאַנט מיט די אַרבעטער רינג־מענטשן און אין אָוונט האָב איך גערעדט פאַרן צוייג. שלאָגנדיק אויפן פונקט, וואָס עס איז דאָרט אַפילו קיין תלמוד־תורה ניטאָ און די קינדער וועלן זיכער אָוועק פון אידן און אידישן לעבן, האָב איך זיך צעוויינט און געמאַכט וויינען אויך פיל פון עולם. נאָך מיין רעדן איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ שול (אַ פלאַץ האָט דער צוייג געהאַט אַ פאַרטיקן) און אַז, קומענדיק קיין ניו־יאָרק, זאָל איך צושיקן אַ לערער קיין גלאָ־ווערסוויל. יענע נאַכט, פאַרנדיק אין וואַגאָן, בין איך טאַקע ניט געשלאָפן. איך בין אָבער געווען צופרידן. תיכף נאָך מיין צוריקקומען האָבן מיר אַרויסגעשיקט קיין גלאָווערסוויל ב. אָסטראָווסקי׳ן, דעמאָלט אַ פּועלי ציון און אונזערס אַ לערער, און דאָס שטעטל האָט געקראָגן אַ אידישע שול. אָפּלערנענדיק אַ געוויסע צייט אין גלאָווערסוויל, איז דער אייגענער ב. אָסטראָווסקי אָוועק קיין בעיאָן, ניו־דזשוירזי, און דאָרט געגרינדעט אַ שול ביים אַרבעטער־רינג און ער איז אין איר געווען דער לערער. אומגעפער אין דער אייגענער צייט וואָס אין גלאָווערסוויל האָט מען פון אונז פאַרלאַנגט אַ רעדנער אין אַלבאַני, ניו־יאָרק. איך בין גע־פאָרן. אין דער דיסקוסיע האָט זיך היפשלעך געטומלט איינער אַן אַלעקסאַנ־דער, אַ זייער וויכטיקער מענטש אין צוייג. אין איינע 3־4 יאָר אַרום איז אין אַלבאַני שוין געווען אַ פּועלי ציון־שול, אָבער מענטשן פון אַרבעטער־רינג און, דאַכט זיך טאַקע, אויך דער אייגענער אַלעקסאַנדער, האָבן געהאָלפן אין דער אַרבעט. ענלעכס איז געשען אין וואוסטער, מאַסס. באַלד נאָך מיין רעדן איז קיין שול טאַקע ניט געגרינדעט געוואָרן, אָבער אין אייניקע יאָר אַרום איז דאָרט אָדער אין אַ נאָענטסטן שטעטל שוין געווען אַ פּועלי ציון־שול, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט אויך אַנדערע אידן.

אונזערע בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען געווען אונזערע קאָנצערטן מיט די קינדער. די אידישע פאָלקס־לידער, וואָס די קינדער האָבן עפנטלעך געזונ־גען, האָבן אויפגעטאָן וואונדער. עס פלעגן זיך אָפּשפּילן סצענעס פון אַנטצי־קונג, מיט טרערן פון פרייד, פון אמת׳ן פאַטאָס, סיי פון יחידים און סיי פון גאַנצע עולמ׳ס.

און די סאַמע בעסטע פון אַלע בעסטע זיינען געווען די אייגענע קינדער (חבר ש. ביגער, איר זוכט דאָך די וואָרצלען פון די אַרבעטער רינג־שולן. אָט איז אַ וואורצלדיקסטער וואָרצל!). די קינדער פון אונזערע שולן זיינען, פאַר־שטייט זיך, געווען אידישע, שכנישע קינדער. אַלס אַזעלכע פלעגן זיי זיך שפּילן, חבר׳ן און אויך באַזוכן קינדער פון אַרבעטער רינג־אידן. זיך שפּילנ־



גראַדויִרונג פון די שילער פון דער מיטל־שול אין ניו־יאָרק, אין 1944. אין דער צווייטער ריי די לערער.

דיק, פלעגט זיך ביי זיי אַרויסכאַפּן אַ אידיש וואָרט, אַ אידיש ליד. האָבן דאָס די טאַטעס און די מאַמעס פון אַרבעטער־רינג דערהערט און האָבן זיך פאַר־בענקט נאָך אַזעלכעס אויך אין זייערע הייזער, אויך ביי זייערע קינדער. און תא שמע — אָט זיינען עטלעכע פאַקטן פון ניו־יאָרק: אונזער האַרלעמער שול האָבן מיר געגרינדעט אין יאָר 1911, אין סאַמע האַרץ פון דער מלוכה פון אַר־בעטער רינג צוויג 2. זיך פאַרזאַמלענדיק מיט די קינדער, אָדער מיט זיי מאַרשירנדיק אַ שבת אָדער אַ זונטיק, האָבן אייניקע אַרבעטער רינג־אידן, וואָס האָבן מיך געקענט, אונז באַמערקט און ס׳איז זיי טשיקאַווע געוואָרן. אַ פּאָר פון די אַרבעטער רינג־אידן האָבן טאַקע מיט מיר אין איינעם געאַרבעט אין דער „אַרבעטער בילדונג־שולע״. געוואויר ווערנדיק, אַז איך האַלט אַ לעקציע וועגן אונזער דערציאונג ביים האַרלעמער פאַרבאַנד־צוויג, זיינען זיי געקומען און מיט מיר דעבאַטירט. אַ צווייטן מאָל האָבן זיי מיך איינגעלאַדן צו האַלטן די לעקציע טאַקע ביי זיי גופא. איך געדענק אויך אַן אַרבעטער רינג־מענטשן אַלס אַ פּאַרוואַלטער אין אונזער דאַון־טאַונער שול, אַן ערך אין יאָר 1916. ווידער אַמאָל אין האַרלעם אין יאָר 1917 האָבן מיר אין אונזער שול צווישן די פּאַרוואַל־טער געהאַט אַ פּאָר פון אַרבעטער־רינג. אַרבעטנדיק מיט אונז, האָבן זיי אָבער מיט אונז דעבאַטירט וועגן העברעאיש און ענלעכע ענינים, לסוף האָבן זיי זיך אָפּגעשפּאָלטן און געגרינדעט די האַרלעמער אַרבעטער רינג־שול. און ס׳איז אַ פאַקט — די האַרלעמער אַרבעטער רינג־שול איז געווען די ערשטע אין ניו־יאָרק.

5. צוויי צוזאַמענפאָרן

אונזער ערשטן שול־צוזאַמענפאָר האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק אין 1912. עס זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אַלע פיר ניו־יאָרקער שולן, אויך פון דער בראָנקסער שול, כאָטש דאָרט איז אויך געווען אַן עלעמענט פון ס.־ט.׳ני־קעס און אַ פּאָר אידן מיט גרויס חשק צו שרייען „דאַלאַי — אַרונטער!״ אַפילו קעגן אַזעלכע, וואָס האָבן ניט קיין חשק, ניט קיין כוח זיך אַרויפצוהייבן אין דער הייך. נאָך שווערער מי איז אָבער דאָרט שלום געוואָרן. דער דעלעגאַט אָדער איינער פון די דעלעגאַטן איז געווען אַ געוויסער שטאַם, אַן אַמאָליקער אַנאַר־כיסט און שפּעטערדיקער זשיטלאָווסקיאַנער, וועלכער האָט אויך געבראַכט מיט זיך אַ געוויסן ה. שאַליט, אַ באַוואוסטער זשורנאַליסט, און ס. פּיניק פון רוסלאַנד. די צוויי האָבן זיך אַ ביסל געבונטעוועט קעגן מיין רעפעראַט (וועגן דער שרעק פון אַמעריקאַניזאַציע, וועגן ניט־איגנאָרירן די אידישע רעליגיע אין אונזער דערציאונג, וועגן אידיש און העברעאיש). עס איז אויך געקומען דער דעמאָלט נאָך אַן ס.־ט.׳ניק, משה כץ. אָבער זייענדיק בלויז אַ פּאָליטישער „באַאָבאַכ־טער״, האָט ער געשוויגן. (נאָכן צוזאַמענפאָר האָט ער אָבער געהאַט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ אין „פריינט״, וואו ער האָט זיך פון דער קאָנפערענץ אויסגעלאַכט). אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט עס חיים ליבערמאַן געהאַלטן זיין רעפעראַט וועגן רעליגיע. הירש עהרענרייך האָט געבראַכט אַ קאָנסטיטוציע וועגן אַ שולן־פאַרבאַנד (אַ זעלבסטשטענדיקן), אָבער מיט מיט־אַדמיניסטראַטאָרן פון פאַרבאַנד

און די פּועלי ציון. די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן. איינע פון די וויכטיקסטע צווישן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז געווען מיינע, אַז מיר האָבן אַן אַנטראָפּאָלאָגישע, ד״ה אַ וויסנשאַפטלעך־פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער אידישער רעליגיע.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט מיט אַ מאַסן־מיטינג אין „פאָרווערטס״־האָל, אויף וועלכן די קינדער פון איין שול אָדער מער האָבן געזונגען. איך געדענק די רעדנער ד״ר נחמן סירקין, איך און לעאָן עלבע. ד״ר סירקין האָט אויף זיין שטייגער געפּרוּווט מינימיזירן אידיש. איך און עלבע האָבן אים אָפּגעענטפערט. איז חבר קאַזדאַן צו מיר דערנאָך צוגעלאָפן אַזאַ זיך רויטלענדיקער, אַזאַ שעמעוודיק־גליקלעכער, אַז מען האָט געקענט מיינען, אַז דער מענטש האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט פון נויט, הונגער און קראַנקהייט. צום שלוס פון צוזאַמענפאָר איז געווען אַ „ליאַמע״. איך געדענק ניט, צי האָט מען דאָרט עפּעס געגעסן. איך געדענק אָבער, אַז איך און חבר פנחס קרוזא און נאָך חברים, ניו־יאָרקער און אויסנשטאָטישע, האָבן געטאַנצט.

די היילקסטע נצחון־פריידי האָבן מיר איבערגעלעבט אין יאָר 1914, אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר, ווידער אין ניו־יאָרק. דעלעגאַטן זיינען געקומען פון ווייט און פון נאָענט. עס איז געקומען אַ דעלעגאַטקע אַזש פון סינסינעטי, כאָטש די שטאָט האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט, ניט אויפן געביט פון אידישיזם, ניט אויפן געביט פון שולן. עס איז געקומען די שענסטע אינטעליגענץ פון ניו־יאָרק, אַלטע און נייע. אַלכּסנדר האַרקאַווי האָט רעפערירט וועגן אידיש און געשאַפן אַ נייעס, אַז די אַסימילאַנטן האַלטן אידיש פאַר אַן אומשפּראַך. חיים שויס, דעמאָלט אַ נייער מענטש, ערשט פון שיקאַגאָ, האָט רעפערירט וועגן דעם לימוד פון אידישער געשיכטע. דער עיקר אָבער זיינען געקומען יעקב לעווין און דער אייגענער משה כּץ אַלס דעלעגאַטן פון דער ס.־ט., מיט דער אַנטשלאָסנקייט צו זען צו בלייבן. זיי האָבן נאָר געזוכט אויסצוקעמפן, אַז דער לימוד פון העברעאיש זאָל ניט זיין קיין ביטערער צוואַנג. און דער קריזיס פון צוזאַמענפאָר איז טאַקע געווען דער מאָמענט פון דער דעבאַטע וועגן אָט דער רעזאָלוציע: „זיי עס באַשלאָסן, אַז פון צווייטן יאָר אָן מוז דאָס קינד ביי אונז אָנהייבן לערנען העברעאיש״. זיינען די ס.־ט.׳ניקעס אויפגעשפּרונגען מיט אַ פּראָטעסט: קיין מוז! עס טאָר ניט זיין קיין צוואַנג. דער גאַנצער זאָל איז געווען געשפּאַנט. זיי גייען ניט איין. ס׳וועט חלילה ווידער בלייבן אַ צעשפּאָלטענע שול־באַוועגונג. ווי זאָגט זיך ביי פּרצ׳ן — עס איז געווען אַזוי שרעקלעך־שטיל, אַז מען וואָלט געקענט הערן ווי אַ שפּילקע פאַלט אַראָפּ צו דער ערד. בלויז פיין־פילנדיקע נשמות האָבן געקענט הערן ווי די נשמה פון דער אידישער דערציאונג צאַפּלט זיך אין אַגאָניע. פּלוצים מיין אויסגעשריי צו די ס.־ט.׳ניקעס געווענדט: די רעזאָלוציע זאָל זיך לייענען ניט „מוז״ נאָר „זאָל״. „מסכּים!״, האָט אָפּגעענטפערט משה כּץ. אַ גליקלעכער אַפּלאָדיסמענטן־שטורעם, אַ גליק, אַ פרייד אַזש צום וויינען האָט אָנגעפילט דעם זאָל.

עס איז געווען אַ פּראַקטישער צוזאַמענפאָר. די שול־עקזעקוטיווע האָט געבראַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל אָנהייבן אַרויסגעבן אַ קינדער־זשורנאַל.

איז ער אָנגענומען געוואָרן. איך אַלס פאַרזיצער פון דער עקזעקוטיווע האָב געבראַכט אַ רעזאָלוציע צו עפענען דעם אידישן לערער־סעמינאַר פון און פאַר אונזערע שולן. איך האָב אויך געבראַכט דעם פאָלגנדן לימודים־פּראָגראַם פאַרן סעמינאַר. עס זאָל זיין אַ פיר־יאָריקער קורס מיט:

א) אידיש און העברעאיש, די שפּראַכן און זייערע פילאָלאָגיעס;
ב)ביידע ליטעראַטורן;
ג) ענגליש און די ענגלישע ליטעראַטור;
ד) היסטאָריע, אידישע און אַלגעמיינע;
ה) סאָציאַליזם און פּאָליטישע עקאָנאָמיע;
ו) די געשיכטע פון מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפטן;
ז) פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק;
ח) אַ צוויי־יאָריקער קורס אין תּלמוד (אַנטשטייאונג און געשיכטע, מעטאָדאָלאָגיע, שפּראַך, שפּראַך־סטיל און טעקסטן);
ט) מאָדערנע אידישע פּאַרטייען און באַוועגונגען פון די עלטסטע ביז צו די פּועלי ציון.

בלויז איין א. טשעריקאָווער, אַ גאַסט אויפן צוזאַמענפאָר, האָט דעם פּראָגראַם געפונען פאַר דילעטאַנטיש. די דעלעגאַטן האָבן אים אָבער איינשטימיק אָנגענומען און באַאויפטראָגט די שולן־עקזעקוטיווע צו גרינדן דעם סעמינאַר (אין 1917 איז ער טאַקע געגרינדעט געוואָרן).

דער שלום־באַנקעט איז געווען אַזוי פול מיט גליק און חדוה, אַז אַ צווייטע פייערלעכקייט אַזאַ איז פאַר מיר שווער זיך צו דערמאָנען אויף די אַלע יום־טובים, וואָס איך האָב מיטגעפייערט.

פון די רעדעס אויפן באַנקעט ברענג איך נאָר שלום אַשעס מעשה׳לע וועגן דעם יחוס פון אידיש, וואָס איך האָב צענדליקער מאָל ציטירט אין מיינע רעדעס און נאָר איין מאָל פאַרשריבן אין אונזערן אַ קינדער־זשורנאַל:

„אַמאָל איז געווען אַ שלאַכט. איין ראָטע איז שוין געווען אינגאַנצן אַ צעקלאַפּטע. די אָפיצירן זיינען געווען דער׳הרג׳עט. די פאָן איז געווען אַ פאַרנומענע פון שונא. אַ צאָל סאָלדאַטן איז שוין געווען טויט, אַ צאָל אַנטלאָפן. און די רעשט איז שוין באַלד אויך געווען גרייט צו אַנטלויפן.

פּלוצים שטעלט זיך אויף אַ סאָלדאַטל, פון די רייען, און זיך ווענדנדיק צו די, וואָס זיינען גרייט צו אַנטלויפן, שרייט ער אויס:

„סאָלדאַטן, שטייט, אַנטלויפט ניט. סאָלדאַטן, קעמפט פאַר אייער ראָטע, פאַר איר כּבוד! סאָלדאַטן, שטייט און קעמפט! איר האָט קיין אָפיצירן ניט, וועל איך, פּראָסטער סאָלדאַט, זיין אייער אָפיציר. איר האָט קיין פאָן ניט, אָט נאָט איך אַ פאָן!״

און ער בייגט זיך איין צו דער ערד און הייבט אויף די ערשטע בעסטע שמאַטע און שרייט אויס:

„דאָס וועט זיין אייער פאָן! וואָס? קיין פאַרב? אַ פאָן דאַרף האָבן אַ פאַרב? איז אָט!״

און ער בעמט זיין שווערד און שניידט זיך איבער די אָדערן פון דער האַנט און באַפאַרבט די פאָן מיטן בלוט.

און עס האָט געווירקט. די סאָלדאַטן האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף. די ראָטע איז געראַטעוועט געוואָרן. די שלאַכט איז געוואונען געוואָרן.

אָט דאָס איז אידיש! טאַקע ניט קיין גרויסער יחוס. גאָר קנאַפּ אַקעגן העברעאיש. אָבער אין אידיש האָט דאָס אידישע פאָלק זייט פיל הונדערטער יאָרן אַריינגעוויינט זיין געוויין, אַריינגעלאַכט זיין לאַך, אַריינגע׳חלומ׳ט זיין חלום, אַריינגעשלוכצט זיין האָפענונג און בענקשאַפט, אַריינגעגאָסן זיין בלוט.

דער העכסטער, דער הייליקסטער יחוס!"



די נייע געביידע פון אידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, דערוואָרבן אין 1942.

דער גרויסער דיכטער יהואָש וועגן
די אויפטועז פון פאַרבאַנד

(באַגריסונג צו דער 10טער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד)

מאַי, 1926

ליבע חברים:

צו מיין טיפן באַדויערן קען איך ניט קומען פערזענלעך זיך צו פרייען אין אייער שמחה, וואָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס מיין שמחה, וואָרום דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד דינט און האַלט הייליק יענע גרויסע אידעאַלן, וואָס מיר אַלע פרואוון צו דינען און האַלטן פאַר הייליק. פיל האָט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אויפגעטאָן אין זיין 15־יאָריקער עקזיסטענץ. אַ סך פשוט אַליין אויפגעטאָן און אַ סך אויפגעטאָן דורך זיין וואוילטואיקן באַגייסטערנדן איינפלוס, וואָס האָט געטריבן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס צום נאָכטאָן, און פיל פון די פירות פון אייער אַרבעט קען מען היינט־צו־טאָג געפינען אויף אַנדערע בוימער.

פופצן יאָר איז אַ סך. באַזונדערס אין אונזערע ציטן, ווען דאָס לעבן איז אַזוי אימפעטיק און רייך. מיט אַזאַ דערמוטיקענדן גרונטפעסט, בויט ווייטער. אַרבעט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז אייער אַרבעט איז די שענסטע און האַרציקסטע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון וועלכן ס׳איז אָרדן ביי אידן. איר וועט נאָך פייערן און פייערן אַ סך יובילייס. זאָל איטלעכער יובילײ זיין אַ שפרונג פאָרווערטס, אַ דערהויבונג, אַ צוגעקומענע העכערע מדרגה. האַלט אויף ריין און הויך דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. זאָל די אָנגעהעריקייט צום פאַרבאַנד זיין אַן אויסצייכענונג פון כבוד און דער אָרדן זאָל זיין דער לעזשיאָן ד׳האָנעור פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. איך גריס איין אַלעמען האַרציק.

אייער חבר

יהואָש

די פאַרבאַנד־משפּחה

פון ל. שפּיזמאַן

אויב ליבע צו אידן, ליבע צו ארץ־ישראל און בענקשאַפט נאָך פולער אידישקייט איז אַ סימן־מובהק פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז די אַמביציע פון דעם פאַרבאַנד־חבר צו זיין אַם נאָענטסטן צו די קוואַלן פון אהבת־ישראל.

דער פאַרבאַנד איז לויט זיין גאַנצן כאַראַקטער אַ צוזאַמענשטעלונג פון דריי טיפּן אָרגאַניזאַציע־פאָרמען: געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַוועגונג, פּראָטערנאַלער אָרדן און משפּחה־לאַנדסמאַנשאַפטן. דער סינטעז, וואָס ווערט געשאַפן פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג פון אָרגאַניזאַציע־פאָרמען און נשמה־וויברירונגען, הייסט — קאָאָפּעראַציע, חברישער צוזאַמענלעבן, זאָרג פון איינעם פאַר אַלע און פון אַלע פאַר איינעם.

ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער פאַרבאַנד איז אויסגעוואַקסן אַלס דער שטאַרקסטער טייל פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין משפּחה־אינטימיטעט און חן, זיין פאָלקסטימלעכקייט און שבת־אחים־גייסט פאַנגט די נשמות פון יענע אידן, וואָס וואוינען אין וואַשינגטאָן און טאָראָנטאָ און בענקען נאָך ווילנע און בערדיטשעוו. די היים־בענקשאַפט איז נאָך היינט דער גוואַלדיקסטער כוח אין די בוי־פּראָצעסן פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע — דאָס איז דער שטאַרקסטער נאַציאָנאַלער צעמענט, וואָס האַלט צוזאַמען די אידיש־רעדנדע אידן און כישופ׳ט אַרויס אידישקייט־בענקשאַפט אויך אין די רייען פון זייערע ענגליש־רעדנדע ברידער.

דער פאַרבאַנד האָט פאַראייניקט די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים פון די לאַנדסמאַנשאַפטן מיט דער בענקשאַפט נאָך גאולה און ארץ־ישראל פון ציוניסטישן סאָציאַליזם. דער פאַרבאַנד האָט געוואָרפן בריקן צווישן עבר און עתיד. ער האָט אַרויסגעצויבערט די גאַנצע וואָרעמקייט פון אידישע נשמות און זיי „מאָביליזירט" פאַר נאַציאָנאַל־סאָציאַלע צוועקן. וואָס איז בכן דער וואונדער, וואָס דער פאַרבאַנד איז אַזאַ „וואַרעמע", אידישלעך־פאָלקסטימלעכע אָרגאַניזאַציע?

ס׳איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס דער פאַרבאַנד האָט זיך דער ערשטער גענומען צו אידישער דערציאונג — און „עמך", „שער און אייזן" האָט גענומען צונויפשלעפּן טישן און בענק אין טוכלע קעלערן און מ׳איז אַרויס „קענוועסן" קינדער און מ׳האָט מחיה געווען גאַסן־קונדסים מיט אַ וואַרעם פאָלקסליד און זיי צוריק באַהעפט מיט אידישקייט. ווער דען האָט עס געזאָלט טאָן, אַז ניט דער פאַרבאַנד־חבר? און אַז די שולן האָבן אויסגעשריגן זייער הונגער נאָך לערער, האָט מען געשאַפן אַ סעמינאַר, אַרויסגעגעבן די ערשטע קינדער־ביכלעך און געקראָגן ברכות פון דינעזאָן און פּרץ, וועלכע האָבן די זעלבע הייליקע אַרבעט געטאָן אין פּוילן.

די פֿאַרבאַנד־משפּחה האָט די ערשטע מיט אַ געזונטן ירושה־אינסטינקט דערפֿילט, אַז די גאָלדענע קייט רייסט זיך איבער, אַז דער המשך פֿון דורות האָלט אין אויסרינען און מ'האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אימפּעט און ברען אַריינצושלעפּן פֿאַר'גוי'עשטע גאַסן־קינדער, אייגענע און פֿרעמדע, צוריק אין די אוהלי־יעקב.

דער פֿאַרבאַנד האָט געפּלעגט דאָס אידישע ליד, דאָס אידישע וואָרט, גע־האָט אינטערעס פֿאַר דראַמאַטישער קונסט, פֿאַר נייע יום־טוב־פֿאָרמען און עונג־שבת־מאָטיוון (ניט צו פֿאַרגעסן אויך אין די בעטלער־ און חסידים־בעלער). אין די ערשטע יאָרן האָט מען פֿיל געאַרבעט אויף זעלבסטבילדונג (אַ שאָד, וואָס איצט ווערט אָט די אַרבעט ניט געפּלעגט). די פֿולע פֿאַראָקיעל־שולן אין קאַנאַדע זיי־נען געשאַפֿן געוואָרן פֿון פֿאַרבאַנד. קאַנאַדע מיינט מאַקסימאַלע אידישקייט, מאַקסימאַלע פֿאַרבאַנד־עקשנות — אַ העכערער שטאַפּל אויפֿן לייטער, וואָס פֿירט פֿון משפּחה צו פֿאָלק, פֿון עדה צו זעלבסטבאַוואוסטער נאַציע.

פּלאַקאַט פֿון פֿאַרבאַנד־קבוץ „אַפּעל" אין תל־אָביב רופֿט צו דער פֿייערונג דעם 30טן אָקטאָבער 1943 לכבוד דער 4־יעריקער עקזיס־טענץ פֿון קבוץ און דעם 30־יעריקן יובל פֿון פֿאַרבאַנד.

דער פֿאַרבאַנד־חבר איז שטאָלץ מיט דעם גרויסן וואוקס פֿון די ארץ־ישׂראל אַקטיוויטעטן פֿון פֿאַרבאַנד. עס ווערט ווירקלעך וואַרעמער אויף דער נשמה, ווען מען שמועסט מיט די ארץ־ישׂראל־טוער אין די פֿאַרבאַנד־צווייגן. פֿאַרנו־מענע ביזנעס־אידן און שאַפּ־אַרבעטער — און דערציילן זיי וועגן זייערע דער־גרייכטע זאַמל־רעזולטאַטן פֿאַרן געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין, פֿאַרן נאַציאָנאַל־פֿאָנד, א. אַז. וו., צינדט זיך אָן אַ יום־טוב־פֿייערל אין זייער אויג. און טאָמער האָט אַ ברענטש אַ זכיה צו האָבן אַ זון פֿון אַ חבר אין אַ קבוץ אין ארץ־ישׂראל — איז עס דער געמיינזאַמער שטאָלץ פֿון גאַנצן ברענטש. מיט צערטלעכער ליבע האָב

איך געהערט פאַרלייענען אין די ברענטשעס בריוו פון קינדער־סאָלדאַטן אין אידיש און אין ענגליש. פיל פון זיי האָבן, באַזוכנדיק ארץ־ישראל, פאַרטיפט זייער אידישקייט־קוואַל און עס דאַכט זיך, אַז די גאָלדענע קייט שפּינט זיך ווייטער, טראָץ די מדבר־ווינטן פון דער אַמעריקאַנער גאַסן־אַסימילאַציע. די פאַרבאַנד־משפחה פרייט זיך, וואָס די יחידים־משפחה איז גאַנץ געוואָרן, וואָס טאַטעס און זין חלומ'ען דעם זעלבן חלום און בענקען צוזאַמען נאָך אידישער פרייהייט.

* * *

דער רוקנביין פון פאַרבאַנד איז דער אומבאַקאַנטער זעלנער, דער גרויער חבר פון דער שורה, וואָס טוט זיין אַרבעט לשמה, דער פאָלקס־איד פאַר עקסעלאַנס, וועלכער לעבט זיך אויס אין די מצוות־מעשיות פון די פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן. אין אַלע יום־טובים פון פאַרבאַנד האָט ער דעם גרעסטן חלק. ער פאַרקערפּערט מיט זיך די גאַנצע קדושה פון וואָרט „חבר" וואָס מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל אַזוי באַזונגען. זיין קינדישע תמימות און אומבאַפלעקטער גלויבן אין אונזערע אמת'ן איז דער גרעסטער כוח, וואָס עס פאַרמאָגט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, און עס דאַכט זיך, אַז ער טיילט דעם זעלבן גורל פון די אומבאַקאַנטע זעלנער אין אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. ער ווערט פאַרגעסן און פאַרשאָטן אין די לויב־געזאַנגען צום מער־באַקאַנטן טוער; ער ווערט פאַרנאַכלעסיקט ביים קריגן אַ תשובה אויף זיינע נאָגנדיקע שאלות. מען פאַרשטייט ניט גענוג צו געפינען פאַר אים צייט און אויפמערקזאַמקייט. עס איז ווירקלעך כדאי אַרויסצורוקן די פאָדערונג: מער אַריענטירן זיך אויפן אומבאַקאַנטן זעלנער! ווער ווייס — אפשר וועט מען דאָרט געפינען אַ פּאָר למד־וואָוו'ניקעס, וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט פון פאַרבאַנד? ווער ווייס?

* * *

די פאַרבאַנד־משפחה האָט שטענדיק צוגעצויגן צו זיך ווי אַ כישוף־פייערל די פאַרשטייער פון אידישן גייסט. די אידישע שרייבער און קינסטלער געפינען דורכן פאַרבאַנד אַ פאַרבינדונג מיט דער אידישער מאַסע, מיט „עמך" און מיטן בעסערן, טיפער־פילענדן, דערוואַכטן איד. ס'איז שטאָלץ דער פאַרבאַנד, וואָס אין זיינע רייען געפינט זיך די גרויסע מערהייט פון די פאַרקערפּערער פון אידישן גייסט און קולטור. אָבער דאָס איז אַ דערפאָלג, וואָס איז מחייב. דער פאַרבאַנד דאַרף טיפער פאַרשטיין די פּריווילעגיע און נחת־רוח פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג צווישן פאָלק מיט זיין גייסטיקער עליטע און ווידמען פיל כוחות פאַר דער אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פון זיין קולטור־אַרבעט. אָט די אויפגאַבע ליגט נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס אויף די אידישע שרייבער און קינסטלער, וואָס זוכן באמת אַ וועג צום פאָלק, צו זיינע שטימונגען און אידעען. מען קען נאָך פיל אויפטאָן אין דער אידישער אַמעריקע, ווען דער דאָזיקער בונד זאָל ווערן טיפער און שטאַרקער, ווען די פאַרבאַנד־משפחה וועט איינשליסן אין קרייז פון געמיינזאַמער אַרבעט און זאָרג דעם פיזישן און גייסטיקן אַרבעטער און אויסגלייכן דעם אונטערשיד צווישן „באַרג" און „טאָל".

יהואָש האָט אַמאָל געוואונטשן דעם פאַרבאַנד, אַז די אַנגעהעריקייט צום פאַרבאַנד זאָל זיין אַן אויסצייכענונג פון כבוד, אַז דער פאַרבאַנד זאָל זיין דער ערן־לעגיאָן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט.

פאַרדינען זיך דעם דאָזיקן נאָמען — זאָל זיין די אַמביציע פון די באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע זעלנער פון פאַרבאַנד אין זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און קאַמף.

ד״ר נחמן סירקין וועגן כאַראַקטער פון פאַרבאַנד

(באַגריסונג צו דער 3טער קאָנווענשאָן אין באַפאַלאָ, יולי 1915)

איך שיק אייך צו אייער אַרבעט מיין הערצלעכסטן גליקוואונטש און ווינטש דער קאָנווענשאָן און אירע באַראַטונגען גליק און דערפאָלג. מיין מיינונג איז, אַז דער פאַרבאַנד איז די ערשטע אידישע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג. די גרויסע באַדייטונג פונם פאַרבאַנד און זיין סאָציאַלער און קולטורעלער ווערט לערנען אונז, אַז מיר דאַרפן ווייטער גיין אויף דעם וועג פון קאָאָפּעראַציע און אָרגאַניזירן אַלע צווייגן פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. פון קאָאָפּעראַטיווער אינשורענס לאָמיר איבערגיין צו קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט; פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט — צו קאָאָפּעראַטיוון קאָנסום און פּראָדוקציע, ביז דער וועג וועט אונז ווייטער פירן צו אַ קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט אין אַ אידיש לאַנד.

נ. סירקין

אונזער ראָלע אין דער רעליעף־אַרבעט

פון ברוך צוקערמאַן

1

די אַמעריקאַנער אידן האָבן אָן ספק אַריינגעשריבן אין זייער אייגענער געשיכטע אַ זייער וויכטיקן קאַפּיטל, וואָס וועט טראָגן דעם באַשיידענעם נאָמען: „רעליעף“. די צייט ווען די דאָזיקע אַקטיוויטעט איז אין אַמעריקאַנער אידנטום געפירט געוואָרן, פאַלט כמעט צוזאַמען מיט דער צייט, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג פונקציאָנירט אין אַמעריקע. אונזער באַוועגונג האָט זיך אין דער רעליעף־אַרבעט אויף אַ גאַנץ געהעריקן אופן באַטייליקט. מיר האָבן עפּעס ספּעציפישעס בייגעטראָגן צו דער דאָזיקער אַקטיוויטעט. דאָס איז ניט באַשטאַנען אין דער גרויס פון אונזערע בייגעשטייערטע סכומים. אין וואָס איז עס יאָ באַשטאַנען?

שוין דער אָנהויב פון דער אָרגאַניזירטער הילפס־אַרבעט באַווייזט, אַז מיר, אידן, האָבן אין „רעליעף“ אַ דערשיינונג פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער. די ערשטע אָרגאַניזירטע אידישע רעליעף־אַרבעט איז דאָ געפירט געוואָרן תיכף נאָכן ערשטן קישינעווער פּאָגראָם. דאָס איז געווען אַן ענטפער פון אַמעריקאַנער אידנטום אויף אַן אַכזריות׳דיקער אַטאַקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף קישינעווער אידן, אָבער געצילט געווען קעגן גאַנצן רוסישן אידנטום, וואָס איז דאַן געווען דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק. די אידישע געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע אַטאַקעס אויף אונזער פאָלק. אויך דאָס רוסישע אידנטום האָט ניט איינמאָל געשפּירט אַזעלכע אַטאַקעס אויף זיין לייב־און־לעבן. אָבער ביז 1903 האָט נאָך דאָס אַמעריקאַנער אידנטום ניט געפילט, אַז ער איז מחויב צו ענטפערן אויף אַזאַ אַטאַקע. מען קען באַהויפּטן, אַז דורך דער הילפס־אַרבעט פאַר די קרבנות פון ערשטן קישינעווער פּאָגראָם איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צום ערשטן מאָל אַרויף אויף דער אַרענע פון דער אידישער געשיכטע ווי אַן אָרגאַניזירטער אידישער קאָלעקטיוו. ניט צופעליק איז פון דער זעלביקער גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט די אַקציע פאַר די קישינעווער פּאָגראָם־קרבנות, אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די איצט גוט־באַקאַנטע „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע“. אויך די דעמאָלט אַזוי־גערופענע „יאַהודים“ האָבן אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז זיי האָבן זיך דאָ באַגעגנט מיט אַ נאַציאָנאַלער באַגלייט־דערשיינונג פון אידישן גלות־לעבן און ניט בלויז מיט אַן איינמאָליקן אומגליק, וואָס ענדיקט זיך, ווי נאָר מען האָט געגעבן „די טויטע אויף תכריכים, די לעבעדיקע — ברויט“. די פירער פון

קאַמיטעט האָבן דערפילט, אַז זיי דאַרפן זיך אָרגאַניזירן אויף אַ פּערמאַנענטן באַזיס. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די באַדייטונג פון דער הילפס־אַרבעט אומגעהויער אויסגעוואַקסן. די אַרבעט איז אויך אָנגע־גאַנגען אין כמעט דער גאַנצער צייט צווישן בײדע וועלט־מלחמות. נאָך וויכ־טיקער איז די דאָזיקע אַרבעט געוואָרן דורכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געשעענישן פון וועלט־פאַרנעם האָבן אַלזאָ דעם רעליעף־ענין דער־הויבן אפשר צו דער וויכטיקסטער אײנצל־אַקציע, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט ביז איצטער געפירט. דער רעליעף־געביט איז דעריבער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אײנעם פון די וויכטיקסטע שטחים, אויף וועלכן עס זײנען אויפגעטרעטן אין אַ גערעַנגל די אידעאישע אײנשטעלונגען פון די פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמירן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. מיר פון אַרבעטער־ציוניזם זײנען זעלבסטפאַרשטענדלעך געקומען אַהין מיט אונזער אייגנאַרטיקן אידעאישן פּרצוף־פּנים. לויט אונזערע כוחות, זיכער מער ווי לויט אונזער כמות, האָבן מיר געפּרואווט אַרויפצולייגן אונזער חותם אויף דער דאָזיקער אַרבעט.

ביז קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אונזער ווירקונג געגאַנגען בלויז דורך דער פּאַרטיי. אַ פּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט געגרינדעט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד. פון דאַן אָן גייען בײדע קערפּערשאַפטן געשלאָסן אין דער הילפס־אַרבעט, ווי אין אַנדערע אידיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן. וואָס מיר האָבן דערגרייכט אויף דעם געביט וועט אפשר אַמאָל דאַרפן אָן אָביעקטיווער היסטאָריקער אָפּשאַצן. וואָס מיר האָבן געזוכט צו דערגרייכן מעגן מיר אַליין פּרואוון צו פאַרצײכענען.

2

שוין אין פאַרבינדונג מיט דער אַקציע פאַר די קרבנות פון קישינעווער פּאָגראָם האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן די קאָנטורן פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. די איניציאַטאָרן פון דער אַרבעט זײנען געווען אידן פון דעם דעמאָלט אָנגערופענעם „יאַהודים“־טיפּ. דער נפש־החיה אין דער אַרבעט איז געווען אונזער באַקאַנטער ד״ר יהודה ליב מאַגנעס. ער האָט דאַן גע׳שמ׳ט ווי אַ רעבעל קעגן דער יאַהודישער אַנטי־נאַציאָנאַלער „פילאָזאָפיע“. ער האָט אויך געהאַנדלט ווי אַ רעבעל. אָבער זיין דירעקטער ווירקונגס־קרייז איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די אידישע גביר׳אָקראַטיע. צוליב געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען האָט דער דאָזיקער עלעמענט — אידן, געקומענע פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע — אויסגעאיבט אַ השפּעה אין דעם דעמאָלטיקן אידישן לעבן ווייט איבער זייער קרייז, ווייט מער ווי זייער צאָל. דער ערשטער דור מזרח־אייראָפּעאישע אידישע אימיגראַנטן האָבן פּאַסיוו אָנגע־נומען אָט דעם צושטאַנד. (ניט דאָ איז דאָס אָרט צו דערקלערן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי גרינג דאַן אונטערגעגעבן די השפּעה פון די יאַהודים.) אידיש־

געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו איז דאַן מערסטנס אַרויסגעקומען פון יענע קרייזן. אַזוי אויך די איניציאַטיוו פון דער אַקציע פאַר די קישינעווער פּאָגראָם־קרבנות.

מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פחד־קאָמפּלעקס פון דער אידישער אַסימילאַציע האָבן זיך פילע פון די „יאַהודים“ באַלד איבערגעשראָקן פאַר די קאָנסעקווענצן פון זייער דעמאָלטיקער ספּאָנטאַן־אינסטינקטיווער האַנדלונג. ביט אַלע פון זיי זיינען דעריבער מיטגעגאַנגען דעם וועג פון גרינדן אַ פּערמאַנענטע „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע“. די מערסטע פון די, וואָס זיינען יאָ געגאַנגען אויף דעם וועג, האָבן לכתחילה געוואָלט אויפהאַלטן פאַר זייער קאָמיטעט אַ ריין־פילאַנטראָפּישן הילפס־כאַראַקטער. ווייטערדיקע וועלט־אַנטוויקלונגען האָבן אָבער געצוואונגען די „קאָמיטע“ צו ווערן די פּאָליטישע אויסדריקערין פון די איינשטעלונגען פון יענעם שיכט פון אַמעריקאַנער אידן. זיי האָבן דעריבער ביים אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג איבערגעשריבן די ריין־פילאַנטראָפּישע הילפס־אַרבעט אויף אַן אַנדער פירמע, זאָרגנדיק, נאַטירלעך, אַז די השפעה אויף דער אַרבעט זאָל בלייבן אין זייערע אייגענע הענט. אַזוי איז די אונדז באַקאַנטע „דזשאָינט“־פירמע אויפגעשטעלט געוואָרן. דער אינערער געראַנגל צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער אידנטום האָט געהאַלטן אין איין שטייגן אין די קאַרגע 10 יאָר צווישן דער גרינדונג פון דער „קאָמיטע“ און דער גרינדונג פון „דזשאָינט“. די צעטיילונג איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ בולט'ער: פון איין זייט אַ אידישע פאָלקס־מאַסע מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם שטאָלץ־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם ווילן פאַר נאַציאָנאַלן המשך אויך דאָ אין אַמעריקע; פון דער אַנדערער זייט — אַ גרופּע אידן־בני־דת־משה לויט אַ ספּעציעלן אַמעריקאַנער נוסח. שוין אין און אַרום דער „קאָמיטע“ האָט מען געקענט זען די דאָזיקע צעטיילונג. נאָך שאַרפער איז זי אויפגעטראָטן אין און אַרום „דזשאָינט“. אונזער באַוועגונג האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַרנומען איר פּלאַץ אין די רייען פון קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן צד.

אין דער צייט פון דער פאָרמירונג פון דער „קאָמיטע“ איז דער קאַמף געפירט געוואָרן אַרום דעם ענין פון העלפן דעם אידישן זעבסטשוץ אין רוסלאַנד. אין די אויגן פון געוויסע פחד־אידן האָט דער אידישער זעלבסטשוץ פאַרמאָגט גאַנצע דריי „אומבאַקוועמע“ אייגנשאַפטן: ער איז, ערשטנס, געווען אומלעגאַל. ער איז, צווייטנס, געווען צו ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די דאָזיקע צוויי „אומבאַקוועמע“ אייגנשאַפטן האָט מען נאָך געקענט ווי עס איז איבערטראָגן, ווייל די אַקציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן אין יענע יאָרן אָנגעהויבן שטאַרק שטייגן צווישן אַלע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער ניט־אידישער באַפעלקערונג. פחד־אידן האָבן די טבע צו פאַרלירן אַ ביסל פון זייער פחד, אויב אַן ענין ווערט כשר אין די אויגן פון גוטע און פרומע בירגערלעכע ניט־אידן. די דריטע „אומבאַקוועמלעכקייט“ איז שוין אָבער געווען פון אַן אַנדער כאַראַקטער: אידישער זעלבסטשוץ איז געווען צו פיל באַצייכנט מיטן ספּעציעלן איד־שטעמפּל. עס האָט פון אים אַרויסגערעדט

אידישער אויפשטאַנד, אידישע גבורה, כמעט אַ אידישע מלחמה. און דאָס איז פאַר יענע אידן ניט גרינג געווען אָראָפּצושלינגען.

צום גליק האָבן זיך אין זעלבסטשוץ אָנגעהויבן באַווייזן אויך ניט־אידן. גרופּן ניט־אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך באַטייליקט אין זעלבסטשוץ. אין איניקע פּונקטן האָבן ניט־אידישע מיטפּאַרטיידיקער באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז: זיי זיינען געפאַלן אין די דאָזיקע שלאַכטן. דורכדעם איז דער ספּעציעל־אידישער כאַראַקטער געמילדערט געוואָרן. ד"ר מאַגנעס, פון זיין זייט, — מיט גרויס השפּעה צווישן יענע קרייזן — האָט געדריקט, מען זאָל העלפן דעם זעלבסטשוץ. אין צוגאָב צו זיין דרוק האָט יענע גרופּע דערהערט אַ נייעם טאָן: די אידישע גאַס האָט אָנגעהויבן ריידן. עס האָבן גענומען ריידן אַריבערגעקו־מענע מיטגלידער פון די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אויך אונ־זער דעמאָלט יונגינקע און קליינע באַוועגונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַוויזן. פילע פון אונזער גרופּע האָבן געהאַט אין רוסישן זעלבסטשוץ פּערזענלעכע חברים. אין דעם האָמלער פּאָגראָם פון 1905 איז דער איינציקער קרבן פון יענעם זעלבסטשוץ — כהנסקי — געווען אַ חבר פון די פּועלי־ציון. ספּעציעלע לידער זיינען דאָן צו אונז אָנגעקומען וועגן דעם יונגן כהנסקי, וואָס חברים האָבן צווישן זיך געזונגען. יונג איז מען געווען. ברען האָט מען פאַרמאָגט. ד"ר מאַגנעס אַליין האָט דעמאָלט פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע מאָס פון סימפּאַטיע פאַר אונזער יונגער באַוועגונג. האָבן מיר, נאַטירלעך, אויך געהאָלפן אַריבערוועגן אויף דער זייט פון שטאָלצן נאַציאָנאַלן אידנטום, און צענדליקער טויזנטער דאָ־לאַרן זיינען דעמאָלט פון דאַנען אָפּגעשיקט געוואָרן פאַר דער זעלבסטשוץ־אַרבעט.

נאָך אַ רעזולטאַט פון יענעם געראַנגל איז געווען דאָס, וואָס אַמעריקאַנער אידן זיינען נעענטער באַקאַנט געוואָרן מיט די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אויפברויזונגען אינם רוסיש־אידישן לעבן אין סוף פון לעצטן און אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט. פילע פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט פון אידישן „בונד" אָדער פון אידן, וואָס געהערן צו אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונגען. נאָך מער פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט פון אַזאַ טיפּ איד, וואָס איז אי אַ ציוניסט, אי אַ סאָציאַליסט. פאַרקוקט האָט מען זיך אויף די דאָזיקע דערשיינונגען, פאַרקוקט און פאַרטראַכט. זיינען איניקע ווי אַ רע־זולטאַט פון פאַרטראַכטן זיך אָנגעפילט געוואָרן מיט סימפּאַטיע און אַפילו מיט באַוואונדערונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידישער יוגנט. אַנדערע דאַגעגן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט נאָך גרעסערן פּחד: ווער ווייס, וואָס אָט די נייע פייגל זאָגן אָן פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום? ווער קען וויסן, צי די שטורעמס, וואָס זיי ברייינגען מיט זיך, טראָגן ניט אָן קיין געפאַר פאַר דער רו און איינגע־זעסנקייט פון די אַמעריקאַנער אידן? אויך אויף דער פראַגע וועלן צוקונפטיקע געשיכטס־פאָרשער דאַרפן געבן דעם ענטפער: וואָס ווירקלעך האָבן די אידן־רעוואָלוציאָנערן געבראַכט קיין אַמעריקע? זייער ווירקונג האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן. מיט ירידות און עליות האָלט די ווירקונג נאָך איצטער אָן. דערווייל איז גענוג אונטערצושטרייכן, אַז פאַר אידישן זעלבסטשוץ האָבן די

אידן־רעוואָלוציאָנערן מכל המינים, און מיר אויך בתוכם, געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג.

3

כדי קלאָר צו מאַכן, פאַרוואָס איך האָב דעם אַרטיקל וועגן אונזער ראָלע אין „רעליף" אָנגעהויבן מיט דעם קאַפּיטל פון הילף פאַר אידישן זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד, ווייל איך טאַקע שוין דאָ אַרויסברייננגען אונזער קוק אויף רעליף־אַרבעט. דאָס וועט אונז אויך ברייננגען צום אַריינפיר אין דעם קאַפּיטל „רע־ליף", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן די רעליף־אַרבעט קיינמאָל ניט באַטראַכט אַלס אַן אַקט — בלויז פון פילאַנטראָפּיע. איך פאַרנעם זיך דאָ ניט אָפּצושאַצן די מעלות און חסרונות פון פילאַנטראָפּיע. איך בין גרייט גלייך מודה צו זיין, אַז אין אונזער אַבסאָלוט־נעגאַטיווער באַציאונג צום ענין־פילאַנטראָפּיע זיינען מיר ביז גאָר אַ גרויסער מאָס געווען אומגערעכט. פילאַנטראָפּיע האָט אויך פּאָזיטיווע ווערטן. אָבער מיר האָבן גאָרניט אויף וואָס חרטה צו האָבן, ווען מיר באַטראַכטן אונזער עצם באַציאונג צום רעליף־פּראָבלעם. ווען אַפילו פילאַנטראָפּיע פאַרמאָגט אויך פּאָזיטיווע עלעמענטן, איז „רעליף" אין דעם אידישן לעבן געווען און געבליבן אַן אַרבעט פון אַ סך אַ העכערער און נאַציאָנאַל־וויכטיקערער מדרגה. דער עלעמענט פון פילאַנטראָפּיע, וואָס איז סיי ווי סיי דאָ אין רעליף, ווערט דאָך פון אים ניט אָוועקגענומען דורכדעם, וואָס מען דערהויבט די רעליף־אַרבעט צו אַ הויכער נאַציאָנאַלער פליכט.

דעריבער איז זעלבסטשוץ אַ לעגיטימער ברודער פון אַזאַ רעליף־אַרבעט. זיי טראָגןביידע אין זיך אַ גרויסע מאָס פון נאַציאָנאַלער פליכט: קאַמף פאַרן כבוד, פאַרן האָב־און־גוטס און פאַרן סאַמע לייב־און־לעבן פון אידן ווי אידן און פון אידישן פאָלק ווי אַ פאָלק. הילף פאַר אידישן זעלבסטשוץ געהערט דעריבער צו אונזערע איצטיקע באַטראַכטונגען. ניט צופעליק זיינען די שפּע־טערדיקע גרויסע הילפס־קערפּערשאַפטן אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון די ערשטע געזעלשאַפטלעכע צעלן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער הילפס־אַרבעט פאַר זעלבסטשוץ. מיר, פון אונזער זייט, האָבן ביי די סאַמע ערשטע שריט פון דער גרויסער הילפס־אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויסגעאיבט אונזער השפּעה אויף צו געבן דער הילפס־אַרבעט דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן כאַראַקטער, להיפוך צו דעם רייך־פילאַנטראָפּישן, וואָס אַנדערע עלעמענטן האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן.

און געשען איז עס אַזוי:

די ערשטע גרופּע, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט פאַר הילפס־אַרבעט תיכף ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז געווען די אידישע אָרטאָ־דאָקסיע. דעם 28טן סעפּטעמבער 1914 האָט די עקזעקוטיווע פון דער יוניאָן פון אָרטאָדאָקסיש־אידישע קאָנגרעגאַציעס אָרגאַניזירט אַ ציטווייליקע הילפס־גרופּע, פון וועלכער עס האָט זיך אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אויסקריסטאַליזירט די „סענטראַל רעליף קאָמיטע". אין אָנהויב פון סענטראַל רעליף קאָמיטע האָבן

ניט־אָרטאָדאָקסן זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן איר. צווישן זיי אויך אייניקע פון אונזערע חברים. שפּעטער אָבער איז די דיפערענצירונג געוואָרן בולט'ער, און „סענטראַל רעליף״ איז געוואָרן די פאָרטרעטערין פון אָרטאָדאָקסישן אידנ־טום אויפן רעליף־געביט. דעם 20טן אָקטאָבער 1914 האָט די דאָזיקע גרופּע שוין אָפּגעשיקט די ערשטע 10 טויזנט דאָלאַר פאַר רעליף. דערפון איז 5 טויזנט געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל און 5 טויזנט קיין ווין.

דעם 25טן אָקטאָבער 1914 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ברייטערע קאָנפע־רענץ, איינגערופן פון די פירער פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״. אויף דער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמי־טע״. אין דער קאָמיטע זיינען פון אָנהויב געווען אָפיציעל פאָרטראָטן אויך אונזערע פאַראיינען, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַ־ציעס. אין דער שפּעטערדיקער דיפערענצירונג איז אָבער די „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע״ געוואָרן די פאָרטרעטערין אויפן רעליף־געביט פון דעם זעלביקן עלעמענט, וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״ אויפן פּאָליטישן געביט. די דאָזיקע קאָמיטע האָט, ווי ווייט סכומים אָנבאַלאַנגט, צוגעטראָגן דעם גרעסטן טייל צו דער רעליף־אַרבעט פון אַמעריקאַנער אידנטום.

דעם 27טן נאָוועמבער 1914 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „דזשאָינט דיסטרי־ביושאָן קאָמיטע״ — איצטער באַקאַנט אונטערן קורצן נאָמען: „דזשאָינט״ — פון פאָרטרעטער פון דיביידע אויבנדערמאָנטע קאָמיטעס. דער צוועק פון דעם נייעם קאָמיטעט איז געלעגן אין זיין נאָמען: זאַמלען דאָס געלט זאַמלט יע־דער קאָמיטעט באַזונדער. ווי צו צעטיילן דאָס געלט באַשטימט די "דזשאָינט"־קאָמיטע.

חדשים נאָכאַנאַנד איז די הילפס־אַרבעט געפירט געוואָרן דורך די צוויי קאָמיטעס. אונזער באַוועגונג האָט זיך אין יענע חדשים מער באַשעפטיקט מיט די אָנהויבן פון דער פּאָליטישער קאָנגרעס־באַוועגונג, ווי מיט דער הילפס־אַרבעט. די גאַנצע אידישע גאַס, מיט דער אויסנאַם פון די אָרטאָדאָקסן און דער גרופּע אַרום דער אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע, האָט זיך נאָך דאַן אין דער רעליף־אַרבעט ניט צעוואָרעמט. וויסנדיק, אַז צוויי קאָמיטעס באַ־שעפטיקן זיך מיט דער הילפס־אַרבעט; אַז אייניקע אידישע פּאָליטישע אָרגאַ־ניזאַציעס, אידישע יוניאָנס און פשוט'ע אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס זיינען אָפיציעל אָנגעשלאָסן אָן די צוויי קאָמיטעטן; אַז אייניקע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געזאַמלט צווישן זייערע מיטגלידער פאַר די רעליף־פאָנדן און עס איבערגעשיקט צו איינער פון די צוויי עקזיסטירנדיקע קאָמיטעס, — האָט מען זיך דערמיט באַגנוגנט. אין ווינטער פון 15־1914 איז דעריבער קיין פאַרזוך אויפצובויען אַ זעלבסטשטענדיקע רעליף־אָרגאַניזאַציע צווישן די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן ניט געמאַכט געוואָרן. פילע יחידים האָבן אָבער געגומען שפּירן, אַז די לאַגע איז ניט קיין געזונטע. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך, ווי געזאָגט, אַרומגעקליבן אַרום דער סענטראַל רעליף. געווען אויך צווישן זיי אייניקע, וואָס האָבן, נאָך דער גרינדונג פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע״, געדיינקט, אַז די סענטראַל רעליף דאַרף זיך אויפלייזן. גע־

רעכט זיינען זיכער געווען די געגנער פון אויפלייזונג. די ספעציעלע קאָמיטעס האָבן סטימולירט די זאַמלונגען אין זייערע קרייזן. זיי האָבן דורך זייער זעלבסט־שטענדיקער עקזיסטענץ געהאַט אַ בעסערע מעגלעכקייט משפיע צו זיין אויף דעם אופן, ווי דאָס געלט איז צעטיילט געוואָרן. דער דאָזיקער ענין איז גאָר גיך געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע קאַמפּס־פּונקטן אין דער הילפס־אַרבעט. די אָרטאָדאָקסישע אידן האָבן אַלזאָ גלייך פון אָנהייב אי אַליין געזאַמלט געלט, אי געהאַט אַ דעה אין דער צעטיילונג. די ניט־אָרטאָדאָקסיש־אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אין די ערשטע דריי פערטל יאָר פון דער מלחמה זייער חוב צו דער הילפס־אַרבעט דערפילט בלויז אין אַ זייער קליינער מאָס. קיין דעה אויף דער צעטיילונג האָבן זיי לחלוטין ניט געהאַט.

די אומצופרידנקייט מיט דער לאַגע איז געשטאַרקט געוואָרן דורכדעם, וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן די נייגונגען פון די „דזשאָינט"־פירער, וואָס דאָס זיינען געווען די זעלביקע פירער פון דער אַמעריקען־דזשואיש רעליף קאָמיטע, צו באַהערשן די גאַנצע הילפס־אַרבעט. בעיקר האָט געהאַלטן אין שטייגן די אומצופרידנקייט איבער דעם, וואָס „דזשאָינט" האָט, אין זיינע פאַר־בינדונגען מיט דעם אייראָפּעאישן אידנטום, אַרויסגעוויזן אַלץ מער די נייגונג איבערצוגעבן די דעה אויף דער צעטיילונג פון די רעליף־געלטער די עקסטרע־מע אידישע אַסימילאַנטן אין דייטשלאַנד און עסטרייך. די הויפּט־הילפס־אַרבעט האָט מיט יעדן חודש אַלץ מער געדאַרפט געפירט ווערן דורך דייטשלאַנד און עסטרייך, ווייל זייערע אַרמייען האָבן געהאַלטן כסדר אין איין פאַרנעמען וואָס גרעסערע טיילן פון דעם אידישן תחום־המושב פון פריערדיקן רוסלאַנד. דער „דזשאָינט" האָט זיך פאַרבונדן מיטן דייטשן הילפס־פאַראיין אין בערלין און מיט דער אָפּטיילונג פון „אַליאַנס איזראַעליט" אין ווין, ביידע באַהערשט פון עקסטרעמע אַסימילאַנטן. עס איז דעריבער צייטיק געוואָרן די תשוקה אין דער אידישער דעמאָקראַטיע סיי צו טאָן מער פאַר רעליף און סיי משפיע צו זיין אויף דער געלט־צעטיילונג.

די איניציאַטיוו צו גרינדן די פאָלקס־הילף קאָמיטע, וואוהין אונזער השפעה האָט זיך נאָכדעם איינגאַנצן אַריבערגעטראָגן, האָט גענומען אויף זיך אונזער חבר יואל ענטין. ער האָט אין מאַי 1915 צוזאַמענגערופן אַ גרופּע פון אידישע אַרבעטער־פירער און פערזענלעכקייטן פון דער אידישער „איסט־סייד", דער חוט־השדרה פון דעם דעמאָלטיקן פאָלקס־אידנטום. די ערשטע זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הויז פון דעם דעמאָלט זייער אַקטיוון ד"ר ש. עלס־בערג, וואָס האָט אויך באַלאַנגט צו אונזער באַוועגונג. פון דער התחלה איז אַרויסגעקומען די ערשטע גרעסערע צוזאַמענקונפט, אָפּגעהאַלטן אָנהייב יוני 1915. אויף דער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען די הויפּט־דיסקוסיע, צי מען זאָל בכלל גרינדן אַ באַזונדערע פאָלקס־הילפס־קאָמיטע. דער הויפּט־געגנער פון דעם געדאַנק איז געווען ד"ר י. ל. מאַגנעס. ביי יענער זיצונג איז פאָרגע־קומען זייער אַ העפטיקער וואָרט־געראַנגל צווישן אים — מאַגנעסן — און שלום אַש'ן, וועלכער איז געווען פאַר דער גרינדונג פון אַזאַ קאָמיטעט. דעם נאָמען „פאָלקס־הילפס־קאָמיטעט" האָט טאַקע שלום אַש פאָרגעשלאָגן. דער וואָרט־

גערשנגל איז פארגעקומען צוליב ניט־העפלעכע ווערטער, וואס מאגנעס האט אדרעסירט אויפן חשבון פון דער אידישער פאלקס־מאסע, צוליב איר גלייכגילטיקייט אין דער רעליף־ארבעט. מאגנעס האט שפעטער די ווערטער צוריקגעצויגן. ווען עס איז באשלאסן געווארן דעם קאמיטעט צו גרינדן, האט מאגנעס גלייך אויפן ארט דערקלערט זיין גרייטקייט מיטצוהעלפן אין דער ארבעט. ער האט זיין ווארט טאקע געהאלטן. ער האט שפעטער זייער פיל געהאלפן דער פיפלס רעליף.

א דריטע זיצונג, אין וועלכער עס האבן שוין אנטייל גענומען איבער הונדערט פראמינענטע אידן פון דער „איסט־סייד", איז אפגעהאלטן געווארן אין מיטן יוני. דארטן איז די ארגאניזאציע ענדגילטיק געגרינדעט געווארן מיט אונזער חבר עלסבערג אלס צייטווייליקן פארזיצער און מיט אונזער חבר יואל ענטין אלס צייטווייליקן סעקרעטאר. פארשיידענע פלענער זיינען אויסגעארבעט געווארן, ווי אזוי אנצוגיין מיט דער פאקטישער זאמל־ארבעט. א פארשלאג איז אנגענומען געווארן צוזאמענצורופן א ברייטע פאלקס־קאנפערענץ פון אלע ניו־יארקער אידישע ארגאניזאציעס, כדי צו געבן דער ארבעט דעם נויטיקן פארנעם.

די קאנפערענץ איז פארגעקומען דעם 8טן אויגוסט 1915. צווישן די 110 ארגאניזאציעס, וואס האבן אין דער קאנפערענץ אנטיילגענומען, זיינען שוין געווען דרייצן צווייגן פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד. די פארטייפאראייניגן האבן זיך, נאטירלעך, אויך באטייליקט. איייניקע אונזערע חברים זיינען געקומען אלס פארטרעטער פון פארשיידענע פאלקס־ארגאניזאציעס. עטלעכע דעלעגאטן האבן מיר געהאט אלס פארטרעטער פון יוניאנס. מיר האבן אלזא פארמאגט א גאנץ אנגעזעענעם כוח אויף דער קאנפערענץ. די מאיאריטעט דעלעגאטן זיינען אבער געשטאנען אונטער דער השפעה פון דעם דעמאלט זייער איינפלוסרייכן אנטי־ציוניסטישן בלאק, וואס איז באשטאנען פון ארבעטער־רינג, דער גרויסער מאיאריטעט אידישע טרייד־יוניאן־פירער, דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע (איצטער — „אידישער סאציאליסטישער פארבאנד") און דעם „פארווערטס". און טראץ דעם, וואס די קאנפערענץ האט זיך הויפטזעכלעך אפגעגעבן מיט פראקטישע פראגן, איז שוין אבער אויף איר פארגעקומען א זייער העפטיקער קאמף צווישן אונזער ריכטונג און דער מאיאריטעט.

שלום אש האט פארגעשלאגן א דעקלאראציע וועגן דעם כאראקטער פון דער הילפס־ארבעט. דער זין פון דער דעקלאראציע איז אנגענומען געווארן אויף דער צווייטער יערלעכער ניו־יארקער קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין אויגוסט 1916. נאך קלערער איז דער דאזיקער זין ארויסגעבראכט געווארן אין דער ערשטער נאציאנאלער דעקלאראציע פון פיפלס רעליף, אויף איר ערשטער נאציאנאלער קאנווענשאן, אפגעהאלטן אין מיטן נאוועמבער 1916 אין באסטאן. אבער אויף דער ערשטער קאנפערענץ, אנהויב אויגוסט 1915, האט די מאיאריטעט די פון שלום אש'ן פארגעשלאגענע דעקלאראציע פארווארפן. איבעריק צו פארציכענען, אז אונזער בלאק האט געפירט דעם קאמף פאר דער דעקלאראציע.

און שוין דאָן איז געקומען צום אויסדרוק אונזער שטעלונג צום גאַנצן וועזן פון רעליף. אונזערע געגנער האָבן אונז באַשולדיקט, אַז מיר זוכן אויסצושפּילן פּאַרטיי־פּאָליטיק. די דאָזיקע באַשולדיקונג האָבן מיר אויך אין די שפּעטער־דיקע יאָרן אָפט געהערט קעגן אונזער טאַקטיק אין דער הילפס־אַרבעט. אויב ריכטיק פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון אַ היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע איז געווען פּאַרטיי־פּאָליטיק, נעמען מיר אָן דעם פאָרוואורף פון אונזערע געגנער. אויב אַ פאַרזוך צו געבן דער רעליף־אַרבעט די געהעריקע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַזע; ניט אויסשליסן דעם רעליף־פּראָבלעם פון אַלע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע בויטן פון אידישן פאָלק; באַשטיין אויף דעם, אַז די הילפס־אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלן המשך, פון ראַ־טעווען דאָס גאַנצע פאָלק און ניט בלויז ראַטעווען אידישע יחידים — אויב דאָס איז עס, וואָס אונזערע געגנער האָבן אונז געוואָלט פאַרוואַרפן, מעגן מיר דעם פאָרוואורף אָננעמען. מיר האָבן דערפון קיינמאָל קיין סוד ניט געמאַכט. און איבערגייענדיק אין געדאַנק די פאַרשיידענע עפּאָכן פון דער הילפס־אַרבעט, דוכט מיר, אַז מען קען פעסטשטעלן אַ ריכטליניע, לויט וועלכער עס זיינען גע־גאַנגען אירע עליות און אירע ירידות: ווען די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין ליכט פון די נאַציאָנאַלע צילן פון אידישן המשך און אין פאַרבינדונג מיט זיי איז געווען ברכה אין דער אַרבעט. און אַז עס איז געווען ברכה, זיינען אוודאי געווען גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר דער פשוטער רעטונגס־אַרבעט פון אידישע לעבנס. די רעליף־אַרבעט איז דעמאָלט אויך געוואָרן אַן אָנשפּאַר פאַר אידיש־פּאָליטישע אינטערעסן. איז אָבער די אַרבעט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער גאַנ־צער ראַם פון אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אידיש־פּאָליטישע המשך־פּראָבלעמען און איז אָועקגעשטעלט געוואָרן אויפן באַזיס פון בלויז הילף פאַר אידישע יחידים, דעמאָלט איז רעדוצירט געוואָרן די מאָס פון פשוט׳ער רעטונגס־אַרבעט, און די רעליף־אָרגאַנען זיינען אָפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין אין וועג פאַר אידיש־נאַציאָנאַלע צילן.

קלערער ווי אין אַנדערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס איז עס בולט געוואָרן אין פּיפּלס רעליף. ווייל ער איז באַשטאַנען פון פאָלקס־מאַסן, איז אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן באַגריפן די קאָלאָסאַלקייט פון דער הילפס־אַרבעט פאַרן נאַציאָ־נאַלן המשך, פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון גאַנצן אידישן פאָלק, פון וועלכן זיי זיי־נען אַליין אַ טייל, אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן געזען אין דעם אַ נאַציאָנאַלע זעלבסט־רעטונג, אין דער דאָזיקער מאָס האָבן זיי אַריינגעלייגט ענערגיע אין דער אַרבעט און טאַקע אַליין בייגעשטייערט. איז דער דאָזיקער באַוואוסטזיין געשטיגן, איז די אַרבעט געשטיגן; איז ער געפאַלן, איז די אַרבעט געפאַלן.

אונזערע געגנער האָבן אָבער דעם שטאַנדפּונקט ניט געוואָלט אָננעמען. זיי האָבן געזאָגט פשוט: מיר גייען זאַמלען געלט צו העלפן אידישע מלחמה־קרבנות. אַנדערע זאַכן אינטערעסירן אונז ניט. און אויף דער ערשטער קאָנ־פערענץ האָט דער ריין־פילאַנטראָפּישער צוגאַנג, געשטיצט פון מאַנגל אין גלויבן אין די פאָלקס־כוחות, מנצח געווען.

אַנדערש איז עס אָבער געווען אַ יאָר שפּעטער, ביי דער צווייטער ניו־יאָרקער קאָנפערענץ, דעם 4טן אויגוסט 1916. דורך דעם יאָר האָט דער פּיפּלס רעליף דורכגעפירט זייער באַדייטנדע אַרבעטן. עס האָט זיך אין משך פון דעם יאָר געגומען שרייבן דער שענסטער קאַפּיטל אין רעליף־בוך: די אַרמיי פון וואָלונטירן. זייער צאָל האָט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט דערגרייכט פילע טויזנטער. וואָך־איין וואָך־אויס זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אין דער אידישער גאַס, געקלאַפּט אין אַלע טירן, געמאָנט דעם חוב פון יעדן אידן און ניט געלאָזט איינשלאָפן דעם געוויסן פון דער אידישער באַפעלקערונג. גרויסע סכומים זיינען דורך זיי דירעקט געזאַמלט געוואָרן. גרויסן כבוד האָבן זיי פאַרשאַפט דעם אַמעריקאַנער אידנטום. ווען זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון דער אידישער אָרעמקייט, האָבן זיי אויך געקלאַפּט אין די הערצער פון אידישע גבירים. סיי דער וועזן פון דער הילפס־אַרבעט, סיי די ממשות׳דיקע סכומים זיינען דורך זיי באַדייטנד אויפגעהויבן געוואָרן.

דער ערשטער וויכטיקער אַרויסטריט פון דער וואָלונטירן־אַרמיי איז פאָר־געקומען דעם 29טן דעצעמבער, 1915. אויף יענעם טאָג האָט די פּיפּלס רעליף באַשטימט דורכצופירן אַ טעג־טאָג אין ניו־יאָרק. יענעם טאָג האָט אי געשנייט אי גערעגנט. עס איז פשוט געווען סכנות־נפשות אין גאַס אַרויסצוגיין. מר. פעליקס וואַרבורג, דער פאָרזיצער פון „דזשאָינט״, האָט טעלעפאָנירט ד״ר עלס־בערגן, דעם פאָרזיצער פון טעג־טאָג־קאָמיטעט, און אים געבעטן אָפּצושטעלן די אַרבעט, ווייל עס איז געווען אַ געפאַר אַרויסצושיקן מענטשן אין גאַס. ד״ר עלסבערג האָט אים געענטפערט, אַז די וואָלונטירן זיינען שוין אויף די באַ־שטימטע ערטער, אַז אַלץ, וואָס ער קען טאָן, איז אַרויספאָרן אין די פאַרשיידענע באַשטימטע וואָלונטירן־סטאַנציעס און זיי איבערגעבן זיין — וואַרבורגס — מיינונג. עלסבערג האָט טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער קיין איינציקער וואָלונטיר האָט די אַרבעט ניט אויפגעגעבן. הונדערטער פון זיי האָבן יענעם טאָג אָנגע־פילט די גאַסן פון ניו־יאָרק. מר. וואַרבורגס וואָרנונג האָט זיך, לײדער, אַרויס־געוויזן באַרעכטיקט. צענדליקער וואָלונטירן זיינען יענעם טאָג קראַנק געוואָרן. צוויי זיינען באַלדעם געשטאָרבן. אָבער זייער שליחות האָבן זיי דורכגעפירט. די געלט־זאַמלונג אַליין איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דורך ניקלס און דיימס זיינען אין ניו־יאָרק געזאַמלט געוואָרן 25 טויזנט דאָלאַר, אָבער ניט אין דעם איז באַשטאַנען די הויפּט־באַדייטונג פון יענעם טאָג. דאָס רעליף־פּראָבלעם איז דורך יענעם טעג־טאָג מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אַריינגעשטויסן געוואָרן אין האַרץ און מוח פון ניו־יאָרקער אידנטום. פון דאָרטן איז עס אַריבער צו אַלע אידן פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

איין חודש שפּעטער האָט די וואָלונטירן־אַרמיי געהאַט נאָך אַ בעסערע געלעגנהייט צו באַווייזן איר אַרבעט און דערגרייכונגס־פעאיקייטן. דורך באַ־מיאונגען פון פאַרשטייער פון סענטראַל רעליף האָט דעם 12טן יאַנואַר 1916 פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט דעם 27טן יאַנואַר 1916 אַלס ספּעציעלן טאָג פאַר

אידישן רעליף.* יענער טאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פאַרן אידישן פאָלק און זיינע ליידן. ער האָט זיך טאַקע גערופן „דער אידן־טאָג“. אויסער דעם זיינען טאַקע גרויסע סכומים געזאַמלט געוואָרן סיי דורך אידן, סיי דורך ניט־אידן. אונזער וואָלונטירן־אַרמיי האָט זיך ווידער געלאָזט שטאַרק פילן. דורך איר אַליין איז געזאַמלט געוואָרן 59 טויזנט דאָלאַר, וואָס איז אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ קאָלאָסאַלער סכום, ווייסנדיק, אַז די ביישטייערונגען זיינען געווען ניקלס און דאַימס.

עטלעכע וואָכן נאָכן „אידן־טאָג“ איז אין ניו־יאָרק דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסער באַזאַר פאַר פיפלס רעליף. דער ריינער ריווח פאַרן רעליף איז געווען אַרום הונדערט טויזנט דאָלאַר. אָבער ווידער אַמאָל איז דער עיקר געווען: די פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן די וואָלונטירן געזאַמלט די סחורה. אין אַלע גאַסן פון ניו־יאָרק האָט מען באַגעגנט די ספעציעלע וועגענער מיט די וואָלונטירן. דער באַזאַר אַליין האָט פיל ביגעטראָגן צום פראָצעס פון ווייטער וועקן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. אַ פאָר וואָכן שפעטער איז, ווידער אַמאָל דורך די וואָלונטירן, דורכגעפירט געוואָרן דער ספעציעלער י. ל. פרץ־„באָטן־טאָג“, אַ זאַמלונג ספעציעל פאַר די אידישע קינדער־שולן און קינדער־היימען אין די מלחמה־לענדער. אין דער אַרבעט האָט זיך שוין דאָס גאַנצע לאַנד באַטייליקט, ווייל אין פאַרלויף פון די עטלעכע חדשים זיינען אויסגעוואַקסן פאָלקס־הילף־קאָמיטעס אין די וויכטיקסטע שטעט פון אַמעריקע. דער פיפלס רעליף האָט דעריבער געמוזט אויפשטעלן אַ ספעציעלע אָפטיילונג אָנצופירן די אַרבעט אין דער פראָווינץ. אין פעברואַר 1916 האָט די דאָזיקע אָפטיילונג שוין פונקציאָנירט. דער פרץ־„באָטן־טאָג“ איז דורכגעפירט געוואָרן אין מיטן אַפריל 1916 צום ערשטן יאָרצייט פון יצחק לייבוש פרץ. און די וואָלונטירן האָבן ווידער זיך געלאָזן אין די אידישע גאַסן. דעם 25טן יוני 1916 איז דורכגעפירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד אַ ספעציעלער בלומענטאָג. פון אַטלאַנטיק ביזן פאַסיפיק, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, האָבן די וואָלונטירן ווידער געקלאַפט סיי אין די טירן, סיי אין די הערצער פון אַמעריקאַנער אידן. אויסער די אַלע ספעציעלע זאַמלונגען האָבן די וואָלונטירן יעדן זונטיק זייער חוב ניט פאַרנאַכלעסיקט. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ פאָר יאָר נאָכאַנאַנד. די הילפס־אַרבעט האָט מיט זיך דאַן פאָרגעשטעלט אַ פאָלקס־באַוועגונג אין אמת׳ן זין פון וואָרט. שפעטער־צו האָבן די קאָמפאַניעס פאַר רעליף זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין אַ מער מעכאַנישן פראָצעס. עקספערטן האָבן גענומען צוגרייטן מער פראַקטיש־אויסגעפלאַנטע קאָמפיינען. די נשמה האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אויסוועפן פון דער אַרבעט. צי האָט די הילפס־אַרבעט יאָ אָדער ניט געדאַרפט אַראָפגיין פון יענעם וועג פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, דיסקוטיר איך דאָ ניט. איך שטעל נאָר פעסט, אַז די שפעטערדיקע מער פראַקטישע מעטאָדן וואָלטן בשום־אופן ניט מעגלעך געווען, ווען ניט די עטלעכע יאָר וואָלונטירן־אַרבעט, וועלכע האָט אַזוי טיף אַריינגעוואָרצלט

* דער פולער טעקסט פון דער פראָקלאַמאַציע איז אָפגעדרוקט אין בוך „פיפלס רעליף אין אַמעריקע“, זייט 371.

אין הארץ פון אמעריקאנער אידנטום זיין פליכט צום אידישן פאלק בכלל און צו דער הילפס־ארבעט בפרט.

צו דער ארמיי פון וואלונטירן האט אונזער באוועגונג צוגעשטעלט א צאל מיטגלידער, פילפאך מער ווי דער פראצענט וואס מיר האבן אויסגעמאכט צווישן אלע ארגאניזאציעס, וואס האבן זיך ארום פיפלס רעליף ארומגעקליבן. האבן אונזערע חברים דען פארמאגט א גרעסערע מאס פון סתם מענטשלעכקייט, פון סתם רחמנות? — ניין! איך באהויפט, אז דער נאציאנאלער צוגאנג צום הילפס־פראבלעם האט אין זיי ארויסגערופן א טיפערן אחריות־געפיל. דערפאר האבן זיי זיך אפגערופן אין א פיל גרעסערער צאל, ווי נאר פיפלס רעליף האט באשאפן פאר זיי די מעגלעכקייט פון דירעקטער באטייליקונג. דער נאציאנאלער צוגאנג איז אלזא געווען ניט נאר טעארעטיש ריכטיק, ער האט אויך פראקטיש גרויסן נוצן געבראכט דער הילפס־ארבעט.

ווי א רעזולטאט פון אט די אלע דערשיינונגען איז אין פיפלס רעליף מער צייטיק געווארן א פארשטענדיקונג פאר אונזער איינשטעלונג אין דער הילפס־ארבעט. מענטשן האבן אנגעהויבן צו באגרייפן, אז ניט א פארטיי־עקשנות רעדט פון אונז ארויס, נאר א טיפע אינערע איבערצייגונג. די געגנער זיינען דורכדעם ניט ווייכער געווארן. פארקערט, זיי זיינען נאך מער פאר׳עקשנ׳ט געווארן קעגן אונז. אבער יענע, וואס האבן פריער ניט געגלויבט אין די פאלקס־כוחות, האבן באקומען מער פעסטקייט. די פארטרעטער פון די אומ־פארטייאישע אידישע פאלקס־מאסן אין פיפלס רעליף האבן זיך גענומען ערנסטער צוהערן צו אונז.

דערמיט דערקלערט זיך, וואס אויף דער צווייטער קאנפערענץ אין ניו־יארק, אין אויגוסט 1916, איז אנגענומען געווארן די דעקלאראציע, וואס די ערשטע ניו־יארק־קאנפערענץ האט פארווארפן. און אויף דער ערשטער נאציאנאלער קאנווענשאן, אפגעהאלטן אין באסטאן אין נאוועמבער 1916, איז די דעקלאראציע נאך קלערער ארויסגעבראכט געווארן. די דאזיקע קורצע דעקלאראציע פאר־דינט זיכער דא געבראכט צו ווערן. זי שטעלט מיט זיך פאר אן אידעאישן צוגאנג צו דער הילפס־ארבעט, פאר וועלכער אונזער באוועגונג האט אזוי העפ־טיק געקעמפט. די דעקלאראציע לייענט זיך:

„די נאציאנאלע קאנווענשאן פון פאלקס־הילף־קאמיטעט, פארזאמלט אין באסטאן, דערקלערט:

„די הילף, וואס ווערט געזאמלט צווישן אידישן פאלק אין די נייטראלע לענדער פאר דעם אידישן פאלק אין די מלחמה־לענדער, איז בשום־אופן ניט קיין קיצבה, קיין צדקה, קיין פילאנטראפיע; עס איז ניט די שטיצע, וואס ווערט פון א יחיד צוגעטיילט א יחיד, נאר די נאטירלעכע און ארגא־נישע אנשטרייגונג פון איין טייל פון אידישן פאלק פארן צווייטן, פאר דער היסטארישער דערהאלטונג און קיום פון דער גאנצער אידישער נאציע;

„די נאציאנאלע קאנווענשאן פון דער פאלקס־הילף־קאמיטע דער־קלערט ווייטער, אז די הילף, וואס ווערט געזאמלט פאר דעם אידישן פאלק אין די מלחמה־לענדער, האט ניט בלויז דעם צוועק צו דערהאלטן די פשוט׳ע פיזישע עקזיסטענץ, נאר אויך צו דערהאלטן ביים לעבן דעם

גייסט פון דעם רואיִנירטן פֿאָלק, צו דערהאַלטן ביים לעבן די אידישע קולטור, צו געבן דעם געפּייניקטן פֿאָלק די מעגלעכקייט צו דערציִען דעם יונגן דור אין איינקלאַנג מיט דעם וואונטש פון די אידן אין די פֿאַרשיידענע ערטער;

„די נאַציאָנאַלע קאָנוועַנשאָן דערקלערט אויך, אַז די הילף פֿאַר די אידן אין די מלחמה־לענדער טאָר ניט זיין בלויז אַ דערוויילִיקע, נאָר אויך אַ דויערהאַפֿטע. זי מוז העלפֿן די רואיִנירטע אידן סיי אין די אַלטע ערטער, סיי אין די נייע ווי אַמשנעלסטן צוריקצוגעווינען זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, זיי זאָלן זיך מער ניט נויטיקן אין הילף;

„די נאַציאָנאַלע קאָנוועַנשאָן ווענדט זיך מיט דער פייערלעכסטער אויפפאָדערונג און פליכט־דערמאָנונג צו אַלע אידן פון אַמעריקע, אַז זיי מוזן זיך מיטן פולן האַרצן אַריינוואַרפֿן אין דער רעליף־אַרבעט, סיי מיט זייער געלט, סיי מיט זייער מי און באַגייסטערונג. איבערהויפּט פֿאָדערט די קאָנוועַנשאָן אויף די אידישע יוגנט אין אַמעריקע, זי זאָל באַצאָלן איר פֿאָלק דעם זעלבן חוב, וועלכן די יוגנט פון אַנדערע פֿעלקער באַצאָלט צו זייערע פֿעלקער אין צייט פון נאַציאָנאַלן אומגליק און נאַציאָנאַלער סכנה;

„אידן פון אַמעריקע! געדענקט דעם איצטיקן מאָמענט! געדענקט אייער איצטיקע היסטאָרישע פֿליכט! די ווירדע פון דעם אַמעריקאַנער אידן און די טראַגיק פון דעם איצטיקן מאָמענט פֿאָדערן פון אונז די גרעסטע קרבנות און די פולסטע האַרמאָניע פֿאַר דער רעטונג און זעלבסטדערהאַלטונג פון אונזער פֿאָלק".

4

פילע איינצלנע עפּיזאָדן אין דער רעליף־אַרבעט האָבן כסדר אונז געהאָלפֿן אַרויסצוברענגען אונזער שטעלונג אין דער הילפֿס־אַרבעט. ניט אַלע פון זיי קענען אויסגערעכנט ווערן. די וויכטיקסטע פון זיי דאַרפֿן אָבער באַצייכנט ווערן, הויפּטזעכלעך טאַקע יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו אונזער אינעווייניקסטן קאַמף אין דער רעליף־אַרבעט פֿאַר אַ געזונטן נאַציאָנאַלן בליק. אין פילע פון די עפּיזאָדן איז אויך געוועזן פֿאַרוועבט אונזער שטעלונג צום „דזשאָינט". ווען די וויכטיקסטע עפּיזאָדן וועלן פֿאַרצייכנט ווערן, וועט מיר בלויז איבערבלייבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער איצטיקער לאַגע אין דער רעליף־אַרבעט און אונזער באַציאונג צו איר.

א) איינער אַזאַ וויכטיקער עפּיזאָד האָט פּאַסירט אין דער אויבן־געשילדערטער צייט, נאָך פֿאַר דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנוועַנשאָן. דער פּיפּלס רעליף איז שוין דאַן געווען אַנגעשלאָסן אָן „דזשאָינט". אַרום עצם־אַנשלוס איז אויך פֿאַרגעקומען אַ שאַרפֿער געראַנגל. אונזער צד איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז דער צוזאַמענשטעל פון „דזשאָינט" זאָל זיין באַגרינדעט אויף פּאַריטעט: אַלע דריי קערפּערשאַפֿטן זאָלן זיין פֿאַרטראַטן דורך גלייכע צאָלן מיטגלידער. די פריערדיקע פּראַקטיק איז געווען, אַז די צוויי רעליף־קערפּערשאַפֿטן האָבן אין „דזשאָינט" געהאַט צו פיר פֿאַרטרעטער, אָבער אַט די אַכט פלעגן אָפּהאַלטן זיצונגען צוזאַמען מיט דער גאַנצער עקזעקוטיווע פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף־קאָמיטע". אויף די דאָזיקע זיצונגען זיינען עס געפּאַסט געוואָרן די

באשלוסן, ווי אזוי דאס געלט זאל צעטיילט ווערן אין די מלחמה־לענדער, און מיט וועלכע עלעמענטן דער „דזשאינט" זאל זיך אין אייראפע פארבינדן. די דאזיקע פראקטיק האט אויך אנגעהאלטן פאר א לאנגער צייט נאכדעם ווי דער פיפל סרעליף איז שוין אויך געווען אנגעשלאסן. דעם פיפלס רעליף איז אנגעבאטן געווארן דריי פארטרעטער אין „דזשאינט". פארוואס דריי? — ווייל דער דעמאלטיקער טשערמאן פון פיפלס רעליף — קאנגרעסמאן מאיר לאנ־דאן — איז אויך געווען א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער „אמעריקען דזשואיש רעליף קאמיטע". האט ער זיך דאך סיי ווי באטייליקט אין די זי־צונגען, ווען די צעטיילונג פון געלט איז באשלאסן געווארן. האט מען אים פארעכנט אויפן חשבון פון פיפלס רעליף. מען האט אבער ניט פארעכנט אויפן חשבון פון אמעריקען דזשואיש רעליף קאמיטע די איבער 20 אנדערע מיטגלידער פון איר עקזעקוטיווע, וואס האבן זיך אין די דאזיקע מיטינגען באטייליקט. געזיגט האט דעמאלט אין פיפלס רעליף יענער צד, וואס איז געווען גרייט אלץ אנצונעמען פון די דעמאלטיקע פירער פון „דזשאינט". דער פיפלס רעליף האט זיך באנוגנט מיט דריי פארטרעטער. זיי זיינען געווען: שלום אש, ד"ר פאול קאפלאן און מאריס ראטענבערג.*

א קורצע צייט נאך אונזער אנשלוס האט פאסירט פאלגנדעס: דער „דזשאינט" האט באשלאסן צו שיקן א דעלעגאציע קיין אייראפע אויסצופארשן די אידישע לאגע און אויסצוגעפינען, ווי אזוי די הילפס־געלטער קענען אמ־בעסטן פארווענדט ווערן. לכתחילה האט „דזשאינט" געוואלט שיקן נאר איין מענטשן. נאך א געראנגל מיט די קאמיטעס איז באשלאסן געווארן, אז די דע־לעגאציע זאל באשטיין פון עטלעכע מיטגלידער און אז איינער פון זיי זאל געוויילט ווערן פון פיפלס רעליף. האט אונזער צד ארויסגעשטעלט די קאנדי־דאטור פון יצחק אייזיק הורוויטש און דער צד שכנגד — דזשעיקאב פענקין. דער טשערמאן פון דער גאנצער קאמיטע איז שוין געווען אויסגעקליבן: ד"ר י. ל. מאגנעס.

דער דאזיקער געראנגל איז געווען זייער א פארביטערטער. אונזער צד האט ווידער פארלוירן. די געגנער האבן מאביליזירט אלע כוחות. זיי איז עס געגאנגען וועגן דעם פרעסטיזש פון זייער באוועגונג, וועלכע איז דאן געווען די שטארקסטע אין דער אידישער גאס. פאקטיש האט זיך אויסגעלאזן, אז פענקין איז אויך ניט געפארן. געפארן איז בלויז ד"ר מאגנעס. אויף די פארשיידענע אינטערפעלאציעס, וואס זיינען פון פיפלס רעליף געמאכט געווארן, איז געקומען דער ענטפער: די אנדערע מיטגלידער, אויסער מאגנעס, זיינען געבוירענע פון רוסלאנד. מען האט דעריבער ניט געקענט פאר זיי קריגן קיין פאספארטן.

---

* אין 1916 און 1917 זיינען פארגעקומען רעארגאניזאציעס אין „דזשאינט". דאס האט געפירט דערצו, אז פיפלס רעליף האט באקומען פינף פארטרעטער. די פערמאנענטע פינף פארטרעטער זיינען געווען: שלום אש (מיט א הפסקה אויף א קורצער צייט אין 1917), אלעק־סאנדער קאהאן, מאריס ראטענבערג, מאיר גילים און דער שרייבער פון די שורות. ד"ר פאול קאפלאן איז ליידער געשטארבן אין מיטן דער ארבעט. א קורצע צייט איז אויך לואי ליפסקי געווען א פארטרעטער פון פיפלס רעליף אין „דזשאינט".

דער דאָזיקער געראַנגל האָט חדשים נאָכאַנאַנד, סיי פאַר די וואַלן, סיי נאָך די וואַלן, צעטיילט דעם פּיפּלס רעליף אויף צוויי באַזונדערע געגנערישע מחנות. מיר האָבן, נאָך אונזער דורכפאַל, זיך געמוזט פאַרפאַנצערן מיט אַ סך כוח, כדי אין פּיפּלס רעליף צו בלייבן. מיר האָבן אין דעם דורכפאַל געזען אַ קלאַפּ קעגן אונזער איינשטעלונג, ווייל פענקין איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעמפער קעגן איר, בלויז אַ שאַרפער אַחריות־געפיל האָט אונז געהאַלטן אין פּיפּלס רעליף.

ב) אַ צווייטער עפּיזאָד, נאָך אַ פיל ביטערער פאַר אונז, איז פאָרגעקומען אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן קאָנווענשאָן גופא. קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנ־דאָן, דער טשערמאַן פון פּיפּלס רעליף, האָט ביי דער גרויסער עפנטלעכער פאַר־זאַמלונג לכבוד דער קאָנווענשאָן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויס־געלאַכט אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע איינשטעלונגען אין דער רעליף־אַרבעט. די רעדע האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג. פּנחס רוטענבערג, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צו יענער קאָנווענשאָן, האָט געוואָלט אויף מאָרגן פאָרלייענען אַ דערקלערונג וועגן לאָנדאָנ׳ס רעדע. מיט 52 שטימען קעגן 43 איז רוטענ־בערג׳ס פאָרלאַנג אָפּגעוואָרפן געוואָרן. רוטענבערג׳ס דערקלערונג איז געווען אַ שריפטלעכע. זי פאַרדינט דאָ איבערגעגעבן צו ווערן. זי האָט געלויטעט:

„טויזנטער אידן זיינען געקומען צום נעכטיקן ריזיקן מאַסן־מיטינג און דורך דער ערנסטער און פייערלעכער שטימונג אויסגעדריקט זייער נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיט די אידישע מלחמה־קרבנות אין אייראָפּע.

„דער טשערמאַן פון פּיפּלס רעליף, האָנאָראַבל קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, האָט אין זיין שלוס־רעדע געמאַכט צו שפּאָט די שטימונג און איב־האַלט פון די פריערדיקע רעדנער און האָט גערופן „אויפצוהערן בלאָפן וועגן דער אידישער פאַרגאַנגנהייט און זיך נאַריש מאַכן וועגן דער אידי־שער צוקונפט".

„דער גאַנצער טאָן און אינהאַלט פון זיין רעדע זיינען געווען ניט אויפן אָרט אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג און האָבן צעשטערט די נאַציאָנאַל־ברידערלעכע שטימונג, וואָס האָט אין איר געהערשט.

„דער כבוד פון אידישן פאָלק און פון די אידישע אַרבעטער איז מיין כבוד און אייער כבוד. אַלס איד און אַלס סאָציאַליסט פּראָטעסטיר איך קעגן דער רעדע פון מאיר לאָנדאָן אויף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג און שלאָג אייך פאָר, אויב איר וועט געפינען פאַר פּאַסנד, אָן דיסקוסיעס, אום ניט צו פאַרלירן אונזער צייט, אויסצודריקן אייער באַדויערונג וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען".

איבעריק צו פאַרצייכענען, ווי גרויס עס איז געווען אונזער פאַרביטערונג, ווען רוטענבערג׳ס פאָרלאַנג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אונזער געפיל פון אַחריות האָט אונז אָבער אויך דאָ אונטערגעזאָגט אָפּצוהיטן די גאַנצקייט און אַרבעטס־פעאיקייט פון פּיפּלס רעליף. פּנחס רוטענבערג אַליין, נאָכדעם ווי זיין פאָרלאַנג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט געבראַכט פאַר דער קאָנווענשאָן אַ גאַנצע רייע פאָרשלאָגן וועגן נייע אַרבעטס־פּלענער פאַר רעליף. ערשט ביי די וואַלן פאַר אַ נייעם טשערמאַן איז די פאַרביטערונג טיילוויז אויסגעדריקט געוואָרן. מאיר לאָנדאָן איז ווידער געווען דער קאַנדידאַט. און טראָץ דעם, וואָס לאָנדאָנ׳ס

פריינט האָבן אין זיין נאָמען פאַרזיכערט, אַז ער האָט ניט געמיינט דאָס, וואָס מען האָט אַריינגעטייטשט אין זיין רעדע, האָבן אַ פּאָר צענדליק דעלעגאַטן גע־פונען פאַר נויטיק צו רעגיסטרירן און פאַרפּראָטאָקאָלירן זייערע שטימען קעגן מאיר לאָנדאָן. צווישן זיי איז אויך געווען אונזער דוד בן גוריון, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער פּיפּלס רעליף־קאָנווענשאָן.

ג) אויף יענער ערשטער קאָנווענשאָן האָבן מיר אָבער געהאַט ניט בלויז עגמת־נפש. מיר האָבן אויך געהאַט גרויס נחת־רוח. אויסער דער אויבן־געבראַכטער דעקלאַראַציע, וואָס איז אויף איר אָנגענומען געוואָרן, זיינען אָנ־גענומען געוואָרן נאָך דריי וויכטיקע באַשלוסן, וואָס דאַרפן באַצייכנט ווערן אַלס נצחונות פון אונזער שטאַנדפּונקט.

עס איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען דער העפטיקער קאַמף אַרום דער קאָנ־גרעס־באַוועגונג. אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אַ ראַנגלעריי, צי דער ענין רעליף זאָל יאָ אָדער ניט פאַרהאַנדלט ווערן אויפן קאָנגרעס. מיר זיינען, נאַטירלעך, געווען פאַר דעם. מיר האָבן געוואָלט, דער קאָנגרעס זאָל אַריינגעמען אַלע אידישע פּראָבלעמען. אונזערע הויפּט־געגנער אין פּיפּלס רעליף זיינען געווען די זעלביקע כוחות, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דעם עצם־געדאַנק פון אַ אידישן קאָנגרעס. די קאָנווענשאָן פון פּיפּלס רעליף האָט אָבער אָנגענומען צוויי באַשלוסן וועגן דעם, ביידע אין אונזער זין.

דער ערשטער באַשלוס איז געווען: „די קאָנווענשאָן רעקאָמענדירט דער נייער 140 קאָמיטע (דאָס איז געווען די קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט צוזאַמענ־רופן דעם קאָנגרעס) פאַרן אידישן קאָנגרעס, זי זאָל אַרויפשטעלן אויפן טאָג־אָרדענונג פון קאָנגרעס די פראַגע פון קאָנסטרוקטיווער רעליף און אין פאַר־בינדונג מיט דעם באַטראַכטן די פראַגע פון אַ נאַציאָנאַלער הלוואה".

דער צווייטער באַשלוס, פאָרגעשלאָגן פון שלום אַש'ן, האָט געלויטעט: „אויב דער אידישער קאָנגרעס וועט איבערנעמען די רעליף־אַרבעט,... זאָל די נאַ־ציאָנאַלע פאַרוואַלטונג (פון פּיפּלס רעליף) צושטימען צו אַ געמיינשאַפטלעכן טרעזשורער".

אַ דריטע פראַגע, וואָס איז שטאַרק דעבאַטירט געוואָרן אויף דער קאָנווענ־שאָן, האָט זיך באַשעפטיקט מיטן פּראָבלעם פון אַריינציען נייע אַרבעטער און פאָלקס־כוחות אין אַ ספּעציעלן צעטיילונגס־אָרגאַן, וואָס „דזשאָינט" האָט אויפ־געשטעלט אין בערלין. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז אידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן זאָלן צוגעצויגן ווערן צום קאָמיטעט. די קאָנווענשאָן האָט זיך אָבער שאַרף צעטיילט אין דער פראַגע וועגן דעם טיפּ אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אונזער באַוועגונג איז געשטאַנען פאַר דעם, אַז נאָר אַזעלכע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען פאַר דער פאָדערונג פון אידישע נאַציאָנאַלע רעכט, זאָלן צוגעצויגן ווערן. שטאַרק געהאָלפן אין דעם האָט אונז ד"ר לעאָן מאָצ־קין, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער פּיפּלס רעליף־קאָנווענשאָן. דעם פּונקט האָבן מיר אויך געוואונען.

אין דעם פּונקט איז מיט אונז מיטגעגאַנגען אַ גרופּע בונדיסטן, מיט א. ליט־וואַק'ן בראש, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער קוואַליפיקאַציע. אַ גרופּע

אַלגעמיינע ציוניסטן, דאַגעגן, זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף ניט אַריינפירן קיין שום פּאָליטישע פראַגן אין דער הילפס־אַרבעט. ד״ר מאַצקין האָט זיי אויף דער טענה געענטפערט, זיי זאָלן ניט פאַרגעסן, אַז ווען דער פּאָליטישער מאָמענט וועט קומען, וועט מען ביי די, וועמען מיר האָבן געשיינקט אונזער צוטרוי אין דער הילפס־אַרבעט, שטאַרק פרעגן אויך וועגן אונזערע פּאָליטישע פראַגן.

ד) כדאַי אויך דאָ צו פאַרצייכענען, אַז אין נאָך איין מאָמענט אין דער רעליף־אַרבעט האָבן זיך אונזערע וועגן צוזאַמענגעטראָפן מיט די בונדישע פירער, וואָס האָבן דאָ אויך געפירט די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. אויף דעם 4טן צוזאַמענפאָר פון פיפּלס רעליף, אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע אין מיטן נאָוועמבער 1920, איז עס געקומען צו אַ זייער שאַרפן צוזאַמענשטויס וועגן אונזער פאַרבינדונג מיטן „דזשאָינט". מיר האָבן דעמאָלט געפאָדערט אַ באַלדיקן אַרויסטריט פון „דזשאָינט". די טענה דעמאָלט* איז געווען, אַז „דזשאָינט" רעכנט זיך ניט מיט די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער און אַז אירע אַרבעטס־מעטאָדן בכלל זיינען ניט צוגעפּאַסט צו די אמת׳ע נויטן פון די אידישע מאַסן. אונזער באַוועגונג, וואָס האָט שטענדיק פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון מער זעלבסטשטענדיקייט פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן און ווייניקער נאָכגיביקייט דער אידישער גביר׳אָקראַטיע, האָט דעמאָלט צוגעקראָגן די הילף פון די בונדישע פירער. צו אַן ענדגילטיקן אַרויסטריט האָבן מיר ניט געקענט ברייגגען. מיר האָבן זיך בלויז דערשלאָגן צו אַ טיילווייזער זעלבסטשטענדיקייט: די פּיפּלס רעליף האָט אויף יענער קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז „אַ פּראָצענט פון די געלטער, וואָס ווערן געזאַמלט פון פּיפּלס רעליף־קאָמיטע, סיי דירעקט, סיי דורך די „דזשאָינט"־דראַיווס, זאָל פאַרברויכט ווערן, לויט דער אָנווייזונג פון פּיפּלס רעליף, צו העלפן די אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין די מלחמה־לענדער, דורך די פאַראייניקטע אַרבעטער־רעליף־קאָמיטעטן אין איראָפּע". דאָס איז געווען דער קאָמפּראָמיס. ביים אָפּשטימען האָט אונזער בלאָק געשטימט קעגן דעם קאָמפּראָמיס, די בונדישע גרופּע — פאַר.

---

* צוזאַמענשטויסונגען וועגן באַציאונג מיטן „דזשאָינט" זיינען פאָרגעקומען זייער אָפט אין פּיפּלס רעליף. ניט איינמאָל האָט עס דערפירט צו פאָרשלאָגן וועגן אַרויסטריט. ניט אַלעמאָל זיינען אַזעלכע פאָרשלאָגן געקומען פון אונז. אויף אַ זיצונג פון פּיפּלס רעליף, אָפּגעהאַלטן דעם 19טן אָקטאָבער 1917, האָט שלום אַש געמאַכט אַזאַ פאָרשלאָג. שלום אַש איז ניט געווען אין אונזער גרופּע. ער איז בכלל געווען מחוץ פון יעדער גרופּע. אין זיין נאַציאָנאַלער אויסטייטשונג פון דער רעליף־אַרבעט איז ער אונז אַלעמאָל נאָענט געשטאַנען. זיין פאָרשלאָג איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער „דזשאָינט" האָט מיט עטלעכע טעג פריער באַשלאָסן, אַז דער רעליף־קאַמפּיין זאָל געפירט ווערן צוזאַמען מיטן קאַמפּיין פאַר דעם „דזשואיש וועלפעיר באָארד" (אַ קאָמיטע, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו זאָרגן פאַר די אידישע סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי). פּיפּלס רעליף איז געווען דורכאויס קעגן צוזאַמענמישן די צוויי פונקציעס אינאיינעם. אַלס פּראָטעסט קעגן „דזשאָינט" פאַר דעם באַשלוס, האָט שלום אַש געבראַכט זיין פאָרשלאָג, וועלכער איז אויך ניט אָנגענומען געוואָרן.

כאַראַקטעריסטיש איז דערביי געווען די שלוס־רעדע פון אונזער באַקאַנטן בונדיסט צביון. ער האָט געזאָגט:

„עס איז מיין ערשטע דערפאַרונג צו זיין אין אַ בלאָק מיט די פּועלי־ציון. מיין שטימונג איז ניט קיין געהויבענע, ווי נאָך אַ קאָמפּראָמיס. מיר איז זעלטן אויסגעקומען צו זיין אין אַ מאַיאָריטעט, און טאָמער האָט זיך מיר געטראָפן ביי דיזער קאָנווענשאָן יאָ צו זיין אין אַ מאַיאָריטעט, האָב איך זיך אַליין דערשראָקן זיך צו באַנוצן דערמיט. איך האָב מקנא געווען די פּועלי־ציון דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין דער מינאָריטעט און האָבן געקאָנט שטימען קעגן דער קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע. איך פיל זיך געשלאָגן דורכן קאָמפּראָמיס".

צביונ׳ס טעות איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז אונזער גרופּע האָט געשטימט קעגן קאָמפּראָמיס נאָר דערפאַר, ווייל מיר זיינען געווען אין דער מינאָריטעט. אונזער חשבון מיט „דזשאָינט" האָבן מיר די גאַנצע צייט געהאַט. מיר האָבן קיין סוד ניט געמאַכט, אַז מיר האָבן געזען אַ גרויסע געפאַר אין דעם, וואָס „דזשאָינט" האָט מאָנאָפּאָליזירט די הילפס־אַרבעט. פאַר אונז איז דאָס ניט געווען בלויז אַ פראַגע פון יענעם מאָמענט־אינטערעס, אַז אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין איראָפּע זאָלן ניט דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויפן חסד פון „דזשאָינט"־פאָרטרעטער. פאַר אונז איז „דזשאָינט׳ס" אַרויסשיילן די רעליף־אַרבעט פון גאַנצן קאָמפּלעקס פון אידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, איר ניט וועלן זיין פאַרבונדן מיט אַן אָרגאַניזירטן וועלט־פאָלק, ביי וועמען רעליף איז בלויז איינע פון זיינע פּראָבלעמען, „דזשאָינט׳ס" אויסגעוואַקסענע השפּעה צוליב זיין מאָנאָפּאָל אויף אידישע רעליף־פאָנדן, אַ השפּעה, וואָס ער נוצט אויס פאַר דער פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון זיינע עלעמענטן אין אידישן פאָלק, — אָט די אַלע אונזערע איינשטעלונגען קעגן „דזשאָינט", וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון אונזער נאַציאָנאַלן צוגאַנג צו דער רעליף־אַרבעט, האָבן אונז ניט געלאָזט אָננעמען קיין קאָמפּראָמיסן. דערפאַר זיינען אַזוי זעלטן געווען די פאַלן, ווען מענטשן פון צביונ׳ס איינשטעלונג זיינען געגאַנגען מיט אונז קעגן „דזשאָינט", אין די מערסטע פאַלן זיינען זיי געגאַנגען מיטן „דזשאָינט" קעגן דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אין דער הילפס־אַרבעט. איצט איז צביון דער געשוואוירענער אָפּהיטער פון „דזשאָינטס" מאָנאָפּאָל איבער דער רעליף־אַרבעט.

ה) די באַציאונג צו ארץ־ישראל איז גאַנץ אָפט פאַרהאַנדלט געוואָרן אין דעם פיפּלס רעליף. ארץ־ישראל, דאַרף מען געדיינקען, איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ דירעקט מלחמה־לאַנד מיט אַ סך מלחמה־קרבנות. די אַרבעט פון „דזשאָינט" האָט זיך אַלזאָ געדאַרפט אָפט באַשעפטיקן מיט ארץ־ישראל. די פאָרטרעטער פון פיפּלס רעליף האָבן געדאַרפט דאָרטן נעמען אַ שטעלונג. אויסער דעם האָט פיפּלס רעליף אַליין באַשטימט סכומים פאַר אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין אַלע מלחמה־לענדער. מען האָט דעריבער געמוזט באַשליסן אויך וועגן די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין ארץ־ישראל. דער קאַמף פאַר ארץ־ישראל אינם רעליף־געביט איז אַלזאָ געוואָרן איינע פון די באַדייטנדסטע אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג. אין די ערשטע יאָרן פון פיפּלס

רעליף איז אונזער קאַמף פאַר אָנערקענען ארץ־ישׂראל געווען זייער אַ שווערער. מיט יעדן יאָר ווייטער אין דער אַרבעט איז אונזער קאַמף געוואָרן אַלץ גרינגער. ארץ־ישׂראל האָט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַראינטערעסירט אידישע אַרבעטער, פירער און פאָרשטייער פון אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. פון די קולטור־פאָנדן פון פיפּלס רעליף האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט אַ פעסטע פּראָפּאָרציע: 10 פּראָצענט פון אַלע געלטער, וואָס פיפּלס רעליף האָט געשיקט פאַר אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן אין אַלע מלחמה־לענדער, איז געשיקט געוואָרן פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישׂראל. אונזער פאַרזוך דעם פּראָצענט צו פאַרגרעסערן, ווייל די קולטור־אינסטיטוציעס פון אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן, איז אונז ניט געלונגען. אָבער אונז איז געלונגען אַ וויכטיקערע זאַך: אידישע אַרבעטער־פירער האָבן זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישׂראל געמאַכט דורך פיפּלס רעליף. וואָס נעענטער זיי האָבן זיך באַקענט, אַלץ טיפער איז געווען זייער פאַראינטערעסירטקייט. ביז דער באַדן איז, דורך פיפּלס רעליף, צייטיק געוואָרן פאַר די מאַקס פיינס, די שיפּליאַקאָווס, די מאַקס צוקערמאַנס, די דזשעיקאָב גאָלדשטיינס און פילע אַנדערע צו ווערן די ערשטע בויער פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ־ישׂראל.

ו) די באַציאונג צו קולטור־אַנשטאַלטן און צום גאַנצן קולטור־וועזן איז אויך געווען אַ פונקט פון אינערן קאַמף אין דער רעליף־אַרבעט. אונזער באַוועגונג האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם באַשלוס פון פיפּלס רעליף איינצושליסן קולטור־אַרבעט אין הילפס־געביט. געווען אויך אין פיפּלס רעליף אייניקע געגנער. דעם הויפּט־קאַמף פאַר איינשליסן הילף פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן אין דער אַלגעמיינער הילפס־אַרבעט האָבן מיר אָבער געדאַרפט פירן אין „דזשאָינט". * ניט קיין קלענערע פיגור ווי לואיס מאַרשאַל איז נאָך ענדע זומער 1919 אַרויסגעטרעטן העפטיק קעגן דעם. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג אין האָטעל אַסטאָר, וואָס „דזשאָינט" האָט צוזאַמענגערופן אין אויגוסט 1919, אויסצוהערן אַ באַריכט פון אירע דעלעגאַציעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון אייראָפּע, האָט דער דאָזיקער העפטיקער קאַמף אויסגעבראָכן. פון דער זייט

---

* דער ערשטער קאַמף פאַר איינשליסן קולטור־אַנשטאַלטן צווישן די, וואָס באַקומען געלט פון די רעליף־פאָנדן, איז פאָרגעקומען אַזוי פרי ווי דעצעמבער 1916. פיפּלס רעליף האָט פאַרגעשלאָגן אין „דזשאָינט" אָפּצושיקן 10 טויזנט דאָלאַר קיין וואַרשע צום דינעזאָן, מעדעם און רייכמאַן־קאָמיטעט (אַ קאָמיטעט פאַר דער גרינדונג פון אידישע שולן און קינדער־היימען אין פוילן. דינעזאָן האָט פאַרטראָטן די אידישע שרייבער, מעדעם — דעם „בונד" און רייכמאַן — די פועלי־ציון). „דזשאָינט האָט זיך אָפּגעזאָגט. פיפּלס רעליף האָט דאַן רעוואָלטירט און אַליין פון אירע געלטער אָפּגעשיקט די 10 טויזנט דאָלאַר. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוברייטערן איבער גאַנץ פוילן די אַרבעט פון דעם דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט.

אין פיפּלס רעליף איז דערפון געוואָרן אַ ביטערע שטימונג קעגן „דזשאָינט". דעם 21טן דעצעמבער 1916 ווערט אַפילו אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע קאָמיטע, וואָס זאָל ערנסט באַטראַכטן אונזערע ווייטערדיקע באַציאונגען מיט „דזשאָינט". קיין ראַדיקאַלע ענדערונג איז דערפון אויך ניט אַרויסגעקומען.

פון פיפּלס רעליף איז דער קאַמף געפירט געוואָרן דורך שלום אַש'ן און דעם שרייבער פון די שורות. לואיס מאַרשאַל האָט זיך בעיקר געשטיצט אויף באַריכטן פון דזשעיקאָב ביליקאָף, וואָס האָט געוואָרנט „דזשאָינט" ניט איינצושליסן די זאָרג פאַר קולטור־אַנשטאַלטן אין איר אַרבעטס־פעלד. פיפּלס רעליף איז אַרויס פון יענער זיצונג מיט אַ גרויסן נצחון. די הילף פאַר קולטור־אַנשטאַלטן איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער הילפס־טעטיקייט.

דערביי האָט זיך אָבער אַרויסגעוויקלט אַ מאָדנע דערשיינונג. דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט אַ געוויסן סכום יערלעך פאַר די קולטור־אַנשטאַלטן. ער האָט אויך באַשטימט דעם פּראָצענט, וואָס דאַרף אויסגעגעבן ווערן פאַר די אָרטאָדאָקסישע קולטור־אַנשטאַלטן, פאַר די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן און פאַר סתם אידישע קולטור־אַנשטאַלטן. די אויפזיכט איבער די אָרטאָדאָקסישע קולטור־אַנשטאַלטן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענטראַל רעליף. ער האָט באַשטימט, וויפיל צו שיקן אין יעדן לאַנד און צו וועמען עס צו שיקן. דער פיפּלס רעליף האָט באַקומען די זעלביקע רעכט פאַר די אַרבעטער־קולטור־אַנשטאַלטן. די סתם־אידישע קולטור־אַנשטאַלטן זיינען געבליבן אונטער דער אויפזיכט פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע". אין איר „יוריסדיקציע" זיינען אַלזאָ אַריינגעקומען אַלע אַנשטאַלטן פון דער גרויסער העברעאישער „תרבות"־באַוועגונג. אַזוי ווי די פירער פון „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע" האָבן געהאַט צום גאַנצן ענין ניט קיין זייער פּאָזיטיווע באַציאונג, זיינען די העברעאישע קולטור־אַנשטאַלטן געוואַלדיק געקריוודעט געוואָרן. אונזער באַוועגונג האָט וועגן דעם ניט איינמאָל אינטערפּעלירט אין „פּיפּלס רעליף קאָמיטע", ענדערן דעם צושטאַנד איז אונז אָבער ניט געלונגען.

דער ספּעציעלער אינטערעס פון אונזער באַוועגונג אין דער קולטור־אַרבעט האָט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז אין פּרינציפּיעלן קאַמף פאַר דעם. אין מיטן זומער 1917 איז דורך די צווייגן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און די פּועלי־ציון דורכגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלער טעג־טאָג פאַר די אידישע קינדער־שולן אין אַלע מלחמה־לענדער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט שיינע עטלעכע טויזנט דאָלאַר.*

ז) נאָך אַ פּונקט פון אומגעהויערער באַדייטונג איז געווען די באַציאונג צום גאַנצן ענין פון קאָנסטרוקטיווער רעליף. איך האָב שוין ציטירט די דעקלאַראַציעס וועגן דעם ביי די קאָנווענשאָנס פון פּיפּלס רעליף. אונזער באַוועגונג האָט אין דעם פּונקט געוואונען, כאָטש אַזוי שפּעט ווי אין 1922־3 וואָרפן נאָך אונז פאַר באַדייטנדיקע פירער פון פּיפּלס רעליף קאָמיטע, אַז מיר זוכן אַרויפצוצווינגען אויף די רעליף־אָרגאַנען מלוכה־אויפגאַבן, איז אָבער אָפיציעל פּיפּלס רעליף פון אָנהייב אָן געווען פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. אויף דער צווייטער נאַ־

* דאָס איז, אַגב, ניט געווען די איינציקע אַרבעט אָנגעפירט דירעקט פון אונזער באַוועגונג. אין 1921 האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד דורכגעפירט אַן אייגענעם טעג־טאָג פאַר רעליף, וואָס האָט אַריינגעבראַכט 10 טויזנט דאָלאַר. איך לייג אָבער איבערהויפּט געוויכט אויף אונזער השפּעה וועגן דעם מהות פון דער רעליף־אַרבעט. דערפאַר רעכן איך ניט אויס די באַזונדערע געלט־אַקציעס פון אונזער באַוועגונג.

ציאָנאַלער פּיפּלס רעליף־קאָנווענשאַן, אָפּגעהאַלטן אין קליוולאַנד אין מאַי 1918, איז דורך אונזערע חברים פאַרגעבראַכט געוואָרן אַ דעטאַלירטער פּלאַן וועגן קאָנסטרוקטיווער אַרבעט און אַ פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, צו רעקאָמענ־דירן „דזשאָינט“, ער זאָל אַ געוויסן פּראָצענט פון זיינע הכנסות אָפּטיילן אַלס רעזערוו־פאָנד פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט נאָך דער מלחמה. ווען די פאַר־טרעטער פון פּיפּלס רעליף זיינען געקומען מיט אָט די פאָרשלאָגן צום „דזשאָינט“, האָט לואי מאַרשאַל, אויף אַ גאַנץ הויכן קול, אָנגעשריען אויף אונזער איינציקן חבר, וועלכן מיר האָבן געהאַט אין „דזשאָינט“ און וועלכער האָט אין נאָמען פון פּיפּלס רעליף די דאָזיקע פּלענער געבראַכט צום „דזשאָינט“. מאַרשאַל׳ס הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז קאָנסטרוקטיווע רעליף קען זיין אַן אויפגאַבע נאָר פאַר מלוכות. עס מוז דאָ אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז עטלעכע יאָר שפּע־טער, אויף אַ ברייטער זיצונג פון „דזשאָינט“ אין שיקאַגאָ, האָט מאַרשאַל אַליין שטאַרק געלויבט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פון „דזשאָינט“, וועלכע ער האָט סוף־כל־סוף דאָך אונטערגענומען. די דאָזיקע לויב איז אָן ספק געווען אַ פאַר־דינטע. אונטערן פאַרזיץ פון שפּעטערדיקן גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק, הערבערט לעהמאַן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון „דזשאָינט“ פאַר קאָנסטרוקטיווע פּלענער. אַ גרויסן טייל פון די פריער־פאָרוואָרפענע פּלענער פון פּיפּלס רעליף האָבן געקראָגן זייער תיקון. אויף דעם געביט, שיינט מיר, האָט „דזשאָינט“ די גרעסטע פאַרדינסטן.

די גרייטקייט פון לואיס מאַרשאַל איינצושטעלן זיך, אויף אַן אמת׳ן מאַר־שאַל־אופן, פאַר מיינונגען און פּרינציפּן, וואָס ער האָט פריער פון זיי ניט שטאַרק, אָדער גאָר אינגאַנצן, ניט געהאַלטן, האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זייער אָפט געזען. אַמשאַרפסטן האָט מען עס געזען טאָקע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג און אין דעם אופן, ווי ער האָט פאַרטראָטן אין ווערסאַי די פאָרמולירטע פּרינ־ציפּן פון דעם ערשטן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. עס איז אָבער כדאַי צו פאַרצייכענען אַ וויכטיקן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אויפן רעליף־שטח.

דאָס איז געווען ביים סוף פון דעם קאַמף אַרום דער פאָדערונג פון נאַציאָ־נאַלע רעכט פאַר אידן אין די ניי־אויפגעשטעלטע אָדער פאַרגרעסערטע אייראָ־פּעאישע לענדער. (אין אַן אַנדער פּלאַץ אין דעם בוך ווערט דערציילט וועגן יענעם קאַמף, און וואָס פאַר אַ שטעלונג די „אַמעריקען דזשוּאיש קאָמיטע“, אונ־טער מאַרשאַל׳ס פּירערשאַפט, האָט צו דעם קאַמף גענומען.) אין דער שטאָט בענגאָר פון שטאַט מעין איז דעמאָלט פאַרגעקומען אַ סטייט־צוזאַמענפאָר פון אַלע אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס פאַר די מלחמה־קרבנות. לואיס מאַרשאַל איז געווען דער הויפּט־גאַסט פון יענער קאָנפערענץ. דער שרייבער פון די שורות איז אַהין דעלעגירט געוואָרן פון פּיפּלס רעליף־קאָמיטעט. זונטיק ביי־טאָג — די פּינקטלעכע דאַטן געדענק איך ניט — איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מיטאָג לכבוד דער קאָנפערענץ. אינם מיטאָג האָבן זיך באַטייליקט: דער גאָ־ווערנאָר פון שטאַט מעין, דער מעיאָר פון דער שטאָט בענגאָר און נאָך אַנדערע געסט, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער פאַרזיצער פון בענגאָרער האַנדלס־קאַמער. אַלע האָבן, נאַטירלעך, באַגריסט, צווישן זיי אויך דער לעצט־דערמאָנ־

טער. ער האָט אין זיין באַגריסונג דערציילט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז דורכגעפירט געוואָרן אין בענגאָר אַ גרויסע אַקציע פאַר „ליבערטע לאָונס" און די אידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַקציע. ער האָט זייער געלויבט זייער פאַטריאָטיזם און פאַרענדיקט מיט פאָלגנדן זאַץ:

"I hope that as a result of this war we will all forget our ancestries, we will all forget our previous ties and we will become a homogeneous American nation."

לואיס מאַרשאַל האָט געענטפערט אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ אויף די אַלע באַגריסונגען. אַלס דער צווייטער ניו־יאָרקער גאַסט בין איך געזעסן לינקס פון אים. ווען ער איז אין זיין ענטפער צוגעקומען צום אויבן־ציטירטן זאַץ, האָב איך דערשפּירט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט אים דורכגענומען. זיין לייבן־שטימע איז געוואָרן ברומענדיקער. מיט שטאָלץ און ווערדע, צו וועלכער ער האָט זיך אַלעמאָל דערהויבן, ווען ער האָט גערעדט וועגן ענינים, וואָס האָבן טיף באַרירט זיין נשמה, האָט ער אויסגערופן:

"To forget our ancestries—under no circumstances!"

און ער האָט קלאָר און דייטלעך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק: אויב אַפילו אַנדערע עטנישע גרופּן קאָנען אָננעמען אַזאַ עצה, קענען און טאָרן אידן בשום־אופן דאָס ניט טאָן, ווייל אידן זיינען אין גאָר אַן אַנדער לאַגע. דער איטאַליע־נער, דער דייטש, דער פראַנצויז, דער מיטגליד פון אירגנט־וועלכער אַנדער עטנישער גרופּע, וואָס לעבט אין אַמעריקע, ווען ער נעמט אָן אַזאַ עצה, ווייס ער דאָך זייער גוט, אַז די קאָנטינואיטעט פון זיין אייגנאַרטיקער קולטור און פון זיין אייגנאַרטיקן לעבן איז פאַרזיכערט. אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך איז פאַרוואָרצלט און פאַרזיכערט דער המשך פון אָט די באַזונדערע פעלקער, אויב אָבער דער אַמעריקאַנער איד וועט אָננעמען אַזאַ עצה, דאַרף דער איד אין פּוילן, דער איד אין רומעניע, דער איד אין ענגלאַנד, דער איד אומעטום, וואו ער געפינט זיך, אויך אָננעמען אַזאַ עצה, ווייל אומעטום זיינען מיר דאָך מינאָריטעטן, אומעטום הייסט מען אונז פאַרגעסן אונזער אָפּשטאַם און אונזער אייגנאַרט — וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון דער קאָנטינואיטעט פון אידישן פאָלק? (ער האָט כסדר באַנוצט דעם טערמין „דזשואיש פּיפּל".) ווי אַזוי קע־נען מיר, אַלזאָ, זיך באַטייליקן אין אַ פּראָצעס, וואָס מוז פירן צום אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק?

דער איינדרוק פון זיין רעדע איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אויף דער גאַנצער פאַרזאַמלונג. מיר איז אָבער באַשערט געוואָרן צו זיין אַן עדות פון אַ צווייטן עפּיזאָד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן ערשטן. צו דער רעכטער זייט פון לואיס מאַרשאַל איז געזעסן דער גאָווערנאָר פון סטייט. צו מיין לינקער זייט איז געזעסן דער מעיאָר פון בענגאָר. הינטער אונזערע פּלייצעס האָבן זיי איינע צו די אַנדערע אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג וועגן מאַרשאַל'ס רעדע. איינער האָט קלאָר אויסגעדריקט דעם געדאַנק:

"He is absolutely right! We never looked upon it from this

angle. How can a people undermine its own continuity and efface itself entirely?"

דער צווייטער האָט דערצו מסכּים געווען.

דער דאָזיקער וויכטיקער פּאָליטישער אינצידענט איז פאָרגעקומען אויפן שטח פון דער רעליף־אַרבעט. דערפאַר געהערט ער צו דעם קאַפּיטל. ער געהערט אויך אַהער, ווייל אונזער באַוועגונג האָט זיכער בייגעטראָגן איר חלק צו דעם, אַז מאַרשאַל זאָל פאָרמולירן אַזאַ שטעלונג. עס איז אָבער אויך כּדאַי, אַז היינטיקע אידישע פאָרשטייער, צווישן זיי אויך מאַנכע ציוניסטן, זאָלן זיך דערמאָנען, אַז דער „אַסימילאַטאָר" מאַרשאַל האָט געהאַט דעם מוט אָפן אַרויסצובריינגען דעם געדאַנק, אַז די אַמעריקאַנער אידן מעגן, אין ענינים פון זייער אידישקייט, אַנדערש האַנדלען, ווי אַפילו אַנדערע מינאָריטעט־גרופּן אין אַמעריקע, ווייל אידן זיינען אומעטום אַ מינאָריטעט און זייער קיום שטייט אין אַ גרעסערער געפאַר, ווי דער קיום פון אירגנד־וועלכער אַנדערער נאַציאָנאַלער מינאָריטעט. יענע גרופּע, וואָס מיינט, אַז זי איז ממשיך די טראַדיציע פון לואיס מאַרשאַל, מעג אַוודאי זיך עס גוט אַריינעמען אין זינען. אפשר וועט עס איר העלפן זיך באַפרייען פון איר כּסדר'דיקן פּחד־קאָמפּלעקס צו האַנדלען ווי באַוואוסטזיניקע שטאָלצע אידן אין אמת'ן איינקלאַנג מיט דער לואיס מאַרשאַל־טראַדיציע.

ח) אונזער קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלן איינשטעל אין דער רעליף־אַרבעט האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך אין דעם גרויסן געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּיפּלס רעליף אַרום דער הילפס־אַרבעט אין רוסלאַנד, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. אין דעם קנויל פון פראַגן זיינען געווען אַריינגעוויקלט, סיי די שטעלונג צום נייעם רעזשים אין רוסלאַנד, סיי די שטעלונג צו דער טרויעריק־באַקאַנטער אידישער יעווסעקציע, סיי אויך צום פּרינציפּ פון אַ ספּעציעל־אידישער רעליף־אַקציע, להיפּוך צו דער איינשטעלונג פון אַ סך „דזשאָינט"־פירער און אויך אייניקע פּיפּלס רעליף־מענטשן, אַז די אַרבעט זאָל געפירט ווערן דורך דער הואווער־אַדמיניסטראַציע. ווער עס וויל זיך באַקאַנען מיט אַלע איינצלהייטן פון אָט דעם געראַנגל, זאָל לייענען דעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן רוסלאַנד אין דעם אויבן־דערמאָנטן בוך „פּיפּלס רעליף אין אַמעריקע". פאַר דער גאַנצקייט פון דער איצטיקער אַרבעט איז נאָר נויטיק אָנצוצייכענען, אַז וואָס איז שייך דעם קנויל פראַגן פון באַציאונג צום דעמאָלט נייעם רעזשים און צו דער יעווסעקציע, זיינען אין אונזער באַוועגונג גופא געווען מיינונגס־פאַרשיידנקייטן. וואָס איז אָבער שייך צו דעם פאַרזוך, אַז פּיפּלס רעליף זאָל פירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַקציע אין רוסלאַנד, ניט דווקא דורך „דזשאָינט" און זיכער ניט דורך דער הואווער־אַדמיניסטראַציע, וועגן דעם איז אונזער שטעלונג געווען אַן איינהייטלעכע. מיר האָבן אויף דעם געביט אָפּגעהאַלטן אַ פאָרמעלן נצחון: פּיפּלס רעליף האָט זיך געשטעלט אויף אונזער שטאַנדפּונקט. אַן אָנהייב פאַר אַזאַ זעלבסטשטענדיקער אַקציע איז געמאַכט געוואָרן. איך אַליין האָב געהאַט דעם כּבוד געווילט צו ווערן אַלס איינשטעלער און אָנפירער פון דער זעלבסטשטענדיקער אַקציע. כ'בין שוין געווען אין בערלין און געפירט די לעצטע

פאַרהאַנדלונגען מיט פאַרשטייער פון רוסישן אידגעזקאָם (ראשי־תיבות פון „אידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט"). אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדענונג, ביז דער פּיפּלס רעליף אין ניו־יאָרק האָט זיך דאָ שטאַרק צעקריגט מיט דעם אַמע־ריקאַנער פאַרטרעטער פון אידגעזקאָם. דעמאָלט האָט מען מיר אין בערלין גע־מאָלדן, אַז אויב איך וויל אַריינפאָרן ווי אַ פּריוואַט־פּערזאָן קיין רוסלאַנד, איז מיין וויזע גרייט. אויב איך באַשטיי צו פאָרן אַלס פאַרטרעטער פון פּיפּלס רעליף, מוז מיין וויזע צוריקגעצויגן ווערן. נאַטירלעך, האָב איך די פּערזענ־לעכע איינלאַדונג ניט אָנגענומען. מיין שליחות איז געווען צו פירן הילפס־אַרבעט צווישן די רוסישע אידן, און ניט סתם מאַכן זיי אַ באַזוך.

אין דער צווישן־צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די שפּאַלטונגען אין דער אידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג דורך די אידישע קאָמוניסטן. אַ טייל האָבן פאַרלאָזן דעם פּיפּלס רעליף. די נייע רוסישע רעגירונג פון איר זייט האָט בכלל אַלץ מער אָנגענומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו רעליף־אַרבעט פון אויסלענדישע קערפּער־שאַפטן. זי האָט בלויז דערלויבט ד"ר יוסף ראָזען, דעם פאַרטרעטער פון „דזשאָינט", צו העלפן פירן די פאַרשיידענע אידישע קאָלאָניזאַציע־פּלענער אין רוסלאַנד. פּיפּלס רעליף האָט דעמאָלט בכלל אָנגעהויבן ווערן אַלץ שוואַכער. דער הויפּט־געוויכט פון זאַמלען געלט איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף די דורך עקספּערטן גוט־געפּלאַנטע געמיינשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס. די ספּעציעלע ניצלעכקייט פון פּיפּלס רעליף איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ קלענער. פאַר־זוכן זיינען געמאַכט געוואָרן צו פאַראייניקן זיך מיט „אָרט". פאַרזוכן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן, אַז פּיפּלס רעליף זאָל ווערן אַ קערפּערשאַפט בלויז פאַר העלפן די קולטור־אינסטיטוציעס. דער גאַנץ פון די ערשטע יאָרן איז אַראָפּ. ביז פּיפּלס רעליף האָט אָפיציעל באַשלאָסן זיך צו ליקווידירן.

געבליבן איז, אויסער דער אָפּגעטאָענער אַרבעט, בלויז איין ירושה: די פאַרטרעטער פון פּיפּלס רעליף זיינען געבליבן פּערמאַנענטע מיטגלידער אין „דזשאָינט", אַפילו נאָך דער ליקווידאַציע פון פּיפּלס רעליף. — „דזשאָינט" איז געוואָרן ניט קיין פאַרטרעטער פון באַזונדערע קאָמיטעס, נאָר אַ קאָמיטעט, וואָס קלייבט זיך אַליין אויס און קאָאָפּטירט אַמאָל וועמען ער וויל. די פריער־דיקע פּיפּלס רעליף־פאַרטרעטער זיינען אויך „פאַראייביקט" געבליבן אין „דזשאָינט". איין איינציקע אויסנאַמע האָבן זיי אין דער „רעאָרגאַניזאַציע" געמאַכט: דעם איינציקן פאַרטרעטער פון אונזער באַוועגונג אין „דזשאָינט" האָט מען אין דער נייער „רעאָרגאַניזאַציע" ניט אַריינגענומען. און דאָס איז סימ־באָליש: איז די הילפס־אַרבעט געוואָרן אויס פאָלקס־באַוועגונג, האָט טאַקע אונ־זערער אַ פאַרטרעטער דאָרטן ניט וואָס צו טאָן. אונזערער אַ חבר קאָן אין אַזאַ קערפּערשאַפט זיין נאָר אַלס אַ שליח פון אַ באַוועגונג. פאַר אונזערן אַ מענטשן קאָן די הילפס־אַרבעט ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יחידישן ענין.

ט) נאָך איין שאַרפער גראַנגל דאַרף פאַרצייכנט ווערן: די קאַרלסבאַדער וועלט־הילף־קאָנפערענץ פון 1920. דעם פּלאַן צו מאַכן פון הילפס־פּראָבלעם אַ אידישע וועלט־אויפגאַבע דורך דער אויפשטעלונג פון אַ וועלט־הילף־אָרגאַני־זאַציע האָט פאָרגעשלאָגן דער שוין אויבן־דערמאַנטער ד"ר לעאָן מאָצקין. אונ־

זער באַוועגונג האָט דעם פּלאַן געשטיצט. אין פּיפּלס רעליף האָבן מיר פאַר־צייכנט אַ נצחון. טראָץ דעם באַשלוס פון „דזשאָינט" אין דער וועלט־הילפּס־קאָנפערענץ זיך ניט צו באַטייליקן, האָט פּיפּלס רעליף געוואָגט צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק. זי האָט יאָ געשיקט אַ דעלעגאַציע. מיט אָט דער מאָס פון זעלבסטשטענדיקייט האָט זיך אָבער איר מוט אויסגעשעפּט. אירע געזאַמלטע געלטער האָט זי צו די אָרגאַנען פון דער וועלט־הילפּס־קאָנפערענץ ניט געשיקט. זי איז אַלץ געבליבן פאַרבונדן מיט „דזשאָינט". אין דעם קאַמף האָבן די בונ־דיסטיש־איינגעשטעלטע מיטגלידער אין פּיפּלס רעליף אונז ניט געהאָלפן. זיינען אַלזאָ די סכומים, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט געזאַמלט פאַר רעליף־צוועקן, אין דער וועלט־אָרגאַניזאַציע ניט אַריינגעגאַנגען געוואָרן. ווערעליף — דער פאַרקירצטער נאָמען פון וועלט־רעליף — האָט אַלזאָ געפירט אַ זייער אָרעמע עקזיסטענץ. אַמעריקאַנער אידישע איזאָלאַציע האָט דאָ אויך גע־קראָגן איר פונט פלייש: אַ גרויסער געדאַנק מיט אַ געוואָגטן אָנהייב איז דורכ־געפאַלן. „דזשאָינט"־מאַנאָפּאָל האָט טריאומפירט.

5

ווי שטייט עס איצטער מיט דער גאַנצער הילפּס־אַקציע? האָבן מיר איצ־טער אויף איר אַ השפּעה?

מען מוז זאָגן דעם אמת: ווען די הילפּס־אַקציע איז געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, ווען זי האָט ווירקלעך פאַרמאָגט נשמה, האָבן מיר זי געקענט באַ־איינפלוסן. אויך איצטער האָט אונזער באַוועגונג אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַקציע, וואו נאָר זי ווערט באמת געפירט צווישן אידישע מאַסן. אין אַרגענטינע און אין טשילי, אין בראַזיל און אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער איז אונזער השפּעה גאָר־גאָר אַ באַדייטנדיקע. דאָרט האָט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס די אַקציע אָנגעהויבן און פירט זי פאַר די לעצטע 7 יאָר. ניט אַזוי אָבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

ווען דער צווייטער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן, האָבן מיר געמאַכט אייניקע פאַרזוכן אויפצולעבן אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע, ווי די געוועזענע פאָלקס־הילף. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פּאַרטיי און אַלע אַנדערע צוייגן אונזערע זיינען געווען גרייט דערצו. מיר האָבן זיך געווענדעט צו אונזערע נאַטירלעכע שותפים אויף דעם געביט, צו די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אינם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. מיר האָבן זיך אין דער אַלטער פאָלקס־הילף מיט זיי זייער אָפּט געקריגט. אָבער מיר האָבן שטענדיק געפילט, אַז מיר אַלע געהערן צו דער אידישער פאָלקס־מאַסע, און אַ אידישע מאַסן־הילפּס־טעטיקייט דאַרף איינשליסן אַלע אונזערע און אַלע זייערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק אויפצולעבן די פאָלקס־הילף־אָרגאַניזאַציע.

זיי, וואָס האָבן אונז אין די פריערדיקע צייטן פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס מיר טיילן ניט אָפּ רעליף פון פּאָליטישע פראַגן, האָבן איצטער אָנגענומען אַ שטע־

לונג, אַז סיי זייער רעליף־אַקטיוויטעט, סיי זייערע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן מוזן זיין איינגעשלאָסן אין איין־און־דער זעלביקער אָרגאַניזאַציע — אין אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. זיי האָבן זיך דערקלערט גרייט צו גיין מיט אונז צוזאַמען נאָר דורכן אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און מיר מוזן צוליב דעם איבעררייסן אונזערע אַפיליאַציעס מיט אַנדערע אידיש־פּאָליטישע קערפּערשאַפטן. אונזער באַוועגונג האָט דעם דאָזיקן אולטימאַטום ניט געוואָלט אָננעמען. מיר זיינען אין אַרבעטער־קאָמיטעט נישט אַריין. דורכדעם זיינען מיר געבליבן מחוץ פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט. אונזערע צוויגן שטייערן ביי פאַר דעם יונייטעד דזשואיש אַפּיל, פון וועלכן „דזשאָינט”, אַלס די מאָנאָפּאָליסטקע פון דער הילפס־אַרבעט אין אַמעריקאַנער אידנטום, באַקומט אירע סכומים. אָבער קיין דעה האָבן מיר אין „דזשאָינט” ניט. קיין איינפלוס אויף דער גאַנצער הילפס־פּאָליטיק האָבן מיר איצטער ניט.

ווען דאָס, וואָס מיר האָבן ניט קיין איינפלוס אויף דער הילפס־אַרבעט, וואָלט געקענט בלייבן ניט מער ווי אונזערער אַן אייגענער ווייטאָג, וואָלט דאָן קיין גרויס אומגליק ניט געווען. פאַר אונזער באַוועגונג איז אַוודאי אַזאַ לאַגע זייער־זייער ניט באַקוועם. אָבער דאָס אידישע פאָלק וואָלט געמעגט אַריבערגיין איבער אונזער אומבאַקוועמלעכקייט צום סדר־היום. איז אָבער די צרה, וואָס די דאָזיקע דערשיינונג איז בלויז אַ סימפּטאָם פון דער גאַנצער קראַנקער לאַגע, אין וועלכער די הילפס־אַרבעט געפינט זיך.

איך גלויב ניט, אַז עס געפינען זיך נאָך איצטער אַזעלכע נאַאיווע מענטשן, וואָס גלויבן נאָך אַלץ, אַז די הילפס־אַרבעט קען אָפּגעריסן ווערן פון גאַנצן שטח פון אידישע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע נויטן. איך גלויב ניט, אַז עס געפינען זיך נאָך איצטער אַזעלכע חסידים פון „דזשאָינט”, וואָס מיינען באמת, אַז די פירער פון „דזשאָינט” האָבן קיינמאָל ניט קיינע פּאָליטישע אויסרעכענונגען אין זייערע אַרבעטן. דער שטאַרקסטער פּאָליטישער כוח, וואָס האָט ניט דערלאָזן אויפצובויען אַן אמת'ע אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ, וואָס האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער אַלע אַזעלכע פאַרזוכן, איז געווען דער כוח פון „דזשאָינט”. אירע מענטשן האָבן אין 1937 געטאָן אַלץ ניט צו דערלאָזן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזירונג פון פּוילישן אידנטום, ווי אַ טייל פון אַן אָרגאַניזירטן וועלט־פאָלק. אירע מענטשן טוען אַלץ אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער קעגן דעם געדאַנק פון אויפשטעלן אַזאַ אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ, כאָטש דער געדאַנק האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. אַוודאי דענקען זיי, אַז אַזאַ אידישע וועלט־רעפּרעזענטאַנץ איז געפערלעך. אַוודאי זיינען זיי באַרעכטיקט צו אַזאַ מיינונג. אָבער דאָס איז שוין אַ פּאָליטישע מיינונג. און אויב זיי גיבן אויס געלט און ענערגיע, אויב זיי נוצן אויס דעם צוטרוי, וואָס אידן פון צפון־אַמעריקע האָבן זיי געשענקט אויפן רעליף־געביט, כדי צו קעמפן פאַר זייערער אַ פּאָליטישער איינשטעלונג, האָבן ניט זיי און ניט זייערע פּאַרטיידיקער דאָס רעכט ווידערצוהאָלן די זעלביקע נאַאיוויטעט, אַז רעליף מיט פּאָליטיק טאָרן ניט געמישט ווערן. יעדע רעליף־אַרבעט האָט איר פּאָליטישע באַדייטונג און איר פּאָליטישע אויסווירקונג. לאָזן מיר צום „דזשאָינט” איבער דעם מאָנאָפּאָל אויף

דעם הילפס־געביט, — גיבן מיר אים איבער אָן אומגעהויערן כוח. ווער עס איז מסכים מיט דער פּאָליטיק, וואָס זיינע פירער האָלטן פאַר ריכטיק, און וואָס איז אויך די פּאָליטיק פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", — יענער מעג זיי נאָכגיין. אָבער די, וואָס זיינען מיט דער דאָזיקער פּאָליטיק ניט מסכים, ווי אַזוי קענען זיי גלייכגילטיק צוקוקן צו אַ לאַגע, וואו דער וויכטיקסטער טייל פון נאַציאָנאַל־אידישן וועלט־בודזשעט פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ גרופּע, וועמעס פּאָליטישע איינשטעלונגען גייען דיאַמעטראַל קעגן זייערע אייגענע פּאָליטישע איינשטעלונגען? אירע פּאָליטישע איינשטעלונגען האָט די גרופּע געזוכט דורכצופירן און פירט עס אויך איצטער דורך, ניט נאָר אויפן הילפס־געביט. אירע נעגאַטיווע איינפלוסן אין דער אידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל זיינען דאָך אַלעמען באַקאַנט. טאָ ווי אַזוי קענען אמת'ע נאַציאָנאַלע אידן שלום מאַכן מיט אַזאַ לאַגע?

און ווי האָט ד"ר מאַצקין אין 1916 געוואָרנט: צי וועמען מיר פאַרטרויען אונזער רעליף־בודזשעט, זיי וועט מען אויך פרעגן, צו זיי וועט מען זיך אויך צוהערן, ווען אונזערע פּאָליטישע ענינים וועלן דאַרפן באַשלאָסן ווערן.

די דאָזיקע וואָרענונג האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה נאָך אַ גרע־סערע באַדייטונג, ווי בעת ד"ר מאַצקין האָט די וואָרענונג אַרויסגעזאָגט.

אויסער דעם ליגט אַ גרויסע געפאַר אין דער אַזוי־גערופענער אָרגאַניזאַ־ציאָנס־„פילאָזאָפיע" פון „דזשאָינט".

אָוודאי איז דער ניט־דעמאָקראַטישער צוזאַמענשטעל אירער איינער פון פון אירע גרעסטע חסרונות. אָבער דאָס איז מער ניט בויטיק אונטערצושטרייכן. אויסער דער פראַגע פון דעמאָקראַטיע זיינען דאָ צוויי צוגאַנגען צום אופן, ווי אַזוי אידישע פאָלקס־נויטן דאַרפן אָרגאַניזאַטאָריש באַזאָרגט ווערן. איין צוגאַנג איז: אויפשטעלן איין־איינציקע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם פאַר אַלע אַזעלכע נויטן. דער צווייטער צוגאַנג איז: פאַר יעדער באַזונדערער נויט אַ באַזונדערע אָרגאַ־ניזאַציע, אַ באַזונדערן קאָמיטעט. „דזשאָינט" האָט אָנגענומען דעם צווייטן וועג. ער איז ניט דער איינציקער. אַנדערע קאָמיטעטן האָבן אויך אָנגענומען דעם זעלביקן שעדלעכן וועג. „היצעם" פאַר מיגראַציע־נויט; „אָרט" פאַר אומשיכ־טונג־נויט; „אָזע" פאַר געזונדהייט־נויט; און אַזוי ווייטער. די דאָזיקע „קאָמיטאָ־קראַטיעס" באַשאַפן אָן אַנאַרכישן צושטאַנד אין אונזער לעבן. ניטאָ קיין צענ־טראַלע אָנפירערשאַפט, וואָס זאָל אַרויסגיין פון שטאַנדפּונקט פון באַפרידיקן אַלע נויטן. די געגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די דאָזיקע קאָמיטעטן ווערן אָפּ־הייגניק פון דעם, ווער עס איז אַ נותן און ווער אַ מקבל. ניט נאָר האָט „דזשאָינט'ס" איזאָלאַציע־טאַקטיק באַשאַפן אַ צעטיילונג אין אידישן פאָלק, צווישן אַמעריקאַנער אידן, וואָס זיינען נותנים, און אייראָפּעאישע אידן, וואָס זיינען מקבלים, — און אַ מקבל דאַרף, ווי באַקאַנט, קיין דעה ניט האָבן, — נאָר אויך צווישן די קאָמיטעטן איז דאָ אַזאַ צעטיילונג. דער וויכטיקסטער נותן־קאָמיטעט איז „דזשאָינט", דערפאַר האָט ער די גרעסטע דעה.

און די באַזונדערע אַפּאַראַטן פון די פאַרשיידענע קאָמיטעטן — וויפיל אידיש געלט און אידישע ענערגיע ווערט דערביי אומזיסט און אומנישט פאַר־שווענדט!

וואָלט אין אידישן לעבןווירקלעך געהערשט אָרגאַניזירטע אחריות, וואָלט געמוזט אָנגענומען ווערן דער ערשטער וועג: אַלע אידישע נויטן איינגעשלאָסן אין איין ראַם. יעדע נויט אָפּגעשאַצט לויט איר באַדייטונג אין דעם גאַנצן נויט־פּאַרנעם. ניט קיין קאָמיטע־קאָנקורענץ זאָל אָרום די נויטן באַשאַפן ווערן. ניט מאַכן אָפּהענגיק די מאָס פון מעגלעכקייט צו באַפרידיקן אַ נויט אָן דעם, צי עס האָבן זיך אָרום איר אַרומגעקליבן רייכערע אידן, אָדער אַפילו פּעאיקערע אידן. עס קענען ניט זיין ביי אונז נויטן בני־יחידים און נויטן־ממזרים. נעמט מען אָבער דעם שטאַנדפּונקט, מוז מען דאָך קומען צום געדאַנק פון אויפשטעלן איין אַלוועלטלעך־אידישע ראַם פאַר דער אידישער וועלט־נויט. מען מוז קומען צום באַשלוס, אַז די אַזוי־גערופענע „מקבלים" דאַרפן האָבן אַ גלייכע דעה מיט די נותנים. מען מוז קומען צום אויספיר, אַז אַ אידישע דעמאָקראַטיש־געבויטע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. און מענטשן פון „דזשאָינט"־טיפּ ציטערן פאַר אָט די אויספירונגען. האָבן מיר אַלס רעזולטאַט די קאָמיטעט־מאַנאָפּאָלן מיט דער אָפּטער קאָנקורענץ צווישן זיי, מיט דעם כאָאָס, וואָס זיי מוזן ברענגען.

איך באַהויפּט, אַז אַזאַ לאַגע העלפט ניט שאַפן מער געלט פאַר אַלע נויטן און אויך פאַר דער רעליף־נויט. איך באַהויפּט, אַז אַריינטראָגן פאָלקס־האַרץ, פאָלקס־באַוואוסטזיין און פאָלקס־ענטוזיאַזם וועט העלפן און ניט שטערן די גוט־איינגעשטעלטע, מעכאַניזירטע געלט־קאַמפּאַניעס. איך באַהויפּט, אַז עקס־פּערטן־כוחות קענען פּונקט אַזוי גוט געשטעלט ווערן אין דינסט פון אַן אמת׳ער אַלץ־אַרומנעמענדיקער דעמאָקראַטישער אָנפירערשאַפט, ווי זי ווערט איצטער באַנוצט פון די באַזונדערע קאָמיטעס. אפשר וואָלטן גאָר דאַן אייניקע זאַמל־מיטלען, מיט וועלכע די קלענערע אָרגאַניזאַציעס באַנוצן זיך אַמאָל און וועלכע זיינען ניט אַלעמאָל גענוג ווירדיק, אָפּגעשטעלט געוואָרן. דאָס אַליין וואָלט שוין געווען אַ דערגרייכונג.

מען קען, ווען מען וויל, אויך די געדאַנקען פאַרוואַרפן אַלס צופיל פּאַרטייאישע איינשטעלונגען. אָבער דורכדעם וועט די לאַגע ניט געענדערט ווערן. וואָלט מען זיך געמעגט איינריידן, אַז דער רעליף־ענין איז בלויז אַ ציטווייליקער, אַז באַלד וועט ער אינגאַנצן אַראָפּ פון אונזער סדר־היום, וואָלט אפשר ניט געווען כדאַי צו פאַרווענדן ענערגיע אינם קאַמף פאַר אַן אמת׳ער פאָלקס־באַוועגונג אָרום דער הילפס־אַרבעט. אָבער ווער ווייס עס ניט, אַז דער ענין רעליף וועט נאָך פאַרן קומענדיקן אַמעריקאַנער אידישן דור פאַרשטעלן איינע פון זיינע צענטראַלסטע אויפגאַבן פאַר קיום און פאַרן המשך פון אידישן פאָלק? דעריבער טאָר מען מיט דער לאַגע ניט שלום מאַכן.

איך האָב שוין דערמיט געקענט שליסן דעם אַרטיקל. זיינען אָבער אין די לעצטע דריי יאָר געשען זייער וויכטיקע זאַכן אויף דעם געביט. ערשטנס, איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ, און דורך איר איז ווידער פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן די זעלביקע פראַגע. בארמאָל וואָלטן דאָך די, וואָס האָבן פאַרטראַכט די קאָנפערענץ, געדאַרפט באַשטי־

מען, אַז איינע פון אירע אויפגאַבן זאָל זיין: דאָס אידישע רעליף־פּראָבלעם אין אַלע אירע פאַזן. לויט יושר, לויט לאָגיק, האָט די ניי־אויפגעשטעלטע אַלעמען־אַרומנעמענדיקע אַמעריקאַניש־אידישע קערפּערשאַפט געדאַרפט אַריבערנעמען אַלע רעליף־בודזשעטן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום שטייערט ביי, און מיט זיי פאַרוואַלטן. אָבער וואָס איז נאָרמאַל און לאָגיש ביי אַלע אומות־העולם (אַז זייערע רעפּרעזענטאַנץ־אָרגאַנען זיינען אויך בעלי־הבתים איבער די נאַציאָנאַלע בודזשעטן), ווערט אָבער ניט־נאָרמאַל און ניט־לאָגיש ביי אונז. אין אונזער לעבן איז דווקא „נאָרמאַל" אַזאַ צושטאַנד, אַז ווען עס ווערט שוין אויפגעשטעלט אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע אידישע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט און זי זאָל, למשל, באַשליסן צו נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר רעליף־אַרבעט, מוז זי אָנקומען צו אַ זעלבסט־געקרוינטער קאָמיטע צו באַוויליקן דאָס געלט דערפאַר. און וועט די דאָזיקע קאָמיטע עס ניט באַוויליקן, וועט די אַלץ־אַרומנעמענדיקע אידישע רעפּרעזענטאַנץ בלייבן הילפלאָז, אַפילו ווען ביי דער „קאָמיטע" זאָלן זיך געפינען פילע מיליאָנען, וואָס איר האָבן אָנפאַרטרויט יענע זעלביקע אַמעריקאַנער אידן, וועלכע האָבן די אַל־אידישע קערפּערשאַפט מיט אַזוי פיל שמחה און ענטוזיאַזם אויפגעבויט.

די „נאָרמאַלקייט" איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ סך ווייטער. די צוזאַמענרופער פון דער קאָנפערענץ, וויסנדיק דעם כוח פון די זעלבסט־געקרוינטע קאָמיטעס, האָבן גאָר לכתחילה מורא געהאַט אַרויפצושטעלן דעם ענין רעטונג אויפן סדר־היום פון דער קאָנפערענץ. אַ געוואַלדיקער דרוק פון אידישער עפנטלעכער מיינונג, אין וועלכער אונזער באַוועגונג האָט געהאַט איר חלק, האָט אַרויפגעצוואונגען דעם ענין רעטונג אויפן טאָג־אָרדענונג. כדי אָבער צו פירן רעטונג, דאַרף מען דאָך האָבן קאָלאָסאַלע מיטלען. מיטלען דאַרף מען דאָך בעטן ביי דעם אַמעריקאַנער אידנטום. אָבער דווקא דאָס האָבן די אָפּהיטער פון דעם מאָנאָפּאָל־פּרינציפּ פאַרן „דזשאָינט" בשום־אופן ניט דערלאָזן. זיי האָבן ביי דער ערשטער סעסיע אַראָפּגעשלונגען די רעזאָלוציע וועגן א"י און זיינען געבליבן אין דער קאָנפערענץ. זיי האָבן אָבער כסדר געסטראַשעט אַוועקצוגיין, ווען נאָר עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַ פּלאַן, ווי אַזוי די קאָנפערענץ זאָל ווירקלעך קענען איבערנעמען רעטונגס־טעטיקייט. האָט מען דער ערשטער סעסיע פון דער אַמעריקאַניש־אידישער קאָנפערענץ דערלויבט אַרויסצושיקן צו דער וועלט אַ רוף וועגן רעטונג. אָבער די קאָנפערענץ אַליין זאָל עפּעס טאָן וועגן דעם — חס מלהזכיר!

פון דעם שטאַנדפּונקט האָט מען אויך באַקעמפט יעדן פאַרזוך אונזערן אָנצוצייכענען פאַר דער קאָנפערענץ אירגנט־וועלכע אַרבעטס־פּראָגראַם. אַרבעטס־פּראָגראַם מיינט געווינען פּערמאַנענטן איינפלוס אויפן אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס קען נאָך פירן דערצו, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום זאָל טאַקע ווילן פאַרוואַנדלען די קאָנפערענץ אין אַ פּערמאַנענטער אידישער קערפּערשאַפט פאַר אַלע ענינים פון אידישן לעבן סיי דאָ אין אַמעריקע, סיי בנוגע אַלע אַרבעטן פון אַמעריקאַנער אידנטום אויפן שטח פון וועלט־אידנטום. דאָ ליגט אַלזאָ די גרעסטע געפאַר פאַר די מאָנאָפּאָליסטישע אַפּעטיטן הויפּטזעכלעך פון „דזשאָינט" און

זיינע סאַטעליטן־קאָמיטעס, וואָס זיינען אים אונטערגעוואָרפן, ווייל זיי זיינען אַפּט מקבלים־קאָמיטעס פון „דזשאָינט". האָבן מיר דעם דאָזיקן קאַמף אויף דער ערשטער סעסיע פאַרלוירן.

אין דער גאַנצער צייט צווישן דער ערשטער און דער צווייטער סעסיע זיינען די אויסזיכטן, אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל אַריינעמען אין איר אַרבעטס־פּראָגראַם די רעליף־אַרבעט אין נאָמען פון אַמעריקאַנער אידנטום, נאָך שוואַכער געוואָרן. די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע האָט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ. איך בין זיכער, אַז איינע פון די סיבות פאַר זייער אַרויסטריט פון דער קאָנפערענץ — טראָץ די אָפּיציעלע דערקלערונגען פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע — איז געווען: דער פּחד, אַז די קאָנפערענץ זאָל דאָך אַמאָל רעוואָלטירן קעגן דער לאַגע, וואָס אַ קליינע גרופּע — ניט פאַראַנטוואָרטלעך צום אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנער אידנטום — האָט אין אירע הענט דעם וויכטיקסטן בודזשעט־טייל פון אידישן פאָלק. דער דאָזיקער פּחד אירער איז אָבער געווען אומבאַגרינדעט. די פירער פון דער קאָנפערענץ אַליין האָבן באַקעמפט יעדן פאַרזוך, אַז די קאָנפערענץ זאָל ווערן אַ פונקציאָנירנדע קערפּערשאַפט אויפן געביט פון רעליף און רעהאַביליטאַציע. זיי באַנוגענען זיך אויף דעם געביט מיט אָננעמען רעזאָלוציעס. די צווייטע סעסיע פון דער קאָנפערענץ האָט נאָך פאַרשטאַרקט אָט די איינשטעלונג. די וואָס האָבן אַלזאָ דערוואַרט — און איך בתוכם, — אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל פּרובירן ענדערן דעם צושטאַנד, זיינען גוואַלטיק אַנטוישט. אָבער רעכענען זיך מיט דער לאַגע מוזן מיר אַלע.

בינתיים האָט אָבער פּאַסירט אַ צווייטע זאַך: עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די וועלט־קאָנפערענץ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין אַטלאַנטיק סיטי. דאָרטן איז דווקא אָנגעצייכנט געוואָרן אַ זייער ברייטער אַרבעטס־פּראָגראַם אויף די געביטן פון רעליף און רעהאַביליטאַציע. אַ רוף איז פון דאָרטן אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפצושטעלן אין קאָאָרדינירטן וועלט־קאָמיטעט פאַר די דאָזיקע ענינים, אין וועלכן אַלע קערפּערשאַפטן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט די אַרבעטן — „דזשאָינט" איינגעשלאָסן — זאָלן זיין פאַרטראָטן. אַזוי זאָל אויפגעשטעלט ווערן איין וועלט־אַדרעס, וואָס זאָל אין נאָמען פון גאַנצן אידישן פאָלק פאָדערן פון דער וועלט גרויסע סכומים פאַר אונזער רעקאָנסטרוקציע, סיי אין גלות, סיי אין ארץ־ישראל, און זאָל ווערן די געאייניקטע אַגענטור, וואָס זאָל די סכומים פאַרוואַלטן און די רעליף־ און רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט פירן. די אידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל דאַרף זיין אָנגעשלאָסן אָן דער קאָאָרדינאַציע. די רעקאָנ־סטרוקציע־אַרבעט פון און פאַר ארץ־ישראל דאַרף געפירט ווערן דורך איר אַליין. דאָ עפנט זיך פאַר אונזער גאַנצער וועלט־באַוועגונג בכלל און פאַר אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע בפרט אַן אומגעהויער וויכטיק אַרבעטס־ און ווירקונגס־פעלד. אונזער גרויסע קאַטאַסטראָפע וועט נאָך גרעסער ווערן, אויב מיר וועלן אויף דעם געביט ניט אַריינטראָגן אָרגאַניזירטע אחריות; אויב מיר וועלן אויך דאָ דערלאָזן, אַז עטלעכע אידישע קערפּערשאַפטן זאָלן אויסשטרעקן זייערע צווישן־זיך־קאָנקורירנדע הענט צו דער וועלט און פאָדערן אָנערקענט צו ווערן

אַלס די אַגענטור פאַר אידישן רעליף און רעקאָנסטרוקציע. און האָבן מיר ניט אַזאַ אַגענטור, שוואַכן מיר אָפּ די שאַנסן, אַז די וועלט זאָל זיך צו אונז בכלל צוהערן. דאָס איז איצטער דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם, אויף איינעם פון די וויכטיקסטע שטחים פונם לעבן פון אונזער גאַנצן פאָלק. אונזערע ביז־איצטיקע איינשטעלונגען און אונזער ביז־איצטיקע ראָלע אין דער רעליף־אַרבעט פאַרפליכטן אונז צו וואַכזאַמקייט. אויף דעם געביט עפענען זיך פאַר אונזער באַוועגונג גרויסע מעגלעכקייטן פאַר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע השפעות. הלוואַי זאָלן מיר געפינען אין זיך גענוג רעוואָלוציאָנערן אימפּעט צו דערפילן איצטער אונזער פליכט — כאָטש ניט ווייניקער, ווי מיר האָבן עס דערפילט אין די ערשטע יאָרן פון פּיפּלס רעליף, הויפּטזעכלעך אין איר שענסטן קאַפּיטל: וואָלונטירן. *

---

* דער אַרטיקל פון חבר ברוך צוקערמאַן איז אָנגעשריבן געוואָרן אין מיטן 1943. זינט דאַן האָט זיך די לאַגע אויפן רעליף־פראָנט אין אַ געוויסער מאָס געענדערט. דורך דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד האָט די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע רעליף־אַגענטור — דעם ציוניסטישן אַרבעטער־הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט אין משך פון זיין קורצער עקזיסטענץ שוין צו פאַרצייכענען גאַנץ קענטיקע רעזולטאַטן (וועגן דעם שרייבט געוויער חבר ל. סיגאַל אויף זז׳ 37־333).

די אַלגעמיינע באַטראַכטונגען און הנחות פון ח׳ צוקערמאַן האָבן כמעט גאָרניט פאַרלוירן פון זייער אַקטואַליטעט און שלאָגפערטיקייט. — רעד.

ד״ר חיים ווייצמאַן — ערן־מיטגליד אין פאַרבאַנד

באַגריסונג פון ד״ר ווייצמאַן

פעברואַר, 1943

ליבער פריינט סיגאַל:

איך בעט איך איבערצוגעבן דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַר־באַנד מיין אויפריכטיקן דאַנק פאַר אייער וואַרעמער איינלאַדונג צו ווערן אַן ערן־מיטגליד פון פאַרבאַנד צו דער געלעגנהייט פון זיין 30סטן יובילײ.

אויס טיפער באַוואונדערונג פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, מיט וועלכער איך זייט פאַר אַ סך יאָרן אַזוי ענג פאַרבונדן, ווי אויך אויס מיין אויפריכטיקער אָפּשאַצונג פון דעם פאַרבאַנד׳ס ביי־טראַג דאָ אין אַמעריקע אויפן אידישן נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט, בין איך באַוואוויגן אָנצונעמען אייער איינלאַדונג.

אין דער איצטיקער שיקזאַל־שווערער צייט, ווען די מלחמה ליגט אויף אונז אַרויף אַזאַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קיום פון אונ־זער פאָלק, איז עס וויכטיק, אַז די אידישע מאַסן אין אַמעריקע זאָלן זיין גוט אָרגאַניזירט און דערוואַקסן צו די פליכטן, וואָס די געשיכטלעכע שעה לייגט אויף זיי אַרויף.

אין דער האָפענונג, אַז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט זיין שטאַרק, אַנטשפּרעכנד צו זיינע גרויסע אויפגאַבן, פאַרבלייב איך,

מיט ציונ׳ס גרוס,

חיים ווייצמאַן

הסתדרות באַגריסט דעם פאַרבאַנד

תל־אָביב, דעם 21טן מאַי, 1943

צו דער געלעגנהייט פון ד״ר חיים ווייצמאַנ״ס אויפנאַמע אַלס ערן־מיטגליד פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, שיקן מיר אייך אונ־זער האַרציקסטע באַגריסונג. ד״ר ווייצמאַן איז אַלעמאָל פאַררעכנט אַלס ערן־מיטגליד פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל און דער שטאַנדהאַפטיקסטער פאַרטיידיקער און שטיצער פון אונזער אַרבעט. זאָל ער דורך דעם קריגן באַנייטע כוחות צו טראָגן דעם שווערן יאָך פון אידישן פאָלק אין דער איצטיקער שווערער שעה און צו דער־פירן די שטורמישע שיף צו אַ זיכערן האָפן.

ועד הפועל פון דער הסתדרות,

דוד רמז

יוסף שפרינצאַק

גאָלדע מייערסאָן

מיר שמידן דעם חבר־פאַרבאַנד

(אַ הימן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו דער 5טער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן)

פון ה. רויזענבלאַט

עס אָטעמט דער בלאָז־זאַק אָנטקעגן די פלאַמען,
עס שלאָגן די האַמערס אָן בלוט־רויטן שטאָל,
עס שפּריצן און טונקען זיך גאָלדיק די פונקען
און איבער דעם פייער קלינגט מעכטיק אַ קול:
צי שטאַרקער די מוסקלען,
הויב פלינקער די האַנט,
דיין האַמער זאָל הילכיקער קלינגען:
מער רינגען, מער רינגען,
מער שטאָלענע רינגען!
מיר שמידן, מיר שמידן דעם ברודער־פאַרבאַנד!

עס וויגט זיך דער האַמער אין קלאַנגען פון זילבער,
עס גליען די רינגען אין גאָלדענעם שטויב,
עס מישט דאָס געזאַנג זיך צונויף מיט די פלאַמען,
עס פלעכט זיך די קראַפט מיט דער ליבע צוזאַמען,
דער שטאָלץ פון אַן אָדלער, דאָס האַרץ פון אַ טויב:
עס גליען די מוסקלען,
עס ציטערט די האַנט:
דער האַמער זאָל הילכיקער קלינגען!
מער רינגען, מער רינגען,
מער שטאָלענע רינגען!
מיר שמידן, מיר שמידן דעם פרייהייטס־פאַרבאַנד!

מיר שמידן אַ ליכטיקן נייעם פאַרלאַנג,
מיר שמידן פון הערצער, פון הערצער געטרייע,
אַן אייביקן פרידן פאַר דורות פאַר פרייע,
אַ שטאָלצן, אַ נייעם אַז־ישיר־געזאַנג.
עס גליען די מוסקלען,
עס פיבערט די האַנט:
דער האַמער זאָל הילכיקער קלינגען!
מער רינגען, מער רינגען,
מער שטאָלענע רינגען!
מיר שמידן, מיר שמידן דעם חבר־פאַרבאַנד!

באַגריסונגען צום 30־יעריקן יובל פון פאַרבאַנד (1943)

וועלט־איחוד, תל־אָביב

דער איחוד עולמי פון פועלי ציון־צ. ס.־התאחדות שיקט אייך איבער די האַרציקסטע באַגריסונג צו אייער יובל־פייערונג. אונזער וועלט־באַוועגונג איז מיט רעכט שטאָלץ אויף די פרוכטבאַרע אָנשטרענגונגען פון אירע חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן במשך פון די 30 יאָר פאַר שאַפן די דאָזיקע גלענצנדע מאַכט־פּאָזיציע פון פאָלקסטימלעך־נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־כאַראַקטער אין האַרץ פון גרעסטן צענטער פון אידנטום אין אונ־זער צייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען אין די לעצ־טע יאָרן און דעם גלענצענדןביישטייער פון פאַרבאַנד צו אונזער קאָנ־סטרוקטיווער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

גרויס איז דער צער פון אונזער פאָלק און פון דער אידישער אַרבע־טער־באַוועגונג, וואָס איז צעשמעטערט אין די לענדער פון איר געבורט און פון אָונזער אייגענער רענעסאַנס־באַוועגונג, וואָס קעמפט איצט פאַר ראַטעווען אונזערע מאַסן אין די נאַצי־לענדער און פאַר דער פולער פאַר־ווירקלעכונג פון אונזערע האָפענונגען אויף אַ אידיש היימלאַנד. קיינמאָל איז ניט געווען אַזאַ דרינגנדע נויטווענדיקייט פאַר דער עקזיסטענץ און וואוקס פון אַ לאַיאַלער פאַראייניקטער ברידערלעכקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אין די היינטיקע טעג פון צער און האָפענונג. מיר גלויבן אין אייער וויטערדיקן וואוקס און אין אייער גרייטקייט שטענדיק צו דינען אונזער באַוועגונג אַלס אַ שטיצפּונקט צו אָרגאַניזירן און דערציען די אידישע מאַסן אין אַמעריקע. מיר לייגן גרויסע האָפענונגען אויף אייערע ברידערלעכע געפילן פון לאָיאַליטעט און אייער דראַנג נאָך מעשים פון רעטונג און גאולה. זאָלן אייערע אָנשטרענגונגען זיין אין איינקלאַנג מיט דער איצטיקער שווערער שעה און זאָל אייער פייערונג זיין אַן אינספּיראַ־ציע פאַר אייערע פאַרטאָפּלטע אָנשטרענגונגען. די וועלט־באַוועגונג שיקט אייך איבער אירע האַרציקע ברכות.

יוסף שפּרינצאַק, זלמן רובאַשאָוו, אַנשעל רייס,
ב. וועסט, מלך ניישטאַט

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראלידיקער אַרבעטער־פּאַרטיי — מפא״י

די האַרציקסטע גרוסן פון טויזנטער חברים צו אייער יובל. מיר האָפן, אַז איר וועט פאַרגרעסערן אייער איינפלוס אויף די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מאָביליזירט זיי צו איבערגעגעבנהייט פאַר דער גרויסער אָנשטרענגונג צוצואיילן די רעטונג פון אונזער פאָלק און די פולע סאָציאַל־פּאָליטישע אויפלעבונג אין אונזער היימלאַנד.

בערל לאָקער, לוי שקאָלניק

ארץ־ישראל אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד

פון מאיר בראַון

א

די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג

דער וואָס זעט היינט דעם פאַרבאַנד אַלס דינאַמישן כוח, אַלס טרייב־קראַפט פאַר ארץ־ישראל אַקטיוויטעטן, פאַר דער הסתדרות העובדים, קאָן מיינען, אַז דער פאַרבאַנד האָט פון זיין ערשטן טאָג אָן אַזוי פלייסיק און צילבאַוואוסט געטאָן די ארץ־ישראל אַרבעט. ס'איז אָבער ניט אַזוי.

פּועלי ציון, וועלכע זיינען געווען די אַקטיוויסטע טוער ביים באַשאַפן דעם פאַרבאַנד, זיינען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען. אַ טייל האָט געדענקט, אַז מען מוז געבן דעם פאַרבאַנד אַ ריינעם פּאַרטיי־אידעאָלאָגישן כאַראַקטער. זיי האָבן דאָן ניט אַזוי געטראַכט וועגן שאַפן אַ מאַסן־באַוועגונג, ווי וועגן פאַרמירן אין אָנהויב אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענע פּאָליטישע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל געפינען דעם צוטריט צום אידישן אַרבעטער און אים געווינען פאַרן פּועלי־ציוניזם. אַנדערע האָבן ווידער געדענקט, אַז מען מוז שאַפן אַ מאַסן־קערפּערשאַפט, עפענען ברייט די טירן פאַר אַלע יעניקע, וועלכע זיינען נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוו, אַפילו ווען זיי זיינען ניט אויסגעשפּראָכן ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש. זיי האָבן געדענקט, אַז אַן ענגע פּאַרטיי־פּלאַטפאָרמע וועט פאַרצאַמען דעם צוטריט צום פאַרבאַנד און פאַראורטיילן אים צו קליינע צאָלן פאַר יאָרן־לאַנג.

די פּועלי ציון פון אַמעריקע האָבן דורכגעמאַכט אַ קורצע צייט פאַר דער גרינדונג פון פאַרבאַנד אַ שפּאַלטונג. צוויי קעמפענדיקע מחנות זיינען אַנטשטאַנען: פּועלי ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. דער טיפער ריס איז טיילוויז פאַרמילדערט געוואָרן אין הערבסט 1909, ווען ס'איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן פון פּועלי ציון אין שיקאַגאָ, וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַראייניקטער פּועלי ציון־פּאַרטיי דר. זשיטלאָווסקי, דר. סירקין, צוקערמאַן, אב. גאָלדבערג און אַנדערע חברים פון ס. ס., אָבער ניט די מערהייט פון ס. ס.־חברים און „זשיטלאָווסקיאַנער".

האָבן יענע פּועלי ציון, וועלכע האָבן געוואָלט אָפענע טירן פאַרן פאַרבאַנד, געקלערט, אַז דורכן פאַרבאַנד קאָן מען דעם ריס אין גאַנצן גוטמאַכן און פאַראייניקן אַרום אים די מערסטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע כוחות, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זיך אָנשליסן אין אַ ריין פּאַרטייאישער קערפּערשאַפט. ביים ערשטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד־פאַראיינען אין ראָטשעסטער, יוני 1910, זיינען צווישן די דעלעגאַטן געווען אויך ניט פּועלי ציון. זיי האָבן געשטיצט דעם געדאַנק פון אַ פרייען פאַרבאַנד און דער געדאַנק האָט געזיגט.

אָבער גלייך איז פאָרגעקומען אַ שטרייט אַרום דער פראַגע פון איינפירן אַ דריי סענט שטייער אַ קוואַרטל פאַרן פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, וואָס איז אַרום יענער צייט געגרינדעט געוואָרן. מאַנכע האָבן געזען אין דעם פאָרגעשלאָגענעם שטייער אָן אָנהויב פון אַ פאַרטיי־אַקטיוויטעט אין פאַרבאַנד און געשטעלט זיך קעגן. זיי האָבן פאַרלוירן, דער שטייער איז אָנגענומען געוואָרן פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט נאָך הייסע דיסקוסיעס און טרערן. יאָ, ארץ־ישראל האָט דאַן אַרויסגערופן די ערשטע טרערן אויף אַ פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר.

ערשט אין אָלבאַני, סוף דעצעמבער 1912, אויף דער טשאַרטער־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער שטעלונג פון פאַרבאַנד צו ארץ־ישראל. דאָרטן האָט מען פון דאָס ניי פאָרמולירט די פאַרבאַנד־אויפגאַבן, אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע און פּרינציפּן־דערקלערונג, פאָרמולירט אַ חברשע שבועה. אין ליכט פון צוויי און אַ האַלב יאָר דערפאַרונג, אויפקלערונג, קאַמף מיט קעגנער, וועלכע האָבן שאַרף באַקעמפט דעם ארץ־ישראל־געדאַנק און יעדע פּראַקטישע אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, האָט דער אָלבאַניער צוזאַמענפאָר קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז דער פאַרבאַנד וועט איינשליסן פּאָזיטיווע ארץ־ישראל אַקטיוויטעטן אין זיינע אויפגאַבן, אַפילו ווען ער איז ניט אַ פּאָליטישע פאַרטיי.

דער באַשלוס פון אָלבאַני האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די רייען פון יונגן פאַרבאַנד, אָבער די פּרינציפּן־דערקלערונג און קאָנסטיטוציע האָבן נאָך געמוזט ראַטיפיצירט ווערן פון פאַרבאַנד־רעפערענדום, און דאָ האָט די נייגעוויילטע לייטונג געהאַט איר געלעגנהייט דורכצופירן אַ ברייטע ארץ־ישראל־אַגיטאַציע און אויפקלערונגס־אַרבעט. אין אַלע צוויגן זיינען דורכגעפירט געוואָרן ספּעציעלע א״י ־ אויפקלערונגס ־ פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע נייע און אַלטע פאַרבאַנד־חברים האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו הערן וועגן דער ראָלע פון ארץ־ישראל אין אידישן לעבן. ס'איז באַטאָנט געוואָרן די באַדייטונג פון אַרבעטער־ציוניזם, די באַדייטונג פון נאַציאָנאַל־פאָנד, פון אידישער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל און די ראָלע פון ציוניזם אין אידישן באַפרייאונגס־קאַמף און אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

היציקע דעבאַטן זיינען פאָרגעקומען אויף יענע פאַרזאַמלונגען אָנהויב 1913, אָבער דער רעפערענדום האָט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט גוטגעהייסן די באַשלוסן פון אָלבאַני, און ארץ־ישראל־אַרבעט איז געזעצלעך אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין די פאַרבאַנד־אויפגאַבן. דער פאַרבאַנד איז פאַרבליבן אַ פרייער בונד, ניט אָנגעשלאָסן זיך פאָרמעל אָן דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער נייע חברים זיינען אויפגענומען געוואָרן נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן אויך צוגעשטימט צו ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן, און אויף אַזאַ אופן איז מעגלעך געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל אַריינגעצויגן ווערן אין פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן פאַר ארץ־ישראל.

דעם פאַרבאַנד'ס צוזאַמענפאָרן אין פילאַדעלפיע, באָפאַלאָ און דעטרויט אין די יאָרן 1914, 1915 און 1916 זיינען געוואָרן אַ מקור פאַר עפנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע און האָבן פאַרשטאַרקט די ארץ־ישראל־שטימונג ביי די דעלעגאַטן פון

די צוזאַמענפאַרן און אין די פאַרבאַנד־רייען. איבערהויפּט האָט זיך די דאָזיקע שטימונג שטאַרק געהויבן זינט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אויגוסט 1914, ווען עס זיינען אָנגעקומען געסט פון ארץ־ישראל און פון אונ־זער באַוועגונג אין אייראָפּע, און זיי האָבן אָנגעהויבן טיפער ווירקן אויף די פּועלי־ציון, דעם פאַרבאַנד און אין היגן לעבן.

פון די גאָר ערשטע געסט איז געווען חבר שלמה קאַפּלאַנסקי, איינער פון די וויכטיקסטע פּועלי ציון פירער (איצט לייטער פון פּאָליטעכניקום אין חיפה). זיין אַרטיקל איבער די צילן פון פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד, וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם דריי־מאָנאַטלעכן זשורנאַל „די אידישע אַרבעטער־שטי־מע”, האָט געווירקט אויף די חברים, אַז זיי זאָלן אָנהויבן צו באַטייליקן זיך אַק־טיוו אין דער פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד מאַי־זאַמלונג אין 1915 און אין דער פאַרשפּרייטונג פון פּאַל. אַרב.־פאָנד מאַרקן.

שפּעטער זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע בן־צבי, בן־גוריון, באַראַכאָוו, כאַשין, זרובבל. בן־גוריון און כאַשין זיינען אויפגעטראָטן אויף דער דריטער פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין באַפאַלאָ אין יולי 1915. יענער צוזאַמענפאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענטוזיאַזם פאַר ארץ־ישראל. ס׳איז כדאַי צו ציטירן פון דעם סעקרעטאַר׳ס באַריכט צו דער קאָנווענשאָן פאָלגנדע שורות, וואָס קאָנען כאַראַקטעריזירן די שטימונג ביים פאַרבאַנד צו יענער צייט. „ווי וואָלט געווען צו אונזער פאָלק, ווען נאָך אַזאַ גרויסן בלוט־שטורעם, נאָך דעם פאַרלוסט פון זיין יוגנט, זיינע איבערמענטשלעכע ליידן, זאָל ער אין דיזן אמת היסטאָרישן מאָ־מענט אין דער וועלט ניט קריגן אָפּגעצאָלט אַ חוב, וואָס די וועלט איז אים שול־דיק, נעמלעך, זיין פולע באַפרייאונג אַלס פאָלק. גלייכקייט פאַר אַלע פעלקער טאָר ניט הייסן אַן אויסנאַמע פאַרן אידישן פאָלק. פרייהייט פאַר יעדער נאַציע קאָן ניט איבערלאָזן דאָס אַלטע אידישע פאָלק אין שקלאַפעריי און אונטערדרי־קונג. אַ פרייע היים פאַר יעדן פאָלק מוז הייסן און ברענגען אויך אַ פרייע היים פאַר אונזער פאָלק, זיין אַלטע היים, וואו ער האָט זיין בלוט פאַרגאָסן און זיך אַלס פאָלק פאַר דער וועלט דערוויזן. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מוז איצט ניט בעטן, נאָר פאָדערן, און די פאָדערונג מוז שטאַרק און קרעפטיק באַטאָנט ווערן. בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אונזער פאָלק אין אַלע לענ־דער און זיין היים אין ארץ־ישראל. די פאָדערונג מוז ווערן די פאָדערונג פון גאַנצן פאָלק”.

די, וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם באַפאַלער צוזאַמענפאָר, האָבן געקאָנט זען, ווי וויט דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ באַוואוסטזיניקן קעמפנדיקן כוח. ניט אומזיסט האָבן בן־גוריון און כאַשין אין גליענדיקע ווערטער באַ־גריסט דעם פאַרבאַנד אין נאָמען פון די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און דערקלערט דעם פאַרבאַנד אַלס מיטקעמפער און מיטבויער צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון ארץ־ישראל. אַלעקסאַנדער כאַשין, איינער פון די גייסטרייכע און גלענצנדיקע פּועלי ציון גאַסט־רעדנער (שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט אין רוסלאַנד), האָט כאַראַקטעריזירט די שטעלונג פון פאַרבאַנד צו ארץ־ישראל אַלס „אַ ווידער־קול פון יענעם היסטאָרישן ווײ־געשריי, וואָס טראָגט זיך דורות־

לאַנג איבער די קעפּ פון די אייביק־וואַנדערנדע און פּאַרוואָגלטע, וואָס זוכן זייער הײם". האָפענונגען און טרערן האָבן פאַרענדיקט יענעם צוזאַמענפאַר, און די דעלעגאַטן זיינען זיך צעפאָרן, גלויביקער און מוטיקער אין זייער אַרבעטס־גרייטקייט און קאַמף פאַרן אידישן פאָלק און פאַר ארץ־ישראל. באַפאַלאַ האָט געוואונען פאַרן פאַרבאַנד פיל נייע חברים און מיטקעמפער.

די פּועלי ציון־פּאַרטיי איז ניט געווען גרויס אין צאָל, אָבער זי האָט אין די מלחמה־יאָרן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע אָנפירנדיקע ראָלע אין אידישן אַמעריקאַנער לעבן, און די פּאַרטיי האָט געפונען אין פאַרבאַנד אַ געטרייען חבר. ס'איז ניט געווען אַן ארץ־ישראל־אַקטיוויטעט, וואָס די פּאַרטיי האָט אונטערגענומען, אַז זי זאָל ניט געפינען דעם וואַרעמסטן מיטגעפיל און אָפּרוף מצד דעם פאַרבאַנד.

ב

דער פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, „יזכור"־אָוונטן א. אַ. וו.

באַזונדערס האָט דער פאַרבאַנד געשטיצט דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון די פּועלי־ציון אין 1912 און געפירט געוואָרן פון ש. באַנטשעק, דעם ענערגישן סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט.

דער פּאַלעסטינע ־ אַרבעטער ־ פאָנד ־ קאָמיטעט האָט פּאָפּולער געמאַכט שריפטלעך און מינדלעך די ארץ ־ ישראל ־ אַקטיוויטעטן און אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר אַ ריי ארץ־ישראל אַרבעטער־אַקטיוויטעטן נאָך יאָרן פריער אידער ס'איז באַשאַפן געוואָרן אין 1924 דער געווערקשאַפטן־קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל, אונטערן פאָרזיץ פון דעם אומפאַרגעסלעכן, מוטיקן אידישן אַרבעטער־פירער מאַקס פּיין (געשטאָרבן דעם 2טן מערץ 1928).

אַזוי האָט דער פּאַל. אַרב.־פאָנד קאָמיטעט פּאָפּולער געמאַכט דעם „השומר", אַרויסגעגעבן אין 1916 דעם בוך „יזכור" און דורכגעפירט אַ צאָל „יזכור־אָוונטן", וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אויך אין די פאַרבאַנד־פאַראיינען.

דער קאָמיטעט האָט מעגלעך געמאַכט די אויסגאַבע פון אַ וויכטיקן אינפאָרמאַטיוון בוך איבער ארץ־ישראל אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געשריבן פון בן־צבי און בן־גוריון, וועלכע האָבן דאַן פאַרווײלט אין אַמעריקע אַ לענגערע צייט און זיינען שפּעטער אַוועק מיטן אידישן לעגיאָן קיין ארץ־ישראל. דאָס בוך איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאַרבאַנד־קרייזן.

בכלל האָט די פאַרבאַנד־לייטונג ביי יעדער געלעגנהייט געוועקט אירע חברים צו דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל; אין די עפנטלעכע א"י־זאַמלונגען האָט מען געזען אַ צאָל פאַרבאַנד־חברים וואָלונטירן. די ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן האָבן פאַר דעם פאַרבאַנד געהאַט אַ דערציערישע באַדייטונג. אין דעטרויט, אין 1916, האָט דער פאַרבאַנד אויף זיין פערטן צוזאַמענפאָר פּראָקלאַמירט, אַז „דער פאַרבאַנד באַטראַכט די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל אַלס די שאַפער פון דער אידישער צוקונפט און די הויפּט־טרעגער פון אונזער אויפלעבונג אין

ארץ־ישראל״. דער צוזאַמענפאָר האָט שוין דאַן פאַרפליכטעט די ניי־געוויילטע ליטונג צו „באַטייליקן זיך אין יעדער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל איצט און נאָך דער מלחמה״.

דער דעטרויטער צוזאַמענפאָר האָט איבערגעשטיגן דעם באָפאַלער צוזאַ־מענפאָר אין פּאָליטישער רייפקייט, אין זיין ליידנשאַפטלעכער איינשטעלונג פאַר

בערל קאַצנעלסאָן, פירער און לערער פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט, באַזוכט אַמעריקע אין דער דעלעגאַציע פאַר דער אַרבעטער־באַנק אין 1922. געשטאָרבן אין א״י אויגוסט 1944.

ארץ־ישראל־געדאַנק און אַקטיוויטעט. ס׳איז געווען אַ צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געצויגן די פולסטע אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכקייט און די סימפּאַטיע פון דער אידישער פּרעסע.

ג

נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָנווענשאָן און איד. קאָנגרעס

ס׳איז גערופן געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָנווענשאָן, וואָס האָט גרופּערט אַרום זיך אויסער פּועלי־ציון און פאַרבאַנד־פאָרשטייער, אויך

אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס, פריינטלעכע צו אונז, צו ארץ־ישראל און צו דער באַוועגונג פאַרן אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. ס׳איז פאַרשפּאַרט צו באַטאָנען, אַז די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ קלאָרע, גינסטיקע שטעלונג צו ארץ־ישראל און האָט דערמעגלעכט אונז צו געווינען פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק און ארץ־ישראל מאַסן נייע פריינט און אָנהענגער אין דער אידישער אַרבעטער־ און פּראָגרעסיווער וועלט.

אין דער הערלעכער באַוועגונג פאַר אַ אידישן קאָנגרעס האָבן דר. זשיטלאָווסקי, דר. סירקין, דר. זאָלאָטאַראָוו, פּ. רוטענבערג, יהואש, צוקערמאַן, ענטין, בראָון, פּינסקי, עהרענרייך און אַנדערע געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, די פּאַרטיי און דער פאַרבאַנד האָבן געוואונען אין איינפלוס און אין סימפּאַטיע. דער קליינער און יונגער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען געזעלשאַפטלעך אַ וויכטיקערע פּאָזיציע פון גרעסערע און שטאַרקערע אידישע אַרבעטער־אָרדנס.

אין די וואַלן צום קאָנגרעס אין יוני 1917 האָט אונזער באַוועגונג אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון, 49 „אונזערע" דעלעגאַטן, דער רוב חברים פון דער פּאַרטיי און פון פאַרבאַנד, זיינען דערוויילט געוואָרן, און די רעזולטאַטן זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט אַלס „זיג פאַר ארץ־ישראל".

היפש מיטגעהאָלפן צו אונזער זיג האָט די ספּעציעלע אויסגאַבע „דער אידישער קאָנגרעס", וואָס איז דערשינען אַ געוויסע צייט און האָט אָנגעפירט אַ מוטיקן פּרינציפּיעלן קאַמף מיט אַלע קעגנער פון דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס־אידעע, פון רעכטס און פון לינקס. אין דער אַרבעט האָט דאַן באַזונדערס געווירקט פּנחס רוטענבערג.

דאָס יאָר 1917 צייכנט זיך בכלל אויס אין לעבן פון פאַרבאַנד און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער געדאַנק פון אַ אידישן לעגיאָן האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ קאָנקרעטע פאָרם, ווערן אַ ווירקלעכקייט; פאַרבאַנד־חברים פון פיל שטעט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן און שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

דער קאַמף פון דער ענגלישער אַרמיי אין ארץ־ישראל, דאָס איינגעמען פון ירושלים דעם 1טן טאָג חנוכה אין יאָר 1917, און איבערהויפּט די באַלפור־דעקלאַראַציע פון 2טן נאָוועמבער 1917 האָבן אויפגערודערט דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע און אַריינגעבראַכט אין אונזערע רייען גרויס התלהבות און קרבנות־גרייטקייט.

ד

טרענטאָנער קאָנפערענץ

(אידישער לעגיאָן — בן־צבי׳ס אויפטריט אין טרענטאָן)

יענעם יאָר, סוף נאָוועמבער, האָט דער פאַרבאַנד אָנשטאָט זיין יערלעכן צוזאַמענפאָר פאַררופן אין טרענטאָן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, וואָס איז גראָד אויסגעפאַלן גלייכצייטיק מיט דער באַלפור־פייערונג אין קופּער־יוניאָן, אין ניו־יאָרק.

אין טרענטאָן זיינען די לייטונג און די דעלעגאַטן געווען אייניק אין דער־קלערן, אַז „ניט בלויז אונטערשטיצן די אַרבעט אין ארץ־ישראל, נאָר מיר מוזן ווערן איינער פון די אָנפירנדיקע און בויענדיקע כוחות. די צייט פאַר טעאָרע־טישע דיסקוסיעס איבער ארץ־ישראל איז אַוועק, ס'איז אַ צייט פאַר מעשים". און די קאָנפערענץ אין טרענטאָן האָט באַשלאָסן, אַז „צוזאַמען מיט די פועלי־ציון באַדאַרפן מיר גרינדן אַ פּאָליטישע ארץ־ישראל־קאָמיסיע, פאַררופן אַן אַלגעמיינע אידישע אַרבעטער־קאָנווענשאָן פאַר אַן אַלגעמיינער אַקציע פאַר ארץ־ישראל".

אויך האָט די קאָנפערענץ גערופן פאַרבאַנד־מיטגלידער אַנצושליסן זיך אין „החלוץ" און האָט אויפגעפאָדערט די לייטונג אַרויסצולאָזן אַ דעקלאַראַציע וועגן דער פאַרבאַנד־שטעלונג צו ארץ־ישראל און אויפקלערן די חברים איבער דער וויכטיקייט פון ציוניסטישע קאָנגרעסן, שקלים, נאַציאָנאַל־פאָנד און זיי געווינען פאַר די אַרבעטן. די טרענטאָנער קאָנפערענץ האָט זיך אָפיציעל אידענטיפי־צירט מיטן אַרבעטער־ציוניזם.

בן־צבי איז געווען דער גאַסט פון טרענטאָנער צוזאַמענפאָר. ער האָט גע־רעדט וועגן די שומרים אין ארץ־ישראל, די, וועלכע שטייען אויף דער וואַך, און די, וועלכע זיינען געפאַלן, באַשיצנדיק אידיש לעבן און אידישע פּאָזיציעס. ער האָט באַטאָנט דעם היסטאָרישן מאָמענט, וואָס אונזער פאָלק לעבט דורך, גע־רעדט איבער חלוציות און וועגן דעם, אַז „דער פאַרבאַנד באַדאַרף גיין מיט די אידישע אַרבעטער אין דער אַרבעט פאַר ציון און אין ציון".

זיין רעדע האָט אויפגערודערט די גאַנצע פאַרזאַמלונג, איבערהויפּט ווען ער האָט אין רירנדיקע ווערטער געגעבן בילדער פון ארץ־ישראל־לעבן אין מלחמה און באַטאָנט די קרבנות פון די פאַרבליבענע, די ליידן פון די אַרויסגעטריבענע פון ארץ־ישראל, אַ דאַנק דעם דעקרעט פון דזשעמאַל פּאַשאַ.

אַ יאָר איז אַריבער נאָך דער טרענטאָנער קאָנפערענץ, און פיל פאַרבאַנד־חברים זיינען אַוועק מיטן לעגיאָן, אַנדערע זיינען גענומען געוואָרן אין דער אַמע־ריקאַנער אַרמיי; אָבער די ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן און אויפקלערונג זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן גראָד אין יענעם קריטישן יאָר פאַרן פאַרבאַנד. אַלץ מער און מער האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אין די פאַרבאַנד־קרייזן אַ געדאַנק, אַז דער פאַרבאַנד באַדאַרף עפּעס אייגנאַרטיקס ביישטייערן אויף דעם סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן געביט פון אַרבעטער־טעטיקייט אין ארץ־ישראל. מען האָט שוין געהערט אויף דער 5טער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער אין 1918 אַ פאָדערונג צו שאַפן אַן אייגענע אינסטיטוציע אין ארץ־ישראל און בילדן אַ ספּע־ציעלן פאָנד, אַ פּיאָנערן־פאָנד; מאַנכע דעלעגאַטן האָבן זאָגאַר אויפגעהויבן די פראַגע פון אַ פאַרבאַנד־אָפּטיילונג אין ארץ־ישראל, און שיקן אַ פאַרבאַנד־פאָר־שטייער אין ארץ־ישראל. באַזונדערס האָט זיך אַזאַ פאָדערונג געהערט אויפן זעקסטן צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד אין הערבסט 1919, אין שיקאַגאָ.

יהושע גאָרדאָן, פרעזידענט פון פאַרבאַנד, איז אַוועק מיטן לעגיאָן קיין ארץ־ישראל און האָט פון דאָרט געשיקט אַ באַגריסונג צו דער פאַרבאַנד־קאָנ־ווענשאָן אין שיקאַגאָ.

ד"ר יצחק אייזיק הורוויץ, אַ פירנדע פערזענלעכקייט אין אַמעריקע, וואָס

איז פריער געווען פרעזידענט פון פאַרבאַנד, האָט אין זיין באַגריסונג צו דער קאָנווענשאָן באַטאָנט, אַז מען דאַרף אָנהויבן קלערן וועגן אַ גרויסער אינדוס־טריעלער אַקטיוויטעט אין ארץ־ישראל.

אויף דער קאָנווענשאָן איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעקאָמענדאַציע צו שיקן „אַ פאַרבאַנד־קאָמיסאַר אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן צו שאַפן אַן אַרבעטער־אינסטיטוט אַלס פאַרבאַנד־בייטראַג צו ארץ־ישראל".

אין די רייען פון פאַרבאַנד האָט זיך שטאַרק געלאָזט מערקן, אַז איצט מוז מען טאָן גרויסע אַרבעטן אין ארץ־ישראל. מיט אינטערעס האָט מען אויפ־גענומען די נייעס, אַז דער וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון שיקט אַ קאָמיסיע קיין ארץ־ישראל פעסטצושטעלן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן און אויפגאַבן. די מלחמה איז געווען געענדיקט. אין ארץ־ישראל איז דאָן געווען אַ קליינער ישוב פון איבער 50 טויזנט אידן. אַ צאָל לעגיאָנערן פון אַמעריקע, צווישן זיי פיל פאַר־באַנד־חברים, איז פאַרבליבן אין לאַנד.

ס'האָט זיך געפילט אין דער אידישער גאַס, איבערהויפּט אין ציוניסטישן לאַגער, אַז ארץ־ישראל איז אויפן שוועל פון גרויסע פאַסירונגען, און אַז ס'שטייט די פראַגע פון רעקאָנסטרוקציע, פון אַ פּאָליטישן סטאַטוס, פון אַ מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, וואָס זאָל פאַרזיכערן ניט בלויז די אידישע היסטאָרישע רעכט אויף ארץ־ישראל, נאָר אויך גרויסע קאָלאָניזאַציאָנס־מעגלעכקייטן און די עטאַבלירונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים.

ה

געצייג־קאָמפּאַניע פאַר ארץ־ישראל־אַרבעטער

אין אַמעריקע האָט דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד אָנגעהויבן די צוגרייי־טונג פון אַ גרויסער געצייג־קאָמפּאַניע פאַר ארץ־ישראל. אַ רוף פאַר אַן ארץ־ישראל געצייג־קאָמפּאַניע איז אַרויס, אונטערגעשריבן פון פינסקי, שלאָסבערג, דר. מאַגנעס, גוסקין, ב. צוקערמאַן, מ. צוקערמאַן, בראַון, יגדל פון אינד. אַרב.־רינג און דר. זאָלאָטאַראָוו. מען האָט געפאָדערט „אַ האַמער, אַ זעג ,אַ מאַשין, אַ טראַקטאָר פאַר אידישע אַרבעטער, וועלכע שאַפן אַ ניי פּראָדוקטיוו אידיש לעבן אין ארץ־ישראל".

פון ארץ־ישראל איז אָנגעקומען אַ דערמונטערונג פאַר דער וויכטיקער אַר־בעט, וואָס איז גלייך געוואָרן אַ ספּאָנטאַנער דערפאָלג און האָט באַפעסטיקט אַ צאָל אידישע אַרבעטער־פּאָזיציעס אין דער אידישער היים. די קאָמפּאַניע פון 1920—1921 איז מיט באַגייסטערונג דורכגעפירט געוואָרן, און מען האָט געשאַצט דעם ווערט פון די מאַשינען און דאָס געלט אין דער סומע פון איבער הונדערט טויזנט דאָלאַר; די געצייג־קאָמפּאַניע איז ווירקלעך געווען אַן אָנזאָג אויף גרויסע מעגלעכקייטן אין אַמעריקע און האָט מיטגעהאָלפן פאַרבאַרייטן דעם באָדן פאַר דער הסתדרות־אַרבעט אין אַמעריקע.

די פאַרבאַנד־חברים זיינען אַריין אין דער אַרבעט „מיט ביידע פיס" און אַרויסגעוויזן ענערגיע און ליבע פאַרן ענין.

ז

לאָנדאָנער ציוניסטישע קאָנפערענץ, פועלי־ציון־שפּאַלטונג, גרינדונג פון קרן־היסוד

אין 1920 זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע פּאַסירונגען. דאָס איז געווען דער ערשטער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פועלי ציון נאָך דער מלחמה אין ווין, אין יולי 1920, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג צווישן די אַזוי־גערופענע „רעכטע" און „לינקע" פועלי־ציון. די רעזולטאַטן פון צוזאַמענפאָר זיינען באַלויכטן געוואָרן פאַרן פאַרבאַנד פון מ. בראַון, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט, אין עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אין דער „צייט" און אין צושריפטן. אַ קליינע צאָל לינק־געשטימטע פאַרבאַנד־חברים האָט דאַן אָנגעהויבן אַן אַגי־טאַציע קעגן דער שטעלונג פון פאַרבאַנד צום „רעכטן" פועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד און די פאַרשיידענע ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן, וואָס זיינען זיי ניט געפעלן געוואָרן. דער עיקר האָבן זיי אויפגענומען אַ קאַמף קעגן „רדיפות" אויף אידיש אין ארץ־ישראל, ווי זיי האָבן דאָס אָנגערופן, און געוואָלט מאַכן פון דעם אַ גאַנצן ווענן; די געזונטע ארץ־ישראל־שטעלונג פון רוב חברים אין פאַרבאַנד האָט ניט דערלאָזן זיי צו ווערן פּראָוואָצירט. די ארץ־ישראל־אַקטי־וויטעט איז שוין דאַן געווען אין גאַנצן איינגעבירגערט אין פאַרבאַנד.

אַ צווייטער וויכטיקער צוזאַמענפאָר איז געווען די ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אויף וועלכער ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס באַ־שאַפן פון קרן־היסוד, און אויף וועלכער דר. חיים ווייצמאַן איז דערוויילט גע־וואָרן צום ערשטן מאָל אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע.

ס'איז געווען אַ צוזאַמענפאָר אין אַ טראַגישער צייט, ווען ס'זיינען אָנ־געקומען די ידיעות פון בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן אין אוקראַינע. דר. מאַקס נאָרדוי האָט אויף יענער קאָנפערענץ געפאָדערט, אַז מען זאָל ניט וואַרטן מיט אויסגעאַרבעטע פּלענער, נאָר „אַריינוואַרפן" אין ארץ־ישראל אַ האַלב מיליאָן אידן. „אַפילו ווען זיי וועלן ליידן אין לאַנד, איז אַלץ בעסער, איידער שטאַרבן פון די הענט פון פּאָגראָמשטשיקעס, אָדער אַרומלויפן ווי משוגענע אין די וועל־דער פון אוקראַינע". זיין שטימע איז דאַן געווען אַ קול קורא במדבר. ווער ווייסט, צי ער איז ניט געווען גערעכט? ער האָט געטענה'ט, אַז געשיכטע אַנט־וויקלט זיך ניט תמיד ראַציאָנאַליסטיש.

די לאָנדאָנער וועלט־קאָנפערענץ האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער ציוניסטישער וועלט, און דער קרן־היסוד האָט גלייך געקראָגן זיינע אָנהענ־גער אין אַלע לענדער, דערהויפּט אין אַמעריקע.

אויך דער פאַרבאַנד האָט זיך פּאַראינטערעסירט מיטן קרן־היסוד און מיט דעם פּלאַן פון אַן אַרבעטער־ביוראָ פאַרן קרן־היסוד. ער האָט אינדאָרסירט דעם ניי־געשאַפענעם פאָנד אַלס אינסטרומענט פאַר קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און געוואָלט אויך זיין פאַרטראָטן אין דער קרן־היסוד־אַדמיניסטראַציע פאַר אַמעריקע, אָבער די קאָנסטיטוציאָנס־פּרינציפּן האָבן בלויז געגעבן פאַרטרע־

טערשטאַפּט צו די קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען אַנגעשלאָסן אַן דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און ציוניסטישן קאָנגרעס.

פאַרבאַנד־חברים האָבן אָבער גוט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דעם קרן־היסוד און געוואָרן אַקטיוו אין אים.

ז

פּאָגראָם אין ארץ־ישראל. — גרינדונג פון „בנק הפועלים"

אין 1921 איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין ארץ־ישראל. אַראַבער, גע־העצט פון עפענדיס און טיילווייז פון דער אַדמיניסטראַציע, האָבן געמאַכט אַ בלוט־באָד און דורכדעם געזוכט אָפּצושטעלן די אידישע אַרבעט. אַ גוואַלדיקער פּראָטעסט האָט זיך אויפגעהויבן קעגן דער אַדמיניסטראַציע פאַרן באַשלוס אָפּ־צושטעלן צייטווייליק די אידישע איינוואַנדערונג. דער פאַרבאַנד האָט אויף זיין זיבעטער קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ געגעבן אַ שאַרפן אויסדרוק צו זיין צאָרן און פּראָטעסט, די ליטונג האָט אין באַריכט געמאַכט אַ שאַרפע אָנקלאַגע קעגן דער א״י־רעגירונג.

סוף נאָוועמבער 1921 איז אָנגעקומען אין אַמעריקע אַ דעלעגאַציע, — די ערשטע אָפיציעלע קאָמיסיע פון אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, — מיט וויכטיקע אויפגאַבן, צווישן וועלכע ס׳איז געווען אַ ווענדונג צו שטיצן די ניי־געגרינדעטע „בנק הפועלים". אין דער דעלעגאַציע זיינען געווען מאַניע שוחט, בערל קאַצענעלסאָן און יוסף ברץ.

דער פאַרבאַנד איז געווען פון די ערשטע צו שטיצן די אַקציע פאַר דער אַרבעטער־באַנק. אָנפירנדיקע פאַרבאַנד־חברים זיינען געווען צווישן די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן אַ רוף וועגן דער באַנק הפועלים און זיך באַטייליקט אין דעם ספּעציעלן באַנק־קאָמיטעט. דער פאַרבאַנד האָט אין יענער צייט אויך געשטיצט די פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן די אידיש־דייטשע מיטגלידער פון קוראַטאָריום פון געפּלאַנטן חיפה׳ער פּאָליטעכניקום צוליב זייער באַשלוס איינ־צופירן דייטש אַלס די אָפיציעלע שפּראַך פון טעכניקום, אַנשטאָט העברעאיש. די „דייטשן" זיינען דורכגעפאַלן: דער דרוק איז געווען צו שטאַרק, — און דער פּראָטעסט פון פאָלק סיי אין ארץ־ישראל, סיי אויסער ארץ־ישראל, האָט גע־ווירקט.

ח

אַרבעטער־סאַנאַטאָריומס און מעדיקאַמענטן פאַר קופּת חולים אין א״י

אויף דער באָסטאָנער 8טער קאָנווענשאָן האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן צו שאַפן יעדן יאָר געוויסע סומען פאַר אַרבעטער־סאַנאַטאָריומס אין ארץ־ישראל. ער האָט אין דער אַרבעט פאַראינטערעסירט הויפּטזעכלעך חברות פון פאַרבאַנד, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין באַזונדערע פרויען־קלובן. די אַרבעט פאַרן סאַנאַטאָריום, דערהויפּט פאַרן כרמל־סאַנאַטאָריום אין חיפה, און דער קופּת חולים איז געוואָרן פון דאַן אָן די שטענדיקע אויפגאַבע פון די אָרגאַניזירטע

פאַרבאַנד־חברות. מערקווירדיק איז, אַז אויך אין דער אַרבעט האָבן לינק־געשטימטע חברים געזוכט מיט אַלערליי מאַטיוון צו צעשטערן די חברשע זאַמלונגען, ביז די ליטונג האָט שאַרף געענטפערט, אַז „מען וועט ניט פרעגן קיין פּאַספּאָרט ביי אַ קראַנקן אַרבעטער, ווען מען וועט אים דאַרפן אַריינגעמען".

אַ וויכטיקע אַרבעט צו שאַפן מעדיקאַמענטן פאַר קראַנקן־היימען אין ארץ־ישראל איז אָנגעפירט געוואָרן אין די יאָרן 1923—1924. מען האָט זיך געווענדעט צו דאָקטוירים, דראָגיסטן, דענטיסטן נאָך מאַטעריאַלן; די ווענדונג האָט זיך איינגעגעבן, און פיל פּראָפעסיאָנאַלן האָבן זיך טיכטיק פאַראינטערעסירט און מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. דער פאַרבאַנד, ניט זייענדיק פאַרמעל אַ ציוניס־טישע קערפּערשאַפט, האָט בכלל געהאַט אַן אויפמערקזאַם אויג און וואַרעמען אינטערעס צוצולייגן אַ האַנט צו אַלץ, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט קאָנסטרוק־



אַרלאָזאָראָוו־מעדיצין־צענטער פון דער קופת חולים — די קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות. דער פאַרבאַנד, באַזונדערס זיינע פּרויען־קלובן, האָבן פיל מיטגעהאָלפן פינאַנסיעל דער קופת חולים.

טיוון אינהאַלט אין ארץ־ישראל־לעבן. די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל האָבן אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו הערן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פירער פון הסתדרות האָבן געוואוסט, אַז טראָץ דער געאָגראַפישער ווייטקייט פאַראייניקט זיי מיט דעם פאַרבאַנד איין ציל, איין שטרעבן, איין אידעאַל. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי קאָנען זיך שטיצן אויף דעם פאַרבאַנד פון אַמעריקע. אין די $1\frac{1}{2}$ יאָר פון 1922 און 1923 האָט דער פאַרבאַנד געשיקט קיין ארץ־ישראל איבער 15 טויזנט דאָלאַר פאַרן סאַנאַטאָריום און מעדיקאַמענטן. ס'איז אין יענער צייט געווען אַ באַדייטנדיקע סומע. ס'איז כדאַי אויך צו באַ־מערקן, אַז די אידישע לערער אין ניו־יאָרק האָבן געשטיצט די אַקציע.

ט

פאַרמירונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

(די איינלאַדונג פון דער הסתדרות און דער ענטפער פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. — מאַקס פיינ׳ס היסטאָרישע דערקלערונג. — אַנדערע ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן)

די וויכטיקסטע געשעעניש אין ווינטער פון 1923—1924 איז געווען די פּראָקלאַמירונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל; ארץ־ישראל האָט איינגעלאַדן אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו זיי, צו באַקאַנען זיך מיטן ארץ־ישראל אַרבעטער־לעבן און שאַפונגען. די איינלאַדונג איז געשיקט געוואָרן צו מאַקס פיין, פּירער פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק. דער פאָרשלאָג וועגן אַ דעלעגאַציע איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, אָבער מאַקס פיין האָט זיך געשטעלט בראש פון אַן אַקציע פאַר דער הסתדרות צו שאַפן 150 טויזנט דאָלאַר.

די, וועלכע האָבן בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונג אין פעברואַר 1924 אין קופּער־יוניאָן, וועלן ניט פאַרגעסן די פייערלעכע שטימונג און דעם ציטער, וואָס איז אַלעמען דורכגעגאַנגען, ווען מאַקס פיין האָט אויסגעשריען: „מיר נעמען היינט אַרונטער דעם חרם אויף ארץ־ישראל; מיר, אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, שטרעקן אויס אַ ברודער־האַנט צו אונזערע ברידער־אַרבעטער פון ארץ־ישראל״. אַ געפּאַקטע פאַרזאַמלונג, שטראַלנדיקע געזיכטער, אַ היילִיקע שטימונג. אונזער פאַרבאַנד האָט דאַן דעלעגירט ח׳ מ. בראַון צו סאָלידאַריזירן זיך מיט דער גרויסער אַרבעטער־אַקציע, צו פאַרשפּרעכן די פולסטע מיטהילף, און אַלס ממשותדיקן באַווייז פון אינטערעס איבערגעבן אין נאָמען פון דער לייטונג די ערשטע צוויי טויזנט דאָלאַר פאַר אַ גוטער התחלה פאַרן קאַמפּיין.

פאַרבאַנד־חברים זיינען געווען שטאָלץ, און די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט האַרציק באַגריסט דעם פאַרבאַנד־באַשלוס. פון יענעם יאָר אָן איז דער פאַרבאַנד געוואָרן איינער פון די זיילן פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, און פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט ער זיין אַקטיוויטעט פאַר דער הסתדרות.

גרינדעט זיך אַ נייער פאַרבאַנד־צווייג, ווייס די פירערשאַפט פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, אַז נאָך אַ פּאָזיציע איז געוואונען געוואָרן מאַטעריעל און אָרגאַניזאַטאָריש פאַר דער הסתדרות אין אַמעריקע, און דער פּרעסטיזש פון הסתדרות ווערט גרעסער דאָ אין לאַנד.

פאַרטרעטער פון הסתדרות האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אויף פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָרן, און זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן דאָרט טרעפן אַ מחנה פון מיט־בויער, חברים, וועלכע פאָלגן נאָך מיט טיפער סימפּאַטיע און אויפמערקזאַמקייט יעדע אַנטוויקלונג אין אידישן אַרבעטער־לעבן פון ארץ־ישראל.

אויף די פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָרן הויבט מען אָן רעדן ערנסט וועגן דער מעגלעכקייט און ראַטזאַמקייט צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. מען באַשליסט ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו דעלעגירן אַ פאַרבאַנד־פאַרשטייער קיין ארץ־ישראל אויסצופאָרשן דעם ענין,

איבערהויפּט ווען די הסתדרות האָט צוגעשיקט שריפטלעך און איבערגעגעבן מינדלעך צום פאַרבאַנד אַן איינלאַדונג אויסצופאָרשן דעם ענין אין לאַנד. אַ באַשלוס וועגן דער פראַגע איז אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן אויף דער יובל־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אין יאָר 1926, וואָס האָט שפּעטער גע־פירט צו דער גרינדונג פון „הסנה".

יעדע איניציאַטיוו פאַר ארץ־ישׂראל־אַרבעט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין פאַרבאַנד. ווען ס'האָט זיך געהאַלטן אין פאַרמירן אַ קאָנסערוואַטאָריע פאַר אידישער מוזיק אין ארץ־ישׂראל, לזכרון די געפאַלענע אידישע סאָלדאַטן, האָט דער פאַרבאַנד די אַרבעט געשטיצט.

איז דער פאַרבאַנד געקומען אין באַרירונג מיט דער אַרבעט פאַרן „אָרט", האָבן חברים פאָרגעשלאָגן, אַז דער „אָרט" זאָל אויך איינשליסן די אַרבעט פאַר חלוצים־הכשרה אין זיין אַרבעטס־פּראָגראַם. איז דערעפנט געוואָרן אין 1925 דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, איז עס געווען אַ יום־טוב פאַרן פאַרבאַנד. האָט זיך געפאָדערט צו שטאַרקן די אידישע אַרבעטער־דעלעגאַציע פון ארץ־ישׂראל אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט דער פאַרבאַנד שטאַרק מיט־געהאָלפן אין דער פאַרשפּרייטונג פון שקלים־פאַרקויף, כאָטש דאָס איז ניט געווען בינדנדיק פאַרן גאַנצן פאַרבאַנד.

האָבן וויכטיקע סאָציאַליסטישע פירער פון דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט ארץ־ישׂראל, האָט דער פאַרבאַנד באַגריסט דעם שריט, און שפּעטער מיט אינטערעס און האַרציקייט מיטגעהאָלפן צו רעאַליזירן דעם צונויפרוף פון ערשטן וועלט־אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישׂראל, וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין, זומער 1930.

האָט די „ועדת התרבות" (קולטור־קאָמיסיע) פון הסתדרות פאַרלאַנגט דורכצופירן אַן אַקציע פאַר ביכער, האָט די לייטונג פון פאַרבאַנד אַזאַ אַקציע דורכגעפירט צווישן די פאַרבאַנד־חברים.

אין יאָר 1925 איז געקומען צו גאַסט אין אַמעריקע דער מעדיצינישער לייטער פון מוצא־סאַנאַטאָריום פון הסתדרות, דר. ראָזענטאַל. זיינע באַזוכן ביים פאַרבאַנד, זיינע אויפקלערונגען האָבן באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט דעם אינ־טערעס פון פאַרבאַנד אין קופת חולים און געפירט צו גרעסערע אַקטיוויטעטן מצד די פאַרבאַנד פּרויען־קלובן פאַר די אַרבעטער־סאַנאַטאָריומס אין ארץ־ישׂראל.

וועדזשוואוד'ס באַזוך אין ווינטער 1925־1926 אין אַמעריקע אַלס גאַסט פון הסתדרות געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט דערוועקט אויך ביים פאַרבאַנד גרעסערע אַמביציעס צו מאַכן דעם קאַמפּיין אַ דערפאָלג.

יענעם יאָר איז די אידישע אַרבעטער־דעלעגאַציע פון ארץ־ישׂראל באַשטאַ־נען פון די חברים בן־צבי, ברץ און רמז; זיי זיינען אַלע אויסגענוצט געוואָרן פון פאַרבאַנד צו פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג איבער ארץ־ישׂראל. רמז האָט באַזונדערס באַטאָנט, אַז דער פאַרבאַנד, אַ דאַנק זיין דערפאַרונג, קאָן פיל אויפטאָן אויף דעם פאַרזיכערונגס־געביט אין ארץ־ישׂראל, און געפאָדערט, אַז מען זאָל דעם ענין ניט אָפּלאָזן. בן־צבי האָט אויף איניקע זיצונגען פון דער פאַרבאַנד־לייטונג באַזונדערס געזוכט צו פאַראינטערעסירן דעם פאַרבאַנד אין די קאָאָפּע־

ראַטיווע טעטיקייטן פון אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. ברץ האָט ביי איי־ניקע געלעגנהייטן באַטאָנט דעם הונגער נאָך לאַנד און אַ פּראָדוקטיוון לעבן און דערקלערט די וויכטיקייט פון קויפן מער לאַנד און ווערן אַקטיווער פאַרן נאַציאָ־נאַל־פאָנד. זייערע ווערטער האָבן ניט פאַרפעלט דעם ציל. זיי האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פון פאַרבאַנד פאַר נייע ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן און מער באַוואוסט־זיין אין די פאַרבאַנד־רייען. דער פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין ארץ־ישראל־קאָנפערענצן, וואו מען האָט פאַרהאַנדלט און באַשלאָסן צו שאַפן מיליאָנען דאָלאַר פאַר ארץ־ישראל־פאָנדן.

ציוניסטן האָבן געזוכט צו ווירקן, אַז דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין זאָל אַריין אין אַן אַלגעמיינעם ארץ־ישראל־קאַמפּיין, אָבער די פּועלי־ציון, פאַרבאַנד און געווערקשאַפטן־טוער האָבן באַטאָנט די וויכטיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקן אַרבעטער־קאַמפּיין און האָבן אין דעקלאַראַציעס אויף לאַנד־קאָנפערענצן פאַר ארץ־ישראל קלאָר פאָרמולירט זייער שטאַנדפּונקט. דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט אָנגעהויבן צו ווירקן אַלס אַ זייער וויכטיקער אינסטרומענט פאַר פּראָפּאָ־גאַנדע און מקור פון הכנסה פאַר די נויטן פון הסתדרות. דער פאַרבאַנד האָט דורכן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אַריינגעצויגן גרעסערע צאָלן חברים אין דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, דער עיקר שאַפנדיק אַ טיפערן אינטערעס צו די אויפ־גאַבן פון דער הסתדרות. די גרינדונג פון „דבר" איז פון פאַרבאַנד חבריש באַגריסט געוואָרן, אָבער גלייכצייטיק האָבן פאַרבאַנד־חברים אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז ארץ־ישראל זאָל אַרויסגעבן אַ ביילאַגע אין אידיש, בכדי די גרויסע צאָל אידיש־רעדנדיקע חברים זאָל זיין גענויער אינפאָרמירט וועגן ארץ־ישראל־לעבן. אַזאַ אויסגאַבע איז שפּעטער פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך די „קפא"י־ידיעות" און האָט געבראַכט גרויס נוצן פאַר ארץ־ישראל־אויפקלערונג אין די קרייזן פון פאַרבאַנד.

אויף ווי וויט דער פאַרבאַנד האָט געהאַט אַן אינטערעס אין ארץ־ישראל, קאָן דינען דער כאַראַקטעריסטישער פאַקט, אַז ווען דער אַרבעטער־רינג האָט פאַרגעשלאָגן אַ פאַראייניקונג מיטן פאַרבאַנד, האָט דער לעצטער געענטפערט, אַז ער באַגריסט אַזאַ פאַראייניקונג, בתנאַי אַז דער פאַראייניקטער אידישער אַרבעטער־אָרדן זאָל איינשליסן אין זיינע אַקטיוויטעטן אַ נאָענטע מיטאַרבע־טערשאַפט מיט דער הסתדרות אין א"י און ממשות'דיקע אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל; דאָס האָט די פירערשאַפט פון אַרבעטער־רינג ניט אָנגענומען, אַפילו ווען צענדליקע אַרבעטער־רינג־ברענטשעס וואָלטן דאָס באַגריסט, ווייל זיי זיינען שוין געוואונען געוואָרן פאַר דעם הערואישן קאַמף פון דער הסתדרות.

י

גרינדונג פון דער אַרבעטער־פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „חסנה"

איינע פון די צענטראַלע זעלבסטשטענדיקע אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד אין ארץ־ישראל איז געווען די גרינדונג פון דער אַרבעטער־פאַרזיכערונגס־געזעל־שאַפט „הסנה". דורך דער וויכטיקער אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ וואונטש פון פאַרבאַנד־קאָנווענשאַנס און פון דער הסתדרות, אַז דער פאַרבאַנד

זאָל בייטראָגן אַן אייגנאַרטיקע אַרבעט פאַר א״י. און וואָס איז געווען פּאַסנ־דיקער פאַרן פאַרבאַנד, ווי די גרינדונג פון „הסנה״? אַליין אַ קאָאָפּעראַטיווער פאַרזיכערונגס־אָרדן, מיט אַ סך דערפאַרונג און מיט אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַדייטונג פון קאָאָפּעראַטיווער פאַרזיכערונג, האָט דער פאַרבאַנד דאָ געקאָנט דינען דירעקט דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

חברים פון פאַרבאַנד, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין ארץ־ישראל, און חברים פון פאַרבאַנד, וועלכע האָבן באַזוכט דאָס לאַנד, האָבן אָנגעוויזן אויף דער ראַט־זאַמקייט פון דעם שריט. חבר בערקענבליט, אַן אַקטיווער חבר פון שלום־עליכם צווייג 24 אין ברוקלין און אַ געוויסע צייט אַ מיטגליד פון דער פאַרבאַנד־עקזעַ־קוטיווע, האָט באַזוכט ארץ־ישראל און רוסלאַנד אין יאָר 1926. אין ארץ־ישראל האָט ער זיך באַגעגנט מיט חבר א. מונציק, לייטער פון אַ יונגער אַרבעטער־פאַרזיכערונגס־קאַסע (קופת אחריות), און מיט אים אַרומגערעדט די מעג־לעכקייטן פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. ער האָט דאַן אין בריוו צו דער פאַרבאַנד־לייטונג איבערגעגעבן די געשפּרעכן און אָנגעוויזן, אַז ס׳איז כדאַי פאַרן פאַרבאַנד דעם ענין אויסצופאָרשן. רמז פון ארץ־ישראל האָט אויף זיצונ־גען פון דער 10טער קאָנווענשאָן דערמונטערט דעם פאַרבאַנד זיך צו פאַראינטע־רעסירן מיט אַזאַ אויפגאַבע. די קאָנווענשאָן איז געווען גרייט צו האַנדלען און האָט טאַקע באַשלאָסן אויפצופאָדערן די אַריינקומענדיקע נייע לייטונג אויסצופאָרשן און, ווען מעגלעך, דורכפירן דעם ענין. די לייטונג האָט דעם ענין געגנוי באַ־טראַכט און האָט באַשטימט חבר מ. בראַון, דאַן פרעזידענט פון פאַרבאַנד און גוט באַקאַנט מיט פאַרזיכערונגס־פראַגן, צו באַזוכן ארץ־ישראל און שטודירן אויפן אָרט די מעגלעכקייטן. חבר בראַון איז אָפּגעפאָרן סוף סעפּטעמבער 1926 קיין ארץ־ישראל, האָט דאָרט פאַרבראַכט קרוב צו 3 חדשים, געגנוי אויסגעפאָרשט אַלע מעגלעכקייטן און שוועריקייטן, זיך צוזאַמענגעטראָפן אייניקע מאָל מיטן ועד הפועל פון דער הסתדרות, פאַרטרעטער פון אַ צאָל אַרבעטער־אינסטיטוציעס און קאָאָפּעראַטיוון אין די וויכטיקסטע פונקטן פון לאַנד; געהאַט אויך אַ צאָל גע־שפּרעכן מיט עקאָנאָמיסטן אוןווירטשאַפטס־מענטשן פון ארץ־ישראל אין און אויסערהאַלב דער הסתדרות. ער האָט אויך אויסגעפאָרשט די געשאַפענע אַרבעטער־פאַרזיכערונגס־קאַסע, געגנוי באַשפּראָכן אַלע פראַגן מיט ח׳ א. מונציק, מיט פאַרשטייער פון באַנק הפועלים, און אין אַ צאָל בריוו צו דער פאַרבאַנד־לייטונג האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער עקאָנאָמישער מצב אין לאַנד איז אַ שווערער, דער אַרבעטס־לוין אַ קלענער און ניט תמיד זיכער; שטאַרבט דער ברויטגעבער, בלייבט די אַרבעטער־פאַמיליע אומבאַשיצט, ווייל דער אַרבעטער האָט גאָרניט אָפּגעשפּאָרט, און עס איז זייער נויטיק, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן אויפן געביט פון פאַרזיכערונג. ער האָט אויך אָנגעוויזן ווי אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט קאָן מיט דער צייט העלפן דעם בוי פון אַרבעטער־הייזער אין דער פאָרם פון געבן היפּאָטעקן (מאָרטגעדזש)־קרעדיט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ באַזונדערס אָנגעווייטיקטע פראַגע אין ארץ־ישראל.

ער האָט פאַרן ועד הפועל און פאַרן פאַרבאַנד קלאָר געמאַכט, אַז ער וועט רעקאָמענדירן די גרינדונג פון אַזאַ געזעלשאַפט. אירע ערשטע יאָרן וועלן,

נאַטירלעך, זיין שווער, ווי אַלע התחלות, אָבער זי קאָן זיך אַנטוויקלען און וואַקסן, אויב דער ועד הפועל פון דער הסתדרות וועט שענקען דעם ענין זיין פולסטע אויפֿמערקזאַמקייט און קאָאָפּעראַציע.

אין דער ערשטער ליניע וועלן קאָנען פאַרזיכערט ווערן די פאַמיליעס פון באַאַמטע און פון קאָאָפּעראַטיוון, און זייערע צאָלונגען וועלן קאָנען געמאַכט ווערן סיי פון די פאַרזיכערטע, סיי פון די אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן באַשטימען אַ פּראָצענט פון דעם געהאַלט פון די אָנגעשטעלטע פאַר פאַרזיכערונגס־צאָלונגען.

חבר בראָון האָט אויך געפאָדערט, אַז דער ועד הפועל זאָל באַשטימען אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר גרינדונגס־אויסגאָבן אין די ערשטע יאָרן, אַ מין „סינקינג פאָנד" (אָדער „פאָנד פּערדי").

די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז געווען אַ שווערע, און דער ועד הפועל האָט פאַרלאַנגט, אַז דער פאַרבאַנד זאָל אונטערנעמען אַן אַקציע פאַר אַזאַ געזעלשאַפט אין 1927. אַ צייטווייליקער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן, נאָכדעם ווי די פאַרבאַנד־לייטונג האָט טעלעגראַפיש אינסטרואירט איר פאָרשטייער דאָס צו טאָן, צווישן ועד הפועל און פאַרבאַנד. ס'איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוקויפן דעם טשאַרטער פון „הסנה", וואָס עטלעכע יחידים האָבן אַרויסגענומען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אָבער זיך מיט אים ניט באַנוצט.

חבר בראָון האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע, איבערגעגעבן אויף עטלעכע זיצונגען פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע די גאַנצע פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען נאָך אַ ברייטער דיסקוסיע ראַטיפיצירט געוואָרן פון פאַרבאַנד.

אין אָנהויב 1927 האָט די עקזעקוטיווע טעלעגראַפיש איבערגעשיקט די ערשטע 10 טויזנט דאָלאַר פאַר אַן אָנהויב פון אַן אַקציען־קאַפּיטאַל פאַר „הסנה". דאָס האָט אין די הסתדרות־קרייזן געמאַכט אַ רושם, און „הסנה" האָט גלייך געוואונען אין די אויגן פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן דערפילט, אַז ס'קומט צו אַ נייע וויכטיקע ווירטשאַפטס־אינסטיטוציע אין ארץ־ישראל אַרבעטער־לעבן.

די בעלי־בתים פון „הסנה" זיינען געוואָרן דער ועד הפועל פון הסתדרות און דער פאַרבאַנד. אַן אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן אויף 7 יאָר. אין אַמעריקע האָט דער פאַרבאַנד געשאַפן אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „הסנה ארץ־ישראל אַנטוויקלונגס־קאָאָפּעראַציע", אַרויסלאָזנדיק אַקציעס און זוכנדיק צו שאַפן אַ קאַפּיטאַל פון 15,000 פונט (ביי $60,000). די גאַנצע סומע איז דאַן ניט געשאַפן געוואָרן, אַ דאַנק ספּעציעלע אומשטענדן. אָבער איבער $25,000 איז געשאַפן געוואָרן, און די מערסטע געלטער זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, לייגנדיק דעם פונדאַמענט פאַרן גרונט־קאַפּיטאַל פון „הסנה".

אַ צאָל פאַרבאַנד־חברים האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבעט, אויפקלערונגען איבערן עקאָנאָמישן מצב פון אידישן אַרבעטער זיינען געגעבן געוואָרן, אַ פּאָפּולערע און זייער נוצלעכע בראָשורע מיט ציפערן און באַלויכטונגען איבער דער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, און אַ צאָל פאַרבאַנד־חברים אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד זיינען גע־

וואָרן אַקציאָנערן. באַזונדערס אַקטיוו פאַרן „הסנה" זיינען געווען די חברים מ. בראָון און ל. סיגאַל, סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד.

מיט יאָרן שפּעטער האָט דער פאַרבאַנד ליקווידירט די אַמעריקאַנער קאָאָ־פּעראַציע, און לויט אַן אָפּמאַך מיט דעם ועד הפועל אויסגעטוישט די אַמערי־קאַנער אַקציעס אויף ארץ־ישראלדיקע „הסנה"־אַקציעס.

מ. בראָון אין 1930 (אַלס איינער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־דעלע־גאַציע קיין ארץ־ישראל) און ל. סיגאַל אין 1935 האָבן אין ארץ־ישראל מיט־געהאָלפן אין דער אויסברייטערונג פון „הסנה". בראָון האָט זיך אין 1930 באַטייליקט אין נאָמען פון פאַרבאַנד אין לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ צאָל



פּרעזידיום פון נאַציאָנאַל־פאָנד־באַנקעט, דעם 17טן יוני 1942, אַראַנזשירט פון אַרבעטער־דעפּאַרטמענט לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פון אַ בראַנדייס־קאָלאָניע אין ארץ־ישראל. פון רעכטס צו לינקס: ל. סיגאַל ,דוד בן גוריון, ראָבערט פּ. פּאַטערסאָן, אָנדער־סעקרעטאַר אָוו וואָר, דזשיימס פּאַרליי, דעמאָקראַטישער פירער, סענאַטאָר וואַגנער, ווענדל ווילקי און איזידאָר נאַגלער, וויים־פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאָנעל".

אַרבעטער־הייזער אין חיפה, פאַר וועלכע „הסנה" האָט באַשטימט אַ פּאָר טויזנט פונט אַלס מאָרטגעדזש־קרעדיט. יענע האַנדלונג פון „הסנה" האָט געשטאַרקט די „הסנה"־פּאָזיציעס אין לאַנד.

ווען סיגאַל איז געווען אויף זיין באַזוך אין ארץ־ישראל, האָט ער מיט „הסנה" פאַרהאַנדלט וועגן עפּעס, חוץ לעבנס־פאַרזיכערונג, אויך אַנדערע צווייגן פון פאַרזיכערונג. „הסנה" האָט דאָס שפּעטער דורכגעפירט.

היינט־צו־טאָג איז „הסנה" די גרעסטע אידישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אין לאַנד, האָט אַרום 5 מיליאָן דאָלאַר לעבנס־פאַרזיכערונג, קריגט אַריין פון אירע פּרעמיומס אַ סומע פון איבער 300 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, און איז אַ גאָר

אנגעזעענעווירטשאַפטס־אינסטיטוציע אין לאַנד. דער פאַרבאַנד מעג זיין שטאָלץ מיט זיין אויפטו. ס׳איז קלאָר, אַז ווען ניט דער צוטרוי צום פאַרבאַנד אין ארץ־ישראל און דעם גלויבן פון פאַרבאַנד אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל, וואָלט „הסנה״ אָדער אין גאַנצן ניט עקזיסטירט, אָדער וואָלט אַנטשטאַנען פיל יאָרן שפּעטער, ווען אַנדערע אידישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן האָבן שוין פונקציאָנירט אין לאַנד.

„הסנה״ וואָלטן מיר געוואָלט זען אַלס צענטראַלע פאַראייניקטע פאַרזיכע־רונגס־געזעלשאַפט אין א״י, צוליב דעם וואָלט דער ועד־הפועל געווען גרייט פאַר הנחות, דערוויל איז עס נאָך ווייט פון פאַרווירקלעכונג, און דאָס דאַרף באַדויערט ווערן פון ארץ־ישראל ווירטשאַפטס־שטאַנדפּונקט.

די פאַרבאַנד פרויען־קלובן, ווען זיי זיינען געווען מער און גרעסער אין צאָל, האָבן אויפן ארץ־ישראל־געביט, ווי דערמאָנט, זיך אָפּגעגעבן מיט הילף פאַר סאַנאַטאָריומס און קופת חולים. ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ פרויען־און קינדער־שפּיטאָל אין עמק, האָבן די פאַרבאַנד פרויען־קלובן אונטערגענומען אַ ספּעציעלע אַקציע, זוכנדיק צו זיין נוצלעך פאַר דער נייער און וויכטיקער אינ־סטיטוציע פאַר אַרבעטער־מוטערס און אַרבעטער־קינדער. דער שפּיטאָל אין עמק איז געוואָרן אַ וויכטיקער צווייג פון קופת חולים׳ס מעדיצינישער טעטי־קייט.

י״א
אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון ארץ־ישראל

דעלעגאַציעס נאָך דעלעגאַציעס פלעגן אָנקומען פון ארץ־ישראל. די פאַר־באַנד־חברים האָבן זיך באַקאַנט מיטן ענערגישן חבר האַרצפעלד (וועלכער איז אומדערמידלעך אויפן געביט פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע); מיטן גייסטרייכן פּי־רער ז. רובאַשאָוו, וועלכער האָט דאָ געמאַכט אַ טיפן איינדרוק; דוב האָז, „דער פּראַקטישער בעל־חלומות״ (וועלכער איז יאָרן שפּעטער טראַגיש אומגעקומען אין ארץ־ישראל), וואָס האָט געווירקט אויך אין ענגליש־רעדנדיקע קרייזן און געוואונען די ליבע פון פיל פאַרבאַנד־פאַראיינען מיט זיין פּשטות, האַר־ציקייט און געזונטער ניכטערקייט; מערעמינסקי איז איינצקע מאָל געווען דאָ און ער האָט כסדר געמאַנט און געפאָדערט מער פון פאַרבאַנד; עס האָט געשפּרודלט פון אים מיט ענערגיע, און דאָס האָט זיך איבערגעגעבן דער היגער באַוועגונג; דוד בלאָך, אַ צייט דער אַרבעטער־מעיאָר פון תל־אביב, האָט גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אידישער און ניט־אידישער עפנטלעכקייט און געוואונען די סימפּאַטיע פון די היגע חברים מיט זיין דעמאָקראַטישקייט און ערנסטקייט פון זיינע ווערטער. ער האָט אויך ניט געזשאַלעוועט קיין וויץ, און אַזוי איז ער געוואָרן ביי „עמך״ אָנערקענט אַלס אַן אייגענער און נאָענטער.

דר. אַרלאָזאָראָוו, פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט דורך דער קויל פון אַ מערדער אין זומער 1933, האָט אין די פּאָר מאָל פון זיין פאַרברענגען אין אַמע־ריקע טיף געווירקט; מען האָט געזען אין אים אַ גרויסן כוח, אַ פירער, וועמען

ס'וועט באַשערט זיין צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע. זיין טיפער פּאָליטישער אַנאַ־ליז, זיין פאַרנעם און ברייטער צוגאַנג צו זאַכן האָבן דערוויזן זיינע פּאָליטישע פעאיקייטן. ער האָט איינציקע מאָל זיך באַגעגנט מיט פאַרבאַנד־חברים, זיך באַטייליקט אויף דער דעטרויטער עלפטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אין יאָר 1928 און גלענצנדיק געענטפערט דר. זשיטלאָווסקי'ן אויף אַ צאָל איינווענדונגען קעגן דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, איבערהויפּט אין דער שטעלונג צו העב־רעאיש און אידיש. אַפילו ווען איר האָט ניט געקאַנט אין גאַנצן מסכים זיין מיט אַרלאָזאָראָוו'ס ענטפער, האָט איר געמוזט אָנערקענען זיין לאָגיק, זיין פאַר־טיפן זיך אין ארץ־ישראל און אידישע פּראָבלעמען, זיין צוגאַנג צו פראַגן. ווי גרויזאַם איז אונזער מזל געווען, ווען אַרלאָזאָראָוו איז אַזוי אומ'ברחמנות'דיק ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן אין זיינע גאָר יונגע יאָרן. אונזער באַפרייאונגס־קאַמף האָט זייער פיל פאַרלוירן אין דעם טויט פון חיים אַרלאָזאָראָוו! צווייגן פון פאַרבאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן אויף זיין נאָמען, און זי זיינען היינט צווישן די טיכטיקסטע און וויכטיקסטע פאַרבאַנד־צווייגן אין אַמעריקע.

באַזוכט האָבן אַמעריקע אויך אונזער געוועזענע אַמעריקאַנער חברה גאָלדע מאירסאָן, וועלכע פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין ועד הפועל פון הסתדרות, חנה ציזשיק, קאַלער, קושניר, דיין, חורין, שקאָלניק, אונזערע „פּויערים" פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבן געבראַכט צו אונזער באַוועגונג דעם אמת'ן גרוס פון אידישן דאָרף, פון דער אידישער קבוצה און פון מושב העובדים־לעבן.

חבר דר. יוריס, אַ קוועק־זילבער און גלענצנדיקער רעדנער, האָט זיך גאָר גוט איינגעלעבט מיט די היגע חברים.

חבר גלעדי, ניט אָפיציעל אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע, האָט געווירקט צו פאַרשטאַרקן דעם החלוץ דאָ אין לאַנד, און ווען ער איז אָפּגעפאָרן פון אַמעריקע, האָט ער מיט זיך מיטגעפירט אַ וויכטיקע גרופּע פון אַמעריקאַנער יוגנטלעכע חלוצים פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל.

גאָלאָמב און בן־גוריון זיינען געווען די לעצטע יאָרן און זי האָבן אָנער־קענט דעם פאַרבאַנד אַלס אַ גאָר וויכטיקן אָרגאַניזאַטאָרישן און געזעלשאַפטלעכן כוח, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון ארץ־ישראל־אינטערעסן, און מען קאָן זיך אויף אים תמיד פאַרלאָזן.

גאָר לעצטנס איז דאָ געווען משה טשערטאָק, פּאָליטישער לייטער פון דער אַגענטור. ער האָט געלאָזן אַ טיפן איינדרוק.

די אַלע געסט פון ארץ־ישראל האָבן געשאַפן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט פון ארץ־ישראל מיטן פאַרבאַנד. אָבער אויך אַמעריקאַנער חברים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן אין די לעצטע יאָרן א״י, און חברים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד אויף אַ לענגערע צייט, האָבן אָנגעהאַלטן זייער פאַרבינדונג מיטן פאַרבאַנד און אים אינפאָרמירט איבער'ן מצב און אַנטוויקלונגען. א״י איז טאַקע ווייט געאָגראַפיש פון אַמעריקע, אָבער זייער נאָענט צו די פאַרבאַנד־מיטגלידער. יעדע שווערע פּאַסירונג און יעדע פריידיקע דערשיינונג אין א״י רופן זיך אָפּ אויף דעם פאַרבאַנד און אויף דער גאַנצער היגער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

י״ב

דער פאַרבאַנד לעבט מיטן אָטעם פון ארץ־ישראל

די בלוטיקע טעג פון 1929, דער פאַספילד־פּאַפּיר פון 1930, די שאָו־ און סימפּסאָן־באַריכטן, די צייטווייליקע אָפּשטעלונג פון חלוצים־אימיגראַציע, די שווערע אַראַבישע אומרוען אין די יאָרן 1936—1938, די פּיל־קאָמיסיע, די וואודהעד־אונטערזוכונג, דער פאָרשלאַג פון צעטיילן ארץ־ישראל אויף אַ אידישן און אַראַבישן שטאַט, מעקדאָנאַלד׳ס שענדלעכע האַנדלונג און דער לעצטער ווייסער פּאַפּיר, — די אַלע גזירות האָבן אויפגעטרייסלט די היגע באַוועגונג, און בתוכם דעם פאַרבאַנד. און האָט זיך געפאָדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַן אַקציע — פּאָליטישע, געלטלעכע, אָרגאַניזאַטאָרישע, — האָט מען אויך דעם פאַרבאַנד דאָרט געזען. ער איז קיין מאָל ניט אָפּגעשטאַנען, שטענדיק גרייט צו דערפילן זיינע פליכטן, תמיד אין די פאָדערשטע רייען, אומרואיק, באַזאָרגט, אויף דער וואַך אַלס געטרייער מיטקעמפּער. דער פאַרבאַנד לעבט מיטן אָטעם פון ארץ־ישראל און פילט, אַז ער באַלאַנגט מיט זיין גאַנצן וועזן און נשמה צו דער קעמפנדיקער, בויענדיקער, שאַפנדיקער ארץ־ישראל העובדת.

ס׳איז אַפילו געווען אַ צייט אין פאַרבאַנד־לעבן, ווען מען האָט געפּלאַנט אָפּצוהאַלטן אַ פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין ארץ־ישראל. דער פּלאַן איז, ליידער, צוליב אַ צאָל שוועריקייטן, ביז היינט ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער דער פּלאַן אַליין כאַראַקטעריזירט, ווי נאָענט דער פאַרבאַנד שטייט צו ארץ־ישראל.

און איז אַ פאַרבאַנד־צווייג (נ׳ 111) אַרויס אין קאַמף קעגן דער ארץ־ישראל־שטעלונג פון פאַרבאַנד און האָט אָנגעהויבן פּרינציפּיעל צו באַקעמפן די ארץ־ישראל־אַרבעט פון אָרדן, האָט זיך די לייטונג ניט אָפּגעשטעלט פון צונעמען דעם טשאַרטער פון דעם צווייג, אים אויפלייזן און דאָן אָרגאַניזירן אַ נייעם צווייג, פריי פון קאָמוניסטישע עלעמענטן און שונאי־ציון.

אין די לעצטע 13—14 יאָר זעט מען אויך אַ צאָל פאַרבאַנד־חברים אַלס דעלעגאַטן אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן; אמת, פאָרמעל קומען זיי אַלס פּועלי־ציון־דעלעגאַטן, אָבער פּאַקטיש זיינען זיי פאַרבאַנד־פאָרטרעטער, ווייל דער פאַרבאַנד העלפט זייער אַקטיוו אין דער פאַרשפּרייטונג פון שקלים אין זיינע רייען.

די „אידישע אַרבעטער־שטימע״, אָרגאַן פון פאַרבאַנד, האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען און רעאַקציע פון פאַרבאַנד בנוגע האַנדלונגען פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג, קאָמיסיעס און ווייסע פּאַפּירן. אַזוי האָט, צום ביישפּיל, די „שטימע״ אָנגערופן דעם שאָו־באַריכט אַ „דאָקומענט פון געפּאַלנקייט״; פּאַספילד׳ס ווייסן פּאַפּיר — „אַ פּרייז פאַר פּאָליטישע לומפּערייען״.

און דער ענטפער אויף פּאַספילד׳ס פּאַפּיר אין יאָר 1930 איז געקומען אין דער פאָרם פון דעם הערלעכן ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל אין בערלין אין 1930, וואו אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער־

פאַרשטייער האָבן צוריקגעוואָרפן די בלבולים אויף דער הסתדרות און זיך סאָלי־דאַריזירט מיט די ארץ־ישראל׳דיקע אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

און אַן ענטפער איז אויך געקומען מצד די אידישע אַרבעטער פון אַמע־ריקע, וועלכע האָבן געשיקט אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל אין 1930 און געגעבן זייערע אויסדרוקן פון חבר׳שער פאַרבינדונג און סאָלידאַריטעט. אין יענער דעלעגאַציע, אָרגאַניזירט דורך דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, האָבן זיך באַטייליקט וויכטיקע אידישע אַרבעטער־פירער און קערפערשאַפטן, צווישן זיי אויך דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אין פאַרבאַנד־קרייזן האָט מען אָנגעהויבן קלערן וועגן שאַפן אַן אייגענע קאָלאָניע, וועגן באַזעצן זיך אויפן באָדן פון ארץ־ישראל, וועגן פאַרשטאַרקן די יונגע חלוצישע באַוועגונג פון אַמעריקע. „חרות״ איז געשאַפן געוואָרן, און אַ צאָל פאַרבאַנד־חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן און אינוועסטירט געלטער מיט דער הייסער כוונה צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. איבערהויפּט האָבן זיך מיט אַ צאָל פּראַקטישע ארץ־ישראל־אַרבעטן באַשעפטיקט די לעצטע דריי־פיר קאָנ־ווענשאַנס פון פאַרבאַנד. ווען ניט די אומרוען אין לאַנד און דער אויסברוך פון דער נייער וועלט־מלחמה, וואָלטן נייע צענדליקע פאַרבאַנד־מיטגלידער גע־וואָרן תושבים אין ארץ־ישראל.

י״ג

דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד און זיין אַרבעטער־אָפּטיילונג

באַזונדערס איז ווערט צו דערמאָנען דעם טיפן אינטערעס, וואָס דער קרן־קימת האָט אין די לעצטע יאָרן אַרויסגערופן אין פאַרבאַנד־קרייזן. אייגנטלעך, האָט שוין יאָרן־לאַנג דער פאַרבאַנד אַרויסגעוויזן זיין סימפּאַטיע צום אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד און מיטגעהאָלפן אויף פאַרשיידענע אופנים דעם וויכטיקסטן ארץ־ישראל פאָלקס־פאָנד ,אָבער די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק מערקן און פּראָגרעסירן, ווען מיט 6 יאָר צוריק איז עטאַבלירט געוואָרן דער אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פון אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, אונטערן פּאָרזיץ פון ל. סיגאַל, מיט ה. עהרענרייך אַלס סעקרעטאַר.

אין די זעקס יאָר איז די אַרבעטער־אָפּטיילונג געלונגען צו געווינען גרויסע צאָלן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אידישע יוניאָן־פירער פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד; דאָ האָט אויך מיטגעהאָלפן דער באַזוך פון אַ אידישער טרייד־יוניאָן־דעלעגאַציע אין ארץ־ישראל אין יאָר 1937, ווען די אַרבעטער־פירער האָבן געהאַט די גע־לעגנהייט צו זען מיט זייערע אויגן, וואָס דער קרן־קימת מיינט פאַר ארץ־ישראל און פאַר אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, און צו הערן פון אוסישקין ז״ל אַ קלאָרע פאָר־מולירונג איבער די אויפגאַבן און מעגלעכקייטן פון נאַציאָנאַל־פאָנד אַפילו אין די צייטן פון אַראַבישע אומרוען און גזירות.

אין די זעקס יאָר זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער אַרבעטער־אָפּטיי־לונג פון נאַציאָנאַל־פאָנד וויכטיקע פּראָיעקטן, ווי דער שיפּלאַקאָוו־וואַלד, בלום־קאָלאָניע, בראַנדייס־קאָלאָניע און פאַרבאַנד־קאָלאָניע; ס׳איז כדאי צו באַמערקן,

אַז לעצטן יאָר האָט שוין די אַרבעטער־אָפּטיילונג געשאַפן קרוב $150,000 פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, חוץ דעם וואָס זי האָט אַקטיוויזירט מאַסן חברים פאַרן וויכטיקן פאָלקס־פאָנד.

דער פאַרבאַנד פאַרנעמט איצט אין נאַציאָנאַל־פאָנד אַ בכבודיקע פּאָזיציע. ער האָט פאַרענדיקט זיין זאַמלונג פון 100 טויזנט דאָלאַר פאַר זיין קאָלאָניע, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען „אָפּעל" („אגודת פועלים עברים לאומיים" — אַי־בערזעצונג פון פאַרבאַנד'ס נאָמען אין העברעאיש), און אין וועלכער ס'וועלן זיך באַזעצן אידישע אַרבעטער פון שטאַטישן קבוץ לעבן תל־אביב.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד פון ירושלים האָט באַגריסט דעם פאַרבאַנד מיט זיין וויכטיקסטן אויפטו און האָפט אים צו זען נאָך מער אַקטיוו און פאַראינטערעסירט אין די גרויסע און הייליקע צילן פון דעם וויכטיקסטן פאָלקס־פאָנד פאַר ארץ־ישראל.



פּרעזענטירונג פון 72 גאָלדן בוך סערטיפיקאַטן צו דוד פינסקי לכבוד זיין 70־יעריקן יובל, ביי אַ פייערן יום־טוב דעם 19טן דעצעמבער 1943 אין ניו־יאָרק.
עס שטייען (פון רעכטס צו לינקס): ד. ב. מעקלער, ל. סיגאַל, דוד פינסקי, חברה פינסקי, י. לעמבערגער, ה. עהרענרייך, יוסף שלאָסבערג, נ. ב. מינקאָוו, חיים גרינבערג.

י"ד

דעם פאַרבאַנד'ס ביישטייער צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

דער פאַרבאַנד איז אין פאַרשיידענע צייטן געווען טעטיק אין שאַפן באַ־דייטנדיקע מיטלען פאַר הגנה, עליה ב., אוויאַציע־פאָנד, החלוץ, אַרבעטער־באַנק, יכין, נחשון, אַמפּאַל און אַנדערע קלענערע און גרעסערע פאָנדן פאַר ארץ־ישראל.

אָבער זיין וויכטיקסטן ביישטייער צו דער הסתדרות האָט דער פאַרבאַנד געגעבן צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, ווי ס'איז שוין אייניקע מאָל באַטאָנט געוואָרן אין דעם דאָזיקן איבערבליק. פון דעצעמבער 1923, ווען די ערשטע געווערקשאַפטן־אַקציע איז אונטערגענומען געוואָרן אין אַמעריקע, ביז היינט־צו־טאָג שטייט דער פאַרבאַנד אין דער אַרבעט און גילט אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע קערפּערשאַפטן. מען קאָן שאַצן דעם דירעקטן ביישטייער פון פאַרבאַנד צו דער געווערקשאַפטן־

אַקציע אין די אַלע יאָרן אויף דער סומע פון אַרום אַ מיליאָן דאָלאַר. דאָס איז זיכער אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון פאַרבאַנד־פאַראייניגן, אָבער די אַרבעט ווערט געטאָן באַהבה און מיט באַגייסטערונג. ציילן זאָל מען דאָ ניט בלויז די געלטער, נאָר אויך די נפשות, די נשמות פון דער גרויסער צאָל חברים, וועלכע טוען זייער אַרבעט פאַר דער הסתדרות אין די פאַרשיידענע ווינקעלעך פון לאַנד. די מאָנאַטן פון דער אַקציע זיינען חדשים פון דערהויבונג, פון התלהבות, פון אויפקלערונג און פון אַ וואונדערבאַרער ארץ־ישראל־שטימונג. פרעמדע און זייטיקע באַטראַכטן די פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן פאַר דער געווערקשאַפטן־קאַמפּאַניע מיט גרויס באַוואונדערונג און מיט איבערראַשונג, קעגנער — מיט קנאה.

דאָס קאַפּיטל געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז אַ הערלעך בלאַט אין אידישן אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע. די הסתדרות איז אין אַ לאַגע אויפצוטאָן זייער פיל מיט די געשאַפענע מיטלען. אמת, די הסתדרות שאַפט אַליין ריזיקע סומען אין א״י, אָבער די קריזיס־יאָרן, די אומרוען, די אַרבעטלאָזיקייט האָבן אַרויסגערופן אין דער הסתדרות גרעסערע זאָרגן און פליכטן. פיר גרויסע זעלבסט־ביישטייערונגס־אַקציעס פון הסתדרות־מיטגלידער צו באַקעמפן אַרבעטסלאָזיקייט האָבן געווירקט אויך אויף דעם גאַנצן ישוב. דאָ האָט געדינט אַ הויכע מענטשלעכע מאָראַל: „איך קאָן ניט זיין זאַט, אויב מיין חבר איז הונגעריק און אַרבעטסלאָז״. אין דער הגנה־אַרבעט און פאַר אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבן אין די שווערע צייטן פון א״י־לעבן האָט די הסתדרות העובדים געוויזן, פון וועלכן מאַטעריאַל זי באַשטייט און וועלכע מאָראַל באַווירקט זי. ס׳איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די הסתדרות שאַצט אַזוי אָפּ די היגע מעשים פון אַלע קערפּערשאַפטן, ווי אויך די גרויסע פאַרדינסטן פון פאַרבאַנד, וועמען זי באַטראַכט מיט רעכט אַלס אַ זייל פון דער געווערקשאַפטן־אַקציע.

די פאַרבאַנד־חברים מעגן האָבן די גרויסע באַפרידיקונג, אַז די קרוין פון אַלע א״י־אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד איז זיין באַטייליקונג אין דער געווערקשאַפטן־אַקציע אין דער גרויסער מאָס און מיט דעם חבר׳שן צוגאַנג, וואָס דער פאַרבאַנד ווייזט אַרויס אין די אַלע יאָרן אין אַלע טיילן פון אַמעריקע.

ט״ו

אַ שלום־וואָרט

אונזער איבערבליק פון א״י־אַרבעט פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד איז פאַרענדיקט. ס׳איז אַ באַריכט פון זאַכלעכע אַקטיוויטעטן, חבר׳שער מיטאַרבעטערשאַפט און ברידערלעכער פאַרבינדונג מיטן א״י־אַרבעטער־לעבן. ווי עס איז שוין באַטאָנט געוואָרן, איז דער פאַרבאַנד אַ פראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע מיט פאַרצווייגטע אויפגאַבן. א״י־אַרבעט איז איינע פון זיינע הויפּט־אַקטיוויטעטן, אָבער ניט די אויסשליסלעכע און ניט די איינציקע. זיינע מעשים פאַר א״י מוזן דערפאַר באַזונדערס אָנערקענט ווערן.

אַמעריקע איז ניט א״י. אין א״י לעבט און אָטעמט טאָג־טעגלעך יעדע שעה דער אידישער אַרבעטער, דער תושב פון לאַנד מיטן קאַמף פאַר אידישע

פּאָזיציעס און פֿאַר דער באַפֿעסטיקונג פֿון דער אידישער היים. מיט רעכט באַטראַכטן זיך די א״י׳דיקע אַרבעטער אַלס דער אַוואַנגאַרד פֿון פֿאָלק אין קאַמף פֿאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום און באַפֿרייאונג. דאָרט פֿילט איר מיט יעדן נערוו און מיט יעדן נשמה־ציטער דאָס אידישע לעבן און דעם גוראַנגאַל פֿון אונזער פֿאָלק פֿאַר זיין עקזיסטענץ. די אידישע טראַגעדיע, אַנטפּלעקט אין די לעצטע יאָרן אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט און אוממענטשלעכקייט, ווערט אויפֿגענומען פֿון די בויער אין א״י ניט בלויז מיט טרערן און וויטיק, מיט צאָרן און צער, נאָר אויך מיט אַנטשלאָסנקייט, אַז מען מוז בויען אַ היים פֿאַר מיליאָנען פֿון אונזערע פֿאָלקס־ברידער, וועלכע זעען זייער איינציקע רעטונג אין אַ אידישער פֿרייער היים, אין אַ אידישן מלוכה־לעבן אין ארץ־ישראל.

אונזערע קרבנות אין דער מלחמה ציילן זיך אין די מיליאָנען. פֿאַרפּייניקטע צום טויט, זיינען פֿיל אויסגעגאַנגען מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן. דער צייט־זייגער האָט זיך פֿאַרן אידישן פֿאָלק אַ רוק געטאָן מיט הונדערטער יאָרן אויף צוריק. געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, סאַדיסטישע מאַסן־מאָרדן, הונגער־טויט, — אַ שרעקלעכער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויף אונזער דור אין 20סטן יאָרהונדערט. פֿילע פֿון אונזער פֿאָלק דאָ אין אַמעריקע שטייען דערשלאָגן, צערודערט און צווייפֿלען, צי דאָס אידישע אַמעריקע איז געשטאַנען אויף דער הויך פֿון אירע פֿליכטן אין די יאָרן פֿון קריג.

אָבער מיר מוזן אַלע געפּירט ווערן פֿון אַ גלויבן אין „עם ישראל חי". דער גלויבן מוז אונז געבן מוט, אַנטשלאָסנקייט, האָפֿענונג און כח צו גרייטן זיך פֿאַר מער אַחריות׳פֿולע אויפֿגאַבן און פֿאַר בעסערע טעג.

איינע פֿון די צענטראַלסטע אויפֿגאַבן, חוץ דעם קאַמף פֿאַר ווידער־באַפֿרייאונג און נייער עמאַנסיפּאַציע פֿון אידן אין אייראָפּע, פֿאַר צוריקגעווינען זייערע רעכט, וועט זיין די גיגאַנטישע אַרבעט פֿאַר ארץ־ישראל, די שאַפֿונג פֿון מעגלעכקייטן אַריינצונעמען שטראָמען פֿון אידישע איינוואַנדערער אין ארץ־ישראל, דער קאַמף פֿאַר אַ קלאָרן פּאָליטישן סטאַטוס אין ארץ־ישראל, אַזוי אַז מיר זאָלן קאָנען ווערן די פֿולע בעלי־בתים איבער אונזער אייגענעם נאַציאָנאַלן, פּאָליטישן אוןווירטשאַפֿטלעכן לעבן.

ס׳איז דאָס גליק פֿון אונזער פֿאָלק, וואָס מיר האָבן שוין היינט אין א״י אַ ישוב פֿון איבער זעקס הונדערט טויזנט אידן; אַ הסתדרות פֿון איבער 130 טויזנט מיטגלידער; אַ פֿאַרצווייגטן קאָלאָניזאַטאָרישן, ווירטשאַפֿטלעכן און אינדוסטריעלן לעבן; אַ ברייטע דערציאונגס־סיסטעם און שול־וועזן; אַן אָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן לעבן און דעם אָנהויב פֿון אַ אידישן מלוכה־לעבן. דאָס איז אַ גרויסער כח און פֿאַקטאָר, מיט וועלכן די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט וועט זיך מוזן רעכענען און אויף וועלכן אונזער פֿאָלק וועט זיך קאָנען שטיצן אין זיין קאַמף.

ערנסטע טעג און יאָרן שטייען אונז פֿאָר. די רואינירטע אידישע קהילות וועלן ניט זיין בכח פֿיל בייצוטראָגן צום א״י־אויפֿבוי־ווערק. ס׳וועט זיכער מוזן קומען צום אויסדרוק די פֿאָדערונג פֿון אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער הלוואה און אַנטשעדיקונג פֿאַר אידישע קאָנפֿיסקירטע פֿאַרמעגנס און פֿאַרניכטונג פֿון לעבנס. אַמעריקע, די אידישע אַמעריקע, איז פֿון אונזער שיקזאַל

אַרויסגערוקט צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, איינע פון די אַנטשיידנדיקסטע, אין אויסשמידן אונזער געוועזענער פאַר א״י, פאַר אַ אידישן מלוכה־אָרגאַניזם.

אַלע אונזערע א״י־אַרבעטן ביז היינט־צו־טאָג זיינען בלויז געווען פאַרבאַרייטונגען צום גרויסן טאָג, צו דער גרויסער פאָלקס־אַקציע, וואָס מוז לייזן די אידן־פראַגע און אונזערע פּראָבלעמען נאָך דער מלחמה. אין דער דאָזיקער היסטאָרישער אויפגאַבע וועט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָבן איר אָרט און פליכט. דעם אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט אויסקומען אין דער א״י־אַרבעט צו פאַרנעמען נאָך אַ חשוב'ערע און פאַראַנטוואָרטלעכערע פּאָזיציע, ווי ביז איצט. די פאַרגאַנגענע אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד גיבן די בעסטע פאַרזיכערונג, אַז דער פאַרבאַנד וועט גיין ווייטער אויף זיין ריכטיקן וועג. ער איז היינט רייפער פּאָליטיש, ער איז באַוואוסטזיניק, אַגרעסיוו, גרעסער אין צאָל, שטאַרקער אין איינפלוס און מיט אַ רייכער דערפאַרונג פון איבער 30 יאָר לעבן אוןווירקן דאָ אין לאַנד.

מיר האָבן אַ בונד געשלאָסן מיט אונזער אַלט־נייער היים און מיט די בויער און שאַפער פון א״י, אַ בונד אויף תמיד!

מיט בטחון און גלויבן וועט דער פאַרבאַנד גיין פאָרויס!

וויליאַם גרין גראַטולירט דעם פאַרבאַנד צו זיינע דערגרייכונגען

איך שיק דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד מיינע פערזענלעכע גרוסן און גליקוואונטשן צום 30־יעריקן יובילײ פון דער דאָזיקער גלענצנדער אָרגאַניזאַציע. דורך דער אַנטוויקלונג פון אַ ברידערלעכן גייסט האָט אייער אָרגאַניזאַציע אַנגעפירט אַקטיוויטעטן פאַר וויכטיקע צוועקן, און באַזונדערס דורך דער וויכטיקער ראָלע, וואָס זי שפּילט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

די הילף, וואָס אייער באַוועגונג האָט געגעבן אונזער רעגירונג און די דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונגען פון אונזער רעגירונגס־פאָרם, איז געווען פון טיפער באַדייטונג און גרויסן ווערט. די אָנשטרענגונגען, וואָס אייער באַוועגונג האָט געמאַכט צו ראַטעווען די אידן פון אייראָפּע, וואָס ווערן דאָרט ברוטאַל פאַרפאָלגט, זיינען זייער לויבנסווערט און דאַרפן הויך אָפּגעשאַצט ווערן.

נעמט אָן מיין פאַרזיכערונג פון פערזענלעכער און אָפיציעלער קאָאָפּעראַציע אין אַלע אייערע טעטיקייטן און הילף פאַר די אַלע ווערטפולע אַרבעטן, וואָס איך האָב דערמאָנט אין מיין איצטיקער באַגריסונג.

וויליאַם גרין,

פּרעזידענט, אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

ועד הפועל פון דער הסתדרות באַגריסט פאַרבאַנד

אונזער האַרציקע און חבר׳שע באַגריסונג צום 30־יאַריקן יובילײ פון פאַרבאַנד. זעלטן ווען אַן אָרגאַניזאַציע קען באַווייזן דאָס וואָס איר האָט באַוויזן, אַז די אידעאַלן וואָס איר האָט געפּריידיקט זיינען אי אמת׳ע, אי דורכפירבאַרע. פון אַ קליינער צאָל פּיאָנערן, וואָס זיינען פאַררעכנט געוואָרן אַלס אוטאָפּיסטן, זייט איר אויסגעוואַקסן צו אַ שטאַרקער באַוועגונג, וואָס זעט דעם וואוקס און די רעאַליזאַציע פון אונזער אַרבעט אין ארץ־ישראל. דאָס וואָס איז אַמאָל געווען דער גלויבן און די אידעאַלן פון וויניקע, איז איצט דער אָנגענומענער אמת פון גאַנצן אידישן פאָלק. צו דעם היינטיקן יובילײ מוזט איר אויף זיך נאָך אַמאָל נעמען אַ פּיאָנערן־אויפגאַבע אויפצושטורעמען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו באַלדיקע און עפעקטיווע האַנדלונגען פּאָליטיש און מאַטעריעל צו ראַטעווען דאָס אייראָפּעאישע אידנטום. מיר זיינען איבערצייגט, אַז דאָס קען גלייך געטאָן ווערן, און מיר מוזן זיין גרייט דערצו אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט. די הסתדרות איז שטענדיק און אומדערמידלעך אויף דער וואַך פון אידישע פאָלקס־אינטערעסן, און מיר פאָדערן דאָס זעלבע פון אייך אין אַמעריקע. מיר זיינען גליקלעך, וואָס איר ברענגט צו דעם יובילײ דעם ניי־געגרינדעטן פאַרבאַנד־קיבוץ פון שטאָטישן אַרבעטער, „אָפּעל״, לעבן תל־אביב. מיר ווילן איבערגעבן צו דער פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד די פעסטע איבערצייגונג, אַז דער ישוב און די הסתדרות וועט טראָץ אַלעס וואָס האָט דאָ פּאַסירט און קען נאָך מעגלעך פּאַסירן, שטיין פעסט אויף אירע פּאָזיציעס און היטן די לעצטע און די איינציקע האָפענונג פון אידישן פאָלק. שלום.

גאָלדע מייערסאָן
יוסף שפּרינצאַק
דוד רמז

ברכות פון דער פאַרבאַנד־קאָלאָניע אין ארץ־ישראל

מיר באַגריסן האַרציק דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד צום 30־יעריקן יובילײ. לכבוד אייער יום־טוב זאָגן מיר אייך אָן די גוטע בשורה, אַז מיר האָבן שוין אָנגעפאַנגען באַאַקערן דאָס לאַנד אין דער קאָלאָניע „אָפּעל״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן לכבוד דעם פאַרבאַנד־יובילײ. די בשורה וועט זיכער זיין אַ גרויסע פרייד פאַר אַלע אייערע חברים.

ד״ר ש. גלבך, סעקרעטאַר

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
פון 1924 ביז 1945

(אַן אַריינבליק אין דער פאַרבאַנד־געשיכטע)

פון ל. סיגאַל

די יאָרן פון 1923 ביז 1926 זיינען אין אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד געווען יאָרן פון ראַנגלעניש און פון זוכן נייע וועגן און מעטאָדן אויסצוברייטערן די אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד און דער עיקר צו דערגרייכן אַ פאַרגרע־סערטע אָרגאַניזאַציע.

יענע יאָרן קענען פאַררעכנט ווערן פאַר שווערע דעפּרעסיע־יאָרן אין דעם לעבן פון פאַרבאַנד ווי פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

אין יאָר 1920 האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען די טעגלעכע פּועלי־ציון צייטונג „די צייט", אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פּינסקי. די צייטונג האָט אַרויסגערופן אַ טיפן אינטערעס און גרויסן אָנזען אין די רייען פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אין די ברייטע אידיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־קרייזן.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז די דערשיינונג פון דער „צייט" איז ניט מיטן צוועק אַריינצוברענגען אין דער אידישער גאַס נאָך אַ צייטונג, וואָס זאָל גיין אויף דעם אָנגענומענעם וועג פון די שוין דאַן עקזיסטירנדע צייטונגען.

די אידישע אַרבעטער־ און קולטור־קרייזן, באַזונדערס די מיטגלידער פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און פון פאַרבאַנד, האָבן גוט געוואוסט, אַז די צייטונג זוכט אַריינצוברענגען אַן ענדערונג אין דער אידישער פּרעסע, אויפצוהייבן דעם ניוואָ פון דעם אידישן צייטונגס־וועזן, און דער עיקר שטאַרקן די גרויסע נאַציאָ־נאַלע און געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס אַ אידישע צייטונג אין אַמעריקע דאַרף האָבן אין ליכט פון דער אידישער לאַגע אין דער וועלט, און די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל און פאַר־טיפן די ווירקונג, וואָס אַ אידישע צייטונג דאַרף האָבן אויף דער נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער באַפעסטיקונג פון דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן.

האָט אָבער „די צייט" נאָכן דערשיינען פון קרוב 18 חדשים אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאָס האָט פּאַסירט נאָך דעם ווי אַ סך ענערגיע און באַדייטנדע פאָנדן זיינען לטובת דער צייטונג מאָביליזירט געוואָרן. דאָס האָט געשאַפן אַ טיפע דעפּרעסיע־שטימונג אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אויך טיף אָנגערירט דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אין יענער צייט האָט אויך געהערשט אַ באַדייטנדע עקאָנאָמישע דעפּרעסיע אין אַמעריקע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן די ערשטע סימנים פון גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט אַלס רעזולטאַט פון ריקאָנווערסיע־פּעריאָד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע האָט זיך נאַטירלעך שלעכט אָפּגערופן אויף געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן און באַזונדערס אויף דער טעטיקייט פון קערפּערשאַפטן, וועמענס שוואונג און פאַרנעם דריקט זיך אויס אין אָנפירן טעטיקייטן, אין וועלכע עס דאַרפן פאַראינטערעסירט ווערן די ברייטע מאַסן.

די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט האָבן אויך געבראַכט די אָרגאַניזירונג פון די קאָמוניסטישע עלעמענטן אין אַמעריקע, ווערנדיק געטריבן פון באַגייסטערונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אפשר נאָך מער פון דער לאַנגיאָריקער אומצופרידנהייט מיט דער אַזוי־גערופענער רעכטער אַרבעטער־באַוועגונג, אַן אומצופרידנהייט, וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין ברייטע אַרבעטער־קרייזן.

דער צושטאַנד האָט געדינט אַלס גינסטיקער באָדן און האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די אומצופרידענע, אַפילו ווען ניט זייענדיק אינגאַנצן איבערצייגט אין די אמת׳ן פון דער קאָמוניסטישער אידעע, זאָלן געפינען אַן אויסדרוק פאַר זייער אומצופרידנהייט דורך אָנשליסן זיך אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דאַן געשאַפן געוואָרן, אָדער אין קערפּערשאַפטן, וואָס די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן אַלס די אַזוי־גערופענע פראָנט־אָרגאַניזאַציעס פאַר קאָמוניסטישע טעטיקייטן און צילן.

אין יאָר 1922 האָט חבר ש. גאָלדשטיין איבערגענומען דעם אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד. מיט אַ יאָר שפּעטער (אין 1923) האָט דער שרייבער פון די שורות איבערגענומען דעם אַמט אַלס געהילף־סעקרעטאַר.

ניט קוקנ׳יק אויף דעם וואָס דער פאַרבאַנד האָט שוין דאַן געהאַט אַ גלענצענדן נאָמען אין דער היגער אידישער געזעלשאַפט און ברייטע קרייזן האָבן אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ פאַר דעם פאַרבאַנד׳ס געזעלשאַפטלעכער ריינקייט, פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטנקייט און זיין סאָלידער טעטיקייט אַלס וואַקסנדער פאַרזיכערונגס־אָרדן, איז אָבער דער פאַרבאַנד דאַן נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיק קליין אין צאָל (אַרום 5 טויזנט מיטגלידער) און במילא האָט די אָרגאַניזאַציע ניט געהאַט צופיל כוח צו קענען דורכפירן די וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און אידעאישע אויפגאַבן, וואָס זיינען אַ טייל פון פאַרבאַנד׳ס פּראָגראַם.

איז טאַקע געווען נאַטירלעך, אַז אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן האָט דער פאַרבאַנד דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון ראַנגלעניש, פון זוכן נייע אָרגאַניזאַטאָרישע וועגן, וואָס זאָלן פירן צו דעם פאַרבאַנד׳ס פאַרגרעסערונג און אָרגאַניזאַטאָרישער פאַרשטאַרקונג. איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען אויפן דאָזיקן וועג איז געווען דער פאַרזוך צו שאַפן קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס פאַר דעם נוצן פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער און זייערע משפחות.

איידער מיר טרעטן צו צו געבן אַן איבערבליק איבער די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס פון פאַרבאַנד, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די ערשטע צוואַנ־



די יערלעכע קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אין 1943, מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד.

ציקער יאָרן (אָנפאַנג 1924), געפינען מיר פאַר נויטיק צו געבן אַ סקיצירטע אַפּ־שאַצונג וועגן די שטימונגען, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין די רייען פון פאַר־באַנד איבער זיינע מעגלעכקייטן פאַר אַן אינטענסיוון אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס.

בדרך־כּלל האָבן געהערשט סקעפּטישע שטימונגען איבער די אויסזיכטן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל ווערן אַ גרויסע אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַני־זאַציע. די אַזוי־גערופענע פּעסימיסטן אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן אין אַלע דיסקוסיעס וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ גרעסערן אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַרבאַנד געהאַלטן, אַז אַזאַ מעגלעכקייט איז נישטאָ, אָנגעבנדיק אַ רייע אורזאַכן, צווישן וועלכע מיר געפינען פאַר נויטיק אַרויסצוהייבן די פאָלגנדע:

1) דער פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן מיטן ציל אויפצובויען אַ שטיצ־פונקט פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס מיינט — פאַר די אידעאישע צילן פון פּועלי־ציוניזם. ווען די אָרגאַניזאַציע וועט ווערן גרויס, קריגנדיק אַלס מיטגלידער פאַרשידענע עלעמענטן, וועלן מוזן געמאַכט ווערן געוויסע אידעאישע קאָמפּראָמיסן.

2) ווען אָרדנס האָבן זיך געגרינדעט ביים אָנפאַנג פון דער פאַרמירונג פון אידישן לעבן אין אַמעריקע, איז דער גרעסטער טייל פון דער היגער אידישער מאַסע באַשטאַנען פון אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געפילט עלנט, ווערנדיק אַרויסגעריסן פון דער אַלטער היים און זוכנדיק זיך צוצובינדן צו מענטשן און גרופּירונגען, וואָס זאָלן זיי כאָטש טיילוויז באַפרייען פון זייער היים־בענקשאַפט. וואָס מער אָבער אַ מענטש בירגערט זיך איין דאָ אין לאַנד, אַלס ווייניקער נוי־טיקט ער זיך אין אַזאַ פאַרבינדונג.

3) בענעפיטן שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע פאַר מענטשן, ווען זיי זיינען אָרעם און האָבן זיך נאָך ניט איינגעפונדעוועט אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. האָבן דערפאַר אין די ערשטע יאָרן פון אימיגראַנטישן לעבן בענעפיטן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע; די בענעפיטן פאַרלירן אָבער זייער ווערט, ווען דער מענטש פאַנגט זיך אָן פילן עקאָנאָמיש איינגעוואָרצלטער און זיכערער.

4) די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע און די פּראַקטישע אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד ציען ניט זייער הויפּט־יניקה פון אַמעריקאַנער לעבן, נאָר פון יע־נער זייט ים. די טויערן פאַר איינוואַנדערונג אין אַמעריקע זיינען שוין אָבער פאַרמאַכט טיילוויז אָדער אינגאַנצן. דער אימיגראַנטישער עלעמענט קומט שוין דערפאַר ווייניק אין באַטראַכט אַלס אַ רעזערוואואַר פאַר דער פאַרגרעסע־רונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

5) אַ באַדייטנדע צאָל מיטגלידער האָבן געפונען אין פאַרבאַנד ניט בלויז אַ געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר צו קענען זיך אויסלעבן אידעאיש און געזעלשאַפט־לעך, נאָר פיל פון זיי האָבן אויך אין פאַרבאַנד געפונען אַ מעגלעכקייט פאַר אינ־טימען צוזאַמענלעבן פון פריינט און נאָענטע. אַ באַדייטנדע פאַרגרעסערונג פון דער אָרגאַניזאַציע וועט דעם פאַקטאָר טיילוויז אָדער אינגאַנצן באַזייטיקן.

אָט אַזוי האָבן גע'טענה'ט די אַזוי־גערופענע פּעסימיסטן. די אָפּטימיסטן אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן אָבער געזוכט אָפּצושלאָגן די אַרגומענטן, אָנווייזנ־דיק, אַז דער פאַרבאַנד, איינשליסנדיק אין זיין פּראָגראַם פון טעטיקייטן די

העכסטע אינטערעסן פון אידישן פאָלק, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, און דינענדיק אויך די אינטערעסן פון יחיד, געבנדיק אים פּראַקטישע בענעפיטן, קען בייקומען די מערסטע שוועריקייטן פון אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס און קען זיכער ווערן אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר אין דעם אַמעריקאַנער אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן, דינענדיק ניט בלויז די אינטערעסן פון די אידישע מאַסן אויסער אַמעריקע, נאָר טאַקע אויך אין אַמעריקע גופא.

מיר גיבן איבער דעם אינהאַלט פון די דיסקוסיעס, וואָס זיינען ביי פּאַר־שידענע געלעגנהייטן געפירט געוואָרן דורך דער הויפּט־לייטונג, ביי פאַרבאַנד־קאָנווענשאָנס, ווי ביי צוזאַמענקונפטן פון לאָקאַלע טוער, כדי צו אילוסטרירן דעם געדאַנקן־גאַנג, וואָס האָט געהערשט אין פאַרבאַנד איידער די אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַפרייט פון אַ סך פאָראורטיילן און פון מורא פאַר איבערגעטריבענע שוועריקייטן און איז מיט גלויבן אין דערפאָלג אַרויסגעגאַנגען אויף ברייטערע וועגן אויפן אָרגאַניזאַציאָנס־געביט, זעענדיק אין אַ גרעסערן פאַרבאַנד אויך אַן ענטפער אויף דער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם פאַרבאַנד׳ס אידעאיש־געזעלשאַפטלעכע צילן און אויפגאַבן.

דער פּרוּוו צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס

די גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אין פאַרבאַנד איז ניט געווען קיין צופאַל. דער פאַרבאַנד איז אַ קאָאָפּעראַטיווער פאַרזיכערונגס־אָרדן, וואָס גלויבט שטאַרק אין קאָלעקטיווע מעגלעכקייטן צו דערגרייכן גרויסע צילן.

אין די ערשטע יאָרן פון פאַרבאַנד׳ס טעטיקייט זיינען געמאַכט געוואָרן אַ רייע פאַרזוכן צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס. די פאַרזוכן האָבן זיך באַזונדערס איינגעגעבן דורך דער גרינדונג פון שפּאָר־ און לייַ־קאַסעס, וואָס האָבן געגעבן הלוואות די מיטגלידער פאַר אַ מינימאַלן פּראָצענט. אייניקע פון די קאַסעס האָבן אויך איינגעפירט אָפּשפּאָרונגען (סעיווינגס). אַ טייל פון זיי האָבן אויך איינגעשטעלט מעגלעכקייטן פון קאָאָפּעראַטיוון איינקויף פון אַ רייע זאַכן, וואָס האָבן דעם קויפער (מיטגליד פון דער קאַסע און פון פאַרבאַנד) באַדייטנד רעדוצירט די קאָסטן.

דער דראַנג פאַר קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייטן און אונטערנעמונגען איז שטענדיק אין פאַרבאַנד דערמוטיקט געוואָרן. די לייטונג ווי די מיטגלידער האָבן אין דעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרזוך געפונען אַ פּאַסיקן אויסדרוק צו דער־גרייכן די ווירקזאַמע צילן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט אויפן געביט פון קעגנזייטיקער הילף, פון באַזאָרגן זיינע מיטגלידער מיט פּראַקטישע בענע־פיטן, א. אַז. וו.

אין יאָר 1924 איז דער פאַרבאַנד צוגעטראָטן צו שאַפן קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב. ווייסנדיק, אַז ניו־יאָרק דינט שטענדיק אַלס אָנרעגונג פאַר טעטיקייטן, וואָס דאַרפן געפירט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד, האָט די לייטונג קלאָר געזען, אַז כדי צו אַנטוויקלען די קאָאָפּע־

ראַטיווע טעטיקייטן פון פאַרבאַנד אויף אַ גרעסערן אופן, מוזן קודם־כל געשאַפן ווערן אין ניו־יאָרק אַ רייע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אויף אַזאַ מאָס־שטאַב, וואָס זאָלן דערמוטיקן דאָס גאַנצע לאַנד נאָכצופאָלגן זייער ביישפּיל.

די ניו־יאָרקער מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד האָט אין 1924 געציילט אַרום 1,200 מיטגלידער. ווערנדיק אָבער געטריבן פון אַ שטאַרקן גלויבן, אַז דער פאַרבאַנד קען אָרגאַניזאַטאָריש ווערן גרעסער און קען אויך אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט, איז דער ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט, מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון דער הויפּט־לייטונג, צו־געטראָטן אין יאָר 1924 צו שאַפן פיר וויכטיקע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען:

1) דאָס אויפבויען אַ פאַרבאַנד־אינסטיטוט, וואָס זאָל דינען פאַר אַ גע־זעלשאַפטלעכער און קולטור־היים פאַר דער ניו־יאָרקער פאַרבאַנד־מיטגלידער־שאַפט;

2) די גרינדונג פון אַ קרעדיט־יוניאָן אויף די זעלבע פּרינציפּן און מיט אַ פאַרנעם פון אַ קאָאָפּעראַטיווער באַנק;

3) די דורכפירונג פון אַ גרויסן בוי־פּראָיעקט פון קאָאָפּעראַטיווע היי־זער מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן פאַר די איינוואוינער;

4) די גרינדונג פון איינציקע זומער־קעמפּס פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

די אַלע אויסגערעכנטע פּראָיעקטן זיינען פּלאַנירט און אונטערגענומען גע־וואָרן כמעט אין דער זעלבער צייט. דאָס איז מעגלעך געטאָן געוואָרן דערפאַר, ווייל אין אַלע דיסקוסיעס, וואָס זיינען דאַן געפירט געוואָרן, וועלכע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג ס'זאָל אין פאַרבאַנד קריגן דעם פאָרצוג, זיינען שטענדיק געווען אַ גענוגנדע צאָל אָנהענגער פאַר יעדן קאָאָפּעראַטיוו באַזונדער; האָט מען דערפאַר באַשלאָסן צו זוכן צו פאַרווירקלעכן אַלע אויבן־דערמאָנטע פּראָיעקטן אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק־קורצער צייט.

נאָכדעם ווי מען איז פּראַקטיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט (ווי שאַפן די בוי־טיקע פאָנדן, איינשטעלן די געהעריקע קאָמיטעטן, אָרגאַניזירן די בויטיקע לעגאַלע קאָרפּאָראַציעס, א. אַז. וו.), האָט די מאַיאָריטעט איינגעזען, אַז דאָס שאַפן אַ פאַרבאַנד־אינסטיטוט פאַר די ניו־יאָרקער מיטגלידער וועט צונעמען אַ סך ענערגיע און גרויסע געלט־מיטלען און קען פּליייכט שטעלן אין געפאַר די אַנ־דערע אויבן־אויסגערעכנטע אונטערנעמונגען.

דער קאָמיטעט, וואָס איז דערוויילט געוואָרן מיטן צוועק דורכצופירן די קאָאָפּעראַטיווע פּלענער, איז דערפאַר צוגעטראָטן צו רעאַליזירן דריי קאָאָפּעראַ־טיווע פּראָיעקטן: 1) די גרינדונג פון אַ צענטראַלער פאַרבאַנד קרעדיט־יוניאָן; 2) שאַפן אַ צאָל זומער־קעמפּס פאַר קינדער און דערוואַקסענע; 3) אויפבויען מאָ־דערנע קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר פאַרבאַנד־מיטגלידער און פאַר פריינט פון דער אָרגאַניזאַציע.

ביים רעאַליזירן די הייזער־פּראָיעקטן האָט לײדער דער פאַרבאַנד ניט גע־האַט קיין קלאָרע ליניע פון טעטיקייט. צוטרעטנדיק צו דעם בוי פון די הייזער, האָט מען זיך ניט באַגרענעצט אַריינצונעמען פאַר שכנים בלויז מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, נאָר מען האָט אויך אַריינגענומען סימפּאַטיקער. די ליניע

איז אויך ניט געווען קלאָר וועגן דעם רעכט, וואָס די שכנים אין די הייזער דאַרפן האָבן איבער די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס אין די הייזער (ווי אַ שולע פאַר קינדער, פאַרזאַמלונגס־פּלעצער, ביבליאָטעק, לעקציעס־אודיטאָריום פאַר קאָנצערטן, א. אַז. וו.).

דער פאַרבאַנד האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער גוטער געלעגנהייט, וואָס איז דאַן געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דעם געזעץ, וואָס די לעדזשיסלעיטשור פון ניו־יאָרק סטעיט האָט דורכגעפירט, אַז הייזער געבויט אויף אַ באַשטימטער פאָרם (קאָאָפּעראַטיוו אָדער אויף אַן אַנדערן אופן), זאָלן באַפרייט ווערן פון צאָלן טעקסעס צום סטעיט. דאָס איז געווען אַ גרויסע פינאַנציעלע קאָנצעסיע, דורכדעם איז אויך דער סטעיט אין אַ געוויסן זין (דורכן סטעיט האָוזינג באָארד) געוואָרן



שטאָט־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק אין 1942.
ערשטע ריי, זיצנדיק (פון רעכטס צו לינקס): ב. לעמבערגער, ס. אַלטשולער, ס. קאַפּלאַן, פּ. גינגאָלד, ש. בורשטיין (סעקרעטאַר), ש. באָנטשעק (פּאָרזיצער), ה. שולד, ה. דייוויס, א. וויינשטיין. צווייטע ריי: י. קאַצמאַן, ל. גרינבלאַט, ב. לובינסקי, י. בלום, ד״ר ה. גרושקין, א. שודראָף, חברה ל. רמבם, ב. טעלער, פּ. קאהן, ז. זילבערצווייג, ה. אָיל. דריטע ריי: מ. רמבם, דזש. בלום, דזש. טיקמאַן, א. אַפּעלבוים, פּ. סיגל, ס. סאַרנאַצקי, דזש. כאַדאָראָף, וום. ראַבינאָוויץ, א. ל. בערמאַן, ס. בעגון און מ. טאָפּאָל.

אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם הייזער ־ בוי ־ פּראָיעקט.

באַטראַכטנדיק דעם רעזולטאַט פון דער אונטערנעמונג אין פּראַקטיש־פינאַנציעלן זין, קען מען זיכער די אונטערנעמונג באַצייכענען אַלס גרויסן דערפאָלג. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין אַ שיינער געגנט אין דער בראָנקס צוויי פּראַכטפולע הייזער מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, מיט ביליק דירה־געלט פון די שכנים (אַרום 12 דאָלאַר פאַר אַ צימער אַ חודש). דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דער אַקטיווער מיטהילף און טיפן אינטערעס, וואָס דער בויער פון די הייזער, דער פאַרשטאָרבענער חבר נאָטע

גאָלדשלאַג, מיט זיינע שותפים אייזענבערג און פּיין, האָבן אַרויסגעוויזן, ווי אויך דורך דער פּראַקטישער אָנפירונג פון דעם פּראָיעקט פון סעקרעטאַר פון קאָאָפּעראַטיון דעפּאַרטמענט, חבר ש. גאָלדשטיין.

אורטיילנדיק אָבער וועגן דער אונטערנעמונג פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, מוז מען מיט באַדויערן באַצייכענען דעם פאַקט, אַז צוליב דעם, וואָס דער פאַרבאַנד האָט ניט געהאַט קיין קלאָרע ליניע, צוטרעטנדיק צו אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג, זיינען לײַדער פאָרגעקומען ערנסטע קאָנפליקטן צווישן די שכנים. אין די קאָנפליקטן איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן די הויפּט־לייטונג פון פאַרבאַנד, וואָס האָט געפונען פאַר נויטיק נאָך אַ צאָל יאָרן, זייענדיק פאַרבונדן מיט די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, צו באַשליסן, אַז עס איז פּראַקטיש פאַר דער אָרגאַניזאַציע ניט צו בלייבן לענגער פאַרבונדן מיט די הייזער. די אונטערנעמונג איז דערפאַר איבערגעגעבן געוואָרן אינגאַנצן צו די שכנים. דער פאַרבאַנד און זיין קאָאָפּעראַטיווער דעפּאַרטמענט האָבן אויפגעגעבן די אויפזיכט און קאָנטראָל איבער דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטור־כאַראַקטער פון אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג.

מיר געפינען ביי דער געלעגנהייט פאַר נויטיק פעסטצושטעלן, אַז די איניציאַטיוו צו בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר פאַרבאַנד־מיטגלידער און פאַר פריינט פון פאַרבאַנד פאַר מינימאַלע קאָסטן מיט מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט (שולע, ביבליאָטעק, לעזי־צימער, פאַרזאַמלונגס־פּלעצער, א. אַז. וו.) איז געקומען פון ברענטש 57 פון פאַרבאַנד, פון די חברים ה. גילדין, י. פאַרמאַן, י. זעמעל און אַ צאָל אַנדערע. דער ברענטש 57 האָט פאַקטיש צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן גאַנצן פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק צוצוטרעטן צו אַזאַ געוואָגטער אונטערנעמונג, ווי עס איז אין יענער צייט געווען דאָס בויען די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, וואָס האָט באַטראָפן אַרום צוויי מיליאָן דאָלאַר.

אַלס רעזולטאַט פון דער ערשטער איניציאַטיוו (פון ברענטש 57) זיינען אין דעם זעלבן געגנט ווי עס געפינען זיך די פאַרבאַנד־קאָאָפּעראַטיווע הייזער, פריער אויפגעבויט געוואָרן צוויי מאָדערנע הייזער, וואָס זיינען פאַקטיש געווען צווישן די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין ניו־יאָרק. די הייזער האָבן לויט זייערע מאָדערנע בוי־מעטאָדן ווי זייערע נייעסטע איינריכטונגען געדינט אַלס מוסטער פאַר די אַנדערע צוויי קאָאָפּעראַטיווע הייזער פון פאַרבאַנד און שפּעטער פאַר די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, וואָס אַנדערע געזעלשאַפטן האָבן געבויט.

דער לעזער דאַרף זיך ניט שאַפן קיין איינדרוק, אַז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אין פאַרבינדונג מיט דעם בוי פון קאָאָפּעראַטיווע הייזער בלויז געהאַט שוועריקייטן און מיספאַרשטענדענישן, וואָס האָבן געפירט צו דעם, אַז די פאַרבאַנד־לייטונג און דער קאָאָפּעראַטיווער דעפּאַרטמענט זאָלן זיך דאַרפן פון די הייזער צוריקציען.

עס זיינען אויך געווען אַ סך ליכטיקע מאָמענטן אין פאַרבינדונג מיט דער וויכטיקער טעטיקייט. מען טאָר ניט מינימיזירן די באַדייטונג פון שאַפן מעגלעכקייטן, אַז עטלעכע הונדערט אידישע פאַמיליעס זאָלן וואוינען אויף אַ שטח

פון צוויי־דריי בלאָקס, האָבנדיק אַ געמיינזאַמען אינטערעס זיך אויסצולעבן אידישלעך, אַנצופירן קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, צו פּייערן צוזאַמען אידישע און אַרבעטער־יום־טובים, געבן זייערע קינדער אַ מאָדערנע אידישע דערציאונג אין שולן, וואָס זיינען געוואָרן אַ טייל פון גאַנצן בוי־פּראָיעקט, און צו האָבן מעגלעכקייטן פאַר אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פאַר די נוצן פון יעדן שכן און פאַר דעם אַלגעמיינעם קאָלעקטיוו. די דאָזיקע אויסגערעכנטע דערגרייכונגען ווי אַ רייע אַנדערע האָבן פיל בייגעטראָגן צו די קאָנסטרוקטיווע שאַפונגען פון די קאָאָפּעראַטיווע הייזער.

עס האָט זיך אָבער לײדער אַרויסגעוויזן, אַז דער שטאַלץ פון אַן אייגענער איגוועסטירונג, וואָס אַ יחיד מאַכט אין אַ קאָאָפּעראַטיוון פּראָיעקט, איז אָפּטמאָל שטאַרקער ווי דער פאַרלאַנג און נויטווענדיקייט פון געזעלשאַפטלעכער אויפזיכט, מעג אַפילו די געזעלשאַפטלעכע אויפזיכט זיין באַזירט אויף אידעאַליזם, קולטור־אינטערעס און וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן.

מיר מיידן אויס צו דערציילן דאָ ווי אַזוי דער אַזוי־גערופענער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט צווישן דעם פאַרבאַנד מיט אַ טייל פון די שכנים וועגן דער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אויפזיכט איבער די וויכטיקע אינסטיטוציעס; מיר מיידן אויס צו דערציילן ווי אַזוי דער קאַמף איז אין געוויסע מאָמענטן געוואָרן אַ טעמע פאַר ברייטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

די אידישע פּרעסע האָט אַ סך אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען צו דעם אַזוי־גערופענעם קאָנפליקט, אַ דאַנק דעם וואָס אין דעם קאָנפליקט זיינען געווען פאַרבונדן פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַלס לעגאַלע ראַטגעבער פון ביידע צדדים, דזשאַדזש דזשייקאָב פּענקין פאַרטרעטנדיק דעם צד פון די שכנים, און לואי וואַלדמאַן פאַרטרעטנדיק דעם פאַרבאַנד. דורכדעם האָט אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן געהאַט (אומדירעקט) אַ חלק אין קאָנפליקט.

עס וואָלט פיליכט געווען אינטערעסאַנט פאַר די לעזער צו דערציילן אין אַלע דעטאַלן די ראָלע, וואָס עס האָבן געשפּילט אַ טייל סאָציאַליסטישע פירער אין פאַרבינדונג מיט דער פּאַסירונג. אַזוי ווי דער פאַרבאַנד האָלט אָבער יענע עפּאָכע, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם הייזער־בוי־פּראָיעקט, פאַר אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל פאַר דער אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר זיך בלויז באַנוגענען מיט די אַלגעמיינע דאָ־אַרויסגעבראַכטע באַמערקונגען.

די צענטראַלע פאַרבאַנד קרעדיט־יוניאָן אין ניו־יאָרק

די פאַרבאַנד־קרעדיט־יוניאָן אין ניו־יאָרק האָט אָנגעפאַנגען אָפּערירן אין 1925, מיט אַ טשאַרטער פון סטעיט בענקינג דעפּאַרטמענט, קריגנדיק אַ רייע פּריווילעגיעס, ווי דאָס רעכט צו געבן הלוואות, אָננעמען דעפּאָזיטס, פאַרקויפן אַקציעס, א. אַז. וו.

די קרעדיט־יוניאָן האָט ביז סוף 1930 אָנגעפירט דערפאָלגרייך אירע געשעפטן און אָפּערירט מיט אַן איינגעצאָלטן אַקציען־קאַפּיטאַל פון העכער $100,000. אין פאַרלויף פון די טעטיקייטן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די קרעדיט־

יוניאָן איז אין אַ געוויסן זין אַ שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון איינצלנע קרעדיט־יוניאָנס און שפּאָר־ און לײַ־קאַסעס אין די ברענטשעס. דאָך האָט די אינסטיטוציע געמאַכט אַ באַדײַטענדן פּראָגרעס.

ווען די קריזיס־יאָרן זײַנען געקומען (אין 1930), האָט די צענטראַלע פאַר־באַנד־קרעדיט־יוניאָן באַגעגנט באַדײַטנדע שוועריקייטן. אַ היפּשע צאָל חברים זײַנען לײַדער ניט געווען אין קיין לאַגע אָפּצוצאָלן פּינקטלעך זייערע הלוואות. די חברים, וואָס האָבן די הלוואות גאַראַנטירט, זײַנען דורכדעם געשטעלט גע־וואָרן אין אַן אומאַנגענעמער סיטואַציע, זייענדיק געצוואונגען צו באַצאָלן הלוואות פאַר אַנדערע.

דער שווערער צושטאַנד האָט זיך ניט בלויז אָפּגערופן אויף די אָפּעראַציעס פון דער קרעדיט־יוניאָן, נאָר אויך אויף דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער פאַר־באַנד־אַרבעט אין ניו־יאָרק. די מיטגלידער פון דער קרעדיט־יוניאָן און די צענטראַלע פאַרבאַנד־לײַטונג האָבן דאַרום באַשלאָסן צו ליקווידירן די אינסטי־טוציע און שטאַרקן דעם אינטערעס ביי די איינצלנע ברענטשעס צו גרינדן לײַ־קאַסעס און קרעדיט־יוניאָנס פאַר די נוצן פון די מיטגלידער און זייערע משפּחות.

ווען ביים אָנפאַנג פון פּרעזידענט רוזוועלט׳ס אַדמיניסטראַציע זײַנען גע־שאַפן געוואָרן גינסטיקע געזעצן פאַר קרעדיט־יוניאָנס און פאַר קאָאָפּעראַטיווע קערפּערשאַפטן, האָבן די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין ניו־יאָרק זיך באַנוצט מיט דער גוטער געלעגנהייט און אַ צאָל ברענטשעס האָבן אַזעלכע פינאַנץ־אינסטיטוציעס געגרינדעט. זיי אָפּערירן ביזן היינטיקן טאָג אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן.

אין אַלגעמיין האָבן זיך די לײַ־קאַסעס און קרעדיט־יוניאָנס אין פאַרבאַנד אַרויסגעוויזן אַלס זייער נוצלעכע אינסטיטוציעס. זיי העלפן צובינדן די מיט־גלידער צו דער אָרגאַניזאַציע, זיי העלפן געבן הילף די מיטגלידער דורך הלוואות אויף גוטע באַדינגונגען, זיי מאַכן מעגלעך אין געוויסע פאַלן אַ קאָאָפּעראַטיוון איינקויף, אויך ווערט אַ דאַנק די אינסטיטוציעס מעגלעך צו באַשטימען באַדײַטנ־דע סומען פון די פאַרדינסטן פאַר געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייטן. אין יאָר 1945 האָבן ביי די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד (איינגעשלאָסן אויך קאַנאַדע) עקזיסטירט קרוב 100 שפּאָר־ און לײַ־קאַסעס און קרעדיט־יוניאָנס, וואָס האָבן אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט אויף די אויבן־אויסגערעכנטע געביטן.

די פאַרבאַנד־זומער־קעמפּס אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד

אין 1926 זײַנען געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין הײַלענד מילס, די פאַרבאַנד־זומער־קעמפּס „אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט", פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

די פאַרבאַנד־מיטגלידער האָבן גלײַך פון אָנפאַנג אַן אַרויסגעוויזן אַ סך ענ־טוזיאַזם פאַר דער גרינדונג פון די זומער־אינסטיטוציעס. עס וועלן שטענדיק בלײַבן אין זכרון די אָנגענעמע דערינערונגען פון די באמת־פײַערלעכע דער־עפענונגס־טעג פון די קעמפּס אין זומער, 1926.

„אונזער קעמפ״ און „קינדערוועלט״ געפינען זיך אין אַ וואונדערבאַרן פּלאַץ, וואָס ווערט פון אַלעמען באַוואונדערט פאַר זיין שיינקייט און פּראַכט. דער קעמפּ האָט אָבער געהאַט ווייניק באַקוועמלעכקייטן צו דער דערעפענונג אין דעקאָ־רעישאָן דעי, אין יאָר 1926.

די קרוב טויזנט מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו דער דערעפענונג, — מערסטנס חברים פון פאַרבאַנד מיט זייערע משפחות, — האָבן אָבער טראָץ די דעפעקטן דעמאָנסטרירט זייער פרייד און צוגעבונדנקייט צו די אינסטיטוציעס און וואַרעם באַגריסט די דערעפענונג פון די קעמפּס, וואָס זיינען געוואָרן אַ זייער וויכטיקע און באַליבטע אינסטיטוציע פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פּאַראַלעל מיט „אונזער קעמפּ״ פאַר דערוואַקסענע איז גלייך געבויט גע־וואָרן „קינדערוועלט״, די אָפּטיילונג פאַר קינדער. די לייטונג פון פאַרבאַנד איז דורך דעם געווען טריי צו איר צוגאַנג צו די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־צוועקן פון די זומער־קעמפּס, אַ צוגאַנג, וואָס באַצוועקט מעגלעך צו מאַכן, אַז דאָס אידישע קינד זאָל קריגן אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע דערציאונג און זאָל אין זיך איינזאַפּן אידישן וויסן, אַ וואַרעמע אידישע אַטמאָספערע דורך די פאַסיקע פּראָגראַמען, דורך פייערונגען, דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און דער עיקר דורך אַן אויפפּאַ־סונג, וואָס האָט דעם ציל צו שטאַרקן די פיזישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג פון קינד.

דער צוגאַנג האָט אויך באַצוועקט צו פאַרזיכערן, אַז די עלטערן פון די קינ־דער ווי די פאַרבאַנד־חברים און די פריינט פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן אין פאַר־לויף פון די זומער־חדשים זיך קענען געפינען אין אַן אַטמאָספערע פון געזעל־שאַפטלעכער און קולטור־דערהויבונג, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן, אַז די טעטיקייטן, וואָס דער פאַרבאַנד און די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג פירן אָן אין פאַר־לויף פון יאָר, זאָלן אויף אַ נאַטירלעכן אופן קענען פאַרגעזעצט ווערן אויך אין די זומער־חדשים.

צום דינסט פון „אונזער קעמפּ״ און „קינדערוועלט״ האָט זיך געשטעלט אַ טיכטיקער קאָמיטעט, צוזאַמענגעשטעלט פון די מערסטע ניו־יאָרקער פאַרבאַנד־ברענטשעס, פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע און פון שטאַט־קאָמיטעט. אַלס ערשטער פאַרוואַלטער פון קעמפּ איז באַשטימט געוואָרן דער פאַרשטאַרבענער חבר ראובן פּלאַטראַט און אַלס דירעקטאָר פון „קינדערוועלט״ — דער באַקאַנ־טער פּעדאַגאָג, איינער פון די גרינדער פון די אידישע פאָלק־שולן, חבר ש. שאַ־פּיראָ.

„אונזער קעמפּ״ און „קינדערוועלט״ האָבן דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונג. כדי צו שאַפן די מאַקסימום באַקוועמלעכקייטן פאַר די קינדער און דערוואַקסענע, איז נויטיק געווען צו אינוועסטירן גרויסע קאַפּיטאַלן (ביזן יאָר 1945 אַרום 300 טויזנט דאָלאַר). דער קעמפּ־קאָמיטעט איז צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון די קעמפּס מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַרום 5 טויזנט דאָלאַר, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַקציעס צו בויען אַ פאַרבאַנד־אינסטיטוט (אַ פאַרבאַנד־היים) אין ניו־יאָרק.

צום סוף פון ערשטן קעמפּ־סעזאָן (אָקטאָבער 1926) האָבן די אינוועסטירונגען אין קעמפּ באַטראָפן אַרום 70 טויזנט דאָלאַר. יעדן יאָר זיינען די אינוועסטירונגען געשטיגן, האָבנדיק ווי אויבן־אָנגעוויזן דעם פאַרלאַנג צו שאַפן די נויטיקע באַקוועמלעכקייטן פאַר די קינדער און פאַר דערוואַקסענע, און דער עיקר אויסצוברייטערן די אינסטיטוציעס, כדי צו קענען אויף אַ ווירקזאַמערן אופן דינען די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־צילן פון פאַרבאַנד און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

„אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט" האָט זיך כסדר אַנטוויקלט אויף אַ צופרידנשטעלענדן אופן. אָפט האָט די צאָל באַזוכער אין קעמפּ אַ סוף־וואָך ביי אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער פאַסירונג דערגרייכט אַרום 1,500 און מער פּערזאָן. די לעצטע עטלעכע יאָר געפינען זיך אין קעמפּ אין פאַרלויף פון זומער דורכשניטלעך אַרום 350 קינדער מיט העכער 80 לערער, אויפפּאַסער און ספּעציאַליסטן פאַר פאַרשידענע געגנשטאַנדן. די קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פאַרנעמען אין קעמפּ די צענטראַלע אויפמערקזאַמקייט פון דער לייטונג ווי אויך פון אַ באַדייטנדער צאָל באַזוכער.

„אונזער קעמפּ" ווערט פאַרוואַנדלט אין פאַרלויף פון די זומער־חדשים אין דעם צענטראַלן רו־ און טרעף־פּלאַץ פאַר די אַקטיווע טוער פון פאַרבאַנד און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק און פון אַלע טיילן פון לאַנד.

דער דערפאָלג פון „אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט" אין ניו־יאָרק האָט דערמוטיקט דעם פאַרבאַנד אין שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, דעטרויט און מאָנטרעאָל אויך צו גרינדן ענלעכע קעמפּס. אין שיקאַגאָ האָט לײדער דער קעמפּ עקזיסטירט בלויז אַ קורצע צייט און געליטן אַ שווערן פינאַנציעלן צוזאַמענברוך צוליב אינערלעכער מיספאַרוואַלטונג, וואָס האָט לײדער אויך געפירט צום זעלבסטמאָרד פון דעם הויפּט־אָנפירער.

דער קעמפּ אין דעטרויט האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב. דער כאַראַקטער פון קעמפּ, די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן און די דערציונגס־פּראָגראַמען זיינען ענלעך צו די פון „אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט" אין ניו־יאָרק. אַ פיינע אַנטוויקלונג האָט אויך דורכגעמאַכט דער קעמפּ אין מאָנטרעאָל, וואָס ווערט אויך אָנגערופן „אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט". אַ קורצע צייט האָט עקזיסטירט אַ קעמפּ אין טאָראָנטאָ, אָבער צוליב שוועריקייטן, וואָס די חברים דאָרט האָבן באַגעגנט (ווייל די אינסטיטוציע איז געווען געדונגען, ניט געקויפט), איז די טאָראָנטער באַוועגונג געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן פאַר אַ געוויסער צייט די קעמפּ־טעטיקייטן. אָנפאַנג 1945 האָט די באַוועגונג אין טאָראָנטאָ ווידער געקויפט אַ קעמפּ, וואָס וועט קענען אַנטוויקלט ווערן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב אין משך פון אַ צאָל יאָרן.

געבנדיק אַן איבערבליק פון די פאַרבאַנד־זומער־קעמפּס אין די אויבן־דערמאָנטע שטעט, שליסן מיר ניט איין די זומער־אינסטיטוציעס, וואָס זיינען די לעצטע יאָרן געגרינדעט געוואָרן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד פון



פייערונג אין „אונזער קעמפּ" לכבוד ל. סיגאַל'ס 18־יעריקער פאַרבינדונג אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, דעם 23טן יוני, 1945.

זיצנדיק ביים הויפּט־טיש (פון רעכטס צו לינקס): פּ. גינגאָלד, וו. עדלין, מאָריס וויינבערג, ד"ר א. מאַרגוליס, ש. באַנטשעק, ש. בורשטיין, א. אייזענבערג, ל. סיגאַל, חברה ד. פּינסקי, דוד פּינסקי, חברה מ. בראַון, מ. בראַון, חברה ב. צוקערמאַן, ב. צוקערמאַן, חיים פיינמאַן, חברה ח. פיינמאַן און ש. סאקאל.

פאַרבאַנד פּועלי ציון יוגנט „הבונים", וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען קעמפּ־קבוצות. וועגן זיי, ווי וועגן דער יוגנט־אַרבעט בכלל — שפּעטער.

מען קען מיט צופרידנהייט פעסטשטעלן, אַז די פאַרבאַנד־זומער־קעמפּס, די מערסטע פון זיי באַקאַנט אונטערן נאָמען „אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט", זיינען געוואָרן זייער וויכטיקע אינסטיטוציעס אינם לעבן פון פאַרבאַנד און פון דער באַוועגונג.

ניט בלויז ווערן אין פאַרלויף פון די זומער־חדשים אין די קעמפּס פאַר־געזעצט די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקטיוויטעטן פאַר דערוואַקסענע, נאָר די קעמפּס דינען אויך אין אַ גרויסער מאָס אַלס אַ פאַרזעצונג פון די שול־טעטי־קייטן. אַלע גיבן צו, אַז די רעזולטאַטן, וואָס ווערן אין די קעמפּס דערגרייכט אויפן דערציאונגס־געביט, זיינען פון גאַר גרויסער באַדייטונג, ווייל אין די קעמפּס האָט מען די געלעגנהייט, אַז הונדערטער קינדער זאָלן זיך געפינען אונ־טער דער אויפזיכט פון לערער און אויפזעער, וואָס האָבן די אויפגאַבע צו דערציען דאָס אידישע קינד אין אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון גייסט און וואָס האָבן אויך די מעגלעכקייט צו האַלטן דאָס קינד אין אַ אידיש־נאַציאָנאַלער אַטמאָ־ספער די גאַנצע צייט און דערמעגלעכן, אַז די קינדער זאָלן דורך לערנען שול־לימודים, געזאַנג, שפּיל און דורך אַנדערע אַקטיוויטעטן אַריינזאַפּן אין זיך אידישקייט אין נאַציאָנאַלן זין, וואָס ווערט פון זיי אויך טיילווייז אַריבערגעטראָגן אין די היימען נאָכן קעמפּ־סעזאָן.

דער פאַרבאַנד האָט אַ דאַנק די קעמפּס פיל געוואונען אויפן געזעלשאַפט־לעכן און קולטורעלן געביט. ער האָט אויך צו פאַרצייכענען באַדייטנדע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע געווינסן. הונדערטער עלטערן פון די קינדער זיינען אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן געקריגן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די טעטיקייטן פון פאַרבאַנד, מיט אונזער אידעאָלאָגיע און מיט די בענעפיטן, וואָס ווערן געגעבן צו די פאַרבאַנד־מיטגלידער, ווערנדיק געוואָרעמט פון זייערע באַזוכן אין די קעמפּס, געוואונען געוואָרן אַלס מיטגלידער אין פאַרבאַנד און פיל פון זיי פאַרנעמען אויך אָנפירנדע פּאָזיציעס אין דער אָרגאַניזאַציע.

די קעמפּס זיינען אויך געוואָרן אַ גרויסער קוואַל פון הכנסה פאַר פאַר־שידענע פאָנדן, וואָס ווערן פון פאַרבאַנד און פון דער באַוועגונג געזאַמלט, ווי דער אידישער נאַציאָנאַל־פאָנד, דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, די הסתדרות, די פאָלק־שולן, דער סעמינאַר און פאַר אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן מעג־לעכקייטן דורך די זומער־חדשים צו קריגן באַדייטנדע סומען אַ דאַנק די אַקטי־וויטעטן און זאַמלונגען, וואָס ווערן אין די קעמפּס דורכגעפירט.

טראָץ אַלע פּראַקטישע און פינאַנציעלע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אויפהאַלטונג און פירונג פון אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי זומער־קעמפּס, זיינען אָבער די אינסטיטוציעס פון גרויס וויכטיקייט פאַר דעם וואוקס און אַנט־וויקלונג פון פאַרבאַנד און פאַר די געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקטיוויטעטן, וואָס דער פאַרבאַנד פירט דורך אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד.

דער אָרגאַניזאַטאָרישער וואוקס פון פאַרבאַנד

נאָכדעם ווי עס איז קריסטאַליזירט געוואָרן דער וועג פון פאַרבאַנד אויפן געביט פון קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייטן, האָט אויך דער פאַרבאַנד פאַר זיך אָנגעצייכנט אַ נייעם וועג אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט. מיר ווילן דעם וועג באַצייכענען: דער וואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע מיט דער הילף פון אָרגאַניזאַטאָרן. דער וועג איז אָנגענומען געוואָרן פון דער פאַרבאַנד־לייטונג נאָך אַ שווערן געראַנגל וועגן דעם אופן, ווי אַזוי די אָרגאַניזאַציע דאַרף געבויט ווערן.

עס איז געווען אַ ריכטונג אין פאַרבאַנד, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די אָרגאַניזאַציע מוז וואַקסן אויסשליסלעך דורך פרייוויליקער הילף פון די פאַרבאַנד־טוער. די חברים האָבן אין דעם וועג מיט רעכט געזען אַ גרויסע מזל־ברכה פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אַ צווייטע ריכטונג אין פאַרבאַנד האָט אָבער געהאַלטן, אַז אַרום 15 יאָר דערפאַרונג האָט געלערנט, אַז באַדייטנדע אָרגאַניזאַטאָרישע מעגלעכקייטן גייען פאַרלאָרן אַ דאַנק דעם וואָס דער פאַרבאַנד מוז זיך שטיצן אויסשליסלעך אויף פרייוויליקער הילף.

נאָך אַ לאַנגער ראַנגלעניש וועגן דער פראַגע, צי דער פאַרבאַנד זאָל זיין אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט באַגרענעצן אויסשליסלעך אויף פרייוויליקער הילף אָדער אויסער דער פרייוויליקער הילף אויך באַשטימען אָרגאַניזאַטאָרן, איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַן עקספּערימענט מיט איין באַצאָלטן אָרגאַניזאַטאָר און אַלס רעזולטאַט פון די דערגרייכונגען זאָל באַשטימט ווערן אַ פּערמאַנענטע פּאָליסי וועגן די מעטאָדן פון דער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט פון פאַרבאַנד.

אין יאָר 1928 איז חבר ה. יעליס באַשטימט געוואָרן אַלס ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון פאַרבאַנד אין איינקלאַנג מיט דער נייער ריכטליניע, וואָס די לייטונג האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס חבר יעליס האָט ניט געהאַט קיין דירעקטע דערפאַרונג אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט פאַר אַזאַ קערפּערשאַפט ווי ס'איז דער פאַרבאַנד, האָט אָבער חבר יעליס אין זיין אַרבעט אריינגעבראַכט דערפאַרונג פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן, און מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז ער איז מיט אַ סך טרייקייט און איבערגעגעבנקייט געווען דער פּיאָנער אויפן געביט פון זוכן נייע וועגן צו שטאַרקן און גרעסער צו מאַכן די אָרגאַניזאַציע.

די ערשטע חדשים פון חבר יעליס'עס אַרבעט זיינען פאַרווענדט געוואָרן אויף עקספּערימענטן, אויף זוכן דעם וועג, וואָס זאָל פירן צו דערפאָלג. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס חבר יעליס איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר פאַרן גאַנצן פאַרבאַנד (ניט פון איין באַשטימטן דיסטריקט), האָט אָבער די לייטונג געזוכט צו קאָנצענטרירן זיין טעטיקייט אויף עטלעכע צענטראַלע פּונקטן. צווישן די פּלענער, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן, צו העלפן דעם וואוקס פון פאַרבאַנד דורך אָרגאַניזאַטאָרן, איז אויך געווען איינגעשלאָסן דאָס געווינען גאַנצע אָרגאַניזאַציעס פאַרן פאַרבאַנד, און כדי צו געבן דער אַרבעט די געהעריקע מעגלעכקייט פאַר דערפאָלג, האָט מען באַשטימט אַ שטאָט, וואו עס זאָל געמאַכט ווערן אַן אָנשטרענגונג אויף דעם געביט. די שטאָט איז געווען פילאַדעלפיע.

פילאַדעלפיע פאַרנעמט אין דער פאַרבאַנד־געשיכטע אַ זייער וויכטיק אָרט. פאַקטיש איז דער פאַרבאַנד אין יענער שטאָט געגרינדעט געוואָרן. פון דאָרט איז געקומען דער ערשטער רוף פון חבר מאיר בראַון און פון אַנדערע חברים דעם פאַרבאַנד צו אָרגאַניזירן. פילאַדעלפיע איז אויך אַ פּרוכטבאַרע שטאָט אויפן געביט פון לאַנדסמאַנשאַפטן און בענעפיט־אָרגאַניזאַציעס. דאָרט געפינט מען אַ גרעסערע צאָל אָרגאַניזאַציעס ווי אין אַנדערע צענטראַלע שטעט אין לאַנד. האָט טאַקע חבר יעליס געמאַכט פאַר איינעם פון זיינע צענטראַלע פּונקטן פון אַרבעט די שטאָט פילאַדעלפיע, סיי אויפן געביט פון פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדע און די גרינדונג פון נייע פאַרבאַנד־צווייגן, סיי אויפן געביט פון געווינען גאַנצע אָרגאַניזאַציעס פאַרן פאַרבאַנד.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן באַדייטנדע רעזולטאַטן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פילאַדעלפיע נייע צווייגן, עס האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין פאַרבאַנד גאַנצע אָרגאַניזאַציעס (לאַנדסמאַנשאַפטן און בענעפיט־אָרגאַניזאַציעס). אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז פילאַדעלפיע געוואָרן דער צווייטער פאַרבאַנד־צענטער אין אַמעריקע. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען עס האָט געהאַלטן (אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן), אַז פילאַדעלפיע זאָל ווערן די ערשטע שטאָט אויפן אָרגאַניזאַציאָנס־געביט פון פאַרבאַנד. דאָס אַריינטרעטן פון לאַנדסמאַנשאַפטן און בענעפיט־אָרגאַניזאַציעס אין פאַרבאַנד האָט באַדייטנד געשטאַרקט ביי דער לייטונג און ביי די פאַרבאַנד־טוער אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט, אַז דער פאַרבאַנד קען אויסוואַקסן צו אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן און געזעלשאַפטלעכן כוח.

דאָס געווינען לאַנדסמאַנשאַפטן און בענעפיט־אָרגאַניזאַציעס פאַרן פאַרבאַנד איז ניט געווען פריי פון פּראָבלעמען און שוועריקייטן. כמעט אין יעדער אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף זיך פאַראייניקן מיט אַ צווייטער, איז דאָ אַן אָפּאָזיציע, וואָס ווערט באַהערשט פון מורא צו פאַרלירן די זעלבסטשטענדיקייט. דער פאַרלאַנג אָנצוהאַלטן אַמטן און אַ רייע אַנדערע שוועריקייטן, וואָס זיינען לעגיטים אין אָרגאַניזאַציאָנס־לעבן, שטערן דעם פּראָצעס פון געווינען גאַנצע אָרגאַניזאַציעס. עס איז זיכער ניט געווען קיין לייכטער פּראָצעס בייצוקומען די פיל אָרגאַניזאַטאָרישע און פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן.

נאָך דעם באַדייטענדן אָרגאַניזאַציאָנס־וואוקס, וואָס פילאַדעלפיע האָט דורכגעמאַכט אין משך פון עטלעכע יאָר (פון 1930 ביז 1936), האָט זיך שפּעטער דער שנעלער טעמפּאָ פון וואוקס אָפּגעשטעלט און עס איז געקומען צו אַ נאָרמאַליזירונג פון די כוחות. די טוער פון פאַרבאַנד האָבן מיט דער הילף פון דער הויפּט־לייטונג דאַן געזוכט אינערלעך צו באַפעסטיקן די אָרגאַניזאַציע געזעלשאַפטלעך און קולטורעל און העלפן די נייע עלעמענטן זיך אַריינצולעבן אין פאַרבאַנד און אין דער באַוועגונג, ווי אויך זוכן צו פאַרגרעסערן די געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, באַזונדערס די טעטיקייטן פאַר ארץ־ישראל (געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, נאַציאָנאַל־פאָנד און אַנדערע), אַקטיוויטעטן וואָס וואַרעמען אַזוי שטאַרק די נשמה פון פאַרבאַנד־חבר און פון אַלע פאַרבאַנד־צווייגן.

אין דעם פּראָבע־פּעריאָד בנוגע אָרגאַניזאַטאָרן איז אויך געווען איינ־

געשלאָסן באַלטימאָר. דער פאַרבאַנד האָט דאָרט פיל יאָרן לײדער ניט געהאַט קײן מזל אויפן אָרגאַניזאַציאָנס־געביט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס באַלטימאָר האָט אַ היפּשע אידישע באַפעלקערונג מיט אַ גרויסער צאָל אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, האָט דאָך דער פאַרבאַנד דאָרט געהאַט אַ זײער שוואַכע פּאָזיציע.

פּאַראַלעל מיט דעם אָרגאַניזאַציאָנס־דערפאָלג אין פילאַדעלפיע האָט געמאַכט באַדײטענדן פאָרשריט די שכנישע שטאָט באַלטימאָר. די ערשטע פאַרזוכן זײנען געװען באַגלײט מיט באַדײטנדע אַנטוישונגען. זײ האָבן אָבער אויף אַ קאָנקרעטן אופן אָנגעוויזן אויף די אָרגאַניזאַטאָרישע מעגלעכקײטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אין יענער שטאָט. די פאַרזוכן זײנען פאַרגעזעצט געוואָרן מיט



ד״ר חיים ווײצמאַן, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. געפײערט אַלס ערן־מיטגליד פון פאַרבאַנד דעם 1טן אַפּריל 1943 דורך טויזנטער פאַרבאַנד־חברים פון ניו־יאָרק און גאַנצן לאַנד.

אַ באַדײטנדער אָנשטרענגונג מצד חבר יעליס און אַ צאָל דאָרטיקע געטרײע טוער און דער פאַרבאַנד האָט איצט אין באַלטימאָר אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום 600, אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

חבר יעליס האָט אויך צו זײן קרעדיט די אָרגאַניזירונג פון אַ באַדײטנדער צאָל נײע ברענטשעס אין ניו־דזשורזי, אין קאָנעטיקוט און אין אַנדערע טײלן פון לאַנד. עס איז כמעט ניטאָ קײן אײן וויכטיקע שטאָט אין אַמעריקע, וואו חבר יעליס זאָל ניט האָבן געווען דער וועג־ווײזער פאַר אַ גרעסערן אָרגאַניזאַטאָרישן אויפשוואונג, אָנפירנדיק טעטיקײטן, וואָס האָבן ניט בלויז געבראַכט רעזולטאַטן

אויפן געביט פון געווינען נייע מיטגלידער, נאָר האָבן דער עיקר איבערצייגט הונדערטער פאַרבאַנד־טוער, אַז מען קען די אָרגאַניזאַציע פּאַרגרעסערן און אַז עס זיינען דאָ צענדליקער טויזנטער אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען גרייט אויפצונעמען דעם רוף זיך אָנצושליסן אין פאַרבאַנד.

די ערשטע יאָרן פון דערפאָלגרייכן עקספּערימענט צו העלפן דעם וואוקס פון פאַרבאַנד מיט דער הילף פון אָרגאַניזאַטאָרן האָבן שפּעטער געפירט דערצו, אַז די אַרבעט זאָל אויסגעברייטערט ווערן. דער צווייטער פאַרבאַנד־אָרגאַניזאַ־טאָר, וואָס האָט צו זיין קרעדיט אַ באַדייטנדע צאָל נייע מיטגלידער און אַ גרויסע צאָל נייע צווייגן, איז חבר י. ווײַנשטיין, וואָס האָט אָנגעפאַנגען זיין אָרגאַניזאַ־ציאָנס־אַרבעט אין שיקאַגאָ און שפּעטער אין דעם דיסטריקט, וואָס שליסט איין אַ צאָל וויכטיקע שטעט ווי מילוואָקי, קענזעס סיטי, סט. פּאָול, מיננעאַפּאָליס, סט. לואיס און אַ צאָל אַנדערע. אין די לעצטע יאָרן האָט אויך חבר י. ווײַנשטיין צו זיין קרעדיט דאָס אויפבויען ווינ־פּעג אַלס איינעם פון די וויכטיקע פאַרבאַנד־צענטערן, אויך די אָרגאַניזירונג פון אַ צאָל פאַרבאַנד־פּונקטן אין מערב־קאַנאַדע.

צו חבר ווײַנשטיינ׳ס באַדייטנדע דערגרייכונגען אויפן אָרגאַניזאַציאָנס־געביט דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן דער פאַקט, אַז ער האָט געהאָלפן דעם שלום עליכם־ברענטש 17 אין סט. לואיס דערגרייכן דעם ערשטן פּלאַץ אין דער אָרגאַניזאַציע, דערגרייכנדיק איצט די צאָל פון העכער 700 מיטגלידער. דער שלום עליכם־ברענטש 17 שפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין סט. לואיס און איז אין דעם פאַרבאַנד אַ פּיאָנער אויפן וועג צו קאָנ־צענטרירן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער אין איין ברענטש, וואָס דינט אַלס גוטער ביישפּיל פאַר פיל אַנדערע ברענטשעס.

אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן האָבן אין דעם פאַרבאַנד׳ס אָרגאַניזאַטאָ־רישן וואוקס אויך פיל מיטגעהאָלפן די אָרגאַניזאַטאָרן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, חבר א. שניידער, וואָס האָט באַדייטנדע פאַרדינסטן פאַר דער פאַרגרע־סערונג פון פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און טיילווייז אויך אין מאַסאַ־טשוסעטס און קאָנעטיקוט; דער פאַרשטאָרבענער חבר ש. דאָנסקאָי, וואָס האָט מיט אויסערגעוויינלעכער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט געהאָלפן אין דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַרבאַנד; חבר א. באַביטש, וואָס פירט אָן אַ גאָר טיכטיקע אַקטיוויטעט אין לאָס אַנדזשעלעס און אין די אַנדערע שטעט אויפן פּאַסיפישן ברעג.

שיקאַגאָ איז לעצטנס געוואָרן אַ באַדייטנדער צענטער פאַרן פאַרבאַנד אַ דאַנק דער פּלאַנמעסיקער און געטרייער אַרבעט פון ד״ר ב. פרימער, מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון אַ צאָל טוער פון די פאַרבאַנד־צווייגן אין שיקאַגאָ, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם דאָרטיקן שטאָט־קאָמיטעט.

אורטיילנדיק שיקאַגאָ לויט דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס אין די לעצטע יאָרן, קען מען לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן דערוואַרטן, אַז דער פאַרבאַנד וועט דאָרט איינגיכן ווערן דער צווייטער צענטער אין לאַנד, אַנשטאָט ווי ביז איצט דער דריטער (דער צווייטער צענטער איז איצט פילאַדעלפיע). דער שיקאַגער שטאָט־

קאָמיטעט פירט אויך אָן אַ פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן, וואָס דע־מאָנסטרירן די אידעאישע און געזעלשאַפטלעכע צוגעבונדנקייט פון דער פאַר־באַנד־מיטגלידערשאַפט צום פאַרבאַנד און צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין די לעצטע יאָרן האָט אויך באַדייטנדע פאַרדינסטן פאַרן פאַרבאַנד חבר מ. חמץ, מאַכנדיק מעגלעך, אַז דער פאַרבאַנד זאָל אין אַ צאָל שטעט אין דער סאָוטה געוואונען פּאָזיציעס, אויך אַז אַ צאָל פריערדיקע פאַרבאַנד־צווייגן זאָלן פאַר־שטאַרקט ווערן ניט בלויז אָרגאַניזאַטאָריש, נאָר אויך געזעלשאַפטלעך, אויף די געביטן פון פאַנד־זאַמלונגען לטובת דער הסתדרות, אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, הילפס־אַקטיוויטעטן, א. אַ. וו. אַ חוץ אין דער סאָוטה, האָט אויך חבר חמץ באַדייטנדע פאַרדינסטן ביים העלפן פאַרגרעסערן דעם פאַרבאַנד אין דעם דיס־טריקט נומער 6, וואָס שליסט איין קליוולאַנד, דעטראָיט, פּיטסבורג און אומ־געגנט, און דער פאַרגרעסערונג פון פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ, אַ צאָל פּונקטן אין קאָנעטיקוט, א. אַ. וו.

חבר שניידער האָט אויך באַדייטנדע פאַרדינסטן אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט, שטאַרקנדיק די מערסטע פּאָזיציעס פון פאַרבאַנד אין מאַסאַטשוסעטס, אין מאָנטרעאַל, אין טאָראָנטאָ, און לעצטנס, אין דעטראָיט, פּיטסבורג, קליוולאַנד און אין די אַנדערע פּונקטן אין דעם געגנט.

אויך חבר א. סווערדלין האָט צו זיין קרעדיט גוטע דערגרייכונגען אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט, באַזונדערס אין ניו־דזשורזי, וואו אַ דאַנק זיינע אַקטי־וויטעטן, מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון ניו־דזשורזי סטעיט־קאָמיטעט, האָט דער פאַרבאַנד געוואונען אַ באַדייטנדע צאָל נייע מיטגלידער און פאַרגרעסערט זיין איינפלוס אויף פיל געביטן פון אידיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַקטי־וויטעטן. פון די גרעסערע צווייגן אין ניו־דזשורזי מעג פאַרצייכנט ווערן דער מוסטער ברענטש 150 אין אַסבורי פּאַרק, וואָס ציילט נאָענט צו 400 מיטגלידער, וועלכער ווערט געפירט פון אַ גרופּע געטרייע חברים, באַזונדערס קריגנדיק די געטרייע מיטהילף פון חבר זימעל רעזניק, וועמעס איינפלוס און טעטיקייטן לאָזן זיך שטאַרק פילן אין דעם דערפאָלג, אויף וועלכן דער ברענטש האָט אָנצוווייזן.

דער וועג פון פאַרבאַנד צו שטעלן אין צענטער פון אַלע טעטיקייטן די אָר־גאַניזאַטאָרישע פאַרגרעסערונג האָט געבראַכט באַדייטנדע רעזולטאַטן און יעדער איינער פון די אויבן־דערמאָנטע אָרגאַניזאַטאָרן, ווי אויך די חברים רובינאָף אין טאָראָנטאָ, זאַנגוויל שער אין באָסטאָן, מ. יאָשקעוויטש, א. ל. גאָלדשטיין, א. גור־מאַן, י. איינס און מ. וויינשטיין אין ניו־יאָרק און אַ צאָל אַנדערע האָבן יעדער אויף זיין אופן באַדייטנד מיטגעהאָלפן אין דעם אָרגאַניזאַטאָרישן דערפאָלג און אויך געהאָלפן אָפּשטעלן די דיסקוסיע וועגן דער מעגלעכקייט פון דעם פאַרבאַנד׳ס אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס, ווייל די דערגרייכונג פון אַ גרעסערער צאָל מיטגלי־דער אין פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד, די אָרגאַניזירונג פון אַ באַדייטנדער צאָל נייע צווייגן און דער גרעסערער פאַרנעם פון דער אָרגאַניזאַציע אויף אַלע גע־ביטן פון טעטיקייט האָט געדינט אַלס פּראַקטישער ענטפער פאַר אַלע סקעפּטי־קער, וואָס האָבן געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט פון דעם פאַרבאַנד׳ס אָרגאַ־ניזאַטאָרישן וואוקס.

די אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָבלעמען אין ניו־יאָרק

ניו־יאָרק האָט פאַר אַ לענגערער צייט געהאַט שווערע אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָבלעמען. אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן האָט דער פאַרבאַנד געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט אין ניו־יאָרק פון אַרום 1,200. די ברענטשעס זיינען געווען פאַרבונדן דורך אַ שטאָט־קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט, אַ חוץ דינען אַלס צענטראַלער אָרגאַן פאַר דער אָנפירונג פון די פאַרבאַנד־טעטיקייטן, אויך באַזאָרגן די ניו־יאָרקער מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס מיט די נויטיקע בענעפיטן, וואָס אַן אָרדן מוז באַזאָרגן. די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויפגעלייגט אויפן שטאָט־קאָמיטעט צו גרויסע לאַסטן (באַזונדערס אין פינאַנציעלן זין). דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז די אָנפירונג פון שטאָט־קאָמיטעט (דער אַמט פון סעקרעטאַר) האָט געמוזט פאַרבונדן ווערן מיטן הויפט־אָפיס פון פאַרבאַנד, דורך דער איינפירונג, אַז דער געהילפס־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד זאָל גלייכצייטיק אויך זיין דער סעקרעטאַר פון שטאָט־קאָמיטעט.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין אַלגעמיין קען אַזאַ פאָרשלאַג באַטראַכט ווערן פאַר פראַקטיש, האָט אָבער דער פאָרשלאַג געשאַפן שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן דעם ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט און די אַקטיווע פאַרבאַנד־טוער.

די טוער פון שטאָט־קאָמיטעט האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז דורכדעם וואָס דער געהילפס־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד וועט גלייכצייטיק אויך זיין דער סעקרעטאַר פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט, ווערט פון שטאָט־קאָמיטעט צוגענומען אין אַ גרויסער מאָס די זעלבסטשטענדיקייט, ווייל זיין הויפט־באַאַמטער וועט פון קאָמיטעט ניט קענען געווילט ווערן. ער וועט דאַרפן טיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט אַנדערע אינסטאַנצן און דאָס וועט פאַרקלענערן דעם פּרעסטיזש פון קאָמיטעט און אָפּשוואַכן זיינע מעגלעכקייטן אָנצופירן זעלבסטשטענדיק די פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן אין ניו־יאָרק און אויף אַן אמת באַטראַכט ווערן אַלס צענטראַלער אָנפירנדער אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע.

אין פאַרלויף פון די דיסקוסיעס וועגן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן סיסטעם זיינען אַנטשטאַנען שאַרפע חלוקי־דעות אין די פאַרבאַנד־רייען, וואָס האָט געצוואונגען די הויפט־לייטונג איבערצונעמען די אָנפירונג פון די אָרגאַניזאַטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק און גלייכצייטיק אויך די אָנפירונג און פאַרוואַלטונג פון די בענעפיטן, וואָס דער שטאָט־קאָמיטעט גיט די ניו־יאָרקער מיטגלידער.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו זיין אין צענטער פון די דיסקוסיעס (מען קען עס אָנרופן קאַמפן). ער האָט אויך, אין נאָמען פון דער הויפט־לייטונג, אַ געוויסע צייט אָנגעפירט די פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן אין ניו־יאָרק.

אין פאַרבינדונג מיט די דיסקוסיעס וועגן די פראַקטישע מעטאָדן, וואָס די שטאָט־קאָמיטעטן דאַרפן אָנווענדן אין זייער אַרבעט, איז אויך געוואָרן אַקטועל די פראַגע וועגן דעם פּלאַץ פון שטאָט־קאָמיטעטן אין פאַרבאַנד, זייער ראָלע אין

דער אָרגאַניזאַציע, זייערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן, זייער רעכט איבער די צווייגן, א. אַז. וו.

עס איז דאַן געווען אַ ריכטונג, וואָס האָט גע׳טענה׳ט, אַז די שטאָט־קאָמיטעטן דאַרפן אין די גרעסערע צענטערן בלויז דינען אַלס קערפּערשאַפטן, וואָס פאַר־טרעטן דעם פאַרבאַנד פאַר דער אויסערלעכער וועלט, ווי ביי אַלגעמיינע קאָנ־פערענצן, אין באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס, א. אַז. וו. די ריכטונג האָט אויך געהאַלטן, אַז דער שטאָט־קאָמיטעט דאַרף אויך זיין דער צענטראַלער אָרגאַן, דורך וועלכן די מיטגלידער קענען קריגן באַשטימטע בענעפיטן, וואָס די הויפט־ליטונג קען זיי ניט געבן (ווי מעדיצינישע הילף, די איינאָרדענונג פון



יובליי־יום־טוב לכבוד ל. סיגאַל אין פילאַדעלפיע דעם 3טן יוני 1945. ביים הויפט־טיש זיצן (פון רעכטס צו לינקס): סידאָר בעלאַרסקי, ש. באַנטשעק, ה. הערינגמאַן, ה. עהרענ־רייך, ברוך צוקערמאַן, דוד פינסקי, ל. סיגאַל, ה. יעליס, מ. פישער, מ. פרידמאַן, ס. לע־ווינסאָן און וו. סילווערמאַן.

לוויות, צענטראַלע עפנטלעכע אונטערנעמונגען, א. אַז. וו.). דער פאָרשלאַג האָט געמיינט, אַז די אָרגאַניזאַטאָרישע און קולטור־טעטיקייטן לאָזט מען איבער צו די ברענטשעס אַליין אָנצופירן, כדי צו באַפרייען דעם שטאָט־קאָמיטעט פון פינאַנציעלע לאַסטן אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט, אויך כדי אָפּצוהיטן די זעלבסטשטענדיקייט פון די ברענטשעס, אַנטוויקלען זייערע אַרבעטס־מעגלעכ־קייטן און שטאַרקן ביי זיי אַ פאַרלאַנג אָנצופירן זעלבסטשטענדיק זייער אַרבעט.

די אַלע דיסקוסיעס האָבן זיך אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט אויסקריס־טאַליזירט און דער ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט איז צוגעטראָטן אָנצופירן אַ פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט לטובת דעם פאַרבאַנד אין די אינטערעסן פון די ניו־יאָרקער מיטגלידער און זייערע משפחות.

די פאַרבאַנד־ליטונג האָט צוגעפּאַסט די אַרבעטס־מעטאָדן, ניט רירנדיק די זעלבסטשטענדיקייט פון שטאָט־קאָמיטעט, און ווען די חברים ש. באַנטשעק און ש. בורשטיין האָבן איבערגענומען די עמטער פון שטאָט־קאָמיטעט — דער ערשטער אַלס פאָרזיצער, און דער צווייטער אַלס סעקרעטאַר, גלייכצייטיק זייענ־דיק אויך געהילף־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, איז די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע

אַריינגעטראָטן אין אַ נייער תקופה פון טעטיקייט מיט אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן שוואונג און מיט אַ באַדייטענדן געזעלשאַפטלעכן איינפלוס.

דער גרעסערער שוואונג אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט מצד די מערסטע צענטערן איבערן לאַנד איז געקומען אַ דאַנק דעם ברייטן פּאַרנעם, וואָס דער ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט האָט אַרויסגעוויזן אין זיין אַרבעט.

ער האָט אונטערגענומען אַ צאָל דערפאָלגרייכע אָרגאַניזאַטאָרישע אַקציעס פאַר נייע מיטגלידער, פאַרבינדנדיק די אַקציעס מיט יום־טובים געפייערט לכבוד דוד פּינסקי, ד״ר חיים ווייצמאַן, חיים גרינבערג און ל. סיגאַל, פאַרבינדנדיק יעדן יום־טוב מיט אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אַרויסגערופן וואַרעמקייט און אינטערעס ביי דער ברייטער מיטגלידערשאַפט. עס זיינען אין ניו־יאָרק דערגרייכט געוואָרן באַדייטנדע רעזולטאַטן אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט און די רעזולטאַטן האָבן אויך געוואָרעמט דעם אינטערעס פון די פאַרבאַנד־טוער אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, באַזונדערס אין די גרעסערע צענטערן. מען קען דערפאַר מיט רעכט צושרייבן אַ סך קרעדיט צום ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט און צו די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין ניו־יאָרק פאַר דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַרבאַנד איבערן גאַנצן לאַנד.

די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע באַשטייט איצט פון אַרום 8,000 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין העכער 70 צווייגן, וואָס פירן אָן אַ פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט אויף אַלע טעטיקייטס־געביטן. אויך וויזן די פאַרבאַנד־מיטגלידער אין ניו־יאָרק אַרויס אַ וואַרעמען אינטערעס פאַר אַלע אַקטיוויטעטן, וואָס רירן אָן די דערציאונגס־ און קולטור־פּראָבלעמען פון אידישן לעבן דאָ אין לאַנד; די הילפס־טעטיקייטן פאַרן איראָפּעאישן אידנטום, דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, די פאַרשטאַרקונג פון דער הסתדרות, און פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיט דעם אידישן און אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע און אין גאַר דער וועלט.

די אָרגאַניזירונג פון טרייד־יוניאָן־ברענטשעס

דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק געשטרעבט אַריינצודרינגען אין די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און אירע טרייד־יוניאָנס. לײדער זיינען די טרייד־יוניאָנס אין משך פון אַ סך יאָרן געווען אָריענטירט אויף אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע וואָס אַנבעלאַנגט אידישע ענינים, וואָס האָט שווער געמאַכט פאַר אידיש־נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע אַרבעטער־קרייזן אַנצופירן נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן אין די אידישע טרייד־יוניאָנס.

גינסטיקער איז געוואָרן דער באָדן פאַר טעטיקייטן אין די טרייד־יוניאָנס אין יאָר 1924, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות. די פּאַסירונג קען באמת באַטראַכט ווערן פאַר אַ נייער רעוואָלוציאָנערער ווענדונג אין די רייען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרבינדונג מיט אַלגעמיינע אידישע פּראָבלעמען און גאַנץ באַזונדערס מיטן אויפבוי פון ארץ־ישראל.

די פאַרבאַנד־לייטונג האָט שטענדיק געפילט, אַז כדי צוצוגרייטן אַ פּרוכט־

באַרן באָדן צווישן די אידישע אַרבעטער־קרייזן פאַר אידיש־נאַציאָנאַלע, קולטור־רעלע און ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן, איז דרינגענד נויטיק צו שאַפן פערמאַנענטע קערפערשאַפטן פון אַרבעטער, פון מיטגלידער פון יוניאָנס, וואָס זאָלן די דאָזיקע טעטיקייטן פירן און פאָפולער מאַכן אין די אַרבעטער־קרייזן.

די לייטונג פון פאַרבאַנד האָט דערפאַר באַשלאָסן צו מאַכן דעם ערשטן פאַרזוך צו גרינדן אַ טרייד־יוניאָן־צווייג פון פאַרבאַנד אין אַ יוניאָן, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן רעקאָרד פאַר איר פרייַנטלעכער באַציאונג צו אַלץ, וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיטן אויפבוי פון ארץ־ישראל און מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז די קעפ, העט און מילינערי יוניאָן.

אויף דער איניציאַטיוו פון די חברים ל. רובינשטיין, די ברידער ס. און מ. האָדעס, אַלעקס ראָז, ס. זימרינג און אַ צאָל אַנדערע, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער גרינדונג פון ערשטן טרייד־יוניאָן־ברענטש פון פאַרבאַנד, דער מילינערי ברענטש 172. די גרינדונג פון ברענטש האָט דאַן אַרויסגערופן אַ סך אינטערעס אין די פאַרבאַנד־קרייזן, אָבער דער גענאָסנשאַפטלעכער לאַגער, די געשוואוירענע באַקעמפער פון ארץ־ישראל און פון אידיש־נאַציאָנאַלע טעטיקייטן בכלל, האָט געקוקט מיט קנאה אויף דעם ערשטן דערפאָלגרייכן פאַרזוך, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געמאַכט אַריינצודרינגען מיט זיינע אידעען און טעטיקייטן אין די טרייד־יוניאָן־קרייזן.

דער מילינערי ברענטש 172 איז געווען אַ פיאָנער פאַר אַנדערע טרייד־יוניאָן־צווייגן אין פאַרבאַנד. דעם ביישפיל פון מילינערי־צווייג האָבן נאָכגעפאָלגט חברים און סימפאַטיקער פון פאַרשידענע אָפטיילונגען פון דער „אינטערנאַשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואירקערס יוניאָן”, אָרגאַניזירנדיק אַ פאַרבאַנד־צווייג 22 פון דרעסמאַכער צווייג 260ב פון די דרעס־פרעסערס, אַ צווייג 10א פון די קאָטערס. עס זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן טרייד־יוניאָן־צווייגן פון די פאָריערס אין ברענטש 404, פון די בעקער־אַרבעטער אין די ברענטשעס 420 און 470; פון די פיש־אַרבעטער אין ברענטש 335; פון די קלאָק־מאַכער אין ברענטש 201 און אַ מילינערי ברענטש 224ב.

אַ דאַנק די דערגרייכונגען אין ניו־יאָרק זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן טרייד־יוניאָן־צווייגן אין פילאַדעלפיע און אין טאָראָנטאָ. אין פילאַדעלפיע — דורך די קעפ און מילינערי־אַרבעטער, אין טאָראָנטאָ — פון מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל, פון דער אַמאַלגאַמייטעד און פון דער מילינערי יוניאָן.

די טרייד־יוניאָן־צווייגן אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַדייטענדן כוח אין דער אָרגאַניזאַציע. דער עיקר האָבן די טרייד־יוניאָן־צווייגן געהאָלפן דורכברעכן די וואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער אָרגאַניזירטער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג און דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בנוגע אידיש־נאַציאָנאַלע און ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן.

אַ דאַנק די טעטיקייטן פון די טרייד־יוניאָן־צווייגן פון פאַרבאַנד זיינען אָפטמאָל ביי פאַרזאַמלונגען פון די עקזעקוטיוועס און פון דער אַלגעמיינער מיטגלידערשאַפט פון יוניאָנס באַהאַנדלט געוואָרן אידישע פראָבלעמען און גינסטיקע באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן וועגן טעטיקייטן פון נאַציאָנאַלער, געזעל־

שאַפּטלעכער באַדייטונג. עס איז באַזונדערס געשטאַרקט געוואָרן דער סענטי־מענט פון די אַרבעטער־מאַסן לטובת ארץ־ישראל און דער הסתדרות.

די טרייד־יוניאָן־בראַנטשעס פון פאַרבאַנד האָבן אויך געהאָלפן עטאַבלירן די גלייכשטעלונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט די אָרגאַניזאַ־ציעס און קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין דעם אַזוי־גערופענעם געזעלשאַפטלעכן לאַגער. די טרייד־יוניאָן־צווייגן פון פאַרבאַנד מעגן אויך אין אַ גרויסער מאָס צורעכענען צו זייער קרעדיט, וואָס אידיש־נאַציאָנאַלע און קולטור־טעטיקייטן זיינען אין יוניאָן־קרייזן איצט שוין ניט פרעמד. די טעטי־קייטן פאַר ארץ־ישראל, באַזונדערס פאַר דער הסתדרות, קריגן אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן און די יוניאָנס האָבן זיכער אויפגע־הערט צו זיין אַ פּלאַץ, וואו מען זאָל קענען באַקעמפן די שטרעבונגען פון אידישן פאָלק פאַר דעם אויפבוי פון אַן אייגן לאַנד.

די טרייד־יוניאָן־בראַנטשעס האָבן דורך זייער אַרבעט אָנצוואווייזן אויף אַ שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו דער אָרגאַניזאַציע און צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. די צווייגן מעגן זיין שטאָלץ, וואָס זיי האָבן געקענט ביי־שטיין באַדייטנדע אָרגאַניזאַטאָרישע שוועריקייטן און אָפּטמאָל פּאָליטישע קאָמ־פּליקאַציעס, וואָס פאַרבאַנד־בראַנטשעס אין באַשטימטע פאַכן באַגעגענען אין פאַרבינדונג מיט זייערע טעטיקייטן. די טרייד־יוניאָן־צווייגן האָבן פאַר זיך געשאַפן אַ רעקאָרד פון געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פאַר אַלץ, וואָס דער פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר, און האָבן גלייכצייטיק אַרויסגערופן צו זיך דעם דרך־ארץ און די אָנערקענונג פאַר זייער לאָיאַליטעט צו יוניאָן־טעטיקייטן סיי מצד דער יוניאָן־פירערשאַפט און סיי מצד דער ברייטער מיטגלידערשאַפט.

די אָרגאַניזירונג פון דיסטריקט־קאָמיטעטן

שוין אַ לענגערע צייט, אַז עס ווערן געפירט דיסקוסיעס אין די רייען פון פאַרבאַנד וועגן די מעטאָדן, ווי אַזוי צו פאַרבינדן פאַרבאַנד־בראַנטשעס פון די שטעט אין באַשטימטע געגנטן. די אָנהענגער פון אַזאַ פאַרבינדונג האָבן באַ־גרינדעט זייערע פאַרשלאַגן דערמיט, אַז עס קען זיין אַ גרויסע הילף פאַר דער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט און געזעלשאַפטלעכער ווירקונג פון פאַרבאַנד, ווען די אַקטיווע טוער פון פאַרשידענע שטעט זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט אָפטער זיך צוזאַמענצוקומען, אָפּגעבן באַריכטן וועגן זייערע אַקטיוויטעטן, האָבן אַן אויס־טויש פון מיינונגען וועגן די מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדט אין די פאַרבאַנד־אַרבעטן, אינפאָרמירן וועגן די דערפאַרונגען, וואָס יעדע שטאָט האָט אין דער אַרבעט, און, דער עיקר, שאַפן אַ נאָענטע, אינטימע, חבר׳שע פאַרבינדונג צווישן די פאַרבאַנד־טוער, וואָס אַרבעטן פאַר געמיינזאַמע צילן און אויפגאַבן.

ווען די פראַגן ווערן באַטראַכט בלויז פון אַ פּרינציפּיעלן צוגאַנג, קען זיכער ניט זיין קיין געגנערשאַפט צו פאַרבינדן די פאַרבאַנד־צווייגן אין אַ דיס־טריקט־קאָמיטעט פון אַ באַשטימטן געגנט. אָבער אין פּראַקטישן לעבן מוז אָבער די באַשאַפונג פון דיסטריקט־קאָמיטעטן זיין פאַרבונדן מיט פראַגן פון

יוריסדיקציע פון דיסטריקט־קאָמיטעט איבער די ברענטשעס און איבער די שטאָט־קאָמיטעטן, דאָס איינשטעלן אַ צענטראַלן אַפּאַראַט פאַר דער אַרבעט, דאָס באַזאָרגן דעם נויטיקן בודזשעט, א. אַז. וו.

עס איז שווער צו דערוואַרטן, אַז פאַרבאַנד־טוער אין שטעט, וואָס קענען בלויז אַוועקגעבן זייער פרייע צייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע, ווייל די מערסטע צייט מוזן זיי דאָך זיין פאַרנומען מיט פערזענלעכע זאָרגן, פרנסה, משפחה־איבטער־רעסן, א. אַז. וו.), און זיי מוזן נאָך אַוועקגעבן פיל ענערגיע אויף פאַרשידענע געביטן פון אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, ווייל דער פאַרבאַנד איז אין



קינדער־היים אויפן נאָמען פון חנה יאַרבלום, דער פרוי פון באַקאַנטן פועלי ציון־פירער אין פראַנקרייך, מרדכי יאַר־בלום. אויפגעבויט מיט דער הילף פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין פאַריז אין 1944.

די שטעט אַ לעבעדיקער, ווירקנדער געזעלשאַפטלעכער כוח, אַז די מיט געזעל־שאַפטלעכע לאַסטן איבערגעלאָדענע פאַרבאַנד־טוער זאָלן נאָך קענען באַזוכן ברענטשעס אין אַנדערע שטעט און העלפן אָנפירן זייערע טעטיקייטן.

די ניט־רעאַלע פאָרשטעלונג וועגן דער מעגלעכקייט פון קעגנזייטיקן אויס־טויש פון טוער פון פאַרשידענע שטעט פירט אָפטמאָל צו אומבאַגרינדעטער קריטיק און אַנטוישונג אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע.

קוקנדיק רעאַל אויף דעם פּראָבלעם, דאַרף מען צוגעבן, אַז אַן אינטימע פאַרבינדונג פון די טוער אין די שטעט איז פון גרויס וויכטיקייט פאַרן לעבן פון פאַרבאַנד. דאָס שטאַרקט דעם געפיל ביי די טוער, אַז זיי זיינען ניט בלויז

לאָקאַל פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרבאַנד, נאָר זיי זיינען פֿאַרבונדן מיט אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפֿט, פֿאַרצווייגט איבערן גאַנצן לאַנד, און אַז אויך אין זייער אייגענעם דיסטריקט זיינען זיי ניט בלויז אָנפֿירער ביי זיך אין שטאָט, נאָר זייער פֿאַר־בינדונג גייט אַריבער די גרענעצן פֿון זייער שטאָט, און עס קומט נאָך צו אַ נאַ־טירלעכע באַפֿרידיקונג פֿון דער מעגלעכקייט צו פֿאַרגרעסערן דעם קרייז פֿון חברים, וואָס אַרבעטן פֿאַר געמיינזאַמע צילן.

דער צוגאַנג צו דער פֿראַגע מצד די דיסטריקט־קאָמיטעטן האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דיסטריקטן זאָלן אין פֿאַרבאַנד ווידער באַנייט ווערן אין סוף פֿון די 20ער יאָרן. די דיסטריקט־קאָמיטעטן האָבן ווידער אָנגעפֿאַנגען צו פֿאַר־נעמען אַ חשוב׳ן אָרט אין דעם לעבן פֿון דער אָרגאַניזאַציע. זייער חשיבות איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק ביי די יערלעכע קאָנפֿערענצן, וואו עס איז געמאַכט געוואָרן אַ סך־הכל פֿון די אָפּגעטאָענע אַרבעטן און עס זיינען פֿאָרמו־לירט געוואָרן פּלענער פֿאַר ווייטערדיקע טעטיקייטן. די חשיבות פֿון די דיס־טריקטן איז אויך געקומען צום אויסדרוק ביי די יערלעכע זיצונגען פֿון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע (הויפּט־לייטונג) מיט די פֿאַרשטייער פֿון די שטאָט־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן. די זיצונגען זיינען שטענדיק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין קליינע קאָנווענשאַנס, וואָס האָבן געקראָגן גרויס אָנזען אין דער אידישער געזעלשאַפֿט און אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ דאַנק וויכטיקע קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונגען, וואָס זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן אויף עטלעכע פֿאַרבאַנד־קאָנווענשאַנס אין פֿאַרבינדונג מיט די פֿונקציעס פֿון די דיסטריקט־קאָמיטעטן, איז מעגלעך געוואָרן, אַז אַ רייע וויכטיקע באַ־שלוסן לטובת דעם פֿאַרבאַנד, באַשלוסן וואָס האָבן געפֿירט צו אויסגעברייטערטע טעטיקייטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע, צו דער לייזונג פֿון די בודזשעטאַרע פּראָבלע־מען, די מעגלעכקייטן פֿאַר אַ פֿאַרגרעסערונג פֿון די פֿאַרבאַנד־טעטיקייטן און גרעסערע הילף פֿאַר שולן און פֿאַר קולטור־אינסטיטוציעס, אַז באַשלוסן פֿון אַזאַ וויכטיקער באַדייטונג זאָלן גראָד אָנגענומען ווערן ביי די יערלעכע קאָנפֿע־רענצן מיט די פֿאַרטרעטער פֿון די דיסטריקטן. די באַשלוסן זיינען שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן פֿון די פֿאַרבאַנד־מיטגלידער דורך אַ רעפֿערנדום־אָפּשטי־מונג.

די נאָרמאַלע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט פֿון אַ דיסטריקט, די מעגלעכקייטן צו האָבן פֿונקציאָנירנדע אַפּאַראַטן, די בודזשעטאַרע פּראָבלעמען, די פֿאַרבינ־דונג פֿון די דיסטריקט־קאָמיטעטן מיט די פֿאָנד־זאַמלונגס־אַגענטורן אין דער באַוועגונג, די יוריסדיקציע פֿון די דיסטריקט־קאָמיטעטן איבער די פֿאַרבאַנד־אָרגאַניזאַטאָרן, וועמעס טעטיקייטן ווערן אָנגעפֿירט אין אַ באַשטימטער געגנט, די יוריסדיקציע פֿון אַ דיסטריקט־קאָמיטעט איבער די שטאָט־קאָמיטעטן, וואָס געפֿינען זיך אין דיסטריקט און דאַרפֿן זיין אַן אָרגאַניזאַטאָרישער טייל פֿון אים, די אויבן־דערמאָנטע און אַ רייע אַנדערע פּראָבלעמען האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס שווער געמאַכט די נאָרמאַלע פֿונקציאָנירונג פֿון די דיסטריקט־קאָמיטעטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

מען דאַרף אָבער אָנערקענען, אַז אַ סך קאָנסטרוקטיווע פֿאַרן פֿאַרבאַנד

ווערט געשאַפן דורך דער מעגלעכקייט צו האַלטן צוזאַמען אין אַ באַשטימטער אָרגאַניזאַטאָרישער ראַם די טעטיקע חברים פון פאַרשידענע שטעט, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין אַ דיסטריקט, שאַפנדיק מעגלעכקייטן פון וואוקס און עקס־פּאַנסיע דורך יערלעכע צוזאַמענפאָרן, דורכן אויסטויש פון מיינונגען, דורך אָפּ־פרישונג פון כוחות, דורך פאַרקלאַמירן פאַרן גאַנצן דיסטריקט באַשטימטע אַק־ציעס, וואָס די אָרגאַניזאַציע דאַרף אָנפירן, א. אַז. וו. די ריכט־ליניען זיינען פון דער אָרגאַניזאַציע נאָכגעפאָלגט געוואָרן אויף אַ סיסטעמאַטישן, פּלאַנמעסיקן אופן.

אַ טייל פון די דיסטריקט־קאָמיטעטן האָבן אויף זייער קרעדיט גאָר באַ־דייטנדע אויפטוען. זיי האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן מיט דער חבר־שער קאָאָפּעראַציע פון די ברענטשעס, קלובן און חברים וויכטיקע ווערק פון אַ באַדייטענדן קולטור־ווערט. דער פּיאָנער אויף דעם געביט איז געווען דער דיסטריקט נומער 6, וואָס שליסט איין קליוולאַנד, דעטרויט, פּיטסבורג און אומ־געגנט. דער דיסטריקט האָט געהאָלפן אַרויסגעבן אַ בוך לידער פון דעם פאַר־שטאָרבענעם, אומפאַרגעסלעכן דיכטער חיים נחמן ביאַליק. דאָס בוך איז אי־בערגעזעצט, רעדאַגירט און צוגעגרייט געוואָרן פון דעם דיכטער י. י. שוואַרץ. די לעצטע צייט האָט דער דיסטריקט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך פּראָזע פון חיים נחמן ביאַליק, וואָס איז איבערגעזעצט, רעדאַגירט און צוגעגרייט געוואָרן פון י. י. שוואַרץ.

דער דיסטריקט נומער 4 פון פילאַדעלפיע, באַלטימאָר און אומגעגנט האָט געהאָלפן אַרויסגעבן די ערשטע צוויי פּרעכטיקע בענדער נביאים, וואָס שליסן איין עמוס, הושע, ישעיה און מיכה. די צוויי בענדער, „די נביאים", זיינען מיט גרויס מי און זאָרגפעלטיקייט צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט געוואָרן פון דעם באַרימטן היסטאָריקער חיים שויס. אין די ברייטסטע קולטור־קרייזן האָט מען אונטערגעשטראָכן דעם וויכטיקן קולטור־אויפטו פון דער דאָזיקער אויסגאַבע.

דער דיסטריקט פון שיקאַגאָ און אומגעגנט האָט אויך אויף זיין קרעדיט פאַרדינסטן פון אַרויסגעבן ווערק פון באַדייטנדע אידישע שריפטשטעלער און געלערנטע. אויך איינצלנע ברענטשעס און שטאָט־קאָמיטעטן האָבן דורך זייער מי און אָנשטרענגונג מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק פון דער אידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן אין דעם קאַפּיטל וועגן די דיסטריקט־קאָמיטעטן אין פאַרבאַנד ניט געהאַט די כוונה צו געבן אָנווייזונגען פאַר דער ליזונג פון די פּראָבלעמען, וואָס די דיסטריקט־קאָמיטעטן האָבן אין פאַרבינדונג מיט זייערע טעטיקייטן. מיר האָבן בלויז געוואָלט איבערגעבן וועגן דער נייער אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וואָס איז אין פאַרבאַנד ווידער איינגעפירט געוואָרן אין סוף פון די 20־ער יאָרן, און אָנווייזן אויף די פּאָזיטיווע זייטן פון די דיסטריקט־קאָמיטעטן, אויף די פּראָבלע־מען, מיט וועלכע די קאָמיטעטן באַגעגענען זיך, זייערע דערגרייכונגען, און וועגן דעם גרעסערן אינטערעס, וואָס די קאָמיטעטן מאַכן מעגלעך אַרויסצורופן ביי די פאַרבאַנד־טוער לטובת דער אָרגאַניזאַציע און אַלע אירע טעטיקייטן.

שווערע יאָרן אין פאַרבאַנד

די יאָרן פון 1930 ביז 1935 קענען פאַררעכנט ווערן פאַר שווערע יאָרן אין דער אָרגאַניזאַציע. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיטן יאָר 1930 און איז געוואָרן באַזונדערס שאַרף אין יאָר 1932, האָט געהאַט אַ שווערע ווירקונג אויפן לעבן פון פאַרבאַנד און אויף אַלע זיינע טעטיקייטן.

איז דאָך דער פאַרבאַנד אין דער ערשטער ליניע אַ פראַטערנאַלע קערפּערשאַפט (אַן אָרדן), וואָס מוז האָבן אַ פּראַקטישן פינאַנציעלן פונדאַמענט. די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע מוזן רעגלמעסיק באַצאָלן זייערע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען, כדי צו קענען זיין מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע און געניסן פון די בענעפיטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט פאַר זיי געשאַפן. ווערן אָבער די צאָלונגען פון די מיטגלידער ניט געמאַכט רעגלמעסיק, פאַרלירן זיי דאָס רעכט פאַר מיטגלידערשאַפט און במילא אויך פאַר בענעפיטן.

האָבן טאַקע די קריזיס־יאָרן (צווישן 1930 און 1935) ניט געוויזן קיין וואוקס אין דער אָרגאַניזאַציע. אין אייניקע פון די יאָרן (אין 1932 און 1933) האָט דער פאַרבאַנד געליטן אַ בעט־פאַרלוסט אין מיטגלידערשאַפט (פון 6,500 אָנפאַנג 1932 צו 6,200 סוף 1933).

דער פאַקט האָט שווער געווירקט אויף דער פאַרבאַנד־לייטונג און אויף די טוער אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די ווענדונגען מצד דער לייטונג צו די מיטגלידער, אַז זיי זאָלן זיך אַקטיוויזירן אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט, אַז זיי זאָלן מאַכן אָנשטרענגונגען אַריינצונעמען נייע מיטגלידער, האָבן ניט שטענדיק געהאַט די געהעריקע ווירקונג, ווייל די טענה איז געווען: „צוליב וואָס זאָלן מיר דאָס טאָן? עס העלפט דאָך ניט. דער פאַרבאַנד וואַקסט דאָך ניט אָרגאַניזאַטאָריש, נאָר פאַרקערט, ער גייט דאָך צוריק”. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך פעסטקייט און גלויבן אין דעם כוח פון פאַרבאַנד בייצוקומען די אַלע פעסימיסטישע שטימונגען און אויפהאַלטן די מאָראַל אין דער אָרגאַניזאַציע צו קענען בייקומען די קריזיס־יאָרן.

די יאָרן פון קריזיס האָבן אויך געבראַכט פאַרן פאַרבאַנד אַ באַזונדערס־אייגנאַרטיקן פּראָבלעם, וואָס די מערסטע אידישע אָרדנס האָבן ניט געהאַט. די פאַרבאַנד־פאַרזיכערונגס־פּאָליסיס גיבן מעגלעכקייטן פון הלוואות צו מיטגלידער נאָכדעם ווי דער מיטגליד געהערט אין דער אָרגאַניזאַציע העכער דריי יאָר. אַזעלכע הלוואות ווערן געגעבן פון די אָפּשפּאָרונגען אין די פאַרזיכערונגס־פאָנדן.

אין פאַרלויף פון די קריזיס־יאָרן זיינען די מערסטע מענטשן געטריבן געוואָרן זיך צו באַנוצן מיט יעדן דאָלאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אין פאַרשידענע צייטן. אַ גרויסע צאָל פאַרבאַנד־מיטגלידער האָבן זיך אויך געווענדעט צו דער לייטונג נאָך הלוואות אויף זייערע פּאָליסיס. ווען דער טערמין פון אָפּצאָלן די הלוואה איז געקומען, איז דעם מיטגליד אָנגעקומען שווער נאָכצוקומען זיין פאַרפליכטונג. פיל מיטגלידער האָבן זיך געלאָזט שטרייכן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָנשטאָט די מעגלעכקייט פון פּאָליסי־הלוואות זאָל פאַר

דער אָרגאַניזאַציע זיין אַ ברכה, טראָגט מיט זיך די איינפירונג אין אַ צייט פון עקאָנאָמישן קריזיס אַ סך נעגאַטיווע מאָמענטן.

צוזאַמען מיט דעם לאַנגזאַמען אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס (אין איניקע יאָרן — אָרגאַניזאַטאָרישע פּאַרלוסטן), האָבן אויך געליטן אַלע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, באַזונדערס די געלט־זאַמלונגען. דער פאַקט האָט אויך פיל געשטאַרקט די דעפּרעסיע־שטימונג אין די פאַרבאַנד־רייען. די שטימונג האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1936. דאַן האָט זיך די לאַגע באַדייטנד געענדערט צום בעסערן. די יאָרן 1936 און 1937 (באַזונדערס דאָס יאָר 1937) ווייזן אין פאַרבאַנד אויף אַ באַדייטענדן אויפשטייג. אין יענעם יאָר (1937) האָט דער פאַרבאַנד אָריבערגעשפּרייזט די ציפער פון 10,000 מיטגלידער — אַ ציפער, וואָס איז פאַר פיל יאָרן אין דער אָרגאַניזאַציע געווען דער העכסטער וואונטש פון די פאַרבאַנד־טוער און ביי פיל (די מער פּעסימיסטן) — אַ חלום, וואָס וועט קיינמאָל ניט קענען רעאַליזירט ווערן.

דער יום־טוב, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד חבר ל. סיגאַל אין ניו־יאָרק און אין אַ צאָל אַנדערע שטעט, פייערנדיק זיין 10־יאָריקע טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד — אַ יום־טוב, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַרבאַנד — האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס געהאָלפן איבערברעכן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן שטילשטאַנד. אין יענעם יאָר (1937) זיינען אין פאַרבאַנד אַריינגעקומען 5,695 נייע מיטגלידער. דאָס איז די גרעסטע צאָל, וואָס איז ווען עס איז אין איין יאָר אין פאַרבאַנד אַריינגעקומען. דער גרויסער אויפשוואונג איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אויך אין די וויטערדיקע יאָרן. עס האָבן צו דעם אַ סך מיטגעהאָלפן די אימפּאָזאַנטע יום־טובים, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד חבר דוד פּינסקי, פּראָפ. אַלבערט איינשטיין, ד״ר חיים ווייצמאַן, שלום אַש און חיים גרינבערג, און לעצטנס — אויך דער יום־טוב לכבוד חבר ל. סיגאַל׳ס פאַרבינדונג מיטן פאַרבאַנד אין משך פון 18 יאָר אַלס סעקרעטאַר און זיין 50־יאָריקן יובילֵיי. יעדער יום־טוב איז געווען פאַרבונדן מיט אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייטן, מיט אַריינעמען נייע מיטגלידער און מיט דער גרינדונג פון נייע צווייגן.

דער פאַרבאַנד האָט מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס אויך אין אַ גאַר גרויסער מאָס פאַרגרעסערט זיינע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייטן, גאַנץ באַזונדערס אויפן געביט פון פאָנד־זאַמלונגען. דער פאַרבאַנד איז אַרויס געשטאַרקט פון די שווערע עקאָנאָמישע קריזיס־יאָרן און דער וועג פון פאַרגרעסערטע טעטיקייטן און אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס האָט זיך זייט 1937 ניט אָפּגעשטעלט.

דער בעסטער סימן פאַר דעם איז דער פאַקט, אַז דער פאַרבאַנד האָט געשלאָסן דאָס יאָר 1945 מיט העכער 25,000 מיטגלידער, אָרגאַניזירט אין אַרום דריי הונדערט צווייגן אין העכער 110 שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. די דריי הונדערט צווייגן האָבן געשאַפן העכער $1\frac{1}{2}$ מיליאָן דאָלאַר פאַר דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, פאַרן פאַראייניקטן אידישן אַפּיל (דורך די טשעסטס און וועלפער־פאָנדן), פאַר הילפס־

טעטיקייטן פאַרן איראָפּעאישן אידנטום, פאַר די אידישע פאָלקס־שולן, פאַרן אידישן לערער־סעמינאַר, פאַר די אינסטיטוציעס און טעטיקייטן פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און אויסלאַנד, און פאַר אַ רייע אַנ־דערע טעטיקייטן, מיט וועלכע דער פאַרבאַנד און די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג זיינען פאַרבונדן.

דער פאַרבאַנד און די פּאַרטיי פּועלי ציון - צעירי ציון

דער פאַרבאַנד האָט אין אַלע טעטיקייטן זיך געהאַלטן אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי פּועלי ציון, און נאָכדעם ווי די פּאַרטיי האָט זיך פאַראייניקט מיט די צעירי ציון, איז די אָרגאַנישע פאַרבינדונג געבליבן די זעלבע סיי אין צענטער ווי אין די שטאָט־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן און אין די צווייגן אויף די ערטער איבערן גאַנצן לאַנד.

די אָרגאַנישע פאַרבינדונג און די האַרמאָנישע מיטאַרבעט מיט דער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון איז מעגלעך געווען דערפאַר, ווייל דעם פאַרבאַנד׳ס אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער־אָריענטאַציע וואַקסט אַרויס פון די העכסטע צילן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועמענס באַשאַפער עס איז די פּועלי ציון וועלט־באַוועגונג.

עס איז כמעט ניטאָ קיין איין וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג אין אַמעריקאַנער אידישן און אַרבעטער־לעבן — אַ דערשיינונג, צו וועלכער דער פאַרבאַנד האָט געדאַרפט נעמען אַ שטעלונג אָדער אָנפירן אַ באַשטימטע אַקציע, — אַז עס זאָל ניט זיין די פולסטע האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט און די קלאָרסטע אידעאישע פאַרשטענדיקונג מיט די פּאַרטיי־אינסטאַנצן, צענטראַל און לאָקאַל.

עס איז שטענדיק געווען דער באַוואוסטזיין, אַז ביידע קערפּערשאַפטן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אָרגאַניזאַטאָריש האָט יעדע פון זיי די פולסטע זעלבסט־שטענדיקייט און איז געבויט לויט די בעסטע פאַר איר צוגעפּאַסטע ספּעציפישע מעטאָדן, איז אָבער שטענדיק דאָ אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן ביידע אָרגאַ־ניזאַציעס אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער אָריענטאַציע, פּאָליטישע אַקציע און נאַציאָנאַלע און קולטור־שאַפונגען.

דער פאַרבאַנד האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ געטרייען שותף פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון אין אַלע קאַמפן, טעטיקייטן און דערגרייכונגען, אויף וועלכע די פּאַרטיי האָט אָנצואווייזן אין דער געשיכטע פון איר עקזיסטענץ און טעטיקייט דאָ אין לאַנד.

האַנדלט זיך עס וועגן דעם פאַרבאַנד׳ס דערגרייכונגען און טעטיקייטן אויפן ארץ־ישראל־געביט, סיי אויפן געביט פון געלט־זאַמלונגען פאַר דער הסתדרות, פאַרן קרן קימת, קרן היסוד און אויך פאַר אַנדערע פאָנדן און אונטערנעמונגען, וואָס העלפן דעם אויפבוי פון אידישן שטאַט, איז שטענדיק דער צוגאַנג פון פאַרבאַנד צו די טעטיקייטן געווען דורכגעדרונגען מיט דער אידעאָלאָגיע פון פּועלי־ציוניזם און מיט די לייטנדע אידעאַלן און צילן פון ציוניסטישן סאָציאַ־ליזם.

דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגן אַלע טעטיקייטן, וואָס זיינען אין פאַרבאַנד געפירט געוואָרן אויפן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן געביט, סיי ווען די טעטיקייטן האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג דירעקט מיט ארץ־ישראל, און סיי אַקציעס, וואָס האָבן געהאַט אַלס ציל די דעמאָקראַטיזירונג פון אידישן לעבן אין אַמעריקע, ווי הילפס־טעטיקייטן לטובת די אידישע מאַסן אין די אייראָפּעאישע לענדער און אַלע אַנדערע טעטיקייטן און אַקציעס פון אַ אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־כאַראַקטער. שטענדיק זיינען די טעטיקייטן געפירט געוואָרן פון פאַרבאַנד, האַלטנדיק די אָרגאַניזאַציע אַלס גאַנצע אַזוי גוט ווי די איינצלנע צווייגן פאַר געטרייע שותפים צו דער פאַרטיי פועלי ציון־צעירי ציון און צו אירע צילן און אויפגאַבן.

ל. סיגאַל אויף אַ באַזוך אין מעקסיקאָ אין יולי, 1944



ערשטע ריי (פון רעכטס צו לינקס, שטייענדיק): מ. בערגער, פּרינציפּאַל פון דער אידישער פאָלקס־שול; ש. סולקעס, סעקרעטאַר פון צענטראַלן אידישן קאָמיטעט (קאָנגרעס) און פועלי־ציון־טוער; א. ראָזען, אַקטיווער שול־טוער. צווייטע ריי (זיצנדיק, פון רעכטס צו לינקס): ק. לאַנדאַו, פירער פון דער ליגע פאַרן אַרבעטענדן ארץ־ישראל; לואי סיגאַל און לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ, פירער פון דער אַרבעטער־פעדעראַציע אין מעקסיקאָ און פּאָרזיצער פון דער אַרבעטער־פעדעראַציע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

מען קען אויסרעכענען אַ גאַנץ לאַנגן צעטל פון אידיש־געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער־אַקטיוויטעטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געפירט פאַר די עטלעכע־און־דרייסיק יאָר פון זיין עקזיסטענץ צוזאַמען מיט דער פאַרטיי פועלי ציון־צעירי ציון אַלס געטרייע שותפים. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס מעגלעך געמאַכט דער פאַקט, וואָס די געטרייסטע פאַרבאַנד־טוער און אָנפירער זיינען אין פיל צווייגן שטענדיק געווען חברים פועלי ציון, וואָס האָבן אין פאַרבאַנד אַריינגעבראַכט זייער באַוואוסטזיין וועגן די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן פון דעם

ציוניסטישן אַרבעטער־אָרדן און האָבן אויך דורך זייער אַקטיוויטעט און אָריענ־טאַציע געהאָלפן אַקטיוויזירן די מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד פאַר טעטיקייטן, וואָס וואַקסן אַרויס פון די אויפגאַבן פון פּועלי־ציוניזם.

אין פאַרשידענע צייטן זיינען געמאַכט געוואָרן פּרואוון דורך איינצלנע צווייגן אָרגאַניזאַטאָריש צוזאַמענצוגיסן פּאַרטיי־פאַראיינען מיט פאַרבאַנד־צווייגן. מערסטנס זיינען די פאַרזוכן געמאַכט געוואָרן אין די קלענערע פּונקטן פון לאַנד, האָבנדיק שוועריקייטן אויסצוהאַלטן צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס פון דער זעלבער באַוועגונג. אין די מערסטע פאַלן האָבן די פּרואוון ניט געבראַכט קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן. די הויפּט־לייטונגען פון ביידע קערפּערשאַפטן האָבן אַזעלכע פּרואוון ניט דערמוטיקט, זוכנדיק שטענדיק אָפּצוהיטן די אָרגאַניזאַ־טאָרישע זעלבסטשטענדיקייט און די פולסטע אידענטיטעט פון יעדער קערפּער־שאַפט באַזונדער. אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט האָט זיך אָבער שטענדיק גע־פילט אַ פולע גאַנצקייט פון ביידע קערפּערשאַפטן, וועמענס געזעלשאַפטלעכע צילן וואַקסן אַרויס פון דער זעלבער וועלט־אַנשויאונג.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן זיינען אין צענטער און אין די איינצלנע צווייגן אַנטשטאַנען מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן מעטאָדן און טאַקטיק פון אַרבעטן, וואָס דאַרפן אַנגעפירט ווערן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, זיינען אָבער די מיינונגס־פאַרשידנהייטן שטענדיק געווען פון אַזאַ כאַ־ראַקטער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אַנגערירט די אמת׳ע אָרגאַנישע פאַרבינדונג און הארציקע נאָענטקייט פון ביידע קערפּערשאַפטן און קיינמאָל ניט געשטערט, אַז דער פאַרבאַנד זאָל, צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון, מיט זיך פאַרשטעלן אַ געאייניקטן כוח פאַר די צילן און אויפגאַבן פון ציוניזם און סאָציאַליזם, סיי אויפן אַמעריקאַנער באָדן ווי אין אַלע אידישע וועלט־טעטיקייטן, און באַזונדערס אין דער אַרבעט פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס היימלאַנד פאַר אונזער פאָלק.

דאָס קאַפּיטל פון געמיינזאַמער טעטיקייט פון פאַרבאַנד מיט דער פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון און די טיפע חבר׳שע פאַרשטענדיקונג פון ביידע קער־פּערשאַפטן פאַר די העכסטע צילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג קען מיט רעכט באַטראַכט ווערן אַלס איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי פון יעדער קערפּער־שאַפט באַזונדער.

די פאַרבאַנד פּועלי ציון יוגנט „הבונים"

אַ לענגערע צייט איז אין די רייען פון פאַרבאַנד געפירט געוואָרן אַ דיס־קוסיע וועגן דער גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פאַרבאַנד. ווען די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט שוין עקזיסטירט די פּועלי ציון־יוגנט — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט איינגעשלאָסן אין איר גע־זעלשאַפטלעכן פּראָגראַם די גרונט־פּרינציפּן פון פּועלי־ציוניזם.

עס זיינען געווען אַ צאָל אָנפירנדע חברים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער פאַרבאַנד, אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפט און אַלס אָרדן, וואָס מוז

אין זיינע רייען איינשליסן די גאַנצע משפּחה (דעם חבר, די פרוי און די קינדער), מוז אָרגאַניזירן אַן אייגענע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט קענען אָנפירן טעטיקייטן אין איינקלאַנג מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און וועט גלייכצייטיק זיין די בריק, וואָס וועט פאַרבינדן דעם יונגן מיט דעם עלטערן חבר אין דער אָרגאַניזאַציע. חברים האָבן גע'טענה'ט, אַז די יוגנטלעכע, וואָס וועלן אַריינטרעטן אין פאַרבאַנד אין זייער פריעסטער יוגנט, וועלן אויך אידעאיש און געזעלשאַפטלעך צוגעגרייט ווערן, אַז ווען זיי וועלן דערגרייכן דעם נויטיקן עלטער (18 יאָר), זאָלן זיי אויטאָמאַטיש ווערן באַרעכטיקטע מיטגלידער אין פאַרבאַנד.

פּועלי ציון פאַרזאַמלונג אין בריסעל מיט לואי סיגאַל און מלך ניישטאַט אין מערץ 1946.
דער לעצטער באַגריסט די פאַרזאַמלטע.

די אַנדערע ריכטונג אין דער אָרגאַניזאַציע האָט גע'טענה'ט, אַז יוגנט קען מען ניט פאַראינטערעסירן אין פּראַקטישע אויפגאַבן, באַזונדערס אין בענעפיטן. די ריכטונג האָט אויך גע'טענה'ט, אַז עס טאָר ניט אין דער זעלבער באַוועגונג געשאַפן ווערן קיין אָרגאַניזאַטאָרישע קאָנקורענץ פון איין יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיט דער אַנדערער, ווייל די יוגנטלעכע קומען מערסטנס פון די זעלביקע משפּחות, און עס קען געשאַפן ווערן אַ צושטאַנד, אַז קינדער פון די זעלבע היימען זאָלן דורך דיביידע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן קאָנקורירן צווישן זיך אָרגאַניזאַטאָריש.

שפּעטער האָט מען זיך געאייניקט אויף אַ קאָמפּראָמיס דורכן שאַפן איין פאַראייניקטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען פאַרבאַנד פּועלי ציון יוגנט „הבונים", און יעדער צווייג פון דער באַוועגונג באַטראַכט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פאַר זיינער.

די פאַרבאַנד פּועלי ציון יוגנט „הבונים" פירט אין די לעצטע יאָרן אָן אַ פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט. אין פאַרלויף פון די זומער־חדשים זיינען די יוגנט־לעכע קאָנצענטרירט אין איבער צען זומער־קבוצות (קעמפּס), וואָס ווערן פון דער יוגנט געפירט מיט אַ סך אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט. די אַטמאָ־ספערע אין די קעמפּס איז אַ חלוצ׳ישע, די דערציאונג איז אין איינקלאַנג מיט דעם ארץ־ישראל׳דיקן חלוצ׳ישן גייסט. די קעמפּס העלפן מיט אין אַ גרויסער מאָס ביים דערציען פירער פאַר דער יוגנט און בכלל דערנענטערן זיי די יוגנט־לעכע פון פאַרשידענע שטעט צווישן זיך.

די „הבונים" שטעלט מיט זיך פאַר איצט אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דער אַלגעמיינער אידישער יוגנט־באַוועגונג. אין אַ רייע געגנטן פאַרנעמט די יוגנט אָנפירנדע פּאָזיציעס און ווירקט אידעאָלאָגיש און געזעלשאַפטלעך אויף אַנדערע יוגנט־גרופּירונגען.

די פאַרבאַנד פּועלי ציון יוגנט „הבונים" האָט פון זיך שוין אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל חלוצים פאַר ארץ־ישראל. אויף דער איניציאַטיוו פון אירע חברים אין ארץ־ישראל איז געגרינדעט געוואָרן אַ קיבוץ, וואָס רופט זיך אויפן נאָמען פון באַרימטן סאָציאַליסטישן פירער און טרייען פריינט פון דער ארץ־ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט, לעאָן בלום.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מלחמה האָט פון דער יוגנט אַוועקגענומען פאַר דער אַרמיי אַ באַדייטנדע צאָל פון אירע מיטגלידער (בחורים ווי אויך מיידלעך), האָט די אַרבעט ניט געליטן. די יונגערע מיטגלידער האָבן איבער־גענומען די פירערשאַפט און האָבן אין פאַרלויף פון דער מלחמה אויף אַ דער־פאַלגרייכן אופן אויפגעהאַלטן די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פירט אויך אין פאַרלויף פון יאָר דורך באַדייטנדע אַקטיוויטעטן, באַזונדערס אויפן געביט פון פאָנד־זאַמלונגען. ניט קוקנדיק אויף די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וואָס די יוגנט האָט צו זאַמלען פאָנדן, שאַפט אָבער די „הבונים" אַרום $25,000 אַ יאָר פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, אַ באַדייטנדע סומע פאַר דער הסתדרות, אויך באַדייטנדע סומען פאַר אירע אייגענע אָרגאַניזאַטאָרישע נויטן, קולטור־אַקטיוויטעטן, גיט אַרויס צייטונגען און זשורנאַלן, האַלט אויף פיל קלובן, צענטערס, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, א. אַז. וו.

די פאַרבאַנד פּועלי ציון יוגנט „הבונים" קריגט די פולסטע קאָאָפּעראַציע און מיטהילף פון די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון דער באַוועגונג. די הויפּט־לייטונג פון פאַרבאַנד און די ברענטשעס און קלובן ווייזן אַרויס צו דער יוגנט אַ סך וואַרעמקייט און אינטערעס.

די לעצטע יאָרן האָט די „הבונים" צו פאַרצייכענען וויכטיקע שריט פאָר־אויס אין דער אָרגאַניזאַטאָרישער פאַרבינדונג מיטן פאַרבאַנד, איינפירנדיק אַ סיסטעם אין דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע, אַז די מיטגלידער, וואָס שליסן זיך אָן אין דער יוגנט פון פערצן יאָר און העכער, ווערן גלייכצייטיק מיטגלידער אין פאַרבאַנד. די איינפירונג האָט באַדייטנד דערנענטערט אָרגאַניזאַטאָריש די יוגנט צום פאַרבאַנד און האָט געשאַפן אַ בעסערע פאַרבינדונג צווישןביידע אָרגאַניזאַציעס.

די יוגנט האָט אויך אין די לעצטע יאָרן אָנצואווייזן אויף אַ באַדייטענדן אויפטו אויפן קולטור־דערציערישן געביט, גרינדענדיק, צוזאַמען מיטן אידישן לערער־סעמינאַר, דעם „הבונים"־אינסטיטוט, וואָס דערציט גייסטיק און גע־זעלשאַפטלעך יוגנט־פירער, שאַפנדיק אַ מעגלעכקייט, אַז עטלעכע צענדליק יוגנטלעכע פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד זאָלן לערנען אין סעמינאַר פון פיר ביז זעקס חדשים (גאַנצע טעג, אויך אָוונטן) און דורכדעם זיך פאַרפאָלקאָמען אויפן גייסטיק־דערציערישן געביט אַלס פירער פון דער יוגנט.

דער רוף, וואָס איז לעצטנס געקומען פון ארץ־ישראל צו דער אַמעריקאַנער יוגנט, צו קומען אַלס חלוצים אין לאַנד און העלפן בויען דעם אידישן שטאַט און פאַרטיידיקן די אידישע פּאָזיציעס, איז אויפן וואַרעמסטן אופן אויפגענו־מען געוואָרן פון דער „הבונים", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געטרייע פּיאָנערן־מחנה פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַלע אירע צילן און אויפגאַבן.

די פרויען־קלובן אין פאַרבאַנד

די פאַרבאַנד פרויען־קלובן האָבן אין דער אָרגאַניזאַציע דורכגעמאַכט פאַרשידענע פעריאָדן פון אַנטוויקלונג. די קלובן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1918. דער הויפּט־צוועק איז געווען צו געבן די חברות אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו מיטבאַטייליקט אין די פאַרבאַנד־אַקטיוויטעטן, האָבנדיק גלייכ־צייטיק דעם געפיל, אַז דורך די באַזונדערע קלובן וועט די חברה קריגן אַ מעג־לעכקייט זיך אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך, זיך זעלבסט דערציען און פאַרנעמען אַ חשוב'ן אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע.

די ערשטע פּרוּוון צו גרינדן די דאָזיקע קלובן זיינען געווען באַ־גלייט מיט באַדייטנדע שוועריקייטן. עס איז אָבער דאָך געלונגען אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון טעטיקייט צו גרינדן עטלעכע קלובן, ווי דער ש. פרוג קלוב 4 אין טאָראָנטאָ; דער פּינסקי קלוב 5 אין מילוואָקי; דער קלוב 11 אין בינגהעמטאָן; דער קלוב 12 אין העמילטאָן, און אַ צאָל אַנדערע קלובן, וואָס האָבן געגעבן אַ באַרעכטיקטע אָנדייטונג וועגן דער מעגלעכקייט צו אָרגאַני־זירן אַ באַדייטנדע צאָל קלובן פון חברות, וואָס זאָלן פאַרנעמען אַ חשוב'ן אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע און אָנפירן וויכטיקע אַקטיוויטעטן.

די קלובן האָבן אין די ערשטע יאָרן זיך קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אויף דריי וויכטיקע טעטיקייטס־געביטן:

1) העלפן די אידישע פאָלק־שולן, זיי שטאַרקן און אויסברייטערן אויף יעדן מעגלעכן אופן;

2) אָנפירן אַ פאַרצווייגטן פּראָגראַם פון זעלבסטבילדונג און דערציאונג פאַר די מיטגלידער און פאַר דער אידישער פרוי בכלל, דורך לעקציעס, סימ־פּאָזיומס, פייערונג פון יום־טובים, לייען־קרייזן, א. אַז. וו.;

3) העלפן דער קופּת חולים אין ארץ־ישראל אין אַלע אירע טעטיקייטן און באַזונדערס העלפן אויפבויען סאַניטאַריומס און הייל־פּלעצער פאַר די ארץ־ישראל'דיקע אַרבעטער.

די טעטיקייטן פון די קלובן האָבן אַרויסגערופן אינטערעס אין די רייען פון פאַרבאַנד און אין אַ באַדייטנדער צאָל פּלעצער האָבן די קלובן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דער אָרגאַניזאַציע. גאַנץ באַזונדערס האָבן די קלובן דעמאָנסטרירט זייער כוח און מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונג, ווען זיי האָבן אין יאָר 1923 דורכגעפירט אַן אַקציע פאַרן מוצא סאַניטאַריום לעבן ירושלים, קריגנדיק די מיטהילף פון אַ צאָל ברענטשעס און מאַכנדיק מעגלעך, אַז דער סאַניטאַריום זאָל פאַרגרעסערן זיינע אָפּטיילונגען און דעקן אַ טייל פון זיין בודזשעט. די קלובן האָבן שפּעטער מיט אַ באַדייטענדן דערפאָלג דורכ־געפירט אַן אַקציע צו העלפן אויפבויען דעם באַראַכאָוו־סאַניטאַריום אויפן באַרג כרמל, וואָס איז איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל.

די קלובן האָבן אויך מיט פיל געטרייִשאַפט אָנגעפירט יעדעס יאָר אַ ספּעציעלע אַקציע צו העלפן דער קופת חולים און געשאַפן באַדייטנדע סומען. אַ חוץ דעם באַטייליקן זיך אויך די קלובן אין די זאַמלונגען פאַרן געווערקשאַפטן־קאמפּיין פאַר דער הסתדרות, אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, א. אַז. וו.

אין די שטעט, וואו מיר האָבן אידישע פאָלקס־שולן, זיינען די קלובן שטענ־דיק די געטרייע מאַמעס פון די שולן, גרופּירנדיק זיך אַרום די אינסטיטוציעס מיט אַ סך איבערגעגעבנהייט, און זיי העלפן די שולן אויף יעדן מעגלעכן אופן אין זייער וואוקס, באַפעסטיקונג און אַנטוויקלונג.

מיט דער גרינדונג פון דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע (אין יאָר 1925), שאַפנדיק אַ זעלבסטשטענדיקע פרויען־אָרגאַניזאַציע אין דער ציוניסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג, זיינען לײדער אַנטשטאַנען מיספאַרשטענדענישן און אָפטמאָל קאָנפליקטן צווישן דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע מיט די פאַרבאַנד־פרויען־קלובן ווי מיטן פאַרבאַנד אַלס גאַנצן.

די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן, אַז עס דאַרף זיין בלויז איין פרויען־אָרגאַניזאַציע אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דערפאַר דאַרף דער פאַרבאַנד ניט גרינדן קיין זעלבסטשטענדיקע קלובן פון חברות און דאַרף אויך פאַראייניקן די עקזיסטירנדע פרויען־קלובן מיט דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע. די לייטונג פון פאַרבאַנד האָט געהאַלטן, אַז דער פאַרבאַנד איז אַן אָרדן פאַר דער גאַנצער משפּחה. ער מוז האָבן אין זיינע רייען דעם חבר, די חברה, אויך די קינדער פון דער משפּחה. בלויז דאַן קען דער פאַרבאַנד זיין אַ גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציע מיט אַ ברייטן פאָלקס־כאַראַקטער און גלייכצייטיק האָבן די געהעריקע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ווירקונג אויף די משפּחות פון די מיטגלידער, דינענדיק זיי מיט פּראַקטישע בענעפיטן און אויסאיבנדיק אויף זיי זיין ווירקונג אין אידעאיש־געזעלשאַפטלעכן זין.

די קאָנפליקטן און מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן דעם פּלאַץ פון די פאַר־באַנד־פרויען־קלובן, זייערע טעטיקייטן, מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג, מעטאָדן פון צענטראַלער אָנפירונג, א. אַז. וו., האָבן זיך לײדער אויך איבערגעטראָגן אין די פאַרשידענע שטעט, וואו די פרויען־קלובן האָבן עקזיסטירט. עס איז דאַן

געקומען דער מאָמענט, ווען די מיינונגס־פאַרשידנהייטן (אויך אָפטע קאָנפליקטן) האָבן אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער.

די פּאַרטיי פּועלי ציון־צעירי ציון, וואָס איז שטענדיק געווען נאָענט פאַר־בונדן דורך אירע אָנפירנדע אָרגאַנען און דורך אירע מיטגלידער מיט די טעטי־קייטן פון פאַרבאַנד, האָט זיך אָפט אידענטיפיצירט מיט דעם שטאַנדפּונקט פון דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע. די שליחים פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, באַזונדערס די וואָס זיינען דירעקט געקומען צו דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, האָבן דורך זייער באַזונדערער נאָענטקייט און אינטערעס צו דער אָרגאַניזאַציע אומדירעקט אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציעס פון די פאַרבאַנד־פרויען־קלובן און מינימיזירט זייער געזעלשאַפטלעכן אָנזען.

אויך דער פאַקט וואָס די קופּת חולים האָט צוליב אַ רייע אָרגאַניזאַטאָרישע אורזאַכן ניט געקענט באַווייליקן די פאַרשלאָגן פון פאַרבאַנד, אַז שליחים (מערסטנס חברות) זאָלן קומען דירעקט פון ארץ־ישראל און העלפן די פאַרבאַנד־פרויען־קלובן אָנפירן זייערע אַקציעס פאַר קופּת חולים און זיי בכלל שטאַרקן



ביכער־טראַנספּאָרטן ווערן אָפּגעשיקט קיין אייראָפּע. פון רעכטס צו לינקס: פּ. גינגאָלד, מ. פישער, ש. בורשטין און ל. סיגאַל.

אָרגאַניזאַטאָריש און געזעלשאַפטלעך, אין דער צייט ווען די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט יאָ געקראָגן מעגלעכקייטן פון קאָאָפּעראַציע און הילף פון די ארץ־ישראל׳דיקע אינסטאַנצן און פון פיל אָנפירנדע חברים דאָ אין לאַנד, אָט דער דאָזיקער צושטאַנד האָט געפירט דערצו, אַז די פאַרבאַנד־לייטונג זאָל אָנ־פאַנגען פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע וועגן אַ מעגלעכער פאַראייניקונג פוןביידע פרויען־אָרגאַניזאַציעס (פאַרבאַנד־קלובן מיט דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע).

דער שריט איז אויך געמאַכט געוואָרן דערפאַר, ווייל אין די פאַרבאַנד־קלובן גופא האָט געווירקט אַ טענדענץ פון פולער אומאָפּהענגיקייט צו פאַרוואַלטן און אָנפירן מיט די טעטיקייטן פון די קלובן. אין דער זעלבער צייט איז אין די פאַרבאַנד־ברענטשעס ווי אויך אין דער לייטונג געווען אַ ריכטונג, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די אָרגאַניזירונג פון באַזונדערע קלובן פון חברות אין פאַרבאַנד ליידיקט אויס די פאַרבאַנד־צווייגן פון פרויען־מיטגלידער און וועט סוף־כל־סוף שווער מאַכן די דערפאָלגרייכע פונקציאָנירונג פון פאַרבאַנד אַלס קערפּערשאַפט, וואָס טאָר אין זיין אָרגאַניזאַציאָנס־לעבן און אין זיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטי־וויטעטן ניט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן געשלעכט.

עס איז אויך אין פאַרבאַנד געווען אַ ריכטונג, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די באַזייטיקונג פון די שוועריקייטן פון האָבן אין דער זעלבער באַוועגונג צווי באַ־זונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס וועט שטאַרק דערנענטערן די פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע צום פאַרבאַנד און די אָרגאַניזאַציע וועט דאַן באַדייטנד מיטהעלפן אין דעם פאַרבאַנד'ס אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס און אַנטוויקלונג דורך דעם אָנשלוס אין פאַרבאַנד פון אירע אייגענע מיטגלידער און דורך העלפן באַווירקן די מענער אַריינצוטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע שטאַנדפּונקטן און אַ רייע אַנדערע זיינען ביי אַ רייע געלעגנהייטן פאַרהאַנדלט געוואָרן פון דער פאַרבאַנד־לייטונג, פון קאָנווענשאַנס, פון שטאָט־ און דיסטריקט־קאָנפערענצן, ווי אויך פון פיל ברענ־טשעס. עס איז דאַן דערגרייכט געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג, אַז הגם קיין אָפּי־ציעלע פאַראייניקונג פון די עקזיסטירנדע פרויען־קלובן מיט דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע קען צוליב אַ רייע אורזאַכן ניט דורכגעפירט ווערן, זאָל אָבער דער פאַרבאַנד מער ניט גרינדן קיין באַזונדערע פרויען־קלובן, געבנדיק די עקזיסטירנדע קלובן די פולסטע מעגלעכקייטן פאַר זייער וואוקס און אַנט־וויקלונג און אָנגעמענדיק די בעסטע וועגן און מעטאָדן צו געווינען אַ גרויסע צאָל פרויען אַלס מיטגלידער אין די פאַרבאַנד־צווייגן, מאַכנדיק מעגלעך פאַר זיי אין די צווייגן אָנצופירן אַקטיוויטעטן, וואָס פליסן אַרויס פון דעם פאַרבאַנד'ס אידעאישער און געזעלשאַפטלעכער אָנשויאונג.

דאָס פּראָבלעם פון פאַרוואַנדלען דעם פאַרבאַנד אין אַן אמת'ן פאַמיליען־אָרדן, האָבנדיק אויך די פרוי אַלס אַקטיווע מיטאַרבעטערין אין דער אָרגאַניזאַציע מיט דער געהעריקער וואַרעמקייט און אינטערעס צו אַלע פאַרבאַנד־טעטיקייטן — דאָס פּראָבלעם איז נאָך אַפילו איצט אין פאַרבאַנד ווייט פון צו זיין געלייזט.

לעצטנס האָבן אַ צאָל פאַרבאַנד־צווייגן געגרינדעט פרויען־אָפּטיילונגען אין זייערע צווייגן, געבנדיק דורכדעם אַ מעגלעכקייט די חברות אָנצופירן ספּע־ציעלע אַקטיוויטעטן, אין וועלכע די צווייגן זיינען פאַראינטערעסירט, אַקטיווי־טעטן פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס קענען אַמבעסטן אָנגעפירט ווערן פון פרויען. דורך דער גרינדונג פון פרויען־אָפּטיילונגען אין די צווייגן ווערט אויך מעגלעך, אַז די חברות זאָלן מער צוגעבונדן ווערן צו דעם צווייג און זיין אַקטיוו מיטבאַ־טייליקט אין אַלע אָרגאַניזאַטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון צווייג.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אין די צווייגן, וואו פרויען

זיינען אַקטיוו (זיי קומען צו די פאַרזאַמלונגען, זיי נעמען אָן עמטער, זיי זיינען מיטגלידער אין דער עקזעקוטיווע, א. אַז. וו.), זיינען די צווייגן לעבעדיקער און די טעטיקייטן ווערן אַנגעפירט דערפאָלגרייכער ווי אין די צווייגן, וואו פרויען זיינען פּאַסיווע מיטגלידער און זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט (אויב זיי זיי־נען געזעלשאַפטלעך געניגט) פירן זיי אָן אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס סיסטעם פון גרינדן פרויען־אַפּטיילונגען אין די פאַרבאַנד־צווייגן שאַפט ניט אין פאַרבאַנד קיין באַזונדערע פרויען־אָרגאַניזאַציע, ווייל די חברות זיינען דירעקט אַנגעשלאָסן אָן די צווייגן, די באַאַמטע פון צווייג זיינען אויך זייערע באַאַמטע, די אָרגאַניזאַטאָרישע פאַרבינדונג איז דירעקט מיטן צווייג; דאָס סיס־טעם העלפט דערפאַר אַקטיוויזירן די חברות אין די פאַרבאַנד־טעטיקייטן און דערפירט גלייכצייטיק צו אַ גרעסערן באַזוך אויף די פאַרזאַמלונגען, וואָס שאַפט אַ מער יום־טוב׳דיקע שטימונג מיט גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר אַ פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט.

הילף־ און עלטער־פאָנדן אין דער אָרגאַניזאַציע

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס צו פּראָבלעמען און נויטן, וואָס וואַקסן אַרויס פון אידישן לעבן, און זיינע מיטגלידער זיינען דערצויגן געוואָרן אַנצופירן געזעלשאַפטלעכע קול־טור־ און ארץ־ישראל־אַקטיוויטעטן אויפן ברייטסטן פאַרנעם, האָט אָבער גלייכ־צייטיק דער פאַרבאַנד קיינמאָל ניט מינימיזירט זיינע פּראַקטישע אויפגאַבן, וואָס ער האָט צו דערפילן אַלס אָרדן, צו באַזאָרגן זיינע מיטגלידער מיט די בעסטע בענעפיטן פאַר די מינימאַלסטע צאָלונגען און אויך צו זאָרגן פאַר די מיטגלידער אין אַ צייט פון נויט, עלטער און חלילה אין אַ צייט פון אומגליק.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט, האָבן די פאַרבאַנד־לייטונגען און אַ רייע קאָנווענשאָנס אין פאַרשידענע צייטן געשאָנקען פיל אויפמערקזאַמקייט צו דער איינפירונג פון נייע בענעפיטן פאַר די מיטגלידער, אויסער די, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אין דער צייט, ווען דער פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן.

זיינען טאַקע אין די לעצטע יאָרן אין פאַרבאַנד איינגעפירט געוואָרן הילפס־פאָנדן, וואָס דינען אַ חבר אין אַ צייט פון נויט דורך ביישטייער אָדער דורך הלוואות.

דער הילפס־פאָנד, וואָס איז אין פאַרבאַנד איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 1928, האָט אַ דאַנק זיין כאַראַקטער און טעטיקייט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידער צאָלן פאַר דעם פאָנד אַ שטייער פון 40 סענט אַ יאָר. דער פאָנד ווערט פאַרוואַלטעט פון דער הויפּט־לייטונג, קריגנדיק אָנ־ווייזונגען פון די ברענטשעס, ווענען צו העלפן. כמעט ביי יעדער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע ווערן פאַרהאַנדלט ווענדונגען פאַר הילף. קיינמאָל ווערט קיין ווענדונג ניט צוריקגעוויזן. עס איז בלויז אַ פראַגע וועגן דער סומע, וואָס דאַרף באַוויליקט ווערן. אין פיל פאַלן האָט דער פאָנד מעגלעך געמאַכט צוריק

עקאָנאָמיש צו עטאַבלירן מיטגלידער אין אַ פּראָפעסיע, אין געשעפט, א. אַז. וו. אַ וואָרעמער געפיל נעמט אַרום די פירנדע חברים, ווען מיטגלידער צאָלן פּרייווי־ליק צוריק צו דעם פאָנד די סומע, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן אין דער פאָרם פון הילף. עס איז פאַר דעם פאָנד איינגעפירט געוואָרן אַ פּרינציפּ, אַז די ליטונג מאָנט קיינמאָל ניט אומצוקערן די סומע, וואָס מען האָט געקראָגן. וועגן רעכענען פּראָצענט איז קיינמאָל אַפילו קיין געדאַנק ניט געווען).

פאַר דער צייט וואָס דער פאָנד עקזיסטירט (זייט 1930) האָט ער געהאַט הכנסה פון אַרום $100,000 און האָט כמעט געהאַט אַן ענלעכע סומע הוצאות. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די סומע פון $100,000 פאַר הילפס־צוועקן אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי דער פאַרבאַנד איז קען ניט גערעכנט ווערן אַלס גע־נוגנד, דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז די דאָזיקע סומע האָט מעגלעך גע־מאַכט, אַז די נויט פון פיל חברים זאָל פאַרלייכטערט ווערן און אויך אַז פיל זאָלן קענען, אַ דאַנק דער הילף פון דעם פאָנד, עקאָנאָמיש זיך צוריק אויפריכטן און מער צו קיין הילף ניט דאַרפן אָנקומען. דערפאַר הערט מען אָפטמאָל וועגן דעם פאָנד באַמערקונגען, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט דער טיפסטער וואַרעמקייט און אינטערעס.

אַלס רעזולטאַט פון דער איינפירונג פון אַזאַ פאָנד אין צענטראַלן מאַסשטאַב האָבן אויך איינצלנע צווייגן איינגעפירט הילפס־פאָנדן און האָבן אויך צו זייער קרעדיט באַדייטנדע דערגרייכונגען אויף דעם געביט. אָפטמאָל דינט דער ביי־טראַג פון צענטראַלן הילפס־פאָנד אַלס אָנרעגונג, אַז פאַר אַ חבר אָדער חברה אין נויט זאָל געשאַפן ווערן אַ באַדייטנדע סומע פון די ברענטש־מיטגלידער אָדער פון דעם לאָקאַלן הילפס־פאָנד.

אין די לעצטע יאָרן איז אויך אין פאַרבאַנד איינגעפירט געוואָרן אַ פאָנד צו העלפן חברים, וואָס דערגרייכן דעם עלטער פון 65 יאָר אָדער מער. שאַפנדיק דעם פאָנד, האָט די ליטונג ווי אויך פאַרבאַנד־קאָנווענשאָנס און קאָנפערענצן גענומען אין אָנבאַטראַכט, אַז עס זיינען דאָ אַ צאָל מיטגלידער אין דער אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס קענען זיך אַליין ניט אויפהאַלטן, ווען זיי דערגרייכן אַ העכערן עלטער. אַזעלכע חברים ווען האָבן פּראָבלעמען באַכצוקומען זייערע צאָלונגען פאַר די בענעפיטן און באַפרידיקן אַנדערע דרינגנדע נויטן. דער עלטער־פאָנד, אַקומולירנדיק אַ באַדייטנדן קאַפּיטאַל (סוף 1945 אַרום $40,000), וועט מיט דער צייט קענען נאָכקומען די פליכטן און אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

דער פאַרבאַנד קען מיט רעכט באַטראַכט ווערן צווישן די קערפּערשאַפטן, וואָס ווייזט אַרויס געוואַגטקייט אין זיינע האַנדלונגען, ווען עס דאַרפן איינגעפירט ווערן נייע בענעפיטן פאַר זיינע מיטגלידער און זייערע משפחות. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס קיין אידישן אָרדן דאָ אין לאַנד איז נאָך ניט געלונגען איינצו־פירן האָספּיטאַליזאַציע־בענעפיטן, איז עס אָבער דעם פאַרבאַנד יאָ געלונגען. הגם די איינפירונג פון אַזעלכע בענעפיטן (האָספּיטאַליזאַציע־בענעפיטן פאַר מע־נער, פרויען און קינדער) איז געווען באַגלייט מצד פיל חברים מיט היפשן סקעפּ־טיציזם, מעג אָבער מיט רעכט אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די איינפירונג פון די בענעפיטן אין פאַרבאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאָר באַדייטענדן דערפאָלג.

ניט בלויז זיינען די האָספּיטאַליזאַציע־בענעפּיטן וויכטיק פאַרן פאַרבאַנד און פאַר די חברים און זייערע משפחות, נאָר די איינפירונג האָט אויך באַדייטנד גע־האָלפן מער צובינדן די מיטגלידער צו זייער אָרגאַניזאַציע.

דער פאַרבאַנד האָט אויך געמאַכט אַ געוואַגטן שריט, איינפירנדיק אין די לעצטע יאָרן בענעפיטן פאַר קינדער, שאַפנדיק אַ מעגלעכקייט אַפּצושפּאָרן פאַר אַ קינד ביז $5,000, ווען דאָס קינד דערגרייכט דעם עלטער פון 18 יאָר. די איינפירונג מאַכט מעגלעך, אַז עלטערן זאָלן קענען, דורך פּראַקטישער פאַרזיכע־רונג, אָפּשפּאָרן באַדייטנדע סומען פאַר זייערע קינדער, העלפנדיק זיי באַפרידיקן דאָס פּראָבלעם פון בילדונג און אַנדערע צוועקן. אויך ווערט דורכדעם געשאַפן אַ בריק פאַר דעם קינד דערגרייכנדיק דעם עלטער פון 18 יאָר און העכער צו קענען ווערן אַ מיטגליד אין פאַרבאַנד, זייענדיק מיטן פאַרבאַנד פאַרבונדן פון דער פריסטער יוגנט אויפן געביט פון פאַרזיכערונג און וויסנדיק, אַז ער (אָדער זי) זיינען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אַנגעשלאָסן אין אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז אַ וויכטיקער צווייג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און פאַר־נעמט אַן אַנגעזעענעם אָרט אין אידיש־נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן.

דער פאַרבאַנד האָט אויך די לעצטע יאָרן איינגעפירט אַן ענדאָומענט־פּאָליסי פאַר זיינע מיטגלידער, וואָס ווערט אויסגעצאָלט (ביז $5,000), ווען דער מיטגליד דערגרייכט דעם עלטער פון 65 יאָר. דאָס איז אַ פּאָליסי, וואָס האָט אין זיך דעם עלעמענט פון אָפּשפּאָרונג און פאַרזיכערונג. קיין אידישער אָרדן האָט ניט אַזאַ פּאָליסי פאַר די מיטגלידער, אויך וויניק ניט־אידישע אָרדנס האָבן איינגעפירט אַזאַ פאַרזיכערונגס־פאָרם.

די איינפירונג פון אַזעלכע פאַרזיכערונגס־פאָרמען באַווייזט קלאָר, אַז דער פאַרבאַנד, ניט קוקנדיק אויף זיין גרויסן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם, זוכט אויף יעדן מעגלעכן אופן צו באַפרידיקן די פאַרבאַנד־מיטגלידער און זייערע משפחות אויפן געביט פון בענעפיטן און הילף.

פאַרשלאָגן צום פאַרבאַנד וועגן פאַראייניקן זיך מיט אַנדערע אָרדנס

אין פאַרלויף פון פאַרשידענע צייטן זיינען דעם פאַרבאַנד געמאַכט געוואָרן פאַרשלאָגן וועגן דער מעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן מיט אַנדערע אָרדנס. אויף אַ קאָנקרעטן אופן זיינען די פאַרשלאָגן געמאַכט געוואָרן פון „אַרבעטער־רינג", פון „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן" און פון דעם אָרדן „ברית שלום" אין פילאַדעלפיע.

צו דעם פאַרשלאָג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן (איצט אידישער פאָלקס־אָרדן) האָט די פאַרבאַנד־לייטונג זיך באַצויגן מיט וויניק פאַרטרויען, וויסנדיק, אַז די קאָמוניסטישע עלעמענטן אין אַמעריקע פאָלגן נאָך אַ טאַקטיק צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון פאַראייניקונג, ווען גלייכצייטיק ווערט פון זיי נאָכגעפאָלגט אַ טאַקטיק צו באַהערשן קערפּערשאַפטן, און אויב עס געלינגט ניט, אַפילו גיין אַזוי ווייט ווי אונטערגראָבן דעם פּרעסטיזש פון די קערפּערשאַפטן און זיי וואו נאָר מעגלעך צעברעכן.

דער פֿאַרשלאַג פֿון אָרדן „ברית שלום" איז ניט געווען באַגלייט מיט קיין פּרינציפּיעלע פּאָדערונגען אָדער שוועריקייטן, נאָר עס האָט זיך מערסטנס גע־האַנדלט וועגן פּראַקטישע פֿינאַנציעלע אויסרעכענונגען, און ווען ביידע צדדים האָבן איינגעזען, אַז עס איז ניט אין די אינטערעסן פֿון די קערפּערשאַפֿטן זיך צו פֿאַראייניקן, זיינען די פֿאַרהאַנדלונגען אויף אַן אומבאַשטימטער צייט אָפּ־געלייגט געוואָרן.

מיט פֿול ערנסט איז אָבער פֿאַרהאַנדלט געוואָרן אַן אָפֿיציעלער פֿאַרשלאַג, וואָס דער פֿאַרבאַנד האָט געקראָגן פֿון „אַרבעטער־רינג" פֿאַר פֿאַראייניקונג, דורך אַ בריוו דאַטירט דעם 26טן מאַי, 1925:

„ווערטע פֿריינט: — די לעצטע קאָנווענשאָן פֿון אַרבעטער־רינג האָט אויסגעדריקט אַ פֿאַרלאַנג, אַז די פֿאַרוואַלטונג פֿון אַרבעטער־רינג זאָל זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט די אַנדערע אידישע ראַדיקאַלע אָרדנס פֿון אַמעריקע און אויסגעפֿינען, אויב עס איז דאָ וועלכער ניט איז וועג, וואָס זאָל ברענגען צו אַ פֿאַראייניקונג פֿון די אַלע אידישע ראַדי־קאַלע אָרדנס אין איין איינציקער אָרגאַניזאַציע.

ס'איז איבעריק אַנצוגעבן אורזאַכן פֿון אַזאַ פֿאַרלאַנג, ווייל יעדער איינער פֿאַרשטייט, וואָרום אַזאַ פֿאַראייניקונג איז נויטווענדיק.

מיר וואָלטן זייער וועלן הערן אייער מיינונג וועגן אַט דער פֿראַגע און צי איר דענקט, אַז דער פֿאַרשלאַג וואָלט געווען פּאַסנד צו ברענגען צו דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אייער מעמבערשיפּ דורך אייער קאָנווענשאָן.

האָפֿנדיק צו הערן פֿון אייך וועגן דיזער אַנגעלעגנהייט, פֿאַרבלייבן מיר,
מיט פֿריינטלעכן גרוס,
נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע קאָמיטע אַרב. רינג,
י. באַסקין,
דזשענ. סעקר."

די פֿאַרבאַנד־לייטונג האָט נאָך אַ גענויער באַטראַכטונג פֿון אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט אַזאַ מעגלעכער פֿאַראייניקונג קלאָר געמאַכט די שטע־לונג פֿון פֿאַרבאַנד צו דעם פֿאַרשלאַג אין אַ בריוו, וואָס איז געוואָרן געשיקט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פֿון אַרבעטער־רינג דעם 19טן יוני, 1925:

„זייער געערטע פֿריינט:

די גענעראַל־עקזעקוטיווע פֿון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד האָט פֿאַרהאַנדלט אייער צושריפֿט פֿון דעם 26טן מאַי, וואו איר גיט איבער דעם פֿאַרלאַנג פֿון דער לעצטער קאָנווענשאָן פֿון אַרבעטער־רינג אויסצוגעפֿינען, אויב עס איז דאָ אַ וועג, וואָס זאָל ברענ־גען צו אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַלע אידישע ראַדיקאַלע אָרדנס אין איין איינציקער אָרגאַ־ניזאַציע. איר פֿרעגט אויך אַן אונזער מיינונג, אויב עס וואָלט געווען פּאַסנד צו ברענגען די פֿראַגע צו דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אונזער מיטגלידערשאַפֿט דורך אונזער קאָנווע־נשאָן. די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן אייך שיקן פֿאָלגנדע דערקלערונג:

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן צו פֿאַרענט־פֿערן אַ דרינגנדע נויט אין דעם אידישן אַרבעטער־לעבן: צו באַשאַפֿן אַ אידישן אַרבעטער־אָרדן, וועלכער זאָל, זאָרגנדיק פֿאַר דעם וואוילזיין פֿון זיינע מיטגלידער, זיך אויך שטעלן פֿאַר זיינע הויפּט־אויפֿגאַבן די ברייטסטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע און אַרבעטער־טעטיקייט צווישן די אידישע מאַסן. די דעמאָקראַטישע גלייכבאַרעכטיקייט פֿון די עקזיסטירנדע אידישע אַרבעטער־אָרדנס צו אידישע פּראָבלעמען און נויטן, באַזונדערס צו די פּראָבלעמען פֿון אַ מאָדערנער דערציאונג פֿון דער אידישער יוגנט און פֿון אַ טעטיקייט לטובת דעם אויפֿבוי פֿון אַ אידישן אַרבעטער־ישוב אין ארץ־ישראל, האָט געפֿירט צו דער גרינדונג פֿון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד.

מיר ווייסן די פאַרדינסטן פון אַרבעטער־רינג אויפן געביט פון אַרבעטער־טעטיקייט. אויף דעם געביט איז כמעט ניט געווען קיין אונטערשיד צווישן די אויפגאַבן פון ביידע אָרגאַניזאַציעס.

מיר ווייסן אויך, אַז אויפן געביט פון אַ מאָדערנער אידישער דערציאונג, וואָס אונזער פאַרבאַנד איז געווען דער ערשטער אַריינצופירן אין אידישן לעבן, האָט לעצטנס דער אַרבעטער־רינג אַנטוויקלט אַ באַדייטנדע טעטיקייט.

עס זיינען אָבער פאַראַן גרינדלעכע פרינציפּיעלע אונטערשידן אין אונזער אויפפאַסונג אויפן אידישן לעבן און אויף דער אידישער דערציאונג. די מאָדערנע שול ווערט פון אונז באַטראַכט אַלס אַ זיכערונג פאַר דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פאָרזעצונג פון אידישן פאָלקס־לעבן.

גלייכצייטיק אָנערקענט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד די באַשאַפונג פון אַ אידישן אַרבעטער־ישוב אין ארץ־ישראל פאַר אַ וויכטיקן טייל פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון אידישן פאָלק און ער שטיצט אַלע אַרבעטן, וועלכע פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם צוועק.

די מיטגלידער און אָנפירער פון א. נ. אַ. פ. ווידמען דעם פאַרבאַנד זייער טעטיקייט, כדי צו פאַרזיכערן און העלפן די אָנגעצייכנטע אויפגאַבן און אַרבעטן. די לייטונג פון פאַרבאַנד וועט דעריבער מיט פרייד באַגריסן אַ פאַראייניקונג פון די אידישע אַרבעטער־אָרדנס אין אַמעריקע, ווען די פאַראייניקונג וועט פירן צו דער פאַרשטאַרקונג און פאַרגרעסערונג פון דער דאָזיקער טעטיקייט.

די גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד איז גרייט צוצוטרעטן צו פאַרהאַנדלען מיט דער לייטונג פון אַרבעטער־רינג וועגן דער באַשאַפונג פון אַ פאַראייניקטן אידישן אַרבעטער־אָרדן אין אַמעריקע, אויב די לייטונג פון אַרבעטער־רינג איז גרייט צו אָנערקענען, אַז דער פאַראייניקטער אָרדן זאָל איינשליסן צווישן זיינע הויפּט־אויפגאַבן די אויבן־דערמאָנטע אַרבעטן.

מיט פריינטלעכן גרוס,

גענעראַל־עקזעקוטיווע,
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד
ש. גאָלדשטיין,
גענעראַל־סעקרעטאַר.״

די שטעלונג, אויסגעדריקט אין דעם בריוו, איז שפּעטער גוטגעהייסן געוואָרן ביי דער 10טער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק פון דעם 1טן ביזן 6טן מאַי, 1926, אָננעמענדיק די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די קאָנווענשאָן הייסט גוט דעם ענטפער פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע אויף דער איינלאַדונג פון אַרבעטער־רינג וועגן דער מעגלעכער באַשאַפונג פון אַ פאַראייניקטן אידישן אַרבעטער־אָרדן אין אַמעריקע.

די קאָנווענשאָן באַטאָנט פון דאָס ניי, אַז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן צו פאַרענטפערן אַ דרינגנדע נויט אין דעם אידישן אַרבעטער־לעבן, צו דערמעגלעכן אַן ענערגישע באַטייליקונג אין אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפלעבונג און אין דער פּראַקטישער אַרבעט פאַר דאָס אַרבעטנדע און בויענדע ארץ־ישראל.

די קאָנווענשאָן דריקט אויס איר גרייטקייט און צופרידנקייט מיטצוהעלפן צו באַשאַפן אַ פאַראייניקטן אידישן אַרבעטער־אָרדן אין אַמעריקע, אויב ער וועט איינשליסן צווישן זיינע הויפּט־אויפגאַבן און טעטיקייטן די אַרבעט פון אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפלעבונג און זיך באַטייליקן אין דער פּראַקטישער מיטהילף פאַר דאָס אַרבעטנדע ארץ־ישראל״.

די ציטירטע רעזאָלוציע פון דער קאָנווענשאַן באַווייזט אויף אַ קלאָרן אופן, אַז דער פאַרבאַנד איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן שאַפן איין פאַראייניקטן אידישן אַרבעטער־אָרדן אין אַמעריקע, ווען די אידעאישע און געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן פון אַזאַ אָרדן וועלן איינשליסן טריישאַפט צו אַלע נאַציאָנאַלע און קולטור־נויטן פון אידישן פאָלק און דעם אויפבוי פון ארץ־ישׂראל אַלס אידישע נאַציאָנאַלע היים.

אידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

אין דעם בוך ווערן געגעבן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע און וועגן וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע דער־שיינונגען פאַר די לעצטע עטלעכע און דרייסיק יאָר. מיר האָבן באַזונדערס אין זינען די אָפּטיילונג, געשריבן פון חבר ברוך צוקערמאַן, וואָס נעמט אַרום דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטישער אידישער אָרגאַניזירונג, די טעטיקייטן אויפן געביט פון הילף פאַר דעם אייראָפּעאישן אידנטום און אַנדערע דערשיינונגען און אַנט־וויקלונגען אין אידישן לעבן, וואָס האָבן אַ גאָר גרויסע באַדייטונג פאַר דער צו־קונפט פון אַמעריקאַנער אידנטום.

מיר ווילן דערפאַר בלויז אויף אַ קאָנדענסירטן אופן אַנווייזן, אַז דער פאַר־באַנד איז במשך פון די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ געגאַנגען בראש פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן גלויבן אין די כוחות פון פאָלק.

ליידער האָבן מיר אין אַמעריקע אַזאַ איינשטעלונג פון דער אידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט, אַז יעדער דערפאָלג אָדער מיסדערפאָלג פון אַ געזעלשאַפט־לעכער אַקציע ווערט געמאָסטן לויט די דערגרייכונגען אויפן געביט פון געלט־זאַמלונגען. אַזאַ איינשטעלונג שאַפט שוין במילא אַ פּסיכאָלאָגיע, אַז די כוחות, וואָס קענען מיטהעלפן אין פינאַנציעלע דערפאָלגן דאַרפן זיין די אָנפירנדע כוחות אויפן געזעלשאַפטלעכן פּאָליטישן געביט אין אידישן לעבן (צענטראַל, לאָקאַל און אויך אין וועלט־מאַסשטאַב).

דער פאַרבאַנד האָט אַלעמאָל רעוואָלטירט קעגן אַזאַ איינשטעלונג. די געזעלשאַפטלעכע אָריענטאַציע פון פאַרבאַנד, זיין פאָלקסטימלעכקייט, זיין גלויבן אין דעמאָקראַטישע פּרינציפּן ביי דער אָנפירונג פון געזעלשאַפטלעכע אַקטיווי־טעטן, זיין צוגעבונדנקייט צו דער אַלוועלטלעכקייט פון אידישן לעבן, זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער גרויסער אידעע פון העלפן צוריק אויפשטעלן אַ נאַר־מאַלן אידישן פאָלקס־לעבן אין ארץ־ישראל, דעם פאַרבאַנד׳ס צוגאַנג צו אַלע פראַגן פון אַ נאַציאָנאַלן, אידיש־פאָלקסטימלעכן שטאַנדפּונקט, האָט אים ניט דערלאָזן צו בלייבן גלייכגילטיק צו די פאַרזוכן, וואָס זיינען אַזוי אָפט געמאַכט געוואָרן אינם אַמעריקאַנער אידישן לעבן מצד שטאַרקע כוחות (מערסטנס אַנטי־נאַציאָנאַלע און אַסימילאַטאָרישע), וואָס דיקטירן דעם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

האָט מען דערפאַר דעם יונגן פאַרבאַנד געזען אַקטיוו מיטבאַטייליקט אין אַלע פאָלקס־אַקציעס אויפצושטורעמען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום קעגן די

פּראָגראַמען, רדיפות, דיסקרימינאַציע און אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס זיינען געווען אַקטועל אין אַ צאָל איראָפּעאישע לענדער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. האָט מען דערפאַר געזען דעם פאַרבאַנד צווישן די אַקטיוויסטע כוחות אין אַלע טעטיקייטן פון דער „פּיפּלס רעליף קאָמיטע״, וואָס האָט געזוכט אַריינ־צוברענגען דעם נאַציאָנאַלן, דעמאָקראַטישן פאָלקס־גייסט אין דער הילפס־טעטיקייט לטובת דעם איראָפּעאישן אידנטום.

איז דערפאַר דער פאַרבאַנד געווען צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי פּועלי ציון פון די אַקטיוויסטע אַגרעסיוו־פּאָליטישע כוחות פאַר דער באַשאַפונג פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און פאַר געבן אים אַן אמת־נאַציאָנאַלן אינהאַלט און דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.



פאַרבאַנד־אַמבולאַנס אויפן נאָמען פון היימי עפּשטיין, מיטגליד פון בר. 54 אין אָמאַהאַ, נעב., וואָס איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט, איז געוואָרן פייערלעך איבערגעגעבן דער אַרמיי ביי אַ יום־טוב אין „אונזער קעמפּ״ דעם 18טן יולי 1943.

פון לינקס צו רעכטס: יעקב קאַצמאַן, ד״ר א. מאַרגוליס, לויטענאַנט סקענלאָן, קאָנגרעס־מאַן דיקשטיין און מאיר בראַון.

ווען דער היטלעריזם האָט זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע און עס איז פאָרגעקומען אַ געראַנגל אין דעם אַמעריקאַנער אידנטום וועגן די מע־טאָדן פון ווידערשטאַנד, וואָס דאַרפן געגעבן ווערן דעם היטלעריזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן, האָט מען ווידער געפונען דעם פאַרבאַנד צווישן די אַגרעסיוויסטע קעמפערישע כוחות אין דעם אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס האָט גערופן צו בויקאָט, צום קאַמף, צו דער מאַקסימאַלסטער אָנשטרענגונג קעגן דעם שונא פון דעם אידישן פאָלק און פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

ווען עס איז רייף געוואָרן די אידעע פאַר דער באַשאַפונג פון אַן אַלוועלט־לעכן אידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן פאַרבינדן דאָס

אידנטום פון די מערסטע לענדער פון דער וועלט פאַר געמיינשאַפטלעכער אידיש־נאַציאָנאַלער און פאָלקס־טעטיקייט, האָט מען ווידער געפונען דעם פאַרבאַנד אַלס טרייען אונטערשטיצער פון דער אידעע פון דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פון די כוחות פון פאָלק.

ווען עס האָבן זיך דערטראָגן די הילפס־רופן און ווי־געשרייען פון די ליידנדע אידן אין איראָפּע אין היטלעריסטישן גיהנום, איז דער פאַרבאַנד דורך זיינע פאָרשטייער אין פאַרשידענע אידישע קערפּערשאַפטן דאָ אין לאַנד געווען צווישן די, וואָס האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן נאָכפאָלגן אַן אָנגענומענע רוטין אין אידישע טעטיקייטן אין אַ צייט פון אַ גרויסן אידישן אומגליק, פאָדערנדיק פון „דזשאָינט" און פון אַנדערע אינסטאַנצן, וואָס האָבן אין זייער באַזיץ די הילפס־מיטלען פאַרן אידישן פאָלק, צו ווערן אַגרעסיווער און געוואָגטער אין די טעטיקייטן פאַר הילף און רעטונג פון דעם איראָפּעאישן אידנטום.

ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום מוז אין פאַרלויף פון דער מלחמה און צום סוף פון דער מלחמה דערשיינען פאַר דער וועלט ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, וואָס פאָדערט, אַז די זיגרייכע דעמאָקראַטישע פעלקער זאָלן העלפן שאַפן נאָרמאַלע לעבנס־מעגלעכקייטן פאַר די איבערגעבליבענע אידן אין די איראָפּעאישע לענדער און גלייכצייטיק געבן זייער פולסטע הילף פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס אידישער שטאַט, האָט מען ווידער געפונען דעם פאַרבאַנד צווישן די אַקטיווסטע און געטרייסטע מיטאַרבעטער פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ און פון די געטרייסטע קעמפער, אַז די קאָנפערענץ זאָל ווערן די צענטראַלע דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפט צו פאַרטרעטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אין אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דעם אַמעריקאַנער און דעם וועלט־אידנטום.

אין אַלע קאַמפן און טעטיקייטן, וואָס דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל, די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, די הסתדרות און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע וועלט־אינסטאַנצן האָבן אָנגעפירט פאַר דער רעכט פון דעם אידישן פאָלק אויפצובויען ארץ־ישראל אַלס אידישער שטאַט, האָט דער פאַרבאַנד און אַלע זיינע מיטגלידער געגעבן די האַרציקסטע מיטהילף, און אַלע כוחות פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען שטענדיק געשטעלט געוואָרן צו דינסט פון די אָנפירנדע אינסטאַנצן פון ציוניזם פאַר דער רעאַליזירונג פון די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַר די העכסטע לעבנס־אינטערעסן פון אידישן פאָלק.

די אַלע טעטיקייטן און געזעלשאַפטלעכע שטעלונגען פון פאַרבאַנד, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן מצד דער אָרגאַניזאַציע אין פאַרשידענע צייטן, וואַקסן אַרויס פון דעם פאַרבאַנד'ס טיפע צוגעבונדנקייט צו דעם אידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, ווי אויך פון זיין צוגעבונדנקייט און טיפן גלויבן אין שאַפנדן און בויענדן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל, אין דער ארץ־ישראל'דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירט אין דער הסתדרות, און אין ציוניזם, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם קאַמף, האָפענונג און גלויבן פאַר אידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דעם אויפבוי פון אַן אייגן לאַנד פאַרן אידישן פאָלק.

דאָס שטרייך־פּראָבלעם אין פאַרבאַנד

יאָרן־לאַנג האָט דער פאַרבאַנד זיך געראַנגלט מיט אַ פּראָבלעם, ווי אַזוי צו פאַרקלענערן די צאָל מיטגלידער, וואָס פאַלן אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס פּראָבלעם האָט שטענדיק שווער געווירקט אויף די פאַרבאַנד־טוער און אויך אויף דער לייטונג, ווייל אין יעדער אַקציע פאַר נייע מיטגלידער האָבן די ניט־גלויביקע אין דעם דערפאָלג באַרעכטיקט זייער ניט־גלויבן מיט דעם אַרגו־מענט, אַז דאָס אַרייננעמען נייע מיטגלידער ברענגט ניט קיין גינסטיקע רעזול־טאַטן, ווייל אַ באַדייטנדע צאָל פון די, וואָס קומען אין דער אָרגאַניזאַציע אַריין, פאַלן מיט דער צייט אַרויס.

טאָראָנטאָ פּרעזענטירט אַן אַמבולאַנס צום רויטן קרייץ (אין 1942). פון רעכטס צו לינקס (ערשטע ריי): י. י. ווײַנראָט, פּאָרזיצער פון טאָראָנטער שטאָט־קאָמיטעט; י. י. צווייג, קאַסירער; אלדערמאַן נ. פיליפּס; ל. סיגאַל; אַרטור וו. ראָבאַק, מיטגליד פון פּאַרלאַמענט; א. ב. בענעט, פּרעזידענט פון קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס; ס. וואָרינגטאָן, פאַרטרעטער פון רויטן קרייץ. (צווייטע ריי): י. קעש, ה. מ. קירשענבוים, מ. מייערס, ד. קופּער, א. ווייגאַרטן און חברה צווייג. (אונטן): דער פּרעזענטירטער אַמבולאַנס.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונג און פּלאַנירונג צו קענען דאָס פּראָבלעם כאָטש טיילווייז לייזן. פאַרשידענע פאָרשלאָגן זיינען געמאַכט געוואָרן צו העלפן פאַרקלענערן די צאָל פון די, וואָס פאַלן אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציע און דורכדעם במילא פאַרגרעסערן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַר־באַנד. די מערסטע פאָרשלאָגן זיינען געווען באַזירט אויף אויסברייטערן און פאַרטיפן די קולטור־אַקטיוויטעטן, די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, דאָס אַריינ־

ברענגען יום־טוב אויף די פאַרבאַנד־פאַרזאַמלונגען און דורכדעם פאַרגרעסערן דעם באַזונד און בכלל מער פאַרשטאַרקן דעם אידעאיש־געזעלשאַפטלעכן אינ־טערעס פון פאַרבאַנד־חבר צו זיין אָרגאַניזאַציע.

אַ חוץ די אויבן־דערמאַנטע פאָרשלאַגן, וואָס זיינען אין פאַרשידענע צייטן מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג דורכגעפירט געוואָרן, זיינען אין די לעצטע יאָרן אין פאַרבאַנד אויך עקספּערימענטירט געוואָרן פאָרשלאַגן פון אַ פּראַק־טישן כאַראַקטער, וואָס האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס געהאָלפן פאַרקלענערן די צאָל אַרויסגעפאַלענע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע.

די פּראַקטישע פאָרשלאַגן זיינען באַזירט אויף צוויי אופנים:

1) דאָס דערמוטיקן דעם פאַרבאַנד־סעקרעטאַר דורך אַ באַשטימטער באַלוי־נונג צו האַלטן גוט־שטייענד אַ מיטגליד אין צווייג;

2) דורך פאַרטיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר האַלטן גוט־שטייענד דעם מיטגליד אויף אַלע באַאַמטע און מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון צווייג.

דאָס דאָזיקע סיסטעם האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אַ חוץ דעם חבר׳שן פאַר־לאַנג פון די סעקרעטאַרן פון די צווייגן צו העלפן דעם פאַרבאַנד אָרגאַניזאַטאָריש צו ווערן גרעסער און שטאַרקער, האָט אויך דער סעקרעטאַר געקראָגן אַ פּער־זענלעכן אינטערעס צו העלפן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס, האָבנדיק דעם געפיל, אַז ער ווערט דירעקט מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר העלפן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס פון פאַרבאַנד.

אמת, מען טאָר ניט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אין אַ יאָר פון עקאָנאָמישער פּראָספּעריטי קען דאָס שטרייך־פּראָבלעם נאַטירלעך פאַרלייכטערט ווערן (ווייל די מיטגלידער האָבן בעסערע מעגלעכקייטן נאָכצוקומען זייערע צאָלונגען). מען מוז אָבער גלייכצייטיק איינזען, אַז אין פאַרלויף פון פאַרבאַנד׳ס עקזיסטענץ זיינען אויך פריער געווען עקאָנאָמישע גוטע יאָרן און דאָך איז דאָס שטרייך־פּראָבלעם געווען אַקטועל אין דער אָרגאַניזאַציע. אין די לעצטע יאָרן האָבן די אויבן־אָנגעוויזענע פאַקטן באַדייטנד געהאָלפן פאַרקלענערן די צאָל מיטגלידער, וואָס פאַלן אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציע. דער פאַקטאָר האָט געהאַט אַ גאַר געזונטע ווירקונג אויף דעם ווילן און אַנטשלאָסנקייט פון דער פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט צו העלפן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן וואוקס און אַנטוויקלונג פון פאַרבאַנד.

דעם פאַרבאַנד׳ס קולטור־אַקטיוויטעטן

אין דעם דאָזיקן בוך איז דאָ אַ באַזונדער אַרבעט וועגן דעם פאַרבאַנד׳ס קולטור־ און דערציאונגס־טעטיקייטן, די אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן שטענ־דיק געוואָרעמט דעם פאַרבאַנד־חבר און האָבן מיט זיך אָפּט דעמאָנסטרירט דעם פאַרבאַנד׳ס צוגעבונדנקייט צו דעם אידישן קולטור־לעבן, צו די קולטור־אוצרות פון אַלע צייטן און צו אַלץ, וואָס קען פאַרטיפן און קולטורעל דערהויבן דאָס גייס־טיקע לעבן פון די אידישע מאַסן.

דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק געזאָרגט פאַרן גייסטיקן ניוואָ פון זיינע מיט־גלידער און באַזונדערס פאַר דער קולטור־דערהויבונג, וואָס דאַרף אַריינגע־בראַכט ווערן אין די קלענערע אידישע ישובים, וואָס זיינען אַרומגערינגלט מיט

אַ ניט־אידישער אַטמאָספער, וואו די אידישע מענטשן בענקען נאָך עפּעס גייס־טיקעס אין זייער לעבן.

איז טאַקע זייער נאַטירלעך, וואָס דער פאַרבאַנד איז געווען די ערשטע אידישע קערפּערשאַפט אין אַמעריקע, וואָס האָט איינגעאָרדנט קאָנצערטן און טעאַטער־טורס אין די ווייטסטע פּונקטן פון לאַנד. נאָך אין יאָר 1920 האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעשיקט וואַרט־קינסטלער איבער די מערסטע אידישע ישובים אין אַמעריקע (חיים קאַטלאַנסקי און אַל הערריס), וואָס האָבן געבראַכט אין אַלע ישובים דאָס אידישע פאָלקסליד, אייגנאַרטיק געזונגען און אמת־אידישלעך אויס־געטייטשט, די אידישע פאַרלעזונג און דראַמאַטיזאַציעס פון די גרויסע שעפער פון דער אידישער ליטעראַטור.

די, וואָס לעבן אין גרעסערע צענטערן, קענען קוים אָפּשאַצן, וואָס עס מיינט פאַר דעם אידישן מענטשן אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט אַ גייסטיקע אָפּפרי־שונג דורך אַ אידיש ליד, דורך אַ אידישער פאַרלעזונג, דורך אַן אמת־קינסטלע־



שלום עליכם ברענטש 17 אין סט. לואיס פּרעזענטירט אַן „אַמ־פיביען־טראַקטאָר" דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

רישער פאָרשטעלונג. וואָכן־לאַנג גרייט מען זיך צו אַזאַ יום־טוב און וואָכן־לאַנג וואַרעמט מען זיך אַרום דער אַטמאָספער, וואָס דער יום־טוב שאַפט.

אַ דאַנק דעם פאַרבאַנד'ס איניציאַטיוו אויף דעם געביט, האָבן אין די שפּע־טערדיקע יאָרן נאָכגעפאָלגט אונזער בייִשפּיל אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן. אויך די לאָקאַלע וועלפעיר־פאָנדן זיינען געצוואונגען געוואָרן אַ דאַנק דעם אויסגעטראָטענעם פּיאָנערן־וועג פון פאַרבאַנד איינצושליסן אין די קינסטלערישע פּראָגראַמען אידישע קינסטלער פאַר געזאַנג, פאַרלעזונג און דראַמאַטיזאַציעס, א. אַז. וו.

דער פאַרבאַנד האָט די טעטיקייטן אויף דעם געביט אין יאָר 1945־6 גע־בראַכט צו דעם העכסטן קלימאַקס, אַרויסשיקנדיק איבערן לאַנד די קינסטלער יעקב בן־עמי, שרה אסנת הלוי, יעקב מעסטל און אַל הערריס, ווי אויך אַנדע־רע קינסטלער, וואָס האָבן באַזוכט אַרום 71 שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און דורכגעפירט רייכע, קינסטלערישע פּראָגראַמען.

די איינאָרדענונג פון יובילעאום־פייערונגען לכבוד אידישע און העברעאישע שריפטשטעלער און קינסטלער האָט שטענדיק פאַרנומען אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ אין דעם פּראָגראַם פון פאַרבאַנד׳ס פראָגראַם פון זיינע קולטור־אַקטיוויטעטן. די פאַרבאַנד־מיטגלידער האָבן שטענדיק געפילט, אַז מיט דער פייערונג פון אַ יובילעאום פון אַ אידישן אָדער העברעאישן דיכטער פאַרבינדן זיי זיך מיט די קולטור־אוצרות, וואָס ווערן געשאַפן איןביידע שפּראַכן און זיי העלפן דורך אַזאַ יום־טוב דעמאָנסטרירן זייער ליבע צו די, וואָס דערהויבן אונזער קולטור־ניוואָ און פאַרטיפן אונזערע קולטור־דערגרייכונגען.

מיר פאַרשפּאַרן אויסרעכענען די נעמען פון די יובילאַרן, וועמען דער פאַרבאַנד האָט מיט ליבע און פאַרערונג געפייערט. עס איז כמעט ניטאָ קיין איינער פון די, וואָס פאַרנעמען אַ חשוב׳ן אָרט אין דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, אַז דער פאַרבאַנד זאָל אויף אַ געוויסן אופן ניט האָבן אויסגעדריקט אָנערקענונג און פאַרערונג צו זיי ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט.

דער פאַרבאַנד איז אויך געווען אַ פּיאָנער אויפן געביט פון איינפירן עונג־שבתים, ברענגענדיק צוזאַמען די מיטגלידער און זייערע משפחות זיך צו וואַרעמען אַרום אַ שבת׳דיקער אַטמאָספער. אין די ערשטע יאָרן האָבן די צווייגן אַ סך געבלאָנדזשעט אין דער איינפירונג פון אַ פּאַסיקער פאָרם און אינהאַלט אין די פייערונגען פון די עונג־שבתים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען די פּראָגראַמען און פאָרמען מער קריסטאַליזירט געוואָרן, אָבער נאָך אַלץ, ליידער, ניט אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן. די עונג־שבתים־פייערונגען האָבן אָבער אַריינגעבראַכט אַ סך אָפּפרישונג אין דעם פּראַזאַאישן לעבן פון די אידן אין די פּראָווינץ־שטעט און האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס געהאָלפן צובינדן די מיטגלידער צווישן זיך פאַר גייסטיקע שאַפונגען און פאַר אַ קולטורעלן לעבן. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן פייערונגען פון אידישע יום־טובים, וואָס איז שטענדיק געווען אַ צענטראַלער פּונקט אין לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע.

דער פאַרבאַנד האָט אַלעמאָל געזוכט אָנצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן די פאָלקסטימלעכע צוגעבונדנקייט פון חבר צו דער אָרגאַניזאַציע, ניט בלויז דורך וועקן זיין אינטערעס צו פאָלקס־פּראָבלעמען און נויטן, נאָר אויך גלייכצייטיק דורך באַקענען אים מיט פאָלקס־שאַפונגען, מיט קולטור־אוצרות, וואָס פיל אידישע דורות האָבן צו דעם אידישן לעבן בייגעטראָגן. דער דראַנג מצד דעם פאַרבאַנד און מצד אַ גרויסן טייל פון זיינע טוער אויפצוהאַלטן און צו פאַרשטאַרקן דאָס אידיש־קולטורעלע און פאָלקסטימלעכע לעבן, האָט געטריבן די אָרגאַניזאַציע צו עקספּערימענטירן און פּיאָנעריש צו וואַגן אויף פיל נייע געביטן פון טעטיקייט.

אַ פאַרזוך פון אַ גאָר וויכטיקן קולטור־אויפטו

מיר געפינען פאַר נויטיק אויסצוטיילן פון אַלע קולטור־ און דערציאונגס־אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד און באַהאַנדלען באַזונדער אַ פאַרזוך, וואָס ווערט לעצטנס געמאַכט פון פאַרבאַנד אויפן קולטור־געביט, וואָס קען האָבן אַ ווייטגייענדיקע באַדייטונג פאַר וויכטיקע קולטור־שאַפונגען.

מיר האָבן אין זינען די גרינדונג פון אַ פאַרבאַנד־פאַרלאַג אַרויסצוגעבן פונדאַמענטאַלע אידישע ווערק פון וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג.

די ערנסטקייט פון דעם פאַרזוך צו שאַפן אַזאַ פאַרלאַג ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַוויזן דורך דער שאַפונג פון אַן ענדאָומענט־פאָנד פון $100,000, וואָס זאָל זיין דער זיכערער פונדאַמענט פאַר דער טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון פאַרלאַג.

די חשיבות פון דער אונטערנעמונג ווערט אויך געשטאַרקט פון באַשלוס, אַז דער קרן פון דעם ענדאָומענט־פאָנד זאָל קיינמאָל ניט אָנגערירט ווערן, נאָר עס זאָלן בלויז אָנגערירט ווערן די פאַרדינסטן פון דעם פאָנד און די צאָלונגען פון די טויזנטער מיטגלידער, וואָס דער פאַרלאַג דערוואַרט צו קריגן, וועלכע וועלן זיין די לייענער און שטודירער פון די וויכטיקע ווערק, וואָס דער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן.

„פליענדע פעסטונג" — מתנה פון פאַרבאַנד פאַר דער אַמעריקאַנער אַרמיי (1944).

אין ליכט פון דער גרויסער אידישער קאַטאַסטראָפע אין די אייראָפּעאישע לענדער, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט אויף אַ שוידערלעכן אופן פאַרלוירן זעקס מיליאָן פון זיין צאָל און עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורות־אַלטע קולטור־ווערטן פון אַלטן און נייעם אידנטום, וואָס זיינען מיט ליבע און מסירת־נפש געשאַפן געוואָרן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, איז באַזונדערס וויכטיק, אַז אידיש־נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, וואָס טראָגן אין זיך דעם גלויבן אין דער אייביקייט פון אידישן פאָלק און אין די גרויסע ווערטן פון די אידישע קולטור־שאַפונגען פון אַלע דורות, זאָלן דורך וויכטיקע קולטור־שאַפונגען כאָטש טיילווייז גוטמאַכן דעם גרויסן פאַרלוסט, וואָס אונזער פאָלק האָט געליטן אויפן קולטור־געביט אין די לעצטע טראַגישע יאָרן.

די פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט האָט מיט וואַרעמקייט און אינטערעס אויפגענומען די ידיעה וועגן דער שאַפונג פון אַזאַ וויכטיקן פאַרלאַג אַרויסצוגעבן פונדאַמענטאַלע אידישע ווערק און פיל מיטגלידער האָבן זייער אינטערעס באַ־

גלייט מיט באַדייטנדע בייטראַגן, מעגלעך צו מאַכן די רעאַליזירונג פון דעם וויכ־טיקן פּלאַן.

גאָר אינגיכן וועט דער פאַרלאַג צוטרעטן אַרויסצוגעבן די ערשטע ווערק און דאַן וועלן נאָכפאָלגן אַנדערע ווערק פון וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג.

אידיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען

דער פאַרבאַנד האָט אין פאַרשידענע צייטן אַרויסגעוויזן זיין טיפע זאָרג איבער אידיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין לאַנד. ער האָט באַזונדערס גע־זוכט צו ווירקן, אַז די אויפוואַקסנדע יוגנט זאָל זיך קענען בעסער פאַרוואָרצלען אין מער־פונדאַמענטאַלע פּראָפעסיעס און ניט זיין אויסגעזעצט צו דער געפאַר פון איבערלעבן פאַרשידענע עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען.

דער פאַרבאַנד, זייענדיק אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע מיט אַ באַשטימטן צוגאַנג צו אַלע אידישע פאָלקס־פּראָבלעמען און בויטן און מיט אַ טיפן גלויבן אין דער נויטווענדיקייט אויפצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן די אידישע פאָלקס־פּאָזיציעס איבעראַל, האָט שטענדיק געגלויבט, אַז די נאָרמאַליזירונג און באַפעסטיקונג פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע מוז אויך איינשליסן די זאָרג פאַר דעם עקאָנאָמישן וואוילזיין פון די אידישע מאַסן און די באַזונדערע פּראַקטישע עקאָנאָמישע צו־גרייטונגען פאַר דער אויפוואַקסנדער אידישער יוגנט.

איז טאַקע געוועזן זייער נאַטירלעך, ווען דער פאַרבאַנד האָט אויף זיין קאָנ־ווענשאָן אין יאָר 1928 אין מאָנטרעאַל געשטעלט אין צענטער פון זיין אויפ־מערקזאַמקייט די פּראָבלעמען פון אידישער עקאָנאָמיק פון אַמעריקע און גע־זוכט צו באַווירקן זיינע מיטגלידער ווי אויך די אידישע געזעלשאַפט אין אַלגע־מיין צו זוכן די פּאַסיקע מעטאָדן און מיטלען, כדי אַריינצוברענגען אין דעם אָר־גאַניזירטן אידישן לעבן דאָ אין לאַנד באַוואוסטזיניקייט וועגן דער נויטווענ־דיקייט מער צו נאָרמאַליזירן און צו שטאַרקן די אידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

די פאַרהאַנדלונגען און די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אויף יענער קאָנווענ־שאָן אָנגענומען געוואָרן, האָבן געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער אידישער עפנט־לעכקייט. אַ רייע אַנדערע קערפּערשאַפטן האָבן אויך אָנגעפאַנגען זיך צו פאַר־אינטערעסירן מיט די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום. ליידער איז קיין זאַך אויף די געביטן ניט דערגרייכט געוואָרן. מערסטנס איז אין דעם שולדיק דער אָרגאַניזאַטאָרישער געבוי פון די אידישע קערפּערשאַפטן דאָ אין לאַנד, וואָס פּרעטענדירן צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דעם אַמעריקאַ־נער אידנטום.

געטריבן פון אינטערעס צו העלפן פאַרשטאַרקן די אידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דאָ אין לאַנד, האָט דער פאַרבאַנד מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט גע־האָלפן אין דעם פאַרזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון אַ רייע קרייזן מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אויפצובויען אין הייטסטאָון אַ קאָלאָניע מיט עטלעכע הונדערט אידישע איינוואוינער, מערסטנס אַרבעטער

פון די גרויסע שטעט, וואָס זאָל אין זיך קאָמבינירן אַגריקולטור מיט אינדוסטריע. די קאָלאָניע זאָל גלייכצייטיק האָבן אַ מעגלעכקייט אָנצופירן אויף אַ אידיש־נאַציאָנאַלן און פּאָלקסטימלעכן אופן טעטיקייטן פון אַ פאָלקס־באַדייטונג און פאַרטיפן די גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פון די איינוואוינער אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע.

ניט קוקנדיק וואָס די רעזולטאַטן פון די פאַרזוכן ביים שאַפן די הייטסטאָון־קאָלאָניע און אַנדערע ענלעכע אונטערנעמונגען האָבן ווייט ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען, וואָס זיינען מיט די אונטערנעמונגען פאַרבונדן געוואָרן, איז אָבער וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז די פאַרזוכן האָבן מיט זיך דעמאָנסטרירט אַ נייע ווענדונג אין אידישן לעבן אין אַמעריקע מצד באַשטימטע קרייזן ניט נאָכצופאָלגן דעם אַלגעמיינעם שטראָם אויפן געביט פון עקאָנאָמישן וואוילזיין, וואָס איז אַזוי



סערטיפיקאַט פון פאַרבאַנד־אַמבולאַנס אויפן נאָמען פון נחמן סירקין, איבערגעגעבן צו „יונייטעד דזשואיש וואָר עפאָרט“, אָנגעפירט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס (1943).

פּאָפּולער ביי די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד, אַ שטראָם וואָס טראָגט מיט זיך גרויסע געפאַרן פאַר אידישע קאָלעקטיוון און זיכער פאַר יחידים.

די אַנדערע פאַרזוכן צו העלפן נאָרמאַליזירן און אויסטרעטן אַ נייעם וועג פאַר אַנדערע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס און דערגרייכונגען, געשאַפן פון אידן דאָ אין לאַנד, האָבן געקראָגן פון פאַרבאַנד די טיפסטע אויפמערקזאַמקייט און די וואַרעמסטע אונטערשטיצונג. דאָס האָט אויך דער פאַרבאַנד געטאָן, נאָכפאָלגנדיק זיין אָריענטאַציע און גלויבן, אַז ער דאַרף זיך פילן פעסט צונויפגעבונדן מיט אַלץ, וואָס עס ווערט געשאַפן אין אידישן לעבן אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן.

דער 30־יאָריקער יובילעאום דעמאָנסטרירט דעם פאַרבאַנד׳ס געזעלשאַפטלעכן אָנזען

אין יאָר 1943 האָט דער פאַרבאַנד געפייערט זיין 30־יאָריקן יובילעאום. אין דעם יאָר איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָס וויכטיקסטע קאַפּיטל פון דעם פאַר־באַנד׳ס אַקטיוויטעטן און דערגרייכונגען זינט 1913, ווען עס איז פאַר דער אָרגאַ־ניזאַציע באַוויליקט געוואָרן זיין טשאַרטער פון דעם אינשורענס־דעפּאַרטמענט פון דעם ניו־יאָרק סטעיט, ווען דער פאַרבאַנד האָט אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט אַלס אידישער אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרדן.

דאָס איז פאַקטיש געווען דער פינפטער יובילעאום, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געפייערט (פייערונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב צום אָפּשלוס פון די ערשטע פינף יאָר, 10 יאָר, 20 יאָר און 25 יאָר פון דעם פאַר־באַנד׳ס עקזיסטענץ).

דער 30־יאָריקער יובל איז געווען דער קלימאַקס פון אַלע פייערונגען. דער פאַרבאַנד האָט פון דער אידישער געזעלשאַפט, פון אַלע קרייזן אָן אונטער־שיד פון ריכטונג, געקראָגן די פולסטע אָנערקענונג און דעם מאַקסימאַלן צוטרוי צו זיין אידיש־געזעלשאַפטלעכער אויסגעהאַלטנקייט און צו זיין פעסטקייט אַלס קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרדן, וואָס טראָגט די פולסטע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מיטגלידער פאַר די בענעפיטן, וואָס דאַרף זיי און זייערע משפחות געגעבן ווערן.

די 30־יאָריקע יובילעאום־יום־טובים פון פאַרבאַנד, וואָס זיינען געפייערט געוואָרן אין ניו־יאָרק און אין אַרום 50 שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, זיינען געווען די גרעסטע יום־טובים, וואָס זיינען געפייערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון פאַרבאַנד. אַ קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג באַווייזט, אַז אויף אַלע יום־טובים האָבן זיך באַטייליקט אָן ערך 100 טויזנט מענטשן.

אָנערקענונג איז דעם פאַרבאַנד געגעבן געוואָרן פון די וויכטיקסטע קער־פּערשאַפטן פון דער אידישער געזעלשאַפט, פון דעם גרעסטן טייל פון דער אידי־שער פּרעסע. צוויי צייטונגען, דער „טאָג״ און דער „מאָרגן־זשורנאַל״, האָבן געווידמעט דעם פאַרבאַנד ספּעציעלע גרעסערע אָפּטיילונגען מיט דער באַטייל־קונג פון זייערע חשוב׳סטע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געגעבן אָפּשאַצונגען וועגן דעם פאַרבאַנד, זיין פּלאַץ אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיין ראָלע אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און אַזוי ווייטער.

די יובילעאום־פייערונגען האָבן אויפן בעסטן אופן דעמאָנסטרירט דעם פאַרבאַנד׳ס שטאַנדהאַפטיקייט אין דעם היגן אידישן לעבן, די צוגעבונדנקייט פון דער פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט צו דער אָרגאַניזאַציע און די טיפע אַכטונג און צוטרוי, וואָס דער פאַרבאַנד רופט צו זיך אַרויס מצד דער אידישער און אַר־בעטער־געזעלשאַפט דאָ אין לאַנד.

די פייערונגען לכבוד דעם 30־יאָריקן יובילעאום פון פאַרבאַנד האָבן דער אָרגאַניזאַציע געגעבן אַ באַדייטענדן שטויס פאַראויס פאַר דער אַנטוויקלונג פון

נאָך גרעסערע אַקטיוויטעטן אָרגאַניזאַטאָריש, קולטורעל און געזעלשאַפטלעך און פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישׂראל פאַר אונזער פאָלק.

דער פאַרבאַנד איז אין דעם פערטן יאָרצענדליק אַ רייגעטראָטן אָרגאַניזאַטאָריש שטאַרק, פינאַנציעל באַפעסטיקט און מיט זייער וויכטיקע דערפאַרונגען און דערגרייכונגען אויף פיל געביטן פון אידיש־געזעלשאַפטלעכע, דערציערישע און קולטור־טעטיקייטן.

די גרינדונג און אָנפירונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין

אין אַן אַנדער אָפּטיילונג פון דעם בוך, געשריבן פון חבר מאיר בראָון, ווערט געגעבן אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג איבער דעם פאַרבאַנד'ס אַקטיווע באַטייליקונג אין אַלע טעטיקייטן פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישׂראל און פאַר



ליבערטי־שיף אויפן נאָמען פון נחמן סירקין, אויפגעבויט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אַלס אָנערקענונג צום פאַרבאַנד פאַר פאַרקויפן העכער 2 מיליאָן דאָלאַר וואָר־באָנדס. אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אין ניו־אָרליענס דעם 23טן דעצעמבער 1944.

דער הסתדרות. די אָפּהאַנדלונג אַנטהאַלט אויך אַן אויספירלעכע אויפקלערונג וועגן דעם פאַרבאַנד'ס ראָלע און באַטייליקונג אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, סיי ביי דער גרינדונג ווי אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג און טעטיקייט פון דער גרויסער און וויכטיקער אַרבעטער־ און פאָלקס־באַוועגונג לטובת דער הסתדרות אין ארץ־ישׂראל.

מיר ווען אין אונזער איבערזיכט נאָר אַרומרעדן עטלעכע וויכטיקע מאָמענטן פון פאַרבאַנד'ס באַטייליקונג אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, די איבערגעגעבנקייט פון די פאַרבאַנד־צווייגן פאַר דער אַרבעט און די דערגרייכונגען אין די פאַרבאַנד־קרייזן.

דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1924. דער־מאָלט האָט דער פאַרבאַנד געציילט אַרום 6,000 מיטגלידער. העלפנדיק לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער אַרבעטער־ און פאָלקס־אַקציע פאַר דער הסתדרות און ווייסנדיק, וועלכע גרויסע שוועריקייטן עס וועלן געלייגט ווערן אין וועג פאַרן דערפאָלג פון דער באַוועגונג מצד די אַנטי־ציוניסטישע עלעמענטן אין דער אַרבע־טער־באַוועגונג, האָט דער פאַרבאַנד, גלייך פון דעם ערשטן טאָג אָן, באַשלאָסן צו מאָביליזירן אַלע כוחות פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער וויכטיקער אַרבעט. די פאַרבאַנד־עקזעקוטיווע האָט זיך באַטייליקט אין דער פעסטשטעלונג פון אַלע פּלענער פאַר דער אָרגאַניזירונג און פּראָקלאַמירונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות. עס איז געווען אַ גרויסע דערמוטיקונג פאַר דער וויטערדי־קער אַנטוויקלונג פון קאַמפּיין, ווען די ליטונג פון פאַרבאַנד האָט צו דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אָפּגעהאַלטן אין קופּער־יוניאָן, וואָס האָט געהערט דעם רוף פון מאַקס פּיין, אָראָפּצונעמען דעם חרם פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, געגעבן אַ בייטראָג די סומע פון $2,000 פאַרן קאַמפּיין. הייַנטיקע צייטן קלינגט אַ בייטראָג פון $2,000 זייער מינימאַל. מען דאַרף אָבער געדענקען די באַדינגונגען פון יענער צייט, די מעגלעכקייטן פון געלט־זאַמלונגען, דער טיילווייזער אומצוטרוי צו דער נייער קערפּערשאַפט, כדי צו קענען אָפּשאַצן די באַדיי־טונג פון דער האַנדלונג פון דער הויפּט־ליטונג פון פאַרבאַנד, געבנדיק דעם דאָזיקן בייטראָג.

אין דעם ערשטן יאָר, ווען דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט געשאַפן אַרום $60,000, איז דער פאַרבאַנד געווען באַטייליקט אין דער דערגרייכונג מיט אַרום 25% (אַרום $15,000). די פאַרבאַנד־ברענטשעס, דער פאַרבאַנד און אַלע מיט־גלידער האָבן זיך געווידמעט דעם קאַמפּיין מיט דער גרעסטער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, און דאָס יאָר 1945 האָט פאַרן קאַמפּיין געבראַכט פון די פאַר־באַנד־ברענטשעס אַרום $600,000. די פאַרבאַנד־מיטגלידער שטעלן מיט זיך פאַר אין יעדער שטאָט און שטעטל די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע טוער פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין געלט־זאַמלונגען, אין פּראָפּאַגאַנדע און אויפ־קלערונג און אין אַלץ, וואָס דער קאַמפּיין בויטיקט זיך. דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות איז געוואָרן אַן אָרגאַניזירטער טייל פון לעבן און טעטיקייט פון פאַרבאַנד און פאַרנעמט די גרעסטע געזעלשאַפטלעכע אויפמערק־זאַמקייט ביי די צווייגן און ביי די איינצלנע מיטגלידער.

דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און דער פאַרבאַנד זיינען אומצעטיילבאַר. די אידעען פון דער הסתדרות, די קאַמפן און בוי־טעטיקייטן אין ארץ־ישראל, אַנגע־פירט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואַרעמען דעם באַוואוסטזיין פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער און בינדן צו די מיטגלידער און די גאַנצע אָרגאַניזאַציע צו אַלץ, וואָס ווערט אין ארץ־ישראל געשאַפן אין פּראָצעס פון דעם אויפבוי פון אידישן שטאָט. די דאָזיקע וואַרעמקייט און צוגעבונדנקייט קומט טאָג־טעגלעך צום אויסדרוק דורך די טעטיקייטן פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס און פון דער מיטגלידערשאַפט פאַר דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וואָס קען מיט רעכט באַצייכנט ווערן פאַר די גרעסטע און פאַרצוויגטסטע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

די הסתדרות אין ארץ־ישראל האָט אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג צום פאַרבאַנד און זיינע מיטגלידער געשאַפן אַ שטאַטישן קיבוץ ביי תל־אביב אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „אפעל". דער קיבוץ ווערט געבויט אויפן באָדן פון אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, פאַר וועלכן דער פאַרבאַנד האָט געשאַפן העכער $100,000 אין דער ספּעציעלער אַקציע פאַר דער פאַרבאַנד־קאָלאָניע. לויטן פּלאַן זאָל דער קיבוץ אַריינעמען 200 משפחות און באַשעפטיקן זיינע מיטגלידער ביי לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און אַנדערע צווייגן.

באַטייליקטע אין דער פייערונג ביים אַרונטערלאָזן די נחמן סירקין שיף.
פון רעכטס צו לינקס: מ. חמץ, ל. סיגאַל, מאַרי סירקין, דער פאָרשטייער פון דער נייווי און דער אידישער קאַפּיטאַן פון דער שיף.

טעטיקייטן פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד

אויף אַ מערקווירדיקן אופן האָט זיך אין די לעצטע יאָרן איינגעבירגערט אין די רייען פון פאַרבאַנד די טעטיקייט פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. דער פאַרבאַנד איז געווען אינסטרומענטאַל צו העלפן גרינדן דעם אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס ווערט אָנגעפירט פון די חברים ה. עהרענרייך און י. לעמבערגער, סעקרעטאַר און מיטסעקרעטאַר, און האָט די אַקטיווע מיטבאַטייליקונג פון אַלע צווייגן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, די אידישע טרייד־יוניאָנס און פּראָגרעסיווע קערפּערשאַפטן.

ביז אַרום 1933 איז אין פאַרבאַנד ניט אָנגעפירט געוואָרן קיין פּלאַנמעסיקע טעטיקייט פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. עס האָבן זיך געפונען אין פאַרבאַנד

חברים אין פאַרשידענע צווייגן, וואָס האָבן פון צייט צו צייט דורך באַשטימטע אַקציעס אַרויסגעוויזן זייער צוגעבונדנקייט צום פאָנד און זייער גרייטקייט אים צו העלפן. עס זיינען אויך געווען פאַרבאַנד־צווייגן, וואָס זיינען געווען אַקטיוו פאַרן קרן קימת און האָבן געווידמעט דער קרן קימת־אַרבעט פיל ענערגיע, איי־בערגעגעבנקייט און טרייהייט.

גרעסערע און מער פּלאַנמעסיקע אָרגאַניזירטע אַקציעס פאַרן קרן קימת האָבן זיך אין די רייען פון פאַרבאַנד אָנגעפאַנגען אין 1933־1934, ווען יעדער צווייג האָט איינגעשלאָסן אין זיין פּראָגראַם פון טעטיקייט אַן אַקציע לטובת דעם קרן קימת.

די פּאָלקסטימלעכקייט אין פאַרבאַנד, די טיפע נאַציאָנאַלע געפילן, וואָס זיינען וואַך ביי דער ברייטער מיטגלידערשאַפט, די צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל און די גרייטקייט צו העלפן דעם אויפבוי פון אַ אידישן שטאַט האָבן רייף געמאַכט די מעגלעכקייט, אַז דער קרן קימת — דער גרויסער פאָלקס־פאָנד — זאָל קריגן אין די רייען פון פאַרבאַנד דעם נויטיקן חבר׳שן און וואַרעמען אָפרוף, וועלכן דער פאָנד פאַרדינט.

אין יאָר 1945 האָבן די פאַרבאַנד־ברענטשעס און מיטגלידער בייגע־טראָגן פאַרן קרן קימת נאָענט צו $300,000. מיט 15 יאָר פריער, אין 1930, האָבן די פאַרבאַנד־ברענטשעס און די מיטגלידער בייגעטראָגן פאַר דעם פאָנד וויניקער פון $3,000. דאָס איז דער בעסטער באַווייז פון דעם פּראָגרעס, פאַר־שטענדניש און צוגעבונדנקייט פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער צום קרן קימת.

די פאַרבאַנד־ברענטשעס און אַקטיווע טוער זיינען באַטייליקט אין די מער־סטע קרן קימת־קאָונסילס אין אַמעריקע, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַ פאַרבינדונג פון ציוניסטן און אידיש־נאַציאָנאַלע עלעמענטן פאַר דעם פאָלקס־פאָנד. די פאַרבאַנד־ברענטשעס זיינען איבעראַל פון די אָנפירנדע כוחות אין די ספּעציעלע אַקציעס, וואָס דער אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פירט דורך אין פאַרשידענע שטעט, וואָס האָבן צו פאַרצייכענען וויכטיקע דערגרייכונגען לטובת דעם קרן קימת.

דער אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פון נאַציאָנאַל־פאָנד האָט אין די לעצטע 10 יאָר פון זיין טעטיקייט אָנצואווייזן אויף גרויסע דערגרייכונגען ניט בלויז אויפן געביט פון געלט־זאַמלונגען, נאָר אויך פאַרבינדנדיק וויכטיקע פּאָליטישע דע־מאָנסטראַציעס מיט פּראַקטישע טעטיקייטן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. גענוג איז דאָ צו דערמאָנען די גרינדונג פון דער לעאָן־בלום־קאָלאָניע אין ארץ־ישראל, אין וועמענס טעטיקייטן עס האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקע טרייד־יוניאָנס און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די אַרבעט האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין די ברייטסטע אידישע און אַמעריקאַנער קרייזן. דאָס באַציט זיך אויך צו דער לואיס ד. בראַנדייס־קאָלאָניע, וואָס דער אַרבעטער־דעפּאַרטמענט האָט געגריג־דעט גאָר לעצטנס; די קאָלאָניע צו פאַראייביקן דעם נאָמען פונם פאַרשטאַרבע־נעם טעאָרעטיקער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, בערל קאַצענעלסאָן, און אַנדערע אַקטיווי־טעטן. אין אַלע טעטיקייטן פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד האָט מען שטענדיק געפונען די פאַרבאַנד־ברענטשעס און די מערסטע פון זייערע מיטגלידער אין די ערשטע רייען.

אַ באַזונדער וויכטיק קאַפּיטל איז די אַקציע צו גרינדן אַ פאַרבאַנד־קאָלאָניע אין ארץ־ישראל לכבוד דעם 30־יאָריקן יובילעאום פון פאַרבאַנד. די אַקציע איז געפירט געוואָרן מיט פיל וואַרעמקייט און מיט טיפן אינטערעס, וואָס האָט דערמוטיקט דעם פאַרבאַנד־טוער און איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די וויכטיקע דערגרייכונגען פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד אין די רייען פון פאַרבאַנד און די אויסזיכטן נאָך ווייטער צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט זיינען אַ רעזולטאַט פון דער וואַרעמקייט און האַרציקער באַציאונג פון פאַרבאַנד אַלס אָרגאַניזאַציע און פון יעדן מיטגליד באַזונדער צו דעם אידישן נאַציאָנאַלן פאָלקס־פאָנד, זעענדיק אין אים דעם אַנטשיידענדן שליסל, וואָס דאַרף עפענען פאַר אונז די באָדן־אוצרות פון ארץ־ישראל, דערמעגלעכן אַ מאַסן־איינוואַנדערונג און צואיילן די עטאַבלירונג פון ארץ־ישראל אַלס אַ אידישער שטאַט.

לואי סיגאַל פאַר זיין אָפּפאָר קיין פּוילן אָנהייב 1946. געזעגענונג פאַרן לאַגוואַרדיאַ לופט־פעלד אין ניו־יאָרק.

נאַציאָנאַלע קאָנפערענצן

אין אַ באַשטימטן פעריאָד פון פאַרבאַנד׳ס לעבן (צווישן 1928—1936) האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן, אַז צווישן איין קאָנווענשאָן און דער צווייטער זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן ספּעציעלע קאָנפערענצן מיט פאַרטרעטער פון די פאַרבאַנד־צווייגן, וואָס זאָלן האָבן דאָס רעכט צו פאַרהאַנדלען פּראָבלעמען, מאַכן רעקאָמענדאַציעס פאַר טעטיקייטן צו דער פאַרבאַנד־לייטונג, שטעלן וויכטיקע באַשלוסן צו אַ רעפערענדום־אָפּשטימונג צווישן די מיטגלידער, א. אַז. וו. די דאָזיקע קאָנפערענצן האָבן אַרויסגערופן דעם געהעריקן אָנזען אין דער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אַ וואַרעמע באַציאונג מצד דער אידישער עפנטלעכקייט.

דאָס אָפּהאַלטן פון אַזעלכע גרעסערע קאָנפערענצן יעדעס יאָר איז געווען פאַרבונדן מיט באַדייטנדע פינאַנציעלע שוועריקייטן און האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרקלענערט די באַדייטונג און וויכטיקייט פון די קאָנפערענצן פון די איינצלנע

דיסטריקטן. (וועגן די דיסטריקט־קאָנפערענצן און זייערע טעטיקייטן ווערט אַנגעוויזן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם בוך.)

עס איז דערפאַר אין יאָר 1936 אַריינגעבראַכט געוואָרן אַן ענדערונג, אַז אַנשטאָט ספּעציעלע קאָנפערענצן מיט דער באַטייליקונג פון איינצלנע צווייגן, זאָל איין מאָל אַ יאָר אָפּגעהאַלטן ווערן אַ קאָנפערענץ פון דער גענעראַל־עקזע־קוטיווע מיט פאַרטרעטער פון די שטאָט־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן (מאַקסימום צוויי פאַרטרעטער פון אַ קאָמיטעט). אַזעלכע יערלעכע קאָנפערענצן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פּראַקטיש פון פיל שטאַנדפּונקטן. די מערסטע קאָנפערענצן האָבן אויף אַ זאַכלעכן אופן אַנאַליזירט די פּראָבלעמען פון פאַרבאַנד, די מעטאָדן פון טעטיקייט און אַלע וויכטיקע ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן פאַרבאַנד און מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. די קאָנפערענצן מיט די פאַר־טרעטער פון די שטאָט־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן האָבן אויך געשאַפן אַ בע־סערע פאַרבינדונג צווישן די אָנפירנדע קאָמיטעטן אין די גרעסערע צענטערן אין די פאַרשידענע שטאָטן מיט דער הויפּט־לייטונג פון פאַרבאַנד. נאָך יעדער קאָנפערענץ איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ גרעסערע אַקטיוויטעט אין די פאַרבאַנד־רייען אויף פאַרשידענע געביטן.

די קאָנפערענצן האָבן אויך אין אַ באַדייטנדער מאָס מיטגעהאָלפן לייזן אויף אַ פּראַקטישן אופן די בודזשעטאַרע און דיווידענד־פּראָבלעמען פון פאַרבאַנד, שאַפנדיק אַ פּראַקטישן מאָדוס, ווי אַזוי די פאַרבאַנד־לייטונג זאָל קענען לויט אירע בודזשעטאַרע מעגלעכקייטן אָנפירן די פאַרצווייגטע טעטיקייטן פון פאַר־באַנד.

טעטיקייט צווישן ענגליש־רעדנדע

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די גרינדער פון פאַרבאַנד האָבן אין דעם קול־טור־פּראָגראַם, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פאַר דער אָרגאַניזאַציע, געלייגט דעם הויפּט־געוויכט אויף קולטור־טעטיקייטן געפירט אין דער אידישער שפּראַך וועלנדיק דורכדעם שטאַרקן די אידישע קולטור־פּאָזיציעס אין אַמעריקע און אָפּהיטן די אידישע קולטור־אוצרות, האָט אָבער די פאַרבאַנד־לייטונג קיינמאָל ניט מינימיזירט די וויכטיקייט און באַדייטונג פון געווינען ענגליש־רעדנדע עלע־מענטן צווישן די אידישע מאַסן פאַרן פאַרבאַנד און פאַר דער ציוניסטישער אַרבע־טער־באַוועגונג.

זוכנדיק שטענדיק אויסצומיידן אַ שפּראַכן־קאַמף אין דער אָרגאַניזאַציע (צווישן אידיש און העברעאיש, אָדער פון ענגליש קעגןביידע שפּראַכן), האָט דער פאַרבאַנד, געטריי צו זיינע אידעאישע אויפגאַבן, זיך באַציענדיק מיט דעם טיפסטן דרך־ארץ צו די שטימונגען און פאַרלאַנגען פון דער ברייטער מיט־גלידערשאַפט, שטענדיק געזוכט צו שטאַרקן די חשיבות פונם אידישן וואָרט, פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי פונם העברעאישן וואָרט און פון דער העברע־אישער ליטעראַטור און פון אַלץ, וואָס האָט אַ פאַרבינדונג מיט די גייסטיקע שאַ־פונגען פונם אידישן פאָלק פון אַלע דורות.

נאָכפאָלגנדיק געטריי די אָנגעוויזענע ליניע, האָט אָבער דער פאַרבאַנד גלייכצייטיק געזוכט צו דערנענטערן די ענגליש־רעדנדע צו דער אָרגאַניזאַציע און צו די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווען לנדיק די דערנענטערונג אויסדריקן אויף אַ פּראַקטישן אופן, האָט דער פאַרבאַנד אין יאָר 1936 עטאַבלירט אַ ספּעציעלן דעפּאַרטמענט פאַר ענגליש־רעדנדע צו אָרגאַניזירן די עלעמענטן אין באַזונדערע צווייגן, צוגרייטן פאַר זיי אַ פּאַסיקע ליטעראַטור, פּאַמפלעטן, בראָשורן, קולטור־פּראָגראַמען, א. אַז. וו. חבר יעקב קאַצמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג אין דער אָנפירונג פון דער פאַרבאַנד פועלי ציון־יוגנט, איז געשטעלט געוואָרן אין דער אָנפירונג פון דעם דעפּאַרטמענט פאַר ענגליש־רעדנדע. אין פאַרלויף פון אַ ניט־לאַנגער צייט איז געלונגען צו אָרגאַניזירן צווייגן פון ענגליש־רעדנדע אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאַל, דיטרויט, קליוולאַנד, לאָס אַנדזשעלעס, סינסינעטי, לייקוואוד, נוארק, באָפאַלאָ, מינעאַפּאָליס, סט. לואיס און אין אַ רייע

לואי סיגאַל מיט אַ גרופּע דעלעגאַטן אויפן צווייטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די פועלי ציון־צ.־ס. אין פּוילן, אין פעברואַר, 1946.

אַנדערע שטעט איבערן לאַנד. פיל צווייגן האָבן מיט אַ סך געטריישאַפט זיך אַקטיוויזירט אין די פאַרבאַנד־טעטיקייטן. זיי האָבן שטענדיק געזוכט אויסצו־ברייטערן זייער טעטיקייט־קרייז און צו געווינען נייע שיכטן.

די אַרבעט איז אין אַ באַדייטנדער מאָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין פאַרלויף פון די מלחמה־יאָרן, ווען פיל מיטגלידער זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער אַרמייען, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען חבר יעקב קאַצמאַן, דער אָנפירער פון דעם דעפּאַרטמענט פאַר ענגליש־רעדנדע. די לעצטע צייט איז מצד דער פאַרבאַנד־לייטונג פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ פאַר־צווייגט פּראָגראַם פון טעטיקייטן, ווי אַזוי באַדייטנד אויסצוברייטערן די ענגליש־רעדנדע (אָרגאַניזאַטאָריש, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל), און גאַנץ באַזונדערס זיך אָנצושטרענגען צו געווינען די משפּחה־מיטגלידער פון חברים, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון דער אַרמיי.

פיל פון זיי האָבן אין פאַרלויף פון די מלחמה־יאָרן געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען פּנים אל פּנים מיט דער אידישער נויט און מיט דער אידישער טראַגעדיע אין די אייראָפּעאישע לענדער. פיל פון זיי זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיט אידיש־נאַציאָנאַלע שטימונגען, וואָס האָט זיי געגעבן אַ שטויס זיך צו באַטייליקן אין אידיש־נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן און העלפן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל פאַר אונזער פאָלק.

פון די באַדייטנדע אָרגאַניזאַציאָנס־רעזולטאַטן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן צווישן די ענגליש־רעדנדע אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1945, קען מען מיט רעכט אורטיילן, אַז פאַרן פאַרבאַנד האָט זיך געעפנט אַ ניי גרויס פעלד פאַר אָרגאַניזאַטאָרישער אויסברייטערונג און געזעלשאַפטלעכער פאַרשטאַרקונג דורך נייע עלעמענטן, וואָס זיינען גרייט צו ברענגען צו די ברייטע מאַסן אין דער ענגלישער שפּראַך דאָס וואָרט פון פאַרבאַנד.

עס איז אויך וויכטיק אָנצואוייזן, אַז אַ באַדייטנדער טייל פון די ענגליש־רעדנדע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד, זיינען דערנענטערט געוואָרן צו דער אידישער שפּראַך, צו אידישע קולטור־ווערטן און צו פיל קולטור־טעטיקייטן און אונטערנעמונגען, צו וועלכע זיי זיינען געווען פרעמד איידער זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע. דאָס באַווייזט, אַז די פאַרבינדונג פון די עלעמענטן מיטן פאַרבאַנד העלפט שאַפן אַ נאַטירלעכע בריק צווישן די אידיש־און ענגליש־רעדנדע עלעמענטן אין דער אָרגאַניזאַציע, אַזוי לאַנג ווי ביידע עלעמענטן זיינען גרייט נאָכצופאָלגן דעם פאַרבאַנד׳ס פּראָגראַם פון אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און זיי אַקצענטירן זייער געטריישאַפט צו דער אָרגאַניזאַציע און צו די קולטור־ווערטן פון אידישן פאָלק.

די באַציאונג פון דער פּרעסע צום פאַרבאַנד

דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק געקראָגן אַ גאַר פריינטלעכע באַציאונג פון דער אידישער פּרעסע, באַזונדערס פון די צוויי טעגלעכע אידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק, „דער טאָג״ און „דער מאָרגן־זשורנאַל״, און פון די מערסטע אידישע און אידיש־ענגלישע טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען פון די פּראָווינץ־שטעט. די פריינטלעכע באַציאונג פון דער פּרעסע צום פאַרבאַנד האָט אויך אַ באַדייטנדן אופן געהאָלפן שטאַרקן דעם פאַרבאַנד אָרגאַניזאַטאָריש און געזעלשאַפטלעך.

אין דער פריינטלעכער באַציאונג פון דער פּרעסע האָט זיך שטענדיק געפילט, אַז די צייטונגען, וואָס פאָלגן נאָך אַ פּאָליסי אין דעם אידישן לעבן, וואָס פירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון די אידיש־נאַציאָנאַלע און קולטור־פּאָזיציעס און דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל פאַר אונזער פאָלק האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז דער פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן פאַקטאָר צו העלפן דערגרייכן די דאָזיקע צילן. דאָס האָט דערמוטיקט די פאַרבאַנד־לייטונג און אירע טוער אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד.

אַ באַזונדערס וואַרעמען אינטערעס צום פאַרבאַנד האָבן שטענדיק אַרויסגעוויזן די אָרגאַנען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי „דער אידישער קעמפער״, דער „דזשואיש פראָנטיר״, די „פּאַראָס״, אַרויסגעגעבן פון דער

„הבונים״, „די פּיאָנערן־פרוי״, א. אַז. וו. צוזאַמען מיט דער „פאַרבאַנד שטימע״, וואָס איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע, איז געלונגען צו ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטער עפנטלעכקייט די טעטיקייטן און דערגרייכונגען פון פאַרבאַנד. די אָרגאַניזאַטאָרישע, קולטורעלע און געזעלשאַפט־לעכע אונטערנעמונגען פון דער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, דורכגעפירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי יובילעאומס, פייערונגען פון יום־טובים, א. אַז. וו., האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אָנזען אין דער עפנטלעכקייט מיט דער הילף פון דער פרעסע.

דעם פאַרבאַנד׳ס באַזונדערע דערגרייכונגען פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און דער הסתדרות, זיינע אויפטוען פאַרן אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, פאַר קולטור־און דערציאונגס־אינסטיטוציעס דאָ אין לאַנד און דעם פאַרבאַנד׳ס מיטבאַטייליקונג אין וויכטיקע אידיש־געזעלשאַפטלעכע און ציוניסטישע אַקטיוויטעטן אין פאַרבינדונג מיט דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אידישן וועלט־קאָנגרעס, ציוניסטישן עמוירדזשענסי־קאַונסיל, אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, הילפס־טעטיקייטן, א. אַז. וו., זיינען מצד דער פרעסע און דער ברייטער עפנטלעכקייט געוואָרן שטאַרק אָפּגעשאַצט.

מיר האַלטן פאַר וויכטיק צו ברענגען אַן אויפרוף פון אידישע שרייבער, מיטגלידער פון פאַרבאַנד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן לכבוד דעם פאַרבאַנד׳ס 30־יאָריקן יובילעאום־יום־טוב. דער אויפרוף כאַראַקטעריזירט אויף אַ קלאָרן אופן די וואַרעמע באַציאונג און די טיפע אָפּשאַצונג פון די חשוב׳סטע אידישע שריפטשטעלער צום פאַרבאַנד און צו זיינע טעטיקייטן.

אַ רוף פון אידישע שרייבער און דיכטער זיך אָנצושליסן אין אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד לכבוד זיין 30־יאָריקן יובילעאום

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד פייערט איצט דעם 30־יאָריקן יובילעאום, ביי וועלכן עס ווערט אונטערגעצויגן אַ סך־הכל פון וויכטיקע טעטיקייטן און גרויסע דערגרייכונגען פון דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרדן, וואָס פאַרנעמט אַ זייער אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דעם אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן דאָ אין לאַנד.

לכבוד דעם 30־יאָריקן יובילעאום פון פאַרבאַנד האָבן נאָענט צו הונדערט אידישע שרייבער און דיכטער, וואָס זיינען מיטגלידער אין פאַרבאַנד, פאַרעפנטלעכט דעם פאָלגענדן רוף:

מיר, אידישע שריפטשטעלער און דיכטער, מיטגלידער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווענדן זיך צו אייך, אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, מיט אַן ערנסטן רוף.

נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק האָבן מיר ניט דורכגע־לעבט אַזאַ טראַגישע צייט ווי די איצטיקע.

די בלוטיקע געשעענישן אין די לעצטע יאָרן האָבן נאָך אַמאָל קלאָר באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז די אידישע מאַסן זיינען שטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם שווערסטן גורל פון געזעלשאַפטלעכער צעטרייסלונג.

מיר לעבן דורך דעם טיפסטן נשמה־ציטער, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם גורל פון די אידישע מאַסן אין די היטלער־פאַרשקלאַפטע לענדער. מיר ווערן נאָר געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז דער היטלעריזם און פאַשיזם וועלן שנעל פאַרניכטעט ווערן, און דורך דעם זיג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן און פאַר יעדן פאָלק.

אַ גרויסע טרייסט פאַר אַ בעסערן און שענערן מאָרגן פאַרן אידישן פאָלק רופט ביי די אידישע מאַסן אַרויס דער גלויבן, אַז אונזער פאָלק וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אויפצובויען ארץ־ישראל אַלס אידיש־נאַציאָנאַלע היים.

אין די לעצטע 50 יאָר האָט דער ציוניזם, אַלס גרויסע פרייהייטס־באַוועגונג, געשטאַרקט דעם כבוד פון אידישן פאָלק. עס זיינען אין ארץ־ישראל אויפגעבויט געוואָרן וויכטיקע עקאָנאָמישע און קולטור־פּאָזיציעס, וואָס האָבן דערוואָרבן פאַר אונזער פאָלק די אַנערקענונג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער אויף אונזער רעכט אויפצובויען דאָס לאַנד פון אידישער האָפענונג.

אין דער גרויסער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג און אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל שפּילן די אידישע אַרבעטער די וויכטיקסטע ראָלע. באַזונדערס האָט זיך דער אידעאַליזם, פאָלקס־געטריישאַפט, קאַמפּס־גרייטקייט און בויאונג־פעאיקייט פון די אידישע אַרבעטער אַרויסגעוויזן אין ארץ־ישראל דורך די טעטיקייטן פון דער הסתדרות — די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ציילט שוין איצט אין אירע רייען העכער 150 טויזנט אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן ווי אַ פאַראייניקטע מחנה באַוויזן אויפצובויען די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין לאַנד.

אָבער אויך דאָ, אין אידישן לעבן אין אַמעריקע, זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע אַנטוויקלונגען, וואָס ציגן, אַז אין די אידישע מאַסן ווערט געשטאַרקט דער ווילן פון אונזער פאָלק צו בלייבן לעבן אַלס פאָלק אין דער משפחה פון אַלע פרייע פעלקער. עס איז אויפגעקומען אַ בעסערע פאַרשטענדעניש פאַרן אידישן וואָרט, פאַר דער אידישער קולטור, פאַר אידישער דערציאונג און פאַר אַלע שאַפונגען פון אידישן פאָלק.

די אַלע דערשיינונגען און אַנטוויקלונגען אין אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן ווערן געשטאַרקט פון געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע כוחות, וואָס האָבן אַ געהעריקע פאַרשטענדעניש און אַ טיפן ווילן די דערשיינונגען צו פאַרוואַנדלען אין קאָנסטרוקטיווע דערגרייכונגען.

מיט צופרידנהייט ווייזן מיר אָן, אַז איינע פון די וויכטיקסטע אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־כוחות דאָ אין לאַנד, וואָס האָט פאַר די לעצטע 30 יאָר געווירקט אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן, קולטור־ און אַרבעטער־לעבן, איז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד — די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פון ערשטן טאָג פון איר גרינדונג פאַרבונדן וויכטיקע נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און

קולטור־אַקטיוויטעטן מיט פּראַקטישער פראַטערנאַלער הילף פאַרן יחיד. דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק מוטיק געקעמפט און געווירקט צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די אידישע מאַסן און אַרויסצורופן ליבע צו אַלע קולטור־שאַפונגען פון אידישן פאָלק, און אויך געטריי געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די בויער פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער צוקונפט אין ארץ־ישראל.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז נאָך דעם זיג פון די דעמאָקראַטישע פעלקער, ווען היטלעריזם און פאַשיזם וועלן זיין פאַרניכטעט און די וועלט וועט צוריק איבערגיין צו אַ נאָרמאַלן, פּראָדוקטיוון לעבן, וועלן מוזן אין אַמעריקע אונטערגענומען ווערן ריזיקע טעטיקייטן, וואָס וועלן מיט זיך טראָגן גרויסע פאָלקס־פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. די טעטיקייטן וועלן אויף זיך מוזן נעמען די אָרגאַניזירטע כוחות פון אַמעריקאַנער אידנטום. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־

קבוץ „איחוד" אויפן נאָמען פון בלומע ווייַן אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן, פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיטן ח' סיגאַל אין פעברואַר 1946.

פאַרבאַנד וועט זיך זיכער שטעלן אין די ערשטע רייען צו טראָגן די פאָלקס־פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און צו דערפילן מיט געטריישאַפט די אויפגאַבן, וואָס די געשיכטע וועט אויף אונז אַרויפלייגן פאַרן ווייטערדיקן קיום פון אידישן פאָלק.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַרענדיקט היינטיקס יאָר 30 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, טעטיקייטן און דערגרייכונגען. מיר האָבן אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט די טעטיקייטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגעפירט. מיר האָבן מיט צופרידנהייט זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע, כדי מיטצוהעלפן דעם פאַרבאַנד אין זיינע וויכטיקע אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־טעטיקייטן. מיר זיינען איבערצייגט, אַז ווען דער פאַרבאַנד וועט שטאַרקער ווערן אָרגאַניזאַטאָריש, וועט ער אין אַ גרע־

סערער מאָס קענען דערפילן די אויפגאַבן, וואָס די נויטן פון אידישן פאָלק לייגן אויף אים אַרויף, ספּעציעל אין דער איצטיקער שווערער צייט.

לכבוד דעם 30־יאָריקן יובילײ פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד שיקן מיר אונזער רוף צו יעדן איד, מאַן אָדער פרוי, און צו אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס:

שליסט זיך אָן אַלס מיטגליד אין פאַרבאַנד! קומט אַריין אין אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז אָרגאַניזאַטאָריש פאַרצווייגט אין אַ גרויסער צאָל שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און וואָס דינט אויף אַ פּראַקטישן אופן די נויטן פון זײנע מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס. שליסט זיך אָן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט און ווירקט פאַר אַלע אידישע פאָלקס־אינטערעסן און קעמפט אין אידישן און אַלגעמיינעם לעבן פאַר פּרינציפּן פון פרייהייט, גערעכטיקייט און דעמאָקראַטיע!

אונטערגעשריבן:

א. אויערבאַך
א. אַלמי
ב. אלקוויט
שלום אַש
ד. איזאַקאָוויטש
מ. באַסין
א. וו. בידערמאַן
ד״ר ש. ביקל
א. בערגער
פ. בימקאָ
ה. גאָלד
ב. צ. גאָלדבערג
יעקב גלאַטשטיין
חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער)
ברוך גלאַזמאַן
א. גלאַנץ (לעיעלעס)
ש. גראָדזענסקי
חיים גרינבערג
משה דוכאָווני
אָסיפּ דימאָוו
י. האָראָוויץ
ש. הורוויץ
פּרץ הירשביין
ד״ר ב. ווײנריב
שלמה ווייסמאַן
מ. בלעכמאַן
יצחק זאַר
י. זיפער
ז. זילבערצווייג
ל. חפץ
ד״ר א. טאַרטאַקאָווער
ז. טיגעל
ח. טקאַטש
י. ל. טעלער
מרדכי יאָפע
חיענע יאָפע
פ. יאָסינאָווסקי
ש. יודסאָן
מ. ירדני
ד״ר צבי כהן
לאָלאָ
א. לוצקי
ש. לעוו
י. ליבמאַן
ד״ר ש. מאַרגאָשעס
י. וו. מאַרקוס
ד״ר א. מוקדוני
ד. ל. מעקלער
מ. מלמד
ד״ר וו. נאַטאַנסאָן
א. ניסענזאָן
י. מ. נירענבערג
ד״ר ש. סיימאָן
ש. סאַפיר
מערי סירקין
מ. סעמיועל
ה. סעקלער
ח. עהרענרייך
י. ענטין
נ. פאָמעראַנץ
א. פאָזי
ד״ר י. פאַלישוק

דוד פינסקי	פנחס רודאַי
חיים פעט	ה. רויזענבלאַט
יעקב פישמאַן	מ. ריבלין
משה פרייליכאָוו	א. רעוואָוצקי
ש. ז. צוקערמאַן	י. י. שוואַרץ
נ. קאַנטאָראָוויטש	מאַרק שווייד
י. קוצענאָגי (קיץ)	חיים שויס
א. קריטשמאַר־איזרעאלי	ז. שוסטער
י. ראַבינאָוויטש	זלמן שניאור
ש. ראַסקין	ל. שפּיזמאַן
ל. ראָזאָף	יוסף שלאָסבערג
ב. רעסלער	תלוש
א. רייכמאַן	יעקב לעשצינסקי

דעם פאַרבאַנד'ס טעטיקייטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן אין סעפּטעמבער, 1939, איז פאַר דער לייטונג פון פאַרבאַנד קלאָר געוואָרן, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געשטעלט געוואָרן פאַר אויסערגעוויינלעך־וויכטיקע אויפגאַבן.

זינט 1933, ווען דער היטלעריזם האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד און אָנגעפאַנגען אַ מאַסן־פאַרניכטונג פון אידן און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער פאַרבאַנד, ווי די אידיש־געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע בכלל, זיך באַמיט אין אַ גרויסער מאָס צו ברענגען קאָנצענטרירטע הילף און דערלייכטערונג פאַר דעם אייראָפּעאישן אידנטום. גלייכצייטיק זיינען אָנגענומען געוואָרן אַ רייע מיטלען (בויקאָט און אַנדערע) כאָטש טיילוויז צו מאַכן פילן די היטלעריסטישע מערדער, אַז די עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע איז אַנטשלאָסן ניט צו דערלאָזן די פאַרשפּרייטונג פון דער היטלער־מגפה. ליידער איז ניט געלונגען, אַז דער דרוק זאָל אָננעמען רעאַלע פאָרמען. די דעמאָקראַטישע פעלקער אין דער וועלט האָבן ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די גרויסע געפאַר פון היטלעריזם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און עס זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן קיין גענוגנדע אַגרעסיווע מיטלען דעם היטלעריזם צו פאַרניכטן אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, באַזונדערס נאָך דעם ווי פוילן איז באַזיגט געוואָרן און די דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן אין פוילן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער נאַצישער שקלאַפעריי, איז דאַן קלאָר געוואָרן, אַז די וועלט בכלל און באַזונדערס די אידן אין די פרייע לענדער זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אויסערגעוויינלעך־גרויסע אויפגאַבן אין דעם קאַמף צו ראַטעווען וויפיל עס איז נאָר מעגלעך אידישע לעבנס און אידישע פּאָזיציעס. (די טעטיקייטן אויף דעם געביט ווערן באַהאַנדלט אין אַנדערע קאַפּיטלען אין דעם בוך.)

אין דעם קאַפּיטל ווילן מיר זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף דער ראָל פון פאַרבאַנד אין דער מלחמה־פירונג פון אַמעריקע און אויף דעם אופן ווי אַזוי די אָרגאַניזאַציע און אַלע אירע מיטגלידער זיינען מאָביליזירט געוואָרן צו העלפן

אין די מלחמה־אַנשטרענגונגען פון אַמעריקע. די טעטיקייטן זיינען באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק נאָך דעם פאַררעטערישן אַנפאַל פון יאַפּאַן אויף פּירל האַרבאָר און נאָך אַמעריקעס אַקטיוון אַריינטרעטן אין דער מלחמה, דעם 8טן דעצעמבער, 1941.

די מלחמה־אַנשטרענגונגען האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן פילן אין יעדן צווייג פון פאַרבאַנד און פאַקטיש אין יעדער פאַרבאַנד־משפחה. נאָענט צו 2,000 מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען גערופן געוואָרן צו אַקטיווער דינסט אין די פאַרשידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען, אויך אַרום 5,000 קינדער פון חברים, וואָס זיינען אַליין ניט געווען דירעקט אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד. דער פאַקט וואָס די קינדער פון די חברים זיינען גערופן געוואָרן פאַר מלחמה־דינסט האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם אויפן לעבן פון זייערע משפחות און במילא אויך אויפן לעבן און טעטיקייט פון פאַרבאַנד.

די ברענטשעס אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד האָבן גלייך איינגעשטעלט אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די חברים אין דער אַרמיי און מיט די קינדער פון די חברים. ביי די מערסטע פאַרזאַמלונגען פלעגט מען פאָרלייענען בריוו, וואָס די סאָלדאַטן אויף די פראָנטן האָבן צוגעשיקט צו זייערע היימען. כמעט אַלע ברענטשעס האָבן איינגעפירט דאָס שיקן מתנות צו די, וואָס געפינען זיך אין דער אַרמיי. די מתנות האָבן פאַרשטאַרקט די קאָנטאַקטן און אַרויסגערופן די טיפסטע געפילן פון דאַנקבאַרקייט מצד די, וואָס זיינען געווען אין דינסט.

אויף אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב האָט די הויפּט־לייטונג איינגעפירט דעם מנהג צו שיקן מתנות צו די חברים־סאָלדאַטן און צו די קינדער פון די חברים, ווי אויך די פּובליקאַציעס אַרויסגעגעבן פון די באַוועגונגס־אָרגאַנען און אויף אַזאַ אופן געהאַלטן נאָענט פאַרבונדן די חברים אין דער אַרמיי מיט אַלע פּאַסי־רונגען און טעטיקייטן אין דער באַוועגונג און אויך אין אַ גרויסער מאָס פאַר־לייכטערט דעם געמיט־צושטאַנד פון די, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פאַר־שידנסטע מיליטערישע אָפּטיילונגען. די הונדערטער בריוו, וואָס די פאַרבאַנד־לייטונג האָט געקראָגן פון די סאָלדאַטן, אויסדריקנדיק דאַנקבאַרקייט פאַר די מתנות, שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאָר אינטערעסאַנטן קאַפּיטל אין לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע.

די פאַרבאַנד־לייטונג האָט אויך עטלעכע מאָל אונטערגענומען גרויסע אַקציעס פאַר דעם פאַרקויף פון מלחמה־באַנדס צו העלפן אונזער רעגירונג אין אַלע אירע אַנשטרענגונגען צו פאַרניכטן דעם היטלעריזם. די דאָזיקע אַקציעס זיינען געווען אַ גאָר גרויסער דערפאָלג.

אַ קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג באַווייזט, אַז דער פאַרבאַנד האָט אין די יאָרן פון 1941 ביז 1946 פאַרקויפט מלחמה־באַנדס פון די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער רעגירונגען צווישן זיינע מיטגלידער פאַר דער סומע פון ווייניקסטנס 10 מיליאָן דאָלאַר. אַלס רעזולטאַט פון דעם גרויסן דערפאָלג האָט די אַמערי־קאַנער רעגירונג איינעקע מאָל אויסגעדריקט אָנערקענונג דעם פאַרבאַנד דורך רופן וויכטיקע קריגס־מכשירים אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד, כדי דערמיט צו סימ־באָליזירן די לאָיאַליטעט פון דער אָרגאַניזאַציע און פון אירע מיטגלידער צו דער

קריגס־פירונג. אזוי, צום ביישפיל, האָט די רעגירונג געבויט אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד צוויי עראָפּלאַנען און עטלעכע האָספּיטאַל־אַמבולאַנסן — איינעם אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם היימי עפּשטיין פון ברענטש 54 אין אָמאַהאַ, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די פאַרדינסטפולסטע העלדן אין איצטיקן קריג.

אַ באַזונדערס גרויסן אָנזען האָט געמאַכט אויף דער עפנטלעכקייט דער פאַקט, וואָס די רעגירונג האָט געבויט פאַרן פאַרבאַנד אַ ליבערטי־שיף אויפן נאָמען פון ד״ר נחמן סירקין. די שיף איז אין דעצעמבער, 1943, אַרונטערגעלאָזט געוואָרן אין די וואַסערן פון ניו אָרליאַנס אין דער אָנוועזנהייט פון אַרום 5,000



לואי סיגאַל מיט אַ גרופּע חברים אין לאָדזש.

מענטשן מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, פון דער אַרמיי און נייווי און פון דער הויפּט־לייטונג פון פאַרבאַנד.

אין די מערסטע פאַרבאַנד־ברענטשעס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע קלובן פון חברים און מיטגלידער פון די משפחות צו געבן בלוט דורכן „רויטן קרייץ״ צו פאַרלייכטערן די ליידן פון די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן אויף די שלאַכט־פעלדער. אין פיל פעלער האָבן פאַרבאַנד־מיטגלידער געוואַרט שעה׳ן־לאַנג, כדי צו דערפילן זייער חוב צו אַמעריקע אין קאַמף פאַר דער פאַרניכטונג פון היט־לעריזם און פאַשיזם.

די לייטונג פון פאַרבאַנד, ווי אויך אַלע ברענטשעס, האָבן זיך אַקטיוו באַ־טייליקט אין אַלע אַקציעס, אונטערגענומען פון „רויטן קרייץ" אויפן געביט פון זאַמלונגען פון געלט און אַנדערע זאַכן, אויך אין די אַקציעס פון יו. עס. אָ., וואָס האָבן געזאָרגט פאַר פאַרווײַלונגס־מעגלעכקייטן און גאַסטפרײַנטלעכקייט פאַר די סאָלדאַטן.

אַ טייל ברענטשעס פון פאַרבאַנד האָבן אײַנגעפירט ספּעציעלע קלובן אויפ־צונעמען אידישע סאָלדאַטן מיט דער וואַרעמסטער גאַסטפרײַנטלעכקייט און זיי כאָטש טיילווײַז פאַרלײַכטערן זייער עלנטקייט און בענקשאַפט נאָך זייערע נאָ־ענטסטע און טײַערסטע.

אויף אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב זײַנען בײַ פיל געלעגנהייטן אײַנגעאָרדנט גע־וואָרן ספּעציעלע אונטערנעמונגען פון די צווײַגן און פון די פאַרשידענע שטאָט־קאָמיטעטן, בײַ וועלכע עס איז באַריכטעט געוואָרן וועגן די טעטיקייטן פון פאַר־באַנד אויף אַלע געביטן פון דער מלחמה־אָנשטרענגונג. בײַ די מערסטע אונ־טערנעמונגען זײַנען אויפגעטראָטן לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע רעגירונגס־פאָרשטיי־ער, וועלכע האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז דער פאַרבאַנד פאַרנעמט אַ גאָר אָנגע־זעענעם פּלאַץ אין אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס אַמעריקע מאַכט פאַר דער מלחמה־פירונג און אַז די אָרגאַניזאַציע און אירע מיטגלידער ווײַזן אַרויס אַן אויסערגע־ווײַנלעכע צוגעבונדנקייט צום לאַנד און די העכסטע געטרײַשאַפט צו זײַנע דע־מאָקראַטישע פּרינציפּן.

אין פאַרבינדונג מיט די קריגס־אַקטיוויטעטן פון פאַרבאַנד האָט אויך די אָרגאַניזאַציע אין פאַרלויף פון די מלחמה־יאָרן מיט אַ סך ענטוזיאַזם אָנגעפירט געלט־זאַמלונגען פאַרן יונײַטעד בײַשאַנס רעליף, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ פאָנד וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו העלפן אַלע פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע פון היטלעריזם און די מלחמה־לײַדנדע פון אַלע פעלקער. אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג איז פון פאַרבאַנד געמאַכט געוואָרן פאַרן בריטיש וואָר רעליף, פאַר דעם הילפס־פאָנד פאַר כינע, פאַרן ראַשען וואָר רעליף, פאַרן ספּעציעלן הילפס־פאָנד פאַר גריכנ־לאַנד און פאַר אַ רייע אַנדערע פאָנדן. דער פאַרבאַנד האָט אויך דורכגעפירט אַ ספּעציעלע אַקציע פאַר אַ הילפס־פאָנד פאַר דער שוועדישער רעגירונג אַלס דאַנקבאַרקייט צו איר פאַר ראַטעווען די אידן פון דענעמאַרק, ווען די היטלעריס־טישע מערדער האָבן געוואָלט דורכפירן די דעפּאָרטאַציע און פאַרניכטונג פון די דאָרטיקע אידן. דער פאַרבאַנד האָט געקראָגן אויסדרוקן פון טיפסטן דאַנק פון אַלע הילפס־קערפּערשאַפטן און פון די רעגירונגען אין דענעמאַרק און אין שוועדן פאַר דעם וואַרעמען אינטערעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעוויזן אין אַלע טעטיקייטן, וואָס האָבן געבראַכט דערמוטיקונג און דערלײַכטערונג פאַר טויזנטער לײַדנדע.

דער פאַרבאַנד האָט אויך אין פאַרלויף פון די מלחמה־יאָרן אָנגעפירט אינ־טענסיווע אַקציעס צו העלפן די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע אין איר אונטערערדישער טעטיקייט און שטאַרקן און דערמוטיקן איר העראָאישן קאַמף. אויף אַ באַזונדערס ברייטן פאַרנעם זײַנען דורכגעפירט געוואָרן די אַק־

ציעס צו העלפן די העראָאישע קעמפער אין די געטאָס פון פוילן, וואָס האָבן אַריינ־געשריבן אַ הערליך בלאַט אין דער געשיכטע פון אידישן העראָאיזם און דורך זייערע ליידן און קאַמפן זיך באַמיט הויך צו האַלטן די פאַן פון אידישן כבוד, און כאַטש טיילוויז צו נעמען נקמה פאַר די מאָרד־אַקטן פון די נאַצישע רוצחים.

די דאָזיקע טעטיקייטן האָבן אין די רייען פון פאַרבאַנד אַרויסגערופן דעם טיפסטן אינטערעס און די וואַרעמסטע באַציאונג. יעדעס מאָל ווען אַן אַקציע פאַר די צוועקן איז אונטערגענומען געוואָרן, איז דער אָפּרוף געווען זייער אַ וואַרעמער, באַגלייט מיט די הייליקסטע געפילן, דעמאָנסטרירנדיק די סאָלידאַריטעט פון פאַרבאַנד און פון זיינע מיטגלידער מיט די העראָאישע קאַמפן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע.

הילף און רעקאָנסטרוקציע פאַר די אידישע מאַסן אין אייראָפּע

אין די רייען פון פאַרבאַנד איז אין די לעצטע יאָרן רייף געוואָרן דער באַוואוסטזיין, אַז דער פאַרבאַנד מוז ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אַלע טעטיקייטן אויף די געביטן פון הילף און רעקאָנסטרוקציע פאַר די אידישע מאַסן אין די אייראָפּעאישע לענדער.

עמבלעם פון אידישן פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנקרייך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט פאַרנומען אַ זייער חשוב'ן אָרט אין די הילפס־טעטיקייטן פאַר די אידן אין אייראָפּע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אָרגאַניזאַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וויכטיקן כוח אין „פּיפּלס רעליף" און האָט אין אַלע טעטיקייטן פון דער פאָלקס־קערפּערשאַפט בייגעטראָגן זייער פיל, סיי אין געלט־מיטלען ווי אין איר געטריישאַפט און איבערגעגעבנהייט.

דער גרויסער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק, אַלס רעזולטאַט פון דער פינסטערער היטלעריסטישער הערשאַפט, האָט אין די רייען פון פאַרבאַנד אַרויסגערופן אַ טיפע אומרואיקייט און אַ דראַנג אָנצופירן הילפס־טעטיקייטן אויף אַזאַ מאַסשטאַב, וואָס זאָל כאַטש טיילוויז העלפן פאַרלייכטערן די גרויסע בויט און דעם פיין, וואָס די לעבן־געבליבענע אידן אין אייראָפּע לעבן איבער.

דער פאַרבאַנד האָט אויך שטענדיק געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז הילפס־טעטיקייטן זיינען אין די מערסטע פאַלן אויך פאַרבונדן מיטן אויפבוי פון אידיש־נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק געוואוסט, אַז די ציוניסטישע אַרבעטער־עלעמענטן, באַזונדערס די, וועלכע זיינען

פאַרבונדן מיט דער פּועלי ציון וועלט־באַוועגונג און מיט דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, זיינען פון די אַקטיווסטע און געטרייסטע אין אַלע הילפס־טעטיקייטן אין יעדן לאַנד, זוכנדיק צו ברענגען טרייסט און האָפענונג פאַר די אידישע מאַסן און זוכנדיק גלייכצייטיק אַריינצוברענגען אין דער הילפס־אַרבעט מער פאָלקס־באַוואוסטזיין, אַ מער נאַציאָנאַלן גייסט און דער עיקר — פאַרבינדן יעדע אידישע טעטיקייט אין איראָפּע מיט דער האָפענונג און שטרעבונג, וואָס די אידישע מאַסן האָבן, זיך צו פאַרבינדן מיט ארץ־ישראל און העלפן בויען די אידישע צוקונפט אין אַן אייגן לאַנד.

דער פאַרבאַנד איז דערפאַר שטענדיק געווען אינסטרומענטאַל ביים וועקן די פאַרשטענדעניש פון דער באַוועגונג פאַר דער נויטווענדיקייט צו דערגרייכן גרעסערע רעזולטאַטן אויף אַלע געביטן פון הילפס־טעטיקייט פאַר די ליידנדע אידישע מאַסן אין איראָפּע און באַזונדערס פאַר די טעטיקייטן און אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער פאַרבאַנד האָט אויך געזוכט אַריינצוברענגען דעם באַוואוסטזיין אין דער באַוועגונג וועגן דער נויטווענדיקייט, אַז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד זאָל ווערן דער פּיאָנער פאַר אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן צו דערגרייכן גרעסערע אָנשטרענגונגען און רעזולטאַטן אויפן הילפס־געביט.

אין לויף פון די דיסקוסיעס, וואָס זיינען אין דער באַוועגונג געפירט געוואָרן, איז קיינמאָל ניט געוואָרן באַצווייפלט די נויטווענדיקייט, אַז מצד דער באַוועגונג דאַרפן דערגרייכט ווערן גרעסערע רעזולטאַטן אויפן הילפס־געביט און אַז די באַוועגונג אין אַמעריקע דאַרף ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר (אָרגאַניזאַטאָריש און געזעלשאַפטלעך) אין דער הילפס־אַרבעט, האָבנדיק די איבערצייגונג, אַז הילפס־טעטיקייטן קענען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון פּאָליטישער ווירקונג און פון געזעל־שאַפטלעכע דערגרייכונגען.

עס זיינען אָבער געווען ערנסטע מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן די מעטאָדן און וועגן, וואָס דאַרפן אָנגעווענדעט ווערן, כדי דעם ציל צו דערגרייכן. עס איז געווען אַ פראַגע, צי עס איז דער בעסטער וועג צו שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפט פאַר הילף און רעהאַביליטאַציע, אָדער די כוחות פון דער באַוועגונג זאָלן ווי געהעריק מאָביליזירט ווערן אין אַנדערע עקזיסטירנדע הילפס־אינסטאַנצן. עס איז אויך געווען אַ פראַגע, צי די נייע קערפּערשאַפט זאָל זיך באַמיען צו מאָבי־ליזירן אַלע אַרבעטער־ און פאָלקס־כוחות, וואָס זיינען גרייט מיטצואַרבעטן אויף אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־פּראָגראַם אויפן געביט פון הילף, אָדער די קערפּערשאַפט זאָל זיך קאָנצענטרירן נאָר אויף די כוחות פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַלע דיסקוסיעס איז געווען אַ קלאָרע איינשטעלונג, אַז וועלכע אָרגאַניזאַטאָרישע שריט די באַוועגונג וועט אָננעמען אין דער באַשאַפונג פון אַ הילפס־קערפּערשאַפט, וועט אָבער געטריי אָפּגעהיטן ווערן דער יונייטעד דזשואיש אַפּיל — דער פאַראייניקטער פאָנד פאַר הילף פאַרן איראָפּעאישן אידנטום און פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, פאַר וועלכער די באַוועגונג און די מיטגלידער טראָגן צו מיליאָנען דאָלאַר יעדעס יאָר און פיל פון אירע מיטגלידער פאַרנעמען

בכבוד׳יקע פּאָזיציעס אין דעם יונייטעד דזשואיש אַפּיל (דורך די טשעסטס און וועלפעיר־פאָנדן) אין די אידישע קהילות אין לאַנד.

אין פאַרלויף פון דער צייט, ווען די דיסקוסיעס וועגן די אויבן־דערמאָנטע פּראָבלעמען זיינען אין פאַרבאַנד און אין דער באַוועגונג געפירט געוואָרן, זיינען אָבער גלייכצייטיק דורכגעפירט געוואָרן געלט־אַקציעס פון פאַרבאַנד מיט דער הילף פון די אַנדערע צווייגן פון דער באַוועגונג, וואָס האָבן געבראַכט באַדייטנדע רעזולטאַטן. די געלט־אַקציעס האָבן זיך מערסטנס באַגרענעצט צו העלפן די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די אייראָפּעאישע לענ־דער, צו שטאַרקן זייערע אונטערערדישע טעטיקייטן, ווי זייערע טעטיקייטן אויף

אַ שומר אויף דער וואַך פאַר אַ קבוץ אין פוילן.

די געביטן פון הילף, אידישע קולטור אאַ״וו און שאַפן אַ געהעריקע פּאָליטישע פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין די אייראָפּע־אישע לענדער.

סוף 1945 האָט ענדלעך די באַוועגונג געשאַפן אַ ציוניסטישן אַרבעטער־הילף־ און רעהאַביליטאַציע־קאָמיטעט מיטן צוועק צו שאַפן הילף פאַר די אידישע מאַסן אין די אייראָפּעאישע לענדער און פאַר אַלע טעטיקייטן, וואָס די באַוועגונג אין די אייראָפּעאישע לענדער פירט אָן לטובת די העכסטע אידישע אינטערעסן.

אין דער זעלבער צייט האָט חבר לואי סיגאַל, סעקרעטאַר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אָנגענומען די איינלאַדונג פון אידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג צו באַזוכן פוילן ווי אויך אַ צאָל אַנדערע לענדער אין מערב־אייראָפּע, כדי זיך צו באַקענען מיט דער אידישער לאַגע, מיט די טעטיקייטן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען און פון די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַלס רעזולטאַט פון זיינע אויספאָרשונגען זאָל דער הילפס־קאָמיטעט פון דער באַוועגונג האָבן די אויפגאַבע דורכצופירן אַ פאַרצווייגטע הילפס־אַרבעט אין איינקלאַנג מיט די נויטן פון אייראָפּעאישן אידנטום און פון די אינסטאַנצן פון דער באַוועגונג.

חבר ל. סיגאַל׳ס באַזוך אין אייראָפּע איז אויך גלייכצייטיק פאַרבונדן געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער הילפס־אַקציע, אָנגעפירט אין די צווייגן פון פאַרבאַנד, כדי

דער עמבלעם פון די חלוצים - פאַרטיזאַנען
אין פוילן.

צו שאַפן אַ געוויסע סומע מעגלעך צו מאַכן, אַז חבר סיגאַל זאָל קענען ברענגען עפעקטיווע הילף פאַר די באַוועגונגס־אינסטאַנצן אין פוילן און אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

חבר סיגאַל׳ס באַזוך אין פוילן און אין אַ צאָל אייראָפּעאישע לענדער האָט געדויערט אַרום דריי חדשים. זיין טעטיקייט און אויספאָרשונגען אין די לענדער האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין די ברייטסטע געזעלשאַפטלעכע קרייזן דאָ אין לאַנד און איז געוואָרן שטאַרק אָפּגעשאַצט פון פיל אידן אין די באַזוכטע

לענדער און באַזונדערס פון די דאָרטיקע ציוניסטישע אַרבעטער־אינסטאַנצן, וואָס האָבן דורך חבר סיגאַל געפונען די ערשטע דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג אין אַמעריקע זינט דעם אויסברוך פון קריג.

דער ציוניסטישער אַרבעטער הילפס־קאָמיטעט האָט נאָך חבר סיגאַל׳ס צוריקקומען אָנגענומען אַ ברייטן פּראָגראַם פון טעטיקייטן אויפן הילפס־געביט. דער טעמפּאָ פון דער אַרבעט איז געוואָרן לעבעדיקער, די צילן און אויפגאַבן קלאָרער און די איבערגעגעבנהייט מצד די באַוועגונגס־אינסטאַנצן צו אונזערע הילפס־טעטיקייטן — טיפער און שטאַרקער.

דער ציוניסטישער אַרבעטער הילפס־קאָמיטעט איז פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער הילפס־טעטיקייט פאַר די אידישע מאַסן און פאַר דער באַוועגונג אין איראָפּע. ער גרופּירט שוין אַרום זיך באַדייטנדע קרייזן פון נאַציאָנאַל־געשטימטע פאָלקס־עלעמענטן אין אַמעריקע, וואָס ווערן אידעאיש און געזעלשאַפטלעך באַווירקט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די באַשאַפונג פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער הילפס־קאָמיטעט האָט אין די איראָפּעאישע לענדער, אויך אין ארץ־ישראל, אַרויסגערופן דעם וואַרעמסטן אינטערעס. דער קאָמיטעט האָט געקראָגן פון וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און באַוועגונגס־אינסטאַנצן און פון אָנפירנדע פּערזענלעכקייטן באַגריסונגען און אָנערקענונג פאַר די שריט, וואָס די באַוועגונג אין אַמעריקע האָט געמאַכט צו שטאַרקן און פאַרגרעסערן די טעטיקייטן אויפן געביט פון הילף און רעהאַביליטאַציע פאַר די נויט־ליידנדע אידן און פאַר די טעטיקייטן און אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די לענדער פון איראָפּע.

שלוס־וואָרט

דער איבערבליק איבער די טעטיקייטן און דערגרייכונגען פון פאַרבאַנד שעפּט זיכער ניט אויס אַלע פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגעפירט אין די יאָרן 1924—1946, דער פּעריאָד, אויף וועלכן דער שרייבער האָט זיך קאָנצענטרירט. דעם פאַרבאַנד׳ס אַקטיוויטעטן זיינען אַזוי פאַרצווייגט און רירן אָן אַזוי פיל פּאַזן פון דעם אידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־לעבן, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו געבן אַפילו אַ קורצע רעזומע אין אַ באַגרענעצטן אַרטיקל וועגן העכער 20 יאָר טעטיקייטן, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דער אָרגאַניזאַציע — 20 יאָר, וואָס זיינען געווען אַזעלכע טראַגישע אין אונזער אידישן פאָלקס־לעבן, ווען יעדער טאָג האָט אַרויסגערופן נייע פּראָבלעמען און נויטן און דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק געזוכט צו געבן אַן אויסדרוק פון זיין טיפן אינטערעס צו אַלע פּאַסירונגען אין אידישן און אַרבעטער־לעבן.

מיר קענען אָבער מיט רעכט אונטערשטרייכן, אַז דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז פון די געצייל̈טע קערפּערשאַפטן אין אַמעריקע, וואָס קענען אָנווייזן אויף אַזעלכע וויכטיקע אַקטיוויטעטן און דערגרייכונגען. דאָס איז מעגלעך געווען דערפאַר, ווייל דער פאַרבאַנד האָט שטענדיק געזוכט זיך צו האַלטן נאָענט צום אידישן פאָלקס־לעבן און דערציען זיינע מיטגלידער צו האָבן אַ טיפע

פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ קאָנסטרוקטיוון ווערט אין לעבן פון די אידישע מאַסן אין אַלע לענדער פון דער וועלט און פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס היימלאַנד פאַר אונזער פאָלק.

אָפשליסנדיק אַ פעריאָד פון טעטיקייטן פון העכער 30 יאָר, קען דער פאַר־באַנד אונטערשטרייכן מיט שטאָלץ, אַז ער האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבוד'יקן פּלאַץ אין אידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. זיין נאָמען און ווירקונג גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון אַמעריקע, זיינע טעטיקייטן און דערגרייכונגען ווערן באַגריסט פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואָס ווילן זען דאָס אידישע לעבן געשטאַרקט און דעם אידיש־נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין מער צעמענטירט אין די ברייטסטע קרייזן פון דער אידישער געזעל־שאַפט.

דעם פאַרבאַנד'ס טעטיקייטן און דערגרייכונגען ווערן באַזונדערס באַגריסט פון אידישן ישוב אין ארץ־ישראל און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירט אין דער הסתדרות, ווייל דער פאַרבאַנד איז טאָג־טעגלעך געווען פאַרבונדן מיט אַלץ, וואָס איז געבויט און דערגרייכט געוואָרן אין ארץ־ישראל און זיין טיפע אָנערקענונג פאַר דער הסתדרות פאַר אַלע אירע דערגרייכונגען, איז שטענדיק פון דער לייטונג און פון דער מיטגלידערשאַפט דעמאָנסטרירט געוואָרן אויפן ברייטהאַרציקסטן אופן.

דער פאַרבאַנד דערנענטערט זיך אינגיכן צו פייערן זיין 35־יעריקן יובל. ער גרייט זיך דורכצופירן די פייערונג אויף אַזאַ אופן ווי עס פאַרדינט זיין נאָמען, זיין פרעסטיזש און זיין אָרגאַניזאַטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע.

די אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע און אין דער גאַנ־צער וועלט ווען אין די קומענדיקע יאָרן ווי ביז איצט באַגלייטן מיט טיפן אינטערעס די טעטיקייטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און זיי וועלן אים אויך ווייטער האָפנטלעך שענקען דעם פולסטן צוטרוי און אָנערקע־נונג פאַר אַלע זיינע באַמיאונגען און דערגרייכונגען לטובת דעם אידיש־נאַציאָנאַלן און קולטור־לעבן אין אַמעריקע, ווי אין דער גאַנצער אידישער וועלט און פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס היימלאַנד פאַר אונזער שווער־געפּלאָגטן פאָלק.

די ראָלע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דעם אידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע

פון פ. גינגאָלד

כדי צו פאַרשטיין דעם קולטור־כאַראַקטער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און די מאָטיוון, וועלכע האָבן גורם געווען, אַז ער זאָל ווערן, שוין גלייך ביי זיין גרינדונג, אַן אינסטרומענט פאַר אידיש־קולטורעלער טעטיקייט, מוז מען זיך פריער באַקענען מיט דעם נאַציאָנאַלן און קולטור־צושטאַנד פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע אין יענער צייט. מען מוז האָבן, פיל־וויניקער, אַ באַגריף וועגן די אידעאישע קאַמפן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין אידישן לעבן. בלויז ווען מען ווייס, ווי די אידישע אַרבעטער־פירער און אידישע אַרבעטער־אינסטיטוציעס פון יענער צייט האָבן זיך באַצויגן און רעאַגירט אויף נאַציאָנאַלע און קולטור־פּראָבלעמען, ערשט דעמאָלט קען מען איינזען, אַז דער פאַרבאַנד איז געקומען ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגן די שעדלעכע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, וואָס האָבן באַהערשט דאָס אידישע לעבן. די גרינדונג פון פאַרבאַנד איז פאָרגעקומען נאָך לאַנגע וויכוחים און נאָך אַן ערנסטן ישוב־הדעת. די ערנסטע פּראָבלעמען פון אידיש־נאַציאָנאַלן און קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע ביים אָנהייב פון הײנטיקן יאָרהונדערט האָבן געשאַפן דעם פאַרבאַנד און האָבן אָנגעצייכנט זיין אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלן און קולטורעלן פּראָגראַם פון טעטיקייטן.

דאָס ניט־פאַרוואָרצלטע אידישע לעבן אין יענער צייט

דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע איז נאָך אין די ערשטע יאָרן פון הײנטיקן יאָרהונדערט געווען אויפגערודערט און האָט נאָך ניט געשלאָגן קיין וואָרצלען. עס האָבן דעמאָלט געהאַלטן כסדר אין אָנקומען נייע אידישע אימיגראַנטן־שטראָמען. אין משך פון 12 יאָר פון 1899 ביז 1910, אין דעם יאָר, ווען דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן, זיינען אַריינגעקומען אין אַמעריקע פון די אייראָפּעאישע לענדער אַריבער אַ מיליאָן אידן. די גרעסערע מערהייט פון דער צאָל, גאַנצע 640,000, זיינען אַריבערגעקומען אין משך פון 5 יאָר.

די אַריבערגעקומענע אידישע באַפעלקערונג האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט גרויסע ענדערונגען אין איר עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב. פון אַ קליינשטעטלדיקער באַפעלקערונג, ווי די אידן זיינען געווען אין אייראָפּע, זיינען זיי אין אַמעריקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס־שטאָטישער, ווייל די מערסטע

אַריבערגעקומענע האָבן זיך דאָ באַזעצט אין די גאַנץ גרויסע שטעט. זיי האָבן געמוזט אַריבערגיין צו נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. פריערדיקע הענדלער און קליינבירגער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין לוין־אַרבעטער. די דאָזיקע ענדערונג האָט דעמאָלט אַרויסגערופן ביי די אידישע אימיגראַנטן אַ סך ערנסטע פּסיכאָ־לאָגישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אַ גרויסע ענדערונג איז אין יענעם פּעריאָד אויך פאָרגעקומען אין דעם גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון די אַריבערגעקומענע. זייער איינגעפונדע־וועט אידיש לעבן איז שוין טיילוויז צעטריסלט געוואָרן נאָך אין דעם שטעטל, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין אייראָפּע, האָבן פאַרשפּראָכן אַ באַלדיקע גאולה שלימה און האָבן פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון דער אידישער יוגנט. די אידישע סאָציאַליס־טישע אַרבעטער און ציוניסטישע באַוועגונגען האָבן רייך געמאַכט דעם אידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש צו קענען אויפנעמען נייע אַריענטאַציעס און זוכן נייע אידעאַלן פאַר אַ שענערער צוקונפט. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס אַריבערקומענדיק קיין אַמעריקע, איז דער אידישער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש געווען גרייט אויפצונעמען נייע אידייען. די פונדאַמענטאַלע פרייהייטן אין אַמעריקע האָבן טאַקע געקענט ווערן דער יסוד, אויף וועלכן עס האָט זיך דאָ געקענט אויפבויען אַ נאַציאָנאַל־אידיש לעבן, וואָס האָט געקענט ווערן אַ קוואַל פון ענערגיע פאַר אידן אין דער גאַנצער וועלט. אָבער צוליב סיבות, וועלכע מען האָט ניט געקענט קאָנטראָלירן, איז די אידישע אַמעריקע פאַרכאַפּט געוואָרן פון עלעמענטן, וואָס ניט נאָר האָבן זיי ניט געזוכט ווייטער צו בויען דאָס אידישע לעבן און ווייטער צו שפּינען דעם אידישן המשך, נאָר זיי האָבן באַוואוסטזיניק געפּריידיקט אידייען פון נאַציאָנאַלן צוזאַמענברוך, אידייען וואָס זאָלן צעשטערן און לויז מאַכן די שייכות און דעם בונד פון דעם אידן אין אַמעריקע מיט אידן אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן אַנטוויקלט טענדענצן אָפּצומעקן דעם גייס־טיקן אידישן פּרצוף און צעשטערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אַ אידישן קולטור־שעפערישן לעבן.

די אַנטי־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען

די נאַציאָנאַל־צעשטערנדיקע אידייען און פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַאיינ־פלוסט דאָס אידישע לעבן אין די יאָרן פון 1881—1910, זיינען געקומען גלייכ־צייטיק פון צוויי ריכטונגען: צוערשט פון דעם לאַגער פון די אידישע רעפאָרמער און נאָכדעם פון דער אידישער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער ריכטונג. די אידן פון דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען קיין אַמעריקע אין גרע־סערע צאָלן אין יאָר 1848. זיי האָבן זיך דאָ גוט איינגעבירגערט און מאַטעריעל באַפעסטיקט. פון דייטשלאַנד, די פעסטונג פון רעפאָרם־אידנטום, זיינען אַהער אַריבערגעקומען די ראַבינער י. מ. וויז, קויפמאַן קאָלער און אַנדערע. די דאָ־זיקע ראַבינער, אָגב זייער פּעאיקע מענטשן, האָבן אָנגעהויבן איינפלאַנצן די רעפאָרם־תורה אין די ניי־געגרינדעטע קהילות פון אַמעריקע. די אידייען פון גייגער און פרידלענדער, אַז אידן זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר בלויז אַ רעליגיעזע

סעקטע, אַז העברעאיש איז אַ טויטע שפּראַך, וועלכע האָט ניט קיין פּלאַץ אין אידישן לעבן, און אַז ירושלים איז ניט מער ווי אַן אָפּגעשטאַרבענער אידישער סימבאָל, איז דעמאָלט געפּריידיקט געוואָרן אויף די העכסטע טענער אין די רעפאָרם־קהילות, וועלכע האָבן זיך אַנגעהויבן שטאַרק צו פאַרשפּרייטן אין לאַנד. אין יאָר 1897, נאָך דער דערשיינונג פון ד״ר הערצל׳ס „יודענשטאַט״ און נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען אין אַמעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע ציוניסטיש־באַוואוסטזיניקע גרופּירונגען, האָבן י. מ. ווייז און קויפמאַן קאָלער שנעל פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון רעפאָרם־ראַבינער. אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיי צוריקגעוויזן יעדן פּאַרזוך פון גרינדן אַ אידישן שטאַט אין ארץ־ישראל. זיי האָבן איבערגע׳חזר׳ט זייער חכמה, אַז „אַמעריקע איז ציון און וואַשינגטאָן איז ירושלים״; זיי האָבן געשטורעמט, אַז „מיר קענען מער ניט בעטן פאַר אומקערן זיך קיין ירושלים, ווייל דאָס איז אַ גאָט־לעסטערונג און אַ ליגן אויף די ליפּן פון יעדן אַמעריקאַנער אידן״. די רעזאָלוציע, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, איז געווען אַ פאַרביסן אַנטי־ציוניסטישע. „ציוניזם״, האָבן זיי באַשלאָסן, „איז שעדלעך פאַר אידן און שטעלט אין סכנה דעם אידישן גורל אין דער גאַנצער וועלט״. אָט אַזוי האָבן זיי באַגעגנט די גרויסע נאַציאָנאַלע אויפלעבונגס־באַוועגונג פון אידישן פאָלק.

אַ באַזונדער פּאַראַכטונג האָבן די יהודים אַרויסגעוויזן צו אידיש און צו דער אידישער קולטור. אין „היברו אינסטיטוט״ (דער שפּעטערדיקער „עדיוקיישאַנעל אַלייענס״), וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט צו אַמעריקאַניזירן די אידישע איסט־סייד פון ניו־יאָרק, האָבן זיי פאַרווערט אַריינצונעמען אידישע ביכער. אין דער לערע פון „אַמעריקאַניזאַציע״, וואָס זיי האָבן אומעטום פאַרשפּרייט, איז ניט געווען אַזוי פיל פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט פאַר אַמעריקע און אירע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, ווי די שנאה צו אַלץ, וואָס איז געווען אידיש־פאָלקסטימלעך און אידיש־נאַציאָנאַל. זייערע אָנפירער, אַליין אַריבערגעקומענע פון דייטשלאַנד, האָבן געפּריידיקט זייער רעפאָרם־תורה אויף דייטש און האָבן פאַרווערט אין זייערע אינסטיטוציעס די אידישע שפּראַך. אַנדערע פון זיי זיינען געגאַנגען אַפילו אַזוי ווייט, ווי אָפּצוקויפן אידישע לערן־אינסטיטוציעס מיט גרויסע ביישטייערונגען מיט דעם באַדינג, אַז זיי זאָלן פון דאָרטן אַרויסוואַרפן די אידישע שפּראַך. אויף דעם מזרח־איראָפּעאישן אידן, וואָס האָט גערעדט אידיש, האָבן זיי געקוקט מיט ביטול (זע זכרונות פון י. קאָפּעלאָוו, 2טער באַנד). זייערע לערן־אינסטיטוציעס האָבן ניט געהאַט קיין אינטערעס צו אַנטוויקלען גייסטיק די אידישע מאַסן און זיי האָבן ניט דערמוטיקט קיין אידישע קולטור־שאַפונגען אין העברעאיש אָדער אין אידיש. זייער גאַנצע אידישקייט איז געווען אַ רעליגיעזע. זייער רעליגיע האָבן זיי אָבער אויסגעטאָן פון אידישן פאָלקסטימלעכן לבוש, פון נאַציאָנאַלער טראַדיציע און פון אידישער רעליגיעזער האָפענונג ווידער אויפצולעבן ווי אַ פאָלק. זייער אַמעריקאַניזאַציע איז אַזוי־אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַקטועלער אַסימילאַציע. די אידישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען פאַרצוזעצן דעם אידישן קיום אין דער גאַנצער וועלט און ווידער אויפצולעבן ווי אַ פאָלק אין ארץ־ישראל, זיינען ניט אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער.

די אַסימילאַציע־טענדענצן פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט

אויב אָבער די השפעה פון רעפאָרמירטן אידנטום אין אַמעריקע האָט דערגרייכט בלויז אַ טייל פון דעם בירגערלעכן אידישן עלעמענט, איז אָבער דער אַסימילאַטאָרישער איינפלוס, וואָס איז געקומען פון אידישע אַרבעטער־פירער, געווען פיל גרעסער און האָט אַריינגעדרונגען אין ברייטערע קרייזן. כדי צו פאַרשטיין די נשמה פון דעם אידישן אַרבעטער אין יענער צייט, מוז מען געדענקען, אַז דער אידישער ניי־אָנגעקומענער אימיגראַנט איז אין אַמעריקע אַריינגעפאַלן ניט נאָר אין אַ נייער סביבה, וועמענס שפּראַך און קולטור איז אים געווען פרעמד, נאָר אַז ער האָט זיך אויך גאָר שנעל דערפילט באַרויבט פון זיין מענטשלעכער חשיבות. די אידישע פאַבריקאַנטן, סיי פון דייטשן און סיי פון מזרח־איראָפּעאישן אָפּשטאַם, האָבן לויט דעם נוסח אַמעריקע אויפגעשטעלט די סוועטשאָפּ־סיסטעם, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון עקספּלואַטאַציע און וואָס האָט דעם אידישן אַרבעטער ממש פאַרוואַנדלט אין אַ שקלאַף. די שכירות זיינען געווען קלעגלעכע, קוים די נשמה צו דערהאַלטן. דערפאַר אָבער זיינען די אַרבעטס־שעה׳ן געווען לאַנגע, פון 12 ביז 14 שעה אַ טאָג. דער היגיענישער צושטאַנד פון די טויזנטער שעפּער איז אויך געווען אַ שרעקלעכער און האָט געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע קראַנקהייטן. די אידישע דיכטונג פון מאָריס ראָזענפעלד, ד. עדעלשטאַט און י. באָוושאָווער איז דער בעסטער עדות אויף דעם ביטערן צושטאַנד, וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס.

דער קליינשטעטלדיקער איד, וועלכער איז אין דער אַלטער היים געווען פאַרהעלטניסמעסיק אַ פרייער מענטש, האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לוין־שקלאַף, און ער האָט גענומען בענקען נאָך זיין אַמאָליקער פרייהייט. די שנאה צו זיין נייעם בעל־הבית איז דערפאַר אַלץ געוואַקסן און געוואָרן גרעסער און שטאַרקער. דער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן זוכן עמיצן, וואָס זאָל אים אַרויספירן פון דער דאָזיקער שווערער לאַגע. די אידייען פון סאָציאַליזם, וועלכע האָבן שוין געהאַט דערגרייכט די אידישע אַרבעטער אין דער אַלטער היים, האָבן איצטער אָנגענומען רעאַלע פאָרמען. די פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס האָבן דערפאַר גענומען שלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבן פון די אידישע אַרבעטער און האָבן כסדר פאַרנומען גרעסערע און ברייטערע פּאָזיציעס. די פירער פון די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם קאַמף צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון אידישע אַרבעטער, זיינען אַזוי־אַרום געוואָרן די טאָן־געבער אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס. זיי זיינען געוואָרן די „כהנים גדולים״, צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס שפּאַנונג. זייער ווילן איז געוואָרן געזעץ, וועלכער איז זייער אָפט אויסגעפאָלגט געוואָרן בלינדערהייט. צום אַרבעטער־פירער, וועלכער האָט דערמוטיקט און פאַרשפּראָכן צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע, האָט די מאַסע אַרויפגעקוקט ווי צו איר דערלייזער.

וואָלט דער אידישער סאָציאַליזם אין יענער צייט ניט געווען בלינד און ניט געווען אָנגעפּילט מיט פאָראורטיילן קעגן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָלט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע געקענט ווערן אַ ברכה פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק. וואָלט די אידישע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע פירער־שאַפט פון יענער צייט פאַרשטאַנען די אידישע נאַציאָנאַלע און קולטור־שעפערי־שע כוחות פון די אידישע מאַסן און זי וואָלט געהאָלפן פאַרפעסטיקן די אידישע שפּראַך און די אידישע קולטור צווישן די אידישע מאַסן, וואָלטן מיר איצט ניט געהאַט אין אַמעריקע אַ דור, וועמען עס איז אינגאַנצן פרעמד דער אידישער מהות. זיינען אָבער די אידישע אַרבעטער־פירער פון יענער צייט געווען קאָסמאָפּאָליטן, וועלכע האָבן באַטראַכט דעם נאַציאָנאַליזם פאַר רעאַקציע און אידישע קולטור ווי אַ שעדלעכע זאַך. דער ווילן צו אידישער זעלבסט־פאַרלייקענונג איז לײדער געווען דער אידעאַל פון דער גרעסטער מערהייט פון אידישע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פירער פון יענער צייט.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די קולטור־אַסימילאַציע, וועלכע איז געפּריידיקט געוואָרן אויף דער אידישער גאַס, איז כדאַי צו באַקאַנען זיך מיט אַ צאָל אינטע־רעסאַנטע פאַקטן.

אויף דעם זיבעטן צוזאַמענפאָר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער סעק־ציע אין דעצעמבער, 1895, איז אין פאַרזאַמלונגס־זאַל געהאַנגען אַ גרויסער אויפשריפט מיט אַזאַ לאָזונג: „מיר זיינען קיינע יודן, זאָנדערן אידיש־שפּרעכנדע פּראָלעטאַריער". (זע: „אמת", 10טן יאַנואַר, 1896).

אויף דעם אַכטן צוזאַמענפאָר פון די אידישע סאָציאַליסטן, אָפּגעהאַלטן דעם 24טן דעצעמבער, 1897, איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „מיר זיינען אידישע סאָציאַליסטן, אָבער ניט קיין סאָציאַליסטישע אידן". (זע: „אַוונטבלאַט", 25טן דעצעמבער, 1897).

דאָס איז אויך געווען דער זין פון דעם אויפרוף אין דער „אַרבעטער־צייטונג" פון 5טן דעצעמבער, 1890: פאַרוואָס מען גרינדעט די „היברו פעדעריישאָן אָוו לײבאָר" — די הייניקע אידישע געווערקשאַפטן. דאָרטן ווערט געזאָגט: „מיר האָבן קיין אידן־פראַגע אין אַמעריקע. די איינציקע אידן־פראַגע, וועלכע מיר אָנערקענען, איז די פראַגע, ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל ניט קומען צו אַזעלכע אידן־פראַגעס"... און „אָפּצומעקן אַלע גרענעצן צווישן איד און ניט־איד אין דער אַרבעטער־וועלט איז איינער פון אונזערע צילן".

אידישע אַרבעטער־צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זיינען דעמאָלט דער־שינען, האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אָפּגעוואָרפן פון זיך דעם חשד פון נאַציאָנאַ־ליזם און אידישער קולטור־טעטיקייט. אַזוי איז זיך מתנצל און פאַרענטפערט זיך גאָר אַ וויכטיקער אַרבעטער־פירער אין 1894, פאַרוואָס די אידישע סאָציאַ־ליסטן גיבן אַרויס דעם זשורנאַל „צוקונפט". צווישן אַנדערע זאַכן, שרייבט ער: „און וואָס דאָ איז אינטערעסאַנטער פון אַלץ, איז דער פאַקט, אַז גראַד סאָציאַ־ליסטן גיבן אַרויס די „צוקונפט", אַזאַ זשורנאַל פון עלעמענטאַרער בילדונג פאַר אידן. דאַכט זיך, אַז ביי די סאָציאַליסטן איז דאָך קיין נפקא־מינה ניט, צי אַ איד צי אַ גוי, דאַכט זיך זיי באַקעמפן דאָך דעם זאָגענאַנטן אידישן פּאַטריאָטיזם,

ווי־זשע קומט עס, וואָס זיי באַשעפטיקן זיך מיט דער בילדונג פון דעם אידן". אויף דעם קומט דער באַרימטער ענטפער פון יענער צייט, אַז מען טוט עס דערפאַר, ווייל „די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער איז די זאַכע פון דעם אַרבעטער אַליין" („צוקונפט", יאַנואַר, 1896).

דער זעלביקער זייער איינפלוסרייכער אַרבעטער־פירער האָט אָנגעשריבן אין 1894 אַן עדיטאָריאַל לכבוד דעם ערשטן מאַי. פאַרלאַנגט ער דאָרטן, אַז די אידישע רעליגיעזע יום־טובים, וואָס פאַרבינדן דעם אידן פון אַמעריקע מיט די אידן פון דער גאַנצער וועלט, זאָל מען אויפגעבן און מען זאָל זיי פאַרבייטן אויף פּראָלעטאַרישע יום־טובים. דעם עדיטאָריאַל פאַרענדיקט ער מיט אַזאַ פערלדיקן אויפרוף: „אַדיע, רעליגיעזע פייערטעג, און אַדיע, נאַציאָנאַלע שמחות... לאָמיר הייבן דעם כוס פאַר פריהייט, גלייכהייט און גליק פון אַ נאַציאָן, וואָס איר פאָטערלאַנד איז די וועלט, וואָס איר רעליגיע איז די ברידער־לעכקייט, וואָס איר תורה איז די וויסנשאַפט".

שאַרפער אָבער פאַר אַלעמען איז פאַר דער אַסימילאַציע אַרויסגעטראָטן דער דעמאָלט באַרימטער אַרבעטער־פירער ב. פייגנבוים. פייגנבוים, אַליין אַ ישיבה־בחור און אַ גוטער לערנער, האָט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס געגאָלטן ווי אַ רב און ער האָט טאַקע גע'פסק'נט שאלות. (אַגב, ער האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ בוך „כשר און טריף"). שרייבט ער אַזוי: „אַסימילאַציע איז אַ ברכה. צו די אַלע שאָדנס, געפאַרן און צרות, איז די זיכערסטע רפואה וואָלטע־טיקע אַסימילאַציע.... איבערהויפּט שטעלט זיך ניט קעגן אָט דער נאַטיר־לעכער טענדענץ אין אַמעריקע, איבערצוקאָכן אַלע אַהער־געקומענע מענטשן אין איין שמעלצטאָפּ, און צו מאַכן פון זיי איין האָמאָגענעם (גלייך־סאָרטירטן) מענטשן־מאַטעריאַל.... לאָזט דאָ גיין ווי עס גייט. לאָזט צו רו, זאָל זיך דער נאַטירלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס טאָן זיין אַרבעט, ווייל ער ברענגט די גרעסטע ברכה פאַר אַלע מענטשן, באַזונדערס פאַר אַלע אידן" („צוקונפט", יולי, 1912).

די דאָזיקע תורה פון אַסימילאַציע האָט געבראַכט אומגעהויערן שאָדן דער נאַציאָנאַלער קולטור־טעטיקייט אין אַמעריקע. אין יענער צייט פון אַנאַרכיס־טישע יום־כפור־בעלער און סאָציאַליסטישער אַסימילאַציע איז טאַקע אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס ניט אויפגעוואַקסן קיין איין אידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זוכן צו פאַרשפּרייטן אידישע קולטור אויף אידיש און העברעאיש. מיט דער דערציאונג פון אידישן קינד האָט מען זיך בכלל ניט פאַרנומען. אַפילו די בעל־הבתישע עלעמענטן האָבן די דערציאונג פון אידישן קינד אין אַמעריקע איבער־געלאָזן אין די הענט פון אומפעאיקע מלמדים און גאָר אָפט אין די הענט פון שאַרלאַטאַנעס, וועלכע האָבן זיך לחלוטין גאַרניט אָנגעקערט מיט אידישער דער־ציאונג. עם־הארצים און טויגעניכטסן האָבן געעפנט חדרים אין טונקעלע הויפן און האָבן געלערנט די קינדער א"ב און בר־מצווה־„ספּיטשעס" (זע קאַנאָוויצעס אַרבעט אין ספר היובל).

די אָפיציעלע אידישע אַרבעטער־צייטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך דע־מאָלט מערסטנס אָפּגעגעבן מיט קאַמף קעגן רעליגיע און האָבן פאַרנומען

זייערע שפאַלטן מיט עלעמענטאַרע אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם און נאַטור־וויסנשאַפט. די איינציקע צוויי אינסטיטוציעס פאַר אַרבעטער־בילדונג אין יענער צייט: די אַרבעטער־בילדונג־שול און נאָכדעם די עדיוקיישאָנעל ליג, זיינען געווען, לויט ווי יואל ענטין דערציילט, אַסימילאַטאָריש־אויפקלערערישע (זע: „אידישע שטימע״, פעברואַר, 1916).

דער אַרבעטער־רינג, וועלכער איז שוין אין 1910 געווען אַ גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַרום 40 טויזנט מיטגלידער, איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע פעסטונג. די בילדונגס־אַרבעט פון „אַרבעטער־רינג״ האָט ניט געטראָגן קיין אידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די מערסטע פון זייערע לעקציעס זיינען געווען אויף וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע טעמעס, ווי: א״ב פון סאָציאַליזם, מאַטעריאַליזם, אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם, פיזיאָלאָגיע, באָטאַניק, געאָלאָגיע, לאָגיק, עוואָלוציע, א. ד. גל. זיין צוגאַנג צום ציוניזם און צום אידישן נאַציאָנאַליזם איז געווען אַ נעגאַטיווער.

אין „פריינד״ פון דעצעמבער 1910 פאַרלאַנגט י. סאַלוצקי, אַז דער „אַרבעטער־רינג״ זאָל פאַרשפּרייטן די אידייען און פרינציפּן פון אַרבעטער־רינג, געבן עלעמענטאַרע בילדונג אין נאַטור־וויסנשאַפט, אַרבעטער־פאַרזיכערונג, סאָציאַלע מעדיצין, גוזעצגעבונג, יוניאָן־באַוועגונג, פּאָליטישע אַרבעטער־טעטיקייט, אָבער קיין איין וואָרט דערמאָנט ער ניט וועגן אידישער קולטור און אידישע ענינים. אין „פריינד״ פון פעברואַר, 1911, שלאָגט ב. וולאַדעק פאָר, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל זען: „אַרויספירן זיינע פיר־מאָל צען טויזנט מיטגלידער אויף דעם ברייטן פעלד פון דעם אַמעריקאַנער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן. לאָזט נאַטור־וויסנשאַפט צו די ברענטשעס, גיט די מעמבערס אַ באַגריף וועגן זאָנדערבאַרן און וואונדערשיינעם לאַנד. לאָזט צורו די דיסקוסיע פון אַרבעטער־רינג און סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז די דערציאונג פון סיטיזענס״. אויך ב. וולאַדעק, וועלכער איז דעמאָלט געווען פיל אידישער פון זיינע חברים־גענאָסן, האָט פאַר די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג ניט פאַרגעשלאָגן קיין אַנדער פּראָגראַם פון טעטיקייטן, ווי „סיטיזענשיפּ״, אָדער אין אַנדערע ווערטער — „אַמעריקאַניזאַציע״.

שוין אַפילו אַזוי שפּעט ווי יוני, 1915, אויף דער 15טער יערלעכער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, איז דורכגעפאַלן די רעזאָלוציע, וואָס איז אַריינגעבראַכט און פאַרטיידיקט געוואָרן פון ד״ר זשיטלאָווסקי און נפתלי פיינערמאַן: „די עדיוקיישאָנעל קאָמיטע זאָל שענקען אויפמערקזאַמקייט צו דער דערציאונג פון יונגן דור דורך פרייע סאָציאַליסטישע סאָנדעי סקולס פאַר קינדער, אידישע און ענגלישע״. דאָס וואָרט „אידישע״ האָט דאָס אויפגעבראַכט דעם גרויסן טייל פון די מיטגלידער. איינער פון די חשוב׳סטע דעלעגאַטן, ד״ר סילווערבערג, האָט פאַרלאַנגט דורכאויס, „אַז די אַרבעטער רינג־קאָנווענשאָן זאָל פעסטשטעלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז דער אַרבעטער־רינג איז ניט קיין אידישע אינסטיטוציע״. די רעזאָלוציע מיטן וואָרט „אידישע״ איז טאַקע דורכגעפאַלן. עס האָבן פאַר איר געשטימט 35 דעלעגאַטן, אָבער קעגן איר — 52 דעלעגאַטן.

די אידישע אַסימילאַציע איז געוואָרן מיאוס, און אַפילו „אייגענע מענטשן״

האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען. ש. עפּשטיין ליאַרעמט אין דער „צוקונפט" פון מאַי, 1912, אַז „אידישע פּאַרטיי־פירערס האָבן מיט גוואַלט געוואָלט אַסימילירן די אידישע אַרבעטער און מאַכן פון זיי וואָס גיכער אמת'ע „יענקיס".

דער כעס און צאַרן, וועלכער האָט זיך אָנגעקליבן ביי די אידישע נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן אין אַמעריקע אַנטקעגן אַסימילאַטאָרן פון רעכטס און לינקס, איז דעמאָלט אַם שאַרפסטן אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון ד"ר ב. סירקין. ער שרייבט: „בלויז ביי די אידן, וואו אַלץ איז קאַפּויר, האָבן די סאָציאַליסטן איבערגענומען די אַסימילאַציע פון דער אידישער בורזשואַזיע אַלס אַ גייסטיקן פאַרמעגן. אין דעם מוז מען ניט אַנדערש ווי זען די ירידה פון זייער סאָציאַליסטישן און פּריהייטלעכן ערנסט.... בנוגע זיין אידישן געפיל, ווייזט זיך דער אידישער סאָציאַליזם אַרויס פונקט אַזוי ניט אויפגעקלערט, שקלאַפּעריש, ווי די אידישע בורזשואַזיע".

נייע נאַציאָנאַלע כוחות אין אַמעריקע

דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען. אין דער זעלביקער צייט, ווען עס איז געווען אַזוי שטאַרק די השפעה פון די צוויי אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַציע־טענדענצן, האָט דערוואַכט אַ אידיש־נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט. עס האָבן זיך אויך אָנגעקליבן אין אַמעריקע נייע אידישע נאַציאָנאַל־שעפערישע כוחות, וואָס האָבן געראַטעוועט דאָס אידישע לעבן פון סטאַגנאַציע און אונטערגאַנג.

שוין אינם יאָר 1883 איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן דעם סימפּאַטישן אידיש־פילנדיקן ספרדי, סאבאטא מארייס, דעם גרינדער פון אידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, און דעם רעפאָרמער י. מ. וויז, גרינדער פון רעפאָרמער יוניאָן היברו קאָלעדזש. באַדייטנדע טיילן פון די בירגערלעכע עלעמענטן האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגיין מיט די רעפאָרמער. זיי האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס קאָנסערוואַטיווע אידנטום אין אַמעריקע אַלס קעגנגיפט צו דער רעפאָרם־באַוועגונג.

עס האָט זיך בכלל מיט אַמאָל באַוויזן אַ ווילן צו שעפערישע קולטור־אַרבעטן. אַזוי איז אין יאָר 1885 געגרינדעט געוואָרן די „קאָהוט פאַונדיישאָן" מיטן צוועק אַרויסצוגעבן אידישע פאָרשונגס־אַרבעטן, און אין יאָר 1888 איז אַנטשטאַנען די „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי" מיטן צוועק אַרויסצוגעבן ביכער מיט אַ אידישן אינהאַלט אויף ענגליש. אין יאָר 1892 ווערט געגרינדעט די אידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט צו פאָרשן דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע. אין די יאָרן 97־1896 ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר די צוויי וויכטיקע העכערע לערן־אינסטיטוציעס: די יצחק אלחנן־ישיבה — דער היינטיקער ישיבה־אוניווערסיטעט — און דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר. דער צוועק פון די ביידע לערן־אינסטיטוציעס איז געווען אַרויסצוריסן די רעליגיעזע פירערשאַפט פון די הענט פון די רעפאָרמער, ווי אויך צו פאַרשפּרייטן אידישע טראַדיציאָנעלע בילדונג צווישן דערוואַקסענע.

די גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אין 1897 צונויפגענומען די ציוניסטיש־געשטימטע עלעמענטן און זיי אויסגעשמידט אין אַ

דער פאַרבאַנד־כאָר האָט דעם 10טן מאַי 1941 געפייערט זיין 20־יעריקן יובילײ. אונטער דער ליײטונג פון לעאָ ליאָוו איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקער קולטור־אינסטיטוציע.

אידישן, נאַציאָנאַל־ווירקענדן כוח. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווערן גע־גרינדעט די קלאָר־אויסגעשפּראָכענע, נאַציאָנאַלע, אידיש־באַוואוסטזיניקע אַר־בעטער־פּאַרטייען, די פּועלי ציוניסטישע און די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליס־טישע. די נאַציאָנאַל־באַלעבנדע ראָלע פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי אינם אַמעריקאַנער אידישן לעבן איז יעדן איינציקן גוט באַקאַנט.

אַרום יאָר 1910 האָבן שוין געווירקט אין אַמעריקע — און מאַנכע שוין אַ גאַנץ לענגערע צייט — אַזעלכע נאַציאָנאַל־אויסגעשפּראָכענע פּערזענלעכקייטן ווי: ד״ר נחמן סירקין, ד״ר זשיטלאָווסקי, פּראָפ. יצחק אייזיק הורוויטש, ד״ר ה. זאָלאָטאַראָוו, מאָריס ווינטשעווסקי, יואל ענטין, מ. כץ, א. ש. וואָלדשטיין און אַנדערע, און זיי האָבן מיט זייער שאַרפער פּען און מיט זייערע גייסטרייכע רייד געמאַכט חורבנות אין די אַסימילאַטאָרישע פעסטונגען.

אַ צאָל אָנגעזעענע אידישע אַרבעטער־פירער פון דעם אַנאַרכיסטישן און סאָציאַליסטישן פליגל האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן צו דערזען ליכט און זיינען אַריבערגעקומען אין די רייען פון די אידיש־נאַציאָנאַל־געשטימטע גרו־פּירונגען. נאַציאָנאַל־געשטימטע יחידים איבער אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן גרינדן פאַרשידענע קלובן פאַר אידיש־קולטורעלע טעטיקייטן. די פּועלי ציון־פּאַרטיי אָרגאַניזירט דעמאָלט אירע כוחות און הייבט אָן אַרויסצוגעבן דעם „אידישן קעמפּער״, וועלכער ווערט די גייסטיקע היים פאַר דעם נאַציאָנאַל־דענקענדן אידישן אינטעליגענט און איבט אויס אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די אידישע מאַסן. וויכטיקערע ליטעראַרישע שאַפונגען פון די דעמאָלט־יונגע אַמעריקאַנער דיכטער און שריפטשטעלער דערשיינען אויף די זייטן פון „אידישן קעמפּער״ צוזאַמען מיט ערנסטע אַרטיקלען איבער אידיש־געזעלשאַפטלעכע, נאַ־ציאָנאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. מיט די נייע שטראָמען פון אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער אידישער יוגנט, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 האָט כסדר געשטויסן צו די אַמעריקאַנער ברעגן, האָט זיך די נאַציאָנאַלע יוגנט אָנגע־הויבן פילן פרייליכער און מונטערער.

אויסער דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־אויסגעשפּראָכענער גרופּע פון שריפט־שטעלער און וואָרט־פירער איז די אידישע וועלט דעמאָלט כסדר באַרייכערט געוואָרן מיט באַרימטע ליטעראַריש־שעפערישע כוחות. די אידישע ליטעראַטור איז אין יענער צייט געקומען צו איר העכסטן אויסדרוק. עס זיינען דערשינען די רייפסטע ווערק פון אונזערע דריי שטערן — מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ. דער אידישער לייענער האָט זיך דעמאָלט באַקאַנט מיט די גרויסע שאַ־פונגען פון ש. פרוג, דוד פינסקי, יעקב גאָרדין, אַברהם רייזין, שלום אַש, מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, א. ליעסין, ז. ליבין, ל. קאָברין, ה. ד. נאָמבערג. יונג און קרעפטיק זיינען פאַר אונז דערשינען די נייע שריפטשטעלער, ווי י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ, מ. ל. האַלפּערין, ל. שאַפּיראָ, ה. לייוויק, י. ראַלניק, ה. רויזענבלאַט און צענדליקער אַנדערע נייע, פרישע און זאַפטיקע כוחות. די קריטיקער בעל־מחשבות, בעל־דמיון און ש. ניגער האָבן דעמאָלט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק.

די זעלבע שפע שעפערישע כוחות האָט זיך אויך באַוויזן אין דער העברעאי־
שער ליטעראַטור. אויסער אַ צאָל פון די פריער־דערמאָנטע שריפטשטעלער,
וואָס האָבן געשאַפן אין העברעאיש און אידיש, האָבן אויך אויפגעלויכטן אַזעלכע
כוחות, ווי אַחד־העם, ח. נ. ביאַליק, ש. טשערניכאָווסקי, ז. שניאור, י. כהן, בער־
דיטשעווסקי, דוד פרישמאַן און אַנדערע. אין יענער עפּאָכע איז ממש געווען
אַ מזל־ברכה אין פאַרלאַגן פאַר אידישער און העברעאישער ליטעראַטור. עס
איז כדאַי צו דערמאָנען אַ צאָל פון זיי: אין לאָנדאָן איז געגרינדעט געוואָרן „דער
פאַרלאַג „פּראָגרעס", דער פאַרלאַג „פרידמאַן", דער פאַרלאַג „אידיש־ענגלישע
ליטעראַטור". אין וואַרשע האָבן עקזיסטירט די פאַרלאַגן „פּראָגרעס", „ב.
שימין", „השחר", „וועלט־ביבליאָטעק", „ביכער פאַר אַלע". אין ניו־יאָרק זיי־
נען דעמאָלט געווען די פאַרלאַגן „מאַקס נ. מייזעל", דער „עוואַלענקאָ פאַרלאַג",
„היברו פּאַבלישינג קאָ.", „אידישע ביבליאָטעק" און דער „פּאָרווערטס פאַרלאַג".
אַ צאָל וויכטיקע פאַרלאַגן זיינען אויך אויפגעקומען אין גאַליציע, ווי דער פאַרלאַג
„רביבים", פאַרלאַג „בילדונג". די אַלע פאַרלאַגן האָבן דער אידישער קולטור־
וועלט כסדר באַרייכערט מיט ווערק פון אידישע עסייאיסטן, דיכטער און דער־
ציילער. עס זיינען גלייכצייטיק דערשינען איבערזעצונגען פון די בעסטע ווערק
פון דער וועלט־ליטעראַטור. דער אידישער לעזער האָט זיך דעמאָלט באַקאַנט
מיט די ווערק פון וויקטאָר הוגאָ, מעטערלינק, איבסען, טורגעניעוו, סטרינדבערג,
טשעכאָוו, אָסקאַר ווײלד, טאָלסטאָי און אַ סך אַנדערע.

אַזוי איז דאָס געווען. אין דער זעלבער צייט, וואָס אין דעם אַמעריקאַנער
אידישן לעבן האָבן געבושעוועט בייזע אַסימילאַטאָרישע איינפלוסן פון די רע־
פאָרמער און פון דער אָפּיציעלער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געשען דער נס
און עס זיינען געקומען ווי אַ טוי אויף פאַרטריקנטע פעלדער נייע, נאַציאָנאַל־
שעפערישע אידישע כוחות. די אידישע און העברעאישע ליטעראַטור האָט מיט
אַמאָל ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל אויפגעבראָכן אַלע שטערונגען און געבראַכט
אַ פריש־דערקוויקענדן גייסטיקן שטראָם פון נאַציאָנאַלן מוט צו די פון אַסימילאַ־
ציע פאַר'חלש'טע הערצער פון דער אידישער יוגנט. אַ באַוואוסטזיניקע אידישע
יוגנט און נאַציאָנאַל־קעמפערישע מאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף
דער אידישער גאַס אין אַמעריקע.

אָט די נייע אָנגעזאַמלטע נאַציאָנאַל־אידישע ענערגיע האָט דאָס אַרויסגע־
רופן צום לעבן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלכער איז גע־
גרינדעט געוואָרן צו באַקעמפן די אַסימילאַציע, קולטורלאָזיקייט און עם־
הארצות, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אויף דער אָפּיציעלער אידישער אַרבע־
טער־גאַס. דער ווילן צו צעברעכן די העגעמאָניע פון די אַסימילאַטאָריש־
געשטימטע אַרבעטער־פירער און אויפצוהייבן אַ קאַמף אַנטקעגן קולטורלאָזיקייט
און עם־הארצות איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דעם זכות צו גרינדן דעם אידיש־
נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אַלס אַ קאַמפּס־אינסטרומענט אַנטקעגן די
אַסימילאַטאָריש־געשטימטע פירער און זייערע אינסטיטוציעס האָט די געשיכטע
צוגעטיילט דער יונגער מוטיקער פועלי ציון־פּאַרטיי. זי האָט דאָס אַוועקגע־
לייגט אַלס זיין יסוד: די אידייען פון אידיש־פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם; די בענ־

קעניש נאָך אַ היימלאַנד אין ארץ־ישראל און די פאַרזעצונג פון דעם אידיש־גייסטיקן און קולטורעלן לעבן.

לאָמיר דעם קאַפּיטל פאַרענדיקן מיט די זכרונות פון איינעם פון די עלטסטע חברים אין פאַרבאַנד, דעם חבר מ. מינקין פון אָמאַהאַ, נעב., וועלכער דערציילט אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע לכבוד דעם 25־יעריקן יובילײ פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד פון יוני, 1937, זיינע צוויי דערפאַרונגען, וועלכע האָבן אים געבראַכט צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

דערפאַרונג נומער 1. „איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 1907, בין פאַרוואָרפן געוואָרן אין אָמאַהאַ, נעב., ניט געהאַט קיין פריינד, קיין באַקאַנטע, געוועזן זייער עלנט. האָב איך דערהערט, אַז דאָ געפינען זיך לאַדזשעס, פאַר־איינען, וואו יעדער מיטגליד קריגט אויך לעבנס־פאַרזיכערונג און קראַנקן־בענעפיט. איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן דעם מאָמענט, ביז מען וועט מיך אַריינגעמען. דער מאָמענט איז געקומען מיט מזל, און ווען איך זאָל באַשרייבן די ווילדע צערעמאָניעס, ווי מען האָט מיך אויפגענומען, וואָלט עס פאַרנומען צו פיל פּלאַץ. אָבער אַז איך בין אַרויס פון דער צערעמאָניע, און בין ניט געבליבן קיין קאַליקע, איז עס אַ גרויסער וואונדער!

יענעם אָוונט האָט מען אַריינגענומען 10 נייע מיטגלידער. האָט דער פּרעזידענט דערקלערט, אַז דער גייסטיקער פירער פון אָמאַהאַ, דער רבי פון טעמפּל, וועט האַלטן אַ רעדע. געוויינטלעך איז אַלץ געפירט געוואָרן אין ענגליש, קיין אידיש וואָרט האָט ניט געטאָרט דערמאַנט ווערן. דער ווירדיקער רבי האָט זיך געשטעלט רעדן, אַז מיר זיינען ניט קיין נאַציע, מיר זיינען אַ רעליגיעזע סעקטע. און ווען איך האָב עס ניט געקענט פאַרטראָגן און האָב זיך אויפגעשטעלט און אַ פראַגע געטאָן: „וואָס זיינען מיר, צו וואָס פאַר אַ נאַציע געהערן מיר?“ — האָט דער פּרעזידענט גלייך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער: סיט־דאַון און געגנוג! דער ווירדיקער רבי האָט אונז ווייטער דערקלערט, אַז ווען מיר וואוינען אין רוסלאַנד, זיינען מיר רוסן, און אין אַמעריקע זיינען מיר אַמעריקאַנער, א. אַ. וו.“ . . .

דערפאַרונג נומער 2. „אין 1909 בין איך אַריין אין אַ ראַדיקאַלן אידישן אַרבעטער־אָרדן. דאָרטן האָט מען מיר גענומען געבן אַן אַנדער לעקציע. אָבער עטוואָס פון דעם זעלבן אַסימילאַטאָרישן שניט: אַז מעגלעך, אַז מיר זיינען יאָ אַ פאָלק, אָבער „פאָלק“ איז אַן אַלטע פאַרשימלטע בורזשואַזנע מאַכערייקע. נאַציאָנאַליזם ברענגט אַלע צרות אויף דער וועלט, און מיר, מיטגלידער פונם אָרדן, דאַרפן זען מיט אַלע כוחות אָפּצושאַפן אַלע פעלקער און זען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל באַשטיין בלויז פון מענטשן!

און ווען מיר זיינען, פאַרשטענדלעך, אויך ניט געוועזן איינפאַרשטאַנען מיט דער לעקציע נומער 2, האָט מען אונז אָנגעפאַנגען אונטערצודריקן פון הויפּט־אָפיס. און צום סוף האָבן מיר, 22 חברים, געמוזט פאַרלאָזן אויך אונזער אַר־בעטער־אָרדן.

גאַנצע 18 מאָנאַטן האָבן מיר אין ערגעץ ניט באַלאַנגט. ווען מיר האָבן דערהערט דעם רוף פון חבר בראָון וועגן דעם געדאַנק צו גרינדן אַ בייעם אָרדן

מיט נייע אויפגאַבן, האָבן מיר זיך אַלע מיט פאַרגעניגן אָנגעשלאָסן אין אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

איצט, צום 25־יעריקן יובליי, קוקן מיר צוריק אָן פאַרדרוס צו די צוויי געשעענישן, ווייל דאָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון אונזער באַליבטן אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד."

די קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד

די קולטור־אידייע איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן צווישן די גרונט־פּרינציפּן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און איז געוואָרן דער לייטנדער מאָטיוו אין זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט. די קולטור־אַקטיוויטעט איז געווען דער מאַסשטאַב, מיט וועלכן עס איז כסדר געמאָסטן געוואָרן די נשמה־גאַנצקייט און לעבנס־פעאיקייט פון פאַרבאַנד.

די קולטור־טעטיקייט אין פאַרבאַנד איז כסדר געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: 1) אַלגעמיינע קולטור־טעטיקייטן, וועלכע זיינען מערסטנס געפּלאַנט פאַר דעם ברייטן אידישן עולם, און 2) די אויסבילדונג און קולטור־דערהייבונג פון די מיטגלידער גופא.

ביידע טעטיקייטן האָבן באַצוועקט באַקאַנט צו מאַכן און פאַרבינדן דעם יחיד און דעם ברייטן אידישן עולם מיט די ווערטן פון אונזער קולטור אין אידיש און אין העברעאיש. להיפוך צו די קולטור־טענדענצן, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, אַז מען דאַרף בלויז באַקאַנען דעם אידישן עולם מיט אַלגעמיינער וויסנשאַפט און מיט פרעמדע ליטעראַטורן, האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין זיין קולטור־טעטיקייט אַרויסגעבראַכט דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט וועגן דער וויכטיקייט פון דער אייגענער קולטור און די אייגענע שפּראַכן. דער פאַרבאַנד האָט געזוכט צו שטאַרקן און דערהייבן ביידן, אי דעם אידישן מענטשן און אויך די אידישע קולטור. די אַלע טעטיקייטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין משך פון זיין עקזיסטענץ האָבן טאַקע געהאַט פאַר זיך אַט די ביידע צוועקן: צו דערמוטיקן די שעפער פון דער אידישער קולטור, שאַפן פאַר זיי בעסערע אומשטענדן, אַז זיי זאָלן קענען אַרויסברענגען דאָס פיינסטע, וואָס ליגט אין זייער „איך", און גלייכצייטיק לערנען און דערציען דעם יחיד און דאָס פאָלק צו קענען פאַרשטיין און הנאה האָבן פון זייערע אייגענע קולטור־אוצרות.

אַ גרויסע דיסקוסיע איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אויף דער אידישער גאַס וועגן דער פראַגע: „ווער פאַר וועמען?" צי דאַרף מען קולטיווירן די אידישע שפּראַך און פאַרפיינערן די אידישע ליטעראַטור און גלייכצייטיק דערציען דעם אידישן אַרבעטער, ער זאָל איר קענען פאַרשטיין און אויפנעמען, אָדער די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור זאָלן בלייבן אין דעם מצב, ווי זי איז און זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו דעם קולטור־מצב פון דעם אידישן אַרבעטער.

אב. קאַהאַן, אין פעברואַר־נומער „צוקונפט" פון 1910, טענה'ט זיך אויס מיט די פועלי ציון, פאַרבאַנד־מענטשן און מיט ד"ר זשיטלאָווסקי'ן וועגן דעם

דאַזיקן ענין. ער שרייבט: „די אידישע קולטור, פאַר וועלכער ער (זשיטלאָווסקי) און די מערסטע ציוניסטן אַרבעטן, איז אַן אַבסטראַקטער מין קולטור. . . . קול־טורעלער מאַכן די אידישע קולטור, ניט די אידישע מאַסן. . . . זיי אינטערעסירט די אידישע שפּראַך־גראַמאַטיק, וואָס דער אידישער פאָלקס־מענטש וויל ניט פאַרשטיין. . . . ניט די אידן ווילן זיי בילדן, נאָר די שפּראַך.״ מיר ברענגען די ציטאַטע, ווייל זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין יענער צייט. צו זיין געבילדעט און אינ־טעליגענט האָט הויפּטזעכלעך געמיינט צו קענען רוסיש, ענגליש, עלעמענטאַרע וויסנשאַפטן און די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער, אָבער צו באַנוצן זיך מיט דער אייגענער קולטור אַלס אַן אינסטרומענט פאַר בילדונג און דערציאונג איז גאָרניט געקומען אין אַנבאַטראַכט. די זאָרג פאַר דער פאַרפייערונג פון דער אייגענער שפּראַך און קולטור איז געווען פרעמד אַ גרויסן טייל פון די אידישע אַרבעטער־פירער אין יענער צייט. די קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד האָט מיט זיך אויסגעדריקט דעם קעגנזאַץ פון אַזאַ איינשטעלונג. דעם פאַרבאַנד׳ס דרך אין דער קולטור־אַרבעט איז געווען, צו דערנענטערן דעם אידישן יחיד צו זיין אידישער און העברעאישער שפּראַך און העלפן אים צו קענען געניסן פון דער רייכער אידישער קולטור. אַזוי־אַרום איז אויך מעגלעך געוואָרן, אַז די אידישע שעפערישע כוחות זאָלן האָבן אַ פרוכטבאַרן באָדן פאַר זייערע שאַ־פונגען.

שוין באַלד אויף זיין ערשטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן דורכצופירן ברייטע קולטור־טעטיקייטן און צו גרינדן לערן־אינסטי־טוציעס פאַר דעם דערוואַקסענעם מענטשן און אויך פאַר די קינדער. עס זיינען שוין באַלד אין אַנהייב אַנגעצייכנט געוואָרן אַ צאָל קולטור־אַרבעטן, וועלכע זיינען פאַרבליבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג צווישן די סאַמע וויכטיקסטע קולטור־אַקטיווי־טעטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

ווי אַמביציעז און אַלזייטיק עס זיינען געווען די גרינדער פון פאַרבאַנד אין זייער קולטור־פּאַרנעם איז גענוג איבערצולייענען די רעזאָלוציעס, וואָס די פערטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אין סעפּטעמבער, 1916. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דעמאָלט פאַרמאָגט ניט מער ווי אַרום פיר און אַ האַלב טויזנט מיטגלידער, האָט ער אָבער געוואָגט אָנצונעמען אַ פּראָגראַם פון קולטור־טעטיקייטן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ סך כוחות און גרויסע סומען געלט. די רעזאָלוציעס לייענען זיך:

פּובליקאַציעס

„די קאָנווענשאָן אינסטרואירט דעם בילדונגס־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן מאָנאַטלעך פּאָפּולערע בראָשורן אומגעפער פאַר 2־3 סענט, איבער צייט־ און פאַרבאַנד־פראַגן.

די קאָנווענשאָן באַשליסט אויך, אַז דער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל פון צייט צו צייט אַרויסגעבן גרעסערע ביכלעך איבער אידישע און אַלגעמיינע פראַגן. בנוגע גרעסערע ווערק פון באַדייטונג פאַר דער אידישער קולטור זאָל דער בילדונגס־קאָמיטעט לויט זיין מעגלעכקייט באַהילפיק זיין אין זייער אַרויסגעבן.

איינצלנע לעקציעס

די קאָנווענשאָן אינסטרואירט דעם בילדונגס־קאָמיטעט אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פון לעקציעס, וואָס זאָל זיך איינטיילן אין קורסן און איינציקע לעקציעס.

די איינצלנע לעקציעס זאָלן געגעבן ווערן אין פאַרבינדונג מיט טאָג־פראַגן, טראַגנדיק אַן אויפקלערונגס־כאַראַקטער.

די קורסן זאָלן זיין געבונדן און טראָגן אַ בילדונגס־כאַראַקטער.

לעקציע־טורס

לעקציע־טורס אין איינקלאַנג מיט דעם אָנגענומענעם פּראָגראַם זאָלן דורכגעפירט ווערן פון בילדונגס־קאָמיטעט מיט דער מיטווירקונג פון די דיסטריקט־קאָמיטעס.

שטודיר־גרופּן

די קאָנווענשאָן באַשליסט, אַז די צענטראַלע ב. ק. זאָל דורך די לאָקאַלע ב. ק. איינפירן אין די ברענטשעס אַ ברייטע טעטיקייט פון זעלבסט־בילדונג. די דאָזיקע טעטיקייט זאָל באַשטיין:

א) פון שטודיר־גרופּן געמיינשאַפטלעך צו שטודירן אין אַ ווי ווייט מעגלעך קלאַסמעסיקן אופן;

ב) לעזע־גרופּן, וואו עס זאָלן געמיינשאַפטלעך געלעזן ווערן סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע, היסטאָרישע און בעלעטריסטישע ווערק;

ג) ליטעראַריש־דראַמאַטישע גרופּן, מיטן צוועק צו אַנטוויקלען די מיטגלידער אין עסטעטיש־ליטעראַרישן זין און אויפהייבן דעם כאַראַקטער פון די ליטעראַרישע אונטערהאַלטונגען פון די ברענטשעס;

ד) עס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן דיסקוסיע־ און רעדנער־גרופּן איבער צייט־ און פאַרבאַנד־פראַגן, וועלכע שטרעבן הויפּטזעכלעך צו אַנטוויקלען אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַרן פאַרבאַנד און פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויף דער אידישער גאַס.

דער בילדונגס־קאָמיטעט ווערט אינסטרואירט אויסצואַרבעטן אַ דעטאַליזירטן פּראָגראַם פאַר דער אויסגערעכנטער זעלבסט־בילדונגס־טעטיקייט.

פאָלקס־אוניווערסיטעט

די פערטע קאָנווענשאָן פון א. נ. אַ. פ. אָנערקענט די נויטווענדיקייט און גרויסע נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדייטונג פון אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט אין די גרעסטע אידישע צענטערן, אין וועלכן אידישע אַרבעטער זאָלן באַקומען אַ טיכטיקע אידישע און אַלגעמיינע בילדונג, און אינסטרואירט דעם ב. ק. אויסצואַרבעטן אַ גענויען פּראָגראַם פאַר אַזאַ אוניווערסיטעט און מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג צו פאַרווירקלעכן די גרינדונג פון אַזאַ אוניווערסיטעט אין דער מעגלעכסט־נאָענטסטער צוקונפט.

פאָלקס־טעאַטער

די פערטע קאָנווענשאָן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד זעט איין די וויכטיקייט פון אַ אידישן פאָלקס־טעאַטער פאַר דער קולטורעלער דערהויבונג פון די אידישע מאַסן און אינסטרואירט די לייטונג און די ברענטשעס צו געבן אַ קרעפטיקע אונטערשטיצונג צו יעדער ערנסטער באַוועגונג צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון אַזאַ טעאַטער.

אָוונט־שולן

די קאָנווענשאָן באַשליסט, די ברענטשעס זאָלן מיט דער הילף פון צענטראַלן ב. ק. גרינדן אָוונט־שולן פאַר דערוואַקסענע, וואו עס זאָל געלערנט ווערן אידיש, העברעאיש און אידישע געשיכטע.

הסתדרות

די פערטע קאָנווענשאָן פון א. נ. אַ. פ. דריקט אויס איר סימפּאַטיע מיט דער ניי־געגריג־דעטער העברעאישער פעדעראַציע (הסתדרות עברית), וועמענס צוועק איז צו דערוועקן אין די אידישע מאַסן אַן אינטערעס אין דער העברעאישער קולטור און דאַדורך אויפהייבן זייער קולטורעלן מצב און פאַדערט אויף די חברים אַנצושליסן זיך אין די אָוונט־קלאַסן פאַר העברעאיש, וואָס די הסתדרות עפנט.

התורן

כאַטש דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אין מאַנכע פּרטים ניט איינשטימיק מיטן שטאַנדפּונקט פון דער העברעאישער וועכנטלעכער צייטונג „התורן”, אָנערקענט אָבער די קאָנווענשאָן זיין וויכטיקייט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטע־ראַטור צווישן די אידן פון אַמעריקע און פאָדערט אויף די חברים, וואָס לעזן העברעאיש, אַרויס־צואווייזן זייער אינטערעס מיט דער צייטונג.

די קאָנווענשאָן באַשליסט אויך צו שטיצן דעם „התורן” מאַטעריעל דורך קויפן צוויי שערס.

קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט

אין אָנבאַטראַכט, אַז דער פאַרבאַנד אין זיין קולטורעלער טעטיקייט באַטראַכט עס פאַר זייער וויכטיק דאָס אַריבערטראָגן פון וויכטיקע אַלגעמיינע קולטור־אוצרות אין דער אידישער שפּראַך, דריקט די פערטע קאָנווענשאָן אויס איר סימפּאַטיע מיט דער קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט.

די קאָנווענשאָן פאָדערט אויך אויף די חברים צו קויפן די אויסגאַבן פון דער געזעלשאַפט און אַרויסווייזן זייער סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג צו איר אַרבעט.

דזשואיש קראָניקל

די קאָנווענשאָן באַגריסט די דערשיינונג פון דעם אַמעריקאַן „דזשואיש קראָניקל” אַלס די ערשטע ענגליש־אידישע נאַציאָנאַלע וואָכנשריפט אין אַמעריקע און דריקט אויס די פולע אָנערקענונג פאַר איר שטעלונג אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג אין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע און פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון אַמעריקאַנער אידנטום.

צווישן אַט די רעזאָלוציעס איז שוין באַלד דאָ אַלץ, וואָס אַן איינצלנע אָר־גאַניזאַציע קען דורכפירן אויפן קולטור־געביט. דאָ איז שוין באַשלאָסן געוואָרן וועגן: לעקציעס, לעקציע־טורס, שטודיר־גרופּן, לייען־קרייזן, ליטעראַריש־דראַ־מאַטישע פאַראיינען, אַ רעדנער־ביוראָ, ביכער און בראָשורן, אַ פאָלקס־אוניווער־סיטעט, אַ פאָלקס־טעאַטער און אָוונט־שולן.

אייניקע פון די אָנגענומענע רעזאָלוציעס באַווייזן דעם אומפּאַרטייאישן, ברייטן צוגאַנג פון פאַרבאַנד צו אידישער קולטור־שאַפונג. עס איז דאָ אַ וואַרעמע באַגריסונג צו דער העברעאישער הסתדרות עברית, צום חודש׳לעכן העברעאישן זשורנאַל „התורן”, רעדאַגירט פון דעם העברעאישן שריפטשטעלער ראובן ברייגין, און אין דער זעלבער צייט אַ סימפּאַטישע באַגריסונג צו דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער „קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט” און אויך צו דעם ענגלישן זשורנאַל „דזשואיש קראָניקל”.

די אידישע פאָלק־שולן און דער אידישער לערער־סעמינאַר

די צוויי גרעסטע שאַפונגען פון פאַרבאַנד זיינען געווען:

1) דער אידישער לערער־סעמינאַר, און

2) די אידישע פאָלק־שולן.

אין די ביידע אינסטיטוציעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַספּיראַציעס און אידעאָלאָגישע שטרעבונגען פון דער גרויסער פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט און זייער באַגער פאַרצוזעצן דעם אידישן קיום און צו פאַרפלאַנצן די אידישע קול־טור אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן.

דער פאַרבאַנד איז די ערשטע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, וואָס האָט באַ־שלאָסן, אַז אידישע קינדער־דערציאונג איז די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזירטער

אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. ביים ערשטן צוזאַמענפאָר אין יוני, 1910, אָפּגעהאַלטן אין ראָטשעסטער, נ. י., איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן פאַר קינדער. אין „דאָס נייע לעבן", רעדאַגירט פון ד"ר זשיטלאָווסקי (יולי 1910) ווערט די דאָזיקע פּאַסירונג איבערגעגעבן אַזוי: „אַ באַשלוס, וועלכער איז מיט גרויס באַגייסטערונג אָנגענומען געוואָרן פון די דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ, איז געווען וועגן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהייבן אַ גרויסע אַקציע און אַרבעט פאַר דער באַשאַפונג פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שבת־ און זונטיק־שולן. די פאַרבאַנד־ברענטשעס זאָלן זען אונטערצושטיצן די דאָזיקע אַרבעטן מיט אַלע מעגלעכקייטן, זיי זאָלן נעמען די איניציאַטיוו אין דער הינזיכט, זיי זאָלן רופן קאָנפערענצן, גיבן מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף און זאָלן זיך ערנסט אָפּגעבן מיט דער פראַגע פון דער דערציאונג פון יונגן אידישן דור".



אָוונט לכבוד דעם דערשיינען פון ברענער־בוך, רעדאַגירט פון ש. גראָדזענסקי, אַרויסגעגעבן פון י. ח. ברענער ברענטש 169 אין ניו־יאָרק אין 1941. ז. שניאור רעדט. ביים טיש: דוד פּינסקי, ל. סיגאַל, אַהרן צייטלין, ש. ניגער, אַברהם רייזין, פּ. גינגאָלד.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז דער פאַרבאַנד געווען דער ערשטער אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָל פאַרפליכטן זיינע מיטגלידער צו העלפן אויפבויען דעם אידיש־פּראָגרעסיוון אַקאַדעמישן לערן־אינסטיטוט, דעם אידישן לערער־סעמינאַר, און ער האָט טאַקע געגעבן די ערשטע גרעסערע סומע צו דערמעגלעכן זיין דערעפענונג. די שולן און דעם סעמינאַר האָט דער פאַרבאַנד כסדר אַוועקגעגעבן זיין פולסטע אויפמערקזאַמקייט. ביז היינט־צו־טאָג באַטראַכט דער פאַרבאַנד די צוויי אינסטיטוציעס אַלס זיין גרעסטן בייטראַג צום אידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע. וועגן סעמינאַר און די שולן שרייבט אין דעם בוך דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און קולטור־טוער יואל ענטין, און דערפאַר וועלן מיר זיך אויף דעם מער ניט אָפּשטעלן.

אידישע און העברעאישע ביכער פאַר די „פּאָבליק לייברעריס״

שוין אויף זיין ערשטן עפנטלעכן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר האָט דער פאַרבאַנד אונטערגענומען נאָך אַ קולטור־אַרבעט, וועלכע איז געווען פון אַ גרויסער באַדייטונג פאַר דער אידישער קולטור־טעטיקייט אין אַמעריקע. דער שטאַרקער ווילן צו דערהויבן די חשיבות פון דעם אידישן בוך און צו סטימולירן דעם אידישן לעזער צו זוכן זיין גייסטיקן גענוס אין אידישע קולטור־שאַפונגען האָט געבראַכט דעם פאַרבאַנד אונטערצונעמען די אַרבעט, אַריינצוברענגען דאָס אידישע און העברעאישע בוך אין די אַמעריקאַנער „פּאָבליק לייברעריס״. די דאָזיקע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן אין משך פון אַ סך יאָרן. אין דער טעטיקייט איז פאַראינטערעסירט געוואָרן דער קרייז שריפטשטעלער און קולטור־טוער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די חברים חיים ליבערמאַן, יואל ענטין, ש. שאַפּירא, מ. מאָשעוויצקי, מ. ל. בראַון, ה. עהרענרייך און אַנדערע האָבן פאַר דער אַרבעט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט. די אונטערנעמונג איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם פאָלגענדן אופן: די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד און די פּועלי ציון זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַריינצוגעבן פּעטיציעס אין דער פּאָבליק לייברערי, אַז זיי אַלס לעזער נייטיקן זיך אין אידישע און העברעאישע ביכער. גלייכצייטיק איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פּאַסיקער „ליפלעט״, אָנגעשריבן פון יואל ענטין, צו די ביבליאָטעקן, אָנווייזנדיק זיי אויף דער וויכטיקייט פון דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור און אויף דער נייטיקייט פאַר דעם אידישן לעזער צו קענען באַקומען אידישע און העברעאישע ביכער. אַ רשימה פון די וויכטיקסטע אידישע און העברעאישע ביכער און וואו מען קען זיי קריגן איז צוגעשטעלט געוואָרן צו די ביבליאָטעקן. די ביבליאָטעקן פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, דעטראָיט, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ און פיל אַנדערע שטעט זיינען אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט נאָכגעקומען די דאָזיקע פאַרלאַנגען און האָבן אַריינגענומען אויסוואַלן פון העברעאישע און אידישע ביכער. אויך אין קלענערע שטעט, ווי אַטלאַנטאַ, דזשאָ., בראָקטאָן, מאַס.; סיראַקיוז, נ. י., און אַ סך אַנדערע פלעצער איז די דאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ טיכטיקן אופן. אַ סך היינטיקע אידיש־העברעאישע אָפּטיילונגען אין די פּאָבליק לייברעריס זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון יענער טיכטיקער אַרבעט, דורכגעפירט פון די הונדערטער וואָלונטירן פון פאַרבאַנד און פּועלי ציון.

מיטן אַריינברענגען פון די אידישע און העברעאישע ביכער האָט זיך אין די ביבליאָטעקן שפּעטער אַנטוויקלט נאָך אַ וויכטיקע קולטור־טעטיקייט. די חברות מייטע ליפשיץ (ליידער שוין ניט צווישן די לעבעדיקע) און שפּעטער די חברות סאָפי יודין און אסתר בראַק האָבן אָנגעהויבן צו גרינדן ביי די ביבליאָטעקן אידישע קלובן. אין די קלובן האָט מען געלייענט אידישע ביכער און מען האָט דיסקוטירט ליטעראַרישע פראַגן. אידישע ליטעראַרישע אָוונטן זיינען דאָרטן איינגעאָרדנט געוואָרן און וויכטיקע אידישע שריפטשטעלער און דיכטער זיינען אַהינגעקומען פאָרלייענען זייערע ווערק. די קלובן פון דער „סאָארד

פּאַבליק לייברערי", „טרימאָנט פּאַרק לייברערי" זיינען געוואָרן די ערשטע אידי־שע לייען־קרייזן אין אַמעריקע. די קלובן פלעגן אויך פייערן אידישע יום־טובים און דורכפירן קונסט־אויסשטעלונגען פון אידישע מאָלער. אַ סך פון די דאָזיקע אַרבעטן ווערן נאָך פאַרגעזעצט היינט־צו־טאָג.

קולטור־אַנקעטע פון פאַרבאַנד

ווי ערנסט די קולטור־אַרבעט איז באַטראַכט געוואָרן אין פאַרבאַנד, קען מען זען פון דער אויספאָרשונגס־אַרבעט, וואָס איז אויף דעם געביט דורכגע־פירט געוואָרן אין יאָר 1919. דער צוועק פון דער אויספאָרשונג איז געווען פעסטצושטעלן דעם קולטורעלן מצב פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער, כדי צו האָבן אַ בעסערן באַגריף,וועלכע קולטור־טעטיקייטן זאָלן אונטערגענומען ווערן. די דאָזיקע אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים פּראָף. יצחק אייזיק הורוויטש, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, מאיר ל. בראַון, סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד און ד"ר יהודה קויפמאַן, דירעקטאָר פון אידישן לערער־סעמינאַר. די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַן אַנקעטע, וועלכע איז נאָכדעם אָנגענומען געוואָרן פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד און איז צוגעשיקט געוואָרן צו יעדן חבר אַהיים. עס איז זייער כדאַי, אַז אונזער היינטיקע מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד זאָל זיך באַקענען מיט דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אַנקעטע. מיר גיבן דאָ איבער סיי די אַנקעטע גופא און אויך די זייער אינטערעסאַנטע ווענדונג, וואָס איז בייגעלייגט געוואָרן צוזאַמען מיט דער אַנקעטע.

די ווענדונג לייענט זיך:

„דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד פון אַמעריקע, וואָס איז אַ קאָאָפּעראַטיווע פאַרזיכערונגס־אָרגאַניזאַציע לויט זיין פאָרם, אָבער אַ אידיש־קולטורעלע אָרגאַניזאַציע לויט זיין אינהאַלט, האָט באַשלאָסן אויף זיין לעצטער קאָנווענשאָן איינצופירן אַ ברייטערע בילדונגס־אַרבעט פאַר זיינע מיטגלידער און נאָענטע פריינד.

בכדי דאָס ברייטע בילדונגס־סיסטעם זאָל קאָנען מיט דערפאָלג דורכגע־פירט ווערן, וויל זיך דער פאַרבאַנד, דורך זיין ספּעציעלער בילדונגס־ביוראָ, באַקאַנען מיטן קולטורעלן מצב פון זיינע מיטגלידער, די חברים און חברות פון אונזער אָרדן. צוליב דעם צוועק איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ קולטור־אַנקעטע, וואָס ווערט אייך מיט דעם בריוו צוגעשיקט. פון דער אַנקעטע, וואָס באַשטייט פון פראַגן, אויף וועלכע איר דאַרפט ענטפערן, קאָנט איר זען איר וויכטיקייט. אַזאַ קולטור־אַנקעטע ווערט צום ערשטן מאָל דורכגעפירט צווישן אידישע אַר־בעטער. די אַנקעטע אַליין איז אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער אויספאָרשונג פון בילדונגס־צושטאַנד פון די אידישע אַרבעטער און וועט זיין פון דער גרעס־טער קולטורעלער וויכטיקייט ניט נאָר פאַרן פאַרבאַנד, נאָר אויך פאַר אַ ברייטן טייל פון די אידישע מאַסן.

די בילדונגס־ביוראָ וועט דעם ענטפער אויף דער אַנפראַגע שטודירן, קלאַ־סיפיצירן און באַטראַכטן אַלס וויכטיקן מאַטעריאַל. אין איינקלאַנג מיט דער

אויספאָרשונג וועלן צוגעגרייט ווערן שריפטלעכע בילדונגס־קורסן, מיט וועלכע אונזערע מיטגלידער און נאָענטע פריינד וועלן זיך קאָנען באַנוצן.

1. ענטפערט אויף די פראַגן גענוי און אויפריכטיק.
2. אייער ענטפער איז שטרענג קאָנפידענציעל.
3. ווען אייך איז עפּעס ניט קלאָר, באַראַט זיך מיט דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אייער ברענטש, אָדער ווענדט זיך דירעקט צו אונזער ביוראָ.
4. דעם ענטפער שיקט אַרויס אַזוי שנעל ווי מעגלעך. ביזן פינפטן מערץ, 1919, ווילן מיר שוין האָבן אייער ענטפער אין אונזער ביוראָ'ס אָפיס.
5. שרייבט קלאָר, מיט טינט; אויב אייך פעלט פּלאַץ אויף דער אַנקעטע, באַנוצט אַ באַזונדער פּאַפּיר.
6. ענטפערט געניי אויף די פראַגן „ה" וועגן די קורסן פון פאַרבאַנד.

אַן דעם ענטפער פון די חברים וועט זיך ווענדן די מעגלעכקייט פון דורכפירן די קורסן אין לעבן.

מיר דערוואַרטן, אַז איר וועט מיט אונז קאָאָפּערירן און אונז מיטהעלפן דורך אייער קלאָרן, דייטלעכן און פּינקטלעכן ענטפער אויף אַלע פראַגן.

יעדע פראַגע האָט אַ געוויסע באַדייטונג און איז ניט גלאַט אין דער וועלט געשטעלט געוואָרן.

אונזער קאָמיסיע האָט זיך מערערע מאָל באַראָטן איבער די אַלע פראַגן און אויך פאַרגעלייגט די אַנקעטע דער גענעראַלער עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד, וואָס האָט די אַנפראַגן גוטגעהייסן.

בילדונגס־ביוראָ פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד
ד"ר יצחק אייזיק הורוויטש; יהודה קויפמאַן; מאיר בראָון

אַנפראַגע

אַן אַנפראַגע איבער דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די מיטגלידער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אַנגעפירט פון דער פאַרבאַנד־עקזעקוטיווע אין די אינטערעסן פון אַ ברייטן בילדונגס־סיסטעם, וואָס דער פאַרבאַנד גרייט זיך איינצופירן פאַר זיינע מיטגלידער.

א. אַלגעמיינע פראַגן

1. נאָמען און פאַמיליע.
2. אַדרעס.
3. געשלעכט.
4. ווי אַלט זייט איר?
5. וויפל וועגט איר?
6. ווי הויך זייט איר?
7. זייט איר פאַרהייראַט? האָט איר קינדער? וויפל?

ב. פראַגן וועגן דערפאַרונג

1. וואו זייט איר געבוירן געוואָרן?
2. אין וועלכע לענדער האָט איר געוואוינט?
2. ווי לאַנג זייט איר אין אַמעריקע?

4. זייט איר נאַטוראַליזירט?
5. וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?
7. אין וועלכע אַנדערע באַשעפטיקונג זייט איר אַמאָל געווען?
8. ווי לאַנג זייט איר אין דער איצטיקער באַשעפטיקונג?
9. וויפל שטונדן אַרבעט איר טעגלעך?
10. ווי אָפט האָט איר „סלעק" אין אייער אַרבעט?

ג. פראַגן וועגן בילדונג

1) אידישע בילדונג

האָט איר געלערנט אין אַ חדר? אין אַ תלמוד־תורה? ביי אַ פּריוואַט־לערער?
ווי אַלט זייט איר געווען, ווען איר האָט אָנגעפאַנגען לערנען?
וויפל יאָר האָט איר געלערנט?
האָט איר געלערנט חומש? פּסוק (תנ"ך)? גמרא?
האָט איר געלערנט אין אַ ישיבה? אין וועלכער?
וויפל יאָר האָט איר דאָרט געלערנט?
האָט איר געלערנט אידיש „פון זיך אַליין"? ביי אַ לערער?

2) אַלגעמיינע בילדונג

האָט איר געלערנט אין אַן אַלגעמיינער עלעמענטאַרער שול (אין אַן „אוטשילישטשע" אין רוסלאַנד, אין אַ „פּאַבליק סקול" דאָ, אָדער אין אַן ענלעכער שול ערגעץ אַנדערש?)
וויפל יאָר האָט איר דאָרט געלערנט?
האָט איר געענדיקט?

האָט איר געלערנט אין אַ מיטל־שול („היי סקול", „גימנאַזיע")?
וויפל יאָר האָט איר געענדיקט?
האָט איר זיך אַמאָל געגרייט צו עקזאַמענס?
פאַר וויפל קלאַסן גימנאַזיע? פאַר וויפל קאַונטס?
האָט איר געלערנט אַמאָל אין אַן אוניווערסיטעט? אויף וועלכן פאַקולטעט? ווי לאַנג?
האָט איר אַ דיפּלאָם? וועלכן?
וועלכע שפּראַכן רעדט איר?
אויף וועלכע לייענט איר?
שרייבט איר?

3) וועגן לעזן

האָט איר געלעזן אידישע ביכער?
גיט אַן נעמען פון אייערע באַליבטסטע שרייבער און ביכער אין אידיש.
האָט איר געלעזן העברעאישע ביכער?
גיט אַן נעמען פון אייערע באַליבטסטע שרייבער און ביכער אין העברעאיש.
האָט איר געלעזן ענגלישע ביכער?
גיט אַן נעמען פון אייערע באַליבטסטע שרייבער און ביכער אין ענגליש.
לעזט איר ביכער אין אַנדערע שפּראַכן?
אין וועלכע?
גיט אַן די נעמען פון אייערע באַליבטסטע שרייבער און ביכער אין די שפּראַכן.
וואָס אינטערעסירט אייך אם מערסטן אין לעזן (פּאָעזיע, דערציילונגען, דראַמען, פּובליציסטיק, קריטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, סאָציאַלע וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, אַנדערע)?
גיט אַן די נעמען פון אייערע באַליבטסטע שרייבער און ביכער אין אידיש.
וועלכע אידישע טעגלעכע צייטונגען לעזט איר?
זייט איר אַבאָנירט אין אַ ביבליאָטעק?
זייט וויפל יאָר?

וויפל ביכער האָט איר אַרויסגענומען לעצטן יאָר?
האָט איר ביכער ביי זיך אינדערהיים?
וויפל?
ווי אָפט קויפט איר ביכער?
איז געווען אַ ביבליאָטעק ביי אייער טאַטן אין הויז?

4) וועגן קינסטלערישע נייגונגען

באַזוכט איר מוזעאומס? קונסט־גאַלערייען?
באַזוכט איר טעאַטער? אידישן צי אַלגעמיינעם? ווי אָפט?
באַזוכט איר מואוויס? ווי אָפט?
קענט איר זינגען? געהערט איר צו אַ געזאַנג־פאַראיין?
שפּילט איר עפּעס אַן אינסטרומענט? וועלכן?
האָט איר דראַמאַטישע פעאיקייטן?
וועלכע שפּילן (שאַכמאַט, דאַמען, דאָמינאָ, קאָרטן, אַנדערע) גלייכט איר?
פּראַקטיצירט איר פיזישע איבונגען? ווי אָפט?
געהערט איר צו אַן אַטלעטישן פאַראיין?
לערט איר זיך איצט? וואָס?
אויף אָוונט־קורסן? ווי אָפט?

ד. געזיבונגס־פראַגן

האָט איר געקראָגן אַ רעליגיעזע דערציאונג?
ביז ווי לאַנג זייט איר געווען רעליגיעז?
שטאַמט איר פון אַ הויז פון חסידים, אָדער מתנגדים?
זייט איר אַ אידישיסט? אַ העברעאיסט? אָדער זייט איר פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן?
געהערט איר צו אַ פּאַרטיי?
האָט איר אַמאָל געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיי? צו וועלכער?
זייט איר אַ וועגעטעריאַנער?
געהערט איר צו אַ יוניאָן? צו וועלכער?
פאַרנעמט איר אַן אַמט? וועלכן?
אין וועלכער אָרגאַניזאַציע?

ה. פראַגן וועגן די קורסן פון פאַרבאַנד

קענט איר אָפּגעבן אַ שעה אין טאָג (7 שעה אין דער וואָך) צו לערנען, חזר׳ן, ענטפערן און שטעלן פראַגן אין די קורסן, וואָס מיר וועלן אַרויסגעבן?
וויפל פון אייערע פריינט קענט איר אין די קורסן פאַראינטערעסירן?
פון די קורסן, וואָס דער פאַרבאַנד וויל איצט עפענען, וועלכע וואָלט איר געוואָלט אויפנעמען? (פילאָזאָפיע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע, אידישע געשיכטע, אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור).

אַ באַדייטנדע צאָל מיטגלידער פון פאַרבאַנד האָט געענטפערט אויף דער אַנקעטע. נאָכדעם ווי די אַנקעטע איז טאַבולירט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 1265 חברים און חברות האָבן זיך פאַרשריבן אויף פאַרשידענע פאַרבאַנד־קורסן.

חיים ליבערמאַן איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן אַלס דער לייטער פון דער בילדונגס־ביוראָ און האָט אָנגעהויבן דורכפירן אַ צאָל קולטור־אַרבעטן.

עס זיינען געעפנט געוואָרן שטודיר־קורסן אין ניו־יאָרק איבער די פאָלגנדע געגנשטאַנדן: אידישע געשיכטע, אידישע שפּראַך און ליטעראַטור, העברע־

אישע שפּראַך און ליטעראַטור, סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט איז פאַרשפּראָכן געוואָרן, אַז די בילדונג וועט זיין אַ סיסטעמאַטישע, אַ גרינטלעכע און אַ נוצלעכע.

אַזוי ווי די חברים פון דער פּראָווינץ האָבן אויך געפאָדערט קורסן, איז דער פאַרבאַנד צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן קאָרעספּאָנדענץ־קורסן. די ערשטע קורסן זיינען געווען: אַ קורס אין אידישער געשיכטע פון די עלטסטע צייטן ביז דער צעשפּאָלטונג פון דער אידישער מלוכה, פון חיים שויס; איינלייטונג צום שטודיום פון ליטעראַטור, פון יואל ענטין; דער מענטשלעכער עלעמענט אין דער עקאָנאָמיע, פון פּראָפ. סקאָט נירינג.

אין דער ווענדונג צו סטודענטן איז קלאָר געזאָגט געוואָרן, אַז ווילקאָמען וועלן זיין נאָר אַזעלכע חברים, וואָס ווילן זיך באמת אָפּגעבן טיכטיק מיט דער אַרבעט, וואָס האָבן אַן אמת׳ן חשק צו לערנען די געגנשטאַנדן, וועלכע זיי נעמען אויף. דער מאָטאָ פון דער פאַרבאַנד־טעטיקייט איז דעמאָלט געווען: „יעדער חבר אין פאַרבאַנד זאָל ווערן אַ סטודענט אין די פאַרבאַנד־לערן־אינסטיטוציעס״.

די אַרבעט פון די אָוונט־קורסן איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין די שטעט, וואו



סעמועל גאָלדענבורג רעציטירט אין „אונזער קעמפּ״. ביים טיש: מ. פישער, ש. באַנטשעק, ד״ר מרגליות, ש. בורשטין, ל. סיגאַל.

עס זיינען געווען אַ גרעסערע צאָל פאַרבאַנד־מיטגלידער. אַזעלכע קורסן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין שיקאַגאָ, דעטראָיט, פּאַטערסאָן, אַטלאַנטאַ און אין אַנדערע שטעט. אין די מערסטע פעלער זיינען די לימודים געווען איבער אידישער געשיכטע, אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, סאָציאָלאָגישע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע. פון צייט צו צייט זיינען אויך צוגעשיקט געוואָרן ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן צו לייענען.

די דאָזיקע קולטור־אַרבעטן, ווי שטודיר־גרופּן און קאָרעספּאָנדענץ־קורסן, זיינען אַ שטענדיקער טייל פון די קולטור־אַרבעטן אין פאַרבאַנד. זיי ווערן איבערגע׳חזר׳ט אָפט, כאָטש אָפּטמאָל מיט אַ ביסל צו לאַנגע הפסקות. די מימיאָגראַפירטע לעקציעס, וואָס זיינען לעצטנס פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די

ברענטשעס, זיינען געווען וועגן דער אידישער יוגנט אין ארץ־ישראל פון ד״ר ב. וויינריב; איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געליזט געוואָרן די אידישע פראַגע?, פון א. רעוואוצקי ע״ה; וועגן פוילישן אידנטום פון ד״ר א. טאַרטאַקאָווער, און אַ סך אַנדערע.

אַ נייער וועג, ווי צו פאַרשפרייטן וויסן איז לעצטנס איינגעשטעלט געוואָרן אין שיקאַגאָ דורך דעם באַקאַנטן חבר, ד״ר דאַלניק. די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרזאַמלען זיך יעדן שבת אָוונט הונדערטער חברים אויף ספּעציעל־איינגעאָרדנ־טע מלווה־מלכה־אָוונטן, צו הערן סיסטעמאַטישע לעקציעס וועגן פּרקי אָבות, תנ״ך און וועגן דער לערע און פּערזענלעכקייט פון די תנאים.

דער פאַרזוך פון אונזערע חברים אויף דעם זעלבן געביט אין סינסינעטי, אָהייאָ, און זייער געזעלשאַפט „יבנה״, די קורסן איבער אידישער געשיכטע, העברעאיש און געשיכטע פון ציוניזם, איינגעאָרדנט פון פאַרבאַנד־צענטער אין ברוקלין, די סיסטעמאַטישע לעקציעס פון חיים שויס אין לערן־קרייז אין ברוק־לין, א. אַנד. זיינען אַ באַמיאונג צו פאַראינטערעסירן דעם אידישן פאָלקס־מענטש צו לערנען און פאַרשטיין די אידישע קולטור און נאַציאָנאַל־מענטשלעכע אידע־אַלן. דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט נאָך זיכער באַשערט זיין אַ סך אויפצוטאָן אויף דעם געביט.

בילדונג און אויפקלערונג

די סיסטעמאַטישע קורסן אָדער אָוונט־שולן, וואָס זיינען אין אַ סך שטעט אָרגאַניזירט געוואָרן, זיינען געווען, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַ גאַנץ פיינער דערפאָלג. די לעקטאָרן זיינען געווען פאַך־מענטשן און זיי האָבן די צוהערער אויך אָנגעוויזן וואָס צו לייענען וועגן די געגנשטאַנדן, וואָס זיי האָבן געלערנט.

די דאָזיקע קורסן האָבן אָבער ניט געקענט צוציען אַ גרויסן עולם, וועל־כער איז ניט מסוגל זיך צו קאָנצענטרירן און זיך אָפּגעבן מיט ערנסטן לערנען. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט דערפאַר אָנגעהויבן דורכצופירן איינצלנע און גרופּן־לעקציעס אין ניו־יאָרק ווי איבערן גאַנצן לאַנד.

דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג צו דער קולטור־טעטיקייט, ווי דאָס איז אויס־געדריקט געוואָרן אין פאַרבאַנד׳ס פּרינציפּן־דערקלערונג, אַז: „די אויפגאַבע פון פאַרבאַנד איז צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן דורך דערציאונג און בילדונג און דורך קאַמף קעגן דער אַסי־מילאַציע״, האָט אָנגעצייכנט דעם כאַראַקטער פון די לעקציעס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. די טעמעס זיינען געווען אַנדערש פון די טעמעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון לעקטאָרן אין די אַנדערע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן. די לעקציעס איבער נאַטור־וויסנשאַפט, אָדער ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט באַצייכע־נען: „לעקציעס וועגן שטיינער וואָס פאַלן פון הימל״, זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף לעקציעס איבער פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיטן אידישן און אַרבעטער־לעבן. צווישן די ערשטע רשימות פון די לעקציעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן, געפינען זיך אַזעלכע טעמעס, ווי: „נביאים אַלס סאָציאַלע

קעמפּער"; „די מאָדערנע אידישע קולטור"; „ישראל בעל שם, זיין לערע און פּערזענלעכקייט"; „דער רמב"ם און זיין ביישטראָג צום אידיש־פילאָזאָפישן גע־דאַנק"; „דער ווילנער גאון און די השכלה"; „עזרא און נחמיה"; „דער נאַציאָנאַלער קאַמף פון די מאַקאַבייער"; „די שעפער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַ־טור"; „נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע"; „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן גע־דאַנק"; „ציוניזם און סאָציאַליזם"; „די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג"; „אי־דיש און העברעאיש"; „דעמאָקראַטיע און ביוראָקראַטיע"; „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע דערציאונג"; „די אויפגאַבן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט"; א. אַנד. טעמען.

די פּאַרבאַנד־לעקטאָרן זיינען אין די ערשטע יאָרן געווען די חברים: פּראָפ. יצחק אייזיק הורוויטש, יואל ענטין, י. זאר, מ. ל. בראון, קלמן וויטמאַן, חיים ליבערמאַן, ה. עהרענרייך, ש. שאַפּיראָ, מ. מאָשעוויצקי, קרעטשמאַר איזראַעלי, פּ. גינגאָלד א. אַנד.

נאָך בולט'ער זעט זיך אָן דער כאַראַקטער פון דער קולטור־טעטיקייט פון פּאַרבאַנד אין די סעריעס פון לעקציעס. אַן אינטערעסאַנטע רשימה פון לעקציעס איז, למשל, דורכגעפירט געוואָרן אין 1919 אין ניו־יאָרק און אומגעגנט. מיר גיבן דאָ איבער די רשימה, ווי זי איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דער „אידישער אַרבעטער־שטימע" פון דעצעמבער, 1919:

לעקציעס פון פּאַרבאַנד פאַר ניו־יאָרק און אומגעגנט

אַ סעריע פון 4־5 לעקציעס איבער די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם.

לעקטאָר: פּראָפּ. יצחק אייזיק הורוויץ.

אַ סעריע פון 3 לעקציעס איבער די נייע שטרעמונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג:

1. פּאָליטישע און אינדוסטריעלע אַקציע אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.
2. דער נייער יוניאָניזם אין דער איסט און אין דער וועסט.
3. גילד־סאָציאַליזם אין ענגלאַנד.

לעקטאָר: י. מ. בודיש.

אַ סעריע לעקציעס איבער ליטעראַטור:

1. וואָס איז ליטעראַטור? — 4־5 לעקציעס.
2. ליטעראַרישע שולן: רעאַליזם, ראָמאַנטיזם אאַ"וו. — 3 לעקציעס.
3. ליטעראַטור און דראַמע. — 3 לעקציעס.
4. מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ. — 3 לעקציעס.
5. רייזען, אַש, הירשביין און בערגעלסאָן. — 3 לעקציעס.

לעקטאָר: י. ענטין.

אַלגעמיינע קורסן־לעקציעס איבער:

א. 1. אינערלעכע ריינקייט.
2. די געפערלעכע יאָרן פון אונזער לעבן.
3. וואָס איז אינדוסטריעלע היגיענע?

ב. 1. דער אמת'ער און פאַלשער נאַציאָנאַליזם.
2. אמת'ע און פאַלשע דעמאָקראַטיע.
3. די אויפגאַבע פון די אידישע אַרבעטער אין איצטיקן מאָמענט.

ג. 1. היינריך היינע.
2. אנאטאל פראנס.

לעקטאר: ד״ר בן־ציון ליבער.

קורסן איבער אידישער געשיכטע און אידישער רעליגיע:

1. די אידישע רעליגיע אין דער תנ״ך־צייט. — 4 לעקציעס.
2. די אנטשטייאונג און צעפאלונג פון דער אידישער מלוכה. — 4 לעקציעס.

לעקטאר: חיים שויס.

דריי קורסן־לעקציעס איבער ליטעראטור:

1. די אידייע פון אינדיווידואליזם אין דער אייראפעאישער ליטעראטור. — 4־5 לעקציעס.
2. די יסודות פון ציוויליזאציע און פראגרעס. — 4־5 לעקציעס.
3. יהואש אלס עסטעטיקער, נאטור־דיכטער און דענקער. — 3 לעקציעס.

לעקטאר: חיים ליבערמאן.

אינטערעסאנטע סעריעס פון לעקציעס האבן די צווייגן פון פארבאנד איבערן לאנד דורכגעפירט אין שפעטערדיקע יארן. אלס ביישפיל גיבן מיר דא אן די טעמען פון די דערפאלגרייכע טורן, דורכגעפירט אין 1930 מיט חיים גרינבערג׳ן און אין 1944 מיט פרץ הירשביינ׳ען.

מיט חיים גרינבערג׳ן:

1) איוב און זיין משפט מיט גאט.
2) איוב־מאטיוון אין דער גריכישער דראמע („קעניג עדיפוס״ פון סאפאקלעס).
3) דער עטישער פראטעסט אין שעקספיר׳ס „שיילאק״.
4) דער נביא פון נצרת (די פערזענלעכקייט און לערע פון יעזוס קריסטוס).
5) פון ירושלים קיין רוים (די פערזענלעכקייט און מיסיע פון דעם אפאסטאל פאולוס).
6) די לעגענדע פון בעל־שם.
7) נאציאנאליזם און אוניווערסאליזם אין אידישן לעבן.
8) וועלטלעכע אדער רעליגיעזע דערציאונג?
9) טאלסטאי און זיין קאמף קעגן מוזיק.
10) ביאליק (זיין פערזענלעכקייט און דיכטונג).
11) די מאטיוון פון דער ניי־העברעאישער ליטעראטור (שאול טשערניכאווסקי, זלמן שניאור, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי).
12) גאנדי — דער נביא אין פאליטיק.
13) לענין — דער רעוואלוציאנער.
14) דער ווילן צו מאכט (מוסאליני און זיין דיקטאטור).
15) סאציאליזם און רעליגיע; די צוקונפט פון אן אילוזיע (זיגמונד פרויד׳ס נבואה וועגן שיקזאל פון קולטור און רעליגיע).
16) גערעכטיקייט אדער ליבע? (דער פונדאמענט פון מאראל).
17) דריי ציוניסטישע פארטרעטן: פינסקער, הערצל, נארדוי.
18) לייוויק׳ס „גולם״.
19) די מיסיע פונם אידישן ארבעטער אין ארץ־ישראל.

מיט פרץ הירשביינ׳ען:

1) די רייד פון די נביאים אין ליכט פון דער היינטיקער צייט.
2) חיים נחמן ביאליק (זיין לעבן און שאפן).
3) ארץ־ישראל און דער סאוועטן־פארבאנד.
4) צי קען זיין שלום אויף דער וועלט אן דעם וויטן מזרח?

5) מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם (זייער לעבן און שאפן).
6) י. ל. פרץ (זיין לעבן און שאפן).
7) לעבן און טעאטער.
8) דער געזעלשאפטלעכער און פאליטישער מצב פון דער פרוי אויף דער וועלט.
9) די מענטשהייט אויפן שייד־וועג (דאס פאלק, זיינע פירער, פאשיזם, קאמוניזם און ליבעראלע טראדיציעס).

לעקציע־טורס האבן אויך דורכגעפירט: זרובבל, חאשין, בן־צבי, בן־גוריון, וועלכע זיינען געקומען פון ארץ־ישראל אין אנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און האבן געבראכט צו די פארבאנד־צווייגן דעם ערשטן לעבעדיקן גרוס וועגן דעם נייעם לעבן און קולטור־שאפן פון די אידישע ארבעטער אין ארץ־ישראל.

גרעסערע טורס זיינען אין פארבאנד אויך דורכגעפירט געווארן מיט פראפ. יצחק אייזיק הורוויץ, ד״ר נחמן סירקין, ב. באראכאוו, ד״ר ב. ליבער, קרעטש־מאר־איזראעלי, חיים ליבערמאן, מאיר ל. בראון, ש. שאפירא, מ. מאשעוויצקי, ש. ראסקין, ד״ר יהודה קויפמאן, דוד פינסקי, ל. סיגאל, יואל ענטין א. אנד.

אין די לעצטע 10־15 יאר זיינען דורכגעפירט געווארן לעקציע־טורס מיט וויליאם נאטאנסאן, ש. ניגער, חיים שויס, י. י. שווארץ, אבא גארדאן, חברה טיקאלסקי (פאר די פרויען־קלובן), ל. לעהרער, פראפ. פ. שניאורסאן, ז. רובא־שאוו, ה. רויזענבלאט, א. אנד.

אין די גאר לעצטע יארן זיינען דורכגעפירט געווארן לעקציע־טורס מיט ז. שניאור, פרץ הירשביין, ש. סאקאל, א. קובאוויצקי, א. רעוואוצקי (ע״ה), י. לעשטשינסקי און פ. גינגאלד.

פון צייט צו צייט זיינען געגעבן געווארן לעקציעס אין און אויסער ניו־יארק פון פראפ. א. ש. יאפע, פראפ. מאקס מ. לאזארסאן, ד״ר ר. מאהלער, ד״ר א. מענעס, ב. גלאזמאן (ע״ה), ד״ר ר. גלאנץ, ד״ר ע. כייקעס, ד״ר צבי כהן, זלמן זילבערצווייג, פ. קרוזא, ד״ר ש. ביקעל, ד״ר ב. וויינריב, נ. ב. מינקאוו, א. ד. פלעשלער, וו. שניידער, מ. קעקסט, ל. רובינשטיין, ל. שפיזמאן, ה. עהרענרייך, מנחם באריישא, אפרים אויערבאך, ש. באנטשעק, י. ל. וואלמאן, ש. בורשטיין, וו. געלבארד, א. ביק, ז. ברושי, א. ניסענסאן, מ. ריוולין, א. מאיראוויטש, ד״ר דאלניק, פראפ. חיים פיינמאן, ד״ר ב. פרימער, דוד ווערטהיים און א סך, א סך אנדערע.

ווען מען רעכנט נאך צו צו די אלע לעקציעס אויך די פארשידענע אקטו־עלע שמועסן און רעפעראטן, וואס ווערן געהאלטן אין די פארבאנד־צווייגן אין פארבינדונג מיט די פאנד־זאמלונגען פון נאציאנאל־פאנד, געווערקשאפטן־קאמפיין, פאלקס־שולן, אידישן לערער־סעמינאר און אנדערע ענלעכע אינסטי־טוציעס, קען מען זיך שאפן א באגריף, ווי שטארק פארבונדן עס זיינען די מערסטע פארבאנד־צווייגן מיט דעם אידישן ווארט און מיט אידישער קולטור־טעטיקייט.

יובליי־פייערונגען

צום חשבון פון די פארשידענע לעקציעס, ליטעראַרישע און קולטור־אוונטן, וואס זיינען דורכגעפירט געווארן פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד סיי

צענטראַל און סיי לאָקאַל, דאַרפן זיכער אויך צוגערעכנט ווערן די פייערלעכע אונטן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פאַר פאַרשידענע אידישע שריפטשטעלער צו דער געלעגנהייט פון זייערע יובילעאומס.

די יובילעאומס לכבוד חבר דוד פינסקי׳ס 50־יאָריקן און 70־יאָריקן געבורטסטאָג זיינען געווען וויכטיקע פאַסירונגען אין דער אידישער קולטור־גאַס ווי אויך אין אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און זיינען טאַקע דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ גייסטרייכן און אינטערעסאַנטן אופן. דער פאַרבאַנד האָט לכבוד דוד פינסקי׳ס 70־יאָריקן יובילײ געווידמעט אַ ספּעציעלן נומער „פאַרבאַנד־שטימע", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט מיט אָפּשאַצונגען: ש. ניגער, פּרץ הירשביין, ה. לייוויק, יואל ענטין, ב. ריווקין (ע"ה), מרדכי יאפע, ל. סיגאַל,



אַ קינד באַגריסט דוד פינסקי׳ן אין נאָמען פון די קינדער אין אונזערע שולן אויף דער פייערונג לכבוד זיין 70־יעריקן יובל און טעאַטער־פאַרשטעלונג דעם 30טן אָקטאָבער 1942. פון לינקס צו רעכטס: חיים גרינבערג, ה. לייוויק, זלמן שניאור, דוד פינסקי און ל. סיגאַל.

יוסף שלאָסבערג, ל. שפּיזמאַן, מאיר ל. בראָון און מאיר קאַסטאָף. יובילײ־פייערונגען לכבוד חבר דוד פינסקי׳ן זיינען פאָרגעקומען אין אַ גרויסער צאָל שטעט איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, דורכגעפירט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און אָפט מיט דער מיטהילף פון די פועלי ציון און פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע.

אַ צווייטער יובילעאום פון אַ גרויסן פאַרנעם איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר דעם באַרימטן העברעאיש־אידישן שריפטשטעלער און דיכטער זלמן שניאור לכבוד זיין 40־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט. זלמן שניאור׳ס יובילײ איז געפייערט געוואָרן אין אַ סך שטעט איבער אַמעריקע און איז אומעטום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן קולטור־יום־טוב.

אַן ענלעכן פייערלעכן יובילײ האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט פאַר דעם באַרימטן דראַמאַטורג און שריפטשטעלער פּרץ הירשביין לכבוד זיין 60־יאָריקן געבורטסטאָג. אַ ספּעציעלע טעאַטער־פאַרשטעלונג, וואו מען האָט געשפּילט הירשביינ׳ס „דעם שמיד׳ס טעכטער״ איז צוגעגרייט געוואָרן לכבוד דער פייע־רונג.

אַן ענלעכע יובילײ־פייערונג איז אויך דורכגעפירט געוואָרן פאַר אָסיפ דימאָוו צו זיין 60־יאָריקן געבורטסטאָג. לכבוד דעם יום־טוב איז אויסגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלע טעאַטער־פאַרשטעלונג מיט אָסיפ דימאָוו׳ס „די וועלט אין פלאַמען״. דער פאַרבאַנד האָט אויך אין אַ צאָל שטעט דורכגעפירט אין ברייטן פאַרנעם פייערונגען לכבוד דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם ברוך גלאַזמאַן.

דער פאַרבאַנד האָט זיך גלייכצייטיק באַטייליקט אין אַ סך וויכטיקע יובילײ־פייערונגען, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן בשותפות מיט אַנדערע קער־פּערשאַפטן. אַזוי האָט דער פאַרבאַנד געהאָלפן דורכפירן די יובילײ־פייערונג, וואָס די אידישע פאָלקס־שולן האָבן אַראַנזשירט לכבוד אונזער ליבן חבר יואל ענטין, און אין די יובילעאומס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך פריער פאַר ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. דער פאַרבאַנד האָט זיך אויך באַטייליקט אין די פייע־רונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן לכבוד זלמן זילבערצווייג׳ס 50־יאָריקן געבורטסטאָג, יוסף שלאָסבערג׳ס 60־יאָריקן געבורטסטאָג און יעקב מאַרינאָוו׳ס 70־יאָריקן געבורטסטאָג און א. לוצקי׳ס 50־יאָריקן יובילײ.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַ סך אָנדענק־טעג פון וויכ־טיקע אידישע פּערזענלעכקייטן. דער פאַרבאַנד האָט זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען די אַלע אָונטן אין אינהאַלטסרייכע קולטור־יום־טובים.

באַזונדערס פייערלעך זיינען געווען די אונטערנעמונגען, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט לכבוד די ערן־מיטגלידער פּראָפ. אַלבערט איינשטיין, חיים ווייצמאַן און חיים גרינבערג. דאָס זיינען געווען גייסטרייכע מאָמענטן און וועלן פאַרבלייבן צווישן די פיינסטע פּאַסירונגען אין לעבן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

יום־טוב־פייערונגען און עונג־שבתים

צו די אָריגינעלע קולטור־אויפטוען פון פאַרבאַנד דאַרפן זיכער פאַררעכנט ווערן די יום־טוב־פייערונגען און די עונג־שבתים, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע. די עפנטלעכע פייערונגען האָבן באַצוועקט צוריקצוברענגען צום אידישן פאָלקס־מענטשן די שיינקייט, הער־לעכקייט און פּיעטעט צו די אידישע נאַציאָנאַלע יום־טובים, וועלכע זיינען דורך די ראַדיקאַל־אַסימילאַטאָרישע קרייזן אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אויס־געלאַכט געוואָרן. דורך די פייערונגען און דורך דער אַגיטאַציע פאַר זיי האָט דער אידישער אַרבעטער ווידער דערזען די היסטאָרישע שייכות פון די יום־טובים מיט דעם קאַמף פאַר אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

די לעקטאָרן־רעדנער פון פאַרבאַנד האָבן דורך וואָרט און שריפט אַרויס־געבראַכט די וויכטיקייט פון אידישע יום־טובים אין קאַמף פאַר וויטערדיקן אידישן המשך. זייער אַ סך און אינהאַלטסרייך האָט וועגן דעם געשריבן יואל ענטין אין דער טעגלעכער „וואָרהייט", „די צייט" און אין „אידישן קעמפער". אין דעם מאַי־יוני־נומער „אידישע אַרב.־שטימע" פון 1918 רופט ד״ר ח. זשיט־לאָווסקי די אידישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַריינברענגען אין זייערע היימען די פּאָעטישע שיינקייט פון די אידישע יום־טובים. ער שרייבט: „אַ אידישע נשמה לעבט אין יענעם הויז, וואו עס ווערט געפירט אַ אידיש לעבן. . . . דאָס אידישע פאָלק האָט זיך דערהאַלטן אין גלות ווי אַ באַזונדער פאָלק צום גרעסטן טייל אַ דאַנק דער אידישקייט, וואָס האָט געהערשט אין אַלע ווינקעלעך פון זיין הויז און אין אַלע מאָמענטן פון זיין לעבן. . . . עס וואָלט גאַנץ זיכער געווען איינע פון די גרעסטע פאַרדינסטן פון אונזער אָרדן, אויב ער וואָלט ערנסט גע־נומען אויף זיך די איניציאַטיוו אויסצוקעמפן — אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע שיכטן פון אונזער פאָלק, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם — די מעג־לעכקייט פאַר דעם אידישן אַרבעטער אָפּצוהיטן זיינע שבתים און יום־טובים".

די עפנטלעכע יום־טוב־פייערונגען האָבן די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין די ערשטע צייטן פאַרבונדן מיט די אידישע פאָלקס־שולן. די עלטערן פון די קינ־דער און די פאַרבאַנד־מיטגלידער פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אַ גרעסערן פאַר־זאַמלונגס־פּלאַץ, אַ רעדנער פלעגט איינלייטן וועגן דעם כאַראַקטער און נאַציאָ־נאַלן זין פון יום־טוב און די קינדער פלעגן פאַרלייענען, דעקלאַמירן און זינגען פאַסיקע זאַכן פון דעם באַטרעפנדן יום־טוב.

די עונג־שבתים האָבן זיך איינגעבירגערט אין פאַרבאַנד פיל שפּעטער. עונג־שבתים ווערן סיסטעמאַטיש דורכגעפירט דורך דעם „יבנה"־קרייז פון אונ־זערע חברים אין סינסינעטי און אין אַ סך אַנדערע שטעט. לעצטנס זיינען אויך צוגעקומען מלווה־מלכה־פייערונגען, וועלכע האָבן געפונען זייער אידעאַלן אויס־דרוק אויף די מלווה־מלכה׳ס, וואָס ווערן דורכגעפירט פון דעם ד״ר דאַלניק־צוויג פון פאַרבאַנד אין שיקאַגאָ.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד גרייט איצט צו צוויי ביכער, וועלכע וועלן דערהייבן די שבת־פייערונגען. „דער שבת־בוך", צוזאַמענגע־שטעלט פון י. י. שוואַרץ, וועט אַנטהאַלטן די קערנדיקסטע און וויכטיקסטע עסייען און אָפּהאַנדלונגען, צעשפּרייטע אין דער גאַנצער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור וועגן שבת. דאָס צווייטע בוך, „שבת־ און יום־טוב־לידער", צוגע־גרייט פון די מוזיקער לעאָ ליאָוו און ש. בוגאַטש, וועלן געבן אַלע וויכטיקסטע ליטורגישע און פאָלקס־געזאַנגען, אין העברעאיש און אידיש, און מיט זיי באַקאַנט מאַכן די ברייטע אידישע עפנטלעכקייט.

דער פאַרבאַנד און דאָס אידישע בוך

די ערשטע אויסגאַבן, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן, זיינען געווען זייער באַשיידענע. דאָס זיינען געווען צוויי ביכלעך, צוגעגרייט פאַר די קינדער פון די אידישע פאָלקס־שולן: „דער דין־

תורה מיטן ווינט" פון י. ל. פרץ און „די גרים" פון ש. אַנסקי. די דאָזיקע ביכלעך האָבן אָבער געמאַכט גאָר אַ גרויסן רושם. אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל מיט זיי איז געווען פאַרבונדן אַ גרויסע אידייע. די אידישע פאָלקס־שולן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט צוזאַמען מיט די פועלי ציון געגרינדעט, האָבן ניט געהאַט קיין טעקסט־ביכער און אויך ניט קיין קינדער־ליטעראַטור, מיט וואָס צו שפּייזן דעם לייען־דורשט פון די אידישע קינדער. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון

יצחק לייבוש פרץ

פאַרבאַנד, וועלכער האָט דאַן באַטראַכט די פאָלקס־שולן פאַר זיין וויכטיקסטער קולטור־טעטיקייט, איז אַרויסגעקומען מיט דער אידייע, אַז מען מוז שאַפן אַ קינדער־ליטעראַטור אין אידיש, צוגעפּאַסט פאַר די אַמעריקאַנער קינדער. די דערמאָנטע צוויי ביכלעך זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין די ערשטע. איידער מען האָט אָפּגעדרוקט פרצעס קינדער־מעשה'לע, האָט חיים ליבערמאַן, דעמאָלט אַ וויכטיקער פירער אין דער שול־באַוועגונג, זיך געווענדעט צו פרצ'ן נאָך אַ דערלויבעניש איבערצודרוקן זיין מעשה'לע, דערציילנדיק אים גלייכצייטיק וועגן די אידייען פון די פאָלקס־שולן און וועגן דעם ציל צו באַשאַפן אַ אידישע

קינדער־ליטעראַטור. אַגב האָט ער פּרץ׳ן פאַרגעשלאָגן $5.00 האָנאָראַר (אין יענער צייט איז דאָס געווען, ווי עס זעט אויס, אַ פיינע מטבע). אויף דעם האָט דער פאַרבאַנד געקראָגן באַגייסטערטע תשובות סיי פון גרויסן פּרץ׳ן אַליין און אויך פון זיין נאָענטסטן פריינד, דעם שריפטשטעלער יעקב דינעזאָן. עס איז כדאַי, אַז יעדער פאַרבאַנד־חבר זאָל זיך באַקאַנען מיט דער האַרציקייט און וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון די דאָזיקע צוויי בריוו. פּרצעס בריוו לייענט זיך:

ליבע, טייערע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

דעם שענסטן טאָג פון מיין לעבן האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען. דעם שענסטן און גליקלעכסטן. קיין שענערע און גליקלעכערע בשורה איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אָנגע־זאָגט געוואָרן, ווי איר אין אייער האַרציקן בריוו האָט עס געטאָן. דער בריוו איז אויך דער שענסטער, וואָס אַ מענטש קען פון דער אידישער וועלט באַקומען. איך וועל ביי אייך קיין פינף דאָלאַר ניט נעמען. קויפט פאַר זיי קינדער־ביכלעך און צעשענקט אָרעמערע קינדער.

זאָלט איר און די קינדער „אייערע" ווערן געטרייסט ווי איר האָט מיך געטרייסט צום נייעם יאָר. און ווערט איר מיר פון צייט צו צייט שרייבן וועגן דעם גאַנג פון אייער היי־ליקסטער אַרבעט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין אָן אַ שיעור.

גריסט אַלע קינדער.

אייער איבערגעגעבנסטער

י. ל. פּרץ

אויב מעגלעך, לעזט זיי פאַר מיין בריוו.

יעקב דינעזאָן האָט אויך צוגעשיקט דאָס פאָלגנדע האַרציקע בריוועלע:

צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד,
געשיקט לכבוד דער אויסגאַבע פון אידישער קינדער־ליטעראַטור אין יאָר 1913.
וואַרשע, ערב ר״ה תרע״ד.

ליבע, טייערע ברידער און קינדער.

ניט ווייניקער ווי מיין פריינד פּרץ׳ן, האָט אייער בריוו צו אים אויך מיר די גרעסטע פרייד פאַרשאַפט. זייט־זשע מיר האַרציק באַדאַנקט, ליבע ברידער, פאַר די אמת׳ע טרייסט און האָפענונג, וואָס אייער מי און הייליקע אַרבעט פאַר אונזער פאַרוואָרלאָזטן פאָלק גיט אונז! — איבערלייענענדיק אייערע איינפאַכע, אָבער טיף אין האַרצן איינדרינגענדע ווערטער, האָט זיך ביי מיר אַן איניקסטער קול אַרויסגעריסן: לא אַלמן ישראל! אמת, שטאָלצע, אָבער העכסטע אמת׳ע, באַוואוסטזיניקע ווערטער פון אונזער תנ״ך! און באמת, אַלמן און אַלמנה זיינען יענע, וועלכע האָבן ניט קיין געטרייע, איבערגעגעבענע קינדער, וואָס לאָזן זייער פאָטער אָדער מוטער, זייער אַלמנה׳שאַפט ניט פילן. האָבנדיק אָבער אַזעלכע געטרייע, באַוואוסטזיניקע און מיט דער גאַנצער נשמה דעם פאָלק איבערגעגעבענע קינדער, ווי איר, ליבע ברידער און טייערע, איז זעלבסט אונזער גאָט אויסגעפאַגט ... עפּלאַגט פאָלק קיין אַלמן און אויך קיין יתום ניט!

גייט, ליבע ברידער, אין דעם שיינעם הייליקן וועג, אויף וועלכן איר האָט אייער טריט געשטעלט. ווייט איז דער וועג, שווער און דערנערפּול, אָבער קיין זיכערערער פאַר אים איז פאַר אונזער צוקונפט נישטאָ.

און איר, קינדער, ליבע, שיינע אידישע קינדער, איר זייט אונזער אידישע צוקונפט. זייט אידן און זייט שטאָלץ אויף אייער אידישקייט! לערנט אידיש און אידישקייט, וועט איר איבערצייגט ווערן, אַז איר מעגט מיט זיך שטאָלץ זיין.

עס גריסט אייך און קושט אייך פון ווייטן דער וואָס ליבט אייך.

יעקב דינעזאָן

די צוויי ביכלעך האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין 1917 האָט אָנגעהויבן צו
דערשיינען אַ אידישער קינדער־זשורנאַל „קינדערוועלט" און נאָכדעם האָבן נאָכ־
געפאָלגט נאָך אַ צאָל קינדער־ביכלעך, ווי: יהודה שטיינבערג'ס „מעשה'לעך",
ה. רויזענבלאַט'ס „בעבזיק" א. אַנד. לעצטנס איז דערשינען קאַדיאַ מאָלאָדאָוו־
סקי'ס „אידישע קינדער", וואָס די קינדער פון אונזערע שולן וועלן זיכער אויפ־
נעמען מיט פרייד.

דער פאַרבאַנד האָט אויך אַרויסגעגעבן אין די יאָרן פון פאַריקן וועלט־
קריג אַ ריי אינטערעסאַנטע אַקטועלע בראָשורן און קאַמף־שריפטן, ווי: „אימי־
גראַציע" פון יצחק אייזיק הורוויטש, אַ גרעסערע אַרבעט „אין קאַמף פאַר אידי־
שער רעכט", געשריבן פון ב. באָראָכאָוו, בן־גוריון און א. טשעריקאָווער, „דער
אידישער קאָנגרעס" פון ד"ר נ. סירקין, „נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַ־
ציאָנאַלע גלייכהייט" פון ד"ר נ. סירקין, „אידישע סאָציאַליסטן אין דער אַרבעט
פאַר ארץ־ישראל" פון ד"ר בן־ציון ליבער, „אונזערע שכנים פון ארץ־ישראל"
פון י. בן־צבי, „די אויפגאַבע פון אידישן פראָלעטאַריאַט" פון ד"ר ב. ליבער,
א. אַנד. אין פאַרשידענע יאָרן זיינען דערשינען: „יום־טובים" פון קלמן וויטמאַן,
„די זיילן פון דער אידישער ליטעראַטור" פון יואל ענטין, „צען לעקציעס אידישע
געשיכטע" פון חיים שויס, „וואוהין גייען מיר?" פון יעקב לעשטשינסקי, „ארץ־
ישראל און די אידישע נויטן" פון א. רעוואוצקי, „דער קאַמף פון דעמאָקראַטיע
פאַר מענטשלעכער רעכט" פון פּראָפ. מ. לאַזאַרסאָן, „יהודה הלוי" פון אַ. רעגל־
סאָן, אַ געזאַנג־בוך „זינגען מיר", „די אידן־פראַגע אויף דער שלום־קאָנפערענץ"
פון פּראָפ. מ. לאַזאַרסאָן, „אין קאַמף פאַר אַ אידישער מלוכה" פון אַ. צייטלין,
„די נביאים" פון חיים שויס, אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פילאַדעלפיע־
דיסטריקט נומער 4 פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, און אַנדערע
ביכער און בראָשורן.

דורך די פאָלקס־שולן האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן טעקסט־ביכער
און סילאַבוסן פאַר די שול־קינדער און לערער, פון די חברים י. ענטין, וו. שניי־
דער, ש. שאַפּירא און ד"ר י. שאַפּירא און אויך אַזעלכע ווערק ,וואָס ווערן גע־
נוצט אין די העכערע קלאַסן און פאַר דערוואַקסענע, ווי: צוויי בענדער „אידישע
פּאָעטן" פון יואל ענטין, „מעשה'לעך" פון יהודה שטיינבערג, רעדאַגירט פון ש.
שאַפּירא און דריי בענדער אַנטאָלאָגיע „דאָס וואָרט" פון ש. וויסמאַן.

אַ וויכטיקע צאָל ביכער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרבאַנד־צוויגן
צוזאַמען מיט דער הילף פון קולטור־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד. דאָס ערשטע
בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ צווייג מיט דער הילף פון פאַרבאַנד,
איז געווען ה. רויזענבלאַט'ס „אונטער גאָט'ס הימלען", פון ברענטש 104 אין שי־
קאַגאָ אין 1919. ברענטש 14 אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד געקלי־
בענע שריפטן פון ב. באָראָכאָוו אונטער דער רעדאַקציע פון ב. לאָקער אין יאָר
1928. ברענטש 71 אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, און ברענטש 98 אין וואַשינג־
טאָן, ד. ק., האָבן אַרויסגעגעבן אין 1938 מ. פרייליכאָוו'ס בוך „ד"ר נ. סירקין".
די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע פון י. י. שוואַרץ איז אַרויסגע־
געבן געוואָרן פון די חברים אין דעטראָיט און דעם גאַנצן דיסטריקט. דער י.

ח. ברענער ברענטש 169 אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן דעם ברענער־בוך אונטער דער רעדאַקציע פון ש. גראַדזענסקי. ברענטש 137, דעטראָיט, האָט אַרויסגעגעבן דעם אַרלאָזאָראָוו־בוך אונטער דער רעדאַקציע פון ש. גראַדזענסקי.

וויכטיקע ביכער, וואָס וועלן אינגיכן דערשיינען, זיינען: אַ צווייטער באַנד „נביאים" פון חיים שויס; „דער חורבן און אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער אידן" פון מלך נייסשטאַט; „דער שבת־בוך", צוזאַמענגעשטעלט פון י. י. שוואַרץ; אַ שבת־און יום־טוב געזאַנג־בוך, רעדאַגירט פון לעאָ ליאָוו און ש. בוגאַטש.

די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן לכבוד חבר יואל ענטין'ס 70־יאָריקן יובילײ זיינע צוויי בענדער: „אידישער טעאַטער" און „אידישער לעבנס־שטייגער".

אין 1916 האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גרויסע אַרבעט איבער דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור פון ב. באָראָכאָוו. דער פאַרבאַנד האָט אים טאַקע גלייך אַוואַנסירט די ערשטע סומע, אַז ער זאָל די אַרבעט צוגרייטן צום דרוק. חבר באָראָכאָוו האָט דעמאָלט צוגעשטעלט אַ פּראָספּעקט פון זיין גרויסער אַרבעט. אין דער „אידישער אַרבעטער־שטימע" פון פעברואַר, 1916, איז דערשינען די פאָלגנדע מיטטיילונג פון בילדונגס־קאָמיטעט:

„עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין 4 בענדער.

די געשיכטע ווערט געשריבן פון דעם באַקאַנטן חבר ב. באָראָכאָוו, און אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע קאָמיסיע וועט זיך בילדן, וואָס וועט זיך מיטן חבר באָראָכאָוו פאַרשטענדיקן איבער דעם מאַטעריאַל, אָרטאָגראַפיע אאַ"וו.

די געשיכטע וועט הייסן „דאָס אידישע וואָרט" (קורצע ענציקלאָפּעדיע פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור־געשיכטע) און געדרוקט ווערן אין 4 בענדער, אומגעפער 352 זייטן אין יעדן באַנד. דער אינהאַלט וועט זיין פאָלגנדער:

באַנד 1 — די אידישע שפּראַך,

ד"ה איר בוי, אירע פאָרמען, אירע דיאַלעקטן, איר געשיכטע, איר פּסיכאָלאָגיע און איר פּאָליטיש־קולטורעלער עקזיסטענץ־קאַמף; אידישע אָרטאָגראַפיע; געשיכטע פון דער אידישער שפּראַך־פאָרשונג.

באַנד 2 — די אידישע פאָלקס־שאַפונג

(אונזער לעבעדיקע פאַרגאַנגענהייט)

ד"ה אידיש פאָלקס־לעבן, עטנאָגראַפיע און מנהגים, אידישער פאָלקס־גלויבן, פאָלקס־מעדיצין, לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות, שפּריכווערטער, פאָלקס־ליד, פאָלקס־הומאָר, די געשיכטע פון דער פאָלקס־דראַמע, פון פאָלקס־מוזיק, פון פאָלקס־קונסט (סינאַגאָגאַלע אַרכיטעקטור אד"ג), אָרנאַמענטיק, געשיכטע פון בדחנות, מגידות און חסידישע פאָלקס־פּראָפּאַגאַנדע.

באַנד 3 — „פאַרקלונגענע טענער"

ד"ה די געשיכטע פון דער אַלטער אידישער פּראָזע און פּאָעזיע, ביזן אָנהייב פון דער משכילישער עפּאָכע.

באַנד 4 — די נייע אידישע ליטעראַטור

ד"ה די געשיכטע פון דער אידישער פּאָעזיע און פּראָזע, טעאַטער און פּרעסע פון דער משכילישער עפּאָכע ביז אונזערע טעג.

אין די ווייטערדיקע נומערן וועלן מיר פאַרעפנטלעכן פּראַקטישע איינצלהייטן".

ליידער האָט דער טויט זיך צוגעאײלט און האָט אַרויסגעריסן די פּען פון איינעם פון אונזערע אָריגינעלסטע שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשער אין מיטן פון זיין בליענדיקן שאַפן. די פיר בענדער זיינען ניט דערשינען און בלויז פון דער דאָזיקער קורצער מעלדונג וועגן ברייט־פאַרמאַסטענעם אַרבעטס־פּלאַן פון אונזער פאַרשטאָרבענעם פירער און באַדייטענדן געלערנטן קענען מיר זען אונ־זער גרויסן פאַרלוסט.

אויסער די ביכער, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דירעקט פון פאַר־באַנד אָדער פון זיינע צווייגן, האָט דער פאַרבאַנד דורך די אַלע יאָרן געשטיצט און געהאָלפן צו פאַרקויפן ביכער פון אַנדערע קערפּערשאַפטן. אַזוי האָט דער פאַרבאַנד געהאָלפן פאַרשפּרייטן די ערשטע שלום עליכם פאָלקס־אויסגאַבע. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן מיט די פיר בענדער פון יצחק אייזיק הורוויץ, וועלכע זיינען זייער פיל פאַרקויפט געוואָרן דורך די צווייגן פון פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד האָט אויך געהאָלפן פאַרשפּרייטן ש. אַנסקי׳ס שריפטן, די שריפטן פון דוד פּינסקי, פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, בערל קאַצענעלסאָנ׳ס בוך וועגן ד״ר נ. סירקין, די שריפטן פון שלום אַש און פיל אַנדערע ביכער. דורכן פאַרבאַנד ווערן אויך פאַרשפּרייט אַלע ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי.

די פאַרלאַג־טעטיקייט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט זיך איצט אַנטוויקלט צו אַ נייער הויך. שוין אין יאָר 1918, אויף דער פינפטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, איז אָנגענומען געוואָרן אַ ברייטער פּלאַן פון פאַרלאַג־טעטיקייט. די רעזאָלוציע, וואָס איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן, לייענט זיך:

„דער פאַרבאַנד זאָל גרינדן אַן אייגענעם פאַרלאַג פאַר דער סיסטעמאַטישער אַרויסגאַבע פון ביכער, וואָס זאָלן באַהאַנדלען סאָציאַל־פּאָליטישע ,נאַציאָנאַלע, בילדונגס־ און ליטעראַרישע פראַגן. עס זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַרלאַג־פאָנד פון צוויי טויזנט דאָלאַר אויף אַזאַ אופן: $500 זאָל גענומען ווערן פון בילדונגס־ און אָרגאַניזאַציאָנס־פאָנד. $500 זאָל בייגעשטייערט ווערן פון ברענטשעס און $1,00 זאָל געשאַפן ווערן פון איינצלנע אַבאָנענטן. דער פאַרלאַג־קאָמיטעט זאָל באַטראַכטן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ יערלעכן זאַמלבוך און פון 6 ביז 12 קלענערע בראָשורן אין לויף פון יאָר. אויך זאָל דער פאַרלאַג־קאָמיטעט האָבן די אויפזיכט איבער אַגיטאַציאָנס־ליטעראַטור. יעדער ברענטש זאָל באַזאָרגט ווערן מיט אַגיטאַציע־ליפלעטס יעדע דריי מאָנאַטן. די ליפלעטס זאָלן זיין פון פאַרשידענעם אינהאַלט און זאָלן קענען באַנוצט ווערן פאַר אַגיטאַציע־צוועקן. אַ ברענטש זאָל זיין באַרעכטיקט צו 500 ליפלעטס פון יעדן נייעם עקזעמפּלאַר און זאָל בייטראָגן צום פאָנד 5 דאָלאַר אַ יאָר״.

יענע רעזאָלוציע האָט זיכער געהאַט איר נייטיקן איינפלוס אויף דער דאָ־זיקער טעטיקייט. ווי אויבן־דערמאָנט, זיינען טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צאָל ביכער און בראָשורן.

מיט דעם גרויסן וואוקס פון פאַרבאַנד איז צייטיק געוואָרן די אידייע, אַז דער פאַרבאַנד זאָל גרינדן אַ פאַרבאַנד־פאַרלאַג פאַר פונדאַמענטאַלע ווערק. אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 7טן ביזן

10טן סעפּטעמבער, 1944, האָט חבר לואיס סיגאַל אַריינגעבראַכט די רעזאָלוציע, וועלכע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. די רעזאָלוציע לייענט זיך אַזוי: „די קאָנפערענץ פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע מיט די פאָרטרעטער פון די שטאָט־ און דיסטריקט־קאָמיטעטן באַשטעטיקט דעם פאָרשלאַג פון דער עקזעקוטיווע וועגן דער גרינדונג פון אַ פאַרבאַנד־פאַרלאַג מיטן צוועק אַרויסצוגעבן פונדאַמענטאַלע אידישע ווערק.

די קאָנפערענץ נעמט אָן מיט באַזונדערער צופרידנהייט דעם טייל פון פּראָיעקט, וואָס איז באַזירט אויף אַ פּלאַן, אַז אַזאַ פאַרלאַג זאָל פאַר דעם פינאַנציעלן פונדאַמענט האָבן אַן ענדאַומענט־פאָנד פון אַרום $100,000, וואָס זאָל זיין געבויט אויפן פּרינציפּ, אַז דער קרן פון דעם פאָנד זאָל שטענדיק אָפּגעהיט ווערן און וואָס זאָל מעגלעך מאַכן, אַז דער פאַרלאַג זאָל בלייבן אַן אייביקע אינסטיטוציע אינעם לעבן פון פאַרבאַנד, פאַר אידישע קולטור־טעטיקייטן.

די קאָנפערענץ זעט אין דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון אַזאַ פאַרלאַג אַ וויכטיקע דערגרייכונג פון פאַרבאַנד פאַר אידישע קולטור־אַקטיוויטעטן מיט אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם און פאַר אַ וויכטיקן בייטראַג פאַר דער דערהויבונג און פאַרטיפונג פון אידישע קולטור־ווערטן ביי די פאַרבאַנד־מיטגלידער און ביי די אידישע מאַסן בכלל.

די קאָנפערענץ אינסטרואירט די גענעראַל־עקזעקוטיווע צוצוטרעטן אַזוי שנעל ווי מעגלעך צו רעאַליזירן דעם פּלאַן און פאָדערט אויף די פאַרבאַנד־ברענטשעס, קלובן און פאַרבאַנד־מיטגלידער צו געבן דער וויכטיקער קולטור־אונטערנעמונג די פולסטע חברישע קאָאָפּעראַציע".

אין 1945 האָט די גענעראַל־עקזעקוטיווע דערוויילט אַ פאַרלאַג־קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון די חברים יואל ענטין, חיים גרינבערג, דוד פּינסקי, מאיר ל. בראַון, ל. שפּיזמאַן און פּ. גינגאָלד. נאָך אַ צאָל זיצונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע חברים פון קאָמיטעט, איז באַשטימט געוואָרן דער כאַראַקטער פאַר דעם פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג; זיינע אויפגאַבן זיינען פאָרמולירט געוואָרן אויפן פאָלגענדן אופן:

„דער פאַרבאַנד־ביכער־פאַרלאַג־קאָמיטעט שטעלט זיך זיין אויפגאַבע אַרויסצוגעבן פונדאַמענטאַלע אידישע ווערק. אונטער אַ אידיש־פונדאַמענטאַל ווערק ווערט פאַרשטאַנען אַ בוך, וואָס איז באַזירט אויף ערנסטע פאָרשונגען און וואָס האָט אַ שייכות צום אידישן פאָלק און צום אידישן לעבן. די ביכער, וואָס דער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן, וועלן באַהאַנדלען די פאָלגנדע געביטן פון אונזער קולטור: אידישע געשיכטע, אידישע קולטור־געשיכטע, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, אידישע סאָציאָלאָגיע, אידישע קונסט און אַנדערע געביטן, ווי אידישע און העברעאישע שפּראַך־פאָרשונג, אידישע אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס גלייכן.

אַזוי שנעל ווי עס וועט געשאַפן ווערן דער נייטיקער גרינדונגס־קאַפּיטאַל, טרעט צו דער פאַרלאַג אַרויסצוגעבן די ערשטע דריי ווערק:

1) אַ בוך אָדער צוויי איבער דער הלכה (תורה שבעל פּה). דאָס בוך וועט געבן אַן אַלזייטיקן און גרינדלעכן באַגריף וועגן דעם מהות פון תורה שבעל פה און פון דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער געזעצגעבונג.

2) אַ בוך אַדער צוויי איבער אַגדה. דאָס בוך זאָל האָבן אַ זאַמלונג פון די וויכטיקסטע אַגדות און זאָל אויך געבן אַן אַריינפיר, באַלייכטונג און דערקלע־רונג איבער דער דאָזיקער וויכטיקער אידישער קולטור־שאַפונג.

3) אַ בוך איבער קבלה. דאָס בוך וועט געבן דעם אינהאַלט, די סיס־טעמען און אידייען פון דער קבלה פון די פריעסטע צייטן ביז היינט. דאָס בוך וועט אויך אַנטהאַלטן די וויכטיקסטע קבלה־טעקסטן.

דער פאַרלאַג וועט גלייכצייטיק פּלאַנירן די פאָלגנדע אַרבעטן:

1) די געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע.

2) די אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור.

דער פאַרלאַג וועט מאַכן די גרעסטע אַנשטרענגונג, אַז זיינע אויסגאַבן זאָלן זיין אַ פּאַסיקער ביישטייער צו דער אידישער קולטור אין אַמעריקע און זאָלן האָבן אַ דויערהאַפטן ווערט.

פאַרווייַלונגען און קאָנצערטן

אין די פאַרווייַלונגען און קאָנצערטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט, האָט ער שטענדיק געזוכט אַריינצוברענגען אַ נאַציאָנאַלן און קולטורעלן אינהאַלט. פאַר דעם קאָנצערטן־פּראָגראַם האָט מען אויסגעקליבן אידישע מוזיק און מו־זיקאַלישע נומערן, וואָס זיינען באַזירט אויף אידישע מאָטיוון. דער מאַטעריאַל צום פאַרלייענען און שפּילן איז גענומען געוואָרן פון די בעסטע זאַכן פון דער אידישער ליטעראַטור.

מיט זייערע אידישע קולטור־פּראָגראַמען האָבן די פאַרבאַנד־צווייגן ביס־לעכווייז געווירקט, אַז די אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן האָבן אויך אויפגע־הערט צו מאַכן יום־טובים מיט אַ פרעמדן ניט־אידישן אינהאַלט און דער אידישער קולטור־מאָטיוו זאָל איינגאַנצן אויסגעלאָזט ווערן. אַזוי איז געוואָרן אַ מנהג, אַז צו קולטור־אָוונטן זאָל מען איינלאַדן אידישע אַרטיסטן און אַז אין די פּראָ־גראַמען פון קאָנצערטן זאָלן אַריינגעבראַכט ווערן אידישע פאָלקס־לידער, חסידי־שע ניגונים און ארץ־ישראל־לידער. עס איז אויך איינגעפירט געוואָרן דאָס זינגען בציבור, וואו דער גאַנצער עולם זינגט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַרטיסט.

אויפן געביט פון פאַרווייַלונג האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד געמאַכט נאָך אַ וויכטיקן ביישטייער, און דאָס איז די אידייע פון קאָנ־צערטן־טורס איבערן לאַנד. וועלנדיק געבן אַ בעסערן אינהאַלט דעם אידישן עולם, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף דער שוועריקייט· וואָס אין די גרעסערע שטעט קען מען נאָך דורכפירן אַ פּאַסיקן קאָנצערט, ווייל מען קען דאָרט געפינען אידי־שע אַרטיסטן, וואָס זאָלן אָבער טאָן די קלענערע שטעט, וואו קיין אידישער אַר־טיסט איז ניט בנמצא? דאָ איז דער פאַרבאַנד געקומען צום געדאַנק צו פאַר־שטענדיקן זיך מיט אַרטיסטן, אַז זיי זאָלן אַרויספאָרן איבערן לאַנד.

שוין 25 יאָר אַז דער פאַרבאַנד פירט דורך אַזעלכע קאָנצערטן־טורס איבערן לאַנד און די אַרבעט איז, מיט קליינע אויסנאַמען, אַ מאָראַלישער און אויך אַ פינאַנציעלער דערפאָלג.

דער ערשטער קאָנצערט־טור, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט איבער אַמעריקע, איז געווען אין 1920 מיט די אַרטיסטן ח. קאַטילאַנסקי, באַקאַנטער פאָלקס־זינגער, און אַל. העריס, דער באַקאַנטער שלום עליכם־פאַרלעזער. אין די ווייטערדיקע קאָנצערט־טורס האָבן זיך אויך באַטייליקט די אַרטיסטן צילי אַדלער, חיה׳לע גרובער, חנה ספעקטאָר, בעלאַ באַלערינאַ, חנה סטראַמבער און

ברכה צפירה אין דער ראָל פון דער נביאה אין „שבתי צבי״, אויפגעפירט אין ארץ־ישראל. דורכגעפירט קאָנ־צערט־טורס אין אַמעריקע פאַרן פאַר־באַנד.

די ארץ־ישראל׳דיקע אַרטיסטן ברכה צפירה, לאה דגניה, שרה אסנת הלוי. די מענער־אַרטיסטן זיינען געווען: סידאָר בעלאַרסקי, לודוויג זאַץ ע״ה, וויקטאָר פעקער, מישע ראַפּעל, לייזער ראָזענשטיין, בען קאַטענקא, נחום נארדי, מיכל גיבסאָן, נח נאַכבוש, שלום טאַנין, יעקב בן־עמי, וו. באַרזעל און יעקב מעסטל.

מיט די קאָנצערט־טורס האָט דער פאַרבאַנד דערגרייכט זיין צוועק צו ברענ־גען צום אידישן עולם אין די קלענערע און גרעסערע שטעט אינטערעסאַנטע

אונטערהאַלטונג מיט אַ אידישן און קולטורעלן אינהאַלט. עס זיינען אויך גע־וועזן קאָנצערטן־טורס, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ ספּעציעלן אינטערעס. דאָס זיינען געווען די צוויי טורס פון ברכה צפירה מיט נחום נארדי, און סידאָר בעלאַרסקי מיט לאה דגנית. אין דיביידע קאָנצערטן האָבן די ארץ־ישראל׳דיקע אַרטיסטן געבראַכט, אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן, ארץ־ישראל׳דיק געזאַנג אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

ניי איז אויך געווען דער קאָנצערטן־טור, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1932 פון די „צו־לאַב־עס־ניקעס״. ס׳איז דעמאָלט אַרויסגעפאָרן אַ גאַנצע קינסטלערישע טרופּע פון זיבן אַרטיסטן, וועלכע האָבן אויסער קאָנצערט־נומערן אויך געשפּילט טעאַטער; עס איז באמת אַרויסגעקומען אַ געלונגענע קאָמבינאַציע פון טעאַטער און קאָנצערט. דאָס קען אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם היי־יאָריקן קאָנצערט־טור, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט מיט די אַרטיסטן יעקב בן־עמי, שרה אסנת הלוי, יעקב מעסטל, אַל העריס און מאַקס לובעצקי. דער היי־יאָריקער קאָנצערט־טור איז געווען אַ זייער געלונגענער און עס איז שוין געווען מער טעאַטער ווי קאָנצערט. ער איז אויך געווען דער לענגסטער קאָנ־צערט־טור — גאַנצע 75 שטעט האָבן זיך אין אים באַטייליקט. די קאָנצערטן זיינען געווען אומעטום אַ גרויסער דערפאָלג.

מיר גיבן דאָ צוויי ביישפּילן פון דעם פּראָגראַם, וואָס איז אויפגעפירט גע־וואָרן אויף די קאָנצערטן־טורס. זאָלן אונזערע חברים האָבן אַ ביישפּיל פון אַ פּראָגראַם פאַר אַן אינטערעסאַנטן אידיש־קינסטלערישן אָוונט:

דער קאָנצערטן־פּראָגראַם פון 1932: 1) „כעלם״ (ווי כעלם יאָגט זיך נאָך רייכטום), פון מאַני לייב; 2) „ברויטליין״, מאַסן־רעציטאַציע פון י. אַדלער; 3) „העמערל״, אינסצענירט פון אַ. רייזען; 4) „מיינערס״, אינסצענירטע מאַסן־רעציטאַציע פון ראַזענפעלד־באָוושאָוער; 5) „סצענירטע אינטערנאַציאָנאַלע ניגו־נים״, קוואַרטעט; 6) „לאַנדסלייט״, קאָמעדיע אין איין אַקט פון י. ד. בערקאָוויטש; 7) „שניידערלעך״; 8) „מאַי קאַ משמע לן״; 9) „ארץ־ישראל און בירא־בידזשאַן״; 10) „דער גולם״; 11) „פּויסטן״; 12) „דער זייגער״.

דער קאָנצערט־פּראָגראַם פון 1946: 1) תימנ׳ער לידער, געזונגען פון שרה אסנת הלוי; 2) פּערסישע לידער (פאָלקס־מאָטיוון), געזונגען פון שרה אסנת הלוי; 3) „וואָס איז חנוכה?״ פון שלום עליכם, פאָרגעטראָגן פון אַל העריס; 4) „דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד״, דראַמע אין איין אַקט פון ה. לייוויק, געווידמעט דעם אָנדענק פון מאָריס ראָזענפעלד; אָנטיילנעמער: יעקב בן־עמי, יעקב מעסטל, שרה אסנת הלוי און אַל העריס; 5) „ס׳אַ ליגן״, שפּאַס פון שלום עליכם, דורכגע־פירט פון יעקב מעסטל און אַל העריס; 6) העברעאישע און אידישע לידער, גע־זונגען פון שרה אסנת הלוי; 7) „שלמה מלכו״, פראַגמענט פון דער משיח־טראַגע־דיע, פון דוד פּינסקי, געשפּילט פון יעקב בן־עמי און יעקב מעסטל.

איין טור אין ווינטער־סעזאָן 1940 איז דורכגעפירט געוואָרן אין 45 שטעט מיט דריי אידישע קלאַנג־פילמס: הירשביינ׳ס „גרינע פעלדער״, שלום עליכמ׳ס „טוביה״ און מענדעלע׳ס „קליאַטשע״.

געזאַנג־פאַראייַנען

אויסער דער טעטיקייט צו פאַרפייַנערן און דערהייבן די אידישע קאָנצערטן און ליטעראַרישע אָוונטן האָט דער פאַרבאַנד אויך אָנגעהויבן אין 1922 צו גרינדן אידישע כאָרן מיטן צוועק אויסצובילדן אידישע פאָלקס־זינגער און אַזוי־אַרום פאַרשפּרייטן קלאַסיש געזאַנג און דאָס אידישע פאָלקס־ליד צווישן די אידישע מאַסן.

דער ניו־יאָרקער כאָר איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922 און פאַר די לעצטע יאָרן איז ער אונטער דער אויפזיכט פון באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר און דירי־גענט לעאָ ליאָוו. די יערלעכע קאָנצערטן פון דעם ניו־יאָרקער כאָר זייַנען וויכטיקע געשעענישן אינם לעבן פון פאַרבאַנד. די קאָנצערטן צייכענען זיך אויס מיט זייער אידישן אינהאַלט און מיט דער פייַן־געשולטער פּרעזענטאַציע פון אידיש־קלאַסישער און פאָלקס־מוזיק. די אויפטרעטונגען פון כאָר אויף די גרעסערע פאַרבאַנד־יום־טובים ברענגען מיט זיך פייערלעכקייט און לאָזן איבער אַ טיפן רושם. די חברים וו. געלבאַרד, ז. זילבערצוויג, גודמאַן, י. זאַנגוויל, ש. בורשטיין און אסתר גאָרדאָן האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם, וואָס דער כאָר געפינט זיך אין אַזאַ פייַנעם צושטאַנד.

געזאַנג־כאָרן זייַנען אויך געגרינדעט געוואָרן אין אַ סך שטעט. אין דעט־ראָיט איז געגרינדעט געוואָרן דער הלוי־הזמיר־כאָר, וועלכער איז געוואָרן אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט. דער כאָר אין פילאַדעלפיע איז ביז הייַנט־צו־טאָג אַ דאַנק חבר בעליס און אַנדערע אַ וויכטיקער פאַרבאַנד־פאַרמעגן, וועלכער באַשיינט אַלע גרעסערע אונטערנעמונגען. כאָרן זייַנען אויך געגרינדעט געוואָרן אין שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, פּאָל ריווער, נואַרק, פּעטערסאָן, לאָס אַנדזשעלעס, אָמאַהאָ און אין פיל אַנדערע שטעט.

די כאָרן האָבן דערצויגן אַ סך פייַנע זינגער און זיי האָבן אַ סך בייַגעשטייַ־ערט, אַז אידישע פאָלקס־לידער און ארץ־ישראל־לידער זאָלן געזונגען ווערן שיין און מעלאָדיש איבער גאַנץ אַמעריקע.

פון צייט צו צייט זייַנען אין פאַרבאַנד אויך געגרינדעט געוואָרן בייַע סעק־ציעס פאַר מוזיק און דראַמאַטישער קונסט. אַזוי זייַנען אין ניו־יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד געגרינדעט געוואָרן מאַנדאָלין־אָרקעסטערס און דראַמאַטישע סעק־ציעס. דער קונסט־פאַראיין ברענטש 100 אין ניו־יאָרק האָט אין 1916 אַליין אויפגעפירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען און געשפּילט וויכטיקע ליטעראַרישע פּיעסן. זייער אָנפירער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער חבר ר. מערליס. אויך האָט דעטראָיט פאַרמאָגט אַן אָרקעסטער מיט אַ דראַמאַטישן פאַראיין, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט אויפגעפירט אידישע פּיעסן. די דראַמאַטישע גרופּע אין בינגהעמטאָן, נ. י., האָט אויפגעפירט פּרץ הירשביינ׳ס פּיעסן און אַנדערע. אין סיראַקיוז, נ. י., האָבן די גראַדואירטע פון דער פאַרבאַנד מיטל־שול אָרגאַ־ניזירט אַ דראַמאַטישע גרופּע. זיי פלעגן שפּילן אין סיראַקיוז און אומגעגנט. אין ניו־יאָרק האָט דער ברענטש 440 אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע גרופּע, וועלכע שפּילט אָפט יעקב גאָרדינ׳ס פּיעסן.

דער פאַרבאַנד דאַרף ערנסט טראַכטן, ווי צו אַנטוויקלען די דאָזיקע וויכ־

טיקע קולטור־אַרבעט, וועלכע וואָלט געקענט זיין אַ וויכטיקער אינסטרומענט פאַר דער אויפלעבונג פון אידישן וואָרט.

טעטיקייטן צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין אייראָפּע

דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט אין אַלע אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן באַצוועקט צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין די אייראָפּעאישע לענדער.

אַ ברייטע טעטיקייט האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט פאַר דעם „שולקולט", די שול־אָרגאַניזאַציע פון די פּועלי ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט קינדער־שולן, ביבליאָטעקן, זומער־קעמפּס און קינדער־הימען אין פּוילן. אויסער די אייגענע גרעסערע סומעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַליין געשאַפן פאַרן „שולקולט", האָט ער אויך געווירקט אויפן „דזשאָינט" צו שטיצן דעם „שולקולט".

דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט אין דעם פאָנד פון י. ל. פּרץ־פאַראיין פאַר אייראָפּעאישע שרייבער און ער האָט כסדר געהאָלפן דער טעגלעכער צייטונג „דאָס וואָרט" אין פּוילן. לעצטנס איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ גרעסערע טעטיקייט צו שיקן ביכער פאַר די שולן און צו די ניי־איינגעשטעלטע אידישע ביבליאָטעקן.

אָבער אַ גרעסערע אַרבעט, וואָס האָט געבראַכט גרויסע נוצן דעם אידישן קולטור־לעבן אין אייראָפּע, איז געווען די אַרבעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, צו ווירקן, אַז דער „פיפּלס רעליף" און דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטי" זאָלן זיך פאַראינטערעסירן ניט נאָר מיט דער פיזישער און מאַטעריעלער לאַגע פון די אידן אין איירָאפּע, נאָר מען זאָל אויך העלפן אויפבויען זייער גייסטיק און קולטורעל לעבן.

די פערטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1916, האָט אָנגענומען די פאָלגנדע וויכטיקע רעזאָלוציע, וועלכע האָט געהאַט אַ באַדייטנדע ווירקונג און האָט אויפגעוועקט דעם אינטערעס פון די הילפס־טוער פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון דעם קולטורעלן אידישן לעבן אין אַמעריקע.

די רעזאָלוציע לייענט זיך: „די קאָנווענשאָן דערקלערט, אַז די רעליף־אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט אין אַמעריקע פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות אין איירָאפּע, טאָר זיך ניט באַשרענקען בלויז אויף מאַטעריעלע הילף, נאָר זי זאָל אויך אויסברייטן איר טעטיקייט אויף דער ווידער־אויפבויאונג פון דעם קולטורעלן אידישן חורבן, וואָס די וועלט־מלחמה האָט פאַראורזאַכט.

דעריבער פאָדערט די קאָנווענשאָן אויף אירע פאַרטרעטער אין דער פאָלקס־הילפס־קאָמיטע אויסצואיבן זייער גאַנצן איינפלוס, אַז אַ טייל פון די געזאַמלטע געלטער זאָל אויך פאַרווענדט ווערן פאַר דער גרינדונג און אויפהאַלטונג פון אידישער דערציאונג און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס אין מלחמה־לענדער.

דערביי ווערט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז עס ווערט איבערגעלאָזן צו די אידן פון די באַטרעפנדע לענדער אַליין צו באַשטימען, וועלכע קולטור־אינסטיטוציעס זיינען פאַר זיי נייטיק".

די פאַרבאַנד־דעלעגאַציע אויף דער פערטער קאָנווענשאַן פון „פּיפּלס רע־ליף" האָט אַריינגעבראַכט די דאָזיקע פאָרשלאָגן אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע. חבר ב. צוקערמאַן האָט אין זיין פּראָגראַם־רעפעראַט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, אַז די קינדער־שולן און קינדער־היימען אין פּוילן זאָלן געשטיצט ווערן פון רעליף־געלטער. ער איז שטאַרק אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך יואל ענטין, וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַז די שטיצע זאָל גיין ניט נאָר צו די קינדער־שולן און קינדער־היימען, נאָר זאָל אויך אַריינגעמען די תלמוד־תורות.

דער „פּיפּלס רעליף" האָט אָנגענומען אונזערע פאָרשלאָגן און פיל מיטגע־האָלפן פונאַנדערצובויען די נעץ פון פאָלקס־שולן און קינדער־היימען אין פאַר־מלחמה'דיקן פּוילן.

טעטיקייטן צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין אַמעריקע

אין דעם יובילײ־בוך פון פאַרבאַנד דאַרפן זיכער פאַרצייכנט ווערן די וויכ־טיקסטע אַלגעמיינע קולטור־אַקציעס, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט פון צייט צו צייט אונטערגענומען, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס אידיש־גייסטיקע לעבן אין אַמעריקע.

איינע פון די אַקציעס איז געווען דאָס באַשאַפן פון „די פאָלקס־ליג פאַר אידישע סאָלדאַטן", וואָס דער פאַרבאַנד האָט געגרינדעט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער צוועק פון דער ליגע איז געווען, צו העלפן גייסטיק און קולטורעל די אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פאַרשידענע קעמפּס. די ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבע־טער־פאַרבאַנד, אָפּגעהאַלטן אין נאָוועמבער, 1917 אין טראָנטאָ, ג. דזש., האָט אָנגענומען דעם פאָלגענדן זייער אינטערעסאַנטן און וויכטיקן באַשלוס:

„די קאָנפערענץ נעמט אויף מיט צופרידנקייט די אַרבעט פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פאַר די אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער גרינדונג פון דער פאָלקס־ליגע און וואָס באַצוועקט אויפצונעמען אַ ברייטע קול־טורעלע טעטיקייט צווישן די אידישע סאָלדאַטן אין די מיליטערישע קעמפּס.

די קאָנפערענץ באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער נאָענטער פאַרבינדונג מיט די אידישע סאָלדאַטן און פאָדערט אויף די בראַנטשעס צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו צו בילדן אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס־ליגע אין די באַטרעפנדע שטעט".

די בראַנטשעס פון פאַרבאַנד האָבן די דאָזיקע רעזאָלוציע פאַרווירקלעכט אין לעבן. זיי האָבן דורכגעפירט אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט אין די פאַרשי־דענע קעמפּס. זיי האָבן געשיקט אין די קעמפּס אידישע און העבראַישע בי־כער און אידישע צייטונגען און זשורנאַלן. די בראַנטשעס האָבן געמאַכט פאַר־שידענע קולטור־אונטערנעמונגען פאַר די סאָלדאַטן און פלעגן זיי איינלאַדן צו די בראַנטש־שמחות. אין דער אַרבעט האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעצייכנט דער בראַנטש 71 אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, וועלכער האָט אַליין, מיט זיינע באַשיידענע מיטלען, דורכגעפירט די אַרבעטן, וואָס זיינען אין דער היינטיקער

מלחמה געפירט געוואָרן פון דער „נעשאַנאַל דזשואיש וועלפעיר באָארד“, מיט דער הילף פון דער רעגירונג.

די באַמיאונגען פון פאַרבאַנד צו באַשאַפן פאַר די אידישע סאָלדאַטן אין די קעמפּס אַ אידישע אַטמאָספער; האַלטן די סאָלדאַטן פאַרבונדן מיטן אידישן לעבן דורך ציטונגען און זשורנאַלן און שטאַרקן זייער שטימונג דורך פאַרשידענע אונטערנעמונגען, האָט געפירט דירעקט צו דעם, אַז אין דער הייניקער מלחמה זאָל די דאָזיקע אַרבעט אונטערגענומען ווערן דורך דער „נעשאַנאַל דזשואיש וועלפעיר באָארד“, וועלכע האָט שוין פאַר איר אַרבעט געקראָגן הילף פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל“.

סעמינאַר פאַר אידישער אָרטאָגראַפיע

אַ גאַר וויכטיקע דערגרייכונג אויפן קולטור־געביט איז אַרויסגעוואַקסן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד און האָט געפירט צו דער פאַראיינפאַכונג און איינהייטלעכקייט פון דער אידישער אָרטאָגראַפיע. דאָס איז געווען אין 1916, ווען דער צווייג 83 פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אויף דער איניציאַטיוו פון חבר מאיר קאַסטאָף באַשלאָסן צו געפינען אַ וועג ווי אַרייבצוברענגען אַן אָרדענונג אין דער אידישער אָרטאָגראַפיע, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ ניט־„פאַרצאַמטער גאָרטן“, און יעדער האָט זיך געשריבן ווי ער האָט געוואָלט, ניט פעסטגעשטעלט און ניט איינהייטלעך. דער צווייג האָט ראשית־כל באַשאַפן אַ סעמינאַר פאַר אידישער אָרטאָגראַפיע. ער האָט איינגעלאַדן די באַקאַנטע פילאָלאָגן און שריפטשטעלער: ב. באָראָכאָוו, ד״ר ספּיוואַק, יהואש, פּראָפ. יודאַ יפה, פּראָפ. יצחק אייזיק הורוויטש, דוד פּינסקי, אַלכסנדר האַרקאַווי און אַביגדור שאַלקאָוויטש צו האַלטן פאַרטראַגן איבער דער אידישער שפּראַך און אידישער אָרטאָגראַפיע. די זעצער־שריפטשטעלער ד״ר איזאַקאָוויטש און נ. פאַמעראַנץ (ע״ה) זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַרויסצוברענגען זייער מיינונג וועגן דער פראַגע. די אַלע לעקציעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פאַר די מיטגלידער פון צווייג 83, פאַר אידישע זעצער און פאַר איינגעלאַדענע געסט.

דער דאָזיקער קרייז איז אין יהואַשעס הויז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ קאָמיטעט פאַר וויטערדיקער פאָרשונג. דער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט כללים, באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג מיטן צוועק צו פאַראיינהייטלעכן די אידישע אָרטאָגראַפיע. די ערשטע רשימות מיט כללים זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „אידישער אַרבעטער־שטימע“.

מיט דעם האָט זיך אָבער די אַרבעט פאַר דער אידישער אָרטאָגראַפיע ניט פאַרענדיקט. די רשימות מיט כללים האָבן אַרויסגערופן אַן ערנסטע דעבאַטע אין דער אידישער פּרעסע. שפּעטער איז מיט דער הילף פון דעם י. ל. פּרץ־פאַראיין און מיט פאַרשטייער פון די אידישע שול־ריכטונגען, פון אַרבעטער־רינג, שלום עליכם און פאַרבאַנד די דאָזיקע אַרבעט פאַרגעזעצט געוואָרן.

אויף גאַר אַ ברייטערן אופן האָט די אַרבעט איבערגענומען דער אידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע, וועלכער האָט אונז מיט עטלעכע יאָר צוריק געבראַכט אַ סך רעפאָרמען אין דעם אידישן אויסלייג.

אידיש און העברעאיש אין די הײ־סקולס

די צוועלפטע פארבאנד־קאנווענשאן האט זיך ערנסט פאראינטערעסירט מיט דער פראגע צו געפינען וועגן, ווי אזוי מען זאל אריינברענגען אידיש און העברעאיש אין די „הײ־סקולס״, און אויב מעגלעך — אויך אין די „פאבליק־סקולס״. די קאנווענשאן האט אנגענומען די פאלגנדע רעזאלוציע:

„די קאנווענשאן שטעלט פעסט, אז אין א צאל גרעסערע שטעט אין אמע־ריקע איז די צייט רייף אונטערצונעמען אן אקציע פאר דער איינפירונג פון אידישע און העברעאישע לימודים אין רעגירונגס־שולן אין געגנטן, וואו אידן וואוינען אין קאמפאקטע מאסן.

די קאנווענשאן אנערקענט, אז אזא באוועגונג וועט אין דער דערציאונגס־טעטיקייט פאראינטערעסירן א גאר באדייטענדן טייל פון די אידישע מאסן אין אמעריקע.

די קאנווענשאן אינסטרואירט דעריבער דער אריינקומענדער גענעראל־עקזעקוטיווע צוזאמען מיט דער פארטיי פועלי ציון און מיט אנדערע קולטור־עלעמענטן, פעסטצושטעלן די מעגלעכקייטן, אין וועלכע שטעט אזא אקציע קען האבן דערפאלג און צוצוטרעטן די אקציע אונטערצונעמען.

די קאנווענשאן שיקט א גרוס צו די חברים און חברות אין מאנטרעאל און צו אלע נאציאנאל־פראגרעסיווע עלעמענטן פאר זייער בראוון און מוטיקן קאמף, וואס זיי פירן אן פאר דער אנערקענונג פון באזונדערע אידישע שולן מיט לימו־דים פעסטגעשטעלט פון אידן אליין, וואס זאל אויסגעהאלטן ווערן פון דעם רעגירונגס־דערציאונגס־בודזשעט.

די קאנווענשאן דריקט אויס די האפענונג, אז דער קאמף אין דער פראווינץ קוויבעק וועט זיך ענדיקן דערפאלגרייך לטובת דער באוועגונג פון באזונדערע אידישע שולן און וועט אויך האבן א באדייטנדע ווירקונג אויף דער איינפירונג פון אידישע און העברעאישע לימודים אין די אמעריקאנער לער־אנשטאלטן אין דער גאר נאענטער צוקונפט״.

נאך דער קאנווענשאן זיינען אין ניו־יארק פאררופן געווארן פאר דעם צוועק א צאל קאנפערענצן מיט פארשטייער פון אנדערע קולטור־קערפערשאפטן. פעטיציעס זיינען צוגעגרייט געווארן פון יואל ענטין, יודא יפה און י. לעווין.

די אקטיוויטעט האט נאך ניט געבראכט קיין פולן רעזולטאט. צו אונזער פרייד איז אבער די ארבעט אריינצוברענגען העברעאיש אין די „הײ־סקולס״ אונטערגענומען געווארן פון דער „דזשואיש עדיוקיישאן אסאסייאישאן״, און איצט פון דער „דזשואיש עדיוקיישאן קאמיטע״. דעם ענערגישן קולטור־טוער יודא לאפסאן, מיט דער הילף פון ד״ר י. טשיפקין, איז געלונגען אריינצוברענגען דעם העברעאישן לימוד אין גאר א גרויסער צאל הײ־סקולס, און עס לערנען איצט העברעאיש א סך טויזנטער אידישע קינדער, וואס וואלטן אונטער אנדערע באדינגונגען קיינמאל ניט געקומען צום העברעאישן ווארט.

די אַקציע פאַרן זשורנאַל „די צוקונפט"

אויף איינער פון די זיצונגען פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד אין יאָר 1938 איז אויפגענומען געוואָרן דער באַרימטער דיכטער און עסייאיסט אַברהם ליעסין (ע"ה), דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט". אַ. ליעסין האָט פאַר דער עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד דערקלערט, אַז „די צוקונפט", דער עלטסטער אידישער סאָציאַליסטישער זשורנאַל, געפינט זיך אין אַ שווערער פינאַנציעלער לאַגע און אַז די צאָל פון די אַבאָנענטן איז שטאַרק געפאַלן. ער האָט געבעטן דעם פאַרבאַנד, אַז ער זאָל קומען „די צוקונפט" צו הילף. דער פאַרלאַנג פון א. ליעסינ'ען איז גלייך באַוויליקט געוואָרן און דער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן אַן אַקציע פאַר דער „צוקונפט". חבר ל. סיגאַל האָט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט פאַר דער אַרבעט און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אין אַ קורצער צייט דורך די צווייגן פון פאַרבאַנד 800 נייע אַבאָנענטן. דער אַרבעטער־רינג האָט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפיל פון פאַרבאַנד.



יואל ענטינ'ס 70־יעריקער יובילייי איז געוואָרן געפייערט אין ניו־יאָרק דעם 3טן יוני 1945.
ביים הויפט־טיש זיצן: לייבוש לערער, ד"ר א. מארגוליס, י. ענטין און פ. גינגאָלד.

אין יאָר 1939 איז אויף אַ זיצונג פון דער גענעראַלער עקזעקוטיווע אויפגעטראָטן דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", י. קרעפּלאַק (ע"ה). פריינט קרעפלאַק האָט דערקלערט, אַז די פאַרבאַנד־אַקציע פון לעצטן יאָר האָט פאַקטיש דעם זשורנאַל געראַטעוועט און ער האָט געבעטן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל פאָרזעצן זיין אַקציע פאַר דער „צוקונפט". אויך דער פאַרלאַנג איז באַוויליקט געוואָרן און דער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט אַ צווייטע אַבאָנענטן־אַקציע פאַר דער „צוקונפט".

ווען די אַלע אַקציעס האָבן דאָך ניט געקענט ראַטעווען „די צוקונפט" און דער זשורנאַל האָט זיך אָפגעשטעלט, האָט דער פאַרבאַנד צוזאַמען מיטן אַרבעטער־רינג, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דער ציקאָ, אָנגעהויבן אַ נייע אַקטיווי־

טעט און די „צוקונפט" איז ווידער דערשינען און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ זיכערן באָדן.

אַנדערע קולטור־אַקטיוויטעטן

אין דער גרינדונג פון דער „ציקאָ" האָט דער פאַרבאַנד פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ. דער פאַרבאַנד האָט צוזאַמען מיטן אַרבעטער־רינג פאַררופן די קאָנפערענץ און האָט געהאָלפן אויסאַרבעטן די סטאַטוטן פון דער וויכטיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף אָרגאַניזירן, קאָאָרדינירן און פאַראייניקן די אידישע קערפּערשאַפטן פאַר אַ ברייטער קולטור־טעטיקייט. דער פאַרבאַנד באַטייליקט זיך אין אַלע אינסטאַנצן פון דער קערפּערשאַפט און שטיצט די אַרבעטן, וועלכע זי נעמט אונטער.

דער פאַרבאַנד באַטייליקט זיך אין דעם אידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „איוואָ" און איז גוט פאַרטראַטן אויף די יערלעכע צוזאַמענפאָרן פונם אינסטיטוט. די גענעראַל־עקזעקוטיווע און די צווייגן פון פאַרבאַנד שטיצן דעם אינסטיטוט און העלפן אים אין זיינע פאַרשידענע טעטיקייטן.

די שטיצע פון פאַרבאַנד ווערט אויך געגעבן צו די העברעאישע קערפּערשאַפטן: די הסתדרות עברית, „הדואר", רעדאַגירט פון מנחם ריבאַלאָוו, דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „בצרון", רעדאַגירט פון ח. טשערנאָוויץ. די פירנדע מיטגלידער פון פאַרבאַנד, ווי מ. מאַשעוויצקי, ש. שאַפּיראָ און קלמן וויטמאַן זיינען געווען צווישן די גרינדער פון דער הסתדרות עברית און אַ סך אַנדערע חברים העלפן דער הסתדרות כסדר.

דער פאַרבאַנד, ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט געקויפט אַקציעס פון העברעאישן זשורנאַל „התורן" פון ראובן בריינין נאָך אין יאָר 1916. לײַדער איז די אַרבעט אין פאַרבאַנד פאַר אונזער קולטור אין העברעאיש ניט אַזוי אַנטוויקלט געוואָרן, ווי דאָס ווילן אַ סך חברים. די לעצטע צייטן איז די אַקטיוויטעט פאַר דער העברעאישער קולטור צווישן די חברים אין פאַרבאַנד פיל פאַרשטאַרקט געוואָרן.

דער פאַרבאַנד האָט אָפטמאָל געגומען די איניציאַטיוו און האָט זיך באַטייליקט אין קאָנפערענצן און דירעקט געהאָלפן פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין אַמעריקע. אַזוי האָט זיך דער פאַרבאַנד באַטייליקט אין אַן אַקציע צו העלפן דעם אידישן קונסט־טעאַטער; אין אַן אַקציע צו זיכערן די עקזיסטענץ פון דער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג". דער פאַרבאַנד האָט אויך אויף זיין באַשיידענעם אופן דורכגעפירט אייניקע גרעסערע קאָנצערטן פאַר די פּליטים אין „קעמפּ אָסוויגאָ". דער פאַרבאַנד העלפט באַשאַפן קולטור־צענטערס, כדי די אידישע קולטור־אַרבעט זאָל האָבן אַ היים.

די קולטור־קאָמיטעטן פון פאַרבאַנד זיינען באַשטאַנען אין פאַרלויף פון די יאָרן פון די חברים: יואל ענטין, ה. עהרענרייך, ח. ליבערמאַן, מ. מאַשעוויצקי, ש. שאַפּיראָ, ד"ר י. קויפמאַן, פּראָפ. י. אַ. הורוויטש, א. מאַיראָוויטש, י. זעמל, דוד פּינסקי, י. קאַצמאַן, ש. בורשטיין, ד"ר א. מאַרגוליס, וו. געלבאַרד, ב. פערל־

מוטער און פּ. גינגאָלד, און די סעקרעטאַרן פון פאַרבאַנד אין פאַרשידענע צייטן — די חברים מ. ל. בראַון, ש. גאָלדשטיין און ל. סיגאַל.

פון צייט צו צייט זיינען אויך צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט אַנדערע מיטגלידער פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע. די דירעקטע קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד־צווייגן איז דורכגעפירט געוואָרן פון הונדערטער איבערגעגעבענע חברים איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער פרייע צייט און זייערע בעסטע יאָרן. זייער איינציקער אינטערעס איז געווען צו ברענגען דעם אידישן עולם און צו דער פאַרבאַנד־מיטגלידערשאַפט אידישן וויסן, אידישע אידעאַלן און אידישע האָפענונגען. אָט די הונדערטער חברים־אידעאַליסטן איבערן לאַנד האָבן „מרביץ תורה ברבים" געווען אין דעם שענסטן זין פון וואָרט.

ליידער איז ניט אַלץ, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אויפגעטאָן אויפן קולטור־געביט, דאָ פאַרצייכנט געוואָרן. עס זיינען דאָ ניט אָנגעגעבן געוואָרן די כסדר'דיקע זוכענישן פון פאַרבאַנד צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי דער צענטער זאָל קענען באַאיינפלוסן ווי געהעריק די צווייגן, זיי זאָלן זייער קולטור־אַרבעט אַוועקשטעלן אויף פעסטע פערמאַנענטע יסודות. עס זיינען דאָ אויך ניט פאַרצייכנט געוואָרן די גרויסע אָנשטרענגונגען פון דער גע־נעראַל־עקזעקוטיווע צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן פאַר קולטור־טעטיקייטן.

אין די ערשטע יאָרן האָט דער סעקרעטאַר מ. ל. בראַון געזוכט צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן פאַר דער קולטור־טעטיקייט דורך אַ שטענדיקן שטייער אויף די מיטגלידער. אויף דער ביינטער קאָנווענשאָן האָט ש. גאָלדשטיין, דער דעמאָל־טיקער גענעראַל־סעקרעטאַר, געהאָלפן דורכצופירן אַ רעזאָלוציע צו שאַפן אַ 50־טויזנט־דאָלאַרדיקן פאָנד פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד. אין די לעצטע יאָרן זוכט דער גענעראַל־סעקרעטאַר ל. סיגאַל צו געפינען גרעסערע מיטלען פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון אַ גרעסערער צאָל יחידים אין פאַר־באַנד, ווי ער טוט עס ביים שאַפן דעם 100־טויזנט־דאָלאַרדיקן פאָנד פאַרן פאַרלאַג. די דאָזיקע פראַגע פון פינאַנסירן די קולטור־טעטיקייט אין פאַרבאַנד איז ליידער נאָך אַלץ ניט פאַרענטפערט. דער פאַרבאַנד האָט נאָך ביז היינט ניט דעם נייטיקן אַפּאַראַט פאַר דער דאָזיקער יסודות'דיקער טעטיקייט.

מיר האָבן זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט גענויער אויף דער וויכטיקער באַדיי־טונג פונם פאַרבאַנד־אָרגאַן „די אידישע אַרבעטער־שטימע", וואָס איז געווען מיט קליינע אויסנאַמען אַ וויכטיקע שריפט, וואו עס האָבן מיטגעאַרבעט עטלעכע צענדליק פון די וויכטיקסטע אידישע שריפטשטעלער און דיכטער.

ד״ר סטיפען ס. וויז באַגריסט דעם פאַרבאַנד צום 30־יעריקן יובל

עס פרייט מיך צו באַגריסן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַר־באַנד צו זיין 30־יעריקן יובל. אין די דרייסיק יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד באַשאַפן אַ נייעם מין פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס די מערסטע כוחות אירע זיינען קאָנצענטרירט אויף אַ גרויסן נאַציאָנאַלן אידעאַל און אויף געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַרבעטן, וועלכע שטעלן איר אַוועק אין אַוואַנגאַרד פון באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַלן און פּראָגרעסיוון אידנטום. עס זיינען דאָ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ סך אַ גרעסערער צאָל מיטגלידער. עס איז אָבער נישטאָ קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע מיט אַ מיט־גלידערשאַפט פון אַרום 20 טויזנט, וואָס זאָל זיך קענען באַרימען מיט אַזוי פיל אויפטוען פאַרן אַרבעטענדן ארץ־ישראל, מיט אַזוי פיל שולן און קולטור־אינסטיטוציעס, מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט פון אירע מיטגלי־דער צו דער אידעע פון אַ קאָנסטרוקטיוו, באַוואוסטזיניק דעמאָקראַטיש אידיש לעבן אין אַמעריקע.

אַ פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין האָט געקענט אויפבויען אין אַמעריקע בלויז דער אַרבעטער־ציוניזם — די באַוועגונג, וואָס גייט האַנט אין האַנט מיטן אַרבעטענדן ארץ־ישראל און ווערט געטראָגן פון די הויכע אידישע און סאָציאַלע אידעאַלן פון דער הסתדרות.

עס קומט אויך גרויס אָנערקענונג דער פירערשאַפט פון פאַרבאַנד און קודם־כל זיין פרעזידענט, דעם באַרימטן שריפטשטעלער דוד פינסקי, און זיין גענעראַל־סעקרעטאַר, מיין פריינט און חבר לואיס סיגאַל.

צום איצטיקן 30־יעריקן יובל קען איך בלויז ווינטשן דעם פאַרבאַנד, ער זאָל זיך אויסברייטערן און באַפעסטיקן אויף דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען די אַלע יאָרן. די אידעאַלן, וואָס טראָגן אים, זיינען אַ גאַראַנטיע, אַז ער וועט וואָס ווייטער פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ אין אונזער אידישן לעבן.

דאָס ליד פון פאַרבאַנד

פון זלמן שניאור

גערוידמעט חבר **לואי סיגאַל**

צו זיין 50־יאָריקן געבורטסטאָג און 18־יאָריקער טעטיקייט אין פאַרבאַנד

דאָס איז אַ ליד, אַ פרילינג־ליד
פון אידישן פאַרבאַנד!
מיר גייען צו אַ נייער צייט,
און איינער זוכט דעם צווייטנס האַנט,
צו אַחדות און פאַרברידערונג, —
אין פרייעם יענקי־לאַנד.

וואָס אָפּגעשטאַנען מונטערן מיר
און בויען נאָכאַנאַנד:
אין היים ביי אונז, אין שול און קעמפּ,
אין וויט, אין זוניקן מזרח־לאַנד,
באַפרייען כוחות מיר און ערד
פון גלות און פון שאַנד.

און קומט אַ פעלקער־שטורעם אָן, —
מיר האַלטן אַלע שטאַנד!
מיר שטייען אויסגעמויערט, ווי
די לעצטע בית־המקדש־וואַנט...
דאָס איז דאָס ליד, אַ נייע ליד
פון אידישן פאַרבאַנד!

די וויכטיקסטע פאַקטן און דאַטן אין דער געשיכטע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

פון ל. שין

1907 — אין „אידישן קעמפער", וואָכנבלאַט פון פועלי ציון, דערשיינט דעם 30טן סעפטעמבער אַ דיסקוסיע־אַרטיקל צו דער דריטער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן (אָקטאָבער 1907 אין פילאַדעלפיע), אַז די פועלי ציון זאָלן שאַפן אַ „פועלי ציון־רינג". די נאַציאָנאַלע עלעמענטן, מאָטיווירט דער מחבר פון אַרטיקל, קענען זיך ניט אָנשליסן אין „אַרבעטער־רינג". דאָרט הערשט ווייטער דער אַלטער אַסימילאַציע־רעזשים. דאָס איז געוואָרן ווידער־אַמאָל דעמאָנ־סטרירט דורכן לעצטן „קראָמיע יעווריעוו"־באַשלוס קעגן „אידישן קעמ־פער". „אַ נאַציאָנאַליסט, וואָס פאַלט אַריין אין אַ ברענטש פון אַרבעטער־רינג, האָט אַ רעכט ביסל אויסצושטיין". אין די בירגערלעכע אָרדנס קען זיך אַ פועלי ציון־חבר ניט אָנשליסן, צוליב זייערע ווילדע מנהגים, מיטינג־צערעמאָניעס און אַז. וו. בלייבט דער ריכטיקסטער אויסוועג: די נאָענט־סטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ זאָל באַשליסן צו גרינדן אַ פועלי ציון־רינג.

אין נומער 25 פון „אידישן קעמפער" לייגט פאָר אַ צווייטער חבר זיך אָנצושליסן אין ניי־געגרינדעטן ציוניסטישן אָרדן „פרי סאָנס אָוו זייאָן".

די קאָנפערענץ האָט די פראַגע פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־רינג" ניט באַטראַכט.

1908 — אָנהויב יולי האָבן דריי פועלי ציון־טוער אין פילאַדעלפיע (מאיר בראָון, י. מילער און וועקסלער) געלייגט דעם יסוד פון ערשטן נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישן אונטערשטיצונגס־פאַראיין. אַ שטויס צו דער גרינדונג פון פאַר־איין איז געווען אַ ידיעה פון ניו־יאָרק, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פועלי ציון פלאַנט פאַרצולייגן דעם פּאַרטיי־ראַט אַ רעקאָמענדאַציע זיך צו פאַרבינדן מיטן ניט לאַנג־געגרינדעטן ציוניסטישן אָרדן „בני ציון".

אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע אין פילאַדעלפיע זיי־נען געווען אָנוועזנד 11 מאַן, דערפון 7 פועלי ציון, 2 ס. ט., איין סיימיסט און איין אומפּאַרטייאישער. עס זיינען געוואָרן פאָרמולירט די צילן פון דער נייער אָרגאַניזאַציע: א) קעגנזייטיקע פאַרזיכערונג; ב) איינפלאַנצונג פון חבר׳שאַפט; ג) שטאַרקונג פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן באַוואוסט־זיין; ד) קאַמף קעגן אַסימילאַציע; ה) קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט; ו) געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט; ז) אַרבעט פאַר דער ווידער־פאַראייניקונג פון די נאַצ.־סאָצ. פּאַרטייען.

דער פּאַרטיי־ראַט פון פּועלי ציון, וואָס איז זיך צונויפגעקומען סוף סעפּטעמבער אין באַפאַלאָ, האָט באַשלאָסן צו שטודירן די פראַגע וועגן גרינדן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד; דער פּיטסבורגער ברענטש 4 נעמט איבער די אָנפירונג פון די ערשטע עטלעכע פאַראיינען מיט שמואל סיגאַל אַלס סעקרעטאַר.

געגרינדעט ברענטש 6 אין שיקאַגאָ.

1909 — די פאַראייניקונגס־קאָנווענשאָן פון פּועלי ציון מיט די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און „סערפּ" אין אָקטאָבער אין שיקאַגאָ נעמט אָן אַ רעזאָלוציע מיטצוהעלפן דעם פונאַנדערבוי פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

די פּועלי ציון אין ניו־יאָרק גרינדן דעם „פּועלי ציון בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן". שפּעטער האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין פאַרבאַנד־ברענטש 40; געגרינדעט ברענטש 37 אין וויניפּעג.

1910 — גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער 10—16 יוני. גרויסער וויכוח וועגן כאַראַקטער פון פאַרבאַנד. ענלעכער וויכוח אויפן 5טן צוזאַמענפאָר פון די פּועלי ציון אין אָקטאָבער, אין מאָנטרעאַל. די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען די פאָלגנדע גרונט־פּרינציפּן:

דער איד.־נאַצ. אַרב.־פאַרבאַנד שטרעבט צו אָרגאַניזירן אַלע אידישע אַרבעטער אויף פאָלגנדע יסודות:

1 — קעגנזייטיקע הילף אין פאַל פון נויט, קראַנקהייט און טויט;

2 — דערציאונג פון אידישן אַרבעטער אין פולן באַוואוסטזיין פון זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן;

3 — דער איד.־נאַצ. אַרב.־פאַרבאַנד אינטערעסירט זיך מיט אַלע אַרבעטן, וועלכע פירן צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון אידישן פאָלק; ער אונטערשטיצט אויך אַלע אַרבעטן, וועלכע פירן צו דער פאַרשטאַרקונג און באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס.

הגם די גרינדונג פון דער קאָנפערענץ האָט ניט אָנגענומען אין אירע פּרינציפּן דעם ארץ־ישראל־פּונקט, איז אָבער גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרן באַשטימט אַן אָבליגאַטאָרישער שטייער פאַרן פאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו שאַפן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שבת־און זונטיק־שולן; שאַפן אידישע אַרבעטער־אַנטוויקלונגס־גרופּעס און העלפן דעם אידישן אַרבעטער זיך אויסלערנען זיין שפּראַך; אָנפירן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אידישע אָפּטיילונגען אין די פּאַבליק־לייבררעריס; אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַן אַלוועלטלעכן אידישן עמיגראַציע־קאָנגרעס; פאָדערונג פון אַ אידישער סעקציע אינם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל; קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירן אידישע קהילות; באַגריסונג אָרגענטינע צו דער איניציאַטיוו צו שאַפן דאָרט אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע; אונטערגעשטראָכן וויכטיקייט,

אַז אידישע עמיגראַנטן זאָלן ווערן אַמעריקאַנער בירגער. דער צענטער פון פאַרבאַנד ווערט איבערגעטראָגן קיין ניו־יאָרק. פאַרבאַנד ציילט טויזנט מיטגלידער. געוויילט י. חייקין אַלס פּאַרזיצער, מ. בראַון אַלס סעקרעטאַר, א. קרייזעל אַלס קאַסירער; געגרינדעט ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולע אין ניו־יאָרק.

געגרינדעט ברענטש 8 אין מאָנטרעאָל; געגרינדעט ברענטש 12 אין ראָטשעסטער; געגרינדעט ברענטש 14 אין ניו־יאָרק; ברענטש 18 אין בראַנזוויל, ניו־יאָרק.

1911 — צוזאַמענפאָר אין יולי אין פּיטסבורג. פאַרבאַנד ציילט טויזנט מיטגלידער. עס ווערן געוויילט: אַלס פּרעזידענט, ג. אברונין; אַלס וויצע־פּרעזידענט, נ. עלקין; אַלס סעקרעטאַר, מ. בראַון; אַלס קאַסירער, ס. מאהעל.

געגרינדעט ברענטש 17 אין סט. לואיס; געגרינדעט ברענטש 29 אין דייטאָן, אָהייאָ; געגרינדעט זשיטאָמירער־דובינסקי ברענטש 52 אין ניו־יאָרק; געגרינדעט טשענסטאָכאָווער ברענטש 111 אין ניו־יאָרק; געגרינדעט ברענטש 27 אין באָסטאָן.

1912 — ערשטער צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אין ניו־יאָרק. געשאַפן שול־פעדעראַציע פון פּועלי ציון און פאַרבאַנד־שולן; דעם 7טן מערץ לעגאַליזירט פאַרבאַנד; דעם 29טן מערץ באַקומען פּראָוויזאָרישן טשאַרטער; טשאַרטער־קאָנווענשאָן דעם 30טן און 31טן דעצעמבער אין אָלבאַני; פּראָטעסט קעגן בייליס־פּראָצעס.

געגרינדעט ברענטש 2 אין פילאַדעלפיע; געגרינדעט ברענטש 9 אין טאָלידאָ, אָהייאָ; געגרינדעט שלום עליכם־ברענטש 39 אין קאָלאָמבוס, אָהייאָ; געגרינדעט מילינערי אַרבעטער־ברענטש 172, ניו־יאָרק.

1913 — באַקומען דעם טשאַרטער דעם 6טן יאַנואַר; פאַרבאַנד פאַנגט אָן אַרויסגעבן אידישע קינדער־ליטעראַטור. הארציקע באַגריסונגען לכבוד י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן.

באַוועגונג קעגן בורנעט־ביל צו באַגרענעצן די אימיגראַציע; פּראָטעסט קעגן בויקאָט אין פּוילן; דער פאַרבאַנד ציילט סוף יאָר 2 טויזנט מיטגלידער און 50 ברענטשעס; יואל ענטין טרעט אַריין אין פאַרבאַנד.

געגרינדעט ברענטש 71 „נייע לעבן" אין אַטלאַנטאַ, דזשאָ.; געגרינדעט ברענטש 74 אין טשעלסי, מאַס.; ברענטש 14 אין ניו־יאָרק נעמט אָן דעם נאָמען „באַראָכאָוו ברענטש"; געגרינדעט בר. 7 אין סינסינעטי; בר. 20 אין וויניפּעג; צוזאַמענשלוס פון די ברענטשעס שלום עליכם און 72 אין טאָראָנטאָ.

1914 — ערשטער שול־צוזאַמענפאָר אין אַפּריל אין ניו־יאָרק באַשליסט צו גרינדן אידישן לערער־סעמינאַר, אַרויסגעבן אידישן קינדער־זשורנאַל, איינפירן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע. געשאַפן אַ שול־פאַרבאַנד; אַקציע קעגן איינפירן דייטש אין חיפה'ער פּאָליטעכניקום; געגרינדעט עטלעכע אָוונט־שולן פאַר דערוואַקסענע; אויסגעאַרבעט קאַטאַלאָג פון אידישע און העב־

רעאישע ליטעראַטור פאַר די ביבליאָטעקן; דערשיינען אין אָקטאָבער ערש־טער נומער „אידישע אַרבעטער־שטימע״ אַלס דריי־חודש־אָרגאַן; צווייטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן אין אַפּריל אין פילאַדעלפיע; דוד פּינסקי טרעט אַריין אין פאַרבאַנד.

געגרינדעט בר. 41 אין פּראָווידענס; בר. 61 אין האַרטפאָרד, קאָנ.; בר. 92 ג. בירנבוים אין וואוסטער, מאַס.; טשאַרטאָריסקער בר. 80 אין ניו־יאָרק; פאַראייניקונג פון יהואש ברענטש מיטן ברענטש 8 אין מאָנטרעאַל.

1915 — געשאַפן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אַגיטאַציע־קאָמיטעט פאַרן אידישן קאָנגרעס; אָנגעהויבן דערשיינען „אידישער קאָנגרעס״; נאַציאָנאַלער אַרבע־טער־קאָנגרעס איבער אידישע מלחמה־ און שלום־פאָדערונגען; זיג פון פּראָ־קאָנגרעס־געדאַנק אין אַמעריקע; רוף צו שאַפן חלוצים־באַוועגונג אין אַמעריקע; פאַרבאַנד ציילט 72 ברענטשעס און 3,013 מיטגלידער; אַרבעטער־קאָנפערענץ צו אָרגאַניזירן „פּיפּלס רעליף״; ערשטער „טעג־טאָג״ פון „פּיפּלס רעליף״ אין ניו־יאָרק אַ גרויסער דערפאָלג; פאַרשטאַרקטע בילדונג־טעטיקייט; שול־באַראַטונג דעם 6טן יולי. עס עקזיסטירן 20 שולן אין 16 שטעט; באַטייליקונג אין קאָנפערענצן פון אַרבעטסלאָזע; פאַרשלאַג פון ב. צוקערמאַן צו שאַפן אַ צענטראַלן טרייד־יוניאָן־קאָמיטעט און לאָקאַלע קאָ־מיטעטן; דריטע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אין יולי אין באַפאַלאָ באַשליסט צו שאַפן טויזנט וואָלונטירן פאַר דער הילפס־אַרבעט; שאַפן אַ קולטור־פאָנד; שטיצן דעם האַיאַס; שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־יוניאָן; קאַמף קעגן „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי״; פּראָטעסטירט קעגן פּוילישער פּרעסע אין פּוילן פאַר איר אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע. ערשטע גראַדואירונג פון אונזערע שולן אין ניו־יאָרק.

געגרינדעט פּראָגרעסיוו־מיעליצער בר. 69 אין ניו־יאָרק; בר. 82 אין ניו הייווען.

1916 — פאַרקאָנפערענץ פון אידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע; געשאַפן אומ־פּאַרטייאישע אידישע קאָנגרעס־ליגע צום קאַמף קעגן שלום־אָפּמאַך מיט דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי און נאַצ. אַרב.־קאָמיטעט (די אידישע סאָ־ציאַליסטן פון גענאָסישן חדר); דער שלום־אָפּמאַך ווערט רעווידירט; פּועלי ציון פאַלעסטינע־קאָמיטע אַרויסגעגעבן בוך „יזכור״, דורכגעפירט פיל יזכור־אָוונטן; דערשינען בוך „ארץ־ישראל״ פון בן־צבי און בן־גוריון; פערטער צוזאַמענפאָר אין דעטרויט אָנהויב סעפּטעמבער. עס עקזיסטירן 116 ברענטשעס און 4,400 מיטגלידער. באַשלוס צו פאַרשטאַרקן ארץ־ישראל־טעטיקייט; זעלבסט־באַשטייערונג פאַר הילפס־אַרבעט; דורכפירן אַ נאַציאָנאַלע אידישע הלוואה; גרינדן אַ ליגע צום קאַמף קעגן עמיגראַציע־באַגרענעצונגען; גרינדן אַן אימיגראַציע־באַנק; העלפן שלום עליכם הילפס־פאָנד אַרויסגעבן די ווערק פון שלום עליכם; דורכפירן אַ ברייטע זעלבסט־בילדונג־טעטיקייט; גרינדן אַ פאָלקס־טעאַטער און אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט; אויפבויען אידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין מזרח־אייראָפּעאישע לענדער;

אויפבויען אָונט־שולן; באַגריסן גרינדונג פון דער הסתדרות עברית. יצחק־איזיק הורוויטש ווערט פּרעזידענט פון פאַרבאַנד; דורכשניט־עלטער פון פאַרבאַנד־מיטגלידער איז 27 יאָר; אין דער אידישער פּרעסע ווערט דער פאַרבאַנד באַצייכנט אַלס „דער אָרדן פון דער יוגנט".

ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון „פּיפּלס רעליף" אין באָסטאָן; „אידישער קעמפער" באַנייט אין פאַרגרעסערטן פאָרמאַט; „אידישע אַרבעטער־שטימע" — אָרגאַן פון פאַרבאַנד — ווערט אַ חודש־צייטונג; צווייטער צוזאַמענפאָר פון שול־פאַרבאַנד אין אַפּריל. עס עקזיסטירן 27 שולן; איבערגעגעבן ב. באָראָכאָוו אַרויסצולאָזן אַ קורצע ענציקלאָפּעדיע אין 4 בענדער איבער דער געשיכטע פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

געגרינדעט שלום עליכם ברענטש 24 אין ברוקלין, נ. י.; וואַסילקאָווער ברענטש 25 אין פילאַדעלפיע; שלום עליכם בר. 33 אין בינגהעמטאָן, אַלאַבאַמאַ; בר. 36 אין לינדען, נ. דזש.; י. ל. פּרץ בר. אין פּעטערסאָן; משה העס בר. 96 אין שיקאַגאָ; שלום עליכם בר. 102 אין שיקאַגאָ; באָראָכאָוו בר. 124 אין טאָראָנטאָ; בר. 83 אין ניו־יאָרק; שערפּצער בר. 42 אין ניו־יאָרק.

1917 — די „געטאָסן" זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג; דעם 24טן און 25טן מערץ קומט פאָר דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאָנגרעס; אין יוני קומען פאָר די וואַלן צום אידישן קאָנגרעס. דער נאַצ.־סאָצ. צעטל באַקומט 75 טויזנט שטימען פון 325,000 וויילער צום קאָנגרעס און דער־ווילט 94 דעלעגאַטן; ספּעציעלע פאַרבאַנד־קאָנפערענץ אין טראָנטאָ באַשליסט צו אָרגאַניזירן אַ פּאָליטישע ארץ־ישראל־קאָמיסיע און צו פאַררופן אַ אידישע אַרבעטער־קאָנווענשאָן פאַר ארץ־ישראל; אָנשליסן זיך אין „החלוץ"; אונטערגעשטראָכן וויכטיקייט פון ציוניסטישע קאָנגרעסן, שקלים, נאַציאָנאַל־פאָנד; פיל חברים אַוועק מיטן לעגיאָן, דערונטער יהושע גאָרדאָן, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד; „טעג־טאָג" פון פאַרבאַנד און פּועלי ציון פאַר אידישע קינדער־שולן אין די מלחמה־לענדער; זעלבסט־באַשטייערונג פאַר אידן אין מלחמה־לענדער; פּרוּוון צו שאַפן פאַרבאַנד פון אידישע סאָלדאַטן; אַקציע פאַר נאַטוראַליזירן חברים פון פאַרבאַנד; געעפנט אָונט־שולן פאַר דערוואַקסענע אין ניו־יאָרק; אָנגעהויבן דערשיינען „קינדער־וועלט"; ד"ר זשיטלאָווסקי טרעט אַריין אין פאַרבאַנד; באַלפור־דעקלאַראַציע; ערשטער קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער אידן אין פילאַדעלפיע (דעצעמבער); אַקציע קעגן יקרות; געשטאָרבן ב. באָראָכאָוו.

געגרינדעט בר. 35 „פרייהייט" אין בראָנזוויל; בר. 26 אין טאָראָנטאָ; יוגנט־בר. 18 אין ברוקלין; וואָלינער בר. 3 אין פילאַדעלפיע; טשענסטאָכאָווער בר. 111 אין ניו־יאָרק; באָראָכאָוו בר. 124 אין טאָראָנטאָ.

1918 — אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל אין מאַי פאַרטרעט 200 טויזנט אַרבעטער; באַשלוס אַרויסצוגעבן די „צייט"; 5טע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער באַשליסט צו שאַפן פּיאָנערן־פאָנד פאַר ארץ־ישראל; שיקן אַ פאַרבאַנד־דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל, וואָס זאָל צוז. אַנד.

פעסטשטעלן די מעגלעכקייט צו גרינדן דאָרט אַ פֿאַרבאַנד; פֿאַרשפּרייטן שקלים; אָרגאַניזירן קהילות; שאַפֿן אַ פֿאָלקס־ליגע פֿון סאָלדאַטן; אידישער לעגיאָן; אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס; זיך אָנשליסן אין קאָאָפּעראַטיווער פֿעדעראַציע; פֿאַרשטאַרקטע טרייד־יוניאָן־אַרבעט; שאַפֿן אַן אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד; דורכפֿירן אַ קאָפּ־שטייער פֿאַר די שולן; שאַפֿן געזאַנג, ספּאָרט און דראַמאַטישע פֿאַראיינען; גרינדן פֿרויען־בּרענטשעס. אַלס פּרעזידענט ווערט דערוויילט יהושע גאָרדאָן; אַלס וויצע־פּרעזידענט, ד״ר יהושע אַפּעלבוים; סעקרעטאַר, מאיר בּראַון; קאַסירער, דוד פּינסקי.

צווייטע קאָנווענשאָן פֿון „פּיפּלס רעליף״ אין קליוולאַנד פֿאָדערט צו פֿאַרשטאַרקן אַקטיוויטעט אויפֿן געביט פֿון קאָנסטרוקטיווער הילף; קריזיס אין פֿאַרבאַנד צוליבן קריג און אַנדערע סיבות; פֿאַרבאַנד ציילט 115 בּרענטשעס אין 60 שטעט אין 23 שטאַטן און אין קאַנאַדע, מיט 5,500 מיטגלידער; פּלאַן צו שאַפֿן אַ געזונטהייטס־אינסטיטוט; פֿייערונג 50 יאָר נחמן סירקין; פֿאָרשלאַג פֿון ד״ר י. וואַרטמאַן צו פֿאַראייניקן אַרבּעטער־אָרדנס; פֿאָרשלאַג ל. סיגאַל: פֿאַרשטאַרקן טרייד־יוניאָן־אַרבעט, ענגערער קאָנטאַקט מיט פּ. צ., גרינדן פֿאַרבאַנדן אין רוסלאַנד און אין ארץ־ישראל, גרינדן אַ סאַנאַטאָריע; אַנטשטאַנען לערער־סעמינאַר (אין מערץ).

געגרינדעט סעמיאַטיטשער בּר. 123 אין ניו־יאָרק; בּר. 19 אין באַלטימאָר.

1919 — דורכגעפֿירט בּילדונגס־אַנקעטע; פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן פּאָגראָמען אין פּוילן; אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס ווערט באַהערשט פֿון די „גענאָסן״. פֿאַרבאַנד און פּועלי ציון שאַפֿן אַ באַזונדערן נאַצ.־סאָצ. קאָמיטעט; 6טע קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אין סעפּטעמבער באַשליסט צו רופֿן אַן אַלוועלטלעכע רעליף־קאָנפֿערענץ; העלפֿן בּרענגען קיין אַמעריקע פֿרויען, קינדער פֿון עלטערן פֿון די אַמעריקאַנער אידן; שיקן אין מלחמה־לענדער פּריוויליקן פֿאַרבאַנד־יוניט; שאַפֿן סעמינאַר־גרופּן צו העלפֿן דעם לערער־סעמינאַר; גרינדן אָפּטיילונג פֿון פֿאַרבאַנד אין ארץ־ישראל; פֿאַרשטאַרקן פֿינאַנץ־פֿאָנד פֿון פֿאַרבאַנד און העלפֿן גלייכצייטיק דעם פּאַלעסטינער אַרבעטער־פֿאָנד און דעם פּרייהייטס־פֿאָנד פֿון דער פּאַרטיי; רעאָרגאַניזירן דעם שול־קאָמיטעט; באַטייליקן זיך אין דער באַוועגונג קעגן יקרות; שאַפֿן אידיש־נאַציאָנאַלע יו[illegible]קלובן; פֿאַרשטאַרקטע קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט; פֿאָרשלאַג צו שאַפֿן אַ פֿאַרבאַנד פֿון אידישע מעכאַניקער פֿאַר ארץ־ישראל; אויסגעאַרבעט פּלאַן פֿון פֿרויען־קלובן; פֿייערונג פֿון 5 יאָר פֿאַרבאַנד; דורכפֿירן קאַמפּיין פֿאַר הילפֿס־אַרבעט פֿאַר 25 טויזנט דאָלאַר; ווערבירן 5,000 נייע מיטגלידער. פֿאַרבאַנד ציילט 114 בּרענטשעס און 6,471 מיטגלידער; דאָס פֿאַרמעגן באַטרעפֿט 121,794 דאָלאַר. אַלס פּרעזידענט פֿון פֿאַרבאַנד ווערט געוויילט דוד פּינסקי; אַלס וויצע־פּרעזידענט, ד״ר י. אַפּעלבוים; אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר, מאיר בּראַון.

געגרינדעט איוואַנגאָראָדער בּר. 130 אין ניו־יאָרק; שמעון בן גיורא בּר. 128 אין סקרענטאָן, פּאַ.

1920 — דעם 29טן אויגוסט האָט אָנגעהויבן דערשיינען די טאָג־צייטונג „די צייט"; פאַרבאַנד באַקומען טשאַרטער אין קאַנאַדע; צווייטער אידישער אַמעריקאַנער קאָנגרעס. לויט מאַרשאַל גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער דעלע־גאַציע צו דער שלום־קאָנפערענץ; געשאַפן פאַרבאַנד־בילדונגס־ביוראָ, לייטער חיים ליבערמאַן; דאָס ביוראָ פירט דורך קאָרעספּאָנדענץ־קורסן; פּ. גינגאָלד נעמט איבער לייטונג פון סעמינאַר; שפּאַלטונג פון וועלט־פאַרבאַנד פּועלי ציון; ערשטע ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.

געגרינדעט הערצל בר. 145 אין טאָראָנטאָ; פרויען־קלוב 4 אין טאָ־ראָנטאָ.

1921 — שול־קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע באַשליסט צו גרינדן קינדער־גערטנער, אַ שול־פאַרלאַג, קינדער־טעאַטער; שאַפן אוניווערזיטעט ביים לערער־סעמינאַר; צונויפרופן אַ אידישן קולטור־צוזאַמענפאָר; 7טע קאָנווענ־שאָן פון פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ (אין מאַי) באַשליסט צו שאַפן אַ צענטראַ־ליזירטע לייי־ און שפּאָר־קאַסע; גרינדן אַ קרן היסוד־אָפּטיילונג פון אַרבע־טער, וועמענס הכנסות זאָלן ווערן באַשטימט פאַר אַ אידישער אַרבעטער־באַנק אין ארץ־ישראל; פאַרשטאַרקן די אַרבעט צווישן דער יוגנט; דורכפירן געצייג־קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל; רופן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס אין אַמעריקע און אַן אַלוועלטלעכן אידישן אַרבעטער־קאָנגרעס; שאַפן אייגענע פאַרבאַנד־אינסטיטוטן; באַטראַכטן פאָרשלאַג צו גרינדן אין ארץ־ישראל אַ „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־האָספּיטאַל"; שאַפן צוויי סאַניטאַריעס אין חיפה און ירושלים אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד. אַלס פרעזידענט ווערט דערוויילט מאיר בראַון, אַלס סעקרעטאַר ש. גאָלדשטיין, אַלס געהילף ל. סיגאַל. ערשטע ארץ־ישראל אַרבעטער־דעלעגאַציע פון ב. קאַצענעלסאָן, יוסף באַראַץ און מאַניע שוחט פירט דורך אַקציע פאַר דער אַרבעטער־באַנק; פאַראייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען מיטן אינדעפּענדענט אַרבעטער־רינג; פאַרבאַנד ציילט 114 בראַנטשעס מיט 6,471 מיטגלידער.

געגרינדעט בר. 165 אין מעמפיס, טענ.; בר. 151 אין פּאַסאַיק; הערצל בר. 145 אין טאָראָנטאָ; בר. 195 אין באַלטימאָר; פאַראייניקונג פון בראַנ־טשעס 149, 111 און 169 מיטן בר. 10 אין ניו־יאָרק.

1922 — אַכטע קאָנווענשאָן אין באָסטאָן (יוני) אָפּגעוואָרפן פאַראייניקונג מיטן אינד. אַרבעטער־רינג; פאַרזיכערן עקזיסטענץ פון „קינדער־זשורנאַל" בשותפות מיט די שלום עליכם־שולן.

געגרינדעט טשעכאָנאָווצער יוגנט־בר. 162 אין ניו־יאָרק; בר. 163 אין ניו בעדפאָרד; בר. 151 אין פּאַסאַיק; בר. 166 אין ספּרינגפיעלד, מאַס.

1923 — אַקציע צו שיקן מעדיקאַמענטן קיין ארץ־ישראל און פאַר באַראָכאָוו־סאַניטאַריע; פאַרשלאַג וועגן שאַפן טרייד־יוניאָן־ליגעס פאַר ארץ־ישראל; 10־יעריקע יובל־פייערונג פון פאַרבאַנד; טרויער־פאַרזאַמלונג נאָך מאַקס נאָרדוי; 5־יעריקע יובל־פייערונג פון סעמינאַר; אָנגעהויבן אַרויסגעבן קינ־דער־זשורנאַל צוזאַמען מיט שלום עליכם־שולן; וואַלן צום אַמעריקאַנער

אידישן קאָנגרעס; עס הויבט אָן דערשיינען „אידישער אַרבעטער" — וואָכנ־בלאַט פון פועלי ציון; פאַרבאַנד ציילט 7 טויזנט מיטגלידער; געשטאָרבן גרשון אַוורונין — ערשטער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

גענרינדעט בר. 170 אין פאָל ריווער, מאַס.

1924 — פאַרהאַנדלונגען מיטן אַרבעטער־רינג וועגן שאַפן איינהייטלעכן אַרבע־טער־אָרדן; הילף ביים אַרויסגעבן סירקין־שריפטן; ניט געלונגען פאַרזוך צו קאָאָרדינירן שול־טעטיקייט; אָנהויב פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; איינ־לאַדונג פון בן־גוריון, אַז פאַרבאַנד זאָל שיקן פאַרטרעטער קיין ארץ־ישראל; געשטאָרבן נחמן סירקין; געשטאָרבן יצחק־אייזיק הורוויטש; 9טע קאָנ־ווענשאַן אין פילאַדעלפיע אין מאַי באַשליסט צו שאַפן אַ קולטור־פאָנד; דורכפירן אַן אַקציע פאַר „הסנה"; אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל אַנערקענען סאָוועטן־פאַרבאַנד; שאַפן פאַך־ברענטשעס; קרעדיט יוניאַנס; עפענען אַ נאַטוראַליזאַציע־ביוראָ; שטיצן יוניאָן־לייבעלס; הילף „אָרט" און „האיאַס". אַלס פּרעזידענט ווערט אויסגעוויילט מ. בראַון, וויצע־פּרעזי־דענט — נ. זווירין, סעקרעטאַר — ש. גאָלדשטיין, וויצע־סעקרעטאַר — ל. סיגאַל, טרעזשורער — ר. פלאַטראַט. איינלאַדונג פון בן־גוריון, אַז פאַר־באַנד זאָל שיקן פאַרטרעטער קיין ארץ־ישראל.

גענרינדעט טרומפעלדאָר בר. 154 אין סענט לואיס; קאָסעווער יוגנט־בר. 156 אין ניו־יאָרק; י. ח. ברענער בר. 169 אין ניו־יאָרק; ראַדאָמסקער בר. 176 אין ניו־יאָרק; ליובאָרער בר. 177 אין ניו־יאָרק; ביאַליק בר. 180 אין עדמאָנטאָן; גענרינדעט בר. 185 און 197 אין פילאַדעלפיע; פאַראיי־ניקט בר. 178 מיט בר. 10 אין ניו־יאָרק; פאַראייניקט בר. 42 מיט 168 אין ניו־יאָרק.

1925 — געשאַפן צענטראַלע פאַרוואַלטונג פאַרן בוי פון קאָאָפּעראַטיווע הייזער; געשאַפן „קאָמיטעט פאַר העכערער אידישער בילדונג" מיטן צוועק צו שאַפן אַ פאָנד פון אַ היים פאַרן סעמינאַר; פלאַן צו גרינדן פאָלקס־אוניווער־זיטעטן אין אַ רייע שטעט; ש. שאַפּיראָ ווערט דירעקטאָר פון שול־קאָמיטעט; גענרינדעט קעמפּ „קינדער־וועלט".

געשאַפן א. נ. אָ. פ. קרעדיט־געזעלשאַפט אין שיקאַגאָ; גענרינדעט בר. 198 אין שיקאַגאָ; בר. 202 אין פילאַדעלפיע; לאָמזשער בר. 187.

1926 — זאַמלונג פאַרן באָראָכאָוו־פאָנד; געהאָלפן איבערפירן באָראָכאָוו־פאַמי־ליע קיין ארץ־ישראל; אַקציע פאַר אַרעסטירטע צ.־ס. חברים אין רוסלאַנד; אַקציע פאַר פאַרטיידיקונגס־פאָנד פון שלום שוואַרצבאַרד; באַשטימט אַ סומע אַרויסצוגעבן מאַטעריאַלן וועגן זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד; איבערגעשיקט קיין ארץ־ישראל 15,000 ביכער; 10טע יובל־קאָנווענשאַן אין ניו־יאָרק (1טן—6טן מאַי) באַשליסט צו שאַפן אַ דעפּאַרטמענט פאַר סאָציאַלער הילף; פאַרשטאַרקן הילפס־פאָנד; אויסבויען קעמפּס; פרויען־קלובן זאָלן שאַפן אַ פרויען־קינדער־שפּיטאָל אין ארץ־ישראל; מיטהעלפן אָרגאַניזירן אַמע־

ריקען לייבאָר־פּאַרטיי; שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטמענט. לואיס סיגאַל ווערט גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד.

געגרינדעט בר. 89; בר. 208 אין פּעטאַלומא, קאַל.; 212 טרומפּעלדאָר; 219 זרובבל בר. אין טאָראָנטאָ; בר. 217 אין וויניפּעג; די ברענטשעס 149 און 160 אין שיקאַגאָ זיך פאַראייניקט אין אַ נייעם ברענטש 153; געגרינדעט בר. 209 אין האַרטפאָרד, קאָנ.

1927 — אַקציע פון פרויען־קלובן פאַר סאַניטאָריום אין ארץ־ישראל; אַקציע פאַר אַבאָנענטן פאַר „דבר״; אַקציע פאַר „הסנה״; עס ווערט געשאַפן פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין 15 טויזנט דאָלאַר; מ. בראַון באַזוכט ארץ־ישראל וועגן „הסנה״ און פאַרבינדן די פרויען־קלובן מיט דער ארץ־ישראל׳דיקער פרויען־באַוועגונג; שול־באַראַטונג אין פּעטערסאָן (אָקטאָבער) באַשליסט מער צו זאָרגן פאַר די לערער; שאַפן קורס פאַר אידישער עטנאָלאָגיע; אָרגאַניזירן קינדער־קעמפּס; הכנות צו שאַפן אַ מוזיק־ און קולטור־צענטער אין ניו־יאָרק.

געגרינדעט בר. 215 אין האַמילטאָן, קאַנאַדע; סירקין בר. 220 אין וויניפּעג; בר. 222 אין פילאַדעלפיע; האַרצפעלד בר. 223 אין אַרענדזש, נ. דזש.; „קדימה״ 225 אין פילאַדעלפיע; אחד העם בר. 226 אין ווילקעס־באַרי, פּאַ.; יהואש בר. 230 אין דעטרויט; בר. 233 אין אַטלאַנטיק סיטי; ביאַליק בר. 235 אין פילאַדעלפיע; פאַראייניקונג פון ברענטשעס 69 און 176 אין ניו־יאָרק; פאַראייניקונג פון ברענטשעס 61 און 209 אין האַרטפאָרד; ברענטשעס 156, 177 און 184 אין ניו־יאָרק זיך אַריינגעגאָסן אין ברענער בר. 169; שלום עליכם בר. 17 אין סענט לואיס און טרומפּעלדאָר בר. 154 זיך פאַראייניקט; פאַראייניקט בר. 42 מיט בר. 199 אין ניו־יאָרק; געגרינדעט בר. קאָאָפּעראַטיווע הייזער 236 אין ניו־יאָרק; בר. 232 אין אַטלאַנטיק סיטי.

1928 — הילפס־אַקציע פאַר די מיינערס אין ענגלאַנד; הילף פאַר סטרייקנדע מיינער, טעקסטיל און קלאָק־מאַכער אין אַמעריקע; רעפּערענדום וועגן שלום אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג; אַנטייל אין קאָנפערענצן פאַר פרייער אימיגראַציע; פּראָטעסט קעגן רומענישע פּאָגראָמען און קעגן רדיפות אויף אידן אין אונגאַרן; אָפּמאַך מיט דער הסתדרות וועגן „הסנה״; 11טע קאָנווענשאָן אין דעטרויט באַשליסט צו שאַפן אַ צענטראַלע שול־פעדעראַציע מיט אויטאָנאָמיע פאַר באַזונדערע ריכטונגען; דורכפירן אַ „הסנה״־חודש; פאַר קאָלאָניזאַציע פון אידן אין רוסלאַנד און קעגן דער טאַקטיק פון דער יעווסעקציע; אָרגאַניזירן די קינדער פון פאַרבאַנד־חברים; שאַפן נאַצ.־סאַצ. קאָונסילס אין די שטעט; פאַרשטאַרקן די ענגליש־שפּרעכנדע ברענטשעס; פאַרגעבראַכט אַ פּלאַן, אַז איינע פון די קומענדע קאָנווענשאָנס זאָל ווערן גערופן אין ארץ־ישראל. פאַרבאַנד ציילט 112 ברענטשעס, 27 פרויען־קלובן, 2 יוגנט־קלובן, 22 גרופּן, מיט סך־הכל 8,000 מיטגלידער; עס שטייט שאַרף דאָס שטרייך־פּראָבלעם; צעירי־ציון און לינקע פּועלי־ציון

אַריינגעצויגן אין פאַרבאַנד; פאַרהאַנדלונגען מיט די לערער־קורסן פון אַרבעטער־רינג וועגן פאַראייניקן זיי מיטן סעמינאַר; אין 20 שטעט לערנען 5,000 קינדער אין אונזערע שולן; בר. 14 אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן באַראַכאָוו־שריפטן; בר. 178 אין ניו־יאָרק גיט פּרעמיעס פאַר בעסטע אידישע ביכער.

געגרינדעט שאַפּיראָ בר. 188 אין שיקאַגאָ; בר. 200 אין דאָרטשעסטער, מאַס.; יהואָש בר. 237 אין וואָטערבורי, קאָנ.; יהואָש בר. 238 אין דזשוירזי סיטי; הערצל בר. 241 אין עקראָן, אָהייאָ; שלום עליכם בר. 16 אין סענט פּאָול, מינ.; פאַראייניקט בר. 6 און 188 אין שיקאַגאָ; פאַראייניקט בר. 49 און 72 אין טאָראָנטאָ; געגרינדעט קאָברינער בר. 250 אין ניו־יאָרק.

1929 — אָנטייל אין אַקציע צו זאַמלען געצייג פאַר דעקלאַסירטע אידן אין רוסלאַנד; אַקציע קעגן גזירות צו רעגיסטרירן פרעמדע; זאַמל־אַקציע פאַר עמוירדזשענסי־פאָנד פון הסתדרות אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין ארץ־ישראל; יערלעכע פאַרבאַנד־קאָנפערענץ באַשליסט אַרויסצוגעבן פּרויען־זשורנאַל, גרינדן ספּאָרט־קלובן; ה. עהרענרייך ווערט סעקרעטאַר פון שול־קאָמיטעט.

געגרינדעט בר. 210 אין באַראָ פּאַרק; סירקין בר. 239 אין ריטשמאָנד; קולטור־ליגע 248 אין ניו־יאָרק; אחד העם בר. 251 אין באַלטימאָר; בן־צבי בר. 252 אין סאַסקאַטון, קאַנאַדע; בר. 254 אין קליוולאַנד, אָהייאָ; סירקין בר. 249 אין באַפאַלאָ; הערצל בר. 257 אין נאָרפאָלק; אחד העם בר. 258 אין ווילמינגטאָן; בר. 259 אין ניו־יאָרק; שלום עליכם בר. 260 אין בעיאָן, נ. דזש.; סירקין בר. 262 אין עליזאַבעט; בר. 263 אין דעטרויט; בר. 264 אין פּאָרט עמבוי; פראַסקוראָווער בר. 265 אין נוארק; נאַרדוי בר. 269; פאַראייניקט בר. 27, באָסטאָן און בר. 55, ראָקסבורי אין יואל ענטין בר., באָסטאָן; פאַראייניקט וואַסילקאָווער בר. 25 מיט ביאַליק בר. 235 אין פילאַדעלפיע; פאַראייניקט פּרץ בר. 48 מיט סירקין בר. 249 אין באַפאַלאָ.

1930 — 12טע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אין מאָנטרעאַל (17טן ביזן 21טן מאַי) באַשליסט דורכצופירן פאַמיליע־חדשים פון פאַרבאַנד; דורכפירן 5־יאָר־פּראָגראַם פאַר אָרגאַניזאַטאָרישן אויפבוי; בויען הונדערט אַרבעטער־הייזער אין ארץ־ישראל דורך „הסנה"; פאַרשטאַרקן חלוצים־באַוועגונג; אויסבויען אידישע אָפּטיילונגען ביי די שטאָטישע ביבליאָטעקן; דורכפירן בוך־חודש איין מאָל אין יאָר; קאַמף אין קאַנאַדע פאַר אָנערקענען אידישע שולן דורך דער רעגירונג; שאַפן אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר זוכן באַשעפטיקונג און געבן הילף; יערלעכער סקאָלערשיפּ פאַר טעכנישער בילדונג פון יוגנטלעכע מיטגלידער; וועלט־קאָנגרעס פון אַרבעטענדן ארץ־ישראל; קאָמיטעט צו פאָרשן אידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע; מיטהעלפן ביים שאַפן אַ סאָציאַליסטישע לייבאָר־פּאַרטיי. פאַרבאַנד ציילט 125 ברענטשעס, 25 פרויען־קלובן, מיט 9,000 מיטגלידער; מען טרעט צו אָרגאַניזירן יוגנט־ברענטשעס אין פאַרבאַנד; אָנטייל אין קאָנפערענץ פון

קאַמף קעגן אַרבעטסלאָזיקייט; הילף פאַר שולקולט־אינסטיטוציעס אין פוילן; מעמאַראַנדום פון פוילן וועגן גרינדן דאָרט אַ איד.־נאַצ. אַרבעטער־פאַרבאַנד; ניט אַנטיילגענומען אין דער אַקציע פון אידישן קאָנגרעס צו פּראָטעסטירן קעגן רעליגיעזע רדיפות אין רוסלאַנד; עפנטלעכער משפט קעגן דער העצע פון דער „פרייהייט" אַרום ארץ־ישראל; קאָנפערענץ וועגן קאָאָרדינאַציע פון די אידישע שולן; עס עקזיסטירן 50 שפּאַר־קאַסעס; אויפגעבויט צוויי קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין ניו־יאָרק.

געגרינדעט א. ד. גאָרדאָן בר. 256 אין ניו־יאָרק; א. ד. גאָרדאָן בר. 270 אין מאָנטרעאַל; בר. 271 אין טשעלסי, מאַס.; בּאָראָכאָוו בר. 273 אין ברידזש־פּאָרט; בר. 275 אין פּלעטבוש, ברוקלין; צעירי־ציון בר. 276 אין ברוקלין; בר. 277 אין ניו־יאָרק; בר. 279 אין הילֿיאַק, מאַס.; כעלמער בר. 280 אין ניו־יאָרק; אָדעסער בר. 286 אין ניו־יאָרק; בר. 288; בר. 289 אין יוטיקע, נ. י.; הערצל בר. 290 אין האָדסאָן, נ. י.; בר. 294 אין וויינלאַנד, נ. דזש.; פאַראייניקט מיעליצער בר. 69, טשענסטאָכאָווער בר. 111 און י. ה. הור־וויטש בר. 153 אין בר. 10, ניו־יאָרק; פאַראייניקט בר. 18 יוגנט און פרייהייט בר. 35 אין אַ נייעם בר. 53, ניו־יאָרק; פאַראייניקט ברענטשעס 19 און 251, באַלטימאָר; געגרינדעט בר. 282 אין סקענעקטעדי, נ. י.

1931 — פאַראייניקונג פון יונגע פועלי־ציון מיט פאַרבאַנד יוגנט־קלובן; פאַר־האַנדלונגען מיט פּיאָנערן־פּרויען וועגן פאַראייניקן זיך מיט פאַרבאַנד פרויען־קלובן; קאָנפערענץ וועגן אידיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין אַמע־ריקע; פּראָטעסט קעגן פּאָגראָמען אין פוילן; צוגעטרעטן שאַפן אַ ליגע פאַרן אַרבעטענדן ארץ־ישראל; אַ טייל געלט פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין זאָל גיין פאַרן בוי פאַר אַרבעטער־הייזער דורך „הסנה"; יערלעכע קאָנפערענץ באַשליסט צו שאַפן אַ פּרעווענטאָריום און עלטערן־פאָנד; קאָנפערענץ פון ניו־יאָרקער שולן, עס עקזיסטירן 10 שולן.

געגרינדעט בר. 103 אין עלינטאָן, פּאַ.; בר. 284 אין רידינג, פּאַ.; בר. 292 אין דזשעמייקאַ, ל. איי.; בר. 293; שלום עליכם בר. 305 אין לאָס אַנ־דזשעלעס; בראַסלאַווער בר. 307 אין פילאַדעלפיע; בר. 310 אין פילאַדעלפיע; בר. 311 אין נוואַרק; בני ציון בר. 312 אין נוואַרק; שלום עליכם בר. 314 אין יאָנקערס; בר. 302 אין מאַונט ווערנאָן, נ. י.; רעאָרגאַניזירט טשעכאַנאָווצער בר. 162 אין ניו־יאָרק; געשאַפן פאַראייניקטן יהואש בר. 50 אין נ. י.

1932 — איניציאַטיוו צו רופן קאָנפערענץ אין קאַנאַדע וועגן אידיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען; קאָנפערענץ פון אידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועגן וואַלן אין לאַנד און וועגן אידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען; בר. 83 שיקט צוויי ליינאָטייפּן דעם „דבר". סעקרעטאַר פון קאָמיטעט איז מ. קאָסטאָף. באַראַטונג פון דער „אחוזה" וועגן פאַרבינדן זיך מיט „יכין"; יואל ענטין נעמט איבער די לייטונג פון די שולן; פייערונגען לכבוד פּינסקי'ס 60־יעריקן יובילעאום.

געגרינדעט בר. 100 אין ניו־יאָרק; בר. 104 אין ווינדזאָר, קאַנאַדע; הערצל בר. 315 אין העקענסעק, נ. י.; פּעריאַסלאַוו־פּרילוקער בר. 318; בר.

320 אין אוירווינגטאָן, נ. י.; ענגליש־שפּרעכנדער בר. 323; הערצל בר. 325 אין טשעסטער, פּאַ.; בר. 326 אין טשעסטער, פּאַ.; בר. 337 אין ברוקלין; בר. 330 אין רעדזשיינא, קאַנאַדע; פּינסקי בר. 331 אין ברוקלין; באָריס שאַץ בר. 334 אין נ. י.; אחד העם בר. 316 אין ניו־יאָרק; בר. 317 אין ניו־יאָרק; ענטין בר. 325 אין ניו־יאָרק; פּאַראייניקט ברענטשעס 67, 89 און 57 אין ניו־יאָרק; געגרינדעט בר. 327 אין איסט ניו־יאָרק; פּאַראייניקט ברענטשעס 42 און 300 אין ניו־יאָרק.

1933 — אָנטייל אין קאָנפערענצן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וועגן עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע אין אַמעריקע, הילף פאַר אַרבעטסלאָזע, קעגן פּאַראייניקטן פראָנט אויפן עקאָנאָמישן געביט מיט קאָמוניסטן, ווי לאַנג יענע האַלטן אָן באַזונדערע יוניאָנס; אָנטייל אין קאָנטינענטאַלן אַרבעטער־פאַרמער־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן, גערופן פון דער סאָצ. אַרבעטער־פּאַרטיי; פאָדערונג צו דעמאָקראַטיזירן אַמעריקאַנער קאָנגרעס; הילף ביים אָנטשטיין פון „החלוץ"; קריזיס אין די לייך־קאַסעס און קאָאָפּעראַטיווע הייזער.

13טע קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ (30 מאַי — 3 יוני) באַשליסט צו שאַפן געמיינזאַמע יוגנט־קאָמיטעטן פון אַלע צווייגן; קעגן אָפּאָזיציע־יוניאָנס; עפענען ארץ־ישראל אינפאָרמאַציע־אַמט ביי דער ליגע; קולטור־דערנענטערונג מיט דער הסתדרות; רופן פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר עקאָנאָמישע פּראָבלעמען; שטיצן געצייג־קאַמפּיין פון „אָרט"; שאַפן ספּעציעלע גרופּן פון ארץ־ישראל־עולים; 20־יעריקע יובל־פייערונג פון פאַרבאַנד. פאַרבאַנד ציילט 8,022 מיטגלידער. קאָנפערענץ וועגן אידיש־לימוד אין די פּאַבליק־סקולס; עס דערשיינען דריי בענדער „דאָס וואָרט", רעדאַגירט פון ש. וויסמאַן.

געגרינדעט הערצל בר. 101 אין מערידען, קאָנ.; ש. פרוג בר. 107 אין דאַרבי, פּאַ.; מאַקאַבייער בר. 112 אין פילאַדעלפיע; בר. 118; אַרלאָזאָראָוו בר. 137 אין דעטרויט; באָרדוי בר. 168; פּאַראייניקט בר. 3 און 307 אין פילאַדעלפיע; געגרינדעט בר. 150 אין אסבורי פּאַרק; אַרלאָזאָראָוו בר. 15 אין ניו־יאָרק; ביאַליק בר. 105 אין באַלטימאָר; שלום עליכם בר. 30 אין יוניאָן סיטי; פּאַראייניקט ברענטשעס 79 און 230 אין דעטרויט; פּאַראייניקט ברענטשעס 57, 67 און 89 אין יהואָש בר. 50 אין ניו־יאָרק; געגרינדעט בר. 301 און 350 אין פילאַדעלפיע.

1934 — ווענדונג פון אַרבעטער־רינג וועגן געמיינזאַמער אַקציע פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

געגרינדעט קאַטערס בר. 10א אין ניו־יאָרק; בר. 60ב אין נ. י.; אַרלאָזאָראָוו בר. 134 אין גערי, אינד.; בר. 144 אין וואַשינגטאָן; בר. 175 אין קעמדען, נ. דזש.; בר. 192 אין פילאַדעלפיע; הערצל בר. 300 אין פילאַדעלפיע; אָדעסער בר. 310 אין פילאַדעלפיע; אינד. פריענדשיפ 351 אין נ. י.; בר. 338 אין נ. י.; סאָכאַטשאָווער בר. 337; בר. 350 אין פילאַדעלפיע; בראַהילאָווער בר. 352 אין פילאַדעלפיע; איינשטיין בר. 334 אין נ. י.; מאַקס פיין דרעס־

מאָכער בר. 22 אין נ. י.; פּאַראייניקט ברענטשעס 74 און 271 אין טשעל־
סי, מאָס.

1935 — געשאַפן אַרבעטער־בלאָק ביי די וואַלן צום אַמעריקאַנער אידישן קאָנ־
גרעס; הילף־קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט ביים שאַפן קאָלאָניע אין הייטסטאָן,
נ. דזש.; פּאַרשלאָג דעם „דזשאָינט", ער זאָל זיך שטיצן אויף אָרגאַניזאַציעס
און ניט אויף יחידים; אידישער לערער־סעמינאַר באַקומט טשאַרטער; געשאַפן
דעפּאַרטמענט פאַר ענגליש־רעדנדע; פאַרבאַנד ציילט 9,638 מיטגלידער
אויסער 600 אין פרויען־קלובן.

געגרינדעט טרייד־יוניאָן בר. י. שלאָסבערג 106 אין טאָראָנטאָ; בר.
117 אין באַלטימאָר; ביאַליק בר. 149 אין שיקאַגאָ; בר. 155 אין מעדיסאָן,
וויס.; בר. 191 אין קליוולאַנד, אָהייאָ; זשיטלאָווסקי בר. 198 אין נ. י.;
קלאָוקמאַכער בר. 201 אין נ. י.; כמעלניק־פּאָדאָליער בר. 361 אין פילאַ־
דעלפיע; בראַנדעס בר. 367; נ. זוירין בר. 400 אין נ. י.; זשיטאָמירער בר.
360 אין פילאַדעלפיע; דוביענסקער בר. 55; לאַנדרי בר. 379 אין פילאַדעלפיע;
ענגליש־רעדנדער בר. 501 אין נ. י.; ענגליש־רעדנדער בר. 505 אין דעט־
רויט; אַמאַלגאַמייטעד בר. 364 אין פילאַדעלפיע; בר. 355 אין דענווער, קאָל.;
כמעלניקער בר. 361 אין פילאַדעלפיע; זשיטלאָווסקי בר. 185 אין מאָנטרעאָל;
פאַראייניקט ברענטשעס 126 מיט 251 אין באַלטימאָר; פאַראייניקט ברענ־
טשעס 162 מיט 169 אין נ. י.; פאַראייניקט ברענטשעס 190 מיט 102 אין
שיקאַגאָ.

1936 — אַקציע קעגן איבערפירן שעפער אין דער פּראָווינץ; אָפּגעוואָרפן ווענ־
דונג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן צו שאַפן איינהייטלעכן אידישן
אַרבעטער־אָרדן; אַקציע קעגן רעגיסטרירן פרעמדע אין ניו־יאָרק; פאַרבאַנד
אין ניו־יאָרק ציילט 3,300 מיטגלידער.

14טע קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי באַשליסט דורכפירן גרויסע
אָרגאַניזיר־אַקציע, דערגרייכן 20 טויזנט מיטגלידער ביז 15טער קאָנווענשאָן;
געווינען לאַנדסמאַנשאַפטן; דורכפירן אַקציע פון קינדער־פאַרזיכערונג; שאַפן
אַ שול־קולטור־דעפּאַרטמענט און אַ קולטור־פאָנד פון 50 טויזנט דאָלאַר;
שטיצן אַ נאַציאָנאַלן אַרכיוו און ביבליאָטעק; שאַפן אַ אידיש קונסט־ און
פאָלקס־טעאַטער; גרינדן „הפועל"־קלובן; שטיצן אַרבעטער־פאַרמער־פּאַרטיי;
קעגן פאַראייניקטן פראָנט מיט קאָמוניסטן; דיסקרימינאַציע קעגן אידישע
אַרבעטער; דעמאָקראַטיזירן טשעסט; הילפס־אַקציע פאַר פּוילן; אידישער
וועלט־קאָנגרעס אַלס פּערמאַנענטע אינסטיטוציע אויף דעמאָקראַטישע
יסודות ;אַקציע פאַר בויקאָטירן דייטשע סחורות; פאָנד קעמפער פאַר שפּאַניע;
אַקציע קעגן פּראָיעקטן צו שאַפן אַ לעגיסלאַטיוון ראַט אין ארץ־ישראל;
אָנטייל אין קאָמיטעט פאַר ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים פאַר
דער הסתדרות (אַרבעטער־באַנק „יכין" און אַנדערע); ארץ־ישראל זאָל שיקן
דעלעגאַציעס פון „הפועל" און פון „אוהל".

פאַרבאַנד ציילט 10,671 מיטגלידער; סעמינאַר פייערט 18־יאָריקן יובל, דערציגן 200 לערער; 10טער שול־צוזאַמענפאַר אין סיראַקיוז באַשליסט צו דערנענטערן זיך צו אַנדערע שול־ריכטונגען; בויען טאָג־שולן; פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון די לערער; אַרויסגעבן אַ פעדאַגאָגישן פערטל־יאָר זשורנאַל.

געגרינדעט שלעסינגער בר. 138 אין טאָראָנטאָ; בר. 153 אין טאָמס ריווער, נ. דזש.; בר. 175 אין מאַלדען, מאַס.; בר. 195 אין שיקאַגאָ; וואַלינער פריינט בר. 210; בר. 362 אין ניובוירג, נ. י.; בר. 376 אין פילאַדעלפיע; ליידיס דרעס בר. 380 אין פילאַדעלפיע; מ. זיגמאַן בר. 385 אין פילאַדעלפיע; קאַניעווער בר. 391 אין פילאַדעלפיע; הערצל קלוב 410 אין ניו־יאָרק; בעקער בר. 420 אין ניו־יאָרק; בעסאַראַבער בר. 440 אין ניו־יאָרק; בר. 450 אין ניו־יאָרק; סאָקאָלאָוו בר. 455 אין ניו־יאָרק; גראַבאָווצער בר. 490 אין ניו־יאָרק; ענגליש־רעדנדער בר. 502 אין ניו־יאָרק; ענגליש־רעדנדער בר. 504 אין קליוולאַנד; בראַנדייס בר. 512 אין ספרינגפילד, מאַס.; בר. 370 אין פילאַדעלפיע; פאַראייניקט ברענטשעס 363 מיט 364 און 367 אין פילאַדעלפיע; פאַראייניקט ברענטשעס 352 מיט 351 אין פילאַדעלפיע.

1937 — טעטיק אין אַקציע פון דער אַמעריקען לייבאָר פּאַרטיי ביי די מעיאָר־וואַלן אין ניו־יאָרק; פאַרהאַנדלונגען פון בן־גוריון מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט; געשאַפן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון פאַרטיי, פאַרבאַנד און פיאָנערן־פרויען; וואוקס פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק; געגרינדעט אין פראַנקרייך אַ איד.־נאַצ. אַרב.־פאַרבאַנד; אַקציע פון העלפן דער באַוועגונג אין פוילן; באַראַטונג וועגן שאַפן אַפטיילונג פון אידישן אַמעריקע אויף דער וועלט־אויסשטעלונג; געשאַפן נאַציאָנאַל־פאַנד־קאָונסיל פון פאַרבאַנד־ברענטשעס; אַקציע פאַר פאַרשפרייטן ארץ־ישראל־פּראָדוקטן; באַזוך פון לואיס סיגאַל אין פוילן און ארץ־ישראל; וועד הפועל פון דער הסתדרות באַשלאָסן אויפבויען וויכטיקע אינסטיטוציע אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד.

געגרינדעט קאַלישער בר. 93 אין פילאַדעלפיע; בר. 179 אין קעמדען, נ. דזש.; קיעוו־באַראַכאָווער בר. 199; סאָקאָלאָווער בר. 245 אין ניו־יאָרק; ביאַליק בר. 284 אין רידינג, פאַ.; מאַרטין בובער בר. 421 אין ניו־יאָרק; אויסטילוגער בר. 475 אין ניו־יאָרק; בן־גוריון בר. 476 אין ניו־יאָרק; אייַנשטיין בר. 511 אין יאָנקערס; פראָנטיר בר. 513 אין טאָראָנטאָ; ענגליש־רעדנדער בר. 514 אין עקראָן, אָהייאָ; שלום אַש בר. 519 אין פּעטערסאָן, נ. דזש.; ענגליש־רעדנדער בר. 522 אין ניו־יאָרק; בר. 526 אין לאָס אַנדזשעלעס; רמבם קלוב 530 אין ניו־יאָרק; בר. 145 אין דע מוינס, אייאָוואַ; באָראַכאָוו בר. 153 אין לייקוואוד; אַרלאָזאָראָוו בר. 90 אין פּיטסבורג.

1938 — אונטערהאַנדלונגען מיט דער אַמעריקען לייבאָר פּאַרטיי וועגן אַנשלוס אַלס אָרגאַניזאַציע; אַקציע קעגן אידן־רדיפות אין רומעניע; באַשלאָסן אַקטיווירן פאַרבאַנד פאַר טעטיקייט פון „אָרט”; הילפס־אַקציע פאַר אידן אין עסטרייך און דייטשלאַנד דורך קאָנגרעס; וואַלן צום אַמעריקאַנער אידישן

קאָנגרעס; פּראָיעקט אַריינצולאָזן 20,000 פּליטים־קינדער קיין דייטשלאַנד און עסטרייך; פּלאַן פון קופּת חולים צו בויען אין תל־אביב און חיפה אָפּרו־פּלעצער אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד; באַשלוס פון ועד הפּועל צו בויען קבוצה פון 50 משפּחות אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד; הילף „נחשון".

אַקציע פאַר נוטרים אין ארץ־ישראל; פּאָליטישע אַקציע אונטערצו־שטיצן פאָדערונגען פון ארץ־ישראל ישוב; אַקציע פאַר דער בלום־קאָלאָניע; 11טער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־שולן אין פילאַדעלפיע (פון 3טן ביזן 6טן יוני). עס עקזיסטירן 60 שולן מיט 4,200 קינדער, דערפון 43 פאָלקס־שולן, 10 מיטל־שולן; איבעריקע — קינדער־גערטנער און העכערע קורסן פאַר די גראַדואירטע פון מיטל־שול. 90 לערער. במשך פון 25 יאָר האָבן 800 קינדער גראַדואירט פון די שולן. פּ. גינגאָלד געוואָרן שול־דירעקטאָר פון פאַרבאַנד, יואל ענטין — לייטער פון סעמינאַר; פאַרהאַנדלונגען צווישן די לערער־קורסן פון אַרבעטער־רינג מיטן סעמינאַר וועגן פאַראייניקונג; אַקציע צו זאַמלען 500 אַבאָנענטן פאַר דער „צוקונפט"; באַראַטונג צו שאַפן צענטראַלע אידישע קולטור־געזעלשאַפט; פאַרבאַנד ציילט 14,145 מיט־גלידער.

געגרינדעט אַרלאָזאָראָוו בר. 90 אין פּיטסבורג; בר. 131, העקינסעק, נ.י.; בר. 194; בר. 240; בר. 255 אין דעטרויט; לעאָן בלום ברענטש 270 אין מאָנטרעאָל; קאַראַלניק בר. 320 אין ברוקלין; בר. 338 אין ניו־יאָרק; יהודה הלוי בר. 405 אין נ. י.; לעאָן בלום בר. 435 אין נ. י.; לעגיאָנערן בר. 478 אין נ. י.; בר. 508 אין מינעאַפּאָליס; וויצמאַן בר. 510 אין שיקאַגאָ; קדימה בר. 525 אין נ. י.; זאַנגוויל בר. 528 אין ריטשמאָנד; מאַקאַבייער בר. 529 אין ברוקלין; בר. 533 אין באָפאַלאָ; בר. 538; וואָלינער בר. 282 אין באַלטימאָר.

1939 — קאָנפערענץ פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צום פּראָטעסט קעגן שליסן טויערן אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט; געמיינזאַמע אַקציע קעגן קאָמוניסטן צוליבן היטלער־סטאַלין־פּאַקט; באַשלוס אויפצו־לעבן צוריק „פּיפּלס רעליף" קאָמיטעט; אַקציע פון עמוירדזשענסי־פאָנד פאַר דער באַוועגונג אין אייראָפּע; פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע טעטי־קייט פון די קאָגלאָניסטן; פּלאַן דורכצופירן אַ פאָלקס־הילף־אַקציע; אַקציע פאַר ארץ־ישראל־פּאַווילִיאָן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג; יום־טוב לכבוד דעם אָנשלוס פון אַלבערט איינשטיין אין פאַרבאַנד אַלס ערן־מיטגליד; פון 1טן יאַנואַר 1937 ביזן 1טן יאַנואַר 1938 זיינען צוגעקומען נייע 4,569 מיטגלידער; געשאַפן אין קאַנאַדע אַ געמיינזאַמען אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער באַוועגונג; איינגעלאַדן ש. דובנאָוו אויף אַ לעקציע־טור; געשאַפן קול־טור־פאַונדיישאָן־פאָנד; געשאַפן פאַר „צוקונפט" 800 אַבאָנענטן; איינגע־שוואוירן אין ניו־יאָרק נייע 1,500 מיטגלידער.

געגרינדעט דאַלניק בר. 195 אין שיקאַגאָ; בר. 231 אין פאַרמינגדעיל, ניו־דזשוירזי; אַלבערט איינשטיין ברענטש 345 אין לאָס אַנדזשעלעס; וויצמאַן ברענטש 363; שלום עליכם ברענטש 370 אין דעטרויט; בר. 396

אין פילאַדעלפיע; פּאַריער בר. 404 אין נ. י.; בר. 418; אוסישקין בר. 485 אין נ. י.; מסדה בר. 426 אין נ. י.; בר. 520 אין נ. י.; בר. 539 אין ניו היוועז; בר. 541 אין טאָמס ריווער; בר. 543 אין נ. י.; בר. 544 אין מילוואָקי; בר. 545 אין האַרטפאָרד, קאָנ.; איינשטיין בר. 546 אין סינסינעטי; תל חי בר. 548 אין ניו־יאָרק.

1940 — אומגעלונגענע פּאַרהאַנדלונגען מיטן אַרבעטער־קאָמיטעט וועגן גע־מיינזאַמער הילפס־טעטיקייט פאַר אידן אין אייראָפּע; רעפערענדום פון פּיאָ־נערן־פּרויען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאַראייניקונג מיט פאַרבאַנד־פּרויען; וואוקס פון פאַרבאַנד־זאַמלונגען פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין ניו־יאָרק פון 15 טויזנט דאָלאַר אין 1936 אויף 40 טויזנט דאָלאַר; הילף־אַקציעס פאַר אוניווערזיטעט און טעכניקום אין ארץ־ישראל; פּראָטעסט־אַקציע קעגן לאַנד־גזירות אין א״י; אַקציע פאַר ראַטעווען אידן פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי איבערפירן קיין א״י מיט דער הילף פון אליהו גאָלאָמב; פאַרבאַנד געשאַפן פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איבערן לאַנד 150 טויזנט דאָלאַר, דערפון 40 טויזנט אין ניו־יאָרק; אָנגעהויבן אַקציע צו שאַפן 100 טויזנט דאָלאַר פאַר לעאָן בלום קאָלאָניע אויסצולייזן 4 טויזנט דונאַם לכבוד דער 30־יעריקער עקזיסטענץ פון פאַרבאַנד; אַקציע הכשרה פון אידישע פליער.

15טע קאָנווענשאָן אין דעטרויט (30טן מאַי—3טן יוני) באַשליסט גרינדן אַן ענגלישע אַרגאַניזאַציע־קאָמיטע; דורכפירן יערלעכן פאַרבאַנד ספּאָרט־טאָג; שטיצן קיבוץ הבונים אין א״י; שטיצן תוצרת הארץ; בויען אַ הויז פאַרן לערער־סעמינאַר; גרינדן אַן עקספּערימענטאַלע קינדער־שול; אַקצעפּטירט פליכט פון אידישער דערציאונג; אָנטוישונג מיטן דזשענעראַל דזשואיש קאָונסיל. פאַרבאַנד ציילט 17,000 מיטגלידער, נעטער וואוקס זינט 1936 — 7,000; וואוקס פון טרייד יוניאָן־ברענטשעס. מאָנטרעאָל גע־שאַפן 50 טויזנט דאָלאַר פאַר אירע טאָג־שולן; פּראָקלאַמירט שול־ און קולטור־פאָנד פון 25 טויזנט דאָלאַר; געזאַמלט 500 אַבאָנענטן פאַר דער צוקונפט; טור פון זלמן שניאור אין 40 שטעט.

געגרינדעט נ. זאַלצמאַן בר. 251 אין לאָס אַנדזשעלעס; לאַנדרי בר. 275 אין שיקאַגאָ; ביאַליק בר. 290 אין מייאַמי ביטש; פיש־אַרבעטער בר. 335 אין נ. י.; רישקינער־בעסאַראַבער בר. 460 אין נ.י.; לואיס בראַנדייס בר. 515 אין ניו־יאָרק; בר. 515 אין אסבורי פּאַרק; לואיס בראַנדייס בר. 520 אין לאָס אַנדזשעלעס.

1941 — אַנטייל אין קאַמפּיין פאַר ווידער־דערוויילונג פון לאַגוואַרדיע; אַנטייל אין קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־קאָמיטעט צו העלפן בריטישע אַרבעטער; וויכוח וועגן שיקן שפּייז־פּעקלעך קיין פּוילן; קאָנפערענץ פון אידישע און ניט־אידישע אָרדנס צו באַקעמפן פּראָפּאַגאַנדע פון טאָטאַלי־טאַריזם און דיקטאַטור אין אַמעריקע; געשאַפן פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין 250,000 דאָלאַר; קאָמיטעט פאַר צוגרייטן אידישע פליער פאַר ארץ־ישראל; א״י שאַפט אַ שטאָטישן קיבוץ אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד; גרויסע אַקציע צו

העכערן פאַרזיכערונג פון מיטגלידער; ד״ר מ. ל. וויינריב נעמט איבער לייטונג פון סעמינאַר; מאיר בראַון ווערט סעקרעטאַר פון סעמינאַר; הילף פאַר דער ענציקלאָפּעדיע, איוואָ און ציקאָ; קורסן פאַר פאַרבאַנד־טוער אין סעמינאַר; מיטהילף ביים ווידערבאַניין „צוקונפט״; אַרויסגעגעבן ברענער־בוך דורכן ברענער בר. אין נ. י.; פייערונג פון 20 יאָר פאַרבאַנד־כאָר; חנוכת־הבית פון אייגן שול־הויז אין מאָנטרעאַל; אין קעמפּ „קינדערלאַנד״ געווען 524 קינדער אין זומער 1941.

געגרינדעט סירקין בר. 278 אין מאָנטרעאַל; יהואָש בר. 303 אין דענווער, קאָלאָראַדאָ; הירשביין בר. 311 אין סאַן פראַנציסקאָ; פּאַקעטבוק־אַרבעטער בר. 425 אין ניו־יאָרק; טשעכאָנאָוועצער יוגנט בר. 495 אין נ. י.; בראַנדייס בר. 532 אין שיקאַגאָ; ביאַליק בר. 559 אין מאָנטרעאַל; ענטין בר. 242 אין וואָטערבערי.

1942 — אַקציע פאַרן יונייטעד וואָר רעליף; אָנטייל אין אַקציע פון „דזשואיש וואָר עפאָרט״; באַשלוס ניט אָנטיילצונעמען אין קאָנפערענץ פון אידישער סעקציע פון ראַשען וואָר רעליף, דורכפירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַקציע פאַר רוסלאַנד; באַראַטונג וועגן שאַפן אַ איד.־נאַצ. אַרב.־פאַרבאַנד אין אַר־געענטינע און אין טשילי; אָנטייל אין אינטעראַמעריקאַנער אידישער קאָנפע־רענץ אין באַלטימאָר; אָנטייל אין אַקציע פון אידישן קאָנגרעס קעגן דיס־קרימינירן אידן און שוואַרצע אין מלחמה־אינדוסטריען; פייערונג 25 יאָר אידישער לעגיאָן; פייערונג פילאַדעלפיע 30 יאָר פאַרבאַנד; געעפנט פאַר־באַנד־אָפּטיילונגען אין אַ צאָל סאַנאַטאָריעס; רעפערענדום וועגן ענדערן ענגלישן נאָמען פון פאַרבאַנד; סעמינאַר אַריין אין נייעם הויז; אַקציע פאַר 100 טויזנט דאָלאַר פאַר בראַנדייס־קאָלאָניע; פּראָטעסט־אַקציע קעגן ענגלאַנד וועגן ענין „שטרומאַ״; געזאַמלט פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין 200 טויזנט דאָלאַר; פאַרבאַנד ציילט דעם 1טן יולי 17,646 מיטגלידער.

פייערונגען לכבוד פּינסקי׳ס 70־יעריקן יובל; אָנטייל אין יובל־קאָמיטעט פון זלמן שניאור; טור מיט פּיעסן פון פּרץ הירשביין; געשאַפן אַברהם סקלאַ־רין מתנות פאָנד ביי ניו־יאָרקער פאָלקס־שולן; באַשלוס צו רופן נאַציאָנאַלע דערציאונגס־קאָנפערענץ; דערשינען אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּרעסע פון י. י. שוואַרץ; דערשינען דאָס בוך פון ל. שפּיזמאַן, „די אידן פון נאַצי־פוילן״ מיט דער הילף פון פאַרבאַנד; געשאַפן צוויי מוסטער־שולן אין ניו־יאָרק; הילף פאַרן הויז־פאָנד פון ניו־יאָרק; געשטאָרבן שמואל סיגאַל, איינער פון די גרינדער פון פאַרבאַנד; דערשינען „נביאים״ פון חיים שויס; פאַרבאַנד־קאָנפערענץ באַשליסט צו פייערן אין 1943 30 יאָר פאַרבאַנד און פאַרגרע־סערן מיט 30 פּראָצענט די הכנסות פון די א״י־פאָנדן.

געגרינדעט באָגדאַנסקי בר. 268 אין שיקאַגאָ; ענטין בר. 242 אין וואָ־טערבערי; זאַריצקי בר. 371 אין פילאַדעלפיע; פאַראייניקט ברענטשעס 11 און 215 אין האַמילטאָן, קאַנאַדע; פאַראייניקט דרעסמאַכער בר. 22 מיטן מאַקס פיין בר. 230 אין נ. י.; געגרינדעט פּרץ הירשביין בר. 352 אין לאָס

אַנדזשעלעס; געגר. אַ ברענטש אין גרענד רעפּידס, מישיגען; דאַון־טאַון בר. 306 אין שיקאַגאָ; וויצמאַן בר. 355 אין לאָס אַנדזשעלעס; בר. 560; בר. 562.

1943 — באַוועגונגס־קאָנווענשאַן וועגן אידישער קאָנפערענץ; פּראָטעסט־אַקציע קעגן היטלער־שחיטות; הילף „אַמפּאַל"; וויצמאַן איז געוואָרן ערן־מיטגליד פון פאַרבאַנד; גרויסער וויצמאַן יום־טוב ווערבירט אין דעם צוזאַמענהאַנג 1,000 נייע מיטגלידער אין נ.י.; 81 אידישע שרייבער לאָזן אַרויס רוף פאַרן פאַרבאַנד; איבערגעשיקט סירקין־אַמבולאַנס פאַר דער רויטער אַרמיי אויפן נאָמען פון נחמן סירקין; דערשינען ערשטער נומער פון „גערדאַנק און לעבן", פערטל־יערלעכע צייטשריפט פון לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערזיטעט; באַנייט זשורנאַל „קינדער־וועלט"; ניו־יאָרקער פאַרבאַנד ברענטשעס זאַמלען 55 טויזנט דאָלאַר פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; טאָ־ראָנטאָ שיקט איבער 2 אַמבולאַנסן פאַר קופת חולים און פאַרן רויטן קרייץ אין רוסלאַנד; געשאַפן פאַרבאַנד־קאָלאָניע אין א"י „אַפעל"; אַקציע טאָג־פאַרדינסט פאַר די געטאָ־קעמפער, פאַרבאַנד געזאַמלט פאַר דעם צוועק 30 טויזנט דאָלאַר; קאָנפערענץ פון אידישן לערער־סעמינאַר איבער קולטור־און דערציאונגס־פּראָבלעמען; געשאַפן פאָנד פאַר מתנות צו סאָלדאַטן; אי־בערגעשיקט מעדיקעל יוניט אויפן נאָמען פון דוד פּינסקי קיין רוסלאַנד; אַקציע הילף יונייטעד ניישאָנס; זאַמלונג בראַנדייס־קאָלאָניע דערפאָלגרייך; דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען קעגן אידן־רדיפות אין אייראָפּע; קאָנפערענץ פון קופת חולים אין ארץ־ישראל באַגריסט פאַרבאַנד פאַר זיין טעטיקייט לטובת קופת חולים; קאָנפערענץ פון אידישע פאָלקס־שולן אין קאַנאַדע באַשליסט צווישן אַנדערע צו גרינדן אַ אידישן לערער־סעמינאַר אין קאַנאַדע מיט אַ 3־יעריקן קורס — 2 יאָר אין קאַנאַדע און דאָס דריטע יאָר אין ניו־יאָרקער לערער־סעמינאַר; קאַראַלניק און פּינסקי־שולן אין ניו־יאָרק קויפן אייגענע געביידעס.

פאַרבאַנד געשאַפן 275,000 דאָלאַר פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און 80 טויזנט דאָלאַר פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, סך־הכל פאַר פאַרשידענע פאָנדן העכער 600 טויזנט דאָלאַר; קרוב צוויי מיליאָן דאָלאַר וואַר באָנדס; קרוב 2 טויזנט זין פון חברים אין דער אַרמיי; וואָלן צו אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ; פייערונג פון 30 יאָר פאַרבאַנד, ספּעציעלע יובל־נומערן פון „טאָג" און „מאָרגן־זשורנאַל"; באַגריסונגען פון די וויכטיקסטע פירער פון דער הסתדרות, פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, פון פירנדע פערזענלעכקייטן אין אַמעריקע; איבערגעגעבן אַרמיי־באָמבער אין נאָמען פון פאַרבאַנד; אַקציע פאַר דענישע אידן; פּרעזענטירט דוד פּינסקין 72 גאָלדן בוך־איינשרייבונגען.

גרויסע פייערונג אין ארץ־ישראל לכבוד גרינדונג פון „אַפעל"; אַנגלאָ־באַלטישע חלוצים ווערן קאָלאָניזירט אויפן באָדן פון לעאָן בלום קאָלאָניע אין נעמי; באַזונדער געלט־קאַמפּיין פאַר שולן אין ניו־יאָרק; פלאַנצונג פון וואַלד אויפן נאָמען פון דוב אבערסאָן; געשאַפן פאַר פאַרבאַנד־קאָלאָניע

דורכן פֿאַרבאַנד און הבונים 139 טויזנט דאָלאַר אַנשטאָט די געפּלאַנטע 100 טויזנט דאָלאַר; פֿאַרבאַנד ציילט אין יולי 18,522 מיטגלידער.

געגרינדעט וויצמאַן בר. אין היוסטאָן, טעקסעס; וויצמאַן בר. אין קענטאָן, אָהייאָ; וויצמאַן בר. 510 אין שיקאַגאָ; פּינסקי בר. 296 אין מאָנטרעאָל; וויצמאַן ברענטשעס אין סאַסקאַטון און וואַנקוּווער און אין טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ; פּינסקי בר. 570.

1944 — געגרינדעט טרייד יוניאָן קאָמיטעט פֿאַר ארץ־ישׂראל; ניו־יאָרק פּייערט 50־יעריקן יובל פֿון חיים גרינבערג, עס ווערן אײַנסטאַלירט טויזנט נייע מיטגלידער; אידישער לערער־סעמינאַר פּייערט 25 יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ; פֿאַרהאַנדלונגען מיטן „הפּועל המזרחי" וועגן אַנשלוס אין פֿאַרבאַנד; אַקציע פֿאַרן „געטאָ־פֿאַנד", פֿאַרבאַנד געזאַמלט איבער 40 טויזנט דאָלאַר; 19טער אַפּריל — יאָרטאָג צו פּייערן דעם אָנדענק פֿון וואַרשעווער אויפֿשטאַנד; פֿאַרקויפֿט וואָר־באָנדס פֿאַר 2 מיליאָן דאָלאַר, וואָס גייט אויף בויען אַ ליבערטי שיף אויפֿן נאָמען פֿון נחמן סירקין; פֿאַרבאַנד ציילט דעם 1טן יולי 20,927 מיטגלידער; די אַלגעמיינע פֿאַרזיכערונגס־סומע באַטרעפֿט 8,165,193 דאָלאַר, דאָס פֿאַרמעגן פֿון פֿאַרבאַנד באַטרעפֿט 1,152,947 דאָלאַר.

אַקציע צו עפֿענען פֿרייע פּאָרטן פֿאַר פּליטים; אבא סילווער ווערט מיטגליד פֿון פֿאַרבאַנד; געקויפֿט פֿאַרבאַנד־הויז אין פֿילאַדעלפֿיע; אַקציע פֿאַר ווערדזשוואָוד קאָלאָניע פֿון נאַציאָנאַל פֿאַנד; גרויסער פּראָגרעס פֿון „הסנה" אין ארץ־ישׂראל; געזאַמלט פֿאַרן געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין 400 טויזנט דאָלאַר, פֿאַרן נאַציאָנאַל־פֿאַנד קרוב 200 טויזנט דאָלאַר, סך־הכּל געזאַמלט פֿאַר פֿאַרשידענע פֿאָנדן קרוב אַ מיליאָן דאָלאַר; באַשלאָסן גרינדן אַ פֿאַרבאַנד־פֿאַרלאַג און שאַפֿן צו דעם צוועק אַן „ענדאַומענט־פֿאַנד" פֿון 100 טויזנט דאָלאַר; פֿאַרבאַנד קאָנפֿערענץ באַשליסט צו אָרגאַניזירן אַ רייזענדן אוניווערזיטעט ביים סעמינאַר, רופֿן אַ צענטראַלע קולטור־קאָנפֿערענץ, קעמפֿן פֿאַר דעמאָקראַטישע קהילות, דעמאָקראַטיזירן דעם „דזשאָינט".

הכנות צו שאַפֿן אַ זעלבסטשטענדיקן הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר אייראָפּעאישע נויטן פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג; קולטור־הילף פֿאַר די פּליטים אין אָסוועגאָ; אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער די נ. סירקין שיף; באַזוך פֿון ל. סיגאַל אין מעקסיקאָ, הכנות צו גרינדן דאָרט אַ פֿאַרבאַנד; פּייערונג 30 יאָר אידישע פֿאָלק־שול אין מאָנטרעאָל; פּייערונג 40 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט פֿון זלמן שניאור; געשאַפֿן פֿאַרבאַנד פּרויען־דיוויזיע אין ניו־יאָרק פֿאַר אידישער דערציאונג און קולטור־טעטיקייט; פֿאַרבאַנד פֿאַרקויפֿט 2 מיליאָן דאָלאַר וואָר־באָנדס און דריי בי־29 באָמבערס ווערן גערופֿן אויף זיין נאָמען; ועד הפּועל פֿון הסתדרות גייט בויען אַן אינסטיטוציע אין ארץ־ישׂראל אויפֿן נאָמען פֿון שמואל סיגאַל; קופּת חולים בויט פּאַוויליאָן אין סאַנאַטאָריום אויפֿן נאָמען פֿון פֿאַרבאַנד פּרויען־קלוב נומ. 12, העמילטאָן, און פּרויען־קלוב נומ. 4, טאָראָנטאָ. פֿאַרבאַנד ציילט צום 1טן אָקטאָבער 22,873 מיטגלידער. געשטאָרבן ב. קאַצענעלסאָן.

געגרינדעט ווייצמאַן ברענטש אין פילאַדעלפיע; זעליג וואָלפּאָווסקי בר. 313 אין מאָנטרעאַל; בר. 292 אין קאַלגאַרי; בראַנדייס בר. אין פרעזנאָ, קאַל.; אַ פאַרמער־ברענטש אין בענטאָן האַרבאָר, מישיגען; אין ניו־אָרליענס; הערצל בר. 110 אין לאָס אַנדזשעלעס; ווייצמאַן בר. אין ניו־יאָרק; בר. 231 אין פּאַרמינגדעיל, נ. דזש.; אַ ברענטש אין דזשעקסאָנוויל, פלאָ.; ווייצמאַן בר. אין האָבאָקען, נ. דזש.; בר. 28 אין סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס.

1945 — אַקציע פאַר קאַצענעלסאָן־קאָלאָניע דורכן אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פון קרן־קימת; אין מאַי — אַרבעטער־ און פאָלקס־קאָנפערענץ, געשאַפן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־ און פאָלקס־קאָמיטעט פאַר הילף און רעטונגס־טעטיקייט; טעלעגראַמעס צו רוזוועלטן וועגן אויפנעמען ארץ־ישראל־פראַגע ביי טרע־פונג מיט טשוירטשיל און סטאַלין; הבונים־אינסטיטוט אין סעמינאַר; מיט־הילף וועטעראַנען ביים שאַפן זייער אָרגאַניזאַציע; פאַרבאַנד־פאַרלאַג הייסט „דזשואיש נעשאַנאַל בוק פאַונדיישאַן״; געשיקט שריפט קיין בעלגיע און פראַנקרייך אויף אַרויסגעבן צייטונגען; לערער־קאָנפערענץ אין „אונזער קעמפּ״; פייערונג 70 יאָר יואל ענטין; יאָרצייט־פייערונגען 30 יאָר נאָכן טויט פון י. ל. פּרץ; אַקציע צו שיקן ביכער קיין אייראָפּע; פאַרשטאַרקטע טעטיקייט פון אידישן פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנקרייך; אין 1944 האָט דער פאַרבאַנד אַריינגענומען נייע 4,206 מיטגלידער; אין 1943 — 4,087, אין די מלחמה־יאָרן 1939—1944 האָט זיך די צאָל גוטשטייענדע מיטגלידער פאַרגרעסערט מיט 9,212 פּערזאָן.

פייערונג לכבוד 18 יאָר פון לואי סיגאַל׳ס פאַרבינדונג מיטן פאַרבאַנד און זיין 50־יעריקער יובל; יוסף שלאָסבערג איז געוואָרן 70 יאָר; „שיכון״ איבערגעגעבן „אָפּעל״ 220 דונאַם באָדן צווישן גבעת רמבם און כפר אז״ר פאַר 200 משפחות; אַקציע טאָראָנטאָ פאַר הויז טאָג־שול; ס׳ווערט געשאַפן אַ ווייצמאַן סקאָלערשיפּ פאַר סטודענטן פון אַמעריקע, וואָס זעצן פאָר זייערע לימודים אין ווייצמאַן־אינסטיטוט אין ארץ־ישראל; באַמיאונגען צו באַפרייען פּליטים אין אָסוועגאָ; פלאַן פון מ. מ. ראָזענבוים צו שאַפן אַ בית־הזכרון אויפן נאָמען פון פאַרבאַנד אין נען; זיצונג מיט בן־גוריון וועגן אַן אַקציע אויף שאַפן אַ לערן־אינסטיטוט אין ארץ־ישראל אויפן נאָמען פון בערל קאַצענעלסאָן; 40 יאָר פּועלי־ציון; 20 יאָר פּיאָנערן־פרויען; אַקציע פאַר אַריינציען אין פאַרבאַנד געקומענע פון דער אַרמיי; ס׳ווערן געשאַפן פרויען־אָפּטיילונגען אין די ברענטשעס; באַשטימט אַ סומע פאַר בעסטע עסייען, וואָס סטודענטן אין קאַלעדזשעס וועלן אָנשרייבן אויף אידישע טעמען; גע־זאַמלט פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין 500 טויזנט דאָלאַר, פאַרן קרן קימת קרוב 250 טויזנט דאָלאַר; געשטאָרבן א. גאָלאָמב.

שול־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק באַשליסט שאַפן טאָג־שול; הכנות צו בויען אַ פאַרבאַנד־הויז אין ניו־יאָרק; קאָנצערט־טור אין 60 שטעט; הכנות צו גרינדן אַ טאָג־שול אין לאָס אַנדזשעלעס.

געגרינדעט ווייצמאַן ברענטש אין אוקלענד, קאַל.; בענדזשאַמין וויג־טער בר. אין ניו־יאָרק; ברענטש אין סיאַטעל, וואַשינגטאָן; אין לאָנדאָן, אָנט.;

רוזוועלט בר. 299 אין שיקאַגאָ; ענגליש־רעדנדער בר. 537 אין נוארק; צווייי
נייע בר. אין באַפאַלאָ; בר. 190 אין פיטסבורג; ענגליש־רעדנדער ברענטש
אין סענט לואיס; נייער ברענטש אין לאָס אַנדזשעלעס; מאַסליאַנסקי בר.
171 אין מאָנטרעאַל; ה. סיימאָן בר. אין שיקאַגאָ; בר. 152 אין ווײַנפעלד.

1946 — באַזוך פון לואי סיגאַל אין אייראָפּע, ביים געזעגענונגס־אָוונט געשאַפן
25 טויזנט דאָלאַר פאַר אייראָפּעאישע נויטן; לואי סיגאַל געערט מיט 200
סערטיפיקאַטן אין גאָלדענעם בוך פון קרן קימת לישראל; געלונגענע אַקציע
פאַר דערוואַרבן „פאַטערס” פון קינדער אין אייראָפּע; לערער־סעמינאַר
פאַרשטאַרקט טעטיקייט, עפנט ארץ־ישראל שטודיר־צימער און אַ צימער
„אַמעריקאַנאַ־יודייאיקאַ”; הכנות אַרויסצוגעבן פּינסקי־שריפטן; קאָלאָניע
„אַפּעל” בויט ערשטע 72 הייזער, שאַפן און עפנטלעכע אינסטיטוציעס,
הסתדרות אינוועסטירט אין איר 250,000 דאָלאַר פון די געלטער פון גע־
ווערקשאַפטן־קאַמפּיין; קולטור־באַראַטונג פון אידישע שרייבער.